This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

10

1971

היימלאַנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כודעש-זשורנאַל

ארגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון ססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

10

אָקטיאַבער

1971

БИБЛИОТЕКА
Дома еврейской книги
ЭКЗЕМПЛЯР
ВЫДАЧЕ НЕ ПОДЛЕЖИТ

אינהאַלט

זײַט

טעוויע גען. אין גוטן מוט (דערציילונגען). צייכענונ־
גען פון ה. פערקעל 3

דאַוויד בראַמבערג. פונעם בוך „עלטער אַף א יאָר“
(לידער) 28

יעכיעל פאַליקמאַן. דער אורטייל איז אויסגעפילט
(ראָמאַן. ערשטער טייל) 32

מאָטל גרוביאַן. אונטערן רעגנבויגן (לידער) . . . 84

ריווקע רובין. ווען די ייִנגלעך זײַנען אויסגעוואַקסן
(דערציילונג). צייכענונגען פון וו. עלקאַני 87

ייִסראָעל סערעבריאַני. געקומען פון די פראָנטן... 147

אווראָם שויכעט. פון געפאַנג. — „וואָס איז איצט
מײַן באַדאָרף...“ (לידער) 148

מענדל ליפשיץ. מאַכשאָוועס (לידער) 150

מאָטל שטורמאַן. אין אומרו פון טאָג (לידער) . . 152

יאַשע רוביאַן. מאָנאָלאָגן 153

מישע מאָגילעוויטש. נעם דאָס פידל אין די הענט...
(לידער) 159

מיר ענטפערן אַף פראַגעס פון אונדזערע לייענער.
ר. שפילמאַן. א פאַלשע טעאָריע 161

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע 162

די דעזערטירן פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור 164

זיכרוינעס. מ. שאַך־אַנין. אַף מײַן לעבנס־וועג . . . 167

אונדזערע מיטיילונגען. ה. אַלעקסאַנדראָוו. פראָפע־
סאָר פ. א. בעזסאָנאָוו — מענדעלעס קאָרעספּאָנדענט;
י. קאָוועלמאַן. פּושקין און די העבראַיִסטיק . . 172

כראָניק 149, 171, 177

פאַרשיידנס 178

ביבליִאָגראַפיע. ווערק אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ פאַרן פּע־
ריִאָד יול־אווגוסט 1961 — יול 1971. צונויפגעשטעלט
א. פינקעלשטיין 180

גאָטיצן אַפן קאַלענדאַר 188

לאָמיר זינגען נײַע לידער. א טפילע. ווערטער פון אַרן ווער־
געליס, מוזיק פון זינאָווי קאָמפּאַנייעץ 189

מוישע שאַפּיראָ. שמועסן וועגן ייִדישער שפּראַך . 191

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

אי. באָרוכאָוויטש,
א. גאָנטאַר, נאָטע לוריע,
מ. לעוו (פּאַראַנטוו. סעקרעטאַר),
ב. מילער, י. פאַליקמאַן,
ס. פריִ, י. ראַבין, ר. רובין.

טעוויע גען

אין גוטן מוט

(דערציילונגען)

אזא געשיכטע

ווי אומבאקוועמקייַט פון ווינען הינטער דער שטאָט האָט דער אכט־און־צוואַנציקיאָ־ריקער אינזשעניער ליאָווע ווישנעוועצקי דערפילט באזונדערס שטאַרק, ווען ער איז מיט מאַזל געוואָרן א כאָסן. די קאַלע, א שיין און געבילדעט מיידל, א יונגע לערערן פון מאַטעמאַטיק, וואָס אין שול רופט מען זי פרידע באָריסאָוונע, בא טאַטע־מאַמע הייסט זי פריידל, און בא אים, באַם כאָסן, איז זי פריידעלע, פרידעטשקע, לעבט אין מאָסקווע, דרייַסיק קילאָמעטער פון אים. אַלע טאָג פאָרט ליאָווע זיך זען מיט פריידעלען, און די ראַנדעוווּען זייַנען זיס, ווי האָניק, מע גייט אין קינאָ, מע שפּאַצירט אין פּאַרק, מע זיצט ארומגענומען, מע קושט זיך, מע דערציילט זיך מייַסעס, מע פּלאַנירט דאָס קינפטיקע געמיינזאַמע לעבן, און יעדער מאָל דערמאָנט מען מיט א פאַריבל און א פאַרדראָס דעם זאַגס, וואָס פאַרעגיסטרירט ניט די פאָרלעך גלייַך, ווי זיי גיבן אָן א מעלדונג וועגן הייראַטן, נאָר הייסט וואָכנלאַנג וואַרטן, טאָמער וועט כאָסן־קאַלע איבערקלערן, זיך אומקוקן און אָפּנעמען די מעלדונג אָפּ צוריק. אזא ווילדקייַט, אזא מעשונעדיקע האַשאָרע! ער, ליאָווע, און זי, פריידעלע, וועלן איבערקלערן!

די שאָען, וואָס מע איז צוזאַמען, לויפן ווי מינוטן, ס׳ווילט זיך ניט צעשיידן, ווי ס׳ווילט זיך ניט שיידן מיטן לעבן. ווען ניט די קומענדיקע שווער און שוויגער, פרידעס עלטערן, און ווען גופע זי, פריידל, וואָלט ניט געווען קיין לערערן, א מענטש, וואָס דאַרף באַזונדערס שטרענג אָפּהיטן געוויסע עטישע און מאָראַלישע פּרינציפּן, וואָלטן זיי שוין איצט זיך ניט צעשיידט, ער וואָלט געבליבן נעכטיקן בא איר אָנעם קוויטל פונעם זאַגס. די וויפלטע נאַכט קערט ליאָווע זיך אום אהיים מיט דער לעצטער בייַשטאָטישער באַן, שלעפּט זיך איבערן פּוסטן, שוואַך־באַלויכטענעם הינטער־שטאָטישן יישעוו צו זייַן שטוב, צו זייַן באָכערישן צימער מיט די הילצערנע ניט־געטינקעוועטע ווענט. אליין דער וועג פאַרנעמט צוויי שאָ, און א פּאָר מאָל האָט שוין אויך געטראָפן, ווי מע זינגט אינעם לידל:

Опять от меня сбежала
Последняя электричка.
И я по шпалам, иду по шпалам
Домой по привычке[1].

---

[1] ווידער איז פון מיר אנטלאָפן די לעצטע עלעקטראָ־באַן, און איבער די שפּאַלעס, איבער די שפּאַלעס, אהיים, ווי געוויינלעך, איך שפּאַן (רוס.).

איבער די שפּאַלעס גייט ער ניט, ס׳איז ווײַט צו גיין, ער זעצט זיך אוועק אױפֿן וואָקזאַל אױף א באַנק און דרעמלט, האַלטנדיק דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט אױף דער ברוסט, אײַנהערנדיק זיך, ווי עס קלאַפּט גליקלעך און מידלעך זײַן כּאָסנבאָכעריש האַרץ.

א ניט־אויסגעשלאָפֿענער, א פֿאַרכאַלעמטער, לויפֿט ער אינדערפֿרי אױף דער אַרבעט, און די אַרבעט קלעפּט זיך ניט, ער מאַכט טאָעסן. „וואָס איז דאָס מיט אײַך געוואָרן, ליבער כאַווער ווישנעוועצקי, — האָט אַנומלטן דער שעף אים געמאַכט א באַמערקונג, — נעכטן האָט איר א טאָעס געהאַט אין דיִאַמעטער, ניט ריכטיק אויסגערעכנט, הײַנט האָט איר פֿאַרגעסן צוגעבן דעם קאָעפֿיציִענט. ס׳איז עפּעס גאָר ניט ענלעך אױף אײַך...”

■

נאָר אָט זײַנען שוין דורך די לאַנגע וואָכן וואַרטעניש, איצט פֿאָרט ער אױף שטענדיק צו פֿריידעלען, ער האָט זיך שוין געזעגנט מיט זײַן וווינונג אינעם ווײַט־פֿאַרוקטן דאָרפֿישן געסל, ער ווערט א מאָסקווער. הײַנט איז די כאַסענע.

א האַלבע טוץ אַווטאָמאָבילן, און, געוויינלעך, אין דער ערשטער מאַשין, א באַצירטער מיט בלומען, — ער מיט פֿריידעלען, — וועלן אין דער אָנגעמערקטער צײַט, דרײַ אַזייגער באַטאָג, צופֿאָרן צום פּאַלאַץ, ווו עס קומען פֿאָר די כאַסענע־צערעמאָניעס; צוזאַמען מיט די מעכוטאָנים, מעכוטענעסטעס, איידעס, גוטעפֿרײַנט וועט מען דאָרטן נעמען צו גלעזלעך שאַמפּאַניער, אויסהערן דעם גוטן ווונטש פֿון דער רעגיסטראַטאָרשע פֿונעם זאַגס, אַז מע זאָל לעבן בעשאָלעם און זיך עלטערן אין פֿריידן, און דאַן, נאָך דער אָפֿיציִעלער סימכע, וועט מען אוועקפֿאָרן אַהיים, צו איר, צו פֿריידעלען, אין שטוב, אױף דער עמעסער כאַסענע מיטן שיין־געגרייטן טיש, מיט די פֿריילעכע טאָסטן, שפּרודלדיקע זאַפּטיקע ווינטשעוואַניעס...

אינדערעמעסן טאַקע, איז דען פֿאַראַן א גרעסערע סימכע פֿון א כאַסענע? אױף אַלע לעשוינעס קלינגט דאָס וואָרט כאַסענע ווי אַן אָנזאָג נאָר אױף גוטס, ווי א שיינע ליכטיקע בסורע־טויווע. איז נאָך פֿאַראַן אױף דער וועלט א בעסערע ווינטשעוואַניע, ווי „מיר זאָלן דערלעבן טאַנצן אױף אײַער זונס (טאָכטערס) כאַסענע”? איז דען פֿאַראַן א מער צויבערנדיק וואָרט, וואָס זאָל אַזוי צווינגען האַסטיקער לויפֿן דאָס בלוט אין די אָדערן, אופֿוועקן אַזויפֿיל האָפֿענונגען, אַזויפֿיל באַשטראַלטע און באַקיינטע פֿרייד בא יונגע מענטשן, וואָס הייבן ערשט אָן בויען זייער לעבן, און בא עלטערע מענטשן — אַזויפֿיל זיסע דערמאָנונגען, אָנגענעמע איבערלעבונגען? עס מאַכט ניט אויס, וואָס דערנאָך איז עפּשער ניט אַלץ אַזוי געווען, ווי מע האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, עס איז ניט שטענדיק געגאַנגען גלאַט, עפּעס האָט זיך ניט געפֿייגלט... די לעוואָנע איז אויך ניט שטענדיק פֿול־קײַלעכיק, ניט שטענדיק לײַכט זי, אַמאָל איז זי פֿאַרטונקלט און פֿאַרשאַרפֿט, ווי א סערפּ...

אינעם וואַגאָן פֿונעם בײַשטאָטישן צוג, אין וועלכן ליאָווע איז איצט געפֿאָרן צו דער כאַסענע, זײַנען געווען ניט קיין סאַך פּאַסאַזשירן. דער פֿרימאָרגנדיקער געדיכטער מענטשןשטראָם, בייס אַלע אײַלן אין איין און דער זעלבער שאָ אױף דער אַרבעט, האָט שוין אָפּגעפֿלייצט, עס איז געווען דאָס שטילע שטיקל צײַט, ווען צו מיטיק איז נאָך פֿרי, און דער פֿרישטיק איז שוין אַדורך. אינעם האַלב־ליידיקן וואַגאָן זײַנען די פּאַסאַזשירן בעהאַרכאָוועדיק געזעסן אױף די בענק — איינער אָדער צוויי אױף א באַנק. ווער עס האָט געלייענט, ווער עס האָט געקוקט אין פֿענצטער, ווער עס האָט געהאַלטן די אויגן צוגעמאַכט און קעמוי ווי געדרעמלט. אין דרויסן איז געווען האַרבסט, אָבער נאָך ניט טיפֿער האַרבסט, די זון האָט נאָך גוט געוואַרעמט, און די ביימער זײַנען נאָך געווען גרין. עמעס, ווען עס האָט געגעבן א בלאָז א שטאַרקערער ווינט, האָבן די בלעטער גרינג געלאָזט זיך אַראָפּרײַסן, אַזוי ווי זיי וואָלטן שוין געוואַרט אױף דעם און אַליין פֿאַרלאַנגט א פֿלי טאָן, א קרײַז טאָן אינדערלופֿטן און אױף אייביק אײַנגעטראָטן ווערן אין דער מאַמעניר־ערד.

ליאָווע איז געזעסן איינער אַליין אױף א באַנק, איין פֿוס פֿאַרוואָרפֿן אױפֿן צווייטן, און געשמייכלט צו זיך אַליין. אַזוי ווי א שטיקל פֿוטער אױף אַן אָנגעגליטער פֿאַן, האָט דער נאַרישער גליקלעכער שמייכל זיך געגליטשט בא אים פֿון די דינע ראַנדן פֿון די ליפּן און זיך צערונען איבער די ברייטלעכע באַקן, איבערן גאַנצן פּאָנעם, דערגרייכט ביז צו די אויערן, וואָס האָבן אויך געשײַנט.

זײַן אױף א כאַסענע איז שוין א גרויסער טײַנוג, הײַנט אױף דער אייגענער! ביפֿראַט, ווען מע איז נאָך ניט אַזוי אַלט, קאָרעוו צו דרײַסיק, און מע האָט שוין היפּשלעך באַוויזן אין לעבן — פֿאַרענדיקן אַן אינסטיטוט, זײַן דרײַ יאָר א פּאָשעטער אינזשעניער, ווערן אַן אינזשעניער אַן עלטערער. און דאָס געזונט איז אויך נישקאָשע, האַלעווײַ אױף ווײַטער ניט ער־

גער. עס האָט נאָר געפעלט א היימיש ווינקל, א געליבטע פרוי, — איז אָט, פון הײַנט אָן ווערט ער א פאמיליען־מענטש, מיט אַן אייגן ווײַב, אַן אייגענער דירע, אַן אייגענע שוויגער...

דער כאָסנבאָכער האָט, אפאָנעם, געוואָלט, אז צוזאמען מיט אים זאָל שמייכלען און זיך פרייען דער גאנצער וואגאָן. אנטקעגן אים איז געזעסן א יונג מיידל אין א העל־גרינעם קורצן מאנטל און אין נאָך א קירצער קליידל. אַף די קני איז בא איר געלעגן א ווײַס בײַטעלע, וואָס האָט א ביסל פארשטעלט די פיס־נאקעטקײַט. דאָס מיידל האָט געלייענט זייער אָן ערנסטן בוך — „סטאָמאטאָלאָגיע", געקנייטשט דעם גלאטן ראָזעוון שטערן איבער א בלעטל, ווי ס'איז אָנגעצייכנט געווען א ציין־קאסטן. פון יעדן צאָן האָט זיך געצויגן א לאנגער ווײַזער מיט א קליינינקער ציפער צום סאָף. „זי האלט נאָך גאָר פון פאָרנט, אָקאָרשט אָנגעקומען אפן ערשטן קורס", — האָט ליאָווע א טראכט געטאָן, און ס'איז אים געוואָרן א ראכמאָנעס אפן מיידל: דאָס גאנצע ביסל יונגע יאָרן וועט א מענטש שטודירן ציינוויסנשאַפט און אז זי וועט קריגן דעם דיפּלאָם, — דאָס גאנצע לעבן דרעלעווען און רײַסן ציינער... א קנאפער פארגעניגן! ער האָט באַשלאָסן פארווײַלן די שכיינע זײַנע כאָטשבי מיט אַן אלטן וויץ, וועלכן זי האָט נאָך, מעגלעך, ניט געהערט.

— כ'וועל אײַך אַף א רעגע אָפּווענדן, — האָט ער געגעבן אַן איידעלן הוסט און זיך אָנגעבויגן צום מיידל, — איר האָט עפשער געהערט אזא קלאָלע: אלע ציין זאָלן ארויספאלן און עס זאָל בלײַבן נאָר איין צאָן אַף ציינווייטעק...

דער עפעקט פונעם וויץ איז געווען פונקט דער הייפעך פון דעם, אַף וואָס ליאָווע האָט זיך גערעכנט. דאָס מיידל האָט זיך גאָר דערפילט באַליידיקט, א בלינצל געטאָן אַף אים פארווונדערט און בארויגעזדיק מיט די אונטערגעפארבטע אויגן, די שיינע רויטע ליפּן האָבן זיך פארקרימט, און ס'האָט געפעלט א האָר, אז זיי זאָלן זיך עפענען און ארויסברענגען דאָס וואָרט „נאכאל". זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום פענצטער און ווידער זיך פארטיפט אינעם בוך.

„א נאַריש מיידל, זי מיינט, אז איך דערשאַץ ניט סטאָמאטאָלאָגיע. אָבער אזוי באקומט זיך שוין בא מיר, פון מײַנע וויצן באַליידיקט מען זיך..." — האָט ליאָווע זיך אליין ניט געשאָנעוועט.

זיצנדיק אנטקעגן דער קינפּטיקער ציינדאָקטערשע, וואָס קוקט ערנסט און פארטיפט אין איר גראָבן בוך, — האָט ליאָווע אויך געפרוווט ארופציִען אָן ערנסטקײַט אפן פּאָנעם, פארטרײַבן דעם צו גליקלעכן שמייכל, וואָס פאסט ניט אפילע פאַר א כאָסנבאָכער. ער האָט געגעבן א קלער, אז איצט, דאָ, אינעם שטילן וואגאָן, ווען ער איז אליין מיט זיך, אין אזא טאָג, ווי הײַנט, א מינוט פאַר דער כאַסענע, שאדט אים ניט צו מאכן א שטיקל כעזשבן־האנעפעש. א קוק טאָן אַף זיך פון דער זײַט: וואָס איז ער און ווער איז ער, וואָס פארא מײַלעס און וואָס פארא כעסרוינעס האָט ער.

אָנהייבן פון די מײַלעס — ס'איז גרינגער. ער האָט זיי בעפּיירעש, און מע קאָן זיי בא אים ניט אָפּנעמען. ער איז א פּײַקער, פארמאָגט א קאָפּ אַף די פּלייצעס; ער איז אַן ארבעטזאַמער, ער קאָן ארבעטן פּופּצן שאָ אין א מעסלעס; ער איז א גוטער שאכמאטיסט; ער איז א שארפזיניקער, א וויצנזאָגער. נאראָנים נעמען ניט אוף זײַנע וויצן און באַליידיקן זיך, ווי דאָס האָט איצט געטראָפן מיטן מיידל, וועלכע זיצט אנטקעגן, נאָר קלוגע מענטשן, וואָס פארשטייען א כאָכמע, לעקן די פינגער.

ליאָווע האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן אינעם הארטן ווענטל פון דער באנק, פארמאכט די אויגן, ווידער זיי געעפנט, א קוק געטאָן ארום זיך, אײַנגעהערט זיך צום קלאַפּן פון די רעדער — זייער א גלײַכגילטיק קלאַפּערײַ. ס'דוכט, די רעדער קלאַפּן אויס: אונדז גייט לאכלוטן ניט אָן, וועגן וואָס א מענטש טראכט, פאַרנדיק אין צוג. זאָל מען טראכטן וועגן וואָס מע וויל. אדעראבע, געזונטערהייט!

„א פעקל כעסרוינעס האָב איך אויך", — איז ליאָווע ערלעך זיך מיסוואַדע פאַר זיך אליין. ער איז ניט קיין קאָמפּאנייסקער מענטש, אפן לעבן זיך ניט פארגונען אויסצוגעבן מער ווי א דרײַערל אַף א הוליע טאָן מיט כאַווײרים בעשוטפעס... נאָר עפשער איז דאָס גאָר ניט קיין כיסאָרן. דערפאַר האָט ער א ביסל אָפּגעשפּאָרט געלט, קומט צו דער כאַסענע ניט מיט קיין ליידיקער קעשענע. אָבער אז ער איז קאַרג — דאָס איז עמעס. ווען ער דאַרף ארויסנעמען געלט פונעם טײַסטער, שווינדלט אים דער קאָפּ. א כאַווער איז ער אויך ניט קיין גוטער. אַף דער ארבעט ווייסט מען וועגן דעם, און זעלטן־ווען טרעפט, אז עמעצער ווענדט זיך צו אים, ער זאָל אין עפּעס ארויסהעלפן. א נײַער מיטארבעטער גייט צו פרעגן אַן אייצע, ענטפערט ער אים קאַלט, ער האָט פײַנט, ווען מע רײַסט אים אָפּ פון זײַן אייגענער זאַך, יענער דערזעט עס גלײַך און קומט שוין מער ניט... קיין העלד איז ער אוואַדע ניט, גאָר ווײַט פון דעם, — האָט ליאָווע טרײַ פאַרגעזעצט דאָס צעטל כעסרוינעס זײַנע. — ווען ער דערזעט א געטומל אַף

דער גאַס, דערהערט אַ געשריי, פֿאַרנעמט ער זיך אויפֿן אַנדערן טראָטואַר אָדער פֿאַרקערעוועט אַינגאַנצן אויף צוריק. אויפֿן לעבן האָט ער פֿאַר קיינעם זיך ניט אײַנגעשטעלט.

ליאָווע האָט ווידעראַמאָל אַ קוק געטאָן אַרום זיך, ווי ער וואָלט מוירע געהאַט, אַז עמע־צער הערט אונטער זײַנע געדאַנקען. ווען מע איז אַלט אַכט און צוואַנציק יאָר, איז שוין שפּעט־לעך איבערצובערכן דעם כאַראַקטער, ווערן אַן אַנדערער, אָבער אויף איין טאָג, אויף הײַנט, אויף הײַנטיקן שענסטן, ליכטיקסטן, פֿריידיקסטן טאָג זײַנעם, וואָלט ער געוואָלט אַרופּציִען אויף זיך אַ נײַע הויט, אַרײַנשטעלן אין ברוסטקאַסטן אַן אַנדער האַרץ — אַ גוטס, אַ גאָלדנס, וואָס רופֿט זיך אָפּ אויף יעדן רוף, אויף יעדער ביטע באַהילפֿיק צו זײַן... עס זאָל איצט, לעמאָשל, אַרײַנקומען פּלוצעם אין וואַגאָן אַ שיקער און נעמען צושטיין צו אַ מיידל אָדער צו אַן אַלטן מאַן, דאַן וואָלט ער, ליאָווע, דער ערשטער זיך אויפֿגעהויבן אַנטקעגן אים און אים באַוויזן דעם כוליגאַן... אָדער... מאַלע וואָס עס קען טרעפֿן אין וועג, ווען אַ מענטש, אַן עמעסער מענטש, דאַרף אַרויסווײַזן ברייטהאַרציקייט, מוטיקייט, אַפֿילע גרייטקייט זיך מאַקריוו צו זײַן.

אָבער אין וואַגאָן איז געווען שטיל, רויִק, די רעדער האָבן געקלאַפּט און אײַנגעוויגט אין געמיטלעכער רויִקייט. קיין כוליגאַן האָט זיך ניט אַרײַנגעריסן, די פּאַסאַזשירן האָבן זיך גע־פֿילט גוט, קיינער האָט זיך ניט גענייטיקט אין הילף. אַ קליינע אויפֿרודערונג איז בלויז פֿאָר־געקומען, ווען עס האָבן זיך באַוויזן צווי רעוויזאָרן, אַ מאַנצבל מיט אַ פֿרוי. זיי זײַנען גע־גאַנגען איינער אַנטקעגן אַנדערן פֿון ביידע עקן וואַגאָן. דער אוילעם האָט באַצײַטנס גענומען טאַפּן באַ זיך אין די קעשענעס, אַרויסנעמען די בילעטן, די להאָטנע סעזאָנקעס. צווי ייִנגלעך, עלף־צוועלפֿיאָריקע כעווררעלײַט, וועלכע האָבן, ווײַזט אויס, דאָס געלט, וואָס די מאַמע האָט זיי געגעבן אויף קויפֿן בילעטן, פֿאַרנוצט אויף מאָראָזשענע, האָבן איצט, ווישנדיק די טרייפֿע זיסע ליפּלעך, פֿײַל־אויסן־בויגן געלאָזט זיך לויפֿן. אָבער ניט אין דער ריכטונג, פֿונוואַנען עס איז געגאַנגען די פֿרוי, די רעוויזאָרשע, אַן אַרײַנגעפּרעסטע אין איר בלויער געוואַנטענער אײַזנ־באַן־אוניפֿאָרם, ווי אין אַ פּאַנצער, אַ שטרענגע און הארבע, ווי דאָס געזעץ אַליין. די קונדיי־סים האָבן שוין געוווּסט, אַז פֿון איר איז ניט גרינג זיך אויסצודרייען. זיי זײַנען געלאָפֿן אין געפֿאַנגענשאַפֿט צום מאַנצבל, וואָס האָט געשפּאַנט פֿון דער אַנטקעגנדיקער טיר. ער זעט אויס צו זײַן אַ סאַך אַ ווייכערער. אַלט איז ער אַ יאָר פֿופֿציק. אויף זײַן לענגלעכן און בלאַסן פּאָנעם מיט די קישעלעך אונטער די אויגן איז אַזאַ מילדער אויסדרוק, ווי ער וואָלט זיך אַנטשולדיקט, וואָס ער איז אַרײַנגעקומען אין וואַגאָן און דאַרף באַאומרויִקן די פּאַסאַזשירן. דאָס צווענגל האַלט ער פֿאַרוקט אין פֿויסט, אַזוי, אַז מע זעט אַפֿילע ניט, מיט וואָס ער האַקט דורך די לע־כעלעך אין בילעט. די ייִנגלעך האָט ער איצט בלויז אויף אַ ווײַלע פֿאַרצאַמט דעם וועג און געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט, זיי זאָלן זיך גיכער אָפּטראָגן פֿון אים. בײַסמײַסע האָט ער אַ שולדיקלעכן קוק געטאָן אין דער זײַט פֿון דער רעוויזאָרשע, וועלכע האָט, געוויינלעך, טײַנעס צו אים, האַלעמײַ ער איז ווייכהאַרציק.

אויסער די צווי שנעקעס — העזלעך, איז אין וואַגאָן געווען נאָך אַ האָז, אַ דערוואַקסע־נער, ריכטיקער צו זאָגן, — אַ האָזיכע. און דאָס איז געווען דאַפֿקע ניט קיין אַנדערע, ווי דאָס מיידל, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן ליאָווען. זי האָט אַ זוך געטאָן דעם בילעט אין איר בײַטעלע, אַ מיש געגעבן די בלעטלעך פֿונעם לערנבוך, אָבער גאַנץ פֿוילבלעך, ווי נאָר פֿון יוצא וועגן. זי האָט אויפֿגעהויבן די אויגן צום רעוויזאָר און אַ פֿאַרויטלטע זיך מוידע געווען:

— איך האָב ניט קיין בילעט.

— ניט פֿײַן, — האָט דער רעוויזאָר אַ זיפֿץ געטאָן. — אויף אַלץ קלעקט געלט. אין מאַגאַ־זין קויפֿט מען פּראָדוקטן פֿאַר געלט, אין קינאָ, אין טעאַטער גייט מען פֿאַר געלט, אומעטום צאָלט מען, נאָר אין דער עלעקטריטשקע מעג מען פֿאָרן אומזיסט. אַזוי מיינט מען. איר זײַט אַ סטודענטקע?

„באַלד וועט ער זי נאָך פֿרעגן, וויאַזוי זי לערנט זיך און צי זי קריגט סטיפּענדיע, — האָט די רעוויזאָרשע, וואָס האָט באַוויזן צוקומען צו דער באַנק, איראָניש און מיט ביטל אַ טראַכט געטאָן וועגן איר קאָלעגע, — אַז דער וואַגאָן איז גאָר פֿאַר אים אַ קלאַס, וווּ מע דאַרף פֿירן אַן אַרבעט מיט אומדיסציפּלינירטע שילער, דערציִען, איבערדערציִען, מוסערן“.

— באַצאָלט שטראָף, — האָט זי קורץ און שאַרף זיך געווענדט צום מיידל.

— איך האָב ניט קיין געלט.

— אויב אַזוי, וועט איר שפּעטער באַצאָלן אין דרײַ מאָל מער, — זי האָט אַרויסגענומען איר קוויטאַנציע־ביכל, — ביטע, אײַער פּאַס אָדער אַן אַנדער צײַגעניש.

— איך האָב זיי ניט באַ זיך.

— אויב אַזוי, קומט מיט אונדז!

דאָס מיידל האָט זיך ניט גערירט פֿון אָרט, נאָר מע האָט זיך געקאָנט מעשאער זײַן, אַז

די זיצעניש קאָסט איר ניט ווינציק געזונט. דאָס פּאָנעם איז געווען רויט, די אויגן — אָט־אָט וועלן זיי ווערן פֿײַכט, און ס׳וועט נאָך אויך א ריין טאָן דאָס בידנע ביסל פארב, מיט וועלכער זיי זײַנען אונטערגעפּירט. מיט די הענט האָט זי אלץ מער צונויפגענומען די פּאָלעס פונעם קורצן מאַנטעלע, פונקט ווי די אנטבלויזטע קני וואָלטן געקאָנט ברענגען נאָך עפּעס אן אומגעריכטן אומגליק.

— איז הייבט זשע זיך אוף פון אָרט! — האָט די רעוויזאָרשע באפוילן מיט דער גאנצער הארבקײַט, אף וועלכער זי האָט רעכט. — צי איר ווילט עפּשער, מע זאָל רופן א מיליציאָנער?

אין דער זעלבער רעגע, ווען עס זײַנען ארויסגעבראַכט געוואָרן די דאָזיקע ווערטער, האָט ליאָווע זיך אָנגעבויגן צום דיל, ארויסגעלאָזט פון דער האנט זײַן בילעט, אים אופגעהויבן און ארײַנגעלייגט דאָס געווונטשענע קארטאָנדל אין די מיידלשע הענט.

— אָט איז ער דאָך, אײַער בילעט... איר האָט אים פארלאָרן.

דאָס מיידל האָט אופגעלעבט, און נאָך פריילעכער איז געוואָרן דער רעוויזאָר, ער האָט שוין געוואָלט גיין ווײַטער, נאָר די רעוויזאָרשע האָט זיך ניט געאײַלט אוועקצוגיין.

— איצט, ביטע, ווײַזט אײַער בילעט, — האָט זי זיך געווענדט צו ליאָווען, און לויטן קאָל און לויט דער מינע אף איר פּאָנעם איז געווען צו זען, אז קיין איין פּאסאזשיר, וואָס פארא קונצן ער זאָל ניט מאכן, האָט זיך נאָך פון איר קיינמאָל ניט ארויסגעדרייט.

דער כאָסנבאָכער האָט בימכילע געמוזט זיך אופהייבן פון זײַן אָרט, און באגלייט דורכן גוטן רעוויזאָר פון פאָרנט און דער בייזער רעוויזאָרשע פון הינטן, זיך געלאָזט פירן אהין, ווו זיי האָבן אים געפירט. ער האָט אָבער אזוי צופרידן, אָנפארטרוילעך און גליקלעך געשמייכלט, אויסקערעווענדיק יעדן מאָל דאָס שײַנענדיקע פּאָנעם צו דער פרוי, זײַן באגלייטערן פון הינטן, אז בא יענער האָט אפן הארטהויטיקן שטרענגן פּאָנעם אויך זיך באוויזן עפּעס ענלעכס אף אן אויסדרוק פון גוטסקײַט. קיין סאך צײַט האָט זי אים ניט געמאטערט, אף דער נאָענטסטער קליינינקער סטאנציע, ווו דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אף א פערטל מינוט, האָט זי אים באוויזן אף דער אָפענער טיר.

— לויפט און קויפט א בילעט און גיט אים מער קיינעם ניט אָפּ!

ליאָווע איז ארויסגעשפרונגען אף דער פּלאטפאָרמע, און גלײַך האָבן די וואגאָן־טירן אווטאָמאטיש זיך צוזאמענגעשלאָסן. עס האָט דורכגעשווינדלט פארבײַ אים אין א פענצטער דאָס פענעמל פונעם מיידל, אנטקעגן וועלכער ער איז געזעסן, זי האָט ניט געלייענט, אירע אויגן האָבן מיט דאנקבארקײַט א פינקל געטאָן אף אים דורך דער זוניקער שויב און זײַנען פארשוווּנדן.

אָט האָסטו דיר גאָר אזא כאסענע! ליאָווע האָט גענומען שפּאנען איבער די בעטאָנענע פּליטעס, מיט וועלכע מע האָט ניט לאנג צוריק פארביטן די הילצערנע ברעטער פון דער פּלאטפאָרמע. אין די פּליטעס האָבן געשטעקט אײַזערנע האָקנס, וואָס מע האָט נאָך ניט באוויזן צו פארקלאפּן, און ליאָווע האָט טייקעף אָפּגעשלאָגן אין זיי איין מאָל און א צווייט מאָל די יאָמטעוודיק־גלאנצנדיקע נעזער פון די נײַע שיך. א קוק געטאָן אף דער אײַזנבאן־רעשימע, האָט ער זיך איבערצײַגט, אז דער קומענדיקער צוג וועט זײַן ניט גיך, ערשט אין א שאָ ארום.

די קליינינקע סטאנציע האָט געהייסן „מאָססעלמאש״, און ליאָווע האָט זיך דערמאָנט, אז עס לעבט דאָ זײַנער א כאווער פון די קינדער־יאָרן, סעמיאָן מארגוליס, זיי האָבן צוזאמען געלערנט אין שול. דער דאָזיקער סעמיאָן האָט א שטומפּיקן קאָפּ, ער האָט זיך געלערנט שלעכט, און די בעסערע שילער פונעם קלאס פלעגן אים ארויסהעלפן, אין א נויטפאל, בייס א קאָנטראָל־ארבעט, אים געגעבן איבערשרײַבן פון זייערע העפטן. ליאָווע פלעגט אויך געבן, נאָר ניט אומזיסט. יעדער מאָל האָט ער פאר דער טויווע עפּעס ארויסבאקומען באם כעוורעמאן. יענער האָט אים געדארפט שענקען כאָטשבי א קלייניקײַט פון זײַן פארמעגן. א פארביקער בלײַער, א העפט איז אויך געווען א קערן. איינמאָל האָט סעמיאָן אים אוועקגעשאָנקען א מעסערל מיט איין קלינגל. ליאָווע האָט ארײַנגעשטופּט די האנט אין דער קעשענע, ווי ער וואָלט איצט דאָרטן געוואָלט אָנטאפּן די גלאטע אָפּגעריבענע אויבערפלאך פונעם מעסערל, וואָס ער האָט שוין לאנג־לאנג ערגעץ פארלאָרן. וואָס איז עס ביכלאל פּלוצעם אים געקומען אפן זינען?.. יעדן טאָג, און אזוי שוין יאָרנלאנג, פאָרט ער, ליאָווע, דורך פארבײַ דעם „מאָססעלמאש״, און ער זאָל כאָטשבי איין מאָל האָבן זיך דערמאָנט וועגן מארגוליסן, מע איז גאָר דערווײַטערט און אָפּגעפרעמדט. א פּאָר מאָל האָט מען צופעליק זיך געטראָפן אין דער עלעקטריטשקע, מע האָט פארשריבן די אדרעסן, א רעד געטאָן, א פרעג געטאָן, וואָס מע טוט, וואָס מע מאכט, און מיט דעם איז מען אָפּגעקומען. אף דער כאסענע האָט ליאָווע, פארשטייט זיך, מארגוליסן ניט אײַנגעלאדן. ער וואָלט געווען א קנאפּער גאסט. ליאָווע האָט ארויסגענומען דעם בלאָקנאָט, אופגעמישט דאָס בלעטל אפן בוכשטאב „מ״. אָט איז ער, מארגוליס, סעמיאָן טעוועלעוויטש,

אַט איז זײַן אַדרעס, און ער האָט אַפּילע אַ טעלעפֿאָן. עפּשער אַנקלינגען? פֿאַרוואָס ניט? אַז ער האָט צײַט, ליאָווע.

ער איז אַרײַן אין טעלעפֿאָן־בײַדל בײַ דער סטאַנציע, מיט דער קליינער האָפֿענונג, אַז סיאָמע איז איצט, אינמיטן אַ וואָכעדיקן טאָג, אין דער היים. עס האָט אים אָבער אָפּגעגליקט, צי עפּשער פֿאַרקערט, עס האָט אים דאָפּקע ניט אָפּגעגליקט. מאַרגוליס איז געווען אין שטוב. אונטערן געפּערלעכן געדודער פֿון אַ הונדערטוואָגאַניקן פֿראַכט־צוג, וואָס האָט בײַסמײַסע געדונערט איבער די רעלסן, האָט ליאָווע אַרײַנגעשריִען אין טרײַבל:

— דאָס בין איך, ליאָווע ווישנעוועצקי.

— דו? ליאָווע? — די שטים, וואָס האָט זיך געטראָגן פֿונעם אַנדערן עק טעלעפֿאָן־דראָט, איז געווען אַ הייזעריקע, אַ צוגעטויבטע און אַ פֿאַרווונדערטע. — מאַלאַדיעץ, וואָס דו האָסט זיך דערמאָנט. פֿונוואַנען קלינגסטו?

— איך קלינג פֿון „מאַססעלמאַש".

— פֿון „מאַססעלמאַש"? — האָט די שטים געקלונגען נאָך מער פֿאַרווונדערט. — ביסטו עפּשער טאַקע געקומען צו מיר? נאָר פֿונוואַנען האָסטו זיך דערוווּסט, אַז איך בין קראַנק? איך ליג שוין דרײַ וואָכן, איצט איז מיר בעסער, איך גיי שוין אַרום. נו, איז וואַרט איך אויף דיר, עס איז פֿינף מינוט גאַנג.

— איך... — האָט ליאָווע אָנגעהויבן און זיך פֿאַרהאַקט. — גוט, איך גיי! — האָט ער אַ געשריי געטאָן זייער הויך, ווײַל אויף דער אַנדערער ליניע האָט שוין איצט געדונערט דער עקספּרעס מאָסקווע — לענינגראַד. ווי אַ פֿלאַם, האָט דער עקספּרעס געבושעוועט מיט די רויטע וואַגאָנעס, דורכטראַגנדיק זיך פֿאַרבײַ דער סטאַנציע.

דער וועג צו מאַרגוליסן האָט פֿאַרנומען אַ סאַך מער, ווי פֿינף מינוט. די לאַנגע אײַזערנע בריק איז ליאָווע דורכגעגאַנגען צוויי מאָל. ער איז לעכאַטכילע אַוועק אין דער פֿאַרקערטער ריכטונג. ווײַטער האָט זיך אָנגעהויבן אַ בלאָנדזשעניש צווישן די אָנגעבויטע מויערן. געפֿינען מאַרגוליסעס קאָרפּוס אינעם פּלאָנטער פֿון די נײַע קוואַרטאַלן איז ניט געווען קיין גרינגע האַלאָכע. עס האָט ליאָווען שוין היפּש פֿאַרדראָסן, וואָס ער האָט אָנגעקלונגען. אַ ווילדע זאַך! גראָד הײַנט האָט זיך אים פֿאַרוואָלט זײַן אַ גוטער, און איין נאַרישקײַט שלעפּט נאָך זיך די צווייטע.

דאָס פֿאַרדראָס־געפֿיל איז פֿאַרשוווּנדן, ווי נאָר ער איז אַרײַן צו סעמיאָנען אין דירע. ער האָט דעם כאָוער ניט דערקענט. בלײַך, מאָגער, אויסגעצויגן, דוכט זיך, געוואָרן אַנדערהאַלבן מאָל לענגער, ווי ער איז געווען, ווען ליאָווע האָט אים געזען דאָס לעצטע מאָל, אַן ערעך מיט אַ יאָר צוריק. מאַרגוליס איז געזעסן באַם טיש, אויף וועלכן עס זײַנען געווען אָנגעוואָלגערט ביכער און העפֿטן, פֿונעם אַש־בעכער האָבן געשטאַרצט אָפּשניצלעך פֿון פּאַפּיראָסן. דאָס ניט־פֿאַרבעטע געלעגער האָט אַזוי ווי געוואַרט, אַז דער באַלעבאָס זאָל גלײַך ווידער זיך אָוועקלייגן. דאָס צימער האָט אויסגעזען פֿאַרלאָזן, ס'האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק, אַז עס קומט אַהער מיט אַ באַזוך בלויז דער דאָקטער פֿון דער פּאָליקליניק און ס'לויפֿט נאָך עפּשער אַרײַן אויף מינוטן עמעצער פֿון די שכיינים זיך נאָכפֿרעגן, צי דאַרף מען עפּעס קויפֿן. אָבער סיאָמע איז גאָרניט געווען געפֿאַלן בײַ זיך, פֿאַרקערט, ער איז געווען פֿול מיט אָפּטימיזם און ענערגיע, ווי יעדער כוילע, וואָס הייבט אָן ווערן געזונט.

— כ'בין שוין אָפּן פֿערד, — האָט ער אימפּעטדיק אַרומגעכאַפּט דעם אַרײַנגעקומענעם גאַסט. — אין דרײַ טעג אַרום וועל איך מעגן אַרויסגיין אָפּן גאַס. און שטעל זיך פֿאָר, כ'וועל מוזן גלײַך גיין האַלטן עקזאַמענעס. זיי הייבן זיך אָן די קומענדיקע וואָך. כ'ווייס ניט מער פֿון אַ טויטן, — איז ער זיך מוידע געווען אַלץ אינעם זעלבן האָפֿערדיקן, פֿריידיקן נוסעך, — ס'וואָלט געווען אַ פּלאַן, דו זאָלסט מיט מיר צוזאַמען דורכלויפֿן דעם גאַנצן קורס... איך בין דאָך איינער אַליין... נו, איז דערצייל אַ ביסל וועגן זיך. — סיאָמע האָט אָנגעשטעלט זײַנע גלאַנצנדיקע אויגן מיט די קרײַזן אונטער זיי אויף ליאָווען.

— דאַרפֿסט מיך באַגריסן, — האָט ליאָווע זיך אָפּגערופֿן, — איך האָב כאַסענע.

— אויסגעצייכנט, מאַזלטאָוו! — האָט סיאָמע ווידער אַרומגעכאַפּט ליאָווען. — ביסט, הייסט עס, דער זעלבער נאַר, וואָס אַלע. אַבי איך האָב געמיינט... נאָך די עקזאַמענעס וועל איך אויך אַ טראַכט טאָן. נאָר איך האָב שוין איין מאָל זיך אָפּגעבריט... ווער איז זי, דײַן קאַלע?

— אַ גאָלד.

— אַלע קאַלעס זײַנען גאָלדענע. כ'מיין, וואָס איז זי, וואָס טוט זי?

— דו וואָלסט אין איר זיך ניט פֿאַרליבט, — האָט ליאָווע זיך אַ כאַכמע געטאָן, — זי איז אַ לערערן פֿון מאַטעמאַטיק, און מיט מאַטעמאַטיק האָסטו דאָך קיינמאָל ניט געהויזט...

— אָבער גראָד איצט, צו די עקזאַמענעס, וואָלט איך זי געדאַרפט... ביסטו, הייסט עס, געקומען מיך אײַנלאַדן אַף דער כאַסענע, — איז סיאָמע געפאַלן אַפן געדאַנק. — איך בין דיר האַרציק דאַנקבאַר. דעם עמעס געזאָגט, האָב איך זיך אַפילע ניט גערעכנט אַף אַזאַ קאָוועד. מיר האָבן זיך אַזוי דערווײַטערט איינער פונעם צווייטן... — ער האָט פּלוצעם זיך פאַרהוסט, גענומען מאַכן מיט די הענט, קעדיי צו פאַרטרײַבן דעם הוסט, נאָר ס׳האָט ניט געהאָלפן. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט אַ האַנט פאַר דער ברוסט, און ס׳איז געווען צו זען, אַז ס׳האַלט נאָך ווײַטלעך פון אײַנגאַנצן געזונט ווערן. — איך האָב צו דיר אַ קליינע ביטע, — האָט ער נאָכן הוסט־איבערפאַל מיט אַ מיד קאָל זיך געווענדט צו ליאָווען, — די דאָקטערשע האָט מיר אויסגעשריבן אַ רעצעפּט... שטענדיק ברענגט מיר די רעצעפּטן אַ שכיינע, נאָר הײַנט איז זי אוועקגעפאָרן אַפן גאַנצן טאָג...

„איך בין פאַרפאַלן, — האָט ליאָווע מיט גרויל אַ קלער געטאָן, — עס ווערט דאָך שפּעט".

— די אַפּטייק איז ווײַט? — האָט ער געפרעגט אַ באַאומרויִקטער.

— איין מינוט גאַנג, גלײַך אַנטקעגן, אַפן ראָג, — דער כוילע האָט אָנגעוויזן דורכן פענצטער אַף אַ מויער מיט אַ רויט שילדל איבער איינער פון די טירן.

אין דער אַפּטייק איז געווען ניט קיין גרויסע ריי, נאָר ליאָווע האָט אין דער ריי זיך ניט געשטעלט, ער האָט גלײַך אַרײַנגערוקט דעם קאָפּ אין פענצטערל.

— וואָסי? ווער שטאַרבט?

— שעמט זיך, יונגערמאַן, פאַר אַלטע לײַט, וואָס שטייען...

דער באָכער האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק, עלעהיי די רעפּליקעס, וואָס טראָגן זיך פון צווישן אוילעם, האָבן צו אים קיין שײַכעס ניט. ער האָט דערלאַנגט דער אַפּטייקערשע דעם רעצעפּט, יענע האָט איבערגעלייענט און פלעגמאַטיש אַרויסגעבראַכט:

— אין אַ שאָ אַרום וועט עס זײַן פאַרטיק.

— אַ גאַנצע שאָ וואַרטן?

— עס איז דען אַ סאַך? — די אַפּטייקערשע האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן האַלדז, פון וועלכן ס׳איז אַראָפּגעהאַנגען אַ מין געשווילעכץ, אַזוי ווי אַ זעקעלע, און אַ קוק געטאָן אַפן קליִענט מיט פאַרוואָרף, ניט קאָנענדיק פאַרשטיין, פאַרוואָס אַפן יונגנמאַנס פּאָנעם ליגט אויסגעגאָסן אַזאַ ראַכמים־געבעט, עס איז דאָך אַ גאַנץ איינפאַכע מיקסטור, וואָס קיין ניסים מאַכט זי ניט.

— אָבער כ׳בעט אײַך, אויב איר קאָנט... — האָט ליאָווע ניט אוועקגענומען דעם קאָפּ פון פענצטערל.

— יונגערמאַן, שטערט ניט אַרבעטן!.. — האָט די אַפּטייקערשע זיך אַ הייב אויף געטאָן פון בענקל.

ליאָווע האָט אַזוי ווי אין געפענקעניש גענומען שפּאַנען הין און צוריק איבערן אַפּטייקזאַל, אַלע ווײַלע געקוקט אַפן זייגערל בײַ זיך אַף דער האַנט, אַפן גרויסן זייגער, וואָס איז געהאַנגען איבער די פּאָליצעס מיט די פאַרטיקע טאַבלעטקעס און פלעשלעך, און געוואָרפן אומגעדולדיקע בליקן אַף דער פאַרמאַכטער טיר, הינטער וועלכער עס ווערט מיט אַזאַ אומדערטרעגלעכער לאַנגזאַמקײַט אויסגעפאַרטיקט די רעצעפּטע, אַף וועלכער ער וואַרט. ער האָט ניט אויסגעהאַלטן און איז צוגעלאָפן צום פענצטערל.

— עס איז שוין עפּשער פאַרטיק?

— ווען ס׳וועט זײַן פאַרטיק, וועט מען אײַך געבן, — דאָס ליידיקע זעקעלע אַף דער אַפּטייקערשעס האַלדז האָט פון נערוועזקײַט ווידער זיך גענומען טרייסלען, און נאָר די דערצויגנקײַט האָט, ווײַזט אויס, אָפּגעהאַלטן די פאַרשטייערן פון דער איידעלער פּראָפעסיע אויסצוזידלען אים ווי עס באַדאַרף צו זײַן. זי האָט אַפילע זיך אויפגעהויבן און אוועק אינעם געהיימניספולן צימער, וווּ עס זיצן די פּראָוויזאָרס.

ענדלעך האָט ער געקראָגן דאָס פלעשעלע מיט דער טונקעלער פליסיקײַט און ווי מיטן גרעסטן געשאַנק געלאָזט זיך מיט דעם לויפן. פון אַ מאַגאַזין־וויטרינע האָט אַף אים אַ לויכט געטאָן אַ גרויסער ווײַסער בוטל מילך, איז ער נאָך אַרײַנגעשפּרונגען אין קראָם און געקויפט צוויי פלעשלעך מילך. מילך שאַדט קיינמאָל ניט... מיט די דרײַ פלעשלעך אין די הענט איז ער אַרײַנגעקומען צו סיאָמען, אַוועקגעשטעלט אַלץ אַפן טיש און גלײַך געוואָלט אַרויסלויפן.

— מעשוגענער, וווּהין? — האָט אים דער כוילע פאַרצאַמט דעם וועג. — זיץ, מער דאַרף איך גאָרניט.

— פאַרהאַלט מיך ניט, סיאָמע, איך פאַרשפּעטיק, איך האָב שוין פאַרשפּעטיקט... כ׳וועל אָן אַנדערשמאָל...

— וווּהין פאַרשפּעטיקסטו?

— וואָס הייסט, וווּהין? איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז איך האָב כאַסענע.

— יאָ, — האָט סיאָמע זיך געכאַפּט, — איך האָב דיך טאַקע פאַרגעסן צו פרעגן, ווען איז זי, די כאַסענע?

— וואָס הייסט ווען? היינט! היינט!

— שוין היינט?

— נו, יאָ, אָט שוין...

מע דערציילט, אַז אייניקע באַרימטע לויפערס, וואָס האָבן געקראָגן ערשטע פּריזן אַף לויף־פאַרמעסטונגען, האָבן אַמאָל געוווינט הינטער דער שטאָט, און טאַקע ווייל זיי זיינען אַלע טאָג געלאָפן צו דער ביישטאָטישער באַן, זיינען זיי געוואָרן אַזעלכע גרויסע מייסטערס. ליאָווע האָט שוין אויך זיך אויסגעלערנט ניט שלעכט לויפן, אָבער איצט האָט ער זיך געטראָגן, ווי אַ ווינט. דורכלויפן די סטאַנציע־בריק האָט בא אים געדויערט ניט פינף מינוט, נאָר אַ מינוט, עפשער נאָך ווייניקער, ער האָט אַלעמען אַפן וועג אַריבערגעיאָגט, אָבער די אויטאָמאַטישע טירלעך פונעם צוג האָבן זיך פאַרמאַכט אַף פופצן סעקונדעס פריִער, איידער ער האָט זיך לעבן זיי באַוויזן. עס האָט ניט געהאָלפן, וואָס ער האָט געפּאַכט מיט דער האַנט צום מאַשיניסט.

...צו פריידעלען אין שטוב איז ער אַראָפּגעקומען מיט אַ פאַרשפּעטיקונג אַף דריי מיט אַ האַלבער שאָ. די טיר האָט אים געעפנט די קומענדיקע שוויגער.

— געיאַוועט זיך דער כאָסנבאָכער! — האָט זי אַ פּליעסקע געטאָן מיט די הענט, און אין דער דאָזיקער פּליעסקעריי האָט זיך געלאָזט הערן סיי עמעסע מאַמישע פרייד, סיי עמעסער שוויגערישער צאָרן.

פריידעלע איז געזעסן אין איר צימער אַ פאַרמאָרעשכוירעטע, אַ פאַרוויינטע. זי האָט אופגעהויבן אַף ליאָווען אַ פּאָר אויגן, וואָס האָבן דייטלעך גערעדט וועגן דעם, אַז אַזעלכס וועט זי אים קיינמאָל ניט מויכל זיין. עס מאַכט זיך, אַז מע פאַרשפּעטיקט אַף אַ ראַנדעווו, מע פאַרשפּעטיקט אַפן סעאַנס אין קינאָ, מע פאַרשפּעטיקט ערגעץ צוגאַסט, אָבער פאַרשפּעטיקן אַף דער אייגענער כאַסענע און אָנשטאָט צוויי אַזייגער קומען האַלב זעקס?..

— וואָס איז געשען? — האָט זי געפרעגט בא אים.

— וואָס האָט געטראָפן? — האָט געוואָלט וויסן פריידעלעס מאַמע.

— גאָרניט... ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט... — האָט ליאָווע אַ שולדיקער געמורמלט.

— וואָס הייסט גאָרניט? — האָט זיך אַריינגעמישט פריידעלעס טאַטע, אַ שווערליי ביקער זאָקן. ער איז אַן אופגעבראַכטער צוגעגאַנגען צום קינפטיקן איידעם, ווי ער וואָלט אים געוואָלט אָנדרייען די אויערן. — האָסט דאָך אונדז אַלעמען מעווייעש געווען!.. מע מיינט, דער כאָסן איז אַנטלאָפן!..

עס האָט שוין ניט קיין סאַך געפעלט, ס'זאָל אויסברעכן אַ קריג — די ערשטע קריג אינעם גליקלעכן פאַמיליען־לעבן, אָבער פריידעלע האָט באַצייטנס אָפּגעשיקט די עלטערן אינעם אַנדערן צימער און גענומען אַליין אַלץ קלאָר מאַכן.

אַ קאַלטעס האַרץ איז ניט פון שטיין. מע האָט זיך איבערגעבעטן. מע האָט נאָך אויך באַוויזן אין זאַגס. ווייטער איז אַלץ געווען, ווי עס דאַרף זיין אַף אַ שיינער, פיינער כאַסענע. אָבער פריידעלע האָט איצט שוין אַ ביסל אַנדערש געקוקט אַף איר באַשערטן. זי האָט געמיינט, אַז ליאָווע איז אַ מוסטער פון ניכטערקייט, אויסגערעכנטקייט, יעדער שריט איז בא אים שטענדיק אָפּגעוויגן און אָפּגעמאָסטן. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ניין. ער קאָן נאָך אויך זיין צייטנווייז אַ מעשוגענער. אָבער עפשער טאַקע גראָד דאָן, ווען ער איז מעשוגע, איז ער ערשט ווערט, מע זאָל אים עמעס ליב האָבן...

אונדזער קוואַדראַט

דער מאָסקווער טוריסטן־קלוב, וואָס געפינט זיך אַף איינער פון די טומלדיקע און רוישנדיקע גאַסן פון דער הויפּטשטאָט, איז אַליין גופע אויך אַזוי ווי אַ טומלדיקע גאַס: אַ גאַס אַ פריילעכע, אַ גאַס אַ לעבעדיקע, אַ גאַס, וואָס איז שטענדיק אין אומופהערלעכער באַוועגונג. אַף די גרויסע אַפישעס, וואָס דער קלוב דרוקט יעדן כוידעש, זיינען אָנגעוויזן צענדליקער מאַרשרוטן פון עקסקורסיעס און שפּאַציר־גענג פאַר ליבהאָבער צו פאַרברענגען די פריִע טעג אַף דער נאַטור. די מערהייט טוריסטן זיינען, געוויינלעך, יוגנטלעכע, עס זיינען אָבער אויך פאַראַן ניט ווייניק גרופּעס פון עלטערע מענטשן און אַפילע פון

גאָר אַלטע לײַט, עס איז אַפילע פאַראַן אַ באַזונדער גרופּע פון באָבעס. די אָנפירערן פון דער באָבישער גרופּע, נאַטאַליע דאַנילאָוונע, איז אַלט פופציק יאָר, און ווען עס מאַכט זיך אַמאָל, אַז זי איז זיך טויע, זי פאַרפירט איר אוילעם ניט אַהין, ווו מע דאַרף, און עס קומט אויס צו בלאָנדזשען, דאַן זאָגן די אַנדערע, די עלטערע באָבעס: וואָס קאָן מען האָבן צו איר, אַז זי איז נאָך אינגאַנצן אַ גרינע?

די טוריסטישע קאָלעקטיוון זײַנען אַזוי ווי אַ יאַם, וואָס ברענגט יעדער מאָל אַ נײַע הויכע כוואַליע: בײַס יעדן נײַעם אַרויספאָר זעט מען אַנדערע פּאַרשוינען. בלויז די באָבישע גרופּע האַלט זיך אָפּגעזונדערט און איז אַ געשלאָסענע, מע דאַרף זויכע זײַן אַרײַנגענומען צו ווערן אין איר. ס'איז אַ גאַנצע געשעעניש, ווען עס קומט דאָרטן צו אַ נײַער מענטש. אויב דער נײַער מענטש האָט מיט עפּעס ניט נויסע־כיין געווען, וועט גאָרנישט ניט העלפן. מע וועט די נײַינקע ניט אַוועקטרײַבן, נאָר מע וועט זײַן מיט איר אַזוי קאַלט און אָפּגעפרעמדט, אַז דאָס אַנדערע מאָל וועט זי שוין אַליין ניט קומען.

פּונקט ווי זיי וואָלטן געײַלט אָף דער אַרבעט, לויפן די באַיאָרטע פרויען מיט די שטאַרצנדיקע רוקזעקלעך אָף די פּלייצעס צום עלעקטראָ־צוג, וואָס גייט אָפּ אינדערפרי, נײַן אַזייגער מיט מינוטן, פונעם ווײַסרוסישן וואָקזאַל. אין אַ שאָ אַרום שטײַגן זיי אַראָפּ אָף דער שטילער, ווינטער־צײַט — שניי־ווײַסער, זומער־צײַט — העל־גרינער סטאַנציע אוסאָוואָ. אַ געבענטשט ווינקל, וואָס אויסער די מײַלעס, וועלכע עס פאַרמאָגט ביכלאַל די מאָסקווער אומגעגנט מיט איר רײַכער שיינער נאַטור, האָט עס נאָך דאָס גליק צו זײַן באַזונדערס שטיל און אָפּגעשיידט. מאַסן־עקסקורסיעס קומען דאָרטן זעלטן־ווען פאָר, די קליינינקע סטאַנציע ליגט ניט אָפן מאַגיסטראַל־וועג. בלויז איין ליניע, אַ רעלסן־אָפּצווײַג, די לענג פון עטלעכע צענדליק קילאָמעטער, שנײַדט דורך דעם דאַטשע־יִישעוו און פירט גלײַך אַרײַן אין וואַלד־געדיכטעניש.

די ברייטערע און אָפטער באַטראָטענע סטעזשקעס זײַנען אין יענעם וואַלד שוין באַקרוינט מיט נעמען. די גוט־אײַנגעטרעמבעוועטע און גאָר ברייטע סטעזשקע, וואָס הייבט זיך אָן גלײַך פון דער סטאַנציע, טראָגט דעם נאָמען פון נאַטאַליע דאַנילאָוונען, עס איז איר פּראָספּעקט. ס'איז פאַראַן אַ גאַס „מאַריע סטעפּאַנאָוונע", אַ בולוואַר „יוליע סאָלאָמאָנאָוונע"... אײדער מע הייבט אָן דעם וואַלד־שפּאַציר, קאָן מען הערן אַזאַ געשפּרעך צווישן די ווײַבער:

— לאָמיר, מיידלעך, הײַנט פון „נאַטאַליע דאַנילאָוונען" זיך פאַרנעמען אָף „יוליע סאָלאָמאָנאָוונען" און פאַרקערעווען אָף „ליודמילע פּעטראָוונען", עס איז דאָרטן פאַראַן אַ גוט בענקעלע אָף אָפּרוען...

דער וואַלד, אין וועלכן אַ ניט־באַהאַוונטער מענטש קאָן פאַרבלאָנדזשען, ווי אין אַן עמעסער טײַגע, איז די פרויען שוין גוט באַקאַנט, קימאַט ווי די אייגענע דירעס זייערע. ס'איז באַ זיי אַ היימישער וואַלד, אַ מין אייגענע נאַכלע, ווו מע ווייסט יעדער ווינקל, פונדעסטוועגן שטויסן זיי זיך אָן אַלעמאָל אָף עפּעס אַ נײַס, וואָס מע האָט נאָך ניט געזען, עס וואַקסט אויס פלוצעם פאַר די אויגן אַ נײַ רעדלביימער, אַ נײַע לאָנקע, ס'טוט אַ גלאַנץ אַ נײַע סאַזשלקע. די באָבעס וווּנדערן זיך, ווי־אַזוי האָבן זיי עס פריִער ניט באַמערקט, דורכגעגאַנגען פאַרבײַ און פאַרזען אַזאַ שיינקײַט, אַזאַ אוצער. ביכלאַל זעט אויס דער וואַלד יעדן טאָג אַ ביסעלע אַנדערש, ווי נעכטן. די זעלבע ביימער, די זעלבע שטאַמען, אָנגעצויגענע ווי סטרונעס, די זעלבע לאַנגע סאָסנע־„ליכט", וואָס ווילן אונטערצינדן דעם הימל, און דאָך זײַנען זיי הײַנט אַנדערע, ווי נעכטן, און ס'איז אַן אַנדער הימל איבער זיי, און אַן אַנדער ערד, אַ נײַע לופט, וואָס ס'איז אַזוי גוט און גרינג אַרײַנעטעמען זי אין די אַלטע לונגען.

אין איינעם אַ זומערדיקן זוניקן טאָג האָבן די פרויען אַנטדעקט אין זייער וואַלד אַ שפּאָגלנײַעם אוניקום — אַ „גאָפּל". דרײַ שטאַמען, ווי דרײַ ברידער, האָבן זיך געצויגן אין דער הייך פון איין שוירעש, די דרײַפּאַכיקע קרוין האָט געבילדעט אַזאַ געדיכטן דאַך, וואָס קיין שום שלאַקסרעגן וועט אים ניט דורכהאַקן. אונטערן דאָזיקן מויערפעסטן דאַך איז געשטאַנען אַ טיש, אַ צונויפגעשלאָגענער פון עטלעכע גראָבע, ניט געהובלטע ברעטער, און אַ באַנק אָף דיקע פּיסלעך־בערווענעס. באַם טיש איז געזעסן אַ באַיאָרטער מאַנצבל אין אַ מײַקע, אין הויזן — דזשינסן, און האָט מיט אַפּעטיט צוגעביסן. דער רוקזאַק, וואָס איז געלעגן לעבן אים, איז שוין געווען היפּש אויסגעבײַטלט און אײַנגעשרומפּן, ווי אַן אויסגעמאָלקענער אײַטער.

— ביטע, ליבע דאַמען, צו מיר אָף דאַטשע, — האָט דער מאַנספּאַרשוין באַגעגנט די פרויען מיט אַ מילדער אײַנלאַדונג, — זעצט זיך צו, — האָט ער מיט אַן איידעלן שמייכל ווידער פּאָרגעלייגט, באַמערקנדיק, אַז זיי קווענקלען זיך. ער האָט זאָרגזאַם אויסגעשפּרייט אָף דער באַנק אַ צײַטונג און אַליין זיך אָפּגערוקט צום סאַמע עק.

— אַ דאַנק, נאָר אונדזער מאַרשרוט איז אַן אַנדערער, מיר וועלן גיין ווײַטער, — האָט נאַטאַליע דאַנילאָוונע העפלעך, אָבער גאַנץ טרוקן זיך אָפּגערופן, ווי זי וואָלט האָבן דערפילט

עפעס א געפּאַר פאַר אירע טוריסטקעס, מיט וועלכע זי פירט אָן, און דראַפּ האַלטן איבער זיי א שטרענגע האַזשגאָכע, — זיצן איז נאָך פרי. מיידלעך, פּאַשלי דאַלשע![1] — האָט זי א קאָ־מאַנדעווע געטאָן.

— לאָמיר זיך אָפּרוען א ביסל, — האָט יוליע סאָלאָמאָנאָוונע געמאַכט א ראַכמאָנעס־פּאָנעם פון א קינד, וואָס איז שטאַרק פאַרמאַטערט.

— אַף א ווײַלע מעג מען...

— אינדערעמעסן, פאַרוואָס ניט? — האָבן יוליע סאָלאָמאָנאָוונען אונטערגעהאַלטן די איבע־ריקע, און מע האָט זיך אויסגעזעצט הארט איינס לעבן אַנדערן אַף דער באַנק. עס איז נאָר גע־בליבן שטיין נאַטאַליע דאַנילאָוונע, אַן אומצופרידענע, וואָס מע פאָלגט זי ניט.

— לאָזט זיך ניט בעטן, נאַטאַליע דאַנילאָוונע..

— אָך, דאָ איז אַזוי גוט...

— א מעכײַע דאָ צו זיצן, — האָבן די פרויען אונטערגעגעבן כײַשעק דער שטרענגער אָנפירערן זייערער, וואָס האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. דאַן האָט דער באַלעבאָס פון דער „דאַטשע" זיך אופגעהויבן און מיט אַן עלעגאַנטן נייג אָנגעוויזן אַפן אָרט, וואָס ער האָט באַפרײַט:

— ביטע, מאַדאַם.

בעיין־ברײַרע האָט נאַטאַליע דאַנילאָוונע זיך אויך אוועקגעזעצט, אָבער מיטן טנײַ, אַז באָר אַף איין ווײַלע.

די נײַגעריקע ווײַבער האָבן זיך ניט אופגעהויבן פון אָרט, ביז זיי האָבן זיך מער־ווייניקער ניט דערוווּסט, וואָס דער דאַטשניק שטעלט מיט זיך פאָר.

— איר האָט דאָ אַזוי גוט זיך אײַנגעאָרדנט, אָבער פאַרוואָס זײַט איר אַליין, אָן דער פרוי? — האָט יוליע סאָלאָמאָנאָוונע געוואָרפן די ערשטע פראַגע.

— קיין פרוי האָב איך ניט... — איז געווען דער ענטפער.

— נעמט מען מיט די קינדער...

— די קינדער זײַנען שוין אויסגעגעבענע...

— פאַרכאַפּט מען מיט זיך אַן אייניקל, — האָט אונטערגעהאַלטן דעם פאַרהער וואַסיליסע ניקאָלײַעוונע.

— די אייניקלעך זײַנען אין קינדערגאָרטן... און כ'וועל אײַך זאָגן דעם עמעס, פון די אייניקלעך ווילט זיך אויך אָפּרוען. נאַראָנים זוכן דאַטשעס, גיבן אויס געלט פאַר א צימערל מיט א הייפל, ווו עס איז ניטאָ ווו צו שטעלן א טראָט. איך האָב מיר דאָ מײַן אומזיסטע דאַטשע, דעם גאַנצן וואַלד, — ער האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ מיט די גראַווע שלייפן אין דער הייך, צו די ביימער.

סאַמויל אַבראַמאָוויטש — אַזוי האָט געהייסן דער דאַטשניק — איז געווען דער ערשטער מאַנצבל אין וואַלד, ווען די באַבעס האָבן זיך ניט אַנטזאָגט אַרײַנצונעמען אין זייער אויס־דערוויילטער געזעלשאַפט. ער האָט אויסגענומען בא דער גאַנצער גרופּע מיט זײַן העפלעכקײַט, מיט זײַנע איידעלע מאַנירן. פילנדיק אַף זיך די געשטיגענע אופמערקזאַמקייט פון די ווײַבער, איז סאַמויל אַבראַמאָוויטש ניט געווען פויל און צעבונדן די צונג, גענומען דערציילן פאַרשיי־דענע אויסערגעוויינלעכע געשעענישן.

— נעכטן האָט מיט מיר געטראָפן אַזאַ געשיכטע... — האָט ער אָנגעהויבן דערציילן. און ווען ער האָט פאַרענדיקט די נעכטיקע געשיכטע, איז ער גלײַך אריבער צו א צווייטער גע־שיכטע, דערנאָך צו א דריטער. דערציילנדיק די געשיכטעס, האָט ער אַלעמאָל אָפּגעשטעלט דעם בליק זײַנעם פון אונטער די געדיכטע שוואַרצע ברעמען אַף עמעצן פון די צוהערערנס און א ווײַלע אַזוי ווי' נאָר גערעדט מיט איר אַליין, אַרײַנגעקוקט נאָר אין אירע אויגן, און אויב עס איז אים בײַסמײַסע אויסגעקומען געבן א שמייכל, איז דער שמייכל געווען אַדרעסירט אויך נאָר צו איר. אַף אַזאַ אופן האָט יעדע פרוי געקאָנט מיינען, אַז ער טיילט זי אויס און שענקט איר מער אופמערקזאַמקײַט, איידער די אַנדערע.

„ער איז פון אונדזער קוואַדראַט", — האָבן די פרויען באַשלאָסן אַלע צוזאַמען און יעדערע באַזונדער פאַר זיך.

„אונדזער קוואַדראַט" — אַזוי רופט מען אין דער באַבישער גרופּע די מענטשן, וואָס זײַנען

---

[1] קומט ווײַטער! (רוס.).

עלטער פון פופציק יאָר. ס'איז דער קוואדראט, פון וועלכן עס לאָזן זיך אָפּט הערן אזעלכע טרויעריקע ווערטער, ווי סקלעראָז, בלוט־דרוק, אינפארקט, אינסולט... ניט קיין פריילעכער קוואדראט. פון מאָל צו מאָל ברענגט עמעצער פון דער באַבישער גרופּע די ביטערע נײַס, אז עס איז געשטאָרבן אירער א באקענטער, א באקענטע, א לאנגיאָריקער מיטארבעטער.

— ער איז פון אונדזער קוואדראט? — פרעגט מען.

— פון אונדזערן... — קומט אָן ענטפער.

אָבער דאָ אין וואלד פארגעסט מען וועגן „קוואדראט". די קילע שאָטנס פון די צווײַגן הוידען זיך פונקט אזוי ווייך, און מילד, און שטיל, ווי זיי האָבן זיך געוויגט מיט הונדערטער יאָרן צוריק, די ערד, דאָס גרינע באטויִקטע גראָז, אַף וועלכן עס איז אזוי מעכײַעדיק און גרינג צו טרעטן, איז פונקט אזוי גרין און פײַכטלעך, ווי עס איז געווען פון קאדמוינים אָן, און די פייגל, ווי דעמלט, אזוי אויך איצט, פּאָכן מיט די פליגלען, פליִען און זינגען איבער די ביימער־קרוינען, באשײַנטע פון דער ליכטיקער זון. און ס'נעמט דוכטן, און ס'ווילט זיך גלייבן, אז דעם מענטשנס לעבן איז אייביק, ווי דער דאָזיקער וואלד, עס איז ניטאָ „אונדזער קוואדראט", ניטאָ קיין קרענק, ניטאָ קיין עלטער, ניטאָ קיין טויט, מע קאָן אים גרינג צעררײַסן, דעם קוואדראט, ווי דאָס דינע שפּינוועבס, וואָס וועבט זיך און ציט זיך פון איין בוים צום צווייטן, אַנזאָגנדיק אַף א גוטן, ווארעמען וועטער. וויאזוי קאָן מען זיך גאָר שיידן מיט אזא קישעפדיקער נאטור, מיט אזא וואלד, מיט אזעלכע קילע שאָטנס, מיט אזא בליִענדיקער גרינער ערד? ס'קומען אוף מיטאמאָל נארישע פארלאנגען, אפילע אזא נארישער, ווי עמעצן געפעלן צו ווערן. פארוואָס ניט? איצט, אַף די עלטערע יאָרן, האָט מען זיך ערשט ארומגעקוקט, אז מע האָט נאָך, אייגנטלעך, ניט געלעבט...

אַף מאָרגן זײַנען צוויי פרויען פון דער באַבישער גרופּע — די אָנפירערן נאטאליע דאַנילאָוונע און יוליע סאָלאָמאָנאָוונע — געקומען אפן שפאציר אין וואלד ניט אין די געוויינלעכע טוריסטישע סוועטערס מיט די פארמאכטע קאָלנערס און ניט מיט די מעגושעמדיקע קעדעס אַף די פיס, נאָר אין יאָמטעווודיק־אויסגעפּרעסטע קאָפּטלעך און קליידלעך און אין עלעגאנטע שטיוועלעך, וואָס מע קאָן גיין אין זיי אין טעאטער. מע האָט באַ די צוויי פרויען ניט ארויס־געזען א גראָוע האָר אפן קאָפּ. צו די דופטיקע וואלד־רייכעס האָט זיך צוגעמישט דער דינער רייעך פון גוטע פארפומען. נאטאליע דאנילאָוונע איז נאָך אויך געווען מיט א נײַעם רוקזאק, אַנשטאָט דעם אלטן און שטארק אָפּגעוועלקטן.

נאָך דעם, ווי מע האָט א ביסל שפאצירט איבער די „פּראָספעקטן" און „בולווארן", האָבן די פרויען פריִער פון דער געוויינלעכער מיטיק־שאָ דערפילט, אז זיי זײַנען הונגעריק און אז מע דארף זיך אונטערקרעפטיקן.

— עפּעס כאַלעשט שוין דאָס הארץ, — האָט יוליע סאָלאָמאָנאָוונע א טרײַסל געטאָן מיטן זעקל אפן רוקן, ווי זי וואָלט געוואָלט דאָס זעקל גיכער אראָפּוואַרפן פון זיך. — אין אונדזער עלטער דארף מען עסן, ווען מע וויל.

נאטאליע דאנילאָוונע האָט זיך געמאכט ניט הערנדיק, דיסציפלין איז דיסציפלין, מע טאָר ניט אָפּלאָזן די לייצעס. זי האָט געפירט אירע ווײַבער אלץ ווײַטער פון דער געוווּנטשענער גאסטפרײַנטלעכער „דאַטשע", גאָר אין דער פארקערטער ריכטונג, אָבער סאָפּקאַסלאָף האָט דאָך איינע א וואלד־סטעזשקע ארויסגעפירט אהין, ווו מע האָט געדארפט.

דער באַלעבאָס פון דער „דאַטשע" — סאמויל אבראמאָוויטש — האָט געוואָרט אפן וויזיט און זיך שוין געגרייט צו אים. די „דאַטשע" האָט זיך באַרײַכערט מיט נאָך א באנק באַם טיש. איצט זײַנען געווען צוויי בענק, און מע האָט זיך געקאָנט אויסזעצן בעהארכאָווע. אפן טיש, א פארשפרייטן מיט צוויי צײַטונגען „סאָוועטסקי ספּאָרט", איז געשטאַנען א קאָנסערוון־שאכטל, און ארום דעם זײַנען געלעגן אָנגעשניטענע ריפּטלעך ווורשט, עטלעכע אוגערקעלעך און א געטריקנטער הערינג, וואָס פּאָדערט נאָר, אז ס'זאָל נאָך אויך זײַן א ביסל מאשקע. איז מאשקע אויך געווען — א פלעשל ציגאנדאלי.

— ביטע, ליבע דאמען, — האָט דער באַלעבאָס מיט זײַן שטענדיקער איידלקײַט און ליבן שמייכל באַגעגנט די געסט און געגומען זיי העלפן אראָפּנעמען די זעקלעך פון די רוקנס.

מע האָט געמאכט א שיינע סודע. דערנאָך האָט מען זיך געלאָזט אַף א שפאציר, און דער אלטער אוסאָווער וואלד האָט א פארוואונדערטער געהערט, ווי דער אוילעם האָט זיך צעזונגען.

— אבי מע זאָגט „אונדזער קוואדראט"... נאָר ווו איז פארפאלן געוואָרן יוליע סאָלאָמאָנאָוונע? — האָט די אָנפירערן, נאטאליע דאנילאָוונע, פלוצעם זיך געכאפּט, אז אין איר גרופּע איז פארפאלן געוואָרן א מענטש.

— זי איז אוועק פאָרויס, מיט סאמויל אבראמאָוויטשן, — האָבן די פרויען גלײַך קלאָר געמאכט, — זיי האָבן זיך פארנומען אַף אן אנדער סטעזשקע...

— איצט וועט זי שוין האָבן אן אייגענע דאַטשע, — האָט נאַטאַליע דאַנילאָוונע א זיפץ געטאָן, נאָר גלײַך זיך באַהערשט, א פּאַטש געטאָן אין די הענט און אויסגעשריִען:
— מיידלעך, לאָמיר קלײַבן שוועמלעך...

אָן א נאָמען

זיי האָבן זיך ליב. זיי זײַנען געבוירן געוואָרן צו זײַן צוזאַמען. ער אָן איר און זי אָן אים קאָנען ניט לעבן. ער, א קאַשטענער וויסנשאַפט־טוער, א געלערנטער, וואָס האָט שוין היפּש אופגעטאָן אין זײַן געביט, שלײַכט זיך אַרײַן, ווי א גאַנעוו, אין דער טיר פונעם הילצערנעם צוויישטאָקיקן הויז, ווו זי וווינט, — איינס פון יענע אַלטע הײַזער, וואָס זײַנען נאָך ווי־ניט־ווי פאַרבליבן אין דער וואָקסנדיקער שטאָט, פאַרוקטע הינטער די נײַע בעטאָנענע ריזן. ער הייבט זיך אוף איבער די טונקעלע געדרייטע טרעפּ און דריקט פאַרזיכטיק אָן דאָס גלעקל פון דער טיר. ער ווינטשט זיך, אז די טיר זאָל עפענען ניט די שכיינע, וועלכע גיט עפּעס בייסמײַסע א מורמל אומבאַוווּסט צו וועמען — צום אַרײַנגעקומענעם, אָדער צו זיך, אָדער גלאַט צום ענגן און קליינעם קאָרידאָר. א סוואַרע, אז צום אַרײַנגעקומענעם. די ווײַבעריש־נײַגעריקע שאַרפע אויגן טוען אים אָפּגיך א דרעלעווע דורך פון קאָפּ ביז די פיס, דער בליק איז פול מיט פאַראַכטונג צו זײַן זינדיקער אופירונג און איבערפולט מיט קיניגלעכן שטאָלץ פאַר דער אייגענער אײַנגעהיטער ערלעכקײַט און צניעס.

דאָס טרעפט אָבער זעלטן, אז די שכיינע זאָל דאַרפן עפענען. איידער יענע קומט אַרויס פון איר צימער אָדער פון דער קיך, איז שוין נינע בא דער טיר.

צו זײַן קומען איז אין נינעס צימער יאָמטעוו, עס פינקלט, עס איז צוגעפוצט, יעדער ווינקעלע רעדט וועגן דעם, אז זי האָט צו דער באַגעגעניש זיך געגרייט, אז זי האָט געוואַרט און אַרויסגעקוקט.

א הויכע, א שטאַלטנע, מיט שיינע געקרײַזלטע בלאָנדע האָר, וואָס באַזוימען פון פאַרנט ביז האַלב דעם ווײַסן שטערן און פון הינטן כוואַליען זיי זיך איבערן נאַקן, אין א דין קלייד, וואָס כאַפּט אַרום און באַצייכנט בוילעט די פיגור, אין די בעסטע טופל אירע, גייט זי אים אַרויס אַנטקעגן, מיט אָן אײַנגעהאַלטענער, ניט אַרויסגעזאָגטער פרייד.

ווי נאָר די טיר פון איר וווינונג פאַרמאַכט זיך, נעמט מען זיך אַרום און מע צעקושט זיך. אַזוי הייס, אַזוי שטאַרק, גאָר ווי יונגע, כאָטש מע איז שוין גאָר ניט אַזוי יונג. זי האָט צעביטן דעם פערטן צענדליק, ער — דעם פינפטן. באביידן זײַנען גליקלעכע פענעמער, ווי מע וואָלט זיך ניט געזען אַן אייביקייט. מע האָט טאַקע זיך ניט געזען אַן אייביקײַט. א גאַנצע וואָך. די כאָדאָשים, די יאָרן לויפן זייער גיך, נאָר די וואָכן ציִען זיך אויסערגעוויינלעך לאַנג. ביז עס גייט אַוועק א וואָך...

די ליבע מיט די לאַנג־דערוואַרטע וועכנטלעכע ראַנדעוווּען דויערט שוין אַזוי א קײַמעלאָן פון פינף יאָר.

א נאָענטע כאַווערטע, וואָס האָט נינען א צײַט ניט געזען און וואָס וויל, געוויינלעך, בײַס דער באַגעגעניש וויסן וועגן אַלע פאָרגעקומענע ענדערונגען און געשעענישן, טוט צולעצט א פרעג מיט א באַזונדערן גלאַנץ אין די אויגן און מיט א שטיל, קימאַט שעפּטשענדיק קאָל:
— דײַן לאַזאַר דאַווידאָוויטש גייט נאָך צו דיר?

— ער גייט, — ענטפערט נינע אַזוי פּאַשעט, מיט אַזא בעניִמעסדיקן אויסדרוק אָפּן פּאָנעם, ווי אַנדערש וואָלט גאָר ניט געקאָנט זײַן און ווי זי וואָלט געוואָלט צוריקפרעגן: פאַרוואָס זאָל ער ניט גיין? אוודאי גייט ער.

די כאַווערטע ווערט אָף א ווײַלע אַנשוויגן פון פאַרווונדערונג, פון אַנציקונג און פון א ביסל קינאַ אויך. א צופעליקע באַגעגעניש, א שטיקל ליבע, וואָס האָט בעכיפּאַזן זיך פאַרקניפּט אין א האָטעל אין אָמסק צי אין טאָמסק, בײַס ביידע זײַנען געווען אין א קורצער קאָמאַנדירונג, ער — אָף א זאַוואָד, זי — אָף א באַראַטונג פון טוער פון דער וואַלד־ווירטשאַפט, האַלט שוין אָן יאָרנלאַנג און האָט זיך נאָך אַלץ ניט פאַנאַנדערגעבונדן. דאָרטן, אין די קאַלטע סיבירער אָוונטן, האָט דאָס קניפּל זיך אַזוי פעסט פאַרקניפּט. אַבי מע זאָגט, אז הײַנטצײַטיקע ליבעס

זײַנען ניט קיין שטאַנדהאַפּטיקע. עס איז גאָר ענלעך אַף טשעכאָווס דערציילונג „די דאַמע מיטן הינטל״.

— זייער גוט, אויסגעצייכנט, — רופט זיך אָן די כאַווערטע נאָך דער היפּשער ווײַלע שווײַגעניש. — איך בין זייער צופרידן פאַר דיר. וויפל איז שוין?

— וואָס — וויפל?

— איצט זע איך, אַז דו ביסט טאַקע גליקלעך. גליקלעכע באַמערקן ניט די צײַט. כ'מיין, וויפל איז שוין, ווי איר האָט זיך באַקאַנט? — בייסמײַסע טוט די כאַווערטע אַ קוק אין שפּיגל, פאַרגלײַכט זיך מיט איר, מיט דער גליקלעכער נינען, און ס'ווערט איר אַ פּאַרדראָס, זי ווייסט אַליין ניט אַף וועמען, ס'צעוואַקסט זיך די קינאָ, עס ווערט שווער אַפּן האַרצן. ווו איז פונדעסטוועגן דער קוואַל, — טראַכט זי, — פון וועלכן מענטשן שעפּן גליק? פאַרוואָס איז ער אַפּן פאַר איינעם און פאַרמאַכט, פאַרשלאָסן פאַר אַ צווייטן? צוויי כאַווערטעס, ביידע — שיינע, ביידע אַרבעטן, קריגן אַן אַלציינעם געהאַלט און די זעלבע פּרעמיעס, נאָר בײַ נינען אין צימער הערשט ליבע, און בײַ איר — איינזאַמקייט: פיר ווענט מיט נײַע טאַפּעטן, איבער וועלכע עס הוידען זיך דורך די נעכט מעשונעדיקע שאָטנס...

— פון קינדווײַז אָן האָט דיר געגליקט, — זאָגט די כאַווערטע, — ביסט געבוירן געוואָרן אונטער אַ מאַזלדיקן שטערן.

— אונטערן זעלבן שטערן, וואָס דו, — ענטפערט נינע. — ווען מיר זײַנען געווען קינדער, איז דאָך געווען די מילכאָמע, און דערנאָך... דו ווייסט אַלץ אַליין... מיטן מאַן האָב איך זיך געגעגט אין דרײַ כאַדאָשים אַרום נאָך דער כאַסענע. פיר יאָר קיינעם ניט געהאַט און זיך שוין באַרויִקט אַף דעם, געמיינט — אַזוי אָפּשטופן דאָס ביסל יאָרן, און מיטאַמאָל האָט דאָס מאַזל אַ שפּיל געטאָן, איצט קאָן איך זיך שוין ניט פאָרשטעלן דאָס לעבן אָן אים...

— איך פאַרגין דיר פון גאַנצן האַרצן. ס'וווּנדערט מיך נאָר, וויִאַזוי איר זײַט צוגעזאָטן געוואָרן איינס צום צווייטן... הײַנטיקע צײַטן...

נינע האָט כאַראָטע, וואָס זי האָט אויסגעזאָגט איר סאָד, זאָל זײַן אַפילע דער בעסטער, איבערגעגעבנסטער כאַווערטע. ער, לאַזאַר דאַווידאָוויטש, דערציילט קיינעם ניט וועגן זײַנע אינטימע אָנגעלעגנהײַטן. ער האָט אַ פאַמיליע, און מע דאַרף שטרענג אויסבאַהאַלטן דעם סאָד, ער זאָל ניט דערגיין צום ווײַב און צו די קינדער.

נינע ווייסט דורכויס אַלץ וועגן זײַן מישפּאָכע. אַלע נײַסן, אַלע קלענערע און גרעסערע געשעענישן, וואָס קומען דאָרטן פאָר, פּונקט ווי ער ווייסט אַלץ וועגן אירע פּילצאָליקע קרויווים און כאַווערטעס.

זיצנדיק אַפּן דיוואַן, דערציילט מען איינס דעם אַנדערן, וויִאַזוי עס איז דורכגעגאַנגען די וואָך, טאָג נאָך טאָג. אָפּט מאַכט זיך אַזוי, אַז ווען בײַ אים אין דער מישפּאָכע איז געווען עפּעס אַ פרייד, אַ שטיקל סימכע, איז גראָד בײַ איר געווען אַן אומאָנגענעמלעכקײַט, אַן אַגמעסנעפּעש, און פאַרקערט, בײַ איר איז אַלץ געווען גוט און וווּל, האָט זיך בײַ אים ניט געקלעפּט. און די פריידן און ליידן לעבט מען איבער צוזאַמען. ביידן ווערט לײַכטער פונעם קעגנזײַטיקן אויפריכטיקן מיטגעפיל. זומער, ווען ער דאַרף דעם יינגערן זון זײַנעם, מישקען, שיקן אין פּיִאָנערלאַגער, העלפט נינע אײַנקויפן די נייטיקע זאַכן, זי לויפט דאַן אום איבער די שטאָקן פון „דעטסקי מיר״ און, מעסטנדיק מיט די אויגן אַף אַנדערע קינדער און אַרײַנקוקנדיק די גאַנצע צײַט אין בלאָקנאָט, צי האָט זי ניט איבערגעפלאָנטערט די מאָס, קויפט זי דעם גאַרניטער, דאָס העמדל, וואָס מישקע דאַרף. דערנאָך דערציילט איר לאַזאַר דאַווידאָוויטש מיט זײַן ווייכן שמייכל אַף די פולע ליפּן:

— מײַן ליובע איז זייער צופרידן, ס'איז פּונקט מישקעס מאָס, ס'איז אַראָפּ בײַ איר אַ באַרג פון די פּלייצעס, זי קאָן זיך אַלץ ניט אויסקלײַבן צו גיין אין די מאַגאַזינען. מע דאַרף דאָך פּאַטערן אַ גאַנצן טאָג, און זי שרײַבט אַ דיסערטאַציע, האָט ניט קיין פרײַע מינוט.

בייס לאַזאַר דאַווידאָוויטשעס ווײַב, ליובע, אָדער עמעצער פון די קינדער זײַנען אימעניניקעס, העלפט נינע אים אויסקלײַבן פאַר זיי אַ מאַטאָנע. און וויפל מאָל לויפט זי אַרום איבער די אַפּטייקן נאָך אַ רעפועֶ, וואָס עס איז שווער צו קריגן.

— אין שטוב דערקענט מען מיך ניט, — דערציילט לאַזאַר דאַווידאָוויטש נינען אַלץ מיטן זעלבן ליבן שמייכל זײַנעם, וואָס איז איר אַזוי צום האַרצן. — איך בין געוואָרן, זאָגן זיי, גאָר אַן אַנדערער. אַלץ קריג איך, וועגן אַלץ געדענק איך... בײַ מיר גופע האָט זיך, ענדלעך, באַוויזן אַ שניפּס, וואָס פּאַסט מיר...

ער בייגט זיך אָן צו איר, קושט זי.

— איך וועל אוועקגיין פון מײַן ווײַב, איך וועל אוועקגיין פון מײַן שטוב, — שעפּטשעט

ער צו איר, — עס איז מיר אומדערטרעגלעך די צוויייענדיקע לאגע מײַנע, כ׳וויל ניט פאלשע־ווען, כ׳וויל גאָרניט אויסבאַהאַלטן...

— אָבער אונדז איז דאָך אַזוי אויך גוט. דערציילסט מיר יעדן מאָל מיט אַזויפיל הארץ און מיט אַזויפיל זאָרג וועגן דײַנע קינדער, אַז כ׳שטעל זיך ניט פאָר, וויאַזוי דו וועסט אפילו איין טאָג קאָנען לעבן אָן זיי און זיי אָן דיר. צוליב וואָס דאַרפן מיר כאַרעוו מאַכן דאָס לעבן פון אַ גוטער מישפּאָכע?

אַזוי טײַנעט אײַן מיט אים נינע. נאָר ער זעצט פאָר:

— מײַן כאַסענע איז געווען אַ טאָעס. די פרוי מײַנע, בא איר גאַנצער געבילדעטקײַט און קלוגשאַפט, איז אַ באַגרענעצטער מענטש, זי ווייסט נאָר איר דיסערטאַציע...

— ניין, טײַערער, רייד ניט אַזוי, — שלאָגט אים איבער נינע. — מיר וועלן ניט זײַן גליק־לעך, אויב אַנדערע וועלן זיך פילן אומגליקלעך. כ׳וויל דיך נאָר בעטן — קלינג מיר אָפּטער אין טעלעפאָן, כ׳זאָל הערן דײַן קאָל. ווען דו קלינגסט ניט די גאַנצע וואָך, בין איך אומרויִק און איך טראַכט איבער, פאַרוואָס האָסטו ניט אָנגעקלונגען? וואָס האָט פּאַסירט? איך וויל לויפן צו דיר אַף דער אַרבעט, זען דיך... אָבער ווי נאָר דו קומסט, ווערט מיר גוט, הײמלעך. און דיר איז דאָך אויך גוט... האַ? באַמי זיך נאָר אויך, — גיט זי צו, אַרומנעמענדיק אים, — אַ ביסל זעלטענער פאָרן אין די קאָמאַנדיראָווקעס...

אין קאָמאַנדירונגען קומט אים טאַקע אויס גאָר אָפּט צו פאָרן. איצטיקס מאָל איז ער געגאַנגען צו זײַן געליבטער נאָך דעם, ווי ער איז געווען דרײַ וואָכן אין אָמסק, און ער וואָלט דאָרטן געדאַרפט זײַן נאָך, נאָר עס איז אים אויסגעקומען איבערצורײַסן די קאָמאַנדירונג פאַר דער צײַט. די שטימונג איז געווען בא אים זייער אַ געדריקטע. אייגנטלעך, וואָלט ער איינגאַנצן ניט געדאַרפט זיך באַווײַזן פאַר נינעס אויגן אין אַזאַ צושטאַנד. אין אָמסק האָט ער זיך מײַ־טאָמאַל דערפילט קראַנק, די דאָקטוירים האָבן אים געזאָגט, ער זאָל זיך טייקעף אומקערן אַהיים און זיך לייגן אין שפּיטאָל אַף אַן אויספאָרשונג. איצט גייט ער זיך געזעגענען מיט נינען. ווער ווייסט, וויפל צײַט זיי וועלן דערנאָך זיך ניט זען. מעגלעך, קיינמאָל ניט.

נינע האָט טייקעף באַמערקט די בלייכקײַט זײַנע, די צערודערטקײַט און פאַרלוירנקײַט. און נאָך די ערשטע רעגעס, פאַרפולטע מיט פרייד, וואָס זי זעט אים, נאָך די הייסע קושן, האָט זי, אַ באַאומרויִקטע, געפרעגט:

— עס האָט עפּעס פּאַסירט?

— גאָרניט, אַ ביסל מיד פון וועג, — האָט ער זיך ניט געײַלט אויסצוזאָגן איר דעם עמעס.

— ניין, כ׳זע דאָך לויט די אויגן, אַז עפּעס האָט געטראָפן. אין שטוב איז אַלץ אין אָר־דענונג?

— אַלץ.

— ליובע איז געזונט?

— געזונט.

— מישע האָט שוין אָפּגעגעבן די עקזאַמענעס?

— ער גיט אָפּ.

— ווי גיט ער אָפּ?

— ער גיט אָפּ גוט.

— און ליאָווע? האָסט געזאָגט, אַז מע דאַרף בא אים אויסשנײַדן די גלאַנדעס?

— נאָך ניט אויסגעשניטן. איצט קלײַבט ער זיך אין אַ טוריסטישן מאַרש.

— און די גלאַנדעס דערווײַל אָפּגעלייגט אַף שפּעטער?.. ניין, כ׳זע, אַז עפּעס האָט גע־טראָפן. ווילסט מיר ניט זאָגן?

זי האָט אַזוי אַרויסגעבראַכט דעם „מיר”, אַז ער האָט פאַרשטאַנען: ער טאָר ניט און קאָן ניט אָן איבעריקע מינוט עפּעס־וואָס אויסבאַהאַלטן פון איר.

— שטעל זיך פאָר, טײַערע, — האָט ער געזאָגט ווי ווײַט מעגלעך רויִק, — מע הייסט מיר זיך לייגן אין שפּיטאָל. נאָר מיט מיר איז גאָרניט... מיר איז גוט...

דער דאָקטער, בא וועלכן נינע איז דערנאָך געזעסן אין קאַבינעט, האָט אַף איר געקוקט דורך זײַנע גרויסע ברילן און געמיינט, אָפּנעמס, אַז זי איז דעם כוילעס אַ שוועסטער. דאָס ווײַב זײַנס האָט ער שוין געקענט, יענע איז געווען בא אים, און ער האָט זי געשוווינט, ניט אויסגעזאָגט אַלץ. אָבער אַ שוועסטער מעג מען, אַ שוועסטער וועט איבערטראָגן דעם אומגליק גרינגער.

— אײַך וועל איך זאָגן דעם גאַנצן עמעס. זײַן לאַגע איז אַ שווערע. שטאַרק פאַרלאָזן צו שפּעט זיך געכאַפּט. נאָר מיר וועלן מאַכן אַן אָפּעראַציע.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן טרויעריקע, פּײַנלעכע טעג...

אַף דער לעווײַע איז נינע ניט געווען, נאָר דערנאָך איז זי געקומען צו אים אפן בעסוילעם. און פלײַסיק, ווי אלץ, וואָס זי טוט, געארבעט מיט דער לאָפּעטקע אפן קלייניטשקן בערגל ערד, אויסגעגלײַכט עס, פאַריכט דאָרטן, ווו ס׳האָט זיך אָפּגעשאָטן, געבראַכט אַן עמער וואסער פון דער קאָלאָנקע, באַגאָסן די בלומען, געפּאַרקעט זיך באַם טירל פונעם צאַם, פארפּעסטיקט עס, פאַרדרייט גוט מיט א דרעטל, ס׳זאָל ניט שטיין אָפן און ניט זײַן העפקער. דאָס פּאָנעם אירס איז בייסמײַסע געווען רויט, אָנגעשטרענגט, די אויגן — טרוקן.

דאָרטן, באַם קייווער פון איר געליבטן, האָט זי אין איינעם א טאָג זיך געטראָפן מיט זײַן מישפּאָכע. עס איז געווען דער ערשטער יאָרצײַט נאָך זײַן טויט, און עס זײַנען געקומען דאָס ווײַב מיט די קינדער. זיי האָבן פאַרווונדערט אָנגעקוקט די פרעמדע, לאַכלוטן אומבאַקאַנטע פרוי, וואָס ברענגט אין אָרדענונג דעם צאַם... און זי, נינע, האָט זיך אויך אײַנגעקוקט אין זיי. זי האָט זיי נאָך קיינמאָל ניט געזען, און ס׳האָט זי פאַרכידעשט, וואָס די פרוי איז אַזאַ שיינע, א הויכע, מיט ראָזעווע באַקן, א ביסל האָבן זי נאָר געפּאַטערט די ברילן, א מאַנצבל מאַכן אַמאָל די ברילן שענער, פײַנער, א פרוי — קיינמאָל ניט. דערצו זײַנען זיי געווען, די ברילן, מיט צו א ברייט דוהעלע איבער דער נאָז. זי האָט זיך אײַנגעקוקט אין די ייִנגלעך. דער ייִנגערער, מישקע, איז געווען אינגאַנצן ענלעך אַף אים.

— מיר האָבן צוזאַמען געאַרבעט אין „גיפּראָמעז", ער איז געווען אַזאַ כאָשעווער מענטש, דער גאַנצער אינסטיטוט האָט אים ליב געהאַט, — האָט נינע נאָך א ווײַלע פאַרלוירנקײַט געפונען וואָס צו זאָגן.

און א מאָדנע זאַך: איר איז מיטאַמאָל געוואָרן גרינגער אפן האַרצן. פינף גליקלעכסטע יאָרן האָט זי געוווּסט יעדע קלייניקײַט, וואָס עס קומט פאָר אין דער דאָזיקער מישפּאָכע, איצט וועט זי ווידער אײַנשטעלן א פאַרבינדונג... מישקע איז אויסגעוואַקסן פון זײַן מאַנטל — דאָס זעט מען, ער דאַרף א נײַעם, זי קאָן עס אים קויפן. זי וואָלט אויך געקאָנט אויסשטריקן פאַר אים א פּאָר הענטשקעס. זי האָט געדאַנקלעך אַראָפּגענומען פון מישקעס האַנט א מאָס. זי האָט אפן שפּאָרביכל א סומע געלט, און זי וואָלט געקאָנט פון צײַט צו צײַט זיי מיט עפּעס העלפן. א מישפּאָכע אָן א טאַטן ניטיקט זיך...

אָבער די אַלמאָנע מיט די באַברילטע אויגן האָט שוין אויפגעכאַפּט אין נינעס אויסדרוק און אין איר האַלטונג עפּעס אַזעלכס, וואָס האָט זי אָנגעשפּיצט. א געדאַנק, ווי א בליץ, האָט א שניט געטאָן אין מויעך און אַנטפּלעקט דאָס, וואָס עס איז ביז איצט געווען פאַרהוילן און אומגלייבלעך. די טרערן האָבן זיך טייקעף אויסגעשעפּט, דאָס פּאָנעם איז געוואָרן אָנגעצונדן פון קאַס און גרימצאָרן, זי איז ערגעץ אַוועקגעלאָפן און געקומען צוריק מיטן שוימער, אונטערוועגנס הייס אײַנטײַנענדיק מיט אים.

דער אַלטער שוימער האָט איידל גענומען נינען פאַר א האַנט, אַרויסגעפירט זי הינטער דעם צאַם און פאָטערלעך געצייצעט:

— אויב איר האָט ניט קיין קייווער פון אַן אייגענעם, איז וויינט אַף די קוואָרים, וואָס זײַנען ניט אַרומגעצאַמט. ס׳איז אײַך דען ניט אַלציינס, ווו אויסצוּוויינען דאָס האַרץ?..

די בעסטע מיטיקן

לויט זײַן אײַנפאַכן כעזשבן נאָך, האָט רווון ליפמאַן אין מעשעך פונעם ביסל יאָרן, וואָס ער לעבט אַף דער וועלט, לעפּיערעך אופגעגעסן א צוואַנציק טויזנט מיטיקן. נאַטירלעך, מיטיקן מיט גילדענע יויכן, היִנערשע פּולקעס, געפילטע פיש זײַנען געווען ווייניקער פון צוואַנציק טויזנט. צווישן די פעטע מיטיקן, מיטיקן־יאַכסאָנים, מיטיקן־סימכעס, בייס דער יעיִצערהאָרעדיקער מאָגן, ווען וועלכן עס ווערט געזאָגט, אַז ווען ניט ער, דער זוילעלוועסויוועניק, וואָלטן מענטשן געגאַנגען אָנגעטאָן אין גאָלד, איז שוין אַזוי אָנגעזעטיקט, אַז די אויגן ווילן מער ניט קוקן אַף די פאַרגעניגנדיקע מײַכאָלים, וואָס ווערן נאָך און נאָך דערלאַנגט צום טיש, צווישן די פּאָרנעמלעכע, געהויבענע מיטיקן גייט א דיקער גרונטאָוונער שיכט פון וואַרמעסן וואָכעדיקע, געוויינלעכע. אַזוי־זיך מיטיקן. ניט יעדער טאָג איז יאָמטעוו. א הירזשענער זופּ, ווו די הירזשעלעך דאַרף מען יאָגן מיט א בײַטש, און א טרוקענע פּערלגרוי־

פּענע קאַשע „שראַפּנעל" האָט גאַנץ אָפּט אין די יונגע יאָרן אויך געהייסן אַ וואַרמעס. און אוואַדע איז אויך אַ וואַרמעס איצט, אַף די עלטערע יאָרן, אַ די־עטישער זופּ מיט אַ פּאָר פאַרבראָקטע סוכאַריקעס, אַ ניט־דערזאַלצענער און ניט־דערפּרעגלטער קאָטלעט און אַ גלאָז רויטע פּליסיקייט — „שיפּאָווניק", וואָס מע מוז אויסטרינקען, ווײַל אַזוי הייסט דער דאָקטער. דער עמעס איז, אַז אַף די עלטערע יאָרן בענקט זיך ניט אַזוי נאָך אַ גרויסאַרטיקן וואַרמעס, ווי דאַפקע נאָך אַ פּאָשעטן — אין דער סטודענטישער גאָרקיך, וווּהין מע לויפט אַרײַן, מע פאַרכאַפּט צוזאַמען מיט נאָך דרײַ באָכערימלעך פון דײַן קורס אַ טישל, פאַר אַ צען מינוט פאַרטיקט מען זיך אָפּ מיט די געריכטן און, ניט געדענקענדיק, וואָס מע האָט אײַנגעשלונגען, פליט מען אַרויס אין גאַס.

אַזוי צי אַנדערש, נאָר פון די יאָמטעוודיקע, וואָכעדיקע, פליישיקע, פּאַרעווע מיטיקן, וואָס רוווּן ליפּמאַן איז זויכע געווען ווען־עס־איז צו עסן, האָבן אים מער פון אַלע אַנדערע זיך פאַרגעדענקט בעסאַכאַקל דרײַ. איינער אַ מיטיק איז געווען אַפן פראָנט, אין טיפן האַרבסט 1941, הינטער מאָסקווע, ווען דער באַטאַליאָן, וווּ רוווּן האָט געדינט, האָט צוויי מעסלעס ניט געזען די פעלד־קיך אין די אויגן און מע איז אָפּגעקומען מיטן טרוקענעם פּאַיאָק. דעם באַטאַליאָן האָט מען דאַן עקסטרע אַריבערגעוואָרפן אין אַ וועלדל, וואָס האָט געפירט צום „נייטראַלן פּאַס" — אַ דורכגעווייקט שטיק פעלד, הינטער וועלכן עס זײַנען געווען די דײַטשישע טראַנשייעס. אין אָוונט, געציילטע מינוטן פאַרן אָנהייב פון דער אַטאַקע, ווען מע האָט שוין געדאַרפט אַרויסגיין פונעם וועלדל, זיך לייגן און נעמען קריכן איבערן פעלד אײַנצונעמען די דײַטשישע טראַנשייעס, האָט רוווּן זיך אָנגעשטויסן אַף אַ בידאָן, וואָס די פעלד־קיך האָט אומבאַוווּסט ווי־אַזוי און פאַרוואָס דאָ איבערגעלאָזט. אין אַזעלכע בידאָנען האַלט מען, געוויינלעך, מילך, אָבער אַפן פראָנט פירט מען אין זיי זופּ און קאַשע. דאָס דעקל איז געווען אופגעעפנט, און רוווּן האָט אַרײַנגערוקט דעם קאָפּ אינעם ניט־ברייטן העלדזל אַ קוק צו געבן אינווייניק. ער האָט נאָר געזען אַ פינצטערן כאָלעל. עס האָט אָבער גוט געשמעקט, אַ וואָרעמער, פאַרדומפּענער רייעך האָט געדיכט געשלאָגן פון די נאַקעטע ווענטלעך. מיט דער האָפענונג עפּעס פאָרט אַרויסצוקריגן פונעם דעק האָט רוווּן גענומען דעם הילצערנעם לעפל, וואָס איז שוין צוויי טעג ניט געווען אין געברויך און אָן נוצן געשטעקט פון אויבן אין דעם וויקלשנור אַפן לינקן פוס, און אים מיט דער גאַנצער האַנט, ביזן אַקסל, אַראָפּגעלאָזט אין די בידאָן־אינגעווייידן. אַפן דעק זײַנען נאָך געווען אויצרעס! יעדעס מאָל האָט דער לעפל, אַ געזונט אין אים, אַרויסגעבראַכט פונעם פינצטערן כאָלעל אַף דער ליכטיקער וועלט אַ נײַעם מאַיאָנטעק פאַרלעגערטע, צוגעברענטע, עטוואָס זויערלעכע הריקענע קאַשע, איבערגעמישט מיט שטיקלעך רינדן־פלייש. ער האָט דאַן, רוווּן, געמאַכט די עמעסע סודע. אַ גליק נאָר, וואָס בייס דער אַטאַקע האָט די קויל געטראָפן ניט אין בויך, זי וואָלט דאָרטן געבליבן שטעקן, אין דער הריקע, ווי אין אַ פעסטונג.

דער צווייטער וואַרמעס, וואָס האָט זיך זייער גוט פאַרגעדענקט רוווּענען, איז געווען אַפן ווײַטן צאָפן, אין נאַרימער קרײַז, נאָך אַ לאַנגער נעסיִע אַף אַ קליינער טײַך־שיף, וואָס מע רופט זי „פּאָוזאָק". זי איז געשוווּמען, די שיף, צווישן אומענדלעכע הוילע ברעגן, הינטער וועלכע עס האָט זיך געשפּרייט אויך פּונקט אַזאַ אומענדלעכע טײַגע מיט נידעריקע ביימער, וואָס קריגן ניט גענוג וואַרעמקײַט און ליכט פון דער זון אין הימל און ניט גענוג זאַפטן פון דער ערד, קעדיי אויסצוּוואַקסן ברייטער און מעכטיקער. אַף די זעלטענע קליינע האַפנס זײַנען געלעגן אָנגעזעגטע קלעצלעך האָלץ, וואָס די פּאַסאַזשירן האָבן געהאָלפן אַרופטראָגן אַפן פּאָוזאָק. אין ערגעץ איז ניט געווען קיין זייכער פון אַ בופעט אָדער אַ מאַרק. דאָס ביסל שפּײַז, וואָס רוווּן האָט געהאַט מיטגענומען, האָט זיך אויסגעלאָזט אַפן דריטן מעסלעס פון דער נעסיִע, און די רײַזע האָט געדויערט פינף מעסלעס. דערפאַר האָט ער דערנאָך אין שטוב, באַ זײַנער אַ קרויווע, צו וועלכער ער איז אַראָפּגעקומען צוגאַסט, זיך געלאָזט ווילגיין. מע האָט אים טאַקע אופגענומען מיט אָן אָפענער האַנט, אָנגעהאָדעוועט מיט אַלץ, וואָס מע האָט פאַרמאָגט — אַוועקגעשטעלט אַפן טיש אַ טאָפּ קאַרטאָפליעס און אַ טעפּעלע ליאַרד. די קאַרטאָפליעס זײַנען געווען אייגענע, אויסגעכאָוועטע און אַראָפּגענומענע פונעם קאָלעקטיוון גאָרטן אַפן צווייטן יאָר פון דער מילכאָמע. דאַפקע דאָ, אַפן אָרעמען זאַמדיקן באָדן, וואַקסן זיי גוט, און זיי האָבן נאָך די מײַלע, וואָס זיי צעקאָכן זיך גלײַך און די יויך איז אָנגעצויגן און באַטאַמט, מע דאַרף גאָר ניט אַרײַנלייגן קיין שום פעטס. רוווּנס קרויווע, וואָס האָט זיך עוואַקויִרט אַהער פון דאָנבאַס און איז שוין דאָ געוואָרן אַ שטיקל באַלעבאָסטע מיט אַ ווירטשאַפט, האָט געשײַנט, וואָס זי איז אימשטאַנד אים גוט אופצונעמען. זי האָט נאָר געבעטן:

— כאַפּ ניט, רוווּן, מע טאָר ניט, עס קאָן זיך לייגן אונטערן האַרצן. עס געזונטערהייט, וויפל דו ווילסט, נאָר פּאַוואָליע.

דער דריטער וואָרמעס האָט זיך איַינגעשניטן אין זיקאָרן אַפילע מער פון די ערשטע צוויי. אייגנטלעך, איז עס געווען ניט איין וואָרמעס, נאָר עטלעכע, א סעריע וואָרמעסן. אַלע טאָג גאַניידן, א זיסער כאָלעם אַף דער וואָר. רווון האָט זיי געגעסן, די דאָזיקע מיטיקן, אויך טאַקע דאָרטן, אינעם זעלבן צאַפּנדיקן קאַנט, אין איינעם פון די ברייט צעוואָרפענע ראַיאָנען, ווו ער איז אָנגעקומען אַרבעטן אין דער ראַיאָנישער צײַטונג «Наш Север»[1].

ער איז געווען דער איינציקער מאַנצבל אין דער רעדאַקציע און אין דער דרוקערײַ, און ער האָט זיך באַמיט ניט צו פאַרלירן אין די אויגן פונעם פרויען־קאָלעקטיוו — פון דער שטרענגער רעדאַקטאָרשע, פון דער מילדער סעקרעטאַרשע און פון די צוויי טײַערע מיידלעך, ליוסיע און דוסיע, וואָס איינע פון זיי איז געווען א זעצערן, די אַנדערע א דרוקערן. ער האָט אָן א שיר געשריבן, געשאָטן מיט נאָטיצן, אַרטיקלען, פאַרצייכענונגען, פעליעטאָנען. אַפילע לידער און עפּיגראַמען געשריבן. כוץ דעם, האָט ער נאָך אויך געדרוקט דעם טיראַזש פון דער צײַטונג — געדרייט מיט דער האַנט די ראָד פון דער מאַשין. די מיטאַרבעטערנס זײַנען געווען אַנציקט פונעם סאָלדאַט, דעם פראָנטאָוויק, מיטן אַרופגעניייטן אַף דער גימנאַסטיאָרקע געלן פּאַסיקל, וואָס באַטײַט, אַז ער איז געווען פאַרווונדעט. עס האָט זיי נאָר געקימערט, וואָס ער איז עפּעס שטאַרק מאָגער און פאַרזיכט זיך ניט, דער סאָלדאַט. די באַקן זײַנען איַינגעפאַלענע, דער רימען האַלט זיך קוים אַפן בויך. זיי האָבן אים געפּרווט אונטערהאָדעווען — אַלעמאָל איַינגעלאַדן צו פאַרזוכן עפּעס פון דעם, וואָס זיי ברענגען פון דער היים. אַמאָל איז עס א געשמאַקע זאַך, א שטיקל אייגן געבעקס, אויסגעפּאַרטיקט אַף מאַרגאַרין. ער איז זיך מעכײַע געווען, געזאָגט א דאַנק, און... געבליבן הונגעריק.

די צאָרע איז געווען, וואָס וויַיט ניט יעדן טאָג איז אים אויסגעקומען עסן וואָרמעס. ער איז דאַפקע געווען צוגעפּעסטיקט צו דער גוטער גאָרקיך פונעם פיש־קאָמבינאַט, אָבער אָפּט האָט ער דורכגעלאָזט די מיטיק־צײַט און פלעגט אַהין אַראָפּקומען, ווען די טיר איז שוין גע־ווען פאַריגלט און דורכן פענצטער האָט מען בלויז געזען, ווי די שטולן, מיט די פיסלעך אַרויף, שטייען אַף די טישן און די אופראַמערן יאָגט די נאַסע שמאַטע איבערן אָנגעטראָטענעם דיל אין דעם ליידיקן עס־זאַל.

מיט דער צײַגעניש אין קעשענע, אַז ער איז א קאָרעספּאָנדענט, פאָרט ער, שווימט ער, פליט ער איבער די דערפער און יישווים פונעם גרויסן צעוואָרפענעם ראַיאָן, וואָס האַלט אַזוי די גרייס, ווי אַן אַנדער מעלוכע. קעדיי דערגרייכן צו די וויַיטערע פונקטן, קומט אים ניט זעלטן אויס נאָכן שווימען מיטן פּאַוזאָק אַרײַנזעצן זיך אין א מאַשין, פון דער אַריבערקריכן אַף א פור, און ערשט דערנאָך מיט וואַלד־סטעזשקעס, וועלכע זײַנען ערטער־וויַיז פאַרוואַלגערט מיט אומגעפאַלענע און איבערגעבראָכענע ביימער, זיך דערקלײַבן צופוס צו א יישעוו. אין די שטיבער, ווו ער קומט אַרײַן, לייגט מען אים פאַר ניט זעלטן עפּעס צובײַסן, לעכאָלהאָפּאָכעס אויסטרינקען א גלאָז טיי, אָבער רווון זאָגט זיך איידל אָפּ. ער האָט שוין צוגעביסן, ער האָט שוין געטרונקען. ווי זשע אַנדערש זאָל ער זאָגן? אַז א שטיקל צוקער גיט מען אַרויס אַפן קאַרטל, יעדעס פּיצל ברויט איז פון עמעצנס א כיילעק. פאַרקערט, ער פילט זיך שולדיק, וואָס ער האָט ניט אין דער קעשענע עטלעכע צוקערקעס מעכאַבעד צו זײַן די קינדער, וואָס ווו ער גייט ניט אַרײַן אין א שטוב, נעמען זיי פון אים ניט אַראָפּ די אויגן, טרעטן ניט אָפּ פונעם טיש, באַ וועלכן ער זיצט און שרײַבט עפּעס אין בלאָקנאָט. אַלץ נעמט זיך, דעריקער, פון זײַן צעטראַגנקײַט, ער פאַרגעסט פאַרן אוועקפאָרן רעאַליזירן די טאַלאָנעס פונעם קאַרטל, אָדער עס איז טאַקע ניטאָ קיין צײַט און ער פאַרלאָזט זיך, אַז ער וועט עס טאָן שפּעטער, אינעם אָרט, וווהין ער וועט קומען.

אין איינעם א פרימאָרגן, ווען רווון איז געקומען אַף דער אַרבעט אין רעדאַקציע, האָט די רעדאַקטאָרשע אים באַגעגנט מיט א ליבלעכן און גוטהאַרציקן שמייכל, וואָס האָט גערעדט וועגן דעם, אַז זי האָט שוין געוואָרט אַף אים און זי וויל אים וואָס גיכער אונטערטראָגן א גוטע נײַס, מאַכן אַן אָנגענעמענעם סורפּריז. די מילדע, כיינעוודיקע סעקרעטאַרשע און די צוויי ליבע מיידלעך פון דער דרוקערײַ זײַנען געשטאַנען באַ דער רעדאַקטאָרשעס טיש. וויַיזט אויס, זיי האָבן שוין געוווּסט, וואָס פאַר א נײַס און וואָס פאַר א סורפּריז ס'איז צוגעגרייט, און זײַנען געווען דערפון צופרידן — דאָס האָט מען אַרויסגעזען פון זייערע שײַנענדיקע פּענעמער. איצט האָבן זיי נאָך געוואָלט זען, וואָס פאַר אַן אײַנדרוק דאָס וועט מאַכן אַף אים.

— מיר האָבן פאַר דיר אַן אויסגעצייכנטע קאָמאַנדירונג, — האָט יעלענע מיכײַלאָוונע, די רעדאַקטאָרשע, זיך געווענדט צו רווונען, — מע דאַרף אָנשרײַבן א קאָרעספּאָנדענץ וועגן

---

[1] „אונדזער צאָפן".

דער בעסטער גאָרקיך אין ראַיאָן, זי געפינט זיך גראָד אין א פאַרוואָרפענעם וואַלד־יִישעוו פונעם „לעספּראָמכאָז“. ווּעסט אהין צופאָרן, אָנשרייַבן אַן ארטיקל, און דערמיט וועלן מיר אָנהייבן אין דער צייַטונג א גרויסן קאמף פאַר הויך־קוואַליטאטיווער געזעלשאפטלעכער דערנערונג, מוסטערהאפטער באַדינונג און סאַניטאַרן צושטאנד. כּוץ דעם, — האָט זי צוגעגעבן שוין ניט אָפיציעל, נאָר מיט היימישקייַט, — ווּעסטו זיך דאָרטן פאַריכטן. עס איז אהין געפאָרן א טוער פונעם אויספירקאָם, האָט ער זיך אומגעקערט ווי פון א קוראָרט, ער זאָגט, אַז די מיטיקן אין דער גאָרקיך זייַנען גאָר אַן אנטיק... מעגסט זיך דאָרטן פאַרהאַלטן אף א וואָך אָדער אפילע אף צען טעג, מיר יאָגן דיך ניט אונטער, מיר וועלן דאָ ווי־עס־איז אויסקומען...

דער נאָכאַנאַנדיקער „מיר“, וואָס האָט, געוויינלעך, ניט אַזוי אָפט זיך געלאָזט הערן פון יעלענע מיכייַלאָוונעס מויל, האָט אונטערגעשטראָכן, אַז די נעסיִע איז באַטראַכט און באַוויליקט געוואָרן דורך אַלע מיטאַרבעטער, עס איז א קאָלעקטיווער ווילן און באַשלוס. גופע באַ רוווענען האָט די פאַרשטייענדיקע יאַזדע גראָד ארויסגערופן קנאַפּע באַגייַסטערונג. פאָרן אין אויסרייַסעניש צוליב א מאַטעריאַל וועגן א גאָרקיך. ער האָט אפילע זיך געפילט אָנגערירט אין זייַן קאָוועד, וואָס מע קאָן אַזוי לייַכט אוועקשיקן און אויסקומען אָן דעם פאַרפאַסער פון פעליעטאָנען און פאַרצייכענונגען, אָן דעם הויפּט־דרייער פון דער ראָד באַ דער דרוק־מאַשין.

— פאָר, ווּעסט ניט האָבן קיין כאַראָטע, — האָט יעלענע מיכייַלאָוונע, באַמערקנדיק זייַן קווענקלעניש, אים אונטערגעמוטיקט.

— פאָר! — האָט אונטערגעהאַלטן די סעקרעטאַרשע יעווגעניע וואַסיליעוונע.

— אוואַדע פאָר! די מאַשין וועלן מיר אַליין דרייען! — האָבן געזאָגט ליוסיע און דוסיע פון דער דרוקערייַ.

אַז אַלע זאָגן, דאַרף מען פאָרן. אין א שאָ אַרום איז רוווען שוין געווען אין וועג. ער האָט זיך ארופגעכאַפּט אף א שיף, וואָס איז פּונקט אָנגעקומען אין האַפן און געשטאַנען סאַכאַקל א צען מינוט. אפן מערקל, ניט ווייַט פונעם האַפן, ווו באַ איין לאַנגן טיש שטייען עטלעכע פויערטעס און האַנדלען מיט דער סכוירע, וואָס זיי קלייַבן צונויף אין וואַלד, האָט ער געקויפט צוויי גלעזער קלייִנינקע, האַרטלעכע ווייַמפּערלעך, אריינגעשאָטן זיי אינעם שקאַרמיצל, וואָס ער האָט געמאַכט פון א צייַטונג «Наш север», און די קניִע אריינגעשטעקט אין א קעשענע אף צו שלעפן פון דאָרטן די זויערע יאַגעדעס און ווי־עס־איז שטילן מיט זיי דעם הונגער. אויך דאָס מאָל האָט ער ניט באַוויזן צו קויפן עפּעס אף די קאַרטלעך.

אף מאָרגן, אין דער אַנדערער העלפט טאָג, איז די שיף בעשאָלעם צוגעשווומען צום וואַלד־יִישעוו. די בלויע שילד «Столовая»[1] איבערן פראָנטאָן פון אַן אויסגעצויגענער אין דער לענג ניט־געטינקעוועטער הילצערנער געבייַדע מיט א האַלב צענדליק גרויסע פענצטער קימאַט גלייַך פונעם פלאַכן דאַך ביז דער זאַוואַלינקע האָט רוווען נאָך דערזען, שטייענדיק אפן שיף־דעק. דער יִישעוו מיט דער קנאַפּער צאָל הייַזער און מיט דער שטוב פונעם יִישעוו־ראַט, אף וועלכער עס איז געהאַנגען א פאָן, און מיט דער גאָרקיך — אין צענטער, איז געלעגן אפן הויכן ברעג טייַך, ווי אף דער דלאָניע. די בלויע שילד האָט געווונקען, ווי א לייַכטטורעם. רוווען האָט שוין באַצייַטנס צוגעטראַכט א קעפּל פאַרן ארטיקל, וואָס ער וועט אָנשרייַבן: „קומט עסן צו אונדז, איר וועט בלייַבן צופרידן“. עס איז א ביסל צו לאַנג, דערפאַר אָבער האָט עס גוט אויסגעדריקט, וואָס עס האָט געפילט זייַן זינגענדיק האַרץ און דער זינדיקער הונגעריקער מאָגן. ער איז געווען הונגעריק, ווי א וואָלף. אָבער נאָכן אראָפּשטייַגן פון דער שיף האָט נאָך געדויערט א גאַנצער אָוונט מיט א גאַנצער נאַכט, ביז ער איז אריינגעקומען אין דער גאָרקיך, וואָס איז געשטאַנען אַזוי נאָענט צום ברעג.

טאַקע די זעלבע שיף, מיט וועלכער רוווען איז געקומען, האָט געבראַכט פּראָדוקטן, און דעם פאַרוואַלטער פון דער גאָרקיך האָט רוווען גלייַך געטראָפן אפן ברעג. יענער איז געקומען נאָך דער סכוירע און פאַריינעוועגס שוין אויך געהאָלפן זי אויסלאָדן. דער פאַרוואַלטער איז געווען זייער א הויכער, מיט א טונקל פּאָנעם און א ברייטן נאַקעטן שטערן מיט א רויטן פּאַס אינמיטן — פונעם דאַשעק פון דעם היטל, וואָס ער האָט איצט בייסן טראָגן די קאַסטנס און די זעק, אראָפּגעוואָרפן פון קאָפּ. געווען איז ער אַזוי מאָגער און דאַר, ווי רוווען, געהאַט לאַנגע דאַרע הענט מיט גרויסע טרוקענע אָדערן. ווען ער האָט גענומען אף דער פּלייצע א קאַסטן אראָפּצוטראָגן אים פון די שטיגן, וואָס מע האָט אריבערגעוואָרפן פון דער שיף צום ברעג, האָט זיך געדוכט, אַז די הענט זייַנע וועלן זיך איבערברעכן, ווי שטעקנס. רוווען האָט אויך זיך אייַנגעשפּאַנט און גענומען העלפן טראָגן. מער קיין מאַנצבלען האָט מען ניט געזען, און די ווייַבער זייַנען, אפּאָנעם, געווען פאַרנומען אף דער קיך.

---

[1] גאָרקיך.

פאַרמאַטערטע, קוים שלעפנדיק די פיס, האָבן רווון און דער פּאַרוואַלטער פּאַרענדיקט די אַרבעט שוין שפּעט אין אָונט, האָבנדיק באַוואָרנט די פּראָדוקטן אין אַ ספּעציעלער קאַמער אויפן האַפן, קעדיי מאָרגן, ווען עס וועט זיין אַ מאַשין, זיי איבערפירן אין דער גאָרקיך. דערווייל האָט דער פּאַרוואַלטער איינגעלאַדן דעם גאַסט צו זיך אַהיים.

— קיין גאַסטיניצע האָבן מיר דאָ ניט, — האָט ער געזאָגט צו רווענען, — וועט איר איבערנעכטיקן בא מיר.

ער האָט אים אַרייַנגעפירט צו זיך אין שטוב, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פּיצינקן פירהויז און אַן איינציק קליין צימערל מיט אַ טיש, מיט צוויי שטולן באַם פענצטער און אַ שמאָל בעטל בא דער וואַנט. אויפן טיש איז געלעגן אַ קאָנטאָר־בוך, אַ כעזשבן־ברעט.

— מיר וואָלטן אוואדע געדאַרפט עפּעס איבערכאַפּן, — האָט דער פּאַרוואַלטער מיט אַ שולדיקער מינע זיך געווענדט צו רווענען, — אָבער בא מיר איז פייסעכדיק...

מע האָט זיך געלייגט שלאָפן אָן וועטשערע. דער באַלעבאָס האָט זיך געמאַכט אַ געלעגער אויפן טיש, און רווענען אָפּגעטראָטן דאָס בעט. רווון האָט זיך געפּרוווט אַן אַמפּער טאָן, ער וועט זיך לייגן אויפן טיש — ער איז ייִנגער און ער איז אַ סאָלדאַט און איז געוווינט צו קאָלערליי נאַכטלעגערס, נאָר ער האָט גאָרנישט ניט געפּועלט.

— איר זייַט בא מיר אַ גאַסט, — האָט געזאָגט דער באַלעבאָס, — און שפּאַרט זיך ניט. גענוג, וואָס איר לייגט זיך בא מיר שלאָפן אַ הונגעריקער.

ליגנדיק אויף די געלעגערס, האָט מען זיך צערעדט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פּאַרוואַלטער פון דער גאָרקיך איז אַ פּוילישער ייִד. ער איז אַנטלאָפן פון פּוילן, ווען די פאַשיסטן זייַנען אַהין אַריין.

— איר וועט פרעגן, וויאַזוי קום איך צו זיין אַ פּאַרוואַלטער פון אַ גאָרקיך? — האָט ער זיך אונטערגעהויבן און אָנגעשפּאַרט דעם עלנבויגן אויף דער כעזשבן־ברעט, וואָס איז געלעגן בא אים צוקאָפּנס. — אין דער היים איז בא מיר געווען אַ שטיקל רעסטאָראַציע — היימישע מיטיקן. בא אונדז האָבן זיך געשפּייַזט אַ צוויי־דריי סטודענטן, אַ פּאָר באַיאָרטע לייַט... געקאָכט האָט געוויינלעך דאָס ווייַב מייַנס, איך האָב נאָר אייַנגעהאַנדלט די פּראָדוקטן... דאָ, אין יישעוו, האָב איך וועגן דעם אַ פּלאַפּל געטאָן, און מע האָט מיך אַרויסגערופן אין ראַיִיספּירקאָם. ווייבאַלד איך האָב שוין אַ שטיקל דערפאַרונג... איך האָב זיך געגעבן דאָס וואָרט גאָרניט, קיין פענעצל ניט אַרייַנברענגען צו זיך אין שטוב, ס'זאָלן קיין איבעריקע רייד אַרום דעם ניט זיין. עס איז עפּשער אַ נאַרישקייַט, נאָר אַזוי איז רויִקער. די גאָרקיך אַרבעט דרייַ מאָל אין טאָג, און ס'איז מיר גענוג. עמעס, אייניקע מאָל, אַזוי ווי הייַנט, לעמאָשל, ווען מע פאַרהאַלט זיך ערגעץ, וועט מען דאָך פאַר מיר איינעם ניט פאַנאַנדערלייגן ווידער די קיך... איז אויך ניט געפערלעך. וואָלט געלעבט מייַן ווייַב, מייַנע קינדער, וואָלט איך אוואדע געדאַרפט...

אויף אַ צייַט איז ער אַנשוויגן געוואָרן, און רווון האָט געמיינט, אַז ער איז אייַנגעשלאָפן. ער, רווון אליין, האָט אייַנשלאָפן ניט געקאָנט, כאָטש ער איז געווען אויסערגעוויינלעך מיד. עס האָט שטאַרק געקלעמט דאָס האַרץ, און ווי נאָר ער האָט געכאַפּט אַ דרעמל, האָט עס אים גלייַך ווידער אופגעריסן און געצוווּנגען עפענען די אויגן. אין צימערל איז געווען פינצטער, בלויז אויף דער וואַנט האָט זיך געהוידעט עפּעס אַ ליכטיקער פלעק.

— אַך, סאַרע מייַכאָלים מיר פלעגן בא אונדז אין דער היים דערלאַנגען צום טיש, — האָט דער פּאַרוואַלטער נאָכן לאַנגן שווייַגן ווידער אָנגעהויבןריידן, — שאַבעס איז געווען שאַבעסדיקס, און יאָמטעוו איז דאָך אָפּגערעדט. איך דערמאָן זיך דעם טשאָלנט מיטן קוגל, וואָס מייַן כאַנעלע פלעגט אַרויסנעמען פונעם אויוון. די קונדן האָבן געלעקט די פינגער. יעדער קאַרטאָפליע איז צוגעברוינט, גלאַנצט פון אויבן און פון אונטן. דאָס פלייש איז ווייך, מע דאַרף גאָר ניט האָבן קיין ציין אויף צו צעקייַען, עס שלינגט זיך אַליין אַראָפּ. צום פאַרבייַסן פלעגן מיר דערלאַנגען געהאַקטע לעבער. מע דאַרף ניט מוירע האָבן אַרייַנצוגיסן אינעם לעבער אַ ביסל מער יויך. פון אַ גענדזל איז די יויך גוט, נאָר פון אַ הון איז בעסער, איידעלער. דערנאָך דערלאַנגט מען דעם טעלער יויך מיט פאַרפעלעך, אָדער מיט מאַצעלעך, אָדער מיט לאָקשן. ס'איז אויך ניט שלעכט, יעדעס לאָקשל איז געל, דורכזיכטיק, באַטאַמט. נו, און נאָך דער יויך קומט ערשט דאָס רעכטע געדיכטע — דאָס צווייטע הייסע געריכט, אַן עסיק־פלייש אָדער אפילו פּאַשעט אַ קאַשע פון רייַז אויף גענדזן־שמאַלץ מיט אַ שטיק ביילעק, אָדער מע שטעלט גאָר אוועק אויפן טיש אַ טאָפּ לאַטקעס — עסט, וויפל איר ווילט! אָדער מע דערלאַנגט וואַרעניקעס מיט קעז, זומער־צייַט מאַכט מען וואַרעניקעס מיט ווייַנשל. דאָ, בא מיר אין דער קיך, וועט איר, פאַרשטייט זיך, קיין וואַרעניקעס און קיין קרעפּלעך ניט האָבן, נאָר אַ געשמאַקן באָרשטש, צי אַ סופּ כאַרטשאָ, און אַ גוטע קאַשע מיט אַ שטיק סאָנדעק־פיש אָדער אַ גוליאַש, אַ שניצעל...

— כ'בעט אײַך, ווערט אנשוויגן! — האָט רוּוון זיך געבעטן ראַכמים, פּילנדיק די אַלע מײַכאַלים בא זיך אינעם טרוקענעם מויל.

— —

אַפּאַנעם, אַז דער מיטיק, וואָס רוּוון האָט „געגעסן", ליגנדיק יענע נאַכט אַפּן בעטל, איז טאַקע געווען דער בעסטער... אַ סימען — ביז איצט פּילט ער דעם טאַם זײַנעם אַף די ליפּן.

א טײַער היטל

אין דער סאַנאַטאָריע „די גאָלדענע פּאַווע" איז פאָרגעקומען אַ געשעעניש אָן און פאַר זיך ניט זייער קיין באַדײַטנדיקע, מע קאָן זאָגן, אַפילע אַ נישטיקע, אַזאַ, וואָס עס לוינט עפּשער גאָר ניט וועגן איר אַ סאַך צו ריידן, אָבער אין מעשעך פונעם קורצן ווינטערדיקן טאָג האָט מען אומעטום — אין דרויסן, בײַסן שפּאַציר, און אין די צימערן, און בא די טישלעך אין עס־זאַל באַהאַנדלט און ארומגערעדט דעם דאָזיקן קלײנינקן צופאַל, ניט געקאָנט פאַרגעסן וועגן אים. אינעם זאַטן, גוט־אײַנגערעגולירטן לעבן פון דער „גאָלדענער פּאַווע" איז ארײַנגעבראַכט געוואָרן אַן אופּרודערונג, וואָס האָט אַלעמען פאַרכאַפּט, — סײַ די, וואָס רוען אָפּ, סײַ דעם באַדין־פּערסאָנאַל, אָנגעהויבן פון דער גאַרדעראָבשטשיצע נאַסטיע און געענדיקט מיטן הויפּט־דאָקטער סעגאַלאָוויטש.

בא נאַסטיען אין גאַרדעראָב איז פאַרפאַלן געוואָרן אַ היטל. ניט קיין פּאָשעט היטל, נאָר אַ פוטערנס, פון גוטן אָנדאַטרע־פוטער, פון יענעם מין טײַערע, דעפיציטע היטלען, וואָס אַז מע טוט עס אָן אַפּן קאָפּ, ווערט מען ניט נאָר שענער, נאָר, דוכט זיך, אויך קליגער. ווו האָט עס געקאָנט אַהינקומען? עפּשער האָט עס ערגעץ זיך פאַרוואַלגערט און ס'וועט זיך נאָך אָפּזוכן, און עפּשער... נעכטן האָט מען אין דער סאַנאַטאָריע באַוויזן אַ קינאָפילם, דערנאָך זײַנען געווען טענץ, ס'האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אַ היפּש ביסל זײַטיקער אוילעם, — האָט עפּשער עמעצער אין דער אײַלעניש און טומלעניש פאַרביטן די יאָצרעס: אָנשטאָט דעם אייגענעם היטל פון ציגייקע צי פון הינטישער פעל אראָפּגעכאַפּט פונעם הענגער די מאַלכעסדיקע אָנדאַטרע. שולדיק איז, געוויינלעך, די גאַרדעראָבשטשיצע, נאַסטיע, וואָס טרויט אַלעמען, דאָס טירל פונעם גאַרדעראָב איז בא איר שטענדיק צעפּראַלט, מע קאָן פראַנק־און־פרײַ ארײַנגיין און נעמען, וואָס מע וויל. עמעס, ביז איצט איז נאָך קיינמאָל גאָרניט פאַרפאַלן געוואָרן. נאַסטיע האָט זיך דאָ רויִק געעלטערט, אינעם אָפּגעצאַמטן שטעטך, צווישן די הענגערס. זי געדענקט נאָך, ווען די מעטאַלענע נומערן האָבן נײַ געבלישטשעט און געפינקלט, איצט האָבן זיי פאַרלאָרן דעם גלאַנץ און זײַנען פאַרטונקלט, און פאַרטונקלט זײַנען אויך געוואָרן נאַסטיעס אויגן — אָן ברילן זעט זי ניט. אָנדערהאַלבן יאָר איז זי שוין אַ פּענסיאָנערקע, נאָר דער דירעקטאָר פון דער סאַנאַטאָריע האָט זי געבעטן ניט אַוועקגיין פון דער אַרבעט, און זי איז גערן מאַסקים געווען. אין סאַנאַטאָריע איז ריין, וואַרעם, דער אוילעם איז אַ קולטורעלער, אַ ליבלעך־פרײַנטלעכער, אַמאָל פאַרזוכט מען אויך עפּעס פון די דעליקאַטעסן, מיט וועלכע מע האָדעוועט די קוראָרטניקעס, נו, און ס'גייט אַ געהאַלט, די פּענסיע, קומט אויס, איז אַזוי ווי אַ צווייענדיקע. גיי ריכט זיך גאָר אַף אַזאַ ביטערער אומאָנגענעמלעכקײַט, אַף אַזאַ וויסטער געשעעניש — עס זאָל פאַרפאַלן ווערן אַ זאַך פונעם גאַרדעראָב!

די אַלטע נאַסטיע צוזאַמען מיט דער יונגער מעדשוועסטער וואַליע, וואָס איז איר געקומען צוהילף, האָבן נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל געזוכט און גענישטערט, איבערגעטאַפּט אַלע מאַנטלען און אַלע היטלען אַף די האָקנס, אַלע כפייצים, וואָס זײַנען פאַרוקט אין די אָנגעשטעלטע קעסטלעך, דורכגעזיפּט מיט די אויגן יעדער ווינקעלע אינעם גאַרדעראָב און אויך אויסער אים, אינעם וועסטיביול, טאָמער איז עס פאַרטראָגן געוואָרן אַהין...

בײַסמײַסע איז דער באַלעבאָס פונעם פאַרפאַלן־געוואָרענעם היטל, באָריס זאַכאַראָוויטש, געשטאַנען לעבן גרויסן שפּיגל באַם גאַרדעראָב און געקוקט אַף זײַן נאַקעטן קאָפּ, וואָס ער האָט אים שוין געוואָלט וואָס גיכער פאַרדעקן, קעדיי ארויסגיין אַפּן פרימאָרגנדיקן שפּאַציר. דער מאַנטל מיטן ברייטן פוטערנעם קאָלנער איז שוין געווען אַף אים. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ גראָב צוויַיגל, וואָס מע קאָן ניט כוישעד זײַן, אַז ס'דאַרף דינען אַלס אָנשפּאַר פאַר

אָפּגעשוואַכטע פּיס. ס׳איז א ווויליונגעריש שטעקעלע, וואָס שטרײַכט אונטער די ספּאָרטיווע פאָרם פונעם מענטשן, וואָס טראָגט עס. באָריס זאַכאַראָוויטש איז א פּיאַניסט, אָבער דאָס פּאָנעם איז בא אים ניט בלייך, ניט אויסגעיידלט, ווי ס׳מאַכט זיך בא מענטשן פון זײַן אַרטיסטישן פאַך, — ס׳איז רויט, געזונט. א פרישע געזונטע רויטקײַט באַדעקט די ברייטע באַקן. די הענט זײַנען באַלמעלאָכישע — גרויסע דלאָניעס מיט גראָבע אָדערן. עמעס, די פינגער זײַנען קורצע. ס׳איז א כידעש, וויאַזוי ער נעמט מיט זיי גרינג די אָקטאַוועס, זיי ציִען זיך עפּעס דאַן אויס, די פינגער, אַזוי ווי גומענע.

א פּיאַניסט איז באָריס זאַכאַראָוויטש אַן אויסגעצייכנטער. ער טרעט אָפּט ארויס אַף קאָנצערטן, און שטענדיק מיט גרויס דערפאָלג. דאָ, אין סאַנאַטאָריע, האָט ער שוין אויך דעמאָנסטרירט זײַן קונסט. אַנומלטן, פאַרן אָוונט־ברויט, איז ער ארײַן אין זאַל, ווו עס שטייט דער ראָיאַל, אַן איבערגעדעקטער מיט א שווארצן טוך, אַזוי ווי א באַרמינעץ, ער האָט פּאַוואָליע אראָפּגענומען דעם טוך, אופגעעפנט דאָס אונטערשטע דעקל און די אייבערשטע דעק, ניט זיכער, ווי צום ערשטן מאָל אין לעבן, א קלאַפּ געטאָן מיט א פינגער איבער א ווײַסן קלאַוויש, א שווארצן קלאַוויש, און דערנאָך איז ער ארײַן אין דער ראָל. ער האָט געוואָלט מוזיצירן בלויז פאַר זיך, צוליב אייגענעם געַנוס און פאַרגעניגן, אַן אַרבעט טאָן מיט די הענט, א גלעט טאָן די אויערן מיט איינער פון די מעלאָדיעס, וואָס ליגן בא אים אויצרעסווײַז אין זיקאָרן און בעטן זיך, ער זאָל זיי אויסשפּילן. אָבער דער אָפּרוענדיקער אוילעם, א דערפרייטער, וואָס ער האָט ווו אהינצוטאָן די צײַט, האָט שוין באַקלעפּט דעם ראָיאַל. ווײַבאַלד אַזוי, האָט מען שוין ניט געקאָנט אָפּקומען מיט אַבי־וואָס. מע האָט געמוזט שפּילן לויט א געוויסער פּראָגראַם, אַזוי ווי אַף א קאָנצערט, פאַר צושויער. נאָך א ווײַלע טראַכטן האָט באָריס זאַכאַראָוויטש גענומען שפּילן טשײַקאָווסקיס „די צײַטן פון יאָר”.

דער וואַלד, א באַהאַנגענער און באַלאָדענער מיט הויפנס שניי אַף די צווײַגן; די וואָלגע, א פאַרקאָוועטע מיט אײַז, און הינטער איר, אַפן אַנטקעגנדיקן נידעריקערן ברעג, דאָס דערפל מיט די פאַרנעפּלטע פײַערלעך אַף די סלופּעס — די דאָזיקע שיינע, נאָר פאַרגליווערטע פּאַנאָראַם, וואָס האָט זיך געזען דורך די גרויסע פענצטער פונעם זאַל, האָט אַזוי ווי אופגעלעבט אונטער די הענט פונעם פּיאַניסט. אין זאַל און דאָרטן, אין דרויסן, האָבן געקלונגען די פּרעסט פון יאַנוואַר, ס׳האָבן געבושעוועט די ווינטן פון פעוורואַל, אויסערגעוויינלעך צאַרט האָבן זיך געבראָכן די טײַענדיקע אײַז־ליכטלעך, און מע האָט געהערט, ווי עס רינען אראָפּ און פאַלן די טראָפּנס אַפן ברוק אין כוידעש מאַרט.

דער הויפּט־דאָקטער סעגאַלאָוויטש, וואָס איז ארײַנגעקומען פון דרויסן אין וועסטיביול, אַן אופגעטראָגענער, וואָס מע האָט ניט באַשאָטן דעם וועג מיט זאַמד, ער האָט איצט שיר ניט געבראָכן לענד־און־רוקן אַפן גליטש, איז געוואָרן נאָך מער אופגעבראַכט, ווען ער האָט דערהערט, אַז מע טערעבענדזשעט אַפן ראָיאַל ניט אין דער געהעריקער צײַט. ער האָט שוין געוואָלט מאַכן א שטרענגע באַמערקונג דער דעזשורנע, וואָס זי דערלויבט אַזאַ העפקייריעס, נאָר ער איז געבליבן שטיין מיט א צעעפנט מויל, דערנאָך איז ער אַף די שפּיץ פינגער ארוף אַפן צווייטן שטאָק און ארײַן אין זאַל, אונטערהאַלטנדיק מיט צוויי פינגער דיברילן, אַקוראַט, ווי זיי וואָלטן געקאָנט אראָפּפאַלן פון פאַרוווּנדערונג: זינט דער ראָיאַל שטייט דאָ, האָט ער נאָך אַזעלכע קלאַנגען פון זיך ניט ארויסגעבראַכט.

אַף מאָרגן און אין די ווײַטערדיקע טעג האָט סעגאַלאָוויטש געהאַלטן באָריס זאַכאַראָוויטשן אַפן אופנאַם א שאָ נאָכאַנאַנד, ווידער אויסגעפרעגט, וויאַזוי ער פילט זיך אין געזונט, באַנײַס אים אויסגעטאַפּט יעדן אייווער. די דיִעט־שוועסטער, וואָס זיצט אין פּאָדערשטן עק פונעם עסצימער אַף א הויך בענקל, אַזוי ווי אַף א טראָן, א שטאַלטנע, א שלאַנקע, א מין פאַרקערפּערונג פון געזונטער שפּײַז און געזונטע מאָגנס, — האָט געוווּנדט אָפּטער, ווי אַף אַנדערע, איר וואַכזאַמען בליק אַפן פּיאַניסט, וועלנדיק טרעפן, צי איז ער צופרידן פון די געריכטן, וואָס מע דערלאַנגט אים; די אָפיציִאַנטקעס האָבן אים געשאָנקען זייערע מידע שמייכלען יעדעס מאָל, ווען זיי זײַנען צוגעקומען צו זײַן טישל מיטן אָנגעשטעלטן טאַץ. די קונסט, זאָגט מען, פּאָדערט קאָרבאָנעס, זי באַלוינט אָבער אירע טרײַע דינער מיט דער פולער האַנט. באָריס זאַכאַראָוויטש איז געוואָרן אין דער סאַנאַטאָריע דער פּאָפּולערסטער און געשעצסטער מענטש. דאַרף טרעפן, אַז גראָד זײַן היטל זאָל פאַרפאַלן ווערן. ער איז געשטאַנען באַם שפּיגל לעבן גאַרדעראָב, און זײַן אומגעדולד איז געוואַקסן צוזאַמען מיטן מיטגעפיל פון די אָפּרוענדיקע, וואָס האָבן גלײַך זיך דערוווּסט, טאַקע פון אים אַליין, וועגן דער אומאָנגענעמער געשעעניש. יונגעלײַט האָבן אים פאָרגעלייגט דערווײַל אָנטאָן, לויט זײַן אויסוואַל, וואָס פאַר א היטל זייערס ער וויל, זיי וועלן זיך באַגיין אַזוי אויך, זיי האָבן לאַנגע האָר. דער מאַסאָוויק האָט אים געגעבן אָנמעסטן זײַן וואָלן היטעלע מיטן רויטן פּרענדזעלע פון אויבן. באָריס זאַכאַראָ־

וויטש האָט עס ארופגעצויגן אפן קאָפּ, געכאַפּט א קוק אין שפּיגל און איז זיך אליין געפעלן געוואָרן. ער האָט אויסגעזען ווי א טערק, און א פּאָר מיידלעך, וואָס זײַנען געשטאַנען פון הינטן, האָבן א כיכיקע געטאָן, אזוי ווי מיידלעך קאָנען עס. באָריס זאכאַראָוויטש האָט מיט א דאנק אומגעקערט דאָס היטל מיטן פרענדזעלע דעם באַלעבאָס. ער האָט ווידעראַמאָל און באַנײַס, אזוי ווי א קינד, א טײַערער מיזיניק אין דער מישפּאָכע, וועמען מע האָט אומזיסט און אומנישט באַליידיקט און פארשאַפט אגמעסנעפעש, געווענדט זײַן פארכמורעטן בליק אַף נאַסטיען, און יענע איז דערבײַ גערן געווען לעבעדיקערהייט זיך באַגראָבן אין דער ערד, זי וואָלט אָפּגעגעבן דעם גאנצן גאַרדעראָב, ווען ער זאָל זײַן אירער, אז דאָס פארשוואונדענע היטל זאָל זיך אָפּזוכן.

— קאָלעגע, נעמט מײַנס! — האָט זיך דערהערט א קלינגענדיק קעלכל איבערן גאנצן וועסטיביול. — איך האָב נאָך צו מאכן א האלב צענדליק פּראָצעדורן, און עס שטייט מיר פּאָר צו בויערן די ציין באַם ציינדאָקטער... זײַט זשע מיר ניט מעקאַנע און שפּאַצירט דערווײַל אָן מיר, נאָר מיט מײַן היטל!

דער מענטש, וואָס האָט דאָס אויסגעשריִען, פּאווּעל אראָנאָוויטש, איז א לערער פון געזאַנג און איז אזויארום א שטיקל מעכוטן מיטן פּיִאַניסט. ער איז, פארשטייט זיך, ווייניקער פּאָפּולער און כאָשעווּ, איידער באָריס זאכאַראָוויטש, אָבער אים קענען אויך אלע אין דער סאַנאַטאָריע. א נידעריטשקער, מיט א היפּשן פּליך אפן קאָפּ און מיט א בײַכל, וואָס פארשוועריקט אים דעם גאַנג, איז ער דאָך אומעטום פול, שטענדיק זעט מען אים ערגעץ לויפן, טאָמיד הערט מען זײַן קלינגענדיק, א ביסל קוויטשיק, דין קאָל. ער נעמט אָנטייל אין אלע עקסקורסיעס, אין אלע פארווײַלונגען, טאַנצט מיט יונגע מיידלעך, פּאַלט דערנאָך אין אָנמאַכט אַף א שטול, שלינגט אײַליק אראָפּ א טאַבלעטקע און טאַנצט ווײַטער אָדער זאמלט צונויף ארום זיך א קרײַזל און דערציילט מײַסעס.

איצט איז פּאווּעל אראָנאָוויטש אוועקגעלאָפן אַף זײַנע קורצע פיסלעך צו די טרעפּ, וואָס פירן אראָפּצו אין גאַניידן־האַטאַכטן ארײַן — צו די הייל־וואַנעס, צו די בּיִאָ־שטראָמען, צו די צערטלענדיקע מאַסאַזשן, און נאַסטיע האָט, לײַכט אָפּעטעמענדיק, בייסמײַסע אראָפּגענומען פון א הענגער און דערלאַנגט באָריס זאכאַראָוויטשן א היטל אַף א האָר ניט קיין ערגערס פון דעם פארפאַלן־געוואָרענעם — פון גוט־אויסגעארבעטן הירשן־פוטער, אויך א ברוינס, מיט א שיינעם ברייטן פונפּאָרנט, מיט לאַנגע אויערן־לעפּלעך, פארבונדענע פון אויבן מיט די בענדלעך אין א שלייף.

דאָס היטל איז געווען מיט א נומער גרעסער, אָבער דאָס האָט ניט אויסגעמאַכט, אין דרויסן איז א פראָסט, און ס'איז אפילע בעסער, אז ס'לאָזט זיך אראָפּ א ביסל נידעריקער איבער די פּילבאַרע מוזיקאַלע אויערן. ביכלאַל האָבן אלע, און אליין דער פּיִאַניסט אויך, געפּאַסקנט, אז דאָס היטל פּאַסט אים זייער, און באָריס זאכאַראָוויטש איז מיט א גאַנצער קאָמפּאַניע אוועק שפּאַצירן, געגומען דורכמאַכן דעם טערענקור, וועלכער הייבט זיך אָן באַ דער טיר פון דער סאַנאַטאָריע, שלענגלט זיך אוועק איבער איין אליי, א צווייטער און פאַרקערעוועט אַף דער לאַנגער וואַלד־סטעזשקע, וואָס פירט ארויס צום פיניש — צום טײַך־ברעג.

דעם טערענקור האָט ער דורכגעמאַכט ניט איין מאָל, געקרײַזט ביז מיטיק־צײַט, האָבנדיק גאָר פארגעסן, אז דאָס היטל אפן קאָפּ איז ניט זײַנס. ער האָט זיך אָפּגעזונדערט פון זײַנע באַגלייטער און געגאַנגען אליין, אײַנזאַפּנדיק אין זיך דעם רייעך פונעם פרישן שניי, וואָס האָט באַפּערלט די צווײַגן פון די נאָדלביימער, — יעדעס נעדעלע איז, דוכט, ווי באַשאַפן געוואָרן ארופצושפּיזן אַף זיך וואָס מער אזעלכע פּערעלעך־שנייעלעך, — יעדער קלאַנג, וואָס האָט זיך געהערט אין וואַלד — א פּלוצעמדיקער אײַנבראָך פון א צווײַגל, א שאָרך קוים צו הערן פון א וועווערקע, וואָס איז פּלוצעם פארבײַגעשפּרונגען באַ די סאַמע פיס, אָן איבערוף פון איין פּיקהאָלץ מיט א צווייטן — ביידע האָרעפּאַשניקעס, איינער אַף זײַן בוים, דער צווייטער — באַ זיך דאָרט, ערגעץ אפן אַנדערן בוים, פּיקן, דויבען די פארגליווערטע קאָרע... — דאָס איז אלץ מוזיק, מע קאָן עס אלץ אויסשפּילן אַף די קלאַווישן, און באָריס זאכאַראָוויטשעס הענט אין די לעדערנע הענטשקעס באַוועגן זיך פון זיך אליין, און אַף די ליפּן הענגט דער אָנהייב פון עפּעס א מעלאָדיע. ער איז ניט נאָר א פּיִאַניסט, נאָר אויך א קאָמפּאָזיטאָר. עמעס, אפן דאָזיקן געביט גליקט אים ניט אזוי, ער האָפט נאָך אָנצושרײַבן זײַן קרוין־ווערק, וואָס וועט אלעמען דערשיטערן. עפּשער איז אים באַשערט דאָס דאָזיקע ווערק טאַקע אָנשרײַבן אָט דאָ, אין סאַנאַטאָריע...

באָריס זאכאַראָוויטש האָט שפּאַצירט און געטרוימט, און דער אייגנטימער פונעם היטל, פּאווּעל אראָנאָוויטש, איז דערווײַל געזעסן אינעם וועסטיביול אין א טיפער לעדערנער שטול און געוואַרט. ער האָט אויך געוואָלט ארויסגיין אָן עטעם טאָן מיט פרישער לופט, אָטכײַען

די נעשאָמע נאָך די פּראָצעדורן און נאָכן ציינדאָקטער. קיין גרויסן אומגעדולד האָט ער ניט ארויסבאוויזן, דער טערענקור וועט ניט אנטלויפן. עס האָט אים אימפּאָנירט, וואָס גראָד זײַן היטל האָט אויסגענומען באַם בארימטן פּיִאַניסט, און ס׳האָט אים אויך, קענטלעך, האנאָע געטאָן, וואָס ער האָט הײַנט א פרישע טעמע וועגן וואָס צו ריידן. א האלבע סאנאטאָריע ווייסט פּאוועל אראָנאָוויטשעס פּילצאָליקע געשיכטעס, וואָס האָבן מיט אים פּאסירט אין לעבן. איצט האָט ארום אים זיך אויך פארזאמלט א גאנץ רעדל. אייניקע האָבן אויסגעהערט א געשיכטע און אוועק, אנדערע זײַנען אונטערגעקומען. פּאוועל אראָנאָוויטש האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו איין צוהערער, צו א צווייטן, א דריטן, קיינעם ניט אויסגעמיטן מיט זײַן אופמערקזאמקייט. צוויי צוהערער האָט ער געהאט שטענדיקע — די מעדשוועסטער וואליע, וועלכע איז געשטאנען און געלאנגווײַליקט זיך באַ איר אפּטייקל מיט פלעשלעך און פּראָשקעס אף די פּאָליצעס, און נאסטיע, וואָס איז געזעסן א פארזאָרגטע הינטערן באריער פונעם גארדעראָב באַ די מאנטלען.

— ווען עס זאָל ניט געווען טרעפן מיט מיר אן אומגליק אין דער קינדהײַט, — האָט פּאוועל אראָנאָוויטשעס קאָל זיך געטראָגן איבערן וועסטיביול, — כ׳זאָל ניט דארפן מוירע האָבן פאר א מינדסטער צוקילונג, וואָלט איך מײַן היטל, וויבאלד עס איז אים אזוי געפעלן געוואָרן, ביכלאל געשאָנקען באָריס זאכאראָוויטשן. זאָל ער האָבן אן אָנדענק פון מיר. מיר זײַנען דאָך קאָלעגן, אָבער איך דארף זיך היטן פאר א צוקילונג, ווי פאר א פײַער... געטראָפן האָט מיט מיר קינדווײַז אָט וואָס. אײנמאָל פארנאכט גיי איך מיט א מיידעלע פון מײַן קלאס זיך גליטשן אף שליטלעך. מיר קלעטערן ארוף אפן שפּיץ בארג, און — טרראָך! — פאלן ארײַן אין א וואלפישער גרוב, וואָס מאזיקים האָבן אויסגעגראָבן און פארדעקט מיט צווײַגלעך, מע זאָל זי ניט זען. מיר ווילן זיך ארויסקאראבקען, איז ניטאָ באַ וואָס זיך אָנצוכאַפּן, און פון אויבן פאלן אף אונדז הליבעס שניי, אָט־אָט ווערן מיר פארשאָטן אינגאנצן. מיר שרײַען, וויפל עס סטײַעט קויעך. ווי אף צולאָכעס זײַנען אלע קינדער זיך שוין צעגאנגען. אף אונדזער מאזל איז אונטערגעקומען אן עלטערע פרוי און אונדז ארויסגעשלעפּט. מיר האָבן נאָך גוט אָפּגעשניטן — סאכאקל מיט א לונגען־אָנצינדונג און מיט רעוומאטיזם... גיט מיר, ביטע, וואליעטשקע, א טאבלעטקע... די שטים מײַנע, וואָס פאר איר האָבן אלע מײַנע אייגענע איבערגעלעבט מער, ווי פאר אלץ, — האָט ער פאָרגעזעצט דערציילן נאָכן אײַנעמען די טאבלעטקע, — די שטים איז דאפקע געבליבן, ווי פריִער, אָבער א כוידעש צײַט בין איך געווען הייזעריק... זינגען איז פון קינדווײַז אָן געווען באַ מיר דאָס גאנצע כיִעס. שוין אין ערשטן קלאס בין איך ארויסגעטראָטן אף אלע שול־אָוונטן, אף אלע קינדער־פרימאָרגנס, אָן מיר האָט זיך ניט אָנגעהויבן קיין איין קאָנצערט. די מאמע האָט געשעפּט נאכעס: א נײַער יאשע כייפעץ, א וווּנדערקינד. איך האָב פארענדיקט די שול מיט א „פינף” אף געזאנג. אלע מײַנע דרײַ קינדער זינגען אויך... מײַן כאָר טרעט ארויס אין נאָוואָסיבירסק און אין קראסנאָיארסק... ניט לאנג פאר מײַן קומען אין סאנאטאָריע זײַנען מיר ארויסגעטראָטן אין כאנטי־מאנסיִיסקער נאציִאָנאלן קרײַז. אגעוו, דאָרטן האָב איך טאקע געקראָגן דאָס דאָזיקע היטל מײַנס, וואָס איז דעם פּיִאַניסט אזוי געפעלן...

— ער וועט שוין באלד קומען, — האָט נאסטיע א זיפץ געטאָן און געגעבן א קוק אפן זייגער, וואָס האָט שוין געהאלטן באַ צוועלף. זי האָט זיך געפילט שטארק שולדיק, וואָס איבער איר קאָן א מענטש דעם גאנצן פרימאָרגן ניט ארויס אין דרויסן שפּאצירן.

— כ׳וועל נאָך האָבן צײַט צו שפּאצירן, — האָט פּאוועל אראָנאָוויטש זי בארויִקט. ער האָט א טראכט געטאָן, וואָס זאָל ער נאָך עפּעס דערציילן, צוגעפּאסט צום מאָמענט, און אָנגעהויבן א נײַע געשיכטע וועגן דעם, וויפל מאָל מע האָט אים באגאנוועט און וויפל מאָל ער האָט בלויז געמיינט, אז מע האָט אים באגאנוועט.

— דורכשניטלעך איין מאָל אין צוויי יאָר פרעמירט מען מיך מיט א פּוטיאָווקע. האָב איך דאָ־ניט־ווען אָפּגערוט אין אן ערשטקלאסיקער סאנאטאָריע. אומעטום — דעזשורנע. באַם ארײַנגאנג, אין די קאָרידאָרן, אף די שטאָקן, אין די וועסטיביולן. און שטעלט זיך פאָר: פארפאלן געוואָרן דער אָנצוג, אין וועלכן איך דארף זיך ווײַזן פאר מענטשן, ארויסטרעטן אף אָוונטן, טאנצן מיט דאמעס. איך האָב איבערגעראָיעט דעם טשעמאָדאן. א פּאָר הויזן און א פּידזשאק זײַנען, דוכט זיך, ניט קיין שפּילקע־קעפּל, נאָר איך זוך אין טשעמאָדאן, זוך אין דער שאפע, זוך אין בעט, אונטערן בעט — ניטאָ, און פארטיק! מײַנע שכיינים אין פּאלאטע — איינער אן אסטראָנאָם, א געלערנטער, דער צווייטער — א קוילנגרעבער, לאכן און פילן מיר מיט. דער אסטראָנאָם זאָגט, איך זאָל זוכן אפן הימל, דער שאכטיאָר — כ׳זאָל זוכן אונטער דער ערד. ערשט אין צוויי וואָכן ארום קומט מיר אָן א פּעקל און א בריוו. דאָס ווײַב אנטשולדיקט זיך פאר מיר. ס׳וווּנדערט זי ניט, שרײַבט זי, וואָס דו, איך, הייסט עס, האָב פארגעסן מיטצונעמען דעם אָנצוג, דו ביסט א צעטראָגענער מאלעך, אָבער וויִאזוי האָב איך, זי, הייסט עס, געקאָנט

פארגעסן אים מיטגעבן? פארצווייפּלט — האָט פּאַוועל אַראַנאָוויטש פאַרגעזצט אָן אָן איבער־רײַס, — האָב איך טאַקע אָנגעוווירן אַ ווערטפולע זאַך, וואָס איז ניט בענימצע. מע האָט זי באַ מיר צוגעגאַנוועט אפּדערעמעסן. איך האָב צוגעבייסן אין אַ קאַפּע־הויז און אפן ליידיקן בענקל לעם מיר אוועקגעלייגט אַ בוך — אַ פּראַכט, אָן אויצער פּאָלקסלידער, אַ זעלטענע אויסגאַבע מיט נאָטן. מע האָט עס מיר געשאָנקען אין קראַסנאָיאַרסק, און ס'איז געווען באַ מיר אַזוי טײַער, אַז איר זאָלט מיר זאָגן: נאָ דיר טויזנט רובל און גיב עס אָפּ, וואָלט איך עס ניט אָפּגעגעבן. אַזעלכס איז ניט צו קריגן. איך גיי אַרויס פון קאַפּע אָן אופגעלייגטער, עס איז מיר גוט אפן האַרצן, איך גיי און פּאַך מיט די הענט, איך דיריזשיר... ערשט ווען איך בין דורכגעגאַנגען די גאַנצע גאַס, דערפּיל איך, אַז עפּעס פעלט מיר אין דער האַנט, און איך כאַפּ זיך, אַז כ'האָב פאַרגעסן דעם בוך. כ'לויף אָף צוריק, טאַפּ דאָס ליידיקע בענקל... איבער גאַנץ קראַסנאָיאַרסק האָב איך אויסגעהאַנגען מעלדונגען, אַז כ'בעט אומקערן דעם בוך פאַר דער העכסטער באַלוינונג, נאָר דער גאַנעוו, ווײַזט אויס, איז אַליין אַ גוטער זינגער. קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן.

אָט אַזוי, אָן אופהער דערציילנדיק אײַן מײַסע נאָך דער צווייטער און פון צײַט צו צײַט אַראָפּשלינגענדיק אַ טאַבלעטקע, האָט פּאַוועל אַראַנאָוויטש געוואַרט אָף באָריס זאַכאַראָוויטשן. די ביבליאָטעקערשע פון דער סאַנאַטאָריע, וואָס כוץ דעם אַרויסגעבן ביכער צום לייענען, פּילט זי נאָך אויס אַנדערע פליכטן, קויפט, לעמאָשל, אײַזנבאַן־בילעטן פאַר די קוראָרטניקעס, וועלכע פאָרן אָפּ, איז דערווײַל עקסטרע נאָך פרישטיק אוועקגעפאָרן אין שטאָט און געבראַכט פאַרן געליטענעם פּיאַניסט אַ פּאַשעטע פּוטערנע קובאַנקע — ער זאָל האָבן כאָטש עפּעס־וואָס אָנצוטאָן אפן קאָפּ. נאַסטיע האָט דאָס נײַע היטל מיט אַ באַזונדערער פּאַרטיקײַט אוועקגעלייגט לעבן זיך: ווי נאָר באָריס זאַכאַראָוויטש וועט קומען, וועט זי עס אים איבערגעבן פון האַנט צו האַנט.

ענדלעך האָט דער פּיאַניסט זיך באַוויזן.

— וווּנדערלעך, צוויבערפּול איז הײַנט אין דרויסן! — באָריס זאַכאַראָוויטש האָט דערלאַנגט נאַסטיען דעם מאַנטל. ער האָט שוין געוואָלט אויך אויסטאָן דאָס היטל, נאָר פּלוצעם איבער־געקלערט. עס איז אים אַרײַן אין קאָפּ אַ פאַרשײַטער געדאַנק, וואָס איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז אַזאַ מענטש, ווי ער, וואָס איז באַ אַלעמען דאָ אַזוי כאָשעוו און הויך־געשעצט, מעג זיך אַמאָל, איין מאָל אין לעבן, פאַרגינען טאָן אַזעלכס, וואָס אַנדערע קאָנען בעשום־אויפן זיך עס ניט דערלויבן. אים וועט מען מוחל זײַן די קליינע זינד, וואָס ער וועט באַגיין. מע וועט נאָך עפּשער גאָר דערציילן וועגן דעם, ווי וועגן אַ קלוג שאַרפזיניק שפּיצל. ניט אומקוקנדיק זיך אָף קיינעם, בעסוכעם אויך אָף פּאַוועל אַראַנאָוויטשן, ווי ער וואָלט אים גאָרניט באַמערקט, האָט באָריס זאַכאַראָוויטש מיטן היטל אפן הויך־פּאַרי־סנעם קאָפּ גלײַך געלאָזט זיך גיין פונעם וועסטיביול צו זיך אין צימער. פּאַוועל אַראַנאָוויטש איז אַ פאַרווונדערטער אופגעשפּרונגען פון דער שטול, אים אָנגעיאָגט און שטומערהייט אופ־געהויבן די אויגן אַרופצו, ווי וועלנדיק, אַז נאָר מיטן בליק זײַנעם זאָל דאָס היטל אַריבערגע־פּעקלט ווערן פון יענעמס קאָפּ אָף זײַנעם. באָריס זאַכאַראָוויטש האָט זיך געמאַכט ניט ווויסנדיק.

— האָט איר, הייסט עס, שפּאַצירט? — האָט פּאַוועל אַראַנאָוויטש אַ פאַרלוירענער אַרויס־געמורמלט, קעדיי צו דערמאָנען וועגן זיך. — עס דאַרף טאַקע הײַנט זײַן זייער גוט אין דרויסן.

— פּרעכטיק! — האָט געענטפערט באָריס זאַכאַראָוויטש און געוואָלט גיין ווײַטער, ווי ניט אים מיינט מען.

— ס'איז שוין מיטיק־צײַט, — האָט געגעבן אָנצוהערן פּאַוועל אַראַנאָוויטש, — נאָר כ'וועל עסן מיט אַ האַלבער שאָ שפּעטער, כ'דאַרף נאָך אויך אָן עטעם טאָן מיט אַ ביסל אָזאָן.

— עטעמט געזונטערהייט.

— יאָ, אָבער...

— וואָס אָבער?..

— וואָס הייסט וואָס? דאָס היטל!

— עס איז אײַערס?

— ווענענס דען?

— אָך, יאָ, טאַקע אײַערס. כ'בין אײַך זייער דאַנקבאַר. אַ ווויל היטל. אָבער כ'וועל עס אײַך ניט אָפּגעבן...

— איר שפּאַסט אוודע. וואָס בין איך שולדיק, אַז אײַער היטל איז פאַרפאַלן געוואָרן?

— איר זײַט ניט שולדיק, אָבער איך בין אויך ניט שולדיק...

פאוועל אראַנאָוויטש האָט נאָכאמאָל זיך אײַנגעקוקט אין באָריס זאכאראָוויטשעס פּאָנעם. קיין שום אָנדײַט, אז דער מענטש זאָל שפּאסן, א פארשלאָסן געזיכט, אָן א סימען פונעם מינדסטן שמייכל.

— אָט האָט איר אָן אנדערס, אויך א גוט היטל, — איז אונטערגעלאָפן נאסטיע מיט דעם קובאנקעלע.

— אזעלכס טראָג איך ניט... — האָט באָריס זאכאראָוויטש אוועקגעמאכט מיט דער האנט.

— גוט. נעמט מײַנס, איך שענק עס אײַך, און זאָל עס אײַך זײַן אן אָנדענק! — האָט פאוועל אראַנאָוויטש אויסגעשרי͏ען מיט זײַן קלינגעוודיקן טענאָר אזוי גוטמוטיק, פונעם גאנצן הארצן, אז נאסטיע און די מעדשוועסטער, און אלע איבעריקע, וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט נאָכן סיכסעך, האָבן זיך צעלאכט.

אין עס־זאָל האָט מען דערנאָך פון אלע טישלעך געוואָרפן בליקן צום טישל, ווו עס זיצט דער פּיאניסט. ער האָט געפילט אף זיך די שפּאָטישע בליקן און פארלאָרן דעם אפּעטיט. ער האָט שוין כאראָטע געהאט אפן שפּיצל, וואָס ער האָט ארויסגעוואָרפן, אָבער ער האָט ניט געוווּסט, ווי כאפּן אף צוריק.

וועלנדיק יויצע זײַן פארן אוילעם און צוריקקערן די אכטונג צו זיך, האָט באָריס זאכא־ראָוויטש נאָך מיטיק זיך געזעצט צום ראָיאל און גענומען שפּילן. ער האָט געשפּילט בארקא־ראָלא, דעם ערשטן טייל פון דער לעוואָנע־סאָנאטע, דערנאָך איז ער אריבער אף פּאָפּולערע לירישע לידער. די קלאנגען האָבן פארפולט דעם אייבערשטן שטאָק, דעם אונטערשטן, ארײַנ־געדרונגען אין די צימערן, ארויסגעריסן זיך אין דרויסן. דער זאָל אָבער, ווו ער האָט געשפּילט, איז דאָס מאָל געווען פּוסט. בלויז די אָפּגעפּיטערטע קאץ פון דער סאנאטאָריע האָט זיך אײַנ־געמאָסטעט אף א דיוואן באם פענצטער און געדרעמלט. ווען באָריס זאכאראָוויטש האָט פארענדיקט שפּילן און ס׳איז געוואָרן שטיל, האָט די קאץ זיך איבערגעשראָקן און איז אנטלאָפן.

באָריס זאכאראָוויטש האָט נאָך פארבראכט אין סאנאטאָריע דרײַ טעג, אָבער די שטימונג איז שוין געווען בא אים א געפּאטערטע. אין א רו־שאָ, ווען אלע זײַנען געווען אין די צימערן, איז ער שטיל ארויס מיטן טשעמאָדאן, אײַליק זיך ארײַנגעזעצט אינעם קליי־נעם אוטאָבוס, וואָס קורסירט ביז דער סטאנציע. ער איז אוועקגעפאָרן פארן טערמין. און ווי נאָר ער איז ארײַנגעקומען צו זיך אין שטוב, האָט ער דאָס טײַערע היטל אראָפּגעריסן פונעם קאָפּ און עס ארײַנגעשלײַדערט אינעם קאמערל, צווישן אלטווארג, עס זאָל זיך ניט וואַרפן אין די אויגן.

פאוועל אראָנאָוויטש האָט, פארקערט, פארלענגערט זײַן פּוטיאָווקע אף א גאנצער וואָך. ער האָט שפּאצירט אין דעם נײַעם קובאנקעלע און געהאט צו דערציילן א נײַע געשיכטע, וועלכע ער האָט פארענדיקט אזוי:

— וואָס איז די פּולע, אז ער שפּילט גוט? מע דארף דאָך זײַן דערצו א מענטש אָן מעשו־גאסן, אָן ווילדע שטיק, אפילע ווען מע איז דער גרעסטער מוזיקאנט.

דאוויד בראַמבערג

פונעם בוך „עלטער אַף א יאָר"

די גאַלדענע כאַסענע

פופציק יאָר האָבן אָפּגעלעבט צוזאַמען
יוינע גלייזער און זײַן ווײַב סאָרע.
פופציק יאָר,
ווי איין טאָג,
אין פרייד און אין צאָרעס.
געשאָנקען פיר טעכטער דער וועלט
און אכט זין, קיין אײַנהאָרע,
און אזוי א יאָר נאָך א יאָר,
דאכט זיך, ניט צו גלויבן, —
ניט באמערקט: ווי א סטײַע פייגל איבערן דאך,
זײַנען די יאָרן אדורכגעפלויגן...

פונקט ווי אמאָל, מיט פופציק יאָר צוריק,
פירט יוינע זײַן סאָרען בא דער האַנט,
נאָר דער קאָפּ איז עפּעס אראָפּגעלאָזט,
שווער יעדער שפּאַן
און ביטער איז אַפן הארץ, און פינצטער עס איז אין די אויגן...
און אין איין ריי מיט זיי — די מעכוטענעסטע דווירע, טאַקע זי,
וואָס האָט מיט סאָרען דרײַ יאָר ניט גערעדט,
זיך צעקריגט — איר מיינט איבער וואָס? —
איבער א צעבראָכענער פּאָקרעשקע, מישטיינסגעזאָגט...
הײַנט האָבן זיי זיך איבערגעבעטן, אַף אלץ כאראָטע געהאַט,
זיי האַלטן זיך צוזאַמען,
נאָר איינע דער צווייטער קוקט ניט אין פּאָנעם.

אָט גייען אלע פון כאָסנס צאַד:
מעכוטאָנים,
מעכוטאָנים,
מעכוטאָנים,
און אָט — פון דער קאַלעס צאַד:
בלייך,
אויסגעצערט,

באַ אַלע די קעפּ אַראָפּגעלאָזט אַצינדער.
און פון לינקס,
און פון רעכטס —
קינדער,
קינדער,
קינדער...

אַט גייט בערל קאָוועל מיט זײַן שטענדיק שלאָפער עטיען.
אַף אַלע סאָנים געזאָגט — די באָבע גאָלדע,
ווי געפעלט עס אײַך? — מע האָט זי אויך פאַרבעטן...
צען יאָר, נעבעך, איז זי געלעגן געליימט, קען זי ניט גיין,
פירט מען זי — ניין, ניין! ווי אַ ניט־לעבעדיק באַשעפעניש,
האַלט מען זי אין איין שלעפּן...
אַט איז הערשל דער סטאָליער מיט די איבערגעבונדענע הענט,
גדאַליע דער גוואַר, אין זײַנע אויגן אַ פײַער ברענט.
אַט גייט די מישפּאָכע „קעפּ":
איצע קאָפּ,
בערל קאָפּ,
מעטיע קאָפּ,
ציפּע קאָפּ.
וועלוול דער באַלעגאָלע מיט זײַנע צוויי מיידן, פאַרזעסענע ביזן ווײַסן צאָפּ.
און גלייב, ניט גלייב —
פעסיס דער דאָקטער, גלײַך ערשט פון אַ מיל אַרויס, ווײַס ווי אַ טויב.

דאָס גאַנצע שטעטל איז דאָ ביז איינעם,
ניט פאַרגעסן, כאָלילע, קיינעם.
שיקע דער בלינדער,
מוישע דער קרומער,
איצע דער שטומער, אַפילע יאָסעלע דעם מעשוגענעם ניט פאַרגעסן.
ווי קען גאָר זײַן אַ כאַסענע אָן אים?

ס'איז אַ היץ, עס טריקנט אין האַלדז.
ביטער,
ביטער,
ביטער־גאַל.
פון לינקס און פון רעכטס —
אַ זיפץ, אַ קרעכץ.
אַט פאַרקערעוועט מען צום וואַלד.
— מאַמע... — צעוויינט זיך מיטאַמאָל אַ יינגעלע, — מיר איז עפּעס קאַלט!..
— שאַ... שאַ... שטילט אים אײַן די מאַמע, — און ווידער מע הערט:
אַ זיפץ, אַ קרעכץ.
און מע גייט, און מע גייט.
קוים וואָס מע גייט.
ווי קייטן די הענט, און די אויגן ווי גלעזערנע.
מענטשן! וואָס איז אַזוי שטיל? וווּ זײַנען די קלעזמער?
אַ כאַסענע אָן קלעזמער...

שיקערע, אין די אויגן רעציכע ברענט,
גייען זיי, גייען זיי. די אויטאָמאַטן גרייט אין די הענט.
זײַט רויִק, זיי קענען גוט דאָס שטיקל אַרבעט.
באַלד וועלן זיי אַ שפּיל טאָן. באַלד וועט דער וואַלד זיי דערהערן...
באַלד וועט פריילעך ווערן...
דרײַ טעג און דרײַ נעכט האָט זיך די כאַסענע געצויגן...
לאָמיר וויינען און ניט אויסווישן די אויגן.

די באַלאַדע וועגן יוינע דעם בעקער

געשטאַנען איז יוינע באַם אויוון, ווי שטענדיק,
און פּונקט ווי זײַן טאַטע געבאַקן ברויט,
דאָרף קומען די בעסטיע, און אַלץ איז
געענדיקט,
אַף יעטווידער שוועל עס לויערט דער טויט.

מיט ווייטעק אין האַרצן, מיט סינע מיט
הייסער,
איז יוינע, ווי פיל נאָך, אין יענער נויט

אַוועק מיט די יונגע, אַוועק מיט די דרייסטע,
געשוונדן דעם קוילער די זיבעטע הויט.

און גרויס איז די שׂימחה הײַנט, שווער אַזש
צו ריידן,
באַ אַלע קינדער די באַקן רויט,
ווײַל די בעסטיע די ברוינע שוין באַקט
הײַנט בייגל,
און יוינע דער בעקער באַקט ווידער ברויט.

אַ דערמאָנונג

אַראָפּ אַ ווינטער נאָך פון די פּלייצעס,
און ווידער זוניק־העל דער טאָג,
און ווידער ריטשקעלעך הײַנט פּליוצן,
און פריילעך פּלאַפּלען לעבן ראָג.

דער לעצטער שניי צעגייט, צערינט שוין,
דער הימל טיף אַזוי און קלאָר.
און בלויז דער שניי פון יענעם ווינטער
וועט ניט צעגיין אין מײַנע האָר...

דער זיידע

ווען קרומע רעגנס אָן אַ סאָף
עס דונערן אין דאַך און פּײַקלען אין די שויבן, —
ביז האַלבער נאַכט ער מאַכט ניט צו די אויגן,
ער ליגט און טראַכט, און ס'נעמט אים ניט קיין שלאָף.

שוין וויפל מאָל ער גייט צו סטאַלינגראַד, אין שניי און פראָסט,
דאָרט, וווּ ער האָט אין צוויי־און־פערציקסטן זײַן פוס געלאָזט...

און אַפן גאַס עס גיסט און גיסט, ווי פון אַ פאַס,
אין זײַנע אויגן מיטאַמאָל פאַר פרייד צוויי טרערן גלאַנצן:
דאָס זעט ער ס'אייניקל מיסטאַמע אין דער גאַס — פּיטש־נאַס —
אין אַלע קאַליוזשעס מיט ביידע פיסלעך טאַנצן...

מענטש

ווו דו שטייסט און גייסט,
אַף יעדן טראָט,
פון אַלע געבאָטן —
דער ערשטער געבאָט.

ווען צולעצט פון דײַן אויג
טראָגט זיך אָפּ שוין די ליכט,

פון אַלע פליכטן —
די הייליקסטע פליכט.

פון אַלע שטעלעס
דאָרף ווערן געבענטשט
די שטעלע די העכסטע —
דער נאָמען מענטש.

מיט וואָס?

גאָט מײַנער, מיט וואָס איז זי מיר אַזוי געפעלן?
דאַכט זיך, ווי באַ טויזנט אַנדערע די זעלבע האָר די העלע,

די אויגן ווי באַ דער און ווי באַ יענער,
דאָס מויל — פּונקט ווי באַ אַנדערע, ניט שענער,

די ליפּן, ווי בא א דריטער און א פערטער,
און ווי בא טויזנט מיידלעך — דער געלעכטער,

און פּונקט אזעלכע ציין, און פּונקט אזא מין כיין,
און וויפל יאָר איך קען אלץ ניט פארשטיין,

און זיך אליין כ'טו אלעמאָל די פראַגע שטעלן:
גאָט מײַנער, מיט וואָס איז זי מיר אזוי געפעלן?..

ליבע

זי האָט געזען אים בלויז איין מאָל, ניט מער,
זי ווייסט אליין ניט, וואָס מיט איר עס האָט געטראָפן.
דאָס הארץ האָט אָנגעהויבן שלאָגן שווער,
א גאנצע נאכט זי ליגט און קאָן ניט שלאָפן.

איז זי געשטאַנען לעבן אויוון, ווו עס האָט געברענט,
האָט זי געזען אין סאמע פײַער זײַנע אויגן.
האָט זי געוואַשן גרעט, — אליין געפּאטשט אים מיט די הענט,
פון ברונעם מיטן עמער וואסער זײַן געשטאַלט ארויסגעצויגן.

און איינמאָל, גייענדיק אין גאַס, האָט ווידער אים דערזען,
און שעמעוודיק דעם קאָפּ מיט צנִיעס אָנגעבויגן,
געוואָלט אליין ארײַנקוקן אין זײַנע אויגן,
געוואָלט אליין, און עפּעס ניט געקענט...

עס טרעפט

איך טראָג דעם טאטנס ווי אין הארץ
און דער מאמעס שרעק אין מײַנע אויגן.
אמאָל איך טראכט, אמאָל מיר דאכט:
שוין יענע וווּנד פארצויגן.

געזעגנט זיך מיט יענעם ווי,
אף אייביק זיך געזעגנט,
און ווו איך שטיי און ווו איך גיי
שוין מער אים ניט כ'באגעגנט.

עס פליִען טויבן גלײַך פון דאך,
און פון מײַן האנט אליין זיי עסן,
און ווי א קינד, מיט קינדער כ'לאַך,
אין אלץ, אין אלץ, דאכט זיך, פארגעסן.

נאָר ס'טרעפט: עס טראָגט מיך אוף באנאכט,
נאָך גרוי אין אלע שויבן.
כ'טראָג אלץ דעם טאטנס ווי אין הארץ
און דער מאמעס שרעק אין מײַנע אויגן.

מאמעס

געקומען איז די מאמע צו דער טאָכטער. אויס די ווייען,
דאכט זיך, ס'איז שוין דאָ מיט וואָס זיך פריייען:

אף דער מאמעס הענט דער טאָכטערס ערשטלינג,
אף דער באָבעס הענט דאָס אייניקל דאָס ערשטע.

לאכט די טאָכטער, לאכט די מאמע, נאכעס פילנדיק,
און א טרער אין אויג באווײַזט זיך גאָר ניט ווילנדיק:
מאמעס בלײַבן מאמעס, ס'איז שוין אלטע זאכן, —
מאמעס מערער וויינען, איידער לאכן...

יעכיעל פאַליקמאַן

דער אורטייל איז אויסגעפּילט

ראָמאַן

ערשטער טייל. ווידער דאָרעם

1. די מילכאָמע דויערט שוין פערצן כאָדאָשים.
אן ערדשטיבל אין סטעפּ

1 דער פאַרטרעטער פונעם קאָמאַנדאַרם, יאַסענעוו, איז אוועקגעפאָרן אין א וויַיטער דיוויזיע, און דאַניעל קרעמעז, וועלכער האָט געוואָלט דעם ערשטן זען בלויז אים, האָט איצט געמוזט וואַרטן א טאָג און עפּשער צוויי. ער איז אַרויס אפן הילצערנעם גאַנעקל פונעם אַרמיי־שטאַב און עטלעכע רעגעס געשטאַנען דאָרט, קוקנדיק אין הויף אַריַין מיט אויגן, וואָס זענען פאַר פאַרדראָס, דאַכט זיך, גאָרנישט. נאָר צוביסלעך האָט זיך גענומען אויסשיילן: נידעריק, קוטשעראַווע ווילדגראָז — פויגל־הריקע — איז דורכגעטראָטן מיט עטלעכע שטעגעלעך, וואָס פירן צו איינשטאָקיקע, וויַיסע, ענג־צונויפגערוקטע געביַיען, ווו עס געפינען זיך פאַרשיידענע אָפּטיילן פונעם שטאַב. א סאַך טעלעפאָן־דראָטן ציען זיך אוועק איבערן גרויען ברעטלדיקן פלויט און איבערן סאָד, ווו עס וואַרפן זיך דורך גרויסע עפּל. שפּערלעך צווייטשערן אף די דראָטן... וואָס נאָך? א צעבראָכענער פאַעטאָן שטייט אין א זיַיט פונעם שמאָלן ברוקירטן וועג, וואָס הייבט זיך אָן טיף אין הויף, בא די פעסטע ציגלנע קאַמערס, — מיסטאָמע איז דער הויף אַמאָל געווען א סאָכרישער אָדער א פּריצישער, — און האַקט זיך אָפּ באַם טויער. א שטאַביסט אָן א היטל קערעוועט אָפּ פונעם ברוק צו א טירל, וואָס זעט זיך קוים־קוים אַרויס פון א הויכן קעלער־בערגל — דאָרט קער זיַין דער פאַרבינדונגס־קנופּ. א וואַכמאַן שפּאַנט אום פאַרן טויער, אינווייניק אין הויף, בא א בודקע. דאָס אַלץ האָט דאַניעל געזען אויך, אַריַינקומענדיק אַהער, כוץ, געוויינלעך, דעם שטאַביסט מיטן פּאַפּקעלע אונטערן אָרעם, נאָר איצט האָט ער אפן הויף געקוקט פון אַן אַנדער זיַיט, געטראַכט, אַז ער דאַרף פונדאַנען אוועקגיין, ניט געוווּסט נאָך — וווהין. און מיטאַמאָל באַשלאָסן: צו טשאַרנען!

דער דאָזיקער געדאַנק איז, אייגנטלעך, געקומען ניט גאָר אומדערוואַרט. אין דער שטאָטישער קאָמענדאַטור, ווו דאַניעל האָט באַקומען דעם אַדרעס פונעם שטאַב, האָט ער אויסגע־

קלאָרט אויך, ווּ עס געפינט זיך די רעדאַקציע פון דער אַרמייִשער צײַטונג. פונדאַנען, פון דער ראַנד־גאַס בא דער וואָלגע, איז עס געווען ווײַט, קימאַט אין צענטער פון דער שטאָט — גאַנץ נאָענט פון דער קאָמענדאַטור. נאָר אַ קלאָרע זאַך, אַוועק איז ער פריִער צו יאַסענעוון, און ווען ער זאָל אים איצט געווען טרעפן, דעם געוועזענעם קאָמאַנדיר פון דער שיסער־דיוויזיע, ווּ ער, דאַניִעל, האָט ביזן סאָף פון פאָריקן האַרבסט, ביזן פאַרוווּנדעט ווערן, קאָמאַנדעוועט מיט אַ פאָלק, וואָלט ער, מעגלעך, גלײַך אַוועקגעפאָרן צו זיך אין פאָלק, אָדער וווּהין מע וואָלט אים שיקן, און די באַגעגעניש מיט טשאַרנען אָפגעלייגט אַף אַן אַנדערשמאָל.

עס האָט אים געצויגן צו איר, און עפעס האָט פאָרט אָפגעשטעלט, און דאָך האָט ער גע־פויעלט בא זיך: מע דאַרף צוגיין. און גוט באַנומען, אַז ס'איז ניט סטאַם אַזוי קיין גאַנג, קיין באַזוך — כאָטש באַטראַכטן האָט מען עס געקענט אויך אַזוי, — ס'איז עפשער אַ קער אין זײַן לעבן. אויך אין צוג, אין מעשעך פון די קנאַפע דרײַ מעסלעס, וואָס ער איז געפאָרן אַהער, בייס ער איז אָדער געלעגן אַף דער פאָלקע אָדער שאָענלאַנג געשטאַנען באַם פענצטער פון וואַגאָן, האָט ער גענוג זיך אָנגעטראַכט וועגן טשאַרנען, ווי וועגן פיל אַנדערן, צו וואָס ער האָט זיך געגרייט. און דאָרט, אין שפּיטאָל, פונוואַנען ער איז ענדלעך אַוועקגעפאָרן, קוים אַרויסגעריסן זיך, האָט ער אויך ניט איין מאָל געטראַכט, אַז ער דאַרף זיך ווידער טרעפן מיט טשאַרנען און באַמיִען זיך, אַז די באַגעגעניש זאָל זײַן ניט אַזאַ אָנגעצויגענע, ווי עס זײַנען געווען די לעצטע עטלעכע באַגעגענישן זייערע, נאָך פופצן יאָר ניט זען זיך. אין דער אָפגע־פרעמדטקײַט איז בעפיירעש שולדיק ניט זי, נאָר ער.

דאַניִעל איז ניט געײַלט, שטעלנדיק פאָרזיכטיק דעם רעכטן פוס, אַרויס פונעם הויף, און זיך אַ קווענקל געטאָן: נעמען צי ניט נעמען דאָס שטעקל, וואָס ער האָט געלאָזט ליגן אין דער קראָפעווע בא אַ פלויט? ער האָט געהאַט באַשלאָסן, אַז מיטן שטעקל וועט ער זיך צעשיידן פאַר דעם, ווי קומען צו יאַסענעוון און אין קאַדרען־אָפטייל. און געווען איז עס אויך די אייצע פונעם אַלטיטשקן דאָקטער דאָרט, אין סווערדלאָווסק, בייס ער, דאַניִעל, האָט דאָס צווייטע מאָל געשטעלט זיך פאַר דער מעדיציִנישער קאָמיסיע, וואָס האָט אים געדאַרפט דערלויבן אומקערן זיך אין דער אָפערירנדיקער אַרמיי. דאָס ערשטע מאָל, מיט צוויי וואָכן צוריק, האָט מען אים גאָר דורכגעטריבן: „מאַרש, מאַרש, קיין הינקעדיקע קאָמאַנדירן דאַרף מען דאָרט ניט, אַפן פראָנט!”. דער אַלטיטשקער כירורג, מיט די פענסנע אַף די טרערנדיקע סאָווע־אויגן, האָט בע־פיירעש אָנגעטאַפּט, ווּ דער פוס האָט נאָך וויי געטאָן, אַ קוק געגעבן אים אין פאָנעם, אַף וועלכן דער פלוצעמדיקער ווייטעק האָט זיך מיסטאַמע אָפגעשפיגלט, און מיט אַ זיפצעלע גע־זאָגט: „מיילע, פאָרט, אָבער דאָס געשניצטע שטעקל אײַערס, וואָס איר האָט אַוואַדע איבער־געלאָזט אין הויף, דאָס פײַנע שטעקל נעמט מיט, איר זײַט נאָך אָן דעם קיין גייער ניט”.

דאָס שטעקל איז שוין אין דער קראָפעווע ניט געווען, כאָטש ער האָט עס גאַנץ גוט פאַר־שטעקט. ווײַטער אַ ביסל האָט ער דערזען: צוויי באָרוועסע יאַטלעך רײַסן עס איינער באַם צווייטן פון די הענט. דאָס שטעקל האָט אַ טראַסקע געטאָן, צעבראָכן זיך, די יאַטלעך האָבן מיט אַ געלעכטער גענומען וואַרפן איינס אינעם אַנדערן די ניט גלײַכע שטיקלעך. דאַניִעל האָט אַ שמייכל געטאָן און, בײַקומענדיק דעם עגבערנדיקן ווייטעק אין פוס, וואָס האָט דער־לאַנגט אין קליבע, אַוועק ווײַטער.

די גאַס איז געווען אַ ברייטע, אַ שטויביקע, מיט איינ־ און צווייִשטאָקיקע הײַזער, צו־מיינסטנס הילצערנע, אַלטע, מיט געשניצטע גאַנעקלעך. אַרײַנעמענדיק אין זיך פיל שמאָלע געסלעך, האָט זי באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפ געשלענגלט זיך פון איין זײַט לענגויס דעם שטייערנעם געדראַנג פון די צענטראַלע שטאָטישע קוואַרטאַלן, און פון דער צווייטער — לענגויס דער וואָלגע, וואָס האָט אינעם זוניקן טאָג געבלישטשעט, פונקט עס זאָלן אַף איר איבערפלאַך זיך וואַרפן אָן אַ שיר צאַפלענדיקע פיש. ווו־ניט־ווו האָט זיך געמערקט אַ שיף, וואָס שלעפט אַ באַרזשע צי עטלעכע באַרזשעס, נאָר ניט געזען האָט מען קיין שיפלעך, קיין שווימער, ווי דאָס וואָלט מיסטאַמע געווען אין פרידן, — דער טײַך האָט מיט זײַן הווילקײַט און ראַכוועס אָנ־געווייעט אַ בענקעניש. און די גאַס, פאַרקערט, איז געווען גאַנץ אַ באַלעבטע. דורך ברייט־צעעפנטע אָדער אויסגעבראָכענע טויערן, היגטער פלויטלעך, וואָס האָבן אַרומגעצאַמט בעז־ביימלעך, אַקאַציעס, האָט מען געזען אַלץ, וואָס עס האָט זיך געטאָן אין די הויפן: פרויען האָבן דאָרט געוואַשן גרעט, געהייצט זומער־אייוועלעך, קינדער האָבן געליאַרעמט. אין אַ גאַמאַק האָט עמעצער זיך געהוידעט מיט אַ ביכל אין האַנט. עטלעכע פאַרוווּנדעטע מיליטערלײַט, אין מולטענע כאַלאַטן, פיזשאַמעס, און ווער אַפילע אין דער אוניפאָרם, זײַנען געזעסן אַף די טרעפ־לעך פון אַ גאַנעקל, גערייכערט. דאַניִעלן האָט מען באַגלייט מיט שטילע בליקן — זעט אויס, מ'איז אַף געזונט ווערן געקומען אַהיים אָדער ערגעץ דאָ נאָענט איז אַ שפּיטאָל. ס'איז אים באַקאַנט געווען דאָס וועלן אויסוואַרעמען אַף דער זון די פאַרוווּנדעטע גלידער, ס'האָט אַרויס־

גערופן אַ פּרישן נאָג אין האַרצן די דערמאָנונג וועגן זײַן ווײַט־פאַרבליבענער און אָן ספּאָספעק כאָרעוועך היים...

אין קאָפּ האָבן ווידער און ווידער זיך געדרייט געדאַנקען וועגן טשאַרנען, כאָטש — אָן עק, ער גייט צו איר, ער וועט אַלץ אויסקלאָרן אַפּן אָרט. אויסקלאָרן האָט ער געהאַט וואָס, ס'האָט אים בעפּיירעש געקימערט עפּעס, און ער האָט זיך באַמיט איבערשלאָגן עס, פאַרטויבן מיט אַנדערע געדאַנקען — וועגן דעם, וואָס ס'איז מיט אים ערשט־אָ פאָרגעקומען אין שטאַב, וועגן דעם, וואָס ער האָט געדאַרפט אָפּטאָן נאָך ביזן קומען צו טשאַרנען, וועגן דעם, וואָס ס'איז מיט אים געווען פריִער, אין שפּיטאָל, וועגן פּאָלק, ווו ער וועט זיך ווידער צונויפקומען מיט מענטשן, וואָס זײַנען אים געוואָרן אייגן און טײַער, ווי דאָס קאָן זײַן נאָר אַף דער מילכאָמע.

פאַר די אויגן איז ווידער אַנטשטאַנען דער טשאַקנדיקער קאַפּיטאַן, דער אָפּעראַטיוועך דעזשורנע פון שטאַב, וואָס האָט אַזוי אָפּן־כידעשדיק, מיט אַ ביסעלע מער אָפּשײַ, ווי אַ ווײַלע ביז דעם, נאָר אויך מיט פאַרבאָרגענעם שפּאָט אַ קוק געטאָן אַף אים, אַף דאַניִעלן, בייס ער האָט געבעטן זאָגן דעם גענעראַל־מאַיאָר יאַסענעוון, ווען ער וועט קלינגען פון דאָרט, ווו ער איז איצט, אַז דער פּאַדפּאָלקאָווניק קרעמעז איז געקומען צו פּאָרן, — דער קאַפּיטאַן האָט דערעכאַגעוו געהאַט אַ זאָג געטאָן, אַז דער געהילף פון קאָמאַנדאַרם קלינגט אַהער עטלעכע מאָל אין טאָג, געזאָגט עס עפּשער בלויז צוליב דעם, קעדיי אונטערשטרײַכן, אַ מין וואַזשנע מענטש ער, דער אָפּעראַטיוועך דעזשורנע, איז, און אַז ער באַהערשט פּולקום די מאַכט, וואָס איז אים אָפּגעמאָסטן. מיילע, דער אָפּשײַ דעם קאַפּיטאַנס איז אַזוי זיך, נאָר דער שפּאָט האָט באַטײַט: „עס איז טאַקע ניטאָ קיין וויכטיקערס מיטצוטיילן יאַסענעוון". נאָר דאָס, וואָס דער קאַפּיטאַן האָט געייצעט, זיך צוזוכן ווו איבערזײַן אַ טאָג־צוויי, און מיטיילן דעם אַדרעס, און זײַן זאָל עס ניט ווײַט, ווײַל — מאַלע וואָס, — אָט דאָס האָט מען מיסטאַמע געדאַרפט אָפּטאָן נאָך ביזן גיין צו טשאַרנען.

ער האָט טאַקע פאַרקערעוועט אין אַ הויף, איבערגעלאָזט דאָרט באַ אַן אַלטיטשקער אין אַ האַלב־טונקעלן כיידערל דאָס קליינע טשעמאָדאַנדל און דעם שינעל, נאָר זאָגן דעם אָפּעראַטיוון דעזשורנע, ווו ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט ער באַשטימט נאָך דעם, ווי ער וועט זיך אומקערן פון טשאַרנען.

אָט דאָס שטיקל אַרבעט — געפינען אַ נאַכטלעגער — האָט דאַניִעל אָפּגעטאָן, ניט שיידנדיק זיך מיט זײַן פאַרטראַכטקײַט. ער איז ניט געײַלט געגאַנגען ווײַטער, און די געדאַנקען האָבן אים אוועקגעטראָגן צוריק אין שפּיטאָל: דרײַ טעג זעט ער שוין ניט פּראַניען דאָרט, ווו זיי פלעגן זיך יעדער מאָל זען — אינעם קליינינקן וועסטיביול מיט די ווײַס־באַציכטע שטולן לעבן איר סטאָמאַטאָלאָגישן קאַבינעט. דרײַ טעג גייט זי שוין אַליין איבערן שטעג, וואָס פירט דורכן סאָד פון שפּיטאָל — אַ שטיק וואַלד — צום דורכברוך אין פּלויט, — מיט יענעם שטעג פלעגט ער זי באַגלייטן ביז אַהיים. ביז אַהיים, אָבער אַלץ זעלטענער און זעלטענער. לעצטנס לאַכלוטן ניט — אַהיים. די אַלטע טויבע מומע אירע, מיט וועלכער זי האָט צוזאַמען געוווינט און וועלכע פלעגט קימאַט שטענדיק זיצן אַף דער באַנק באַם אַרײַנגאַנג אין שטוב, האָט פּראַביען גערופן אַפּן שטעטלדיקן אויפן — פּראַדעלע. „קומט אַרײַן, — פלעגט זי זאָגן, — זײַט אַ גאַסט — מײַנער און פּראַדעלעס". די אַלטע האָט אײַנגעלאַדן, און פּראַניע — ניט, ווײַל זי האָט געוווּסט: זי דאַרף אים ניט רופן, זי דאַרף ניט באַשטיין, ער זאָל זיך אופהייבן סאַכאַקל אַף די עטלעכע טרעפּלעך, אינעם צימערל, אָן איבערגעצאַמטס מיט אַ שירמע אַף צוויי גלײַכע העלפט — אירער און דער מומעס. זי האָט געזאָגט: „מיר איז אַזוי אויך גוט". אויך — דאָס האָט באַטײַט אַ סאַך...

פּראַניע, די קינדעריש־מילדע, מיט די גרויסע, שוואַרצע, פאַרוווּנדערט־וואַרטנדיקע אויגן, מיטן קאַפּריז פּאַריסענעם אייבערשטן ליפּל, טאַקע ווי באַ אַ קינד, אַן איידעלע, אַ פּרוויִש־שוואַכע, האָט געהאַט אין זיך מוט ניט נאָר איבערטראָגן אַלץ, וואָס ס'האָט מיט איר געטראָפן בייס דער מילכאָמע, נאָר געהאַט אויך גענוג פעסטקײַט אָנעמען פאַר רעכט די לייד, וואָס ער, דאַניִעל, האָט איר פאַרשאַפן, איצטיקס מאָל — ווייסנדיק, וואָס ער טוט.

אַלץ איז געווען זייער פּאָשעט, און דאָך קאָמפּליצירט, אַף אַזוי ווײַט קאָמפּליצירט, אַז דאָס פּאָשעטע איז עפּשער באַשטאַנען בלויז אין איינס — וואָס מע האָט זיך צעשיידט.

פּראַניעס מאַן, יאָסיף בלינדער, דער כירורג פונעם פאַרפעסטיקטן ראַיאָן, אין וועלכן דאַניִעל האָט קאָמאַנדעוועט מיט אַ באַטאַליאָן, איז אומגעקומען אין די ערשטע שאָען, ווען די פאַשיסטן זײַנען אַריבער די גרענעץ. דאַניִעל איז דעמלט געווען ווײַט, אין קיִעוו — מע האָט אים אין מאַרט אַרויסגערופן אַף קורסן. אינעם בײַגרענעץ־שטעטל, ווו דער באַטאַליאָן האָט זיך באַזירט, זײַנען געבליבן אַלגע און נאַטאַשע — דאָס ווײַב דאַניִעלס און די טאָכטער, און

זײַנען געבליבן דאָרט, בייס די דײַטשן האָבן זיך ארײַנגעריסן אין שטעטל. דערין איז קיין סאָפּעק ניטאָ — פראַניע איז אַן איידעס. זי האָט געארבעט אין שטעטלדיקן שפּיטאָל, וווהין מע האָט עטלעכע טעג פאַר דער מילכאָמע אוועקגעלייגט נאטאשקען מיט סקאַרלאַטין. און מע איז ביכלאַל געווען פרײַנט, ווי האָט זי געקענט ניט וויסן, אַז דאָס מיידעלע איז קראַנק. ווען יאָסיף האָט צוגעשיקט דאָס צעטעלע, אַז פראַניע זאָל אוועקפאָרן אַף מיזרעך, ניט געזעגענענדיק זיך מיט אים, ס'זײַנען אויסגעטיילט צוויי לאַסטמאַשינעס פאַר די מישפּאָכעס פון מיליטערלײַט, זיי וועלן וואַרטן באַם שליאַך הינטערן שטעטל, — דאָס שטעטל האָט שוין געברענט, אַן אונטערגעצונדנס פון סאַנאַריאַדן, — איז זי אַראָפּ אין קעלער פון שפּיטאָל, וווהין מע האָט אַריבערגעטראָגן די קראַנקע, און געזאָגט אַלגען, אַז עפּשער זאָלן זיי אינצווייען נעמען נאטאשען אַף די הענט און אוועק מיט איר. „פערציק, — האָט געענטפערט אַלגע, — וואָס עס וועט שוין זײַן, וועט זײַן". מע האָט זיך צעקושט, און אַלגע איז געבליבן אין קעלער. אַז יאָסיף איז טויט, אַז אַ שפּליטער האָט אים געטראָפן אין קאָפּ סאַכאַקל אַ פערטל שאָ נאָך דעם, ווי ער האָט אָנגעשריבן דאָס צעטעלע, האָט פראַניע זיך דערוווּסט שוין באַ דער מאַשין: דער שאָפער האָט איר אָפּגעגעבן יאָסיפס אָפּיצערישן טאַש און די מעדאַל, וועלכע ער האָט באַקומען בייס דער מילכאָמע מיט פינלאַנד.

פראַניעס יעדי׳ע וועגן אַלגען און נאַטאַשען איז געווען די צווייטע. די ערשטע האָט דאַני׳על באַקומען פאַראַיאָרן, אָנהייב יול. אין קי׳עוו, אין דער קאָמענדאַטור, וווהין עס פלעגן זיך געווײַנלעך מעלדן די, וואָס זײַנען אַרויס פון אַרומרינגלונג, און וווהין ער איז עטלעכע מאָל געקומען, זוכנדיק עמעצן פון זײַן גרענעץ־טייל, האָט ער באַגעגנט אַ יי׳נגל, וואָס האָט זיך געלערנט מיט נאַטאַשען אין איין קלאַס, און וועמענס מאַמע איז געווען אַ מאַשיניסטקע אַף דער זאַסטאַווע. מע האָט זיך עוואַקוי׳רט אַף איינער פון די לאַסטמאַשינעס, וועגן וועלכע פראַניע האָט שפּעטער דערציילט, און ערגעץ האָט דאָס יי׳נגל אין וועג, בייס אַ באָמביאָזשקע, פאַרלוירן די מאַמע. וועגן נאַטאַשען האָט ער געוווּסט, אַז זי איז בייס די עקזאַמענעס קראַנק געוואָרן. אַף דער מאַשין, אַף וועלכער ער און די מאַמע זײַנען געפאָרן, זײַנען נאַטאַשע און אַלגע ניט געווען, נאָר זיי האָבן זיך געקענט זעצן אַף דער צווייטער מאַשין — יענע האָט זיך אַ ביסל פאַרהאַלטן. אַ קנאַפּ יאָר האָט דאַני׳על ציטעריק געטראָגן אין האַרצן אָט די שוואַכע האָפענונג, ביז פראַניע האָט זי צעווייעט. געבליבן איז נאָך איינס — און דאָס איז אַ רעטעניש אַף לאַנג — עפּשער ראַטעוועט זיי עמעצער, אַלגען און נאַטאַשען, עפּשער באַהאַלטן זיי זיך אויס...

איז אין וואָס זשע באַשטייט דאָס פּאָשעטע, ווען ער טראַכט וועגן פראַניען, און אין וואָס — דאָס קאָמפּליצירטע? אַפן ערשטן ווילט זיך ניט ענטפערן, נאָר דער ענטפער איז קלאָר. און דאָס קאָמפּליצירטע איז עפּשער אָט אין וואָס: ער האָט זי אַמאָל, אַ קליינע, געראַטעוועט, דאַני׳על, אַראָפּגענומען זי באַ אַ צעפּלאָכעטער קו פון די הערנער. דער געפיל פון דאַנקבאַרקײַט צו אים איז באַ איר געבליבן אַף שטענדיק. ער איז געווען איר העלד, און וואָס ווײַטער, האָט זי אָפּגעזוכט אויך אַנדערע סיבעס צו קוקן אַף אים אַזוי... אין סווערדלאָווסק, ווען אַלץ איז שוין באַ זיי אוועק אָפּן, האָט זי אים אַ סאַך דערציילט וועגן דעם. נאָר דאָס, וואָס איז מיידלווײַז געווען בלויז באַגײַסטערונג און כאָלעם, — כאָלעם, ווען מע ווייסט אפילע, אַז עס כאָלעמט זיך, — איז אין מעשעך פון די אַנדערהאַלבן יאָר, וואָס מע האָט ביז דער מילכאָמע צוזאַמען זיך געפונען אינעם בײַגרענעץ־שטעטל, געווען אי דאָס זיסטע אי דאָס פּײַנפולסטע אין איר לעבן. זי האָט זיך געקענט האַלטן אין די הענט, כאָטש ס'איז באַזונדערס שווער געווען, טאַקע ווײַל אין איר לעבן מיט יאָסיפן האָט געפעלט גליק... עפּעס־וואָס האָט ער באַמערקט, דאַני׳על, נאָך דאָרט, אין שטעטל, — דאָס, וואָס מע באַמערקט אַלציינס, ווי יענער זאָל דעם געפיל ניט אויסבאַהאַלטן, — און ס'איז אים געווען צו לאַסט. אָבער איצט? און ווידער האָט זיך ניט געוואָלט ענטפערן, כאָטש ער האָט אים געוווּסט, דעם ענטפער: פראַניע איז געווען די, וועלכע ער האָט אַפּאַנעמעסן געקענט ליב באַקומען, וועלכע ער האָט שוין עפּשער ליב געהאַט, און דאָס האָט ניט אים איינעם, נאָר אויך זי אָפּגעשטעלט, ווען עס איז זיי געבליבן מאַכן סאַכאַקל איין פּאָשעטן טראָט.

איצט איז ער געגאַנגען צו טשאַרנען. אַז מע וויל, איז זי בלויז אַ פרײַנט זײַנער, אַן אַמאָליקע ליבע, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. אַלגע — די ווײַטע און וועד ווייסט צי אַ לעבעדיקע, — אַלגע וועט דאָס קאָנען, וואָלט דאָס קאָנען פאַרשטיין.

דאַרף דאָך אַזוי געשען, אַז מיט דרײַ כאַדאָשים צוריק, נאָך דעם, ווי ער האָט אין טשעליאַבינסק קימאַט אַ האַלב יאָר ביטער אָנגעמאַטערט זיך מיטן פוס און קוים גענומען אומגיין מיט אַ מיליצע און אַ שטעקל, זאָל אים דער צופאַל צונויפירן מיט פראַניען, — ווי פיל פאַרוווּנדעטע קאָמאַנדירן, וואָס האָבן געהאַלטן באַ געזונט ווערן, האָט מען אים אַריבערגעפירט אין אַ סווערדלאָווסקער קריגס־שפּיטאָל, קעדיי זיי זאָלן, היילנדיק זיך ווײַטער, באַזוכן די קורסן

„וויסטרעל״[1] און עס דאַרף דאָך אַזוי געשען נאָך אין אָנהייב פון דער מילכאָמע, אָפן דאָרעמ־
פראָנט, אָף מאָרגן נאָך דעם, ווי ער האָט אין שלאַכט גענומען די קאָמאַנדע איבער אַן אַנט־
בלוטיקטן פּאָלק, אַז גראָד דאָרט, אָף דער בריק איבער אַ סטעפּישן טײַכל, ווו ער האָט פאַר־
האַלטן יעדן, וואָס האָט נאָר געקאָנט האַלטן די ביקס אין דער האַנט, זאָל ער באַגעגענען
טשאַרנען און זי זאָל בלײַבן אין זײַן דיוויזיע. פריִער איז טשאַרנע געבליבן, ווײַל זי האָט
פּאַשעט ניט געקענט אַוועקפאָרן — מע האָט געהאַלטן אין איין אָפּטרעטן, קוים אַרויסגעריסן
זיך פון אַרומרינגלונג, און דערנאָך — ווײַל זי האָט ניט געוואָלט אַוועקפאָרן, ניט געהאַט וווּ־
הין צו פאָרן... מיט יעדן פּאַסירן אין לעבן פאַרשיידענע צופאַלן, אַנדערש גייט קיין לעבן ניט
דורך. ס׳איז קיין קלאַל ניט און ניט קעגן קלאַל — קיינע אויספירן קאָן מען פון דעם ניט מאַכן.
מיט אַ צופאַל דאַרף מען זיך באַגיין אַזוי, ווי עס איז: דאָס זײַנען אופגאַבעס, וואָס דאָס לעבן
שטעלט פאַרן מענטשן, און יעדערער האַנדלט לויט זײַן כאַראַקטער נאָך, אין העסקעם מיט
זײַן ווילן — אָט דאָ הערט אוף די צופעליקײַט צו זײַן אַ צופעליקײַט און ווערט אַ געזעצמעסי־
קײַט, ווי דאָס לעבן אַליין.

איז ער איצט געגאַנגען צו טשאַרנען, און געהייסן האָט עס באַ אים, אַז ער גייט אַפילע ניט
נאָר צו איר — ער גייט אויך צו קוקאַרינען. דער מאַיאָר איז געווען רעדאַקטאָר פון דער
צײַטונג אין יאַסענעווס דיוויזיע, און איצט האָט ער רעדאַגירט די צײַטונג אין דער נײַ־פאָר־
מירטער אַרמיי. מע האָט זיך געקאָנט מעשאַער זײַן, אַז יאַסענעוו האָט אַ כיילעק דערין, וואָס
קוקאַרין איז דאָ: מע דינט צוזאַמען נאָך פון פאַר דער מילכאָמע, און ער איז דער ליבלינג פון
דיוויזיע, האָט דער גענעראַל מיסטאָמע אַרײַנגעוואָרפן פאַר אים אַ גוט וואָרט. אָבער טשאַר־
נע — אַ קאָרעקטאָר, צי לעצטנס אַפילע אַ קאָרעספּאָנדענט — ווער האָט זי גענומען אַהער?
קוקאַרין?

אָט דאָס ווערעמל האָט געטאָטשעט, און געטראַכט האָט ער דערבײַ ניט וועגן קוקאַרינען.
דער מאַיאָר, מיט זײַן פריילעכער נעטיִע, מיט זײַן היציקן קאָפּ, מיט זײַן צעפלאַמען זיך אַלע־
מאָל איבער עפּעס אַנדערש, און טאַקע ניט שטאַרק אויסגענומען אויך, אַ קליינינטשקער, מיט אַ
צעקנייטשט פּאָנעם, איז ניט געווען דער, וואָס האָט געקאָנט פאַרכאַפּן די באַדאַכטע, שטאָלצע
און אַלץ נאָך איבעראַשנדיק־שיינע טשאַרנע.

נאָר אַוואַדע איז ניט גוט געווען, וואָס ער האָט ביכלאַל געטראַכט אַזוי וועגן טשאַרנען —
ווי זי קומט אַהער און ווער ס׳האָט צו דעם מיטגעווירקט. טשאַרנע האָט גענוג אָף איר קאָפּ,
גיכער פון אַלץ איז זי איינזאַם, ווי פריִער, איינזאַם און אומגליקלעך, און געצויגן האָט אים
איצט צו איר, אַזוי יעדנפאַלס האָט דאַניִעל געוואָלט טראַכטן, ווײַל ער איז אויך געווען עלנט,
און ס׳האָט זיך געגלייבט, אַז די באַגעגעניש וועט פאַרלײַכטערן זייער ביידנס געמיט.

הײַנט איז דער צוויי־און־צוואַנציקסטער אַווגוסט. די מילכאָמע דויערט שוין אַ יאָר מיט
צוויי כאַדאָשים. אַלעמאָל, פון זינט די פאַשיסטן זײַנען אָנגעפאַלן, איז דער צוויי־און־צוואַנ־
ציקסטער טאָג פון כוידעש באַ אים, באַ דאַניִעלן, דער ביטערסטער. ניט נאָר ווײַל עס קומט צו
צום כעזשבן נאָך אַ כוידעש פון פּײַן און וואָגלעניש, — ס׳איז אַ מין סאַכאַקל, וואָס עס איז,
פון זינט די שלאַכטן דויערן, פאָרגעקומען מיטן לאַנד און מיט אים. קיין גרענעץ זעט ער דאָ,
אייגנטלעך, ניט — אַלעמענס צאָרע איז זײַן צאָרע, און זײַן צאָרע איז בלויז אַ טראָפּעלע אין
יאַם... איז אָט וואָס עס קומט פאָר מיט אים הײַנט, אינעם דאָזיקן טאָג: נאָך אומגעהייער לאַנ־
גע כאַדאָשים פון געפינען זיך אין הינטערלאַנד איז ער ענדלעך, לויט יאַסענעווס אַן אַרויס־
רוף, געקומען אויב נאָך ניט אָפן פראָנט, איז יעדנפאַלס אין אַן אַרמיי, וואָס וועט אָט־אָט אָפּ־
געשיקט ווערן אָף איינעם פון די פראָנטן. און סײַ זײַן קומען אַהער, קיין סאַראַטאָוו, סײַ זײַן
פאָרשטייענדיקע באַגעגעניש מיט טשאַרנען, כאָטש ער פאַרשטייט מיטן געדאַנק, אַז ס׳אַ שטיקל
יאָמטעוו, לעשט ניט אויס אין אים אַלדאָס שווערע, מיט וואָס עס איז פול דאָס האַרץ, און די
וואָכעדיקײַט, די געוויינלעכע וואָכעדיקײַט פון אַ קריגסמאַן, וואָס טראָגט באַשטענדיק זײַן אָל.

2

דאַניִעל האָט איבער ברייטע מירמלנע טרעפּ זיך אופגעהויבן אָפן דריטן שטאָק
פונעם גאַרניזאָנעם קלוב, אין וועלכן ס׳האָט זיך געפונען די רעדאַקציע פון דער
אַרמייִשער צײַטונג. די טרעפּ זײַנען וווּ־ניט־וווּ באַשפּריצט געווען מיט קאַלך און פאַרשאָטן
מיט הילצערנע סטרוזשקעס — ערגעץ איז דאָ געגאַנגען רעמאָנט. ס׳איז געווען אַ זעלטנהײַט,
אַז מילכאָמע־צײַט זאָל מען עפּעס־וואָס איבערבויען אין אַ געבײַדע, רעמאָנטירן, נאָר דערפרייט
האָט דאָס דאַניִעלן גאָר פון אַן אַנדער זײַט: דאָ אָרדנט מען זיך ערשט אײַן, און דער פראָנט

[1] העכסטע קורסן פאַר טאַקטיק־ און אינפאַנטעריע־קאָמאַנדירן.

האָט דאָך פאַר דער לעצטער צײַט א שפּאַן געטאָן אהער אַף אריבער פינף הונדערט קילאָ־מעטער...

ער האָט אָנגעקלאַפּט אין איין טיר, אין א צווייטער, אַף וועלכע ס'איז צוגעקלעפּט געווען דאָס אויסגעשניטענע קעפּל פון דער צײַטונג „זאַשטשיטניק ראָדיני"[1], נאָר אָפּגערופן האָט מען זיך ערשט בלויז הינטער דער דריטער טיר:

— קומט אַרײַן!

א בלאָנדער, זייער א קוטשעראַווער, אָן אויסגעבלייכטער און גאַנץ א יונגער מאַיאָר האָט געקוקט אַף דאַניִעלן דורך ברילן, וואָס זײַנען אַראָפּגעפאַלן קימאַט צום פאַריסענעם שפּיציקל פון זײַן קורצער נאָז. אין די הענט האָט ער געהאַלטן א שטאָלן ווירעלע, מיט וועלכן ער האָט אָקאָרשט געמאָסטן דעם אָפּצוג פון א קאָלאָנקע טעקסט.

„דער סעקרעטאַר איז אַן אַנדערער, ניט פון דער דיוויזיאָנקע", — האָט דאַניִעל אָפּגעמערקט און צוערשט באַשטימט פרעגן, צי קאָן ער זען קוקאַרינען.

— ניטאָ, — האָט געענטפערט דער מאַיאָר, אופשטייענדיק, ווײַל ער האָט פּאַרט געדעדט מיט א פאָדפּאָלקאָווניק, — דער רעדאַקטאָר איז אוועקגעפאָרן.

— און סעגאַל? — האָט דאַניִעל געפרעגט. — טשאַרנע סעגאַל וואָלט איך קאָנען זען?

דער מאַיאָר האָט שטיל איבערגעכאַפּט דעם אָטעם — צי ווײַל ער איז געווען באַשעפטיקט און מיד, צי ווײַל ער האָט ווידער געדאַרפט אַנטוישן דעם פּאָדפּאָלקאָווניק:

— אויך אוועקגעפאָרן אין די טיילן...

— און ווען דאַרף זי זיך אומקערן? עפּשער הײַנט?

— ניין, איך מיין ניט, — דער סעקרעטאַר האָט אויסגעדרייט א ביסעלע דעם קאָפּ צו א דאַרלעכן, באַיאָרטן סאָלדאַט, וועלכער איז געשטאַנען בא א זײַט פונעם ברייטן שרײַבטיש. א קוק געטאָן אַף אים אזוי, ווי ער זאָל שווײַגנדיק זיך אייצענען, צי סוימעך זײַן זיך, אז אָט ער, דער סאָלדאַט, ווייסט דאָס אויך.

— ווען זשע קאָן זי פּאַרט זײַן דאָ? — האָט דאַניִעל געפרעגט, ניט באַהאַלטנדיק זײַן אַנטוישונג.

— מיסטאָמע אין א טאָג דרײַ אַרום. עפּשער דאַרפט איר עפּעס איבערגעבן איר צי קוקאַרינען? איך קאָן פאַרשרײַבן...— דער סעקרעטאַר האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום רויטן בלײַער, וואָס האָט זיך געוואַלגערט צווישן די פּאַפּירן.

— ביטע, — האָט דאַניִעל אײַנגעשטימט, — קרעמעז האָט געפרעגט אַף זיי, דאַניִעל קרעמעז.

צוגעוואַרט, ביז דער סעקרעטאַר האָט, ניט צוזוצנדיק זיך, פאַרשריבן דאָס אין דער קרים, מיט גרויסע אויסיִעס, אַף א בייגעלע פּאַפּיר, איז דאַניִעל אוועק.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַפן צווייטן שטאָק מיט א פּוסטקײַט אין האַרצן. ווי עס גיט זיך אים הײַנט אַלץ ניט אײַן טרעפן זיך מיט די, וועמען ער האָט אזוי שטאַרק געוואָלט זען! מיילע, קוקאַרין איז אים גראָד ניט גאָר אָנגעגאַנגען, — יאָ מיט ניין גלײַך, נאָר — טשאַרנע, אויב ער האָט שוין יאָ געפּויעלט בא זיך צוגיין, האָט זיך טאַקע געוואָלט א קוק טאָן אַף איר, דורכריידן זיך מיט איר. און פון דער צווייטער זײַט, איז עפּשער בעסער, וואָס ער האָט זי ניט געטראָפן, — אַדעראַבע, זאָל דורכגיין נאָך א שטיקל צײַט, זאָל ער נאָך האָבן די מעגלעכקײַט א קלער טאָן, און בכלל...

אָט דעם „בכלל" האָט אַרויסגערופן א פּײַנלעכער געדאַנק וועגן אַלגען: ווו איז זי, צי וועט זי זיך נאָך אמאָל אָפּזוכן, און וואָס וואָלט זי זאָגן, ווען זי ווייסט פונדעסטוועגן, וווהין ער איז איצט געגאַנגען?.. און ווו איז נאַטאַשע, און ליאָניע, דער עלטערער זון, וואָס דער אייניציקער און דער לעצטער גרוס פון אים, אז ער דינט אַף א פאַנצערצוג, איז אָנגעקומען פאַראַיאָרן, אין סענטיאַבער, פון קיִעוו?..

דאַניִעל האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף דער פּלאַטשאַדקע, וואָס איז אויסגעלייגט געווען מיט קאַפּל־פּליטעס, און פאַר דעם, ווי נעמען אַראָפּלאָזן זיך אַפן ערשטן שטאָק (אין פּוס האָט זיך דערוועקט דער ווייטעק, מע האָט געדאַרפט כאָטש א מינוט אָפּרוען — אַראָפּגיין איז פאַר אים שווערער געווען, ווי אופהייבן זיך), א קוק געטאָן אין איינעם פון די צוויי גרויסע שפּיגלען, אײַנגעפאַסטע אין דער וואַנט. ער האָט דאָס געטאָן קימאַט מעכאַניש, נאָר עפּעס האָט אים פּאַרט פאַרינטערעסירט: דאָס ערשטע מאָל פאַר פיל כאָדאָשים האָט ער זיך געזען גיין אָן אָנשפּאַר. „די אַקסל זײַנען א ביסל אונטערגעהויבן, ס'איז פון די מיליצעס און פונעם שטעקל, מע וועט זיך דאַרפן האַלטן גלײַך", — האָט ער א קלער געטאָן. געווען איז ער העכער פון

[1] פאַרטיידיקער פון היימלאַנד.

מיטעלן וווקס, קרעפּטיק און געהאַט ברייטע אַקסל. ער האָט אויך באַטראַכט דאָס פּאָנעם, אָן אויסגעבליכטס, מיט שאַרפע סקולעס, מיט געבראָכענע ברעמען, וואָס קומען זיך צונויף איבער דער עטוואָס אויסגעבויגענער נאָז, מיט אַ קאַסן שראַם אויף דער ברייטער קין — דער סימן פון אַ שווערד נאָך פון בירגערקריג, — און פרעגעוודיק אַרײַנגעקוקט זיך אין די אויגן — טונקעלע, כאָטש ביכלאַל זײַנען זיי געוועזן ליכטיק־קאַרע. „נו?" — האָט ער, ניט אַרויסברענגענדיק קיין קלאַנג, ביטער געזאָגט צו זיך און צו נאָך עמעצן, ווען ער האָט געזען אין געדאַנק, דערבײַ האָט ער איבערגעפּירט דעם בליק אויף שלייף, ווו די טונקל־קאַשטאַנענע האָר, מיט אַן אַשיק־גרויען אָפּשײַן, האָבן לײַכט קוטשעראַוועט זיך באַם ראַנד פונעם קוים־קוים אויף אַ זײַט אָנגערוקטן גרינעם קאַשקעט. „ווי זי איז עס אָפּאָנעמעסן געוועזן באַצאַרנט, ווען זי האָט אין שלייף בא מיר דערזען די ערשטע גראָווע האָר, — איצט וואָלט זי זיי ניט איבערגעציילט...״ — ווידער האָט ער געטראַכט וועגן אַלגען.

קלאַפּנדיק מיט די שווערע שטיוול, האָט האַסטיק אַראָפּגעלאָזט זיך פון די טרעפּ דער באַיאָרטער סאָלדאַט, וועלכן דאַניעל האָט אָקאָרשט געזען באַם סעקרעטאַר פון רעדאַקציע. אויסגעגליכט זיך מיט דאַניעלן, האָט דער סאָלדאַט זיך מיטאַמאָל אַ צי געטאָן פאַר אים, צוגעלייגט די האַנט צו דער פּילאָטקע, וואָס איז גרויסלעך געווען אויף זײַן געלן געשוירענעם קאָפּ, און, אַרײַנקוקנדיק מיט צערודערונג און פאַרהאַוועטקײַט אין די אויגן, מיט אַ מין היציקײַט, פונקט ער זאָל עפּעס מירע האָבן דורכלאָזן, פאַרלירן, ניט הויך געזאָגט:

— דערלויבט זיך ווענדן, כאַווער פּאָדפּאָלקאָווניק!

— ביטע, — דאַניעל האָט מיט כידעש באַטראַכט דעם סאָלדאַטס פּאָנעם, ווי עס האָט זיך געמינעט אויף דעם די פאַרב, — די הויט איז דין געווען, ווי געוויינלעך בא געלע, און ניט פאַרברוינט, נאָר צוגערויטלט פון זון און ווינט. טיפע קנייטשן האָבן זיך געצויגן פון דער נאָז צו די מויל־ווינקלען, קנייטשעלעך זײַנען צעזייט געווען אַרום די שמאָלבלעכע, גרויע אויגן. דאָס אַלץ האָט צוגעגעבן דעם פּאָנעם אַן אויסדרוק אי פון שמערצלעכקײַט, אי פון גיריקײַט, און עפּעס נאָך האָט מען געקאָנט איבערלייענען אויף דעם, נאָר דאַניעל האָט ניט באַנומען — וואָס.

— איר האָט געזאָגט — קרעמעז איז אײַער פאַמיליע, און אַז מע רופט אײַך דאַניעל, — דער סאָלדאַט האָט ניכנעדיק, אַזוי ווי שולדיק, נאָר אויך מיט אַן אַרויסרוף צעשמייכלט זיך, — זײַט איר דאָך יענער דאַניעל, פון ליובאַטש... טשאַרנעס לאַנדסמאַן...

— יאָ, אַ ליובאַטשער, — דאַניעל האָט זיך שוין גאָר אַנדערש פאַרכידעשט און גאָר אַנדערש אײַנגעקוקט זיך אינעם סאָלדאַט — עפּעס אַ כשאַד האָט זיך בא אים דערוועקט, — און פונוואַנען ווייסט איר?

— כאַ! וואָס זשע, איך ווייס ניט וועגן אײַך? טשאַרנע סעגאַל — איז מײַן ווײַב... און איר האָט מיסטאָמע וועגן מיר אויך געהערט — זעליק שאַולער.

— וואַרט, — דאַניעל האָט געקוקט אויפן דאָזיקן מענטשן, באַמערקט מיט יעדער רעגע אַלץ נײַע שטריכן אויף זײַן פּאָנעם, אופגעכאַפּט אַלץ נײַע טנועס אין זײַן האַלטן זיך, פּיקסירט דאָס אין מויעך און געטראַכט: „אָט אַזאַ איז ער, הייסט עס, דער, וועמענס טשאַרנע איז געווען! וויפל כ׳האָב אַמאָל געוואָלט אים פאַרשטעלן זיך, אויסמאָלן — ערשט, גאָר אַזוי!" — וואַרט, — האָט ער איבערגעכאַזערט, — איר זײַט דאָך, לויט כ׳האָב געהערט, שוין ניט טשאַרנעס מאַן?..

— ס׳איז ווי מע וויל — קיין געגעטע זײַנען מיר ניט.

— נו, מיילע, — דאַניעל האָט באַשטימט אַ סאָף מאַכן צו דעם דאָזיקן שמועס, — וואָס טוט איר דאָ, ווי קומט איר אַהער, און וואָס האָט איר מיר נאָך געוואָלט זאָגן?

אָט די גראָדליניקײַט האָט צעמישט שאַולערן, זײַן פּאָנעם האָט אַ צאַנק געטאָן. טייקעף אָבער האָט ווידער עפּעס פיבערדיק־אַנטשלאָסנס זיך אָפּגעשפּיגלט אויף דעם, אַ ברען געטאָן אין די גיריק צוגעזשמורעטע אויגן. ער האָט זיך אָנגערופן, מיט קויעך אַרויסשטויסנדיק די ווערטער:

— איך וועל זאָגן, באַלד, באַלד וועל איך זאָגן, קרעמעז, כאַווער פּאָדפּאָלקאָווניק...

שאַולער האָט אַ פיר געטאָן מיט די אויגן אויף דער פּאַרענטשע — זאָל מען עפּשער צוגיין צו איר, אָנשפּאַרן זיך, ער האָט אויך געוואָרפן אַ בליק אויף דאַניעלס רעכטן פוס — באַמערקט, אַז ער שטייט אויף אים ניט פעסט, די קני איז אַ ביסעלע אײַנגעבויגן.

— וואָס זאָל איך דערציילן? — האָט ער, ווי קלײַבנדיק זיך באַקלאָגן, געפרעגט, ווען מע האָט זיך ביידע אָנגעשפּאַרט אין דער פּאַרענטשע, — איך האָב געדינט אין אַ פּאָלק פון רעזערוו, און מע האָט דאָרט פון מיר געהאַלטן. נאָר דער קאָמאַנדיר און זײַן געהילף, די, בא וועמען איך האָב נויסע־כיין געווען, זײַנען אַריבערגעפירט געוואָרן אויף אַ צווייט אָרט. נו, האָבן זיי מיר געטאָן די לעצטע טויווע פאַר דעם, ווי זיי זײַנען אוועקגעפאָרן: אָפּגעשיקט מיך מיט אַ מאַרשעווער ראָטע אין דער דאָזיקער נײַער אַרמיי. עטלעכע ראָטעס זײַנען שוין ביז

דעם אוועק אהער, און איך האָב געוווּסט, אַז טשאַרנע איז דאָ. אַרײַנפֿאַלן אין דער דיוויזיע, ווו דאָס ווײַב דינט, איז שוין ניט אַזוי שווער געווען — מע דאַרף קענען לאַדיען מיט מענטשן. נאָר אַז זי איז גאָר אַריבער אַהער, העכער — איז עס ביידע זאַכן: אי גוט, אי ניט גאָר גוט. ס׳קאָן הייסן: „דאַלי אָטשי — דאַלי סערדצע״. נאָר ווידער געגרעדט — צו אירער אַ באַקאַשע קען מען זיך מער צוהערן, אַז זי איז דאָ, טשאַרנע...

דאַניעל האָט געטראַכט: „אָט דאָס איז ער... אַ קאָאָפּעראַציע־טוער, דאַכט זיך, אַ פּלאַנאָ־וויק... און קאָן לאַדיען מיט מענטשן... פּרעך, צי סטאַם אַ דרייער, און שטענדיק זאָל אים פּידלען... אָ, ניין! און טשאַרנע — ווי קומט זי צו אים, צו דעם־אָ שאַוולערן? און עפּשער איז ער אין דער יוגנט געווען אַן אַנדערער, צי עפּשער זע איך אין אים איצט אויך ניט אַלץ? אָט די אָפּנהאַרציקייט זײַנע...״

שאַוולער האָט באַמערקט, אַז דאַניעל טראַכט עפּעס — קלאָר, אַז וועגן אים, — און איז אַנשוויגן געוואָרן אַף עטלעכע רעגעס. מע האָט זײַן פּויזע געקענט פֿאַרשטיין אַזוי: ער ווייסט, אַז דאָס, וואָס ער דערציילט, קאָן ניט געפֿעלן, אָבער ער מוז דאָס דערציילן, ער טוט דאָס צוליב עפּעס, וואָס איז פֿאַר אים זייער וויכטיק. אַוודע האָט ער דערזען אַף דאַניעלס פּאָנעם עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אים אָנגעשפּיצט. דערפֿאַר האָט ער פֿאַרגעזעצט אָן קיין שום פֿאַר־בינדונג מיט דעם, וועגן וואָס ער האָט נאָרוואָס גערעדט:

— קאַראַטײַ, דער געוועזענער אָרדינאַרעץ אײַערער, האָט מיר דערציילט, ווי אַזוי איר האָט טשאַרנען דערזען אַף זײַן פּורל, ווען ער איז נאָך אַן אַנטרײַבער געווען. און, ס׳קאָן הייסן, איר האָט זי געראַטעוועט, אַדאַנק אײַך איז זי דאָ...

— אַהאַ, — דאַניעלן האָט מער פֿאַרוווּנדערט, איידער דערפֿרייט, וואָס שאַוולער קען קאַ־ראַטײַען, און דאָך האָט דאָס דערוועקט צו אים אַ ביסעלע אַ וואַרעמען געפֿיל. אין דער זעלבער צײַט האָט געכידעשט, וואָס קאַראַטײַ האָט ניט געשריבן, אַז טשאַרנעס מאַן איז דאָ. הייסט עס, מע קען זיך גאָר ניט לאַנג. ער האָט ניט געוואָלט פֿרעגן, ווען און ווו שאַוולער האָט געזען קאַראַטײַען, קעדיי מער ניט רעדן וועגן דעם, און שאַוולער האָט ווידעראַמאָל, נאָך אַ קליינער פּויזע, אָנגעהויבן פֿון עפּעס אַנדערש:

— אַ ייִנגל אונדזערס, שוניעלע, איז געבליבן אין ליובאַטש. איר האָט מיסטאַמע געהערט?

— געהערט.

— און פֿון אײַערע ווייסט איר שוין עפּשער עפּעס גוטס?

— ניין.

דאַניעל האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז מע דאַרף אַוועקגיין, געוואָרפֿן אַ בליק אַראָפּצו, אַפֿן ערשטן שטאָק. שאַוולער האָט אים אָנגענומען פֿאַרן אַרבל פֿון דער גימנאַסטיאָרקע, געזאָגט: „אַנטשולדיקט״, נאָר ניט אָפּגעלאָזט. ער האָט זיך שטאַרק געערגערט, שאַוולער, ס׳איז געווען אַן אײַנדרוק, אַז אַנגסטן באַשלאָגן אים, אַ שווייס איז אַרויסגעטראָטן אַף זײַן רויטן שטערן, דאָס שמאָלע און מאָדנע פֿאַרומערטע מויל האָט גענומען צוקן.

— מע געדענקט אײַך אין פּאָלק, — האָט ער קימאַט שעפּטשענדיק געזאָגט, — איך בין דאָך אויך פֿון יענעם פּאָלק... ווען איר ווערט ווידער דער קאָמאַנדיר און איר נעמט מיך פֿאַר אַן אָרדינאַרעץ, האַ?.. זאָגט צו, זאָגט מיר צו! אָדער — ווו איר וועט ניט זײַן — נעמט מיך צו זיך. קאַראַטײַ וועט מער פֿאַר קיין אָרדינאַרעץ ניט גיין — דאָס ווייס איך גוט. ער לערנט די סנײַפּערס, ער איז שוין אַ סערזשאַנט... האַ? איר וועט זיך ניט אָפּנאַרן. זעמליאַניצינען, דעם קאָמראַטע, קענט איר דאָך — באַ אים זײַן אַ פֿאַרבינדלער איז שווער. אַ מענטש איז ער אַן אָרנטלעכער, לעמײַ זאָל איך זאָגן, נאָר אַן אַכזער. און ווי וועט זײַן דאָרט, אַף דער פֿאָדער־שטער ליניע?.. טוט עס צוליב אונדזער שוניען... דאָס פֿײַער איז אומעטום, נאָר פֿונדעסטוועגן... האַ?

אָט! שאַוולער האָט פּאָשעט געײַלט אויסנוצן דעם צופֿאַל, וואָס האָט זיי צונויפֿגעפֿירט. אַרויסגעלייגט אַלע זײַנע קאָזערס: טשאַרנע, שוניע, קאַראַטײַ. ניט יעדערער גייט, געוויינלעך, פֿרײַוויליק אין פֿײַער, אַ שוואַכער מענטש קאָן אַפֿילע טראַכטן, בעסער זײַן דאָרט, ווו ס׳איז ווייניקער אַ ביסל געפֿערלעך. כאָטש, וואָס איז דאָ דער „ווייניקער״? אָט האָט דאָך אים, דאַניעלן, אַזוי פֿײַן געטראָפֿן, און אַן אַנדערן, לעמאָשל, זעמליאַניצינען — ניט. און דאָך האָט ניט אַזוי געעקלט פֿון שאַוולערס געמיינקייט, ווי ס׳האָט מענטשלעך פֿאַרדראָסן פֿאַר אים. ס׳האָט געאַרט — וועגן וואָס טראַכט ער איצט, אין צײַט פֿון אַזאַ גרויסער געפֿאַר, ס׳האָט געאַרט, ווײַל ער בלײַבט אַ נישטיקייט דאָ, ווו ער קאָן דאָס אופֿהערן זײַן, ס׳האָט געאַרט זײַן פּאַכדאָנעס, ווײַל אויסמײַדן וועט ער גאָרנישט — ער וועט זי מוזן בײַקומען... אַרויסזאָגן דאָס אַלץ שאַוולערן איז געווען איבעריק, צוזאָגן אים עפּעס — אוממעגלעך און פּאָשעט ווילד. דער־פֿאַר האָט דאַניעל אַ צוק געטאָן מיט די אַקסל און צוגעביסן, ווי זײַן טעווע איז, בייס ער

ערגערט זיך, א ברעגעלע פון דער אונטערשטער ליפּ. קימאַט ניט פאַנאַנדערפּרעסנדיק די ציין, האָט ער געפרעגט:

— ווי קומט איר צו זעמליאַניצינען פאַר א פאַרבינדלער?

— ווער קאָן אים פאַרשטיין, דעם לייטענאַנט, פאַרוואָס ער האָט מיך אויסגעקליבן? איך וועט אים שוין פרעגן...

שאוולער האָט אַזוי ווי געהאָפּט אָף עפּעס, שוואַך, נאָר געהאָפּט. מיטאַמאָל האָט א נײַער אופגעבליצטער געדאַנק געצווונגען אים ברייטער צעעפענען די אויגן:

— ווייסט איר וואָס — איר וועט מיך גאָר קאָנען אריבערפירן צום פּאָמפּאָכאָז פון פּאָלק, צו פּאַטיוטשענקאָן! אין א ווירטשאַפט בין איך דאָך — א פיש אין וואַסער... זיי זײַנען איצט ביידע דאָ אין שטאָט — פּאַטיוטשענקאָ און זעמליאַניצין, דאָס בין איך מיט זיי געקומען צו פאָרן...

— זעמליאַניצין און פּאַטיוטשענקאָ זײַנען דאָ? — האָט דאַניִעל זיך געכאַפּט. — ווו?

— ביכלאַל שטייט מען בא דער מיל. צוויי מאַשינעס. פּאַטיוטשענקאָ דאַרף באַקומען מעל. אויב הײַנט, וועלן מיר נאָך אַפּדערנאַכט אוועקפאָרן צוריק, און אויב מאָרגן — וועט מען נעכטיקן. זעמליאַניצין איז געקומען, ווײַל די מאַמע זײַנע, א טיפע זקיינע, איז קראַנק. מ'האָט אים דורכן שטאַב אַרויסגערופן. עפּעס איז מיט זײַנעם א קינד אויך געשען. נו, און איך — איך האָב זיך אײַנגעבעטן צוליב טשאַרנען...

דאַניִעל האָט פאַנאַנדערגעפרעגט שאוולערן, ווו די מיל איז. ס'האָט זיך אויסגעקלאָרט, אַז מע האָט ווידער זיך געדאַרפט אומקערן צו דער וואָלגע, נאָר היפּש אין א זײַט פונעם שטאַב. שאוולער האָט געוווסט אויך זעמליאַניצינס אַדרעס. צו זעמליאַניצינען איז פון דער רעדאַקציע געווען נעענטער. דאַניִעל האָט א ביסל זיך א קווענקל געטאָן, נאָר באַשטימט אוועקלאָזן זיך צו אים. פון שאוולערן, וועלכער האָט זיך אָנגעבאָטן פאַר א באַגלייטער, איז ער דעליקאַט פּאָטער געוואָרן.

3 א קווענקל געטאָן האָט זיך דאַניִעל, אייגנטלעך, דערפאַר, ווײַל ער האָט באַנומען, אַז שמועסן גענוי מיטן קאַמעראַטע וועט גיכער פון אַלץ קיין מעגלעכקײַט ניט זײַן. קעדיי דערוויסן זיך, וואָס עס טוט זיך אין פּאָלק, און ביפּראַט נאָך אין דער דיוויזיע, וואָלט בעסער געווען גיין גלײַך צו פּאַטיוטשענקאָן. אָבער געפירט האָט אים צו זעמליאַניצינען ניט נאָר דאָס אומיטלבאַרע: „מע דאַרף א קוק טאָן, וואָס איז דאָרט געשען", נאָר אויך עפּעס, ס'האָט געקאָנט הייסן — טיף פּערזענלעכס, און וואָס קעגנגעשטעלט האָט ער עס שאוולערס — „אַן אכזער". ער האָט אויך געוווסט, ווער זעמליאַניצין איז, אויך געזען אין אים דעם אכזער, נאָר גאָר אַן אַנדערן, און געוואָלט א קוק טאָן אָפן קאַמעראַטעס היים, אָף זײַנע אייגענע. ס'האָט פאַר אים געהאַט א ווערט, וועלכע ער וואָלט עפּשער דערקלערן ניט געקאָנט, נאָר פונוואַנען דער דאָזיקער פאַרלאַנג קומט — האָט ער פאַרשטאַנען.

נאָך א רעגע, צוויי — און ער וואָלט געהאַט אויסגעשאָסן, דאַניִעל, אין זעמליאַניצינס צעכראַסטעטער, האָריקער, מיט שווייס באַגאָסענער ברוסט. געווען איז דאָס פאַראַיאָרן, ניט ווײַט פונעם דניעסטער. דער פּאָלק, וואָס האָט פאַרלוירן די אָנפירונג, — דער קאָמאַנדיר און דער קאָמיסאַר זײַנען דערהאַרגעט געוואָרן, — איז אין פּאַניק אָפּגעטראָטן איבער א ברייטן פעלד מיט שטייענדיקן ווייץ, און ער, דאַניִעל, וועלכער איז נאָרוואָס, אָף א פּאַנצערמאַשין אין טשאַקנדיקער אוניפאָרם, אָנגעקומען פון אַרמיי־שטאַב אָפן פראָנט, האָט גענומען אָפּשטעלן און פאַרקערעווען די לויפנדיקע פּעכאָטע. אָט אין יענער אַנטשיידענער מינוט האָט זעמליאַניצין, דעמלט נאָך אַן עלטערער סערזשאַנט, וועלכן ער האָט באַפוילן גיין צוריק, האַרב א פרעג געטאָן, באַווײַזנדיק מיטן קאָפּ אָף די דײַטשן, וואָס זײַנען אין א געבראָכענער קייט אויסגעוואַקסן באַם ראַנד פונעם פעלד: „און דו ביסט דאָרט שוין געווען?". נאָר באַלד טאַקע האָט דער זעלבער עלטערער סערזשאַנט געראַטעוועט אים פון יורי טאַנאַגאָזס פאַרעטערישע קוילן, אונטערגעשניטן אים, טאַנאַגאָזן, פון אויטאָמאַט און דער ערשטער אויסגעקערעוועט זיך צוריק קעגן די דײַטשן. פון דעם מאָמענט האָט זיך אָנגעהויבן די קאָנטראַטאַקע, דער פּאָלק, וואָס איז שיר ניט אומגעקומען, איז געבליבן לעבן, און ער, דאַניִעל, איז געוואָרן זײַן קאָמאַנדיר. דערנאָך — וויפל ס'איז נאָך געווען דערנאָך! — די בריק איבערן סטעפּישן טײַכל, ווו זעמליאַניצינס ווזוואָד איז באַפוילן געוואָרן פאַרהאַלטן די היטלעראָווצעס אָף צוויי שאָ, ביז די דיוויזיע וועט זיך שטעלן אָף נײַע פּאָזיציעס; זעמליאַניצינס קומען פון אַרומרינגלונג סאַכאַקל מיט דרײַ סאָלדאַטן; די שלאַכט בא אָריסיעס קורגאַן, שוין אין דאָנבאַס, ווו זעמליאַניצין האָט פאַרביטן דעם דערהאַרגעטן קאָמראָטע סאַבלינען און איז פון דעמלט טאַקע פאַר־

בליבן קאָמאַנדעווען מיט דער ראַטע; דער „רויטער שטערן", וואָס ער, דאַניעל, האָט צוגעפעסטיקט צו זײַן ברוסט און באַגריסט אים מיטן טיטל סטאַרשינא... איצט איז זעמליאַניצין א לייטענאַנט — שאַולער האָט אים אַזוי אָנגערופן.

דאַניעל האָט אָפּגעזוכט די גאַס, דעם הילצערנעם טויער מיטן נומער פונעם הויף, אין וועלכן זעמליאַניצין האָט געוווינט. אין הויף, באַם גאַנעק פון אַן אַלט צווייִשטאָקיק הויז, איז געשטאַנען א וואָגן מיט א ברעזענטענער בויד, אַף וועלכער ס'איז בא דער זײַט אָנגעמאָלט געווען א רויטער קרייץ. די אויסגעדאַרטע פערד און דער הויקערדיקער אָנטרײַבער אַף די קאָזלעס האָבן ווי געדרעמלט. דאָס האָט באַזונדערס זיך געוואָרפן אין אויג, ווײַל אין הויף האָט זיך געפילט אַן אופּרודערונג: מענטשן, צו דרײַ, צו פיר, האָבן זיך געזאַמלט ווער בא דער וואַסער־קאָלאָנקע, ווער באַם טיש מיט אײַנגעגראָבענע בענק לעבן טשאַכלע קוסטעס בעז, ווער לעבן בערגל זאַמד און דער צעבראָכענער הוידלקע, ווו קינדער האָבן איבערגעריסן די שפּיל, — אַלע האָבן מיט אומרויקע, פאַרזאָרגטע פּנעמער געשמועסט וועגן עפּעס, געקוקט אַף דער בויד און אַף די אייבערשטע פענצטער פונעם צווייִשטאָקיקן הויז. פאַרשטאַנען שוין, וואָס דאָ קומט פאָר, און אז געקומען איז ער טאַקע ניט צו דער צײַט, האָט דאַניעל דאָך באַשטימט פרעגן בא די עלטלעכע פרויען, וואָס זײַנען געשטאַנען נעענטער צום טויער, ווו זעמליאַניצינס דירע איז.

די פרויען האָבן אָנגעוויזן אַף די מיטלסטע האַלב־אָפענע פענצטער פון צווייטן שטאָק, און אייניע, די סאַמע עלטסטע, א לאַנגע, מיט שמאָלע, אײַנגעבראָכענע אַקסלען און אין א דורכגעברענטן פאַרטעך, האָט בעקיוונדיק הויך אַרויסגעזאָגט א האַשאָרע:

— אויך א דאָקטער.

— ניין, פּאַשעט א באַקאַנטער, — האָט דאַניעל געענטפערט.

— הייסט עס — אַף דער לעוויע, — האָבן קימאַט אייניצײַטיק זיך אָנגערופן צוויי אַנדערע.

דאַניעל האָט זיך שוין ניט געלאָזט צום גאַנעק, נאָר אוועקגיין האָט ער אויך ניט געײַלט. די פרויען האָבן געשוויגן א מינוט און גענומען רעדן אַזוי, ווי זיי זאָלן פאַרזעצן א שמועס, וועלכן ער האָט איבערגעריסן, נאָר ס'איז קלאָר געווען, אז אַלץ ווערט געזאָגט צוליב אים:

— צוויי מיליטערישע דאָקטוירים האָט מען צוגעשיקט. זיי זײַנען ניט אוועקגעגאַנגען ביזן סאָף — פון נעכטן אָפּדערנאַכט אָן.

— יאָ, אָנגעוואָזיעט האָבן זיי זיך מיט דער מומע דוניאַשע ווי עס געהער צו זײַן. איך האָב אינדערפרי זיי אַרײַנגעטראָגן טיי, האָב איך געזען.

— כע! א נײַ הארץ וועסטו ניט אַרײַנשטעלן. אַפילו ווען עס פּאַסירט עפּעס מיט א גענעראַל אַפן פראָנט — איז אויך דאָס זעלבע.

— פונדעסטוועגן, ווען ניט קאַלקע, ווען ער פאַלט ניט אַרײַן אין דער באַליע מיט הייסן גרעט, ליגט זי זיך, די מומע דוניאַשע, ווײַטער, ווי זי איז שוין געלעגן דרײַ כאַדאָשים, און וואָלט זיך נאָך עפּשער שפּעטער אויפגעהויבן... זי האָט ניט געטאָרט אופשפּרינגען, און פאַרטיק, — איך האָב געהערט, וואָס די דאָקטוירים האָבן צווישן זיך גערעדט, ווען זיי האָבן געטרונקען די טיי.

— אָבער ווען זי שפּרינגט ניט אוף? ער וואָלט זיך דאָך אָפּגעקאָכט, קאַלקע, ביז גלאַשע וואָלט אין הויף דערהערט די גוואַלדן! אַן אַלטע, קראַנקע שוויגער, האַ, און מע דאַרף זי אויך אין שטוב!..

— גלאַשקע... און אויב די מומע דוניאַשע האָט עפּעס באַוויזן זאָגן ניקאָלײַ פּראָקאָפּיעוויטשן — ווי מיינט איר?..

— ע, גענוג, שווײַג שוין בעסער, מאַריע! דו האָסט זיך דײַנס אַרײַנגעשלאָגן אין קאָפּ! — דאָס האָט געזאָגט די לאַנגע מיט די געבראָכענע אַקסל צו איינער פון א יאָר פערציק, מיט א רונד רויט פּאָנעם און דינע אויסגעשטשיפּעטע ברעמען.

— גענוג! וואָס עפּעס — גענוג? — האָט די רויטבאַקיקע זיך נאָך מער צעפּלאַמט. — אונדזערע זײַנען ווײַט — זײַנען מיר, הייסט עס, שלעכטע, און אירער איז שוין צוויי כאַדאָשים באַענט — איז זי געוואָרן א גוטע?.. אין הויף איז זי געווען... און עפּשער — אַפן ערשטן שטאָק? דער פעטער מיכא איז אַף דער דריטער וואַכטע, און דער קוואַרטיראַנט זײַנער, דער סטאַרשינא, האָט שטענדיק איין וואַכטע — א באַטאַגיקע... די עלטערע קינדער האָט זי, גלאַשקע, אָפּגעשיקט צו די איריקע, אין דאָרף, און די מומע דוניאַשע איז זיך געלעגן אין איר ווינקל, א סאַך האָט זי פון דאָרט געקאָנט זען... און גלאַשקע איז איין בעריע — אַי זי שטאַמפּעוועט קליאָפּקעס אין האָפן, אַי זי וואַשט גרעט פאַר דעם סטאַרשינאַס סקלאַד... דאָס יאַטל כאַפּט זיך אוף, און עס גייט, דאָס ביקל, זוכן די מאַמע אין קיך... האַ?

פון צווייטן שטאָק האָט זיך אַרויסגעריסן אַ שטאַרקער געיאָמער. די רויטבאַקיקע מיט די אויסגעשטשיפּעטע ברעמען איז אַנשוויגן געוואָרן — אַלע האָבן געקוקט אַרויף, צו די האַלב־אָפענע פענצטער.

— זי וויינט, גלאַשע, — האָט זיך אָנגערופן אַ נידעריטשקע, מיט אַ קרענקלעך־בלאַס, צע־רונצלט פּנים, — דאָס קער מען שוין צונעמען קאַלקען אין שפּיטאָל. זיי האָבן געייצעט, די מיליטערישע, ווען זיי זײַנען אַוועקגעגאַנגען, איך האָב געהערט.

— גלאַשקע וויינט! — די פּולבאַקיקע האָט בייז זיך איבערגעבליקט מיט גאָר אַ יונגער, וואָס האָט דאָס ווײַסע טיכל אָנגערוקט אַף די ברעמען און די גאַנצע צײַט געשוויגן. — גלאַש־קע... נישקאַשע, קיין סאַך האָט זי בא ניקאָלײַ פּראָקאָפּיעוויטשן ניט געוויינט. זי איז ווערט מער.

— נו, אַ געדז! טפו! — די לאַנגע איז, צוקנדיק באַרויגעז מיט די שמאָלע אַקסל, אָפּגע־גאַנגען אין אַ זײַט.

דער קלייניטשקער מיטן צערונצלטן פּנים איז, קענטיק, געוואָרן ניט באַקוועם פון דעם אַלעמען, דערפאַר האָט זי געזאָגט, סײַ קעדיי ענדערן דעם שמועס, סײַ דער מיליטערישער, דאַניִעל, זאָל סטאַם הערן:

— אַ ווײַיעזד, אַ טאַראַטײַקע! ביז דער מילכאָמע זײַנען שוין בא אונדז געפאָרן אויטאָ־בוסן, אַ פאַרגעניגן געווען צו קוקן — דאַרף מען זיי איצט אָבער ערגעץ מער, ווי דאָ...

דאַניִעל האָט געגומען אַוועקגיין. לעבן טויער האָט ער זיך אומגעקוקט און בא איינעם פון די האַלב־אָפענע פענצטער דערזען זעמליאַניצינען, וועלכער איז אין אַ גימנאַסטיאָרקע געשטאַנען מיט דער פּלייצע צום הויף. דער קאָפּ מיט קורץ־געשוירענע טונקעלע האָר איז עטוואָס אָנגעבויגן געווען פאָרויס, די ברייטע אַקסל — אָנגעשטרענגט אונטערגעהויבן, און דערמאַנט האָט אָט דאָס שטיין זײַנס, ווי ער זאָל וואַרטן, אַז עמעצער וועט באַלד אים אַרופּ־וואַרפן אַ שווערע מאַסע אַף די פּלייצעס.

פאַר דעם, ווי אַוועקלאָזן זיך זוכן די מאַשינעס פון פּאָלק, האָט דאַניִעל באַשטימט אַרײַנ־גיין אין שטאַב און זאָגן, וווּ ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער אָפּעראַטיווער דעזשורנע, דער טשאַקנדיקער קאַפּיטאַן, איז מאַמעש אופגעשפּרונגען בא זײַן טיש, אַ פאַרשטעלטן מיט טע־לעפאָנען, ווי נאָר דאַניִעל האָט זיך באַוויזן אַף דער שוועל.

— אַ, — האָט דער קאַפּיטאַן אויסגערופן אַ דערפרייטער, — און איך האַלט שוין אין איין אַרויסקוקן אַף אײַך! דער גענעראַל־מאַיאָר האָט געקלונגען, פּאַוועל אַלעקסייעוויטש. איך האָב אים געזאָגט, אַז איר זײַט דאָ, האָט ער געהייסן געבן אײַך אָן אָרט אינעם פאַרבינדונגס־אַעראָפּלאַן... מיט איין וואָרט, איר פליט אין פערציק מינוט אַרום צו אים. ווו זײַנען אײַערע זאַכן? ווײַט? איך בעט אײַך, כאָטש פּאַדפּאַלקאָווניק, — אײַלט!

דער קאַפּיטאַן האָט צוגעלייגט די הענט צו דער ברוסט, באַגלייט דאַניִעלן אַפן גאַנעק, שיר ניט אונטערגעשטופּט אין פּלייצע — ס'איז אים געווען ניט צו דערקענען.

4 דעם פירפליגלדיקן אַעראָפּלאַן, אַף וועלכן דאַניִעל איז געפלויגן, האָט מען אַפן דאָרעם־פראָנט געוויינלעך גערופן „קוקורוזניק": היטנדיק זיך פאַרן סוינעס אַעראָ־פּלאַנען, פלעגט ער פליִען אַזוי נידעריק, אַז די רעדער האָבן שיר ניט פאַרטשעפּעט די קוקו־רוזע־בערשטלעך. אַרום סאַראַטאָוו — מע האָט געגומען דעם קורס אַף דאָרעם־מײַרעוו — איז קיין קוקורוזע ניט געווען צו זען. נאָך דעם פּאַס וועלדער און וועלדלעך איז אַוועק סטעפּ — ראַכוועסדיקע פעלדער, פון וועלכע דער ווייץ, דעריקערשט ווייץ, איז קימאַט אומעטום אַראָפּ־גענומען געווען, גאַנצענע קילאָמעטערס ווילדגראָז, וואָס איז אויסגעברענט פון דער זון, לייַ־מיקע פּוסטקעס, פיצינקע בערגלעך, געשלענגלטע באַלקעס. אָט די פּלאַטאָ האָט שטייל אָפּגע־האַקט זיך בא דער וואָלגע, אַנטבלויזנדיק רויטע און ווײַסע ליימיקע אָפּהאַנגען. אַף יענער זײַט טײַך, נאָך די גרינגע פּליינען, פּאַרוואַקסענע מיט לאָזע און קאַמיש, נאָך די פּילצאַליקע אָזערעס און זאַמדיקע פּליכעס, האָט ווידער געכוואַליעט סטעפּ, אומענדלעכער, ווי אָן אָקעאַן. באַלד ווי די סטעפּעס האָבן זיך אָנגעהויבן, איז דער „קוקורוזניק" אַוועק בא דער ערד, און דאַניִעל האָט פאַרשטאַנען: די־טשישע אַעראָפּלאַנען שמײַען דאָ שוין אום, ווי די בערקוטן. ער האָט געזען אַשיק־גרויע גריבער, וואָס באָמבעס האָבן געלאָזט בא די וועגן, אַרום יישווים, באַמערקט צעקלאַפּטע אויטאָמאַשינעס, טראַקטאָרס. ס'האָט אומרויִק פאַרקלעמט באַם האַרצן: צי וועט כאָטש דער פראָנט אַהער ניט דערקויקלען זיך — דאָ איז שוואַך מילכאָמע האַלטן. דער־ווײַל זײַנען די שלאַכטן געגאַנגען אַפן מײַרעווידיקן ברעג פון דאָן, — דאָרט איז קימאַט דער זעלבער רעליעף, — בלוטיקע שלאַכטן. דאָ, בא דער וואָלגע, האָבן זיך געשטעלט די סטראַטעג־

גישע רעזערוון, נאָר ווער ווייסט, צי זיי זײַנען א סאך, און צי עס וועט קלעקן צײַט זיי אויסצושולן?..

אפן פעלד, א באדעקטס מיט סטערניע, ווו דער עראָפּלאַן האָט בא זון־פאַרגאַנג זיך געזעצט, האָט אף דאניִעלן געווארט יאסענעווס אדיוטאנט — סאָכא. ער האָט אלץ געטראָגן זײַנע קאָס־אונטערגעשניטענע באקענבארדן, איז אלץ געווען אזא פּראָסטלעך־ערנסטער, ווי שטענדיק, און די איינציקע ענדערונג, וואָס דאניִעל האָט באמערקט, איז עפשער געווען בלויז דאָס צווייטע קוביקל אף די פּראָנט־פּעטליצעס — פון א ייִנגערן לייטענאנט איז סאָכא געוואָרן א לייטענאנט.

זיך שווײַגנדיק באגריסט און אָפּגעפירט דאניִעלן צו א קאָפּנע ווייץ, הינטער וועלכער ס׳איז געשטאנען דעם גענעראלס „עמקע״ (אלץ יענע „עמקע״, אף וועלכער יאסענעוו איז אומגעפאָרן, זײַענדיק א קאָמדיוו, — דרײַ לעכעלעך פון שפּליטערס אינעם רעכטן עטוואָס צעבויגענעם פליגל), האָט סאָכא געמאָלדן מיט זײַן רויִקער באייִשעווטער שטים, אז די לאגע האָט, ליידער, פאר די פיר שאָ זיך געענדערט, דער גענעראל־מאיאָר האָט געמוזט פארבלײַבן אין א דיוויזיע, פונוואנען ער האָט געמיינט פארנאכט אוועקפאָרן, נאָר ער וועט דאָרט זײַן פארנומען אף א בעראטונג און אף באנאכטיקער שלאכט־לערע, אזוי אז מיט אים, מיט קרעמעזן, וועט ער זיך קאָנען זען בלויז אינדערפרי. דאניִעל וועט זיך אָפּשטעלן אף נאכט דאָ ניט ווײַט, אין א באלקע, ווו ס׳איז דער שטאב פון אן אנדער דיוויזיע און ווו ס׳איז פארן גענעראל אויסגעשטאט אן ערדשטיבל, — טאקע דאָרט זאָל ער רוען, אף יאסענעווס געלעגער, דער גענעראל וועט אים דאָ געפינען, ווי נאָר די צײַט וועט דערלויבן.

דאניִעל האָט געוווּסט, אז פּרווון זיך דערגיין באם אײַנגעשלאָסענעם סאָכא עפּעס מער, ווי מ׳האָט אים געהייסן זאָגן, איז אן אומזיסטיקע טירכע. עס האָט ארויסגערופן פארשיידענע אומרויִקע געדאנקען דאָס, וואָס דער גענעראל האָט אזוי אומדערווארט געמוזט זיך פארהאלטן. ער האָט אויך געוווּסט, אז פאָרלייגן, אשטייגער, סאָכאען, ער זאָל אים מיטנעמען אף דער מאשין אהין, ווו דער גענעראל געפינט זיך, — איז ביכלאל איבעריק, דערויף האָט שוין דער אדיוטאנט טאקע קיין שליטע ניט געהאט. דערפאר איז מען גלײַך אוועקגעפאָרן צו דער באלקע, א געדיכט באוואקסענער מיט ביימער און קוסטעס, אראָפּגעלאָזט זיך אינעם ערדשטיבל, ווו ס׳איז שוין געווען שטאָקפינצטער. סאָכא האָט איינס און צוויי, בא דער שײַן פון א קארביד־לעמפּל, געביטן דאָס גרעט אפן גענעראלס שמאָלן געלעגער — א שטרויענעם מאטראץ אף דינע זשערדיעס, באוויזן, ווו מע קאָן זיך ארומוואשן, געזאָגט, אז ער וועט הייסן אין קיך, וואָס געפינט זיך דאַ ניט ווײַט, מע זאָל ברענגען וועטשערע, און איז אוועק.

בייס מע איז געפאָרן צו דער באלקע — א קילאָמעטער דרײַ סאכאקל — און בייס סאָכא האָט אזוי ספּריטנע זיך געפאָרעט, האָט דאניִעל פארגעבן אים עטלעכע פראגעס, וועלכע האָבן צום גענעראלס פארנומען זײַן קיין שײַכעס ניט געהאט: וואָס הערט זיך אין דער דיוויזיע, מיט וועלכער יאסענעוו האָט פריִער קאָמאנדעוועט? ווי איז די לאגע אין זײַן, דאניִעלס, געוועזענעם פּאָלק? סאָכא האָט געענטפערט זייער קורץ; צו דעם, וואָס דאניִעל האָט געוווּסט פון בריוו, האָט ער, אייגנטלעך, גאָרנישט ניט צוגעגעבן. בלויז איין פראגע האָט אים ארויסגעפירט פון זײַן קאָנצענטרירטקײַט, פון גלײַכגעוויכט: צי האָט ער ניט געהערט, ווי האלט עס באם דאָן? סאָכא איז געבליבן שטיין אינמיטן ערדשטיבל, אויסגעקערעוועט צו דאניִעלן זײַן צערודערט פּאָנעם מיט שווארצע, טריבע אויגן און געזאָגט:

— זיי האָבן אים פאָרסירט, דעם דאָן, די פארשאָלטענע, שוין צוויי טעג, בא ווערטיאטשי און פּעסקאָוואטקע, און עס גיט זיך ניט אײַן אריבערטרײַבן זיי אף צוריק. מיטן גלײַכן וועג איז עס ארום פופציק קילאָמעטער ביזן סטאלינגראדער טראקטאָר־זאוואָד...

ווען סאָכא איז אוועקגעפאָרן, איז דאניִעל לאנג געזעסן אפן בעטל — דער פוס האָט גענאָיעט, אומגיין איז שווער געווען, און דאָס ערדשטיבל איז צו ענג געווען. ער האָט געפּרווּוט אופעסן א ביסל געבראָטענע קארטאָפל, וואָס דער קעכער, א באיאָרטער סאָלדאט, האָט געבראכט אף א סקאָווערדקע, נאָר דאָס עסן האָט זיך געשטעלט אין האלדז. א קווערטל טיי האָט ער אויסגעטרונקען, צוגעביסן מיט אן אָפּגעשטשיפּעט שטיקל ברויט. און ווײַטער געזעסן א פארקלערטער. ווערטיאטשי און פּעסקאָוואטקע... ער האָט קיין מאפּע ניט געהאט, נאָר פאָרגעשטעלט זיך אן ערעך, ווו דאָס קאָן זײַן, דורכגעפירט אין געדאנק א גלײַכע ליניע פונעם דאָן צום צאָפנדיקן ראנד פון סטאלינגראד, צו דער וואָלגע. איז אָט, ווי עס האלט דאָ.

א וואָך אוואדע, אויב ניט מער, און אלע טעג, וואָס ער איז געפאָרן אין צוג, האָבן די סוואָדקעס איבערגעכאזערט, אז די שלאכטן גייען ארום קליעטסקאיא — א סטאניצע מײַרעוו־צו פון דאָן. האָט זיך געוואָלט גלייבן, אז דאָרט, אפן לינקן פליגל פון די דײַטשישע אָנגרײַפנדיקע קאָלאָנעס, סטאבילירט זיך דער פראָנט, און ער קאָן זיך סטאבילירן אויך ווײַטער, לענגויס

דעם טײַך. ערשט גאָר אַזוינס... דאַניִעל האָט גוט געוווּסט, וואָס עס באַטײַטן פופציק קילאָמעטער, בײַס דער פראָנט איז ניט קיין שטאַנדהאַפטיקער. ער האָט זיי פאַראיאָרן געגנוג דורכגעמאַכט מיט זײַן פאָלק, אָט די פופציקער קילאָמעטער, פון מײַרעוו אָף מיזרעך, ביז מע האָט טיף אין האַרבסט זיך אײַנגעהריזעט אין דער פרירנדיקער ערד אַרום ראָסטאָוו און מיטן ערשטן זאַוויי אַ ריס זיך געטאָן צוריק, צום טײַך מיוס. דאָס האַרץ האָט זיך געקוויקט. ס'האָט זיך געדאַכט: אַן עק, מע קערט זיך אום. צי וועט ער דאָרטן טרעפן לעבעדיקע אָלגען, נאַטאַשען, צי וועט זיך ערגעץ אָפּזוכן אין פײַער ליאָניע, און אַוואַדע איז ער געגאַנגען שוין, דאַניִעל, בלויז צו דער מאַמעס, דעם פעטער מיכלס און דער מומע סטערעס ביינער — ער האָט געהערט וועגן באַבי יאַר און וועגן דעם, וואָס די פאַשיסטן טוען אין די שטעטלעך, איז צי דען האָט דער פינצטערער גורל געמיטן ליובאַטש? — ער איז געגאַנגען, ווי טויזנטער, טויזנטער אַנדערע, ראַטעווען די ערד אַליין און אַלע די, וואָס פּאָכן דאָרט מיט די נעשאָמעס. און איצטער — וואָס? דער געפיל איז געווען, אַז ער לאָזט ווידער אָף העפקער, און ווער ווייסט אָף ווי לאַנג, די אייגענע — זיי וואַרטן אָף אים, און ער קומט אויס אַלץ ווײַטער און ווײַטער...

ער איז ניט דאָס ערשטע יאָר אַ מיליטערישער, און וואָס ער האָט ניט געוווּסט אַפילע אָפן דאָרעם־פראָנט, ווייסט ער איצט: פאַר אַן אַנטשיידענעם אָנגריף, וואָס זאָל ברענגען צום זיג איבערן פאַשיסטישן מיליטער, האָבן ווינטער נאָך ווײַט קיין קויכעס ניט געקלעקט. דערצו זײַנען אין גאַנג פונעם אָנגריף, באַזונדערס אָף די שפּעטערע פּאַזעס, דערלאָזט געוואָרן אייניקע פעלערן, וואָס האָבן געגעבן אַ מעגלעכקײַט דעם סוינע שנעלער קומען צו־זיך פון די מאַפּאָלעס באַ ראָסטאָוו און אין דער ריזיקער שלאַכט הינטער מאָסקווע — אָן קיין פעלערן גייט דאָס ניט צו. אָף די קורסן האָט מען דערלערנט די דערפאַרונג פון פיל שלאַכטן, געלונגענע און ניט קיין געלונגענע, די לעקטאָרן האָבן אָבער אויסגעמיטן צו רעדן וועגן דעם, וואָס עס איז סאָף מײַ געשען הינטער כאַרקאָוו, באַ איזיום און באַרווענקאָוואָ — דאָס וועט מען מיסטאַמע דערלערנען שפּעטער... נאָר וועגן עפּעס־וואָס האָבן די קאָמאַנדירן, וועלכע זײַנען פאַרווּנדעט געוואָרן אין יענע שלאַכטן אָף דאָרעם, און אויך אַנדערע, וואָס זײַנען פייִק אַנאַליזירן מיליטערישע געשעענישן און פאַקטן, זיך אָנגעשטויסן, אַרויסגעזאָגט גאַנץ וואָרהאַפטיקע האַשאָרעס. אין גרונט האָט פרילינג־צײַט זיך איבערגעכאַזערט די סיטואַציע, וואָס איז געווען פאַראַיאָרן סאָף יול, ווען די דײַטשן, ניט זײַענדיק שוין בעקויעך אָנגרײַפן איבערן גאַנצן פראָנט, זײַנען שטיין געבליבן הינטער מאָסקווע און געריכטעט דעם קלאַפּ אָף דאָרעם. מע האָט דאָס ניט פאָרויסגעזען. מעגלעך, מע האָט אויך דאָס מאָל זיך געריכט, אַז היטלער וועט ווידער אָנגרײַפן אָף מאָסקווע, ווײַל כאָטש דאָס פאַשיסטישע מיליטער איז אָפן צענטראַלן באַצירק אַמווײַטסטן אָפּגעטריבן געוואָרן אָף מײַרעוו, האָט דאָרט פאָרט צו אָנהייב פרילינג זיך פאַרהיט דעם סוינעס שטאַרקסטע און פילצאָליקסטע גרופּירונג. דערפאַר זײַנען הינטער מאָסקווע קאָנצענטרירט געוואָרן אונדזערע גרונטיקע קויכעס. ערשט, היטלער האָט פאַרגענומען אַן אָנגריף אָף דאָרעם, קעדיי פאַרענדיקן פריִער דאָ און פאַנאַנדערבינדן זיך די הענט... און מיסטאַמע האָט אויך אַזאַ האַשאָרע געהאַט אַ גרונט: אַז אונדזער מיליטער האָט ניט געדאַרפט אין די פרילינג־כאַדאָשים פאַרנעמען אייניקע אַפילע לאָקאַלע אָנגריף־אָפּעראַציעס, ווי די כאַרקאָווער, ווײַל מע האָט פאַרשווענדעט דערויף אַ סאַך מער קויכעס, איידער עס וואָלט נייטיק זײַן אָף פירן שוץ־שלאַכטן, וואָס זאָלן אויסמאַטערן דעם סוינע, וועלכער האָט זיך געגרייט צו אַ שפּרונג.

אָט וועגן דעם אַלעמען האָט דאַניִעל געקלערט רעדן מיט יאַסענעוון, ווען עס זאָל זיך שאַפן אַ געלעגנהײַט. ער האָט ליב געהאַט הערן דעם גענעראַלס מיינונג וועגן וויכטיקע מיליטערישע געשעענישן, גרויסע שלאַכט־אָפּעראַציעס — שטענדיק איז די מיינונג אַרויסגעזאָגט געוואָרן ערלעך און געקומען פון אַ ברייטן פאַרשטאַנד. כוץ דעם, איז יאַסענעוו אַליין געווען אַן אָנטיילנעמער פון די שווערע פרילינגדיקע שלאַכטן. ער האָט געשריבן דאַניִעלן (ביכלאַל האָט ער צוגעשיקט עטלעכע בריוו, איינעם — נאָך פונעם מיוס, דעם צווייטן — ווען מע האָט די דיוויזיע אַריבערגעפירט צום דאָנעץ, דערנאָך איז לאַנג קיין אײַנגעטונקענע פּען ניט געווען ניט בלויז פונעם גענעראַל, נאָר אויך פון וויכאָרעוון — דעם קאָמיסאַר פון פאָלק, און פון קאַראַטײַען, ביז ס'זײַנען אָנגעקומען בריוו שוין פון סאַראַטאָוו, און טאַקע יאַסענעווס — דער ערשטער): „מע איז אַן ערעך מיט גאַנצע ביינער אַרויסגעשפּרונגען פון די צוואַנגען, וועלכע דער סוינע האָט געשלאָסן באַ איזיום — באַרווענקאָוואָ, געליטן הייס און קאַלטס הינטער וואָראָניעזש, נאָר ווידער אויסגעהאַלטן. און איצט געפינט מען זיך אָף איבערפאָרמירונג אין באַשטאַנד פון אַ נײַ־געשאַפענער אַרמיי".

דאַניִעל האָט פונדעסטוועגן באַשטימט זיך צולייגן, כאָטש ס'איז ערשט געוואָרן נאַכט און ער איז ניט זיכער געווען, צי וועט ער קאָנען גיך אײַנשלאָפן. ער האָט בלויז אַראָפּגעשלעפּט

די שטיוול — טאָמער קומט יאסענעוו, זאָל ער זיך ניט דארפן אָנטאָן. דעם איבערגעבעטן געלעגער אויך ניט גאָר אָנגערירט, פארשפרייט אים איבער דער קאָלדרע מיט איין העלפט פון זײַן פלאשטש־פאלאטקע, אײַנגעדעקט זיך מיט דער צווייטער העלפט, א בלאָז געטאָן אפן ווײַסן פלעמל פונעם לעמפל און צוגעמאכט די אויגן. עטלעכע ווײַלעס האָט ער געזען פאר זיך יאסענעוון — א פלייציקן, א הויכן, העכער עפשער, ווי ער איז אינדערעמעסן געווען. אָט שטייט יאסענעוו אינמיטן ערדשטיבל, גלעט צו זײַן העלן יאָזשיק מיט דער האנט, אין וועלכער ער האלט פארן דאשעק דאָס היטל, און שמייכלט פרײַנטלעך, שוויַיגנדיק, זײַן פליישיקע אָדלער־נאָז איז פון דעם מער א קאפּעלע אויסגעצויגן. דערנאָך האָט דאניִעל אים דערזען זיצן אין א פוסטן קלאס־צימער אפן ראנד פון אן אײַזערנעם בעטל, אין געפרעסטע הויזן מיט לאמפאסן, די פיס אין שקארפעטקעס — אראָפּגעלאָזט אפן דיל, ווו ס׳איז אויסגעשפרייט א צײַטונג. דער קיטעל איז בלויז ארופגעוואָרפן אף די אקסל, דער בויך און די ברוסט זײַנען פארבאנדאזשירט, און סאמע באם האלדז, ווו די מארליע איז שטײַף אָנגעצויגן, קרײַזלען זיך אפן ראָזן לײַב געלע הערעלעך. דאָס לענגלעכע פולע פּאָנעם מיט די געדיכטע ברעמען, אויסגעברענטע פון דער זון, איז אָנגעלענט אף א געזונטער מוסקולדיקער האנט, וואָס איז מיטן עלנבויגן אָנגעשפּארט אין דער קני. „נאָר אזא איז ער דאָך געווען פאראיאָרן, פּאוועל אלעקסייעוויטש, ווען איך האָב אים דאָס ערשטע מאָל דערזען אפן דאָרעם־פראָנט, — האָט דאניִעל ניט פארשטאנען, — און איצט בין איך פארוואונדעט, ניט ער, איך ליג מיט א פארבאנדאזשירטער האנט, און דער פוס איז פארפרעסט אין גיפּס! אך, ווי ער נאָיעט, דער פוס, נו, נו!.. וואַרט, און דאָס געשניצטע שטעקל מײַנס, פאר וועלכן צוויי יאטלעך האָבן זיך געשלאָגן? ווען איז דאָס געווען? און אָט האָט עס א טרישטשע געטאָן, דאָס שטעקל, אפילע ניט קיין טרישטשע — א סקריפּע געטאָן... און ערגעץ דונערט — די יאטלעך אנטלויפן פונעם רעגן, וואָס וועט באלד א גאָס טאָן, און דאָס סקריפּעט גאָר עפּעס א בוים, וואָס בייגט זיך פונעם ווינט...”

דאניִעל האָט געעפנט די אויגן און ניט געוווּסט, צי שלאָפט ער שוין לאנג, צי ער האָט נאָר געכאפּט א דרעמל. געסקריפּעט האָט די טיר פונעם ערדשטיבל — זי האָט געוויגט זיך אף די זאוויסעס. מיסטאמע האָט זי געעפנט דער ווינט. אן אראָפּלאָן האָט ערגעץ געזשומעט אין דער נאכט, ער האָט געקערט אראָפּוואַרפן באָמבעס. און באלד: או־אוך, אוך, אוך! — טאקע באָמבעס, ניט גאָר ווײַט. די ערד האָט א ציטער געטאָן, ווי עס זאָל זיך עפּעס איין מאָל און א צווייט מאָל אָפּרײַסן אין איר טיף.

קעדיי קאָנען אײַנשלאָפן, איז דאניִעל אראָפּ און צוגעמאכט די טיר, פארפעסטיקט זי פון אינווייניק מיט א שפּענדל, וואָס ער האָט אָנגעטאָפּט פון יענער זײַט שוועל. נאָר אינגיכן האָט אים ווידער אופגעוועקט א סקריפּ און א לײַכטער צוגווינט. ער האָט מיט פארדראָס א קוק געטאָן אף דער טיר, שיר ניט אויסגעזידלט זיך, נאָר געבליבן ליגן מיט א פארטײַעטן אָטעם. עמעצער איז געשטאנען אינעם ערדשטיבל, א טראָט פון דער שוועל — א טונקעלע פיגור האָט זיך גאנץ בוילעט אָנגעמערקט אפן פאָן פון דער אָפענער טיר. ס׳איז געווען א פרוי אין א גימנאסטיאָרקע, א קורץ מיליטעריש קליידל און שטיוול. דער קאָפּ האָט אויסגעזען צו גרויס, ווײַל געלאָקטע האָר האָבן זיך אראָפּגעלאָזט צו די באקן. עפּעס איז קענטלעכס געווען אינעם סילועט פונעם דאָזיקן קאָפּ, פונעם שלאנקן, כאָטש ניט דינעם גוף. די פרוי האָט, שווער אָפּאָטעמענדיק, אופגעהאנגען עפּעס, מיסטאמע דעם שינעל, אפן צוואָק בא דער טיר, דאָרט איז שוין געהאנגען אויך דאניִעלס שינעל. זי האָט אים קענטיק אָנגעטאָפּט אינדערפינצטער, דעם שינעל, און מיט כידעש אין קאָל, נאָר אויך מיט צערטלעכקײַט ניט הויך א רוף געטאָן:

— פּאוועל!

דאניִעל האָט געשוויגן. א קעלט האָט אים דורכגענומען. ער האָט זיך מוירע געהאט א באוועג טאָן און ניט געוווּסט, צי וואָלט ער איצט קאָנען רירן מיט אן אייווער, צי איז ער אימשטאנד ארויסברענגען א וואָרט.

— פּאוועל!.. — האָט ווידער אין פארלעגנהײַט און שוין מער אומרויִק איבערגעכאזערט די פרוי.

„טשארנע! ווי קומט זי אהער? וואָס וועט זי באלד טאָן?” — האָט פיבערדיק געטראכט דאניִעל. עס האָט אים פארבלענדט א שארפער סנאָפּ שײַן פון א קעשענע־לאמטערנדל. ער האָט פארזשמורעט די אויגן, דערהערט א קורצן אויסגעשריי. ווען ער האָט זיך אופגעהויבן אף אן עלנבויגן און ווידער א קוק געטאָן אף דער טיר, איז שוין טשארנע ניט געווען אין ערדשטיבל, אירע אײַליקע טריט האָבן זיך געהערט אף די טרעפּלעך.

ניט קוקנדיק קיין אכט אפן ווייטעק אין פוס, האָט דאניִעל שנעל אָנגעטאָן די שטיוול, געלאָזט זיך צום ארויסגאנג. אפן צוואָק איז געהאנגען בלויז זײַן שינעל. אופגעהויבן זיך אף די טרעפּ, האָט דאניִעל געמיינט אראָפּלאָזן זיך צום זאמדיקן שטעגעלע, וואָס האָט בא דער

זײַט פֿון א ריטשקע זיך געשלענגלט אפֿן דנאָ פֿון דער באַלקע. בא דער שײַן פֿון דער הויכער לעוואָנע איז צו זען געווען, אז עס גייט דאָרט אום א וואַכמאַן, און אז אף די טונקעלע שיפּוּים האָרבען זיך ערדשטיבלעך, בײַדלעך. דאַניִעל האָט זיך א קווענקל געטאָן: וואָס וועט ער פֿרעגן באַם סאָלדאַט — ס'איז דאָך שוין אזוי אויך קלאָר, ווער דאָ איז געווען?.. עפּשער האָט דער וואַכמאַן געזען, וווּהין טשאַרנע איז אוועק — וואָס איז דער כּילעק, מע דאַרף זי דען אומקערן, זי איז א קליינינקע? און מיטאַמאָל האָט אים באַהערשט א גלײַכגילט: דאָס ערשטע מאָל פֿאַרלירט ער טשאַרנען? איצט אַרט עס אים אפּילע ווייניקער, ווי אַלעמאָל... נאָר פֿילנדיק ערגעץ טיף, אז ער רעדט זיך דאָס אײַן, האָט ער איינצײַטיק באַנומען אויך, אז ס'איז טאַקע אזוי. ער האָט ניט געוווּסט, וועלכע געפֿילן נאָכגעבן אין דער דאָזיקער מינוט, נאָר אוועק צוריק אין ערדשטיבל און ווידער זיך צוגעלייגט.

ער האָט געוואַרט, עפּשער וועט טשאַרנע אליין זיך אומקערן, באַהערשן זיך און קומען. נאָר דערבײַ האָט ער געוווּסט: אפּילע ווען זי זאָל קומען צוריק, — ס'איז אויסגעשלאָסן, נאָר ווען זי זאָל קומען, — וועט זיך שוין גאָרנישט ניט אומקערן. „פּאַוועלו!" זי זאָל כאָטש געווען זאָגן: „פּאַוועל אַלעקסייעוויטש". אָבער זי האָט עס צוויי מאָל איבערגעכאַזערט: „פּאַוועל".

דאַניִעל האָט געדענקט: טשאַרנע איז געפֿעלן געווען דעם גענעראַל. ווען יאַסענעוו האָט דאָס ערשטע מאָל געהאַט דערזען אים מיט טשאַרנען — אין א סאָוויִרטישן יִשעוו, ווו מע איז ווידעראַמאָל אַרומגערינגלט געוואָרן, טשאַרנע האָט טאַקע דעמלט געהאַט דערציילט אים, דאַניִעלן, אז זי איז זיך צעגאַנגען מיטן מאַן, באַגלייט אים ביזן וועג און איז צוריק אוועק אין פֿעלד, ווו ס'איז געבליבן די מאַזשאַרע, אף וועלכער זי איז געפֿאָרן אַלס א בעזשענקע, — אָט יענץ מאָל האָט יאַסענעוו, וועלכער איז פּונקט אָנגעקומען מיט סאָכאַען, איר נאָכגעקוקט מיט אַן אופֿגעלעבט פֿײַערל אין די אויגן, רויטע פֿון ניט דערשלאָפֿן. דאַניִעלן האָט פֿאַרכידעשט און א קאַלופּע געטאָן סײַ דער דאָזיקער בליק, סײַ דאָס, וואָס דער גענעראַל האָט דערבײַ געזאָגט: „א יוגנט־כאַווערטע? זעסט, ווי עס גליקט א מענטשן — א יוגנט־כאַווערטע... איך האָב זי שוין א פּאָר מאָל געזען דאָ, אין צווייטן עשעלאָן". דערנאָך האָט ער, דאַניִעל, ווידער סײַ אליין באַמערקט, סײַ געהאַט גרוסן, אז דער גענעראַל ווײַזט אַרויס אופֿמערקזאַמקײַט טשאַרנען. און ער, פֿאַרקערט, האָט ניט גראַד דערפֿאַר, נאָר סטאַם געהאַלטן זיך אַלץ מער אין א זײַט פֿון טשאַרנען, וועלכע האָט געזוכט זײַן פֿרײַנטשאַפֿט, געפּרוּווט וועקן דאָס אַלטע. נו, איז וואָס זשע וויל ער? און עפּשער איז אזוי טאַקע בעסער? קיין פֿאַרדראָס אף יאַסענעוון האָט ער ניט געפֿילט, אף טשאַרנען — אוואַדע ניט. איז עס פּאָשעט זײַנער א פֿאַרדראָס? אייגנטלעך, האָט ער דאָס אויך ניט געקאָנט זאָגן פֿעסט. ער האָט דערפֿילט א מין פֿאַרלײַכטערונג. „זעליק איז דאָ, זעליק שאַוולער..." — דאָס איז געווען זײַן לעצטער געדאַנק, מיט וועלכן ער איז אײַנגעשלאָפֿן, ניט זוכנדיק קיין ענטפֿער אף אים.

5

אין מעשעך פֿון דער גאַנצער נאַכט איז דאַניִעלס שלאָף געווען א טיפֿער, א רויִקער — בעסער אפּילע, ווי אין אַנדערע נעכט. אויב ער האָט יאָ עפּעס אזוי ווי געדענקט אין שלאָף, איז — ער ליגט אין אַן ערדשטיבל, אף שטרוי, אף זײַן פּלאַשטש־פּאַלאַטקע, ער איז ווידער דאָרט, צי אפֿן וועג אַהין, ווו ער האָט געטרוימט זײַן. דערפֿון איז געקומען דער געפֿיל פֿון באַפֿרידיקטקײַט.

אופֿגעוועקט האָט אים יאַסענעוו בא זון־אופֿגאַנג. דאַניִעל האָט פֿאַרשטאַנען, אז ס'איז טאָג, ווײַל דורך דער האַלב־אָפֿענער טיר האָט ער דערזען דאָס רויט־באַלויכטענע ווענטל פֿון דער טראַנשיי, וואָס האָט געפֿירט אין ערדשטיבל. די ערשטע רעגעס האָט ער פּאָשעט אײַנגעזאַפּט אין זיך די דאָזיקע ליכטיקײַט, אומבאַווּסטזיניק אונטערגעגעבן זיך דער פֿרייד, וועלכע עס רופֿט אַרויס א שיינער אינדערפֿרי. באַלד האָט ער אָבער דערזען דעם גענעראַל, זײַן קרעפֿטיקע פֿיגור, אף וועלכער דער גוט אופֿגענייטער שינעל איז ווי אויסגעגאָסן, זײַן האַנט, אַן אויסגעשטרעקטע, צי קעדיי צעשטורכען אים, דאַניִעלן, צי קעדיי באַגריסן זיך מיט אים. אפֿן גענעראַלס פּאָנעם, וואָס איז געווען אין שאָטן, האָט ער אונטערשיידט בלויז דעם בליאַסק פֿון די פּאָדערשטע מעטאַלענע ציין און די קוים־קוים צוגעזשמורעטע אויגן. נאָר דאָס איז געקומען ניט פֿון קיין שמייכל, ס'איז געווען א מין גרימאַסע פֿון זאָרג, באַומרויִקטקײַט. און עפּשער האָט דאָס זיך אויסגעדאַכט דאַניִעלן, ווײַל באַלד, ווי נאָר ער האָט זיך א באַוועג געטאָן, אונטערגעהויבן דעם קאָפּ, האָסטיק אופֿגעזעצט זיך און גענומען דעם גענעראַלס האַנט, האָט יענער שוין געשמייכלט:

— אויסגעשלאָפֿן זיך? רעכט, רעכט, עס וועט צוניץ קומען אף שפּעטער... נו, לאָמיך א

קוק טאָן אף דיר, דאַניִיל זאכאראָוויטש — נישקאָשע, דאכט זיך, נישקאָשע. צי אפאנעמעסן וועל איך דיך ערשט דערזען אין דרויסן, האַ?.. רעכט, פּאַדפּאָלקאָווניק, שלעפּ ארוף די שטיוול...

ער האָט זיך צוגעזעצט, ניט אויסטוענדיק דעם שינעל. דאַניִעל האָט עס באמערקט און א קלער געטאָן: „ער קלײַבט זיך דאָ ניט בלײַבן?״ דעם גענעראַלס פּאָנעם האָט אלץ מער גע־צאנקט, געכמורעט זיך, די פינגער פון דער האנט, וואָס איז ליגן געבליבן אפן טישל, לעבן פעלד־טעלעפאָן, האָבן שטיל צוגעפּויקט. „עפּעס קלערט ער, עפּעס קימערט אים. עפּשער ווייסט ער שוין?״ — דאַניִעל האָט נאָך פריִער, דריקנדיק דעם גענעראַלס האנט, דערמאָנט זיך אלץ, וואָס ס׳איז דאָ אין אָוונט פאָרגעקומען, — דערמאָנט זיך עס אָן ווייטעק, פּאָשעט דערפילט א פארלעגנהײַט, נאָר אין יענער ערשטער מינוט איז ניט צו זען געווען, יאסענעוו זאָל וועגן עפּעס וויסן. פון וואָס זשע קומט פאָרט די זאָרג?

— מיטן פוס איז בא דיר נאָך ניט אײַ־אײַ, — האָט יאסענעוו באמערקט, קוקנדיק, ווי פאָרזיכטיק ער ציט אָן די כאָלעווקע פונעם רעכטן שטיוול, — מיילע. די דאָקטוירים ווייסן בעסער פון אונדז. בעסער... גוט, וואָס דו ביסט דאָ, — סאמע צו דער צײַט געקומען, סאמע צו דער צײַט... נו, ארומוואשן זיך וועסטו שפּעטער א ביסעלע — סאָכא איז אוועק נאָך אן איבער־בײַסן... זעץ זיך צו, דאַניִיל זאכאראָוויטש, און הער מיט קאָפּ...

ער האָט ווידער געפּויקט אין טישל, ביז דאַניִעל האָט פארצויגן דעם רימען אף דער גימ־נאסטיאָרקע, און אויך דערנאָך געפּויקט עטלעכע ווײַלעס, בייס דאַניִעל איז שוין געזעסן אפן ראנד פונעם בעטל, גרייט צו הערן.

— ניט אזוי האָב איך זיך געמיינט באגעגענען מיט דיר, פּאַדפּאָלקאָווניק, — האָט יאסענעוו געזאָגט, אראָפּגענומען דאָס היטל און אוועקגעלייגט עס אף דער קני, — געמיינט פארברענגען מיט דיר דעם אפּדערנאכט, נאָר — זעסט דאָך... זעסט... געמיינט אפילע אָפּשיקן דיך הײַנט צוריק אין שטאב, אָט־אָ איצט, אינדערפרי, אין קאדרען־אָפּטייל, זאָלסט דורכגיין אלע פאָר־מאליטעטן, נאָך דעם, ווי מיר וואָלטן זיך רויִק וועגן אלץ דערעדט מיט דיר, נאָר ס׳איז קיין צײַט ניטאָ... מיילע, דײַנע דאָקומענטן זײַנען דאָרטן דאָ, אין קאדרען־אָפּטייל, מע האָט שוין אלץ קימאט אָפּגעטאָן אָן דיר... אָן דיר... און דו וועסט באלד פאָרן צו זיך, נאָר אָט — וווהין, אין פּאָלק, צי עפּשער — פאראן אזא מיינונג — עפּשער שטעלן דיך פאר א געהילף פון קאָמ־דיוו?.. קונגוראָוו האָט זיך גוט צונויפגעארבעט מיט דײַן קאָמיסאר, מיט דײַן נאטששטאב, און דעם קאָמדיוו קענסטו ניט שלעכט — לעמעכאָוון. געגאנגען מיט דיר אין איין שפּאן אלס קאָ־מאנדיר פון א פּאָלק... געגאנגען, און א וואקס געטאָן. צײַט, זאָלסט אויך נעמען עפּעס שווע־רערס אף די פּלייצעס. א ביסל איז ער א היציקער, נאָר דאָס קומט פון פלײַס און ערלעכקײַט. הייס אים שלעפּן א בארג, וועט ער שלעפּן, שלעפּן... און דו ביסט, אף וויפל איך קען דיך, א מער פאָרזיכטיקער, האָסט ליב א קוק טאָן, פונוואנען איז אים באקוועמער שלעפּן, דעם בארג. נו, אָט — א פּאָר... האַ?

און שוין ווי וועגן א גלייזטער זאך — איבערגעכאפּט בלויז דאַניִעלס פרעגעוודיק־צושטי־מענדיקן בליק — א קלאַפּ געטאָן צוויי מאָל מיט אלע פינגער אין טישל:

— פאָרסטו, הייסט עס. דאָ האָב איך זיך צונויפגערעדט וועגן א מאשין פאר דיר. נאָר וווהין דו דארפסט פאָרן, ווייסטו? די דיוויזיע איז שוין ניט דאָרט, ווו געוועז. זי גייט אריבער אין רעשוס פון סטאלינגראַדער פראָנט. מיר האָבן אין אָוונט אופגעהויבן אלע פּאָלקן, און — אפן וואסער, אראָפּ מיט דער וואָלגע. דײַן געוועזענער פּאָלק איז אין ערשטן עשעלאָן — דרײַ קאטיערס, זעקס בארזשעס... אָט, און דו פאָר קיין דובאָווקע — פונדאנען איז עס אוועלכע הונ־דערט צוואנציק קילאָמעטער, און פון דאָרט איז נאָך פינף און דרײַסיק צו סטאלינגראַד. דײַן פּאָלק קער שוין צוקומען צו דובאָווקע. יאָ, ער קער שוין צוקומען... דאָס איבעריקע וועט דיר זאָגן לעמעכאָוו. ער איז באנאכט ארויסגעפאָרן זיך פאָרשטעלן דעם קאָמאנדיר פון פראָנט — איך האָב גערעדט מיט לעמעכאָוון — און ביז דו וועסט קומען, וועט ער שוין מיסטאמע זײַן צוריק...

דאַניִעל האָט געוואָלט פרעגן, ווי האלט עס בא ווערטיאטשי, בא פעסקאָוואטקע, נאָר פאר־שטאנען — ניטאָ וואָס צו פרעגן, אויב מע האָט אזוי דרינגענדיק אופגעהויבן די דיוויזיע און מע ווארפט זי אריבער צו סטאלינגראַד. ער איז אופגעשטאנען און, פלײַסנדיק זיך באהערשן די טיפע אופרעגונג, געזאָגט:

— עפּשער טייקעף ארויספאָרן?

— וועסטו אפילע ניט צוווארטן אפן איבערבײַסן?

— איך האָב נאָך עפּעס־וואָס פון וועג...

יאסענעוו האָט זיך אויך אופגעהויבן:

— ווייסטו, פאַר טאקע. אויב טאָן — איז טאָן. טאָן! און די מאשין איז פון דער פעלדפּאָסט, מע דארף זי ניט פארהאלטן. נו, — ער האָט צעשפּרייט די אָרעמס, — גיב, וועל איך דיך ארומנעמען — שוין פאר דײַן קומען און פאר דײַן אוועקפאָרן!

II. דער שטורעם צווישן צוויי טײַכן

1 לעמעכאָוו האָט באגעגנט דאניִעלן אזוי, פונקט מע וואָלט כאָטשבי ערשט נעכטן זיך האָבן צעשיידט. דער קאָמדיוו און נאָך עטלעכע אָפיצערן האָבן זיך געפונען אונטער א הילצערנעם אָפדעכל, וואָס איז געשטאנען באם אראָפּגאנג צו דער וואָלגע, גאנץ א שטיילן, מיט גרויסע טרעפּ, אויסגעהאַקטע אינעם ליימיקן באָדן, — אונטערן אָפדעכל פלעגן מיסטאמע אין אָט דעם פרימיטיוון האפן ווארטן די פּאסאזשירן. ווען דאניִעל איז צוגעקומען, האָבן אלע געקוקט ארוף־טײַך, אף צאָפן, דורך א ברייטער עפענונג, וואָס איז, לויט ווי מע האָט געקאָנט פארשטיין, נאָרוואָס געמאכט געוואָרן אינעם ווענטל פונעם אָפדעכל — עטלעכע אָפּגעריסענע ברעטלעך מיט צעבויגענע גלאנציקע צוועקעס האָבן זיך געוואלגערט אפן דיל.

— אָט איז קרעמענ! — האָט געזאָגט לעמעכאָוו, אויסקערעווענדיק, ווי אלע אנדערע, דעם קאָפּ אין יענער זײַט, פונוואנען ס'האָבן זיך דערהערט דאניִעלס טריט. — גיך דערקליבן זיך, פּאָדפּאָלקאָווניק! גוט!

דער קאָמדיוו, אויך א פּאָדפּאָלקאָווניק, וואָס דאָס איז ווייניקלעך פאר זײַן פּאָסטן, האָט אָנגערופן דאניִעלן באם טיטל מיט עפּעס א באזונדער מין אינטאָנאציע, ווי מיט פארבאָרגענעם אגמעסנעפעש, נאָר ס'האָט געקאָנט זײַן, אז דאָס האָט זיך בלויז אויסגעדאכט. געווען איז עס דער זעלבער לעמעכאָוו, וועלכן דאניִעל האָט נאָך געקענט אלס א מאיאָר, מיטן קורץ־געשוירענעם (ווײַל ער ווערט ליס) גרויסן, שישקעדיקן קאָפּ, מיטן מוטיקן, פארשײַט אָדער נערוועזן אופגעלעבטן ברייטן פּאָנעם, מיט די שמאָל־פארשניטענע, שווארצע, מאָנגאָלישע אויגן. וואָס יאָ, דער פּאָדפּאָלקאָווניק איז געוואָרן קרעפּטיקער, זײַן פּלייצע, געוויינלעך אָן אָנגעהאָרעוועטאײַנגעבויגענע, האָט זיך ווי אויסגעגלײַכט, און געקומען איז דאָס צי פון גרעסערער דעראָבערטער מאכט, צי פראָסט פון דעם, וואָס ער האָט א ביסל אָפּגערוט, געפינענדיק זיך אין הינטערלאנד.

דאניִעל האָט אָפּגעגעבן א ראפּאָרט וועגן זײַן קומען אפן נײַעם פּאָסטן. לעמעכאָוון האָט ער געזירצט, כאָטש מע איז אמאָל שוין געווען אף „דו”. איינע־צוויי ווײַלעס האָט לעמעכאָוו געשוויגן, פונקט ער זאָל קלערן, וויאזוי אליין זיך ווענדן צו דאניִעלן, נאָר באלד טאקע האָט זײַן פּאָנעם, וואָס איז בייסן ראפּאָרט געווען שטרענג, ווידער באקומען א געוויינלעכן, וואכעדיק־באשעפטיקטן אויסדרוק.

— איז אָט וואָס, טײַערער, — האָט ער געזאָגט, דריקנדיק פעסט דאניִעלן די האנט (מיט דעם וואָרט „טײַערער” און מיטן אופמערקזאמען, באדײַטנדיקן קוק אין די אויגן האָט ער אי באוויזן, אז ער געדענקט, ווי לאנג מע האָט זיך ניט געזען, און פארוואָס מע האָט זיך ניט געזען, אי אז ער מערקט אזוי אָפּ דאניִעלס אומקערן זיך), — מע דארף, זאָלסט שוין געניט וויסן, ווי די לאגע איז בא אונדז... — ער האָט אף א ווײַלע א קאָסע געטאָן די אויגן צום טײַך, נאָר ניט דערפירט דעם בליק אהין, בלויז געפרעגט אזוי בא די אנדערע, וואָס זײַנען געשטאנען הינטן, צי זעט מען גאָרנישט אין דער ווײַט, און פאָרגעזעצט שוין מיט קוים מערקבארן אומגעדולד: — איין פּאָלק, קונגוראָווס, דײַן געוועזענער פּאָלק, און א דיוויזיאָן קעגנטאנקען־ארטילעריע, האָבן זיך דאָ ארויסגעזעצט מיט אָנדערהאלבן שאָ צוריק און זײַנען אין מארש צו סטאלינגראד. מע דארף זיך שטעלן צאָפן־צו פון דער שטאָט. אין מארש, יאָ, אין מארש — כידעש זיך ניט. עס איז טאקע העלער טאָג, און נאָך א מין העלער, נאָר — מע מוז... מיר האָבן געמיינט איבערזײַן דעם טאָג אין יענעם־אָ וועלדל, — לעמעכאָווס האנט האָט א צײַג געטאָן אין א זײַט, איבער די איינשטאָקיקע הײַזער, צום ראנד פון דובאָווקע, ווו עס האָט זיך געמערקט א בלוילעך־גרינער געקנויל פון ביימער, — נאָר מע דארף שוין הײַנט זײַן דאָרט, ווו מיר האָבן געזאָלט זײַן מאָרגן... איך בין פונקט געווען בא יעריאָמענקאָן[1], פאָרגעשטעלט זיך אים, ווען מע האָט אָנגעקלונגען פון הינטער וואָרטיאטשי: דער דײַטש איז אריבער אין אָנגריף און שפּארט, א סוואָרע, מיט גרויסע קויכעס... ביז עס וועט דאָרט קלאָר ווערן, וואָס און ווען, דארפן מיר אײַלן — אזא איז דער באפעל. און דאָ קריכן די אויגן ארויס פונעם קאָפּ: די פּאָלקן און די ארטילעריע זײַנען צעשלײַדערט איבערן טײַך. די בארזשעס האָט מען אונדז צוגעשטעלט

---

[1] קאָמאנדיר פון סטאלינגראדער פראָנט.

מיט אַ פֿאַרשפּעטיקונג, און יענע צוויי פּאָלקן האָבן נאָך געדאַרפט דורכמאַכן אַ מאַרש צום טײַך, ניט קיין גרויסן, צען — פופצן קילאָמעטער, אָבער ס'איז אויך עפּעס ווערט. דערנאָך, באַנאַכט, האָט זיך געשאַפן אַ סטאָפּאָר: צוויי באַרזשעס האָבן, בייס די אַוויִאַציע איז אָנגעפאַלן, זיך געזעצט אַף זאַמד און מע האָט זיי קוים אַראָפּגעשלעפּט. דער פריץ קאָן אונדז איצט יעדער רגע אָנטאָן גרויסע צאָרעס, סײַדן ער איז שטאַרק פאַרנומען דאָרט, ווו דער קלין ווערט אַרײַנגעקלאַפּט... מיט איין וואָרט...

וואָס „מיט איין וואָרט" האָט לעמעכאָוו ניט געזאָגט. באַשטימט, זעט אויס, אַז ער האָט זײַן נײַעם געהילף געגוג אַרײַנגעפירט אין קורס פון די געשעענישן, האָט ער זיך אָפּגעקערעוועט צום דורכברוך אין דער וואַנט און ווידער גענומען קוקן אַפן ווײַטן אויסבייג פונעם טײַך. דאַניִעל האָט געדריקט די הענט עטלעכע באַקענטע, אָפּגעפירט אין אַ זײַט דעם פּולבלעכן שטשוסיעוון, וועלכן ער האָט שטענדיק סימפּאַטיזירט, — דאָס איז געווען אַ דרייסטער מענטש, אַן אָפּנהאַרציקער, אַ ביסל אַפילע אַ ביטערער, נאָר אַ קלוגער, פריִער האָט ער דאָ קאָמאַנדעוועט מיטן אַרטילערישן פּאָלק, איצט שוין מיט דער אַרטילעריע פון דער גאַנצער דיוויזיע, — מע האָט באַוויזן באַקוקן איינס דאָס אַנדערע, ווי אַלטע גוטעפרײַנט, און נאָר אויסגערעדט קימאַט איינצײַטיק: „נו, וואָס מאַכסטו?" (שטשוסיעוו האָט ערשט ניט געײַלט אָפּגעבראָכן דאָס אייבערשטע ציגאַר־שטיקל פון אַ פּאַפּיראָס, קעדיי אַרײַנפּראַווען עס אין זײַן הילצערנעם אַרומגערייכערטן מונדשטוקעלע, — ער שניצט זיי געוויינלעך אַליין, די דאָזיקע מונדשטוקעלעך), ווי לעמעכאָוו האָט זיך ווידער אויסגעקערעוועט און עטוואָס פאַרווונדערט, וואָס דאַניִעל איז ניט דאָרט, ווו ער האָט אים געלאָזט שטיין, געמאָלדן:

— ווּעסט אַרויספאָרן, קרעמעז, אַף רעקאָגנאָסצירעווקע. טייקעף. די סטאַלינגראַדצעס האָבן אונדז צוגעגרייט פּאָזיציעס, מע רופט זיי אַפילע — פאַרפעסטיקונגען, ווּעסטו שוין אַ קוק טאָן אַפן אָרט, וואָס און וויִאַזוי. אָט האָסטו די מאַפּע, דאָ איז אַלץ אָפּגעמערקט. באַקען זיך.

שטשוסיעוו איז אַוועק צום דורכברוך אין דער וואַנט און בלויז אַ מאַך געטאָן צו דאַניִעלן מיט זײַן קורצער, פעסטער דלאָניע, וואָס דאָס האָט באַטײַט: „מירן נאָך רעדן".

דאַניִעל האָט פאַנאַנדערגעוויקלט די ברייטע מאַפּע, אַ „צווייווערסטקע", אַף דער איינציקער באַנק, וואָס איז דאָ געשטאַנען, אַראָפּגעלאָזט זיך אַף דער געזונטער קני און גענומען דערלערנען די פאַרשיידענע צייכנס, אָנגעמערקטע מיט קאָלירטע בלײַערס: קעגנטאַנקען־רייוועס, אָקאָפּעס, אַרטילערישע פּאָזיציעס, מינענפעלדער... דאָס אַלץ האָט אין עטלעכע רייען באַשיצט דעם צאָפנדיקן ראַנד פון דער שטאָט, געצויגן זיך דורך פעלדער, גרויסע סעדער, פאַרבײַ ייִשוווים, לענגויס געשלענגלטע באַלקעס, אײַזנבאַן־וועגן, און אָנגעשפּאַרט זיך אין דער וואָלגע אַ קילאָמעטער צוואַנציק דאָרעמדיקער פון דובאָווקע. מיסטאָמע האָבן די פאַרפעסטיקונגען געשאַפן אַרום דער שטאָט אַ ריזיקע פּאָדקאָווע, און דאַניִעל האָט בלויז געזען איין עק פון דער פּאָדקאָווע — די מאַפּע האָט זיך פאַרענדיקט נאָכן טראַקטאָר־זאַוואָד. אַ שווערער פאָרגעפיל האָט אַ ברי געטאָן דאַניִעלן, ווי נאָר ער האָט געוואָרפן דעם בליק אַהין, ווו די דיוויזיע האָט זיך געדאַרפט שטעלן אין שוץ: „צי דען איז דאָרט קיין מיליטער ניטאָ?" דאָס איז געווען אַפן גלײַכן וועג פון ווערטיאַטשי און פעסקאָוואַטקע צום אײַזנבאַן־פּאַראָם אַף דער וואָלגע — אַ פונקט, וואָס האָט בעפיירעש געקאָנט אינטערעסירן דעם סוינע. באַלד אָבער האָט ער זיך אַ טרייסט געטאָן: „עס קאָן ניט זײַן, קיינער זאָל דאָרט ניט שטיין, איצט, יעדנפאַלס".

דערשטיקט אין זיך דעם אומרו, דערשטיקט אים מער פון אַלץ לויט דער מיליטערישער געוווינהײַט ניט צו פאַרלירן די רויִקײַט, ווי קאָמפּליצירט די לאַגע זאָל ניט זײַן, האָט דאַניִעל זיך אָנגעשטרענגט צו הערן, וואָס לעמעכאָוו, וועלכער איז געשטאַנען לעבן אים (טאָמער וועט עפּעס זײַן ניט קלאָר אַף דער מאַפּע) האָט גערעדט צום שעף פון שטאַב, דעם הויכן און פלייציקן פּאָלקאָווניק ווישעסלאַווסקי.

— אַזוי, אַז איר זײַט פון דער רעקאָגנאָסצירעווקע פרײַ, באָלעסלאַוו אַדאַמאָוויטש, — האָט געזאָגט לעמעכאָוו, צוטשמאָקענדיק דעם ציגאַר, וועלכן ער האָט פאַנאַנדערגערייכערט. — די גרופּע, וואָס איר האָט פאָרמירט, וועט פאָרן מיט קרעמעזן. אַ ראַציע גיט אים מיט, נאָר זעט, ביטע, זי זאָל אַרבעטן. און באַזאָרגט אים מיט דעם ראַדיִאָ־קאָד סײַ „אַראָפּ", סײַ „אַרויף"[1]. פאָרן וועט ער אַף אַ דרײַטאָנקע, אַ „זיס". ניט גאָר באַקוועם, דערפאַר אָבער — איין מאַשין... ער דאַרף דאָך נאָך אין וועג אַרופנעמען קונגוראָווס אַן אָפּטיילונג אויסשפּירער און דעם געהילף קונגונראָווס... הערסט, קרעמעז? — אַ ביסעלע רויך האָט אַ שווים געטאָן איבער דער מאַפּע — דאָס האָט לעמעכאָוו זיך אויסגעקערעוועט און עטוואָס אָנגעבויגן זיך צו דאַניִעלן, —

---

[1] דאָ ווערט געמיינט: סיגנאַלן אַף אַרויסרופן דורך ראַדיִאָ סײַ באַזונדערע טיילן פון דער דיוויזיע, סײַ די העכערע קאָמאַנדשאַפט, ווען די דיוויזיע איז אונטערגעאָרדנט.

נו, קוק, קוק, מירן באַלד רעדן... הייסט אים אַ מאַטאָציקל אַרופּשטעלן אַף דער מאַשין, אַפילע צווייִ — אין קוזאָוו וועט קלעקן אָרט... און איר, פּאַלקאָווניק, איר וועט שוין פֿאָרן גלײַך אין שטאַב פֿון פראָנט. פאַרהאַלט זיך דאָרט ניט, איר פאַרשטייט אַליין. נאָר שטעלט אײַן אַ קאָנ־טאַקט מיט וועמען ס׳איז נייטיק און קומט אַף אונדזער נײַעם קאָמאַנדע־פּונקט, וואָס קרעמעז וועט אײַנאָרדענען אַן ערעך דאָרט, ווו מיר האָבן אָנגעמערקט. מיט אײַך פֿאָרן שטשוסיעוו, נו, אַלע, וואָס דאַרפן פֿאָרן. וואָס נאָך? דאָס מאַטאַר־שיפּל, אַף וועלכן סאַפּאָזשניקאָוו און גאָרדי׳ענ־קאָ האָבן זיך געזאָלט אוועקלאָזן אין שטאַב פונעם פראָנט־טיל („סאַפּאָזשניקאָוו איז אויך איצט דער געהילף פון קאָמדיוו לויט דער אינטענדאַנטן־דינסט, — האָט דאַני׳על פאַרשטאַנען, — און גאָרדי׳ענקאָ — אַ נײַער — מיסטאָמע דער שעף פון אַרטילערישער באַזאָרגונג״), דאָס שיפּל זאָל בלײַבן דאָ — זיי וועלן דערפֿאָרן מיט אײַך ביז סטאַלינגראַד, אַריבערקלײַבן זיך איבער דער וואָלגע, זאָלן זיי זיך אַ ריגעוועטאָן, טראַנספּאָרט איז דאָרט דאָ איבערגענוג, און איך וועל אָפּן שיפל אוועקלאָזן זיך אַנטקעגן די באַרזשעס. אייניקע וועט אוודאי אויסקומען אויסלאָדן נעענ־טער צו סטאַלינגראַד... אָט אַזוי, פּאַלקאָווניק, זעט, ביטע, אַלץ זאָל זיך טאָן אַמשנעלסטן!

באַ דאַני׳עלן איז ערגעץ טיף אופגעקומען אַ פראַגע: צי געפעלט אים לעמעכאָוו אַלס קאָמ־דיוו, אַלס אַזאַ, וואָס האָט פאַרביטן יאַסענעוון? ער האָט נאָך גאַרנישט ניט געקאָנט זאָגן — ניט יאָ, ניט ניין, און בלויז געענטפערט זיך: „ס׳איז אַן אַנדער מענטש״. נאָר דערבײַ האָט ער גע־טראַכט: „יאַסענעוו וואָלט איצט מיסטאָמע געטאָן דאָס זעלבע״.

ווישעסלאַווסקי האָט גענומען אַוועקגיין. לעמעכאָוו האָט אים אָפּגעשטעלט:

— נאָך איין ביטע, פּאַלקאָווניק. איר וועט דאָך פאַרבײַפֿאָרן ספּאַרטאַנאָווקע, — אַגעוו, איז דאָרט דער קאָנטראָל־פּונקט באַם אַרײַנפֿאָר אין סטאַלינגראַד, — איז טוט אָפּ אַ זאַך, וואָס וועט אײַך לאַכלוטן ניט פאַרהאַלטן, נאָר מע דאַרף דאָס אָפּטאָן. נעמט מיט אַף אײַער מאַשין עמעצן פון פּאַליט־אָפּטייל, נו, כאָטשבי דעם עלטערן פּאַליטרוק סאַי׳דאָוון, ער איז דאָ — זאָל ער, ביז איר וועט זײַן פארנומען, אָפּזוכן אין ספּאַרטאַנאָווקע ראָזטשעפּקינס שוועסטער. איר וועט אָפּרעדן מיט איר, ווו ער זאָל וואַרטן אַף אײַך, און אַרופּנעמען אים אַפּצוריקוועגס. זי שרײַבט, אַז דער מאַן איז אַן אינזשעניער אַפּן טראַקטאַר־זאַוואָד, און אַז אַן אים וויל זי ניט אוועקפֿאָרן, — איז זי מיסטאָמע אַף אַן אָרט. זאָל סאַי׳דאָוו זי אָפּזוכן און דערציילן וועגן לייִ־טענאַנט, ווי אַלץ איז געשען מיט אים. מע דאַרף, מע דאַרף צופאָרן... טרייסטן איז דאָ ניטאָ וואָס, נאָר פונדעסטוועגן — דער ערשטער העלד פון אונדזער דיוויזיע.

דאַני׳על האָט זיך אָנגעשפּיצט: „ראָזטשעפּקין״... ער האָט געוווּסט, וואָס מיטן לייטענאַנט איז געשען. פון אָנהייב האָבן לעמעכאָווס ווערטער אים אַ קאַלופּע געטאָן, ס׳האָט אויסגעזען קאַזיאָנע: „מע דאַרף, מע דאַרף צופאָרן״. באַלד אָבער האָט ער פאַרשטאַנען, אַז גראָד ווײַל דער קאָמדיוו האָט אין זינען איצט, אין אַזאַ אָנגעשטרענגטן מאָמענט, צושיקן כאָטש עמעצן צו איגאָרס איינציקער שוועסטער, איז עס ניט קאַזיאָנע.

לעמעכאָוו האָט זיך באַגעגנט מיט דאַני׳עלס בליק, ניט פאַרשטאַנען אים, און אַ קאַפּעלע ווי אָפּהענטיק געזאָגט:

— האַ, דײַן אויסשפּירער... האָסט געלייענט דעם אוקאַז?

מיטאָמאַל האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— ווייסט איר גאָר וואָס, באַלעסלאָוו אַדאַמאָוויטש! עפשער וואָלט איר אין וועג אויך די קליינע פאַרנומען — איך האָב געזען, זי פאָרט דאָרט אַף אַ וואָגן... פאַרנעמט זי — איך מיין, איצט וועט זי זיך מער ניט אַקשענען, און פירט זי אָפּ צו ראָזטשעפּקינס שוועסטער. וויפל וועט זי דאָ אומגיין מיטן בויך, שוין מיסטאָמע אין זיבעטן כוידעש?..

„וועמען מיינט ער דאָס — ליובע דובאָקן?״ — און כאָטש לעמעכאָווס ווערטער האָבן ווידער אָפּגעקלונגען באַ דאַני׳עלן אין די אויערן אומאָנגענעם, גראָב, האָט ער דאָך געוווּסט: ס׳איז גוטע זאָרג, ס׳איז מענטשלעך.

2

וועגן דעם, אַז איגאָר ראָזטשעפּקין איז אָפּגעמערקט מיט דער העכסטער באַלוינונג, האָט דאַני׳על איבערגעלייענט, פאַרנדיק צו לעמעכאָוון. דער פרישער נומער פון דער אַרמיי־צײַטונג, ווו דער אוקאַז איז אָפּגעדרוקט געווען, איז געלעגן אין קאַבינע פון דער לאַסטמאַשין, אַף וועלכער ער האָט זיך דערקליבן קיין דובאָווקע, און זײַן אופמערקזאַמקייט האָט צוגעצויגן איגאָרס פּאָרטרעט. ראָזטשעפּקין איז, אייגנטלעך, ווייניק ענלעך געווען אַף זיך, כאָטשבי מיט דעם, וואָס ער האָט אַף דער פּאָטאָגראַפיע געלאַכט. אַזאַ לאַכנדיקן האָט דאַ־ני׳על אים קיינמאָל ניט געזען. שטענדיק איז דאָס געווען אַן ערנסטער, צוריקגעהאַלטענער באָכער, און די צײַט איז דאָך געווען אַ שווערע, ס׳האָט זיך זעלטן געלאַכט... צו דעם, וואָס דער

טיטל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד איז אים צוגעייגנט געוואָרן שוין א טויטן, האָט אויך דער געלעכטער ניט געפּאַסט. און עפּשער, פאַרקערט, איז זי גראָד טײַער, אָט די פאַרפיקסירטע מינוט, ווען ער איז גליקלעך געווען און יעדער אייוועלער האָט אין אים געשפּרודלט מיט לעבן? אונטערן אוקאַז האָט די רעדאַקציע געדרוקט א באַשרײַבונג פון ראַזטשעפּקינס העלדנטאַט. געווען איז די נאָטיץ א טרוקענע, כאָטש איבערגעשאַטן מיט פּאַטעטישע פראַזעס. ניט אזוי האָט אלץ געקערט זײַן אפּאַנעמעסן, אָך, ניט אזוי — אי פאָשעטער, אי גרויסאַרטיקער...

דאָס לעצטע מאָל האָט דאַניִעל געזען ראַזטשעפּקינען אין א פאַרשנייט פעלד. ער — דאַניִעל, קאַראַטײַ, א ראַדיסט און דעם אינטענדאַנט פּאַטיוטשענקאָס זון דעמיאַן — אָן אויסשפּירער, האָבן דורך א קליינינקן טאָלעכל געײַלט אַף א שליטן צו א נאָענטן פעלד־סטאַן, פונוואַנען די דײַטשן זײַנען נאָרוואָס ארויסגעשטויסן געוואָרן, געטראָגן זיך אַהין אין ברען פון שלאַכט פאַר א גרויס דאָרף אַפן וועג צום מיִוס, קעדיי אײַנאָרדענען אין ציגלנעם שטאָל דעם נײַעם באָאַבאַכטונג־פּונקט פון פּאָלק. ראַזטשעפּקין מיט זײַן בעסטן אויסשפּירער, מיט סערגײ איוואָלגינען, זײַנען רײַטנדיק נאָכגעפאָרן הינטן, נאָר פאַרהאַלטן זיך אַף א מינוט אינמיטן טאָל — אראָפּגעשפּרונגען פון די פערד, קעדיי צובינדן זיי צו א ביימל, — ווײַטער איז זיכערער געווען גיין צופוס. אָט דעמלט האָבן די דײַטשן, וואָס האָבן באַוויזן אומקערן זיך אינעם פעלד־סטאַן, געעפנט א פײַער, געהאַרגעט דעמיאַנען, אים, דאַניִעלן, פאַרוואונדעט, און פאַרלירנדיק דעם באַוווסטזײַן, נאָך דעם, ווי ער האָט א שלײַדער געטאָן איינע צי צוויי גראַנאַטעס, האָט ער באַמערקט, אז ראַזטשעפּקין לויפט א געבויגענער צום שליטן, ער שיסט פונעם אווטאָמאַט און רופט נאָך זיך מיט א האַסטיקער באַוועגונג פונעם קאָפּ איוואָלגינען...

געפינענדיק זיך שוין אין שפּיטאָל, האָט דאַניִעל פון דעניס קאַראַטײַס א בריוו, און פון דער בריוו, וואָס ס'האָט צוגעשיקט וויכאַרעוו, דער קאָמיסאַר פון פּאָלק, דערוווּסט זיך וועגן ראַזטשעפּקינס, איוואָלגינס און דעם ראַדיסטס א העלדנטאַט: זיי האָבן, זײַענדיק פאַרוואונדעטע, פאַרהאַלטן די דײַטשן, ביז קאַראַטײַ האָט אים, דאַניִעלן, אָפּגעשלעפּט א ביסל ווײַטער, אין א האַלב־פאַרשנייטער טראַנשיי, דערנאָך האָבן זיי דורך ראַדיִאָ ארויסגערופן אַף זיך און אַף די דײַטשן דאָס פײַער פון אונדזער אַרטילעריע. דעם ראַדיסט און איוואָלגינען האָט מען שפּעטער א ביסל, ווען מע האָט ווידער פאַרנומען דעם פעלד־סטאַן, געפונען קוים זשיפּענדיקע, און ראַזטשעפּקין איז פאַרשוווּנדן.

יענץ מאָל האָט אָבער אלץ פאַרענדיקט זיך בעשאָלעם. אין דרײַ טעג ארום, ווען די אויסשפּירער פון פּאָלק, אונטער דער קאָמאַנדע פונעם סערזשאַנט טימאָשע סירגולי, האָבן אין א זאַווייַ־נאַכט ארײַנגעשמוגלט זיך אין א דאָרף, ווו די היטלעראָווצעס זײַנען געשטאַנען, קעדיי פאַקן א „צונג", האָט א פּויעריש ייִנגל זיי אָנגעוויזן אַף א קעלער, ווו א דײַטש האָט באַוואַכט אונדזערן א געפאַנגענעם לייטענאַנט. דעם דײַטש האָט מען פאַרכאַפּט, דעם געפאַנגענעם — באַפרײַט, און דאָס איז געווען ראַזטשעפּקין. די היטלעראָווצעס האָבן, ווי ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אַנטלויפנדיק פונעם פעלד־סטאַן, פאַרנומען דעם לייטענאַנט, א פאַרוואונדעטן אין פוס און א פאַרהלושעטן. מע האָט אים געפּײַניקט, נאָר ניט ביז טויט — בייסן צוריקמאַרש האָבן די פאַשיסטן אויס מוירע פאַר נעקאָמע געייסעקט זיך מיט א געפאַנגענעם א ביסל פאָרזיכטיקער. ראַזטשעפּקין איז אין א פאָר וואָכן ארום פולשטענדיק געקומען צו־זיך, מע האָט אים אפילו ווײַטער פונעם ארמייִשן שפּיטאָל ניט עוואַקויִרט.

די יעדיִע וועגן ראַזטשעפּקינס נײַעם העלדנטאַט און וועגן זײַן אויסטערלישן טויט האָט דאַניִעל באַקומען מיט אָנדערהאַלבן כאָדאָשים צוריק, ווען עס האָבן צו אים ווידער גענומען אָנקומען בריוו פון פּאָלק און פון דער דיוויזיע — שוין פון דאָרט, ווו מע איז אפּסנײַ קאָמפּלעקטירט געוואָרן. ראַזטשעפּקינען איז מיט א גרופּע אויסשפּירער און סאַפּיאָרן באַפוילן געוואָרן אײַנהאַלטן א בריק, ביז די דיוויזיע וועט זיך פאַרפעסטיקן אַף נײַע פּאָזיציעס. ווען עס האָבן אַף דער הערבליע זיך באַוויזן דעם סוינעס טאַנקען און גענומען שיסן פון האַרמאַטן, האָט דער לייטענאַנט אלעמען, וואָס זײַנען געווען מיט אים, אָפּגעשיקט דורך א טראַנשיי ווײַטער א ביסל פון טײַך, און אליין האָט ער אין בונקער אָנגעצונדן דעם ביקפאָרד־שנור, דערנאָך אײַנגעשלאָסן דעם אופרײַס־מעכאַניזם. נאָר קיין אופרײַס האָט זיך ניט באַקומען, די טאַנקען זײַנען ארויף אַף דער בריק. דעמלט האָט ראַזטשעפּקין — דאָס האָבן געזען איוואָלגין און נאָך עטלעכע, וועלכע זײַנען אוועק אין טראַנשיי, — א וואָרף זיך געטאָן צום נעענטערן ביק, וואָס איז מיט איין זײַט אויסגעקומען אַפן ברעג, ארופגעכאַפּט זיך אַפן לייטערל, וואָס איז דאָרט געבליבן, און צוגעטראָגן א ברענענדיקן וויכעט שטרוי צו דער סאַמע נעסט, ווו די אופרײַס־קאַפּסולן זײַנען געווען. עס האָט א פלאַטער געטאָן א בליץ, די בריק איז צוזאַמען מיט די טאַנקען פאַרשוווּנדן אין זײַלן וואַסער און רויך. דעם איינציקן טאַנק, וואָס האָט באַוויזן אריבער אַפן

צווייטן ברעג, האָבן פאַרניכטעט די, וואָס זײַנען געווען אין דער טראַנשיי. ראַזטשעפּקינען האָבן זיי שוין ניט געקאָנט זוכן און ס'איז מיסטאָמע ניט געווען, וואָס צו זוכן.

„ווי האָט נאָך געקאָנט בלײַבן א שפּור פון אים“, — דאַניִעל האָט ניט געדענקט, אין וועמענס בריוו ס'איז דאָ אזא שורע. דאַכט זיך, אין קאַראַטײַעס. „א שפּור“ — אין אָט דעם אויסדרוק, וואָס האָט געהאַט איין מיין, האָט דאַניִעל מיטאָמאָל אַרײַנגעלייגט אַן אַנדערן, און אליין געמאַכט פאַר זיך דעם אויספיר — א טרויעריקן און דאָך א טרייסטנדיקן: „א שפּור בלײַבט“. און געהאַט האָט ער דערבײַ אין זינען ניט נאָר ליובע דובאָק, די מעדשוועסטער, די „קליינע“, ווי לעמעכאָוו האָט זי אָנגערופן (טאַקע ניט קיין הויכינקע, מיט מאָמעש שילערישע בלאָנדע צעפּלעך, מיט קינדעריש־קלאָרע קאַרע אויגן, מיט טיפער מילדקייט, וואָס איז אלעמאָל אויסגעגאָסן געווען אף איר כיינעוודיקן פּאָנעם), ניט נאָר ליובען, וועלכע איז געבליבן מיט איר יונגער צעבראָכענער ליבע און מיט ראַזטשעפּקינס קינד, וואָס צאַפּלט אונטער איר האַרץ, נאָר אויך די שוועסטער איגאָרס, דאַכט זיך, א סקולפּטאָר, זיי ביידן, די שוועסטער און ליובען, האָט דער אומגליק געטראָפן גאָר טיף, טיפער, ווי אלעמען, און די יעדיִע, אז ער איז געוואָרן א העלד, איז פאַר זיי עפּשער מער פּײַן, איידער טרייסט. דער שפּור בלײַבט אף דער ערד, וואָס וועט לעבן און פאָרט זײַן אמאָל פרײַ, ווי עס בלײַבט א שפּור אפילע פון העלדנטאַטן, באַגאַנגענע אין שלאַכט, וועלכע קיינער באַמערקט ניט, און אפילע פונעם סאַמע פּאַשעטן סאָלדאַטישן העלדנטאַט — קומען אפן שלאַכטפעלד, טאָן, וואָס עס לאָזט זיך טאָן, און פאַלן מיטן פּאָנעם צום סוינע...

די געדאַנקען וועגן ראַזטשעפּקינען האָבן באַגלייט דאַניִעלן א שטיק וועג, ווען ער איז אַרויסגעפּאָרן פון דובאָווקע, א קילאָמעטער צען, צוועלף, ביז ער האָט דורכן לײַכט־פּאַרשטויבטן פּאַדערשטן גלאָז פון דער קאַבינע (דער אומרוּיקער „דוואָרניק“ האָט אָן אופהער אויסגעווישט דאָס גלאָז בלויז אנטקעגן שאָפער) דערזען א היפּשע גרופּע סאָלדאַטן, וואָס האָבן ניט גאָר אין א שטרענגער קאָלאָנע, האַלטנדיק זיך רעכטס, בא די ווײַסע סטויפּטשיקלעך, געשפּאַנט אף מײַרעוו — מיסטאָמע א ווזוואָד. ס'האָט אי פריידיק, אי אומרוּיִק א טיאַכקע געטאָן דאָס האַרץ: זײַן געוועזענער פּאָלק, זײַנע סאָלדאַטן, און איצט — אויך זײַנע. ווער איז דאָ געבליבן פון די, וועמען ער האָט געקענט? נאָר דאָס — ווער ס'איז געבליבן — איז שוין געווען דער צווייטער געדאַנק, און ער האָט עפּשער געדאַרפט פאַרטויבן דעם ערשטן, יענעם, וועלכער האָט געלעבט אין דער נעשאָמע בא אים, אויך בייס ער האָט געטראַכט וועגן ראַזטשעפּקינען: וואָס דערוואַרט דעם פּאָלק, די דיוויזיע, אים און אלעמען דאָרט, וווּהין ער פאָרט אף רעקאָגנאָסצירע, וועלכע העלדנטאַטן, וועלכע פאַרלוסטן?..

ער האָט ביז אַראָפּ געעפנט דאָס זײַטיקע פענצטערל פונעם טירל, אײַנגעקוקט זיך אין די שווינדלענדיקע פאַרברוינטע פּנעמער פון די סאָלדאַטן און אינעם יונגן קאָמאַנדיר, וואָס האָט מיט א לײַכטן טראָט געשפּאַנט פאָרויס. קיינעם האָט ער ניט דערקענט, און אוודע בא אזא שנעלקייט ניט געקאָנט דערקענען, באַמערקט בלויז, אז בא פיל האָבן אף דער ברוסט, פון הינטער די פרײַ־אראָפּהענגענדיקע סקאַטקעס פון שינעלן, געגלאַנצט אָרדענס, מעדאַלן. דאָס האָט קלאָר ניט באַטײַט, אז די באַלוינונגען זײַנען פאַרדינט געוואָרן אינעם דאָזיקן פּאָלק. עס זײַנען דאָ געגאַנגען אָן סאָפעק אויך אזעלכע, וואָס קומען פון שפּיטאָלן און האָבן פרײַער געדינט אין אַנדערע טיילן. „א סאַך פון אָט די סאָלדאַטן האָבן שוין געשמעקט פּולווער, בעפּיירעש גוט“. נאָר דאָס האָט דאַניִעל אָפּגעמערקט בלויז מיט איין ווינקל פונעם מויעך. ער האָט געגלייבט — און ס'האָט פאַר אים געהאַט א ווערט אָט דאָס גלייבן, אז עס זײַנען דאָ פאַראַן אזעלכע, וואָס דינען שוין לאַנג אין פּאָלק, עפּשער פונעם סאַמע דניעסטער, און עס האָט זיך אים געוואָלט זיי זען.

דאַניִעל האָט געהייסן דעם שאָפער אָפּשטעלן די מאַשין און איז אַריבער אין קוזאָוו. אף זײַן אָרט האָט זיך געזעצט אין דער קאַבינע איינער פון די אָפיצערן, וואָס זײַנען געפאָרן מיט אים. פונדאַנען, פונעם אָפענעם קוזאָוו, איז באַקוועמער געווען באַקוקן די קאָלאָנעס, וועלכע מע איז פאַרבײַגעפאָרן. אין א ראַטע מינענוואַרפלער, וואָס די מאַשין האָט אָנגעיאָגט, — די סאָלדאַטן האָבן, באַגיסנדיק זיך מיט שווייס, געטראָגן ווער — א שווערע פּליטע, ווער — א רער אין א ברעזענטענעם טשעכאָל, ווער — א קעסטל מינעס, — אין דער דאָזיקער קאָלאָנע, וואָס האָט זיך שטאַרק צעצויגן, זיך צעטיילט אף גרופּקעס, האָט דאַניִעל אויך קיין באַקאַנטע פּנעמער ניט געזען. אייניקע קאָלאָנעס האָבן גאָר געשפּאַנט ווײַטלעך פונעם אײַנגעפּאָרענעם שליאַך, דורך סטעזשקעס — אהין איז ניט געווען וואָס צו קוקן.

ערשט אין דער פערטער קאָלאָנע האָט דאַניִעל דערזען דעניס קאַראַטײַען, דערקענט אים פונוווײַטנס לויטן באַזונדערן קער פונעם קאָפּ אין דער קונציק צוגעפּלעטשטער פּילאָטקע, וואָס איז פון אויבן געווען קימאַט פּונקט אזוי ברייט, ווי בא די ראַנדן. אָן אויסגעדייווערטער, ווי

שטענדיק, מיט אײַנגעפאלענע באקן, אזוי אז די סקולעס שפארן ארויס, האָט קאראטײַ איצט פונדעסטוועגן אויסגעזען א ביסל בראַווער, אפילע די שיטערע ליכטיקע וואָנצעס האָט ער איצט געטראָגן אנדערש — ניט קיין אראָפגעהאנגענע, ווי עס טראָגן געוויינלעך דאָרפסלײַט, נאָר אונטערגעשוירענע, מיט שארפע שפּיציקלעך אין די זײַטן. עס האָבן פריידיק און איבעראשט א גלאנץ געטאָן קאראטײַס קליינינקע גרויע אויגן, ווען ער האָט דערזען דאניִעלן, וועלכער האָט מיט דער דלאָניע גענומען קלאפן אין דעכל פון דער קאבינע, די מאשין זאָל זיך אָפּשטעלן.

— כאווער פאָדפּאָלקאָווניק! — קאראטײַ איז ארויס פון דער קאָלאָנע, וועלכע איז אוועק ווײַטער, בלויז קעפ האָבן זיך געהאלטן אין איין אומקוקן; ער איז שטיין געבליבן אינמיטן וועג מיט צעשפרייטע הענט, ווי ער זאָל זיך קלײַבן ארומנעמען די מאשין. — כאווער פאָדפּאָלקאָווניק — געזונט? ווידער צו אונדז?

דאניִעל האָט נאָך ניט באשטימט — אראָפשפּרינגען אפן וועג צי ארופנעמען קאראטײַען אין קוזאָוו און אונטערפירן אים א ביסל (דער שאָפער האָט זיך ארויסגערוקט פון דער קאבינע און אומגעדולדיק ארופגעקוקט אין קוזאָוו. דאניִעל האָט געוווּסט: דאָס וויל ער ניט גאָר ווײַט אָפּשטיין פון ווישעסלאווסקיס לאסטמאשין, וואָס איז געפאָרן א דרײַ הונדערט מעטער פאָרויס, און ביכלאל האָט דער שאָפער זיך נערווירט — דער וועג איז פארפּראָפּט מיט מיליטער, די פריצן קאָנען אָנפליִען, מע דארף לעכאָלהאָפאָכעס זיך ניט פארהאלטן איבעריקס), נאָר קאראטײַען איז אָנגעגאנגען עפּעס אנדערש — ער האָט באוויזן מיט א האנט אף דער קאָלאָנע, וואָס דערווײַטערט זיך, און געזאָגט:

— נו, אן אנדערשמאָל, א נעכפּע אף דעם! איך גיי מיט מײַנע סנײַפּערס!..

דאניִעל האָט מיט א שאָקל פונעם קאָפּ באוויזן דעם שאָפער, אז מע מעג פאָרן. די מאשין האָט זיך א ריס געטאָן, קאראטײַ האָט נאָך געפאָכט עטלעכע רעגעס מיט דער האנט און לויפנדיק גענומען דעריאָגן די קאָלאָנע, וועלכע די מאשין האָט אויך באלד געלאָזט הינטן.

„א סנײַפּער, — האָט דאניִעל געטראכט, קוקנדיק אהין, ווו קאראטײַ איז פארשווונדן צווישן די רייען, — א פעלדציכטלער, וואָס וואָלט א גאנץ לעבן זיך געהאט צו טאָן מיט זײַנע פעלדער, איז אף דער מילכאָמע געוואָרן א סנײַפּער און לערנט אנדערע די דאָזיקע מעלאָכע...“

וויכאָרעוון האָט דאניִעל דערזען אראָפּפאָרן אף א מאָטאָציקל פון וועג אין פעלד ארײַן, ווו ס'איז אין א צעראָיעטער קאָפּנע פארמאסקירט געווען אן אוטאָמאשין מיט זעניט־קוילנווארפער, וואָס האָבן געקוקט אין הימל. דאניִעל האָט אפילע א קלער געטאָן, אז מע דארף איצט ניט טשעפּען דעם קאָמיסאר, אוודע פאָרט ער ארום די קאָלאָנעס און וועט זיך איינגיכן אומקערן, נאָר וויכאָרעוו האָט אים אליין באמערקט, א מאך געטאָן עטלעכע מאָל מיט דער פּילאָטקע. קורץ אָפּגעגעבן עפּעס א פאראָרדענונג די זעניטלער, צו וועלכע ער איז דאָך צוגעפאָרן, האָט וויכאָרעוו געלאָזט זיך דורכן פעלד איבערהאקן דעם וועג דאניִעלס אוטאָמאשין, דעריאָגט זי און א פּאָר מינוט געהאלטן זיך הארט לעבן קוזאָוו. ער האָט געשמייכלט פארהאוועטאופגערוימט, אָבער זײַן ברוין, פארשטויבט פּאָנעם, מיט שטרענגע און ריכטיקע שטריכן, עפּעס ווי א יִינגער געוואָרנס (עפּשער דערפאר, וואָס דער בלאָנדער, שטענדיק צעפּאטלטער טשוב זײַנער איז געווען גאנץ נידעריק ארומגעשוירן, — וויכאָרעוו האָט די פּילאָטקע אלץ געהאלטן אין האנט, נאָר דער ווינט האָט קימאט ניט געהאט וואָס צו שויבערן), דאָס פּאָנעם האָט געטײַעט אין זיך אויך א ביסעלע אומעט, וואָס איז דעם אייגנטימלעך געווען, און וואָס דאניִעל האָט געוווּסט די סאמע טיפע סיבע דערפון, כאָטש סיבעס האָבן באם קאָמיסאר, וועלכער האָט פון אלץ זיך גענומען צום הארצן, אלעמאָל זיך אָפּגעזוכט. איצט מיסטאמע איז די סיבע געווען: אָט איז מען אין מארש, מע דארף אײַלן, און עס באקומט זיך ניט, ווי מע וויל, אָדער — אָט זעט מען זיך, און פון וואָס זאָל מען נעמען רעדן, ווען די מאשין וועט זיך אָפּשטעלן, אז ס'איז א רענדל א מינוט?..

— איך וועל נעמען עטלעכע דײַנע אויסשפּירער! — האָט דאניִעל אראָפּגעשריגן צו וויכאָרעוון און אָנגעוויזן מיט דער האנט אף א קייטעלע רײַטער, וואָס האָבן געגארצעוועט עטוואָס פון פאָרנט, בא דער זײַט פון שליאך, איבער וועלכן ס'האָט, א פור הינטער א פור, זיך אוועקגעצויגן אן אָבאָז. אין שפּיץ פון די רײַטער איז אף א שווארץ פערד געפאָרן סערגיי איוואָלגין — מע האָט אים לײַכט געקאָנט דערקענען לויטן זיצן אין זאָטל — עטוואָס מיט א זײַט און א ביסעלע אײַנגעהאָרבעט. „ווי אן אָדלער, וואָס מאָסטעט זיך צו אף א פעלדז“, — האָט דאניִעל זיך דערמאָנט, וואָס ראזטשעפּקין האָט איינמאָל אין זײַן אָנוועזנהײַט געזאָגט וועגן איוואָלגינס ארט פאָרן.

וויכאָרעוו האָט פארשטאנען, אז דאניִעל האָט בעדייע אָפּשטעלן די מאשין לעבן די אויסשפּירער, ער האָט צושטימענדיק א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איז ניט אָפּגעשטאנען. דאָ האָט

מען אָבער זיך אופגעהויבן אַף א בערגל און דערזען א גרויס דאָרף, וואָס האָט זיך צעשפּרייט אין סטעפּ. ווישעסלאַווסקיס לאַסטמאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט באַם אַרײַנפאָר אין דאָרף, ווו עס זײַנען געוואַקסן עטלעכע אַלטע איוועס — א גוטע מאַסקירונג פונדערלופטן. האָט דאַנילע ווידער מיט א זשעסט עס געגעבן צו פאַרשטיין וויכאַרעוון, און בלויז צופאַרנדיק צו די איוועס, א קלאַפּ געטאָן אין דעכל פון דער קאַבינע — מע זאָל בלײַבן שטיין.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דעם פאַלקאַוויניקס מאַשין האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט, ווײַל מע האָט פון איר באַמערקט אַף איינעם פון די אַבאַז־פורלעך ליובע דובאָק — דאָס איז אַף צוויי צי אַף דרײַ וועגענער געפאַרן דער פערסאָנאַל פונעם פּמפּ[1]. דער עלטערער פאַליטרוק סאַז־דאַוו — א נידעריטשקער, א יאָדערדיק־געזונטער, מיט עטוואָס א צוגעפּלעטשטן, ווי געוויינ־לעך בא אָפּשטאַמיקע פון אַזיאַטישע פעלקער, און זייער א באַזינגטן, לעבעדיקן פּאָנעם, האָט גערעדט מיט ליובען, וועלכע איז מיט אַן אַנזיכטיקן, נאָר קלאָל ניט גרויסן בויך, אַן איינגעצוי־גענעם מיט א סאָלדאַטישן רימען, מיט צעטריפּעטע בלאָנדע צעפּלעך, וואָס זײַנען פון אונטער איר גרינער קאַסינקע אַראָפּגעפאַלן אַף די אַקסל, אין שטיוול מיט פאַרבויגענע כאַלעוועס, געשטאַנען הינטערן פורל, וואָס האָט אָפּגעקערעוועט פון וועג, און געהאַלטן זיך מיט א האַנט פאַר אַן אַראָפּהענגענדיקן בינטל דינע צווײַגעלעך פון אַן איוועס. ס'איז שווער געווען צו כאַפּן דעם ריכטיקן אויסדרוק פון ליובעס געלבלעך־אויסגעבלייכט, אָבער איצט אויך נאָך שיינעם פּאָנעם, א שיינעם, כאָטש די הויכע שוואַנגערשאַפט און די טיפעליידן האָבן אַף דעם געלאָזט מערקבאַרע שפּורן. זי איז געווען אַנגעשפּיצט, כמורנע, צעערגערט, אַזוי ווי קעגנגעשטעלט זיך אינערלעך דעם, וואָס דער עלטערער פאַליטרוק לייגט איר פאָר, און דאָך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, און ס'איז ווידער ניט קלאָר געווען — איז זי מאַסקים צי ניין. גיכער פון אַלץ האָט דאָס געהייסן: „וואָס זאָל איך זאָגן, מיסטאָמע דאַרף מען אַזוי". אַט האָט זי דערזען דאַנילען, וועלכער איז אַראָפּגעקראָכן פון דער מאַשין און, נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אַרומגענומען מיט וויכאַרעוון, לענגער פאַרהאַלטן דעם בליק אַף איר. ליובע האָט טרויעריק, שוין צו אים, א מאַך געטאָן מיטן קאָפּ, און דאָס האָט געזאָגט אים זייער א סאַך, דערמאָנט אין אַלץ, וואָס ער האָט געטראַכט, פאַרנדיק אהער. ס'האָט א פרישן ריס געטאָן אין האַרצן.

אין דער זעלבער ווײַלע איז צוגעפאָרן איוואַלגין. אַראָפּגעשפּרונגען, מאַמעש אַראָפּגע־וואַלגערט זיך פון זײַן פערד, האָט ער א וואָרף געטאָן דאָס צײַמל א צווייטן רײַטער און, ווי ער זאָל קיינעם ניט זען פאַר זיך, כּוץ ליובען און דעם עלטערן פאַליטרוק, וואָס רעדט מיט איר, געפּרעגט, וועגנדיק זיך צו קיינעם ניט און צו אַלעמען, וואָס זײַנען דאָ געווען אינדער־נאָענט — צו דאַנילען און וויכאַרעוון, צו די צוויי מעדשוועסטער, וועלכע זײַנען אָנגעשפּיצט־פאַרלוירענע געזעסן אַפן אָפּגעקערעוועטן אַבאַז־פורל:

— וואָס קומט דאָ פאָר?

איינע פון די מיידלעך האָט געענטפערט:

— מע שיקט זי, ליובושקען, אַף אהיים, צי וואָס...

— מע שיקט זי אַף? — ערשט איצט האָט איוואַלגין אופמערקזאַם א קוק געטאָן אַרום זיך, און אין זײַנע בלויע אויגן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט צאַר; אין אַט דער ווײַלע האָט ער דערקענט צי ערשט באַמערקט דאַנילען, קימאַט מאַשינעל א הייב געטאָן די האַנט צו דער פּילאָטקע, וואָס איז אַראָפּגערוקט געווען אין א זײַט, און געזאָגט מיט א צוגעדישעטער שטים, ווי עס זאָל אים אָטעם אויספעלן: — דערלויבט, כאַווער פּאַדפאַלקאַווניק, דערלויבט צוגיין... — ער האָט באַוויזן מיט דער האַנט אַף ליובען און סאַזדאַוון.

געמאַכט עטלעכע טריט צו דער איווע, איז איוואַלגין שטיין געבליבן גאָר נאָענט פון ליובען און דעם עלטערן פאַליטרוק. ער האָט געוואַרט, ליובע זאָל זיך אומקוקן אַף אים. זי האָט עס געטאָן ניט טייקעף, און ער האָט אַלץ מער זיך אויסגעצויגן, ווי גרייטנדיק זיך באַקור־מען א באַפעל. ענדלעך האָט זי אופגעהויבן דעם קאָפּ, א קוק געטאָן אַף סערגייען און געזאָגט:

— נו, וואָס ווילסטו?.. איך האָב דאָך דיר דערקלערט...

— מע טאָר ניט אַזוי, ליובע, — האָט איוואַלגין זיך אָנגערופן ניט הויך, נאָר אַלע, וואָס זײַנען געשטאַנען באַם פורל, האָבן עס געהערט, — פרעג מענטשן... איך קאָן מער ניט!

— און איבערלאָזן אים האָסטו געקאָנט? — פּײַער האָט א פלאַטער געטאָן אין ליובעס טונ־קעלע, ביטער צוגעזשמורעטע אויגן. — פאַרוואָס האָסטו אים דאָרט איבערגעלאָזט, פאַרוואָס ביסטו ניט געבליבן?..

— אָבער ער האָט דאָך באַפוילן! פרעג כאַווײרים, פרעג די, וואָס זײַנען דאָרט געווען.

— סירגולי וואָלט אים ניט איבערגעלאָזט, — ליובע האָט שווער געשאָקלט מיטן קאָפּ, —

---

[1] דער מעדיצינישער פונקט פון א פּאָלק.

וווּ זשע איז ער, סירגולי? אין שפּיטאָל... קאַכישווילי וואָלט אים ניט איבערגעלאָזט. וווּ זשע איז ער? אין דער ערד... און דו... איך גלייב דיר — ער האָט באַפוילן... אָבער... איך קאָן ניט, סערגיי... נו...

— איך בין דיר א פרייַנט, ליובע. אָף שטענדיק. זאָלסט וויסן.

— גוט, איך וועל וויסן. איך פאָר אוועק, דערוווייַל פאַר איך...

איינע פון די מיידלעך אפן פורל האָט זיך אָנגערופן:

— אז זי וויל אָף אים ניט קוקן, און גאָר... ניט גוט פונדעסטוועגן!

און די צווייטע:

— זי קאָן ניט — וואָס זשע זאָל זי טאָן?

ליובע האָט זיך געלאָזט צום פורל, זייַנען די מיידלעך אנשוויגן געוואָרן. זי איז צוגעקומען, ניט זאָגנדיק קיין וואָרט, גענומען איר רוקזאַק, שוין האלב אָפּגעקערעוועט זיך אָף אוועקגיין, נאָר ווי דערמאָנט זיך אין עפּעס, האסטיק אויסגעקערעוועט זיך צוריק, און מיט ניט קיין הויכן אויסגעשריי: „אוי, ליזאַנקע!" ארומגענומען איינע פון די מיידלעך, וועלכע האָט אויסגעשטרעקט צו איר די הענט איבער די דראָבינעס. דאָס צווייטע מיידל האָט זיך א הייב געטאָן אָף די קני און ביידן זיי ארומגעאָרעמט פון הינטן, צוגעטוליעט איר קאָפּ צו זייערע נאָענט צוגעטוליעטע קעפּ. אזוי האָט מען זיך געזעגנט עפּשער א מינוט, און ליובע איז אוועק צום פּאַלקאָווניקס מאַשין, טראָגנדיק דעם אָנגעשטאָפּטן רוקזאַק פאַר איין ליאַמקע, דאַן ווען די צווייטע האָט זיך נאָכגעשלעפּט איבערן שליאַך. איוואַלגין איז איר נאָכגעגאַנגען, אונטערגעכאַפּט דעם רוקזאַק פאַר דער צווייטער ליאַמקע און באַלד אים גאָר צוגענומען בא ליובען.

זי איז צוגעקומען צום זייַטיקן ווענטל פונעם קוזאָוו, קעדיי אַרופצוזעצן זיך, נאָר ווישעס־לאַווסקי האָט איר געהייסן זעצן זיך אין קאַבינע.

— נישקאָשע, — האָט געזאָגט דער פּאַלקאָווניק, — מיר וועלן פאָרן אינדרייַען, מיר וועלן דיך ניט צעקוועטשן, איך און דער שאָפער...

ליובע האָט קוים־קוים א שמייכל געטאָן — דאַנקבאַר, דורך טרערן, וואָס האָבן נאָך ניט אויסגעטריקנט אָף אירע ווייעס. אָט דעם שוואַכן שמייכל צי פּאַשעט דעם דאַנקבאַרן בליק אירן האָט געכאַפּט אָף זיך אויך איוואַלגין, ווען ער האָט איר אָפּגעגעבן דעם רוקזאַק און, צוהאַלטנדיק זי ביי̆ם אונטער דער פּאַכווע, געהאָלפן אופהייבן זיך אפן הויכן טרעפּל פון דער קאַבינע.

3

יעדער מאָל, ווען דאַניִעל האָט זיך דערנעענטערט צום פראָנט, האָט אין אים דערוועקט זיך אָן אומרו. דאָס איז געווען א קאָמפּליצירטער געפיל. די דערוואַרטונג פון שלאַכט — די אומפאַרמייַדלעכקייַט און דער כיוו צו גיין אין פייַער — האָט געצוווּנגען מאָבילירן אַלע אינערלעכע קויכעס, און דאַן האָט ער געשפּירט אין זיך א דערהויבנקייַט. און טיף פייַנט געהאַט דאָס ווידער, קומען אפן פראָנט האָט ער, ווי יעדער מענטש, וואָס וויל לעבן. דערבייַ האָט ער געטראַכט ניט נאָר וועגן אייגענעם לעבן, נאָר אויך וועגן לעבן פון פיל אַנדערע — סאָלדאַטן, קאָמאַנדירן, וואָס ער האָט זיי געקענט, צי ניט געקענט נאָך, און וועט זיי עפּשער קיינמאָל ניט קענען, אָבער זייער גורל וועט א סאַך מאָל זייַן אָפּהענגיק פון זייַן ווילן, זייַן געשולטקייַט, זייַן אכרייַעס אלס מיליטערישער אָנפירער. אָט דער געפיל, אין טאָך א שווערער, האָט באַהערשט דאַניִעלן, ווי נאָר ער האָט זיך געזעצט אין דער מאַשין, דאָרט, אין דובאָוווקע, צי נאָך פריִער, אינדערפרי, אין הוילן סטעפּ, ווען ער האָט זיך צעשיידט מיט יאַסע־נעוון און אוועקגעלאָזט זיך קיין דובאָוווקע. דער אומרו איז אָנגעוואַקסן, און עפּשער איז עס שוין אפילע געווען ניט קיין אומרו, נאָר באַטריבטקייַט, וואָס איז אַלץ טיפער אַרייַנגעדרונגען אין הארצן און ענדגילטיק פאַרפולט עס נאָך דעם, ווי מע איז געשטאַנען עטלעכע מינוט בא די איוועס...

ער האָט געטראַכט וועגן איוואַלגינען: „געווען אזא לוסטיקער, זאָרגלאָזער יונג, סערגיי, אפילע פאַראַיאָרן, אין די סאַמע שווערע כאַדאָשים, און זע, ווי ער האָט זיך דאָס געענדערט!". דאַניִעל האָט דאָ געהאַט אין זינען סייַ די מילכאָמע ביכלאַל, ווי זי פאַרביטערט דעם מענטשן, סייַ טאַקע נאָר איוואַלגינען, דאָס, וואָס עס איז ערשט־אָ פאָרגעקומען מיטן אויסשפּירער בא די איוועס. ליובע דובאַק האָט דאַניִעל געקענט פונדערווייַטנס, געוווּסט בלויז, אז ראָז־טשעפּקין איז געווען צו איר ניט גלייַכגילטיק, און זי — צו ראָזטשעפּקינען. „אָט ווי עס האָט זיך גאָר א קער געטאָן דאָס אַלץ, — האָט ער ווייַטער געטראַכט, — ליובע איז עלנט, אומגליק־לעך, און סערגייען איז ניכע צו הערן כאָטש א גוט וואָרט פון איר. און עס גייט דאָ, ס'אַ סוואָרע, ניט נאָר אין דעם, אז זי זאָל אים מויכל זייַן דאָס, אין וואָס ער איז, ווי דער סייכל איז מיסכייַעוו, ניט שולדיק, — עס גייט אין עפּעס אנדערש, אזוינס, וואָס אויב עס איז וויכטיק,

אויב עס האָט א ווערט אפילע איצט, ווען מע איז שוין קימאט אין שלאכט, ווען מע וועט אָט־אָט ארופטרעטן אף אופגעטרייסלטער, פארקוילטער ערד, איז דאָס לעבן אומשטערבלעך..."

„און ניקאָלײַ זעמליאניצין, — איז א צווייטער געדאנק אָנגעלאָפן, פונקט ווי א כוואַליע דעריאָגט א כוואַליע, — א מין שווערע, א מין פײַנלעכע נאכט ער האָט פארבראכט מיט זײַן גלאשען... א פײַנלעכע, אויב אפילע די מאמע האָט אים פארן טויט גאָרנישט ניט געזאָגט, אָבער גאָר א פײַנלעכע, אויב זי האָט עפּעס באַוויזן זאָגן אף דער שנור, אומאָפּהענגיק פון דעם, צי זי האָט געהאט אָדער ניט געהאט וואָס צו זאָגן. און עפשער האָט שוין דאָס עמעצער אנדערש א שעפּטשע געטאָן הינטער זעמליאניצינס פּלייצעס, אזוי אז ער זאָל דערהערן?..."

„טשארנע..." — דער געדאנק האָט זיך בלויז ווי פארטשעפּעט אין דעם דאָזיקן נאָמען און א טראָג געטאָן זיך ווײַטער, אָבער מיט איין ברעגעלע פונעם מויעך האָט דאַניעל פּאָרט אויך וועגן טשארנען דערטראכט דאָס, וואָס עס האָט אים ווײ געטאָן: „מיילע, באַנאכט איז זי אוועק, אָבער מיר וועלן זיך דאָך אמאָל טרעפן באַטאָג, איז מאכן זיך פּאָשעט ניט וויסנדיק? א גוט־מאָרגן, א גוט־יאָר?.." און נאָך איין געדאנק וועגן טשארנען האָט באַנאנד מיט דעם דאָזיקן זיך דורכגעטראָגן אין קאָפּ — דער איקערדיקער: „וואָס האָט מיך אָפּגעשטעלט פאראיאָרן אזא לאנגע צײַט, ווען זי האָט... נו, כאָטשבי דעמלט, אפּדערנאכט, נאָך דער געמיינזאמער ווע־טשערע באַם פויער אין דער גאָרניצע, ניט ווײַט פון מעליטאָפּאָל, ווען וויכאָרעוו מיטן ווײַב, מיט מאריע אנטאָנאָוונע, זײַנען אוועק אף איין קאָפּנע, טיפער אין הויף, די מיידעלעך, די יעסוי־מימלעך, וואָס מאריע האָט געפירט מיט זיך, זײַנען אײַנגעשלאָפן — איינע, די פארוואונדעטע, זשעניע — אף דער מאַזשאַרע, אניוטע — לעבן מיר און טשארנען, אף דער ערד, אין דער פאנאנדערגעשפרייטער שטרוי, און נאָך גוט אויסגענומען, ווו זי וועט שלאָפן — צווישן אונדז ביידן, — וואָס האָט מיך פונדעסטוועגן געצוווּנגען יענץ מאָל, ווען טשארנע האָט שטיל א רוף געטאָן: „דאַניעל... האַ?" זאָגן איר: „זאָל בלײַבן אזוי, טשארנע", און אוועקפאָרן אפן פערד אין דער נאכט ארײַן, צום פאָלק... וואָס האָט מיך דעמלט אָפּגעשטעלט? איך האָב זי געשווינט, צי זיך, צי אונדז ביידן? און עפשער האָב איך איר ניט געקענט מויכל זײַן דאָס, וואָס זי האָט אמאָל, אין דער יוגנט, זיך געוואָרפן מיט מיר? און עפשער פארקערט — „זאָל בלײַבן אזוי" — ניט געוואָלט צעשטערן דאָס גוטע, וואָס איז אפן גאנצן לעבן געבליבן פאר מיר א דערמאָ־נונג — א זיסער, אן אויסגעכאָלעמטער, א ניט פארווירקלעכטער טרוים? יאָ, עס האָט זיך ניט געוואָלט אָנהייבן פונדאָסנײַ און אָנהייבן ערגער... ערשט, אָט אזוי — פאַוועל אלעקסייעוויטש... און איצט — וואָס?" — קיין ענטפער איז ניט געקומען — ער האָט נאָך געדארפט קומען, און פון דעם איז שווער און דאָך א ביסעלע גרינג געווען.

„וויכאָרעוו... עס האָט זיך אזוי געוואָלט אים זען, אויסרעדן מיט אים כאָטש עטלעכע ווערטער! נו, האָבן מיר זיך געזען, און וועגן וואָס — גערעדט? פארשטייט זיך, דאָס וויכטיק־סטע האָט ער געזאָגט: קונגוראָוו איז ערגעץ ווײַטער, אין שפּיץ פון דער קאָלאָנע, ער פארקע־רעוועט דעם פאָלק — אָט דאָ, באַלד מיסטאמע, וועט עס זײַן — רעכטס, אין פעלד ארײַן, קעדיי ענדלעך אראָפּ פונעם באַלעבטן טראקט. די אויסשפּירער האָבן געפונען קאָליעס פון וועגע־נער, סטעזשקעס, וואָס דערפירן קימאט אהין, ווו דער פאָלק דארף פארנעמען די צוגעגרייטע פּאָזיציעס. מיט קיין מאשין קאָן מען דאָרט ניט דורכפאָרן — באַלקעס, אָבער די פּעכאָטע וועט דורכגיין, די הארמאטן וועט מען אויך אריבערשלעפּן, דער אָבאָז וועט דורכשפּרינגען. ס'איז אי נעענטער, אי זיכערער. נאָר איך וועל, געוויינלעך, זײַן א סאך שנעלער דאָרט, ווו מע דארף... וועגן מאריע אנטאָנאָוונע האָט ער גאָרנישט ניט באַוויזן זאָגן, וויכאָרעוו. וואָס מאכט דאָס ייִנגעלע, וואָס זי האָט געבוירן דאָרט, אין קאזאכסטאַן, וווהין זי איז פארוואָרפן געוואָרן — די טרייסט נאָכן אומגעקומענעם שוריקן; וואָס טוען די יעסוימימלעך? ס'איז איר מיסטאמע שווער מיט דרײַ פּיצלעך אינדערפרעמד, שווער און הונגעריקלעך. דאָס האָב איך געקענט טראכטן, ביז איך בין ניט געווען טיף אין לאנד, אז אויב זי האָט, כאָטש דעם מאנס, אויך מײַן געלט־אטעסטאט, איז זי שוין באַזאָרגט... און וועגן אָלגען האָט וויכאָרעוו ניט געפרעגט, וועגן גאָרניט... פארהאַוועט — פּאטיוטשענקאָ וואָלט געזאָגט — ווי שניט־צײַט..."

פּאָרשטעלנדיק זיך פּאטיוטשענקאָן, שטענדיק א באַשעפּטיקטן, א פלײַסיקן, אן אומדער־מידלעכן, ווי ער האָט ליב, באַשיידן, נאָר טרעפלעך, מיט דעם געמאכטן טאמעוואַטע שמייכעלע זאָגן א וויץ (כאָטש, אָך, ווי כוישעכדיק ס'איז אים, טימאָפיי מיכײַלאָוויטשן, אפן הארצן — דאָס ווײַב איז אומגעקומען אין אָנהייב פון דער מילכאָמע, דעמיאַן, דער עלטערער זון, — אין אָנהייב פונעם ווינטערדיקן אָנגריף), האָט דאַניעל דערפילט א צארטן קלעם אין הארצן. יאָ, אלץ נאָענטע מענטשן... וויכאָרעוו, פּאטיוטשענקאָ, קאראטײַ, זעמליאניצין, קונגוראָוו, — מיט וועמען מע האָט זיך נאָך ניט געזען, איז עס שוין אויך אלציינס, ווי געזען, — איוואָלגין... ניין, דאָס איז גראָד ריכטיק, וואָס ער האָט איוואָלגינען ניט מיטגענומען אף דער רעקאָגנאָסצירוו־

קע. ווען דעם נאַטשטשאַדיווס מאַשין איז אוועקגעפאָרן, איז סערגייִ געבליבן שטיין אַ גע־פּלעפּטער, אײַנגעגראָבן די פינגער אין דער שווארצער גריווע פון זײַן אַגער, און קוים פאַר־שטאַנען, וואָס מע רעדט צו אים... איז זאָל הייסן, אַז ווײַל דער לייטענאַנט, וואָס איז אַף ראַז־טשעפּקינס אָרט, איז מיט אַ האַלבן ווזוואָד אויסשפּירער אוועקגעפאָרן פאָרויס, אָנווײַזן דעם זײַטיקן וועג אין סטעפּ, האָט ער, דאַניִעל, ניט געפונען פאַר מעגלעך צונעמען איוואָלגינען, וועלכער איז געבליבן אָנשטאָט דעם קאָמווזוואָד. איידער טרייסלען זיך איצט אין קוזאָוו פון דער מאַשין, פאַרט סערגייִ רײַטנדיק אין שפּיץ פון נײַן אויסשפּירער, וואָס זענען אים בלויז אין נאַקן, — נײַן זײַנען געבליבן נאָך דעם, ווי זעקס האָבן איבערגעגעבן די צײַמלעך פון זייַ־ערע פערד די קאַוויירים און פאַרקליבן זיך אין קוזאָוו, — אַזוי וועט ער גיכער קומען צו־זיך נאָך דער באַגעגעניש מיט ליובען... יעדערער האָט זיך זײַן פּעקל צאָרעס!

די מאַשין, שטאַרק אַ צעיאָגטע, האָט געמיטן דאָס אָרט — אַ קרום סטויפּטשיקל מיט אַ דיקטענער פּײַל, ווו דער פּאָלק האָט אָפּגעקערעוועט פונעם דובאָווקער טראַקט, וואָס האָט אַ קרעמעוווער־ווײַסער, אַ צעגליטער, אוועקגעצויגן זיך צום סטעפּישן האָריזאָנט. עטלעכע סאָל־דאַטן, מיסטאָמע אַרטילעריסטן, האָבן באַם סטויפּטשיקל מיט דער פּײַל זיך צוגעזעצט איבער־וויקלען די אָנטעשעס, ווײַטער, שוין איבערן ברייטן אויסגעטאָפּטשעטן שטעג, האָבן פערד, צו צוויי אין שפּאַן, אוועקגעשלעפּט לײַכטע האַרמאַטן, און נאָך ווײַטער, שוין פון אַ טאָל צי אַ באַלקע, האָבן זיך אַרויסגעזען קעפּ און פּלייצעס פון פּעכאָטינער, שפּיזן, צוגעשרויפּטע צו די ביקסן, האָבן צעווויגטע ווי געשמאָלצן זיך קעגן דער זון. דאַניִעל האָט אַף דער מאַפּע, וואָס איז אַ פאַנאַנדערגעוויקלטע געלעגן אַף זײַנע קני, געמאַכט אַ צייכן, ווו דער פּאָלק האָט פאַר־לאָזט דעם טראַקט, און מיט פאַרלײַכטערונג אַ טראַכט געטאָן: „אָן עק, די וועלן עפּשער דער־קלײַבן זיך בעשאָלעם. אַזאַ לויטערער טאָג, אַזאַ אָפנענער הימל צום פליִען!״

ער האָט דאָס נאָר אַ טראַכט געטאָן — און עפּשער האָט נאָך געדויערט אַ מינוט פינף, זיבן. די מאַשין האָט באַוויזן אַרײַנפאָרן אינעם דערפל יערזאָווקע, מיט סעדלעך, אין וועלכע עס טוקן זיך הײַזער פון געטעסעטע בערווענעס, מיט אַ ווײַס קלויסטערל, וואָס שטייט אַזוי ווי אינמיטן וועג, דאָרט, ווו עס הייבט זיך אָן אַ באַרג־אַראָפּ און עס שנײַדט זיך אויס אין דער זוניק־בלוילעכער ווײַט, ענלעך אַף אַ שטאַרק אויסגעצויגענער שיף, סטאַלינגראַד, ווי עס האָבן זיך דערהערט עטלעכע אײַליקע קלעפּ אינעם דעכל פון דער קאַבינע. אַעראָפּלאַנען...

מע האָט געטאָן דאָס, וואָס מע טוט, ניט צונויפרייִדנדיק זיך: דער שאָפער האָט אין פולן לויף (באַוויזן בלויז אָפּקערעווען צום קיוועט) אָפּגעשטעלט דעם „זיס״, און מע האָט זיך פון אים אַ שאָט געטאָן — ווער וווהין. דרײַ דײַטשישע לײַכטע באָמבאַרדירער און צוויי פאַרניכט־לער, וואָס זײַנען געפלויגן פון דאָרעם, האָבן נידעריק, מיט אַ פײַף, אין וועלכן ס׳האָט זיך אײַנ־געפלאָכטן אַ שיסערײַ פון קוילנוואַרפער, דורכגעטראָגן זיך קוועער דעם שליאַך, באַם אַרײַנ־פאָר אין דאָרף, און פאַרשוווּנדן אין סטעפּ, מײַרעווודיקער פון דאָרט, ווו די קאָלאָנעס פונעם פּאָלק האָבן פאַרקערעוועט.

— קיין באָמבעס האָט מען שוין ניט, אויסגענוצט דעם גאַנצן קאָמפּלעקט באַ דער וואָל־גע, — האָט געזאָגט דער שאָפער, ווען מע איז אוועקגעפאָרן ווײַטער, און האָט, קוים אָנטרעפנ־דיק אַפן פּלעמל פון זײַן צינדמאַשינקע, צוגערייכערט דאָס זעלבע ציגאַרן־רעשטל, וואָס האָט געשטעקט באַ אים צווישן די ליפּן ביזן אָנפאַל.

די מאַשין האָט זיך אופגעהויבן אַף אַ ברייטן קריאַזש, הינטער וועלכן ס׳האָט, אַ צעוואָרפנס צווישן באַלקעס, זיך באַוויזן נאָך איין דאָרף — אָרלאָווקע. אין דאָרף האָבן געפלאַקערט סרייַ־פעס. אין סטאַלינגראַד — די שטאָט איז איצט געוועזן היפּש נעענטער — האָט אויך עפּעס גע־ברענט: אַ שוואַרצער רויכיקער שלייף האָט זיך אוועקגעצויגן צו דער וואָלגע, אַ סאַך אַ גרע־סערער, איידער דער רויך, וואָס פיל זאַוואָדישע קוימענס האָבן דאָרט, אַפן הויכן ברעג, אַרויס־געלאָזט.

דער שאָפער האָט אַ שטומען בליק געטאָן אַף דאַניִעלן. דאָס האָט ניט באַטײַט: „פאָרן גלײַך, צי פאַרקערעווען?״ — דער שאָפער האָט געוווסט דעם מאַרשרוט, געוווסט, אַז ניט דער־פאָרנדיק צו אָרלאָווקע, באַ דער קרייצונג, דאַרף מען נעמען רעכטס. און דאַניִעל האָט, ניט ענטפערנדיק גאָרנישט אַפן פרעגעוודיק־צערודערטן בליק, קורץ באַפוילן:

— רעכטס!

אַ פוסטער וועג, וואָס ציט זיך אוועק אין הוילן סטעפּ, פּאַראַלעל דעם ווײַטן אָנשיט פון אָן אײַזנבאַן... סוסליקעס לויפן איבער פון נאָרע צו נאָרע, אייניקע, ווען מען דער רויש פון מאָטאָר פּאַקט אַפן וועג, בלײַבן געפלעפּטע שטיין אַף די הינטערשטע פיסלעך, און פאַרשווינדן קוים אינעם לעצטן מאָמענט. לערכעס פלאַטערן און צאַפּלען אינדערלופטן, אַף איין אָרט — מיס־טאַמע זינגען זיי. ס׳איז הייס, די זון האָט אַזוי אָנגעגליט דאָס דעכל פון דער קאַבינע, אַז עס

בריט אין קאָפּ. באַשטאַנעס מיט צעטריפּעטע טשוטשעלעס אין דער מיט. עפּשער אָפּשטעלן אַף אַ מינוט די מאַשין און נעמען אַ קאַווען אין קאַבינע, אַרײַנוואַרפן צוויי־דריַי אין קוזאָוו — זאָל מען זיך דערקוויקן? מיילע, וועט עפּעס אַ סטאַלינגראַדער טוישעוו, וועמענס באַשטאַן עס קער דאָ זײַן, פאַרקוואַסיען ווייניקער מיט טעלעכע קאַווענעס אַף ווינטער...

עפּעס האָט צוגעצויגן דאַניִעלס אופמערקזאַמקייט. ניט וויַיט פון וועג, אין קאַוויל, האָט שוואַך, איין מאָל און נאָכאַמאָל, אַ הייב זיך געטאָן אַ האַנט. דער שאָפער האָט האַסטיק אויס־געקערעוועט דאָס פּאָנעם צו דאַניִעלן — ער האָט, הייסט עס, אויך באַמערקט. דאַניִעל האָט נאָך ניט באַוויזן זאָגן קיין וואָרט, ווי מע האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין דעכל פון דער קאַבינע (פון אויבן זעט מען בעסער) און עס האָבן זיך דערהערט שטימען:

— אַ מענטש פויזעט אין סטעפּ! אַ פאַרוווּנדעטער!

נאָך ביז די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט, זײַנען טעלעכע פון קוזאָוו, דעריקערשט אויס־שפּירער, שוין אַראָפּגעשפּרונגען אַף דער ערד און אוועקגעלאָפן אין סטעפּ. דאַניִעל איז אַרויס פון דער קאַבינע און דערזען: מע הייבט אוף עמעצן אין בלאָווע קליידער פון אַן אײַזנבאַנער, מע טראָגט אים צום וועג.

דער מענטש איז געווען פאַרוווּנדעט אין ברוסט, עפּשער נאָך ערגעץ — בלוט האָט איין פּיל ערטער אויסגעפלעקט זײַן אוניפאָרם, אַ צעריסענע, אַ פאַרשמירטע אין ליים, אַן ארומ־געקלעפּטע מיט בודזיקעס. די, וואָס האָבן געטראָגן דעם פאַרוווּנדעטן, האָבן זיך אָפּגעשטעלט מיט אים לעבן דאַניִעלן, וואָס איז זיי אוועק אנטקעגן. אָפּגעטוליעט אַ פאַרבלוטיקטע דלאָניע פונעם ווייטעקדיק־פאַרקרימטן מויל, האָט דער פאַרוווּנדעטער, קלאַפּנדיק מיט די ציין, אויס־געכריפּעט:

— דײַטשן!

— פונדערלופטן? — האָט דאַניִעל געפרעגט.

— ניין, מאָטאָציקליסטן, — האָט געזאָגט אַן אויסשפּירער, וואָס האָט געהאָלפן טראָגן דעם פאַרוווּנדעטן.

— וויִאַזוי, פונוואַנען? — האָט געפרעגט עמעצער פון די, וואָס זײַנען צוגעקומען פון וועג.

— דײַטשן, — האָט איבערגעכאַזערט דער פאַרוווּנדעטער און אויסגעזידלט זיך, — איך האָב זיי געזען!..

דאַניִעל האָט באַוויזן מיט די אויגן, מע זאָל דעם פאַרוווּנדעטן אַראָפּלאָזן אין גראָז. געענ־מען די באַקלאַגע בא איינעם פון די סאָלדאַטן, האָט ער זיך אָנגעבויגן און פאַרזיכטיק אַרײַנ־געגאָסן עטלעכע טראָפּנס וואַסער דעם אײַזנבאַנער אינעם פאַרשמאַכט־צעעפנטן, בלוטנדיקן מויל.

— זאָגט מיר קלאָר, — האָט ער געבעטן, — וואָס איז מיט אײַך געשען?

— מיט מיר? — האָט איבערגעפרעגט דער אײַזנבאַנער און מאָדנע אַזוי, היציק, אַ גלאַנץ געטאָן מיט די בלויע, ברייט־צעעפנטע אויגן — זעט אויס, ער האָט אָנגעהויבן פיבערן. — מיט מיר איז גאָרנישט געשען... איך בין בא אונדזערע... אָבער ווו איז אָרעפיעוו, באָריס מיכײַלאָ־וויטש — דער דיספּעטשער? באָריס מיכײַלאָוויטשן האָבן זיי פאַרכאַפּט אַ לעבעדיקן. סאַשקע, דער מאַטאָריסט, איז טויט — דאָס האָב איך אַליין געזען, ער איז גלײַך אַראָפּגעפאַלן אַף די שפּאַלעס, ווען די מאָטאָציקליסטן האָבן פאַרקערעוועט צו דער אײַזנבאַן און קוילן האָבן אַ האַק געטאָן איבער דער דרעזינע. איך בין אויך אַראָפּגעפאַלן, ניט וויַיט פון סאַשקען, און באָריס מיכײַלאָוויטש האָט זיך געלאָזט לויפן — אים האָבן זיי געכאַפּט און אוועקגעפירט... אַן עשעלאָן איז פון אונדזער בלאָקפּאָסט אוועק אַף מײַרעוו — ניטאָ און ניטאָ קיין באַשטעטיקונג, אַז ער איז אָנגעקומען אַף אַן אָרט, און דער טעלעפאָן ענטפערט ניט — זײַנען מיר אַרויסגעפאָרן אַ קוק טאָן...

— און עפּשער — דעסאַנטלער? — האָט דאַניִעל געפרעגט.

— שטייען דאָך זעניטלער דאָ ניט וויַיט, אין סטעפּ...

וועגן די זעניטלער האָט דאַניִעל גאָרנישט ניט געוווּסט, נאָר וועגן אַ באַטאַליאָן מינענ־וואַרפלער, וואָס פאַרנעמט דאָ דערנעבן פּאָזיציעס, האָט ער געוווּסט — דאָס איז אָפּגעמערקט געווען אַף זײַן מאַפּע.

— מיר פאָרן וויַיטער, — האָט ער זיך געווענדט צום שאָפער, וואָס האָט צוגעפירט אהער די מאַשין, — עפנט דאָס הינטערשטע וועגטל פונעם קוזאָוו, מע זאָל קאָנען אוועקלייגן דעם פאַרוווּנדעטן!

4 דער מינענוואַרפער־באַטאַליאָן איז געשטאַנען אַף איינער פון די פּאָזיציעס, וואָס די סטאַלינגראַדער באַפעלקערונג האָט אויסגעבויט אַרום דער שטאָט. פאַר דער געשיכטע זײַנען געבליבן מאַפּעס און סכעמעס פון די דאָזיקע פּאָזיציעס, באַצייכנטע מיט קרײַזלעך, קעסטעלעך, פאַרשיידן פאַרשטריכירטע, און דאָס באַטײַט: די ערשטע ליניע, ס׳הייסט — די ווײַטסטע, די צווייטע, די דריטע, די פערטע... אייניקע ליניעס זײַנען געשלאָסן, אַנדערע באַשטייען בלויז פון איזאָלירטע שטיץ־פּונקטן. גרויסע מיליטערישע קרעפטן האָבן זיך געקאָנט שיצן אַף די דאָזיקע פּאָזיציעס. דער פראָנט איז דעמלט נאָך געווען באַם דאָן, און אין יענעם טאָג, אין יענע שאָען, ווען די דײַטשן האָבן אים דורכגעריסן, ווען זייערע געפּאַנצערטע קאָלאָנעס — רעדער און מאָטאָרן אַף דער ערד, פליגלען און מאָטאָרן אינדערלופטן — האָבן אין פּײַער, אין רויך, אין שטויב, ווי אַ ווירבל־שטורעם אוועקגעטראָגן זיך איבערן סטעפּישן פּלאַטאָ אַף מיזרעך, זײַנען אַף די שוץ־פּאָזיציעס אַרום סטאַלינגראַד בלויז וווּ־ניט־וווּ געשטאַנען ניט קיין גרויסע רעזערוו־טיילן. ניט אַלע פּאָזיציעס זײַנען אַפילע פאַרענדיקט געווען, צו אייניקע פון זיי זײַנען נאָך אינדערפרי, פון דער שטאָט און פון די אַרומיקע דערפער, געפאָרן און געגאַנגען מענטשן מיט קלומעקלעך שפּײַז אַפן טאָג, קעדיי ווידער נעמען זיך צו די לאָפּעטעס און קירקעס, ווײַטער דלובען די ליימיקע ערד...

ווען דאַניעלס מאַשין איז געקומען אין דער באַלקע, וווּ ס׳איז געווען דער שטאַב פונעם מינענוואַרפער־באַטאַליאָן (מע האָט די באַלקע אָפּגעזוכט גרינג און דעם פּריש־אָפּגעגראָבענעם ליימיקן אַראָפּפאָר, וואָס האָט געפירט אין דער טונקלקײַט פון ביימער, האָט מען באַמערקט פון וועג), האָט באַ די מינענוואַרפלער געהאַלטן באַ ענדיקן זיך צי עס האָט נאָרוואָס געענדיקט זיך דער וואַרמעס. אַ סאָלדאַט, אַ קעכער, אין אַ ווײַסער, נאָר היפּש פאַרליאַפּעטער קורטקע, האָט באַ אַ ריטשקעלע, וואָס האָט קוים געריזלט אַפן דנאָ פון דער באַלקע, געשײַערט מיט זאַמד ניט קיין גרויסן פאַררייכערטן קעסל. עטלעכע שלאַכטלײַט האָבן, ליגנדיק אין גראָז, געלייענט אַ צײַטונג. אַ שוואַרץ פאַרמאָרעט הינטל, אָן אָנגעלאָפּנס מיסטאַמע פון אַ נאָענטן יישעוו, האָט אונטער אַ קוסט געהריזעט אַ ביין.

דער קאָמבאַט, דער קאַפּיטאַן אָסיפּיאַן — אַז מע רופט אים אַזוי, איז קלאָר געוואָרן פונעם אויפשריפט אַפן ברעטעלע, וואָס איז צוגעקלאַפּט געווען צו אַ בוים באַם אַראָפּפאָר אין דער באַלקע: „אָסיפּיאַנס ווירטשאַפט”, — האָט, בייס דאַניעל איז שטיין געבליבן אַפן שוועל פון זײַן ערדשטיבל, היציק גערעדט מיט עמעצן דורכן טעלעפאָן. דער צווייטער, וואָס האָט זיך געפונען אין בלינדאַזש און אויך געהאַלטן אַ טרײַבל באַם אויער, איז געווען אַ לייטענאַנט, אַ בלאָנדער און גאָר אַ יונגער. ער איז אויפגעשטאַנען צום באַגריסן זיך, און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז ניט בלויז שטאַרק אַ הויכער, נאָר אַז זײַן פיגור איז נאָך יינגלש ניט אויסגעפורעמט — צו שמאָל די אַקסל, צו לאַנג די הענט. דער קאַנעץ, וואָס איז געשטאַנען אַפן טישל, האָט באַלויכטן דעם לייטענאַנטס פּאָנעם — אַ בלייכס, אַ פאַרדײַגעט־אָנגעשטרענגטס. אָסיפּיאַן איז געווען ניט קיין הויכער, אַ קרעפּטיקער, אַ באַוועגלעכער, מיט אַ שוואַרצן, געקרײַזלטן קאָפּ, וואָס האָט אויסגעזען צו גרויס טאַקע מאַכמעס דער אַליין פון זיך צעוויכערטער פריזור. רעדנדיק — ער איז געשטאַנען מיט דער פּלייצע צום אַרײַנגאַנג, אָנגעשפּאַרט מיט ביידע עלנבויגנס אינעם טישל, אַף וועלכן ס׳איז, אַגעוו, געבליבן דאָס דעקל פון אַ סאָלדאַטיש קעסעלע מיט ניט קיין דערעסענער הירזשענער קאַשע, — האָט ער פאַרהאַוועט־פרעגעוודיק אַ קער געטאָן דאָס טונקעלע, אָפּגעצויגענע פּאָנעם צו דער טיר, אויסגעגלײַכט זיך, נאָר פאַרגעזעצט מיט דער זעלבער היציקײַט:

— הער זיך אײַן, באַטשקאָ, הער זיך אײַן, ליבער מענטש! דאָס האָט מיר שוין ערשט־אָ, — אַ בליק אַפן האַנטזייגער, — מיט צוויי מינוט צוריק, אָנגעזאָגט אויך אַ מאָטאָציקליסט פון דער שלאַכט־באַוואַכונג אַפן לינקן פלאַנג: טאַנקען גייען פון מײַרעוו, די רערן זײַנען אָנגעשטעלט אַף דער שטאָט, מע קאָן ניט פאַרשטיין, ווער דאָס איז. דו זעסט שוין אויך פּעכאָטע אַף מאַשינעס, די טאַנקען האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַרן קעגנטאַנקען־ריוו און סאָלדאַטן גייען צו אים מיט לאָפּעטעס... וועמענס טאַנקען, וועמענס מאַשינעס, וועמענס סאָלדאַטן זײַנען דאָס — דײַן באַאָבאַכטונג־פּונקט איז דאָך צוויי הונדערט מעטער פונעם ריוו?! מע קאָן ניט פאַרשטיין? נו, הייס זיי צוווּאַרטן, וועל איך אַליין קומען צו לויפן און אַ קוק טאָן... רויטע פענדלעך אַף די טאַנקען? די סאָלדאַטן זײַנען אין כאַקי? נעם דרײַ אווטאָמאַטלער און דערקלײַבט זיך טייקעף נעענטער צום ריוו... איך וואַרט... הערסט?

אוועקגעלייגט דאָס טרײַבל, האָט אָסיפּיאַן אויפגעבראַכט און פאַרלוירן אַ צוק געטאָן מיט די אַקסל און בלויז אַף האַלב אויסגעקערעוועט דאָס פּאָנעם צו דאַניעלן.

— אַזאַ זאַך! — האָט ער געזאָגט, מער צום לייטענאַנט, איידער צום פרעמדן פּאָדפּאָל־

קאָווניק, אָבער זוכנדיק אַזוי ווי אויך באַ אים אַ שטיצע. — דו, באַלאַטאָוו, הער, הער... עפּעס איז דאָרט ניט ווי עס באַדאַרף צו זײַן... — די לעצטע ווערטער, מיט אַ פרעגעוודיקער אינטאַנאַציע, זײַנען שוין גראָד מער געווענדט געווען צו דאַניעלן: וואָס מיינט ער, עפּשער ווייסט ער עפּעס?

דאַניעל האָט דערלאַנגט דעם קאָמבאַט זײַן צײַגעניש. רויִק אויסגעהאַלטן דעם פּאָרטרוי־לעכן, אָבער דאָך אופמערקזאַמען בליק פון אָסיפּיאַנס שוואַרצע אויגן, רויִק געזאָגט, אַז ער איז געקומען מיט אַ גרופּע אַף אַ רעקאָגנאָסצירונג — אַ דיוויזיע דאַרף זיך דאָ, אַף די פּאָזיציעס, שטעלן אין שוץ, — און האָט זאָכלעך, נאָר שוין מיט אַ דערלאָזבאַרן טראָפּעלע אומרו אין שטים, באַמערקט:

— איך מיין, איר דאַרפט מעלדן אַן אַליאַרעם, קאַפּיטאַן. דײַטשישע מאָטאָציקליסטן האָבן ערשט־אָ באַשאָסן אַ דרעזינע. איך האָב געבראַכט אַ פאַרוווּנדעטן אײַזנבאַנער.

— אַ פאַרוווּנדעטן? — האָט איבערגעפרעגט אָסיפּיאַן.

— יאָ, מע קער אים שוין איבערבינדן אַף אײַער סאַנפּונקט.

— נו, מע הערט גאָרנישט? — האָט אָסיפּיאַן אומגעדולדיק, גיכער קעדיי אויסצובאַהאַלטן זײַן צעטומלטקײַט, אויסגעקערעוועט זיך צום לייטענאַנט. — האָסט פאַרשטאַנען, נאַטששטאַב?.. אַן אַליאַרעם!

דער לייטענאַנט האָט ניט הויך אַ רוף געטאָן אין טרײַבל: „אַנושקין — אַלעמען, לויטן צירקוליאַר!” — דאָס האָט באַטײַט, אַז עס זאָלן אײַנגעשלאָסן ווערן אין קאָמוטאַטאָר אַלע ראָטעס, — ער האָט איבערגעגעבן דעם באַפעל.

— און די דיוויזיע אײַערע איז, פאַרשטייט זיך, ווײַט, אויב איר פאָרט ערשט אַף אַ רעקאָגנאָסצירונג? — האָט, ווען באַלאַטאָוו איז אַנשוויגן געוואָרן, מיט ניט קיין פאַרבאָרגענער אַנטוישונג געפרעגט אָסיפּיאַן.

— ווײַט.

אָסיפּיאַן האָט זיך צוגעזעצט לעבן באַלאַטאָוון אַף דער נאַרע, וואָס האָט, אַ פאַרבעטע, געדינט אויך אַלס אַ באַנק, אײַנגעלאַדן דאַניעלן זעצן זיך אַפּן איינציקן טאַבורעט, און אָנגעשטרענגט גענומען קוקן אַפּן טעלעפאָן. אָט אַזוי זיצט מען און מע וואַרט בייס אַן אומגליק, וואָס איז שוין געשען, נאָר מע ווייסט ניט, ווי גרויס ער איז, און אַ ביסעלע גלייבט מען נאָך פאָרט, אַז עפּשער האָט מען אַ טאָעס.

דאַניעל האָט זיך ניט צוגעזעצט, ער איז בלויז צוגעגאַנגען צום טישל און אָנגעשפּאַרט זיך אין דעם מיט אַ פויסט. מיטאַמאָל, קוקנדיק אַפּן רעשט פון דער קאַשע, האָט ער דערפילט אַ הונגעריק סמאָקען אונטערן לעפעלע, — ער האָט דאָך הײַנט אין מויל ניט געהאַט, — און אליין פאַרוווּנדערט זיך, וואָס ער טראַכט גאָר וועגן דעם. ער וואָלט דאַרפן אופהייבן זיך אַרוף, צו דער מאַשין. אוועקלאָזנדיק זיך אין ערדשטיבל, האָט ער באַפוילן די ראַדיסטן צוגרייטן די ראַציע, פאַרבינדן זיך מיט דער דיוויזיע, מיטיילן וועגן די דײַטשישע מאָטאָציקליסטן און ווו מע געפינט זיך. איצט האָט ער שוין געהאַט נײַס וואָס צו זאָגן — זאָגן און עפּעס־וואָס פאַרלייגן, כאָטש, קעדיי פאַרלייגן דאָס, וואָס איז קימאַט רײַף געוואָרן באַ אים אין קאָפּ, האָט מען נאָך אַ ביסל געדאַרפט צוואַרטן. מיט קונגוראָווס פּאָלק האָט ער אויך געהייסן פאַרבינדן זיך, אָבער ווער ווייסט, צי דאָס וועט געלינגען אַזוי שנעל — די ראַציע פון פּאָלק, זײַענדיק אין מאַרש, דאַרף, ווי עס איז געווען אָפּגערעדט, זיך אײַנשליסן בלויז יעדע האַלבע שאָ. „רופט און רופט”, — האָט ער אָנגעזאָגט די ראַדיסטן, אוועקלאָזנדיק זיך צום קאָמבאַט. איז ווי — מע האָט זיך דערופן? וואָלט עמעצער פון די אָפיצערן, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך, אַראָפּ אַהער — וואַרט מען אויבן, ווי ער האָט געהייסן. און בײַכלאַל איז ער ערשט דאָ צוויי־דרײַ מינוט, ניט מער...

— איך האָב געהערט, עס שטייען דאָ ערגעץ נאָענט זעניטלער? — האָט דאַניעל געפרעגט, און אליין אָט די פראַגע האָט נאָך מער באַשטעטיקט, אַז אַף דער דיוויזיע — וועגן פּאָלק האָט ער נאָך אָפּגעהאַלטן זיך צו זאָגן — איז אַזוי גיך ניטאָ וואָס אויסצורעכענען.

— פאַראַן, פאַראַן. אַ דיוויזיאָן. — אָסיפּיאַן האָט מיט זײַן שנעלן ענטפער געוואָלט אוועדע אויסמײַדן נײַע פראַגעס, ער האָט צוגעגעבן נאָך אַ קליינער פּאַוזע. — מיר האָבן אַ פאַרבינדונג — אַ לעבעדיקע און דורכן טעלעפאָן. מע באַשיצט די אײַזנבאַן.

— זיי זײַנען שוין געוואָרנט, — האָט באַמערקט באַלאַטאָוו.

— און עפּשער איז דאָ נאָך עמעצער? — האָט פונדעסטוועגן ווידער געפרעגט דאַניעל.

אָסיפּיאַן האָט זיך בלויז אַ קנייטש געטאָן, ווי איינער זאָגט: צו וואָס איז דאָס זאָלצן אַף די ווונדן?

געגנטפערט האָט באַלאַטאַוו:

— מיסטאמע איז מען דאָ, נאָר ניט נאָענט. מיר וואָלטן געוווּסט.

זאָגנדיק דאָס, האָט דער לייטענאַנט זיך אָנגעשפּיצט — ער האָט אַלץ געהאַלטן דאָס טרײַבל צוגעדריקט צום אויער.

— באַטשקאָ! — האָט ער געמאָלדן און אײַליק איבערגעגעבן דאָס טרײַבל אַסיפּיאַנען.

דאַניִעל האָט גענומען דאָס צווייטע טרײַבל און געהערט, ווי באַטשקאָ האָט אַ פּאַרסאָפּעטער מיטגעטיילט:

— מיר האָבן דורך אַ טראַנשיי זיך דערקליבן קימאַט צום ריוו. סאָלדאַטן — אין אונדזער אוניפאָרם — גראָבן אָפּ די ברעגן, מע זאָל קאָנען אַריבערפאָרן. טאַנקען מיט רויטע פענדלעך שטייען אַף אַ בערגל און וואַרטן. מאַשינעס מיט פּעכאָטע — אויך אין אונדזער פאָרם. די טאַנקען זײַנען ניט אונדזערע, אָבער די מאַשינעס — אונדזערע, „זיסן”. איך שרײַ צו די סאָלדאַטן, וואָס גראָבן: „ווער זײַט איר?” — ענטפערט מען ניט. איינער האָט בלויז אָנגעוויזן אַפן פאָדערשטן טאַנק. בין איך אַרויס פון דער טראַנשיי, צוגעקומען נאָך נעענטער, און אַ רוף געטאָן: „ווער פירט די קאָלאָנע? צו מיר!” — דער אייבערשטער ליוק האָט זיך געעפנט, עס האָט זיך אַרויסגערוקט איינער אין אַ טאַנקיסטישן העלם און אין אַ בלאָוון קאָמבינעזאָן — אויך ווי אונדזערער, נאָר ער האָט קיין וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט, בלויז אַ מאַך געטאָן צו מיר מיט דער האַנט: „גיי אַוועק”. בין איך אַוועק... עפּעס איז מען דאָרט אַלע ווי שטומע... און אייניקע אויטאָמאַשינעס זײַנען פאַרמאַסקירט מיט נעצן — מע קאָן אַפילו ניט וויסן, צי זיי זײַנען אונדזערע, נאָר די דאָזיקע האַלטן זיך ווײַטער...

אַסיפּיאַן האָט ניט איבערגעשלאָגן, געהערט, געדרייט מיט דער לינקער האַנט דעם פּאַרפּלאָנטערטן שנור, וואָס האָט פאַרייניקט דאָס טרײַבל מיטן אַפּאַראַט, נאָר דעם קאָמבאַטס פּאָנעם, אַ טונקלס, האָט דערבײַ ווי אויסגעלײַטערט זיך, די פאַרלוירנקײַט איז פאַרשוווּנדן פון דעם, ס'איז געוואָרן שטרענג און קאָנצענטרירט. ער האָט נאָר ווי באַרויגעזדיק צונויפגעדריקט אַ ביסעלע די ליפּן, און די אויגן האָבן געבלישטשעט בייז.

— אַלץ, עלטערער לייטענאַנט? — האָט ער געפרעגט.

— אַלץ. — מע האָט געהערט, ווי באַטשקאָ האָט שווער אָפּגעאָטעמט.

— וויפל טאַנקען און וויפל מאַשינעס זעסטו? — האָט ווידער געפרעגט אַסיפּיאַן.

— אַ סאַך...

— צען איז אַ סאַך, און צוואַנציק איז אַ סאַך, און דרײַסיק... וויפל?

— טאַנקען — ניט ווייניקער, ווי פופצן, נאָר עפשער זײַנען היטנערן בערגל פאַראַן נאָך, און מאַשינעס — זיי זײַנען צעוואָרפן אין פעלד — אַ צוואַנציק...

— צוואַנציק? — האָט, זשמורענדיק די אויגן, אַ כעזשבן געטאָן אַסיפּיאַן. — צו צוואַנציק סאָלדאַטן אַף אַ מאַשין — פיר הונדערט, אַ באַטאַליאָן... און טאַנקען... אַזוי קער עס טאַקע זײַן — פופצן, צוואַנציק — די נאָרמע פאַר אַ מאָטאָבאַטאַליאָן... גוט, קאָמווזוואָד... וועסט קאָרעגירן דאָס פײַער... טייקעף הייבן מיר אָן... — אָפּגעטראָגן עטוואָס דאָס טרײַבל פונעם אויער און פונעם מויל, האָט אַסיפּיאַן געווענדט זיך צו דאַניִעלן: — קלאָר, כאַווער פּאָדפּאָלקאָווניק?

— קלאָר, — האָט געענטפערט דאַניִעל.

— כע! — אַסיפּיאַן האָט ווי אַ בייזן, כוישעכדיקן שמייכל געטאָן, — באַטשקאָן אָפּגעלאָזט גאַנץ — ס'הייסט, עפשער איז עס אַ נאַרעלע — גיי, שטער ניט...מע האָט שוין עמעצן דאָרט, פאָרויס, אָפּגענאַרט אַזוי... איר האָט אַ ראַציע, כאַווער פּאָדפּאָלקאָווניק?

— פאַראַן.

— מײַנע אַרבעט ניט. אַ סאָלדאַט איז אַוועקגעפאָרן אין אונדזער שיסער־בריגאַדע בײַ די באַטאַרייעס — און די בריגאַדע איז שוין אַף יענער זײַט... מיטיילן עפשער דורך אײַער ראַציע אין שטאַב פון אַרמיי? שפּעטער... מײַן באַשלוס... — ער איז אויפגעשטאַנען, שטרענג אַ גלײַך געטאָן זײַן דראָטיקן, ניט הויכן גוף, און ווידער אין טרײַבל, מיט קראַפט און אַפילו פײַערלעכקײַט אין דער שטים, מיט אַ פּאַספּאַרדיקן גלאַנץ אין די אויגן, אויסגערופן: — אנושקין — אַלעמען! קעגן אונדז שטייט דער סוינע, כאַוויירים... איך באַפעל: די שווערע מינענוואַרפער אַ קלאַפּ טאָן איבער די טאַנקען, די באַטאַליאָנע — אָפּשנײַדן די פּעכאָטע! שיסן צוערשט אין די צילן, וואָס יעדערער זעט, דערנאָך — לויט די קוואַדראַטן איינס, דרײַ, פינף, זיבן... פײַער!

אַ האַלבע מינוט, צי עטוואָס ווייניקער, כאָטש געדאַכט האָט זיך, אַז עס געדויערט זייער לאַנג, האָבן אַלע דרײַ, שטייענדיק, מיט אַ פאַרטײַעטן אָטעם, געוואַרט, ביז די ערד האָט עטלעכע מאָל אַ וויג געטאָן און ס'האָט זיך דערטראָגן אַ צונויפגעגאָסענער הילך פון אופרײַסן. בײַס מע האָט געוואַרט, האָט דאַניִעל מיט אַלע קויכעס באַמיט זיך ניט קוקן אַף

דער טיר — ער האָט געמוזט אײַלן, אוועקגיין פונדאַנען, נאָר ניט געקאָנט ניט רירן זיך פון אָרט, ניט ווענדן זיך אין אָט די אָנגעשטרענגטע רעגעס צו אָסיפּיאַנען און זײַן שעף פון שטאַב. נאָכן ערשטן זאַלפּ, וואָס האָט זיך, אייגנטלעך, ניט פאַרענדיקט — דאָס דונערן האָט זיך באַנײַט ווידער און ווידער, די שלאַכט איז אָנגעוואַקסן, — האָט דאַניִעל, זעענדיק, אַז אָסיפּיאַן, וועלכער האָט געהאַט אַראָפּגעלאָזט די האַנט מיטן טרײַבל, טראָגט עס נאָכאַמאָל צו צום אויער, און געכאַפּט אָף זיך אין דער זעלבער צײַט יענעמס פרעגעוודיקן בליק, אַנטשלאָסן פאַריכט דעם רימען, די פּאַרטופּיי און געזאָגט:

— איין ווײַלע, קאַפּיטאַן. איך בין, פאַרשטייט זיך, זייער געענגט, נאָר כ'וועל באַפוילן מײַנע ראַדיסטן אָפּגעבן אײַך די באַטאַרייעס, וואָס זיי האָבן אין רעזערוו. און דערווײַל וועל איך אַליין פּרווון פאַרבינדן זיך מיט דער אַרמיי — מיטיילן, ווי די לאַגע איז דאָ... מײַן דיוויזיע איז אַרום דובאָווקע, נאָר איין פּאָלק איז נאָענט — א שאָ גאַנג פונדאַנען. איך דאַרף אים נאָך א זוך טאָן, אָבער ניט אין דעם גייט עס. רעדנדיק מיט דער אַרמיי, און אויב דאָס וועט ניט געלינגען — איז מיט דער דיוויזיע, וועל איך פאַרלייגן, אַז א טייל פון אונדזער אַרטילעריע, — מיר האָבן אויך א דיוויזיאָן, וואָס פאַרניכטעט טאַנקען, — זאָל אײַך אונטערהאַלטן. נאָר דער פּאָלק וועט מיסטאָמע ניט שטעלן זיך דאָ. איך קלער, מע דאַרף זיך שטעלן אָט וווּ, — ער האָט אוועקגעלייגט אָפן טיש די מאַפּע, א פאַנאַנדערגעוויקלטע בלויז טיילווײַז, — מע מוז בלאָקירן אַלע וועגן און די בערגלעך נעענטער צו אָרלאָווקע. אָף צאַפּן, אין סטעפּ, האָט איצט דער דײַטש ניט וואָס צו שטרעבן, ער וועט פאַרקערעווען צו דער שטאָט, צום פאַראָם, — איז אָרלאָווקע די לעצטע צי די פּאָרלעצטע פּאָזיציע... אונדזערע ראַציעס וועלן זײַן אין קאָנטאַקט, כוץ דעם, וועל איך בא אײַך איבערלאָזן מײַנעם א מאָטאָציקליסט. מיר וועלן אײַך העלפן, נאָר איר האַלט זיך וואָס לענגער, דעריקער — וואָס לענגער, איר פאַרשטייט אַליין...

בייס דאַניִעל האָט גערעדט, האָט אָסיפּיאַן מיט א צוגעדישעטער שטים עטלעכע מאָל אָפּגעשטעלט עמעצן, וואָס האָט אים גערופן אין טרײַבל: „באַלד, באַלד... זאָג, איך הער!" — ער האָט געהערט איינצײַטיק אי יענעם, אין טרײַבל, אי דאַניִעלן, און אומגעדולדיק געקאָסיעט די אויגן אָפן ווענטל פונעם ערדשטיבל, וואָס איז אַרויסגעקומען צו יענער זײַט, ווו די שלאַכט איז געגאַנגען. דאַניִעל איז אַנשוויגן געוואָרן, אָסיפּיאַן האָט פאַרשטעלט מיט דער צווייטער האַנט דאָס אָרט אינעם טרײַבל, וווהין מע רעדט, און, פאַרביטערט, געדריקט ניט בלויז פון דאַניִעלס ווערטער, נאָר פון אַלץ, וואָס האָט זיך אַזוי שווער אָנגעוואַלגערט אָף אים, געזאָגט א ביסעלע ווי צעשטרייט:

— מיילע... איך פאַרשטיי... איך פאַרשטיי, פּאָדפּאָלקאָווניק... מיסטאָמע וועט מען מיט אײַער פאָרשלאָג אײַנשטימען... — און מיטאַמאָל, שוין אין אָפּגעטוליעטן טרײַבל, אופגעבראַכט, ביין אויסגעשריגן, — איך פאַרשטיי, טשיקאָלדאַ, איך הער!.. אונטערוואַרפן! און מיר וועט ווער אונטערוואַרפן?!..

ווידער א בליק געטאָן אָף דאַניִעלן, — שוין צום גיזעגענען זיך, — קוים א מאַך געטאָן צו אים מיט דער האַנט, האָט ער אָפּגעקערעוועט זיך און מער באַהערשט געזאָגט אין טרײַבל:

— רעכט, טשיקאָלדאַ... נאָר ווייס דעם כעזשבן... סמאַליעט ניט סטאַם אינדערלופטן!

באַלאָטאָוו איז אַרויס מיט דאַניִעלן, קעדיי שיקן עמעצן נאָך די צוגעזאָגטע באַטאַרייעס. פאַר דעם, ווי אומקערן זיך אין בלינדאַזש, האָט דער לייטענאַנט פאַרלוירן א טאָפּטשע זיך געטאָן אין די קירזאָווע שטיוול, די כאַליעוועס זײַנען געווען קורץ און צו ברייט פאַר זײַנע לאַנגע, דינע פיס, אַרויסבאַקומען פון אָפּיצערן־טאַש, וואָס האָט אָפּגעצויגן דעם רימען אָף די ייִנגלש־שמאָלע לענדן, עטלעכע בריוו, צונויפגעוויקלטע אין דרײַעקעלעך, און אויסגעשטרעקט דאַניִעלן.

— דאָס איז, — האָט ער אין פאַרלעגנהײַט געזאָגט, — דאָס האָב איך געקליבן זיך נאָך מיטיק פאָרן קיין סטאַלינגראַד, און כאַוויירים האָבן מיטגעגעבן... עפּשער וועט אײַער שאָפער, כאַווער פּאָדפּאָלקאָווניק, ערגעץ זיי אַרײַנוואַרפן? זאָלן זיי אוועקגיין! — די צערודערונג, דער אומעט, וואָס דאַניִעל האָט איבערגעלייענט אָפן לייטענאַנטס בלייכן פּאָנעם, מיט א שיטערן אויסשיט פון קלײַען אָף דער נאָז, האָט געצווונגען א צאַפּל טאָן זײַן האַרץ. „ליאָניע, — האָט ער א טראַכט געטאָן, פאַרוקנדיק די בריוו אין פלאַנשעט, — מיסטאָמע ניט עלטער פון ליאָניען".

5

אין דער באַלקע, ווו עס האָבן, ברעכנדיק די ניט הויכע ביימער, געדיכט אַרומגעוואַקסענע מיט קוסטעס, זיך שוין גענומען רײַסן סנאַריאַדן, איז אַלץ מער פאַרפולט געוואָרן מיט רויך. דאַניִעלס ראַדיסטן איז ניט געלונגען פאַרבינדן זיך ניט מיט דער דיוויזיע, ניט מיט קונגוראָווס פּאָלק. דער שטאַב פון דער דיוויזיע האָט מיסטאָמע שוין פאַר־

לאָזט דובאָווקע און איז ערגעץ געוועזן אין וועג, האָט זיך געפּאָדערט צײַט, קעדיי רופן אָן אופהער די ראַציע און אָנטרעפן אַפן מאָמענט, ווען זי וועט זיך אײַנשליסן, דאָס זעלבע — קונגוראָווס ראַציע. אָבער פאַרהאַלטן זיך אין דער באַלקע האָט געהייסן — שטיין אין אָט די אַנטשיידענע מינוטן ליידיק, מע האָט כאָטשבי געמוזט אַריבערפירן אַפן נײַעם אָרט, וואָס דאַניעל האָט זיך אָנגעמערקט, און אָנהייבן די רעקאָגנאָסצירואָוקע. דעריבער האָט ער אָוועקגעשיקט צוויי אָף א מאָטאָציקל — דעם פאַרטרעטער פון שעף פון דיוויזיע-אויסשפּיר און אַן אווטאָמאַטלער — איבערשנײַדן דעם וועג קונגוראָווס פּאָלק; באַזאָרגנדיק מיט באַטערייעס אָסיפּיאַנס ראַדיסטן, האָט ער זיי אָנגעזאָגט, ווי אַזוי און ווען רופן, ווען זייער ראַציע וועט אופלעבן, וואָס איבערגעבן, און אַליין מיט דער פאַרקלענערטער גרופּע אוועקגעאײַלט אָף דער מאַשין צו אָרלאָווקע.

דאָס איינציקע, וואָס דאַניעל האָט זיך אײַנגעגעבן, בייס מע איז נאָך געוועזן אין דער באַלקע, — איז פאַרבינדן זיך מיטן שטאַב פון דער ארמיי. אָבער דער שעף פון אָפּעראַטיוון אָפּטייל, א פּאָלקאָווניק, וועלכער האָט זיך אָפּגערופן אָף דאַניעלס סיגנאַלן און אויסגעהערט זײַן מיטיילונג וועגן דער שלאַכט, וואָס עס פירן דאָ די מינענוואַרפלער און די זעניטלער, האָט געזאָגט (גערעדט האָט מען קימאַט אָפן, באַדינגלעך אָנגערופן בלויז דאָס סאַמע נייטיקע), אַז אָף קיין דרינגענדיקער הילף איז בא דער געשאַפּענער לאַגע ניטאָ וואָס אויסצורעכענען. אָף דעם, ווו דאַניעל מיינט שטעלן דעם פּאָלק, האָט דער פּאָלקאָווניק געענטפערט, אַז אַפן אָרט איז אים, דעם געהילף פון קאָמדיוו, בעסער צו זען, וואָס און וויאַזוי טאָן. און דאָ האָט זיך אויסגעקלאָרט, אַז דער שטאַב פון דער ארמיי (ס'איז שווער געווען צו אורטיילן, ווו ער דיסלאָצירט זיך איצט, נאָר אינדערפרי האָט ער זיך געפונען היפּש דאָרעמדיקער פונעם פּונקט, ווו די דײַטשן האָבן זיך דורכגעריסן באַם סאַמע דאָן) האָט שוין ביכלאַל קיין דירעקטע שײַכעס ניט צו דעם, וואָס עס ווערט פאָרגענומען צאָפן-צו פון סטאַלינגראַד, עס איז דאָרט, לויט דער פאָראָרדענונג פון פראָנט, — דער פּאָלקאָווניק האָט אונטערגעשטראָכן: „ערשט-אָ", געשאַפן געוואָרן א באַזונדערער שלאַכט-באַצירק אונטער דער קאָמאַנדע פון א גענעראַל-מאַיאָר, א טאַנקיסט, יענער הייבט אוף צום קאַמף אַלעמען, וועמען מע קען נאָר — מיליטערישע קורסן, אַרבעטער-דרוזשינעס, — מע דאַרף אים זוכן אַפן טראַקטאָר-זאַוואָד.

„א באַזונדערער שלאַכט-באַצירק" — הייסט עס, אַז מע ווייסט שוין, ווי נאָענט דער סוינע איז, „א טאַנקיסט" — דאָס האָט געוועקט א האָפענונג, אַז עס שטייען דאָ ערגעץ געפּאַנצערטע קויכעס, — נאָר: „מיליטערישע קורסן, אַרבעטער-דרוזשינעס" — אָט דאָס האָט קלאָר אָנגעוויזן, ווי עס האַלט...

דאַניעל האָט געהייסן דעם מאָטאָציקליסט, וועלכן ער האָט איבערגעלאָזט בא די מינענוואַרפלער, איבערגעבן די דאָזיקע יעדיִע אָסיפּיאַנען. אינגיכן האָט דער מאָטאָציקליסט אָנגעיאָגט דאַניעלס „זיס" שוין באַם אַרופשטײַגן אַפן לענגלעכן באַרג, וואָס האָט פון צאָפן-מיירעוו פאַרשטעלט אָרלאָווקע, און מיטגעטיילט: די מינענוואַרפלער האָבן די ערשטע אַטאַקע אָפּגעשלאָגן, פיר טאַנקען ברענען, דערבײַ אויך דער איינציקער, וואָס איז אַריבער דעם ריוו, די איבעריקע האָבן זיך צוריקגעצויגן הינטערן בערגל; די פּעכאָטע האָט, ניט אַרויסזעצנדיק זיך פון די לאַסטמאַשינעס, געפּרוווט דורכשפּרינגען דורך דער פײַער-פאַרצוימונג, קעדיי גלײַך נאָך די טאַנקען פאַרסירן דעם ריוו, און געליטן גרויסע פאַרלוסטן — בלויז עטלעכע מאַשינעס האָבן באַוויזן פאַרבאַהאַלטן זיך הינטערן בערגל און די סאָלדאַטן גראָבן זיך דאָרט אַרום אָף די שיפּויִם; די זעניטלער פירן א שווערע שלאַכט.

אויסהערנדיק דעם מאָטאָציקליסט, האָט דאַניעל אופגעשטעלט זיך אַפן טרעפּל פון דער קאַבינע, צוגעטראָגן דעם בינאָקל צו די אויגן און געזען: לינקס, אין פעלד, ניט ווײַט פון האַריזאָנט, מערקן זיך בא א צענדליק הארמאַטן, פאַנאַנדערגעשטעלטע אין א ברייטן ווייער (פּריִער, ווען די מאַשין איז מיט אָט דעם וועג אַראָפּגעפאָרן, זײַנען זיי, געוויינלעך, געווען פאַרמאַסקירט); ווײַסע רויכן האַלטן דאָרט אין איין אופקומען און עס בלישטשען אין זיי פײַערלעך — גאַנץ שוואַכע אינעם העלן טאָג; באַם סאַמע האַריזאָנט, א שטויביק-רויכיקן, פויזען פּאַמעלעך טאַנקען, ווי זשוקעס אָף א זשערדיע... ער האָט א קערעווע געטאָן דעם בינאָקל רעכטס: צעפליקטע רויכן זײַנען געהאַנגען און געשוומען איבערן פעלד, פון יענער זײַט באַלקע, ווו אָסיפּיאַנס באַטאַליאָן האָט זיך געשיצט, — די דײַטשן האָבן באַנײַט די אַטאַקע. צו שנעל באַנײַט זי. זיי אײַלן. און עפּשער זײַנען צוגעקומען פרישע קויכעס?

ס'וואָלט, ווײַזט אויס, קעדײַ געווען ניט אומקערן דעם מאָטאָציקליסט צו אָסיפּיאַנען, יעדנפאַלס, טאָן דאָס ניט טייקעף, און הייסן אים אָפּפירן עמעצן פון די אָפּיצערן אַפן טראַקטאָר-זאַוואָד. נאָר צוויי זאַכן האָבן אָפּגעשטעלט דאַניעלן: פאַר אָסיפּיאַנען האָט געהאַט א ווערט, וואָס עמעצער איז דאָ הינטער אים און מע האַלט מיט א פאַרבינדונג, און מעלדן וועגן זיך דעם

גענעראל, דעם טאנקיסט, איז נאָך פרײַ געווען, ביז ס'איז ניטאָ די פולע זיכערקײַט, אז דער פאָלק גייט אהער.

ווען מע האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט, שוין אפן רוקן פונעם לענגלעכן בארג, באם קרייצוועג, האָט דאניִעלס ראציע אופגענומען א ראדיאָגראם, און גראַד פון אָסיפּיאַנס ראדיסטן: ס'איז אײַנגעשטעלט א פארבינדונג מיט קונגוראָווס פאָלק, ער גייט לויט די נײַע אָריִענטירן. אָפּגעשטעלט זיך דאָ און געגעבן א מעגלעכקײַט אײַנשליסן די ראציע, האָט דאניִעל דערפאַר, ווײַל ניט ווײַט פונעם קרייצוועג האָבן זיך געפונען צוגעגרייטע פּאָזיציעס — אָקאָפּעס, טראנשייען, זיי האָבן זיך אוועקגעצויגן איבער די ראנדן אויך פון די שכיינעסדיקע הויכקײַטן, פונדאנען האָט ער אָנגעהויבן די רעקאָגנאָסצירּאָווקע. אף אָט די הויכקײַטן, וואָס האָבן געהערשט איבערן גאנצן ארום: איבער אָרלאָווקע, ווו די סרייפּעס האָבן אלץ געטשאדעט, איבער די צאָפּנדיקע סטאלינגראדער פאָרשטעט בא דער וואָלגע, וואָס הייבן זיך אָן מיטן פאראָם צווישן דעם לאטאשאנקער דאטשע־מאסיוו און דעם ווײַסן, אוואדע א שטיינערנעם, יִישעוו רינאָק, דערנאָך — ספּארטאנאָווקע, מיט סראָוו הילצערנע הײַזער, אײַנגעטונקענע אין סעדער, און די רויטע קאָרפּוסן פונעם טראקטאָר־זאוואָד, אלץ ארום, אף א זעקס־אכט קילאָמעטער זעט מען, ווי אף דער דלאָניע, אָט אף די דאָזיקע פּאָזיציעס האָט דאניִעל געקלערט אוועקשטעלן א באטאליאָן, און די איבעריקע צוויי האָט ער נאָך געדארפט באשטימען, ווו צו שטעלן — מיסטאמע לענגויס די ברייטע באלקעס, וואָס האָבן זיך געהאַט יעדע איר געשלענגלטן גאנג, פארבײַ בערגלעך, לענגלעכע פלאטאָ, נאָר אלע האָבן זיי זיך געצויגן צו דער וואָלגע און געשאפן איין טאָל — סוכאיא מעטשעטקא (די טרוקענע מעטשעטקע). דאָרט, בא די באלקעס, זײַנען אויך געווען פארפעסטיקטע פּאָזיציעס, און מע האָט זיי אויך געדארפט באקוקן.

ביז מע איז געשטאנען באם קרייצוועג, איז די ראדיסטן געלונגען פארבינדן זיך מיטן שטאב פון דער דיוויזיע. דאניִעל האָט געגנוי מיטגעטיילט לעמעכאָוון, וואָס פאר א לאגע עס שאפט זיך דאָ. און כאָטשביידן, סײַ דאניִעלן, סײַ לעמעכאָוון, איז קלאָר געוואָרן, אז די דיוויזיע וועט מיסטאמע צו א סאך שווערע געשעענישן, וואָס שטייען דאָ פאָר, פארשפּעטיקן, איז דאָך פאר דאניִעלן געווען א פארלײַכטערונג דאָס, וואָס דער קאָמדיוו, דער שטאב ווייסט שוין וועגן אלץ.

יאָ, אָט די מינוטן, ווען דאניִעל האָט זיך דערוווּסט, אז קונגוראָוו האָט פארקערעוועט אהער דעם פאָלק, און ווען עס איז געלונגען צו וויסן געבן דער דיוויזיע וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך דאָ, זײַנען פאר דאניִעלן געווען א פארלײַכטערונג, ווײַל באלד האָט זיך אָנגעהויבן אזוינס... כאָטש, ניט גאָר באלד, עס איז אים אפילע געלונגען אראָפּווארפן נאָך איין אָל פונעם קאָפּ: אָפּשיקן רײַטנדיק אף א פערד א פארבינדונגס־דעלעגאט אפן טראקטאָר־זאוואָד — דעם מאיאָר פון אָפּעראטיוון אָפּטייל פון דער דיוויזיע — גאָסטיעוון.

באם קרייצוועג איז געבליבן א „מאיאק"[1] — איינער פון די אויסשפּירער, ער זאָל באגעגענען קונגוראָווס קאָלאָנעס. דאָ וועט אויך פארבײַפאָרן אפצוריקוועגס ווישעסלאווסקיס מאשין, וועט מען זי דארפן וואָרענען, זי זאָל ניט פאָרן אף מײַרעוו. און ס'האָט שוין ביכלאל ניט געשאדט בלאָקירן אָט דעם וועג אף מײַרעוו. דעם אויסשפּירער איז איבערגעלאָזט געוואָרן א ראקעטניצע, א פול טאָרבעלע מיט ראקעטעס — מע האָט פעסט אָפּגערעדט וועגן די סיגנאלן, וואָס ער דארף געבן.

דאניִעלן האָט געכידעשט: כוץ א בידארקע און א פאָר לאסטמאשינעס, וואָס האָבן מיט א מעשוגענער שנעלקײַט איבערגעיאָגט זײַן „זיס" אפן פארהעלטניסמעסיק ניט קליינעם מעהאלעך צווישן דער באלקע, ווו אָסיפּיאַנס שטאב איז געווען, און די הויכקײַטן פאר אָרלאָווקע, האָט מער גאָרנישט ניט באוויזן זיך פון מײַרעוו. געוויינלעך, פאראיאָרן, בייסן צוריקמארש, זײַנען די וועגן אלעמאָל געווען פארפּראָפּט, און איצט — פוסטע וועגן. אָבער געכידעשט האָט דאָס דאניִעלן עפּשער בלויז די ערשטע רעגע, וואָס ער האָט א טראכט געטאָן וועגן דעם, — און געווען איז עס אויך דעמלט מער ביטערע קאָנסטאטאציע, ווי כידעש: דער אומגליק איז געשען צו שנעל. עס זײַנען ניט אײַנגעפּאקעוועט געוואָרן ביזן סאָף די קלומעקעס, וואָס פּלייטים האָבן געמיינט אוועקלאָזן זיך מיט זיי אין וועג ארײַן; מע האָט ניט באוויזן ארויספירן די פארוווּדעטע, וואָס האָבן זיך אָנגעזאמלט אף די פונקטן פון ערשטער הילף, אין די סאנבאטן, און יענע, וועמען מע האָט געפּרוּווט עוואקויִרן, זײַנען אויך ניט ווײַט אוועקגעפאָרן; עס זײַנען געבליבן שטעקן הינטער סקירדעס אין סטעפּ, אין ברענענדיקע כוטאָרס, אף די צעבאָמבירטע וועגן שטאב־פורלעך מיט דערהארגעטע פערד אין די צעבראָכענע האָלאָבליעס, שטאב־מאשינעס מיט דורכגעשאָסענע רעדער, נאָך ניט קיין אויסגעקילטע פעלד־קיכן; עס שלאָגן זיך

---

[1] בוכשטעבלעך — א לײַכטטורעם (רוס.) — א וואך, וואָס ווײַזט אָן דעם וועג.

נאָך ערגעץ אין באַלקעס, אַף בערגלעך ראַטעס, ווזוואָדן, באַזונדערע האַרמאַטן צי גאַנצע דיוויזיאָנען — נאָר דאָס אַלץ איז שוין פון יענער זײַט פײַערדיקן וואַל, וואָס קויקלט זיך אַהער...

און נאָך האָט געכידעשט: די העפּקערדיקע רו, וואָס הערשט אַרום, אין סטעפּ, וווהין דער וואַל האָט זיך נאָך ניט דערקײַקלט. יאָ, עס ברומט פונוויַטנס — נאָר ווער איז איצט צו אַזאַ פאַרהוילענעם ברומען ניט געוווינט? אַן אַלטיטשקע האָט באַם ראַנד פון אַ באַלקע געגראָבן זיך אין שלאַק, וואָס מיסטאַמע האָט מען אים אַרויסגעפּירט אַהער פון עפּעס אַן אונטערנעמונג, — זי האָט אויסגעזוכט די ניט דערברענטע שטיקלעך שטיינקויל און געהאַט שוין קימאַט אַ פול קוישל. צווייען, זעט אויס, אַ טאַטע און אַ זון, האָבן ווײַטער אַ ביסל, לעבן אַ באַשטאַן, אַרומגעסמאַליעט מיט טרוקענעם קורײַ אַ כאַזער. זיי האָבן דערציילט, אַז מע האָט דאָ ניט לאַנג פאַרבײַגעטריבן צום פראָם אַ קאָלווירטישע סטאַדע, וואָס גייט פון יענער זײַט דאָן, — בעהיימעס, כאַזיירים. אַ דײַטשישער אַעראָפּלאַן האָט זיך אָפּגעטיילט פון עטלעכע אַנדערע און אַ שניט געטאָן פון זײַן קוילנוואַרפער. צוויי דערהאַרגעטע כאַזיירים האָבן די טרײַבער אַרופגעוואַלגערט אַף אַ וואָגן, און מיט אָט דעם קנור, אַ פאַרווונדעטן, ניט געוואָלט זיך אייסעקן, איבערגעלאָזט אים דאָ.

— ווען איר קומט אין אַ האַלבער שאָ אַרום, טרעפט איר אָן אַף „סוויעזשינאַ"[1], — האָט, דרייענדיק אַ נײַעם וויכעט פון קורײַ, געזאָגט צו דאַניִעלן און צו די, וואָס זײַנען געווען אין קוזאָוו, דער עלטערער, מיט אַ פאַרשוויצט פּאָנעם, אַן אַרומגעזוימטס מיט אַ בערדל.

און דאָס באָכערל, פון אַ יאָר פופצן, האָט צוגעגעבן:

— מיט קאַווען פאַרבײַסן אַזוינס, אָ־האָ!

דאַניִעל האָט אַלץ געוואָרפן בליקן אַפן טראַקטאָר־זאַוואָד, וואָס האָט זיך שוין בוילעט אָנגעזעען אַפן הויכן ליימיקן ברעג, צי גייט ניט פון דאָרט קיין מיליטער. קיינעם האָט מען ניט געזען. נאָר וויפל איז דען אַוועק, זינט דער פּאָלקאָווניק פון אַרמיי־שטאַב האָט געזאָגט: „ערשט־אָ"?.. אין די שוצגרובן, אין די טראַנשייען, ווי־עס־איז פאַרמאַסקירטע פון אויבן מיט פאַרוועלקטע צווײַגן, מיט טרוקענעם ווילדגראָז, אין די ערדשטיבלעך — אומעטום, ווו די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז געווען פוסט. עפּעס אַ כאָפּטע האָט מען באַמערקט אָנקומען, נאָר פון דער אַנדערער זײַט — פון סטעפּ. ווײַסע און רויטע קאָסינקעס, בונטע קאָפּטלעך, קעפּקעס, פאַנאַנדערגעשפּיליעטע פּידזשאַקעס — אַ הונדערט ציווילע, אייניקע מיט לאָפּעטעס און קירקעס. אין עטלעכע ווײַלעס אַרום האָט מען שוין גוט געזען: אַלע אײַלן, מע לויפט. צומיינסטנס — פרויען פון פאַרשיידענעם עלטער, און די מאַנצבלען — גרינע יוגנט. מע האָט אַרומגערינגלט דאַניִעלס מאַשין, און גלײַך די ערשטע האָבן אויסגעשריגן פאַרסאָפּעטע, צעפּאַליעטע:

— דײַטשישע טאַנקען! צווישן אַקאַטאָווקע און דעם דובאָווקער וועג! זעניטקעס שיסן אַף זיי!

מע האָט געגראָבן אָקאָפּעס אין פעלד, איז מען זיך צעלאָפן.

ווו אַקאַטאָווקע איז, האָט דאַניִעל געוווּסט, ניט אַרײַנקוקנדיק אין דער מאַפּע: באַ דער וואָלגע. עס שאַפט זיך ניט קיין ריכטיקער דרײַעק: יערזאָווקע — אַפן דובאָווקער וועג, אַקאַטאָווקע — אַף דער וואָלגע, אָרלאָווקע — ווידער אַפן וועג, נאָר אַן ערעך צוויי מאָל ווײַטער. איז אָט ווו און אָט פאַרוואָס עס האָט געדונערט אַף צאָפן, ווען מע האָט זיך נאָך אָפּגעשטעלט באַם אָרלאָווקער קרייצוועג, און אויך נאָרוואָס, ווען מע האָט זיך דאָס צווייטע מאָל אָפּגעשטעלט, לעבן די, וואָס האָבן געסמאַליעט דעם כאַזער. עס האָט זיך געקלערט: די דײַטשן באָמבירן שיפן אַף דער וואָלגע, און די זעניטקעס ענטפערן. אײַ מע האָט קיין אופרײַסן ניט געזען אין הימל — איז עס ווײַט, די זון פאַרבלענדט... און קונגוראָווס פּאָלק — די טאַנקען האָבן אים געמיטן, צי מע האָט זיך צונויפגעשטויסן? דער פּאָלק האָט אָפּגעקערעוועט אין פעלד אַרײַן, ניט צוקומענדיק צו יערזאָווקע, און די טאַנקען האָבן געקענט פאַרבײַגיין דאָס דאָרף פון דער אַנדערער זײַט. דערלויפן אַהער האָט באַ די, וואָס האָבן געגראָבן אָקאָפּעס, געמוזט געדויערן מער, איידער די האַלבע שאָ, זינט דער פּאָלק האָט זיך אָפּגערופן צו אָסיפּיאַנס ראַדיסטן. איצט שווײַגן סײַ אָסיפּיאַנס, סײַ קונגוראָווס ראַציעס. פאַרוואָס? און דער מאָטאָציקליסט קומט ניט מיט קיין יעדיִע, ווי די שלאַכט גייט דאָרט. ער וואָלט אַוועק אַפן טראַקטאָר־זאַוואָד, ווײַל שיקן נאָך עמעצן, דערבײַ צופוס, האָט קיין זין ניט, — די ציווילע וועלן אַלציינס דערלויפן אַהין. און צופאָרן אַפן „זיס" — דאַרפן דאָך קונגוראָווס באַטאַליאָנען אָט־אָט נעמען צוקומען...

---

[1] געבראָטן פלייש פון אָקאָרשט אַ געקוילעטן כאַזער (רוס.).

אַט די געדאַנקען האָבן האַסטיק, אַניאָגנדיק איינס דאָס אַנדערע, דורכגעטראָגן זיך בא דאניִעלן אין קאָפּ, און דאָס האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט, אָבער אויסערלעך א באַהערשטער, איז ער אויך אינערלעך געווען באַהערשט פון א ביטערער, אַלץ אַנטהווילנדיקער ניכטערקײַט. אַזוי איז ער אַפן טרעפּל פון דער קאַבינע געשטאַנען פאַר דעם רוישיקן האַמוין א מינוט, צוויי, אַרויסגעכאַפּט נאָך און נאָך וויכטיקס פון דעם, וואָס מע האָט געשריגן. איינער האָט געזען א לאַסטמאַשין, דײַטשן זײַנען געשפּרונגען פון איר. „איז, הייסט עס, דאָ מאָטאָפּעכאָטע אויך״, — האָט דאניִעל אָפּגעמערקט. א צווייטע האָט געזען אַן אָנגעמאָלטן ווײַסן קרייץ אַף א טאַנק. „אַהאַ, דאָ מאַסקירט מען זיך שוין ניט מיט קיין רויטע פענדלעך״. נאָך איין קאָל: עפּשער א פּאָלק זעניטלער שטייט בא אַקאַטאָווקע! „א פּאָלק? אויב ס׳איז נאָר עמעס, אויב דער גאַנצער פּאָלק — איז עס א קויעך...״ ענדלעך האָט דאניִעל אויפגעהויבן די האַנט, צוגעוואַרט, ביז אַלע זײַנען אַנשוויגן געוואָרן, און האָט — ניט אויסגעשריגן — הויך געזאָגט:

— לויפט צום טראַקטאָר־זאַוואָד! שנעל, ווי איר קענט נאָר! דאָרט איז אונדזער מיליטער — וואַרנט, ווו די דײַטשן זײַנען!

קעדיי מע זאָל טאַקע באַלד אַוועק, האָט דאניִעל געהייסן דעם שאָפער פאָרן ווײַטער, לענגויס דער טרוקענער מעטשעטקע, צו א פלאַך בערגל, ווו עס האָבן אַף די שיפּוּים זיך געזען טראַנשייען און ערדשטיבלעך. אַף יענעם בערגל — בא דאניִעלן אַף דער מאַפּע איז עס אויך באַצייכנט געווען אַלס א פאַרפעסטיקטער פונקט, — האָט ער, ווען ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז מע וועט זיך מוזן שטעלן אין שוץ א סאַך נעענטער צו דער וואָלגע, איידער ס׳איז פאָרויסגעזען געווען, געמיינט אײַנאָרדענען דעם קאָמאַנדע־פונקט פון דער דיוויזיע. איצט האָט וועגן דעם קיין רייד ניט געקאָנט זײַן, — ווו איז די דיוויזיע! — איצט האָט מען געדאַרפט א קוק טאָן, צי קאָן מען כאָטש א טייל פון די פּאָזיציעס אַרום דעם בערגל און לעבן דער באַלקע, וואָס זײַנען צוגעגרייט אַף צו שיצן זיך פון מײַרעוו, אויסנוצן, קעדיי פאַנאַנדערוויקלען איינעם פון קונגוראָווס באַטאַליאָנען מיטן פראָנט אַף צאָפן. מע וועט אויך דאַרפן, האָט דאניִעל געטראַכט, זאָל זײַן אַף געציילטע מינוטן, נאָר אַראָפּכאַפּן זיך אַף דער מאַשין צום פּאַראָם, באַקוקן די לאַטאָשאַנקער סעדער, וואָס פאַרשטעלן אים פון צאָפן — אויב די שלאַכט גייט אַרום אַקאַ־טאָווקע, און באַם פּאַראָם איז קיין שטאַרקע שוץ ניטאָ, דאַרף אין די סעדער צי אין יִשעוו אַריבערגעוואָרפן ווערן כאָטשבי קונגוראָווס א ראָטע... מיט די דאָזיקע זאָרגן — ווו איז זי, די ראָטע, ווען קאָן זי זײַן דאָ, און ווען — אין רינאָק, און ווען וועט נעמען צוקומען קונגוראָווס פּאָלק, — מיט די דאָזיקע שווערע געדאַנקען איז דאניִעל, ווי נאָר די מאַשין האָט זיך אָפּגע־שטעלט, אַרויס פון דער קאַבינע און שטאַרק פאַרקנייטשט זיך — ער האָט פאַרגעסן אינעם קראַנקן פוס, אַראָפּגעלאָזט אים דעם ערשטן אַף דער ערד.

דאָ, באַם בערגל, איז פאָרלאָפן אַן עפּיזאָד, וואָס האָט שוין דעמלט געמאַכט אַן אײַנדרוק אַף דאניִעלן, נאָר ער וואָלט זיך אַלציינס מיסטאַמע מיט גאָרנישט ניט אויסגעטיילט, פּאָשעט אײַנגעפלאָכטן זיך צי אַפילע פאַרלוירן געגאַנגען אינעם שטראָם געשעענישן, וואָס זײַנען אַלץ שטורמישער אָנגעוואַקסן יענעם טאָג, ווען ער זאָל שפּעטער ניט געווען ווידער דערמאָנען וועגן זיך.

געשען איז דער עפּיזאָד מיט א קאַזאַטשקע — אוליע, אוליאַנע, — פון א יאָר פינף־זיבן און דרײַסיק. אַז דאָס זיצט טאַקע א קאַזאַטשקע לעבן איינעם פון די ערדשטיבלעך, האָט דאניִעל פאַרשטאַנען לויט דעם, וואָס כוץ דער אויסגעצוויטעטער קאָסינקע, וועלכע די פרוי האָט געטראָגן אַפן קאָפּ, נידעריק אַראָפּגערוקט ביז די ברעמען, האָט א צווייטע קאָסינקע, א ווײַסע, פאַרשטעלט דאָס פּאָנעם אירס פון אונטן, ביז די אויגן, — אַזוי שיצן זיך פון דער זון, פון געוויטער און טאַקע אויך פון צו א נײַגעריקן בליק די קאַזאַטשקעס אַפן דאָן, — דאניִעל איז פאַראיאָרן האַרבסט, בייס ס׳האָט זיך געגרייט דער אָנגריף אונדזערער הינטער ראָסטאָוו, געשטאַנען מיטן פּאָלק אין עטלעכע דאָנער סטאַניצעס און באַמערקט די דאָזיקע אומשולדיקע קאָקעטערײַ. ניט ווײַט פון דער קאַזאַטשקע האָט א קו, טרײַבנדיק מיטן ווײדל די פליגן פונעם רוקן, געצופּט גראָז, און דאניִעל האָט, א צערייצטער פונעם פלוצעמדיקן ווייטעק אין פוס, און פון אַלץ, וואָס האָט זיך אָנגעוואַלגערט אַף אים, א קלער געטאָן: „אָט, ווידער ווי א נעכטיקע — זיצט זיך און פּאַשעט!״. דער געדאַנק, אַז די פרוי מוז זײַן ניט קיין היגע, אַן אָנגעקומענע פונעם דאָן, איז דערגאַנגען צו דאניִעלן מיט א רעגע שפּעטער, דערפאַר האָט אים א ביסעלע מער און אַנדערש גערירט איר זיצן דאָ.

ער איז ניט אַוועק מיט אַלעמען באַקוקן די פּאָזיציעס. די ראַדיסטן האָבן ווידער גערופן די דיוויזיע — דאָ האָט ער אַליין געדאַרפט זאָגן, וואָס עס טוט זיך בא אַקאַטאָווקע, און אייצע־נען צוזײַלן זיך אַהין, כאָטשבי אַהין, מיט ביידע פּאָלקן, וואָס האָבן, ווי ער האָט פונעם פריִער־דיקן שמועס געוווסט, שוין אַרויסגעזעצט זיך נעענטער פון דובאָווקע, באַם דאָרף פּיטשוגע —

א קילאָמעטער פופצן פון אקאטאָווקע. צו דער קאזאטשקע האָט דאניִעל געשיקט אן אווטאָמאטלער, וואָס איז געבליבן בא דער מאשין, — זאָל די פרוי טייקעף אוועק פונדאנען מיט דער קו!

אין א פּאָר מינוט ארום, ווען דאניִעל האָט ווידער א קוק געטאָן צו די ערדשטיבלעך, איז די קאזאטשקע נאָך אלץ געזעסן אפן פריִערדיקן אָרט און אָנגעדרייט אף דער דלאָניע די קאָסינקע, וואָס האָט געהאט פארשטעלט איר פּאָנעם, זי האָט זיך אויסגעטייַנעט צי סטאם געשמועסט מיטן אווטאָמאטלער, און די קו האָט זיך געפּאשעט... דאניִעל האָט ארויסגעקוקט אף א גרינער ראקעטע, וואָס האָט געדארפט זיך אָנצינדן שוין איבערן גאנץ ווייַטן לענגלעכן בארג, רעכטס פון אָרלאָווקע, באם קרייצוועג — אזוי האָט דער „מאיאק” געזאָלט סיגנאליזירן, ווען קונגוראָווס פּאָלק וועט נעמען צוקומען. קיין ראקעטע האָט אלץ ניט אופגעלויכטן אפן באטאָגיקן, צעסארפּעטן הימל, און דאניִעל האָט, מיט נאָך א שווערערן געמיט, א צעקאָעסטער, אליין זיך געלאָזט גיין צו די ערדשטיבלעך. צוקומענדיק, האָט ער דערהערט — די קאזאטשקע האָט דאָס מיט א זינגעוודיקער, ברוסטיקער שטים געזאָגט אי צום סאָלדאט, וועלכער האָט ניט געזען, אז דער קאָמאנדיר קומט צו פון הינטן, אי צו אים, צו דאניִעלן, קוקנדיק מיט גרויסע, גרויע, פארטרוילעכע און רייצנדיקע אויגן, און שמייכלענדיק קוים־קוים — טרויעריק און העפקערדיק־פארשייַט:

— אָט זייַנט איר — ווי פל? א צען מוזשיקעס אף דער מאשין, און ווען איך מעלק זי אויס, מייַן ביסטרע, איין מאָל, פּאָיע איך אייַך אלעמען אָן מיט מילך, און עס וואָלט נאָך געבליבן. און דו זאָגסט — לאָז זי איבער און לויף...

— נו, איז מעלק כאָטש אָן א ביסל, אין מייַן קאסקע! — האָט געשפּאסט דער סאָלדאט, אלץ ניט זעענדיק דאניִעלן.

און די קאזאטשקע, שוין בלויז פארומערט, און שוין ניט צום סאָלדאט — צו דאניִעלן, דרייענדיק מיט איין האנט, ווי פריִער, די קאָסינקע, און צופּנדיק מיט דער צווייטער האנט דעם שווארצן צאָפּ, וואָס איז, א פארפעסטיקטער באם שפּיץ מיט א פּאָשעט שטריקל, אראָפּגעהאנגען אף איר ניט הויכער, נאָר שטייַפער און לייַכט צאפּלענדיקער ברוסט:

— מיינסט טאקע, מע האָט מיך דאָ איבערגעלאָזט איינע אליין? אזוי ווארפט מען זיך עס מיט מענטשן? די סטאדע איז ניט ווייַט אוועקגעגאנגען, און מאקסים גענאדיעוויטש, דער פּאָרזיצער אונדזערער, האָט אָפּגעשמועסט מיט די אייַזנבאנער, די פּאראָמשטשיקעס, אז מע וועט אונדז ערשט פארנאכט געבן עטלעכע וואגאָנעס פארן פי, קעדיי אריבער אף יענער זייַט, — ווארט מען אין א באלקע. און די ביסטריאנקע מייַנע, בייס דער אעראָפּלאן האָט גענומען פּיקירן, — דאָס ערשטע מאָל דען זעט זי אזוינס, דער שעד ווייסט זי! — האָט זיך א וואָרף געטאָן אין א זייַט, געטראָפן מיטן פוס אין אן אָקאָפּ, און אָט — זי שפּרינגט אף דרייַ... איצט איז שוין, דאכט זיך, עטוואָס בעסער, זי האָט זיך א ביסל אָטכייַעט...

— אָטכייַעט? — האָט דאניִעל געפרעגט, בלייַבנדיק שטיין באם צעטומלטן סאָלדאט הינטער די פּלייצעס, און ווענדנדיק זיך צו דער קאזאטשקע א סאך ווייכער, איידער ער האָט געמיינט זיך ווענדן, — נו, איז טרייַב זי, טרייַב, נעם זי אף א שטריקל און שלעפּ, דאָ איז געפערלעך צו בלייַבן!

— געפערלעך! — די קאזאטשקע האָט שפּילעוודיק און פּאראקשנט א באוועג געטאָן מיט אן אקסל — א רונדן, א פעסטן, און ביכלאל, כאָטש זי איז געזעסן אייַנגעבויגן, אָנגעשפּארט אן עלנבויגן אין דער קני, האָט זיך געמערקט, אז איר גוף איז שלאנק און דאָרפיש־קרעפטיק, — אויב איר זייַט נאָך דאָ, איז ניט געפערלעך, און עס הוכקעט נאָך גאנץ ווייַט... — און פּלוצעם, מיט יענער העפקערדיקער פארטרוילעכקייַט און פריילעכקייַט, וועלכע דאניִעל האָט, נאָך צוקומענדיק, באמערקט אין איר, געהערט אין איר קלינגעוודיק־ברוסטיק קאָל, — איי, נאטשאלניק, א פּאָדפּאָלקאָווניק, דאכט זיך, נעם מיך בעסער צו זיך אין דער טייל — פאר א קעכנע, א וועשערן, צי פאר ווע־מען איר דארפט דאָרט, בלויז מיט קיין פארוווּנדעטע וואָלט איך ניט וועלן האָבן צו טאָן — בלוט פארלייַד איך ניט, — נעם מיך, א מאטראָסיש ווייַב — עפּשער עסן שוין מייַן ניקישען פיש אין שווארצן יאם, בא קערטש, ער האָט מיר געשריבן פון דאָרט, — נעם מיך צו זיך, איין וואָרט דייַנס — טרייַב איך אוועק מייַן ביסטרע און קום צוריק... הא?

און דאָס איז אלץ — זי האָט אוועקגעטריבן איר ביסטרע, וואָס האָט טאקע שטארק געהונקען, געשלעפּט די בורע קו פאר די הערנער און, דאכט זיך, געוויינט — מע האָט געזען, אז זי ווישט פון מאָל צו מאָל מיט דער ווייַסער קאָסינקע די אויגן, — אָט אזוי, ווי די פרייַלעכקייַט איז שטורמיש אופגעקומען אין איר, האָט זי זיך אויסגעלאָשן, ניט געפינענדיק קיין שטיצע.

6

ווען דאַניִעל האָט זיך אומגעקערט צו דער מאַשין און ווידער גענומען אײַנקוקן זיך אין די בערגלעך אַרום אָרלאָווקע, האָט ער מיטאַמאָל, אַפֿן וועג, וואָס האָט פֿונעם דובאָווקער טראַקט געפֿירט אַהער און צום פֿאַראַם, דערזען אָנקומען צוויי פּראַקטמאַשינעס. אין בינאָקל האָט ער דערזען מער: צו יעדער מאַשין איז צוגעטשעפּעט נאָך איין קוזאָוו, און געלאָדן זײַנען בײדע מאַשינעס מיט ווײַסע זעק, מיסטאָמע מעל. ס׳איז אַריבער אַ מינוט דרײַ, און די מאַשינעס האָבן זיך שוין אינגאַנצן דערנעענטערט, אָפּגעקערעוועט אין פֿעלד, צו די ערדשטיבלעך. עמעצער אין כאַקי איז געשטאַנען אַפֿן טרעפּל פֿון דער פֿאָדערשטער מאַשין, דאָס טירל פֿון דער קאַבינע איז אָפֿן געווען, און ער האָט, אָנהאַלטנדיק זיך מיט איין האַנט פֿון אינוווייניק אינעם דעכל, געפֿאָכט מיטן היטל. דאַניִעל האָט שוין געוווּסט, ווער דאָס איז, — זײַן האַרץ האָט אַ פֿלאַטער געטאָן פֿאַר פֿרייד, — פּאַטיוטשענקאָ, דער פּאָמפּאָכאָז[1] פֿון קונגוראָווס פּאָלק. עמעס, פֿונדערווײַטנס, בלויז לויט דער קרעפּטיק־פּולבלעכער פֿיגור, איז פּאַטיוטשענקאָן לײַכטער געווען צו דערקענען, ווי פֿון דער נאָענט: ער האָט אָפּגעגאָלט זײַן פֿויעריש, קאַשטאַנען בערדל און געטראָגן בלויז עכט־בודיאָנישע ברוינע וואָנצעס. פֿון דער צווייטער מאַשין, בײס פּאַטיוטשענקאָ איז שוין קימאַט צוגעקומען צו דאַניִעלן, אײַליק און ניט גאָר אַקוראַט אָנטוענדיק, צום באַגריסן זיך, דעם קאַסקעט, אָן אופֿגעגנייטן פּריוואַט, ווײַל דער קאָזיראָק איז אויך באַצויגן געווען מיט גרינעם צײַג, איז שווערלעך אַראָפּגעשפּרונגען זעמליאַניצין — ווי שטענדיק מיט אַ געזונט־אַרויסשפּאַרנדיקער ברוסט, האַלטנדיק די שפּיציקע, ברייטע אַקסל עטוואָס אונטערגעהויבן.

פּאַטיוטשענקאָ האָט מיטגעטיילט: ער זוכט דעם פּאָלק. אין דובאָווקע האָט מען געזאָגט, אַז דער פּאָלק גייט צו סטאַלינגראַד. איז מען דערפֿאָרן ביז אָרלאָווקע — קײנעם ניט באַגעגנט, און דער אויסשפּירער, וואָס שטייט דאָרט, האָט געהייסן פֿאַרקערעווען אַהער — דעם פּאָלק זעט מען אַלץ ניט.

שטילער, אַרומקוקנדיק זיך מיט די עטוואָס באָלעכוואַטע קאַרע אויגן, האָט פּאַטיוטשענקאָ צוגעגעבן:

— די מאַשינעס האָט עמעצער באַשאָסן מיט סנאַריאַדן, ווען מע איז אַרויסגעקומען אַן ערעך אַנטקעגן אַקאַטאָווקע. אַזוי ווי פֿון טאַנקען. און מאָדנע — געשאָסן האָט מען פֿון יענער זײַט, ווו די וואָלגע איז...

— פֿון טאַנקען, קיין צווייפֿל ניט, — האָט געזאָגט זעמליאַניצין, צוקומענדיק מיט אַ באַגריסונג, נאָר אָן אַ ראַפּאָרט, — קוים דורכגעשפּרונגען! — אין זײַנע אויגן, גרינע, ברייט־צעשטעלטע, איז געווען ניט קיין דערשרעק — ס׳האָט אין זיי געפֿלאַמט יענע פֿאַרביטערטקײַט, איצט גאָר אַ טריבע און אַ קאַלטע, וואָס דאַניִעל האָט זי גוט געקענט.

— אַזוי... און וואָס מאַכט אײַער קינד? — האָט דאַניִעל געפֿרעגט, ווענדנדיק זיך צו זעמליאַניצינען — געגעבן מיט דעם צו פֿאַרשטיין, אַז וועגן אַקאַטאָווקע ווייסט ער.

— דאָס קינד? — זעמליאַניצין, אַ כמורנער, האָט זיך ניט פֿאַרכידעשט, פֿונוואַנען ווייסט דאָס דאַניִעל. — אין שפּיטאָל... — און האַרבלעך, ווי ער זאָל מער ניט וועלן רעדן וועגן דעם, — דאָס איז שוין די דאָקטוירימס אַן איניען.

— אַהאַ, — דאַניִעל האָט ווי געקלערט עפּעס; מיט עטוואָס צוגעזשמורעטע ליכטיק־קאַרע אויגן, אין וועלכע ס׳האָבן זיך צעגליט פֿונקען, ניט צו וויסן — פֿאַרזאָרגטע צי פֿריידיק־אופֿגעלעבטע, האָט ער אַ ווײַלע, צוויי געקוקט איבער פּאַטיוטשענקאָס און זעמליאַניצינס אַקסל — זיי זײַנען געשטאַנען באַנאַנד, דער עלטערער לייטענאַנט און דער לייטענאַנט, און ניט געזען, אַז ווײַט הינטער זייערע פּלייצעס, איבערן אָרלאָווקער באַרג, איז אופֿגעפֿלויגן אינעם באַטאָגיקן הימל און באַלד, פֿאַלנדיק, אויסגעלאָשן זיך, אַ גרינע ראַקעטע. — ענטפֿער! — האָט דאַניִעל, ניט אָפּווענדנדיק דעם בליק פֿונעם באַרג, געזאָגט צום אויסשפּירער, וואָס איז געשטאַנען אַ ביסעלע אין אַ זײַט און האָט שוין אַרויסגעשלעפּט די ראַקעטניצע פֿון אונטערן פּאַסעק. — אַ ווײַסע! — און ערשט, ווען די ראַקעטניצע האָט הילכיק אויסגעשאָסן, האָט דאַניִעל ווידער געווענדט זיך צום פּאָמפּאָכאָז און צום קאָמראַטע, וועלכע האָבן, וואַרטנדיק, אָנגעשטרענגט געקוקט אַף אים. — איז, הייסט עס, מעל... אַ סאַך?

— צען טאָן! — האָט געענטפֿערט פּאַטיוטשענקאָ.

— צען טאָן... מע דאַרף טייקעף אויסלאָדן די מעל, טימאָפֿיי מיכײַלאָוויטש, אָט דאָ. קיין טרעגער, זע איך, פֿירט איר מיט זיך ניט — וועלן מיר אַליין, אַלע... — דאַניִעל האָט אַ קערעווע געטאָן דעם קאָפּ צום אויסשפּירער: — אַנו, פֿון אווטאָמאַט...

---

[1] דער געהילף פֿונעם קאָמאַנדיר פֿון פּאָלק, וועלכער באַשעפֿטיקט זיך מיט די ווירטשאַפֿטלעכע איניאָנים.

נאָכן קורצן שטעפּ, וואָס האָט מיט א ווידערקאָל אָפּגעהילכט אין פעלד (דאָס איז געווען א סיגנאל, אז אלע, וואָס זײַנען אוועק אף דער רעקאָגנאָסציראָווקע, זאָלן זיך אומקערן), האָט דאניִעל דערקלערט, און דאָס מאָל שוין געווענדט זיך צו זעמליאניצינען:

— איר וועט נעמען ביידע באפרײַטע מאשינעס — און אהין, צו אָרלאָווקע. אין פיר קוזאָווס קאָנט איר ווי־עס־איז אוועקזעצן א ראָטע. גוט וואָלט זײַן — אײַער ראָטע, נאָר אויב זי איז נאָך דאָרט ניטאָ — איז וועלכע־ס׳ניט־איז. איך וועל מיסטאמע קאָנען געבן מײַן מאשין אויך — וועט זײַן גאָר גוט, וועט איר מיטנעמען עטלעכע מינענווארפער, קעגנטאנ־קען־ביקסן און צוטשעפּען א הארמאט. אומקערן זיך דארפט איר אָט אהער, — ער האָט שנעל פאנאנדערגעוויקלט די מאפּע, נאָר פאר דעם, ווי באווײַזן, וווהין די מאשינעס דארפן צושטעלן די ראָטע, געזאָגט צו פּאטיוטשענקאָ, — הייבט אָן אויסלאָדן, טימאָפיי מיכײַלאָוויטש, דערווײַל מיט די שאָפערן און מיט... — ער האָט געוואָלט צוגעבן: „מיט וועמען איר האָט דאָרט”, ווײַל ער האָט געזען, אז אין דער קאבינע פון דער פאָדערשטער מאשין זיצט נאָך עמעצער, כוץ דעם שאָפער, און מיטאמאָל פארהאקט זיך: דאָרט איז געזעסן א פרוי אין מיליטערישע קליידער — טשארנע, — דאָס איז געווען איר שווארצער, קוטשעראווער קאָפּ האָר, קאָס אונטערגעהאקטע בידעריקער פון די אויערן, איר ווײַס, לענגלעך פּאָנעם, אף וועלכן מע האָט דורכן צוגעשטויבטן גלאָז קוים געקאָנט באמערקן די שטריכן, נאָר ער האָט זיי באמערקט און דערמאָלט אין געדאנק — די דינע אויסגעבויגענע ברעמען, די שווארצע, אָנגעשטרענגטע אויגן, די לעכצנדיקע, עטוואָס אָפענע ליפּן... און דאָ גלײַך האָט ער דערזען, — ס׳הייסט, געזען האָט ער עס אויך פריִער, נאָר ערשט איצט מיט אומבאגרײַפטן אומרו א טראכט געטאָן וועגן דעם: בא דער קאבינע פון דער צווייטער לאסטמאשין שטייט זעליק שאָולער — זעמליאניצינס אָרדינארעץ, און קוקט אהער.

„ווי וועט דאָס זײַן?” — איז דורכגעלאָפן בא דאניִעלן אין קאָפּ דער ערשטער געדאנק. וואָס עס באטײַט אָט דער „ווי וועט דאָס זײַן” — האָט ער נאָך ניט באנומען, נאָר דערפילט, אז גאָר אן אנדער שווערקײַט וואלגערט זיך אָן אף אים, אף זײַן הארץ. ער האָט זיך באהערשט און קורץ, זאכלעך דערקלערט זעמליאניצינען, ווו די ראָטע דארף זיך שטעלן, קעדיי באשיצן דעם פּאראָם, געהייסן אים גיין העלפן אויסלאָדן די מאשינעס, — אײַלן זיך, אײַלן, וויפל מע קאָן נאָר, — און דערבײַ געזען, אז שאָולער גייט אהער, צום „זיס”, ער נעמט זיך א ביסעלע אין א זײַט, קעדיי ניט אָנקומען פונקט אנטקעגן דעם קאמראָטע, און זײַן פּאָנעם קרימט א מאָדנע גרימאסע — ס׳איז א ניכנעדיקער שמייכל, און אזעס, און פארצווייפלונג. זעמליאניצין האָט אין גאנג אים א רוף געטאָן, שאָולערן, מיט דער האנט, האָט ער געענטפערט דעם קאָמראָטע מיט א בארוּיִקנדיקן זשעסט — א הייב די דלאָניע, א קנייטש מיטן אקסל: „באלד, באלד”, — און איז מאמעש צוגעלאָפן צו דאניִעלן, צוגעלייגט די האנט צום פארשוויצטן ראנד פון דער פּילאָטקע, וואָס איז צו געראם געזעסן אף זײַן געלן, געשוירענעם קאָפּ, א צוגע־פלעטשטן בא די שלייפן.

— איין ווײַלינקע, — האָט ער געזאָגט שטיל, בײַסנדיק די צעטראסקעטע ליפּן, און זײַן פּאָנעם, מיט די שארפע קנייטשן, וואָס ציִען זיך פון דער נאָז צום מויל, און מיט דער דינער הויט האָט זיך דערבײַ געמינעט — געוואָרן בלאס, ראָז, — איינע צוויי ווערטער... איר זעט — טשארנע איז דאָ. זי האָט אין דובאָווקע זיך געזעצט צו פּאטיוטשענקאָן אף דער מאשין... טוט א גרויסע טויווע — שיקט זי טייקעף אָפּ פונדאנען... דאָ וועט דאָך זײַן — הימל עפן זיך... איך האָב אײַך אין סאראטאָוו געבעטן עפּעס וועגן זיך — מע דארף ניט... ס׳איז שוין, ווי מע פלעגט זאָגן: „מא אני, מא כאיעינו”. און דער לייטענאנט איז גאָר עפּשער ניט אזא אכזער. עך, ס׳ניטאָ ווען צו ריידן... איך בין געווען א שלעכטער מאן — מעגלעך. נאָר א טאטע... גלייבט מיר, א טאטע בין איך... זאָל שוניע, אויב ער וועט זיך ראטעווען, כאָטש האָבן א מאמע... הא, איר זאָגט עס מיר צו? — ער האָט אָנגעכאפּט דאניִעלס האנט, א טרייסל זי געטאָן מיט זײַנע ביידע דלאָניעס — שמאָלע, שווייסיקע, ציטערנדיקע, און איז אוועק. אָפּגעלאָפן אין זײַנע שווערע שטיוול א פינף שפּאן, האָט ער זיך אומגעקוקט, ווידער אויסגעהויכט: „הא?” — און איז, שיר ניט אומפאלנדיק, אויסמײַדנדיק מיט א זײַט די ערשטע מאשין, אוועקגעלאָפן צו דער צווייטער, פון וועלכער עס זײַנען געפלויגן זעק אף דער ערד.

טשארנע האָט זיך געלאָזט גיין צו דאניִעלן אין דער ווײַלע, ווען איינער פון די ראדיסטן האָט אים אף א קאָל א רוף געטאָן פון קוזאָוו:

— דער קאָמדיוו!..

זי האָט געוואַרט, ביז ער האָט, שטייענדיק אף דער ערד, גערעדט דורך ראדיִאָ אינעם טרײַבל, וואָס מע האָט אים דערלאנגט (געשטאנען צו איר מיט דער פּלייצע, בלויז איין מאָל צי צוויי מאָל אף א ווײַלע אויסגעקערעוועט דאָס פּאָנעם, א פארדײַגעטס, א פארשוויצטס, און

צו איר, צו טשארנען, וואָס האָט אויסגעריסן א ראַמאַשקע און געדרייט זי אין האַנט, האָט א שײַכעס געהאַט עפּשער בלויז דער הייב פון זײַנע געבראָכענע ברעמען, ווי ער זאָל זאָגן: „איך זע, איך זע — וואַרט"). דערנאָך, ער האָט נאָר אומגעקערט דאָס טרײַבל דעם ראַדיסט, איז פון פעלד אָנגעקומען א קליינע גרופּע אָפיצערן און סאָלדאַטן. דאַניעל האָט אַלעמען אָפּגע־שיקט צו פּאַטיוטשענקאָן, נאָר איין אָפיצער געהייסן בלײַבן, געשמועסט מיט אים עטלעכע מינוט, פאַנאַנדערגעוויקלט די מאַפּע אַפן פליגל פון דער לאַסטמאַשין און געמאַכט דאָרט צייכנס. האָט טשארנע ווידער געוואַרט. ערשט ווען אויך דער דאָזיקער אָפיצער איז אוועק אַהין, ווו מע האָט אויסגעלאָדן די מעל, איז טשארנע צוגעקומען צו דאַניעלן (ער האָט געמאַכט אַנטקעגן עפּשער איין טראָט, און עפּשער דאָס אויך ניט), און ווי מע זאָל זיך שוין האָבן באַגריסט פונ־וויטנס, בלויז מיט די בליקן, און ווי מע זאָל זיך שוין האָבן פיל געזאָגט אויך, באַרויִגעזדיק־הארבלעך, נאָר אַזוי, אז ס'איז קלאָר געוועזן — דער רויִגעז האָט ניט קיין שײַכעס צו אים, צו דאַניעלן, געפרעגט:

— וואָס האָט ער געוואָלט פון דיר?

דאַניעל האָט פאַרשטאַנען, וועגן וועמען זי פרעגט, און געענטפערט — אויך איבערשפּרינ־גענדיק א סאַך אין געדאַנק:

— ער איז א בעסערער מענטש, איידער איך האָב געמיינט, שטעל זיך פאָר...

מער האָט מען וועגן שאָולערן גאָרנישט ניט גערעדט.

זי האָט געשוויגן א ווײַלע, אוועקגעוואָרפן דאָס בלימל, אָנגעגומען זיך מיט דער האַנט פאַר דער פאַרטופּיי — א זשעסט, וואָס איז פאַר איר נײַ געוועזן, און שטיל, נאָר הארט געזאָגט, קוקנדיק אים גלײַך אין די אויגן:

— איך בין דיר געקומען זאָגן... דאָס בין איך געוועזן אין אָוונט בא יאַסענעוון אין בלינ־דאַזש.

— איך ווייס, — האָט ער געענטפערט רויק, און בלויז א קוים־מערקבאַרער קער פונעם קאָפּ, ווי דער קאָלנער פון דער גימנאַסטיאָרקע, מיטן אונטערגענייטן ווײַסן קעלנערל, א פּײַכטן פון שווייס, זאָל אים ענג זײַן, האָט באַוויזן, אי אז עס פאַרשאַפן אים פּײַן טשארנעס ווער־טער, אי אז די צײַט איז ניט פאַר אַזא שמועס.

— נאָר איך בין דאָרט געוועזן ניט צופעליק, — האָט זי קאַלט און מיט פאַרבאָרגענעם אַרויסרוף פאַרגעזעצט.

— דאָס וואָלט איך מעגן ניט וויסן, — האָט ער אויך געענטפערט קאַלט, אָפּגעשיידט.

— ניין, ווייס.

— און גאָר?.. — ער האָט דאָס געזאָגט און געקוקט פאַרבײַ אירע אויגן, פאַרבײַ איר בלאַס פּאָנעם, געקוקט צו די בערגלעך אַרום אָרלאָווקע — דאָרט האָבן אופגעלויכטן צוויי רויטע ראַקעטעס, און דאָס האָט באַטײַט: „דײַטשישע טאַנקען".

מע וואָלט דאַרפן ענטפערן מיט א געלער ראַקעטע, אז דער סיגנאַל איז אופגענומען — נאָר וואָס וועט דאָס העלפן די, וואָס זײַנען דאָרט, אַפן באַרג?

— אַנטשולדיק, טשארנע, — האָט ער געזאָגט, — איך דאַרף אײַלן, און דו דאַרפסט אויך אײַלן — דאַרפסט טייקעף אוועקפאָרן פונדאַנען, ס'הייסט, פאָרן וועט ניט זײַן מיט וואָס — אוועקגיין, אָט אַהין, צום פאַראָם, סאַכאַקל דרײַ קילאָמעטער.

— רעדנדיק דאָס, האָט ער דערהערט א שווערן זשום און א פּיר געטאָן מיט די אויגן אַרויף, — די אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, געוואָרן ברייטע. האָט טשארנע זיך אויך אומגעקוקט — זי האָט אויך דערהערט דעם אָנוואַקסנדיקן זשום. פון איבערן לענגלעכן באַרג, וואָס האָט, אָן אײַנגעשלאָסענער אין קלענערע בערגלעך, אַרומגעבויגן אָרלאָווקע, זײַנען געפלויגן אַראָ־פּלאַנען מיט שוואַרצע, פאַרשפּיצטע פליגלען — איין דרײַלינג, א צווייטער, א דריטער, א פערטער... טשארנע האָט שטיל, אין זיך, געציילט, און דאַניעל האָט געציילט, ניט צו וויסן — וואָס, עפּשער גאָר די טויבע קלעפּ פונעם אייגענעם הארצן. ווען די אַעראָפּלאַנען האָבן גענומען אַרויסשווימען איבער דער גאַנצער לענג פונעם האָריזאָנט, האָט ער אופגעהערט ציילן.

דאָס איז געוועזן די האַרמאַדע, וואָס די דײַטשן האָבן געוואָרפן אַף סטאַלינגראַד, פאַר דעם, ווי נעמען שטורעמען די שטאָט פון דער ערד. די געשיכטע ווייסט דאָס, ווי דער לופט־אָנפאַל פון דרײַ־און־צוואַנציקסטן אויגוסט. די שטאָט האָט אופגעהערט זײַן האָלץ, גלאָז, שטיין, אײַזן, — זי איז געוואָרן דאָס, וואָס ברענט און ווערט ניט פאַרברענט.

III. קעגן שפּיץ פון דער פײַל

1 בא ליובען איז ניט געווען קיין פּראַגע — צו וועמען זי וועט קומען אין ספּאַר־טאַנאָווקע, ווו זי וועט נעמען ווױנען. קלאָר, אַז אָפּשטעלן זיך דאַרף זי בא דער שטיפמוטער, דאָרט איז אירס א ווינקל אין עס־צימער, לעבן קאַמאָד, ריכטיקער, הינטערן קאָ־מאָד, וואָס פאַרשטעלט מיט א ביסל מיט א זײַט דאָס שמאָלע בעטל, באַם צוקאָפּנס, און ווײַטער פאַרשטעלט עס דער צעצווײַגטער פיקוס אין א פעסל. אויב מע האָט דאָס בעטל אפילע אַרויס־געטראָגן אַף דער וועראַנדע צי אַפן בוידעם, וועט עס שוין ווי־ניט־איז זיך מוזן אומקערן אַפן פריערדיקן אָרט. ניין, אָט די פּראַגע איז בא ליובען ניט געשטאַנען, ווו וווינען, לעבן וועמען האַלטן זיך — לעבן דער שטיפמוטער, גראָד ניט קיין בייזער, און ניט קיין גײַציקער, ווי עס מאַכט זיך, נאָר פּאַשעט א פרעמדן מענטשן, פרעמד פון אַלע יאָרן, זינט זי האָט זיך באוויזן אין שטוב, א בלאַנדע, א געפּאַרבטע, א געכאַליעטע. און כאָטש קיין קינד האָט זי דעם טאַטן ניט געהאַט — און אייגן קינד, האַלט מען, שאַפּט אָפּט די מעכיצע צווישן דער שטיפמוטער און די שטיפקינדער — איז זי אַלצײַנס איר, ליובען, געבליבן פרעמד, און מיסטאָמע דעם טאַטן — אויך פרעמד, אין עפּעס גאָר וויכטיקן, גרונטיקן, וואָס ליובע האָט דאָס ביז דער מילכאָמע פאַר־שטאַנען מער מיטן האַרצן, ווי מיטן געדאַנק. טאַקע איבער א געוויסער ניט גאַנצקײַט, ניט בעשאָלעמדיקײַט אינעם לעבן, האָט דער טאַטע גענומען טרינקען, פאַרפינצטערט די יאָרן גיכער איר, ליובען, איידער דער שטיפמוטער, דער קאַסירן פון צירק, וועלכער ער, דער פרייִקער קאָנסטרוקטאָר, אַמאָל אַזאַ טיכטיקער און גוטער מענטש, איז וואָס ווײַטער אַלץ ווייניקער אָנ־געגאַנגען. איצט איז דער טאַטע אין אַרמיי, ערגעץ היילט ער זיך, צי ער האָט זיך שוין אויס־געהיילט פון א שווערער ווונד, נאָר אין דער היים איז ער ניטאָ, און די שטיפמוטער איז נאָך מיט עטלעכע טעג צוריק געווען הי — איגאָרס שוועסטער האָט געשריבן. נאָר אויב אַפילע זי איז אוועקגעפאָרן, די שטיפמוטער, עוואַקויִרט זיך, וועט זי, ליובע, — א טאָכטער האָט די רעכט — אופשליסן, אופהאַקן די טיר און ווױנען בא זיך אין דער היים.

איגאָרס שוועסטער... אָט דאָס איז עס, צוליב וואָס זי טראַכט דאָס אַלץ. ווער וועט זי איצט זײַן פאַר איר, ליובע? ס׳איז שווער און שרעקלעך שטעלן אָט אַזוי די פּראַגע, אָבער — מע מוז, זי, ליובע, מוז דאָס וויסן, באַנעמען עס, צוגרייטן זיך צו דעם. טאַ׳סיע אַפּאַנאַסיעוונע ווייסט גאָרנישט וועגן איר שוואַנגערשאַפט, וועגן איגאָרס קינד, וואָס זי טראָגט. וועגן זייער ליבע, ריכטיקער, וועגן געוויסער אופמערקזאַמקײַט איינס צום אַנדערן, ווייסט זי נאָך פון ביז דער מילכאָמע, עפּעס מער האָט איר איגאָר געשריבן פון פראָנט, אייגנטלעך, ניט געשריבן אַזוינס גאָרנישט, בלויז די אָפטע און גענויע גרוסן האָבן געדאַרפט אַליין צײַגן דערויף, אַז מע הערט ניט אויף צו קלערן איינס פון דאָס אַנדערע, אַז עס איז ערנסט. און אירע, ליובעס, צוגעלייגטע בריוולעך זײַנען אויך געווען אי געוויינלעכע גרוסן, ווי מע שרײַבט נאָענטע באַקאַנטע, פרײַנט, אי פּאַרט עפּעס מער. סײַ איר, סײַ איגאָרן האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז גענוג.

עפּשער איז עס געווען זײַנע, א באַכורישע, געוויסע שעמעוודיקײַט, און עפּשער פאַר־קערט, אַן אויסדרוק פון שטאָלץ און זעלבשטענדיקײַט, וואָס ער האָט די אייגענע ניט צו וויסן אָן קיינע קלערענישן, וואָס איז ווינטער, אין סאַמע ברען פון אַנגריף, אין א האַלב־כאָרעוון כוטאָר, א באַפרײַטן פון די דײַטשן, פאַרגעקומען צווישן זיי — וואָס איז געווען צו שרײַבן, נאָך וואָס און ווי׳אַזוי שרײַבן? דער איקער איז געווען זייער ליבע אַליין אין העלישן פײַער, ווו מע ווייסט ניט, וואָס אין א מינוט אַרום ס׳וועט פּאַסירן, דער איקער איז געווען די פּײַן און די פרייד צו געדענקען שטענדיק איינס וועגן אַנדערן, דאָס שטרעבן, דאָס צי׳ען זיך איינס צום אַנדערן — ווער וועט דאָס פאַרשטיין און ווער דאַרף וועגן דעם וויסן? און די צעשיידונג האָט געלויערט, אָ, געלויערט! שוין אַפן צווייטן טאָג נאָך יענער פּראַסטיקער נאַכט אין דעם באַ־פרײַטן כוטאָר האָט זי אים פאַרלוירן, איגאָרן, און בלויז א נעס האָט אים ווידער אומגעקערט צו איר. איז וואָס זשע געווען דאָס אָנשרײַבן וועגן אַזאַ ציטעריקן און גרויסן גליק, וואָס שפּאַנט טראָט בא טראָט מיט אומגליק? דערנאָך, אין אָנהייב מײַ — דער ערשטער לעבעדיקער צאַפּל אונטער איר האַרצן, א גאַנצע וואָך האָט זי איגאָרן ניט געזען און ניט געקאָנט אים דאָס אָנ־זאָגן, און ווען מע האָט זיך דערזען, האָט זיך שוין אָנגעהויבן די בעהאָלע, דער צוריקמאַרש, וואָס פאַר איגאָרן און פאַר איר האָט ער זיך פאַרענדיקט מיטן פלאַטער פון פײַער און מיטן דונער אונטער דער צעריסענער בריק...

פון וואַלד צווישן סאַראַטאָוו און קאַמישין, ווו די דיוויזיע איז געשטאַנען אַף איבערפאָר־מירונג קנאַפּע צוויי כאָדאָשים, האָט זי אָפּגעשיקט טאַ׳סיע אַפּאַנאַסיעוונען עטלעכע בריוו,

פולע מיט ווײ, נאָר מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט, ווער זי, ליובע, דאַרף ווערן. פאַרוואָס? דאָרט, אין וואַלד, האָט זי זיך אױף דעם ניט פאַרטראַכט, צי, עפּשער, פאַרטראַכט זיך, נאָר א דערשטיקטע פונעם אומגליק, און דאָך נאָך ניט אינגאַנצן קיין איינזאַמע, אָפּגעלייגט דעם ענטפער. און איצט...

ווען זי דאַרף ניט אָפּקערעווען מיטן עלטערן פּאָליטרוק, מיט סאַזדאָוון, רעכטס, פון דער בעטאָנירטער בריק איבער דער מאָקראַיאַ מעטשעטקאַ, ווען זי דאַרף ניט פאַרקערעווען אױף יענער־אָ ברייטער גאַס — דער סאַמע ברייטער אינעם פלייץ פון אַלטע און נײַע איינשטאָקיקע הײַזער, אַלטע און יונגע סעדער, וואָס דאָס אַלץ איז ספּאַרטאַנאָווקע, צו וועלכער עס האָט זי אַזוי געצויגן, זי און איגאָרן, וועגן וועלכער מע האָט אַזויפיל מאָל דערמאָנט זיך, געטרוימט, און צו וועלכער זי קומט איצט מיט אַזאַ אויסגעהוילט האַרץ, ווען מע זאָל דאַרפן אַריבערגיין די בריק, און אויפהייבן זיך א ביסל העכער, צום טראַקטאָר־זאַוואָד, וואָלט זי אינעם שיטערן יונגן פּאַרק, וואָס וואַקסט דאָרט, דערזען און קאָנען באַווײַזן אויך סאַזדאָוון — כאָטש, צוליב וואָס דאַרף דאָס וויסן סאַזדאָוו? — די ווײַסע סקולפּטור פון א מיידל, וואָס האַלט א צעווייעטע קאָסינקע אין האַנט, און זאָגן: „דאָס בין איך, דאָס האָט טאַיסיע אַפאַנאַסיעוונע פון מיר אויסגעקלעפּט, איינע אַזאַ סקולפּטור שטייט אין שטאָטישן סאָד, ניט ווײַט פון וואָקזאַל, און די צעווייטע קאָפּיע האָט איגאָרס שוועסטער געשענקט פאַר אָט דעם נײַעם פּאַרק... איר זעט, עלטערער פּאָליטרוק, א מין גליקלעכע איך בין געוועזן?”

אָט אַזוי וואָלט זי געזאָגט, און עפּשער ניט געזאָגט, בלויז א טראַכט געטאָן עס בא זיך, כאָטש — צי איז זי דעמאלט טאַקע אַזוי גליקלעך געווען? אין א געוויסן זין האָט איר נאָך דעמאלט אויך א סאַך געפעלט צו גליק. אַפאַנעמעסן א גליקלעכע איז זי געווען בלויז, ווען זי האָט פאַרמאָגט איגאָרן. און איצט... יאָ, טאַקע איצט, ווען זי איז אָט־אָ אַראָפּ באַם קאָנטראָל־פּונקט פונעם פּאָלקאָוניקס מאַשין, און טרעט מיט פאַרמליעטע פיס, מיטן שינעל אין האַנט (דעם רוקזאַק האָט צוגענומען סאַזדאָוו — אויך א דאַנק) איבער דער היימישער, ליימיקער, צעטריקנטער ערד, איבערן באַקאַנטן שטעגעלע בא א זײַט פון שאָסיי, — איז אָט איצט די דאָזיקע פראַגע, וויאַזוי באַווײַזן זיך, מיט וואָס אָנקומען צו טאַיסיע אַפאַנאַסיעוונען אין שטוב, אַנטשטאַנען מיט דער גאַנצער האַרבקײַט, און עס איז איר אי שווער, אי שרעקלעך, ליובען, פון יעדן טראָט, וואָס זי מאַכט.

וועגן מיידל מיט דער צעווייעטער קאָסינקע אין האַנט האָט זי א טראַכט געטאָן, ווײַל ווען טאַיסיע אַפאַנאַסיעוונע האָט פאַרענדיקט קלעפּן די סקולפּטור, אָפּגעגאָסן זי אין גיפּס, אָפּגעפאָטאָגראַפירט און געשיקט איינע פון די פאָטאָגראַפיעס איגאָרן, וועלכער האָט דעמאלט געשלאָגן זיך אין פינלאַנד, האָט זי, ליובע, אַרײַנגעלייגט אין קאָנווערט אויך אירע א קליינינקע פּאָטאָ, מיטן אויסרייד, ער זאָל זען, ווי ענלעך די מאָדעל איז אױפן אָריגינאַל. ניין, דאָס איז ניט געווען דער אָנהייב פון זייער שווײַגנדיקער ליבע, און אַפילו די צוגעשריבענע שורע איגאָרס אין א בריוו ביז דעם: „א גרוס ליובע דובאָק, קלעפּסט זי נאָך אַלץ?” איז אויך געווען ניט דער אָנהייב, יעדנפאַלס, בא איר, בא ליובען, און ער האָט דאָך איר שוין אױפן דאָרעם־פּראָנט, ווען מע איז געווען צוזאַמען און פון אַלץ אויסדערציילט איינס דעם אַנדערן, אַלץ אויפגעמישט און דערקלערט, מודה געווען, אַז ער האָט זי נאָך א ביסעלע פריִער באַמערקט, פאַרן אַוועקפאָרן מיטן ליזשע־באַטאַליאָן קיין פינלאַנד... אָט אַזוי גאָר, אױפן פּראַסטיקן וואָקזאַל, בײַס זי איז מיט טאַיסיע אַפאַנאַסיעוונען און מיט אַלעמען געקומען באַגלייטן אים, האָט ער זי באַמערקט אין איר ווײַסן האָזן־רעקל און אינעם האָזן־היטל מיט די לאַנגע אַראָפּהענגענדיקע אויערן, און מע האָט זיך דאָך ביז דעם געקענט — אַלץ הייסט געקענט! — שוין יאָרן...

געקענט... אן אומגליק האָט זיי צונויפגעפירט, און מיט אן אומגליק האָט אַלץ זיך פאַרענדיקט. נאָר ווער איז שולדיק, און ווו איז דאָ די פאַרבינדונג? ליובע געדענקט נאָך יענעם שנייִקן פאַרנאַכט. זי איז געזעסן באַם טיש און געמאַכט די לימודים, געשריבן עפּעס אין קאָסעקעסטעלעך — זי איז דעמאלט געגאַנגען אין צווייטן קלאַס, — איז טאַיסיע אַפאַנאַסיעוונע, א שכיינע, געקומען צו דער מאַמען, א ספּעציאַליסט אױף נירן־קרענק, און זייער געבעטן זי צופאָרן אין א דאָרף, אַנדערהאַלבן צענדליק קילאָמעטער פון ספּאַרטאַנאָווקע, קאָנסולטירן דעם שווער־קראַנקן טאַטן, פּיאָדאָר ראַזטשעפּקינען, וואָס ליובע האָט אים אויך געקענט — ער פלעגט אַמאָל קומען צו דער טאָכטער, א הויכער, א דאַרער, א קויל־שוואַרצער. פון דער נעסיע האָט די מאַמע זיך ניט אומגעקערט. וועלף זײַנען באַפאַלן דעם שליטן, ווען מע איז שוין געפאָרן אַפּצוריקוועגס, אין זאַווייִ, לענגאויס דעם הויכן ברעג פון דער וואָלגע. די צעפּלאָכעטע פערד האָבן געגומען האַסטיק לויפן, אַראָפּגעריסן זיך מיטן געשפּאַן פון שטיילן אָפּהאַנג, און וואָס ס'איז ווײַטער געווען, ווייסט זי ביז הײַנט ניט...

טאָ:סיע אַפאַנאַסיעווּנע און וואַדים מיטראָפאַנאָוויטש, איר מאַן, האָבן געהאַלטן פאַר א כּיווּן צו זאָרגן וועגן איר, דער האַלבער יעסוימע, ווי מע האָט געקענט, און עפּשער נאָך מער. אָט דעמלט האָט דער טאַטע אַראָפּגעבראַכט אין שטוב די שטיפמוטער מיטן קאַלטן לונג־און־לעבער, און אַליין האָט ער אַלץ מער געענדערט זיך, אָפּגעלאָזט זיך. געווען זײַנען דאָס בּיכלאַל שווערע, הונגעריקע יאָרן — א קליידל, צי אַפילע א פּאַלטאָעכל אָף וואַטע, איבערגעניצעוועטע פון עפּעס אַלטוואַרג, א פּאָר שיך, וואָס זײַנען בא איגאָרן (ער האָט געוווינט בא דער שוועסטער) אַראָפּ פון דער מאָס, און גאַנץ אָפט — פּאָשעט א שטיקל ברויט, מיט פּאָווידלע צי אָן פּאָווידלע, פאַרוויקלט אין א צײַטונג, אָן אַרײַנגערוקטס אין קעשענע אַלעמאָל קימאַט מיט גוואַלד, און אויך אַנדערע מאַטאָנעס, און דאָס שטענדיקע אײַנלאַדן זי אָף קליינינקע מישפּאָכע־סימכעס, אָף יאָמטויווים — דאָס אַלץ איז געווען עפּעס אָן אָנשפּאַר, נאָר האָט אויך אָן א שיר מאָל פאַרוווּנדעט דאָס האַרץ, כאָטש געטאָן האָבן דאָס טאָ:סיע אַפאַנאַסיעווּנע און איר מאַן מיט די בעסטע קאַוואָנעס. נו, און איגאָר — איר האָט זיך שטענדיק געדאַכט, ליובען, אַז ער קוקט אָף איר מיט ביטל, און עפּשער איז עס טאַקע געווען אַזוי, כאָטש ער האָט שפּעטער דאָס אָפּגעלייקנט, געזאָגט, אַז ס'איז פּראָסט געווען יינגלשע גײַווע. שפּעטער, ווען זי איז שוין געווען אין די עלטערע קלאַסן און האָט שוין עפּעס פאַרדינט פון זיצן באַנאַכט אַרום קראַנקע, און נאָך שפּעטער, ווען זי איז געוואָרן א מעדשוועסטער, האָט זי גענומען אַרײַנקומען צו די לוניאָווס — אַזאַ איז וואַדים מיטראָפאַנאָוויטשס פאַמיליע — זעלטענער. פון באַנוצן זיך מיט זייערער וועלכער־ס'ניט־איז הילף האָט שוין בּיכלאַל קיין רייד ניט געקאָנט זײַן, האָט דאָס האַרץ זיך באַרו:קט, אַלץ איז אַוועק גוט... יאָ, איז וואָס עפּעס דערמאָנט זיך איר דאָס אַלץ? עפּשער דערפאַר, וואָס זי האָט פּעסט באַשלאָסן ווידער פאַרנעמען דאָס שמאָלע, אײַזערנע בעטל הינטערן קאָמאָד און דעם פּיקוס, און איצט קאָן אַלץ זיך איבערכאַזערן, ווי דעמלט, אין דער קינדהײַט, נאָך ערגער, און זי וויל ניט...

פאַרוואָס — ערגער? עפּשער וועט זי דאָס פּאָשעט דאַרפן, ליובע, און ניט צוליב זיך, נאָר טאַקע צוליב דעם, וואָס באַוועגט זיך שוין אַזוי מאָנענדיק, אַזוי אײַנגעשפּאַרט און צאַרט בא איר האַרצן? אָט דאָס האָט זי מוירע, אָט דאָס וויל זי ניט דערטראַכטן בּיזן סאָף, איצט, ווען זי גייט איבערן דורכגעטראָטענעם שטעגעלע, צווישן בודזיקעס און פּאַדאָראָזשניקעס, און סאָ:ידאָוו, מיטן רוקזאַק אָף איין אַקסל, טופּעט מיט זײַנע שווערע שטיוול, איבער וועלכע דאָס ווילדגראָז שמײַסט מיט א שורשען, א שפּאַן הינטער איר.

זי האָט, געווייַנלעך, געוווּסט, אַז זי וועט מוזן אוועקפאָרן פון פּאָלק, אָף דער צײַט פונעם האָבן, און אוואַדע אָף לענגער נאָכן האָבן, מע האָט איר דאָס שוין פאָרגעשלאָגן ניט איין מאָל, נאָר אויב קיינער איז פּעסט ניט באַשטאַנען דערויף, איז דערפאַר, ווײַל מע האָט געאַכטעט איגאָרס אָנדענק. נו, און דאָס איז אויך גענומען געוואָרן אין באַטראַכט — מע איז דערווײַל געשטאַנען אין הינטערלאַנד. דער מאַרש צו סטאַלינגראַד איז אופגעקומען ערשט אין אָוונט — ווער האָט אין אײַלעניש געקאָנט טראַכטן וועגן איר? און כוץ דעם, איז דער מאַרשרוט דערווײַל באַוווּסט געווען בלויז טייל ווײַז — אַראָפּ מיט דער וואָלגע. פון דובאָווקע האָט מען זיך אוועקגעלאָזט מיט דער יאַבאָשע, איז ווידער קלאָר געווען, אַז מע גייט ניט גופע קיין סטאַלינגראַד, אַז מע וועט זיך שטעלן ערגעץ אין א זײַט. און פּלוצעם — דעם נאַטששטאַדיווס מאַשין, סאָ:ידאָוו...

דאָס האָט איוואָלגין צוגענומען בא איר די האַלבע שאָ, וואָס זי איז געפאָרן און געדאַרפט דורכטראַכטן די דאָזיקע אַלע געדאַנקען בּיזן סאָף. זי האָט זיך צעערגערט און בלויז וועגן אים געטראַכט דעם גאַנצן וועג. די טײַנע, וואָס זי האָט צו איוואָלגינען, דאָס, וואָס זי האָט אים הײַנט געזאָגט באַם צעשיידן זיך, עפּשער מיט מער קאַס און פאַרביטערונג, ווי עטלעכע מאָל בּיז דעם, — איז ניט אַלץ. און טאַקע מאַכמעס דעם ווייסט זי ניט, צי איז עס בלויז קאַס, בלויז פאַרביטערונג, צי פאַראַכטונג אויך? עמעצער פון די מיידלעך אָפן פּורל האָט געזאָגט, רײַע, פאַרשטייט זיך: „אַז זי וויל אָף אים ניט קוקן, און גאָר... ניט גוט פונדעסטוועגן!" און ליזע האָט געענטפערט: „זי קאָן ניט — וואָס זשע זאָל זי טאָן?"

זי האָט ניט איין מאָל באַמערקט, ווען איגאָר איז נאָך געווען, אַז איוואָלגין קוקט אָף איר ניט ווי אַלע סאָלדאַטן פון איגאָרס ווזוואָד. אייניקע האָבן פּאָשעט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז מע באַמערקט זי ניט, און אויב באַמערקט, איז אָף זייערע פּענעמער אויסגעדריקט געווען: „ניט אונדזער זאַך". אַנדערע האָבן, הינטערוווײַלעכס, נאָר געקוקט אָף איר מיט ציקאַוועס און אַפילע מיט יענער מענערישער קינע, וואָס מע מוז זיך בּיכלאַל צוגעוווינען דולדן זי, איבערהויפּט אָפן פראָנט. איוואָלגין, דער איינציקער, טאַקע א כוואַט, און אַזאַ, וואָס צוטרעטן צו א מיידל איז בא אים ניט פון די שווערע זאַכן, איוואָלגין האָט אָף איר געקוקט מיט אָפענער אַנציקונג, נאָר אַזוי — זי האָט דאָס געפילט, — ווי ער זאָל זיך פרייען פון זײַן קאָמאַנדירס גליק. שטענדיק

איז ער גרייט געווען איבערגעבן איר א גרוס פון איגאָרן, דערציילן עפּעס גוטס וועגן אים, נאָר דערבײַ אלעמאָל געזוכט די געלעגנהײַט צו טרעפן זיך מיט איר, כאָטש פאַרבײַגייענדיק, כאָטש אף א ווײַלע, אויסגעבעריעט זיך פאר איר, עפּשער אפילע אָן קיין שום מיין, בלויז פון דער פריילעכער און לײַכטער נעטיִע זײַנער. איגאָר האָט דאָס דאפקע צוערשט פארשטאנען אנדערש, און ס׳האָט אים א פּאָר מאָל פּײַן דול געמאכט. אָבער עס איז גיך דורכגעגאנגען, ווײַל, אייגנטלעך, פונקט ווי איוואָלגין האָט געקוקט אף איר, האָבן די מיידלעך, די כאַווערטעס אירע, געקוקט אף איגאָרן. ער איז זיי אלעמען געפעלן, און זי האָט ניט געייפערט, כאָטש א ביסעלע געייפערט אויך, נאָר אזוי, אז ס׳איז איר נאָך מער גוט געווען דערפון — ס׳האָט געפרייט, וואָס יעדע וואָלט זיך געהאלטן גליקלעך פון אזא ליבע, ווי בא איר. איז אָט — איוואָלגין, איצט... אף עפּעס האָפט ער, — בלינד עפּשער, אומקלאָר, נאָר ער האָפט, און עפּשער שוין גאָר ניט בלינד — פּאָשעט, נאטירלעך, און טאקע מיטן גאנצן הארצן? אָט וואָס עס טוט אי וויי, אי עס צעטומלט, אי עס ברענגט אוף. איגאָר איז פאר איר ניט קיין טויטער, אפילע אויב ער איז שוין טאקע אף דער וועלט ניטאָ, — איז ער א לעבעדיקער, און וועט זײַן אזא אדאנק איר טרײַהײַט, אדאנק דעם קינד. און סערגיי, בעסער וואָלט ער זיך ניט געפּײַניקט, ניט אָנגעבאָטן איר זײַן פרײַנטשאפט, וואָלט זי אים גיכער מויכל געווען דאָס, וואָס זי מוז אוואדע מויכל זײַן, פאַרשטיין. נאָר ווען וועט זי אים שוין ביכלאל זען, איוואָלגינען? וואָלט ער זיך כאָטש געהיט דאָרט, אין פײַער, וואָלט ער ניט געוואָרן העפקער בא זיך. אָט דער ווונטש — איז דאָס ביסעלע, וואָס זי קאָן אים שענקען, און עס זעט שוין אויך אויס בא איר אזוי, ווי זי זאָל אים פארגעבן.

— ווײַט? — האָט געפרעגט סאַידאָוו, אויסגלײַכנדיק זיך מיט ליובען. — ווײַט דארף מען נאָך גיין? — געפרעגט דאָס פונקט אין דער ווײַלע, ווען זי האָט איבערן צעבראָכענעם פלויט און די שיטערע אגרעסן־קוסטעס דערזען איר שטוב, ווו זי האָט זיך געקליבן איבערלאָזן דעם רוקזאק און דעם שינעל, פאר דעם, ווי אוועק צו די לוניאָווס, — די קרומע, רויט־געפארבטע טיר איז קרייצארטיק פארקלאפּט געווען מיט צוויי פרישע גאָרבוליעס.

— באלד, באלד, — האָט ליובע שטיל געזאָגט, זײַענדיק דאנקבאר אין הארצן סאַידאָוון, וואָס ער האָט די עטלעכע מינוט, בייס מע איז געגאנגען אהער, ניט פארפירט מיט איר קיינע רייד און וועגן גאָרנישט ניט פאנאנדערגעפרעגט, געלאָזט זי טראכטן, — באלד, באלד, איך זע שוין די לוניאָווס הויף... — און — א בלאסע, מיט אָן ערנסטן בליק, ווי זי זאָל דערמאָנען דעם עלטערן פאָליטרוק, אז באלד וועט זײַן זייער שווער, סײַ פאר איר, סײַ פאר אים, א בעט געטאָן: — גיט אהער מײַן רוקזאק, אזוי איז בעסער...

זי האָט געזען: עמעצער זיצט אפן בארנבוים, וואָס וואקסט בא די לוניאָווס פאר דער ברייטער, פארגלעזטער ווערANDע, ניט אנדערש, ווי וואָווקע, דאָס עלטערע ייִנגל זייערס, און די טיר אף דער ווערANDע, צו וועלכער עס פירן טרעפלעך מיט פאָרענטשעס, איז אָפן.

2 וואָווע האָט, ווי א קעצל, אראָפּגעדראפּעט זיך פונעם סאמע שפּיץ פון בארנבוים, אונטער וועלכן ס׳האָבן זיך געוואלגערט א סאך אָפּגעריסענע בלעטלעך, אָפּגעבראָכענע צווײַגעלעך, און איז מיט א פולער פאזוכע גרינע בערעס, אזוי אז דאָס ציצענע העמדל, אָן ארײַנגעלאָזטס אין די פּליודערן, האָט שיר אינגאנצן ניט ארויסגעריסן זיך פון אונטערן רימען, געשטאנען פאר ליובען און פארן אומבאקאנטן קאָמאנדיר, וואָס איז מיט איר געקומען, א פארלוירענער, אָן איבערראשטער. דאָס איז געווען א קלייניקער איגאָר — שווארץ, ווי אײַגאָר, דארלעך־שלאנק, ווי איגאָר, פונקט אזעלכע גלאנציקע, סטארטשענדיקע האָר אפן קעפּל, איבער וועלכע דאָס קעמל האָט קיין שליטע ניט, פונקט אזעלכע פינקלענדיקע, טונקעלע, גאָר טונקעלע אויגן. די ברוסט איז צעכראסטעט, און עס מערקט זיך מאמעש, ווי דאָס הערצל קלאפּט. און מיט יעדער רעגע איז דער בליק אלץ מער א פרעגעוודיקער, א ווייטעקדיק־אָנגעשטרענגטער. ער האָט, פארשטייט זיך, געוווסט, וואָווקע, אז ליובע איז אין ערשטן טאָג פון דער מילכאָמע אוועק פרײַוויליק דינען אינעם זעלבן פּאָלק, ווו איגאָר האָט געדינט. עס האָט זיך אזוי באקומען, אז זי האָט — גאָר ניט צופעליק, נאָר בא טאַיסיע אפאנאסיעוונען איז ניט די שטוב, מע זאָל וועגן אזוינס רעדן פאר קינדער — פארבראכט דעם אורלויב אין אָדעס, ניט ווײַט, ווו איגאָר איז געשטאנען מיט זײַן פּאָלק, איז זי פּאָשעט אוועקגעפאָרן אהין מיט אן אווטאָבוס און נאָך באוויזן אָנקומען פאר דעם, ווי דער פּאָלק האָט זיך אוועקגעלאָזט קיין בעסאראביע, צום פראָנט. פאר וואָווקען איז וויכטיק געווען איינס, — און ער האָט מיט קינדערשער אומיטלבארקײַט און קינדערשן טיפן פאריבל אָנגעשריבן וועגן דעם פאראיאָרן אין הארבסט איגאָרן, וועלכער האָט אים אויסגעמוסערט, לעמײַ ער און נאָך א יאטל האָבן געמאכט פּלייטע פון דער היים, קעדיי דערקלײַבן זיך צום פראָנט, און מע האָט זיי קוים געפונען אין א וואָך ארום שוין

אין טאַגאַנראָג: „ליובע דובאַק מעג זײַן א פּרײַוויליקע, זי מעג דינען מיט דיר אין איין פּאָלק. און איך טאָר ניט?"

איצט איז זי געקומען, ליובע. איגאָר איז ניטאָ, און זי איז דאָ. האָט וואָווע ניט געוווּסט — עפּשער דאַרף מען גאָר בייזערן זיך אױף איר? נאָר פאַרוואָס? ס'איז פּאַשעט שווער געווען צו זען זי, כאָטש ער האָט בעפּיירעש יאָ געוואָלט זי זען — זי איז פונדעסטוועגן געווען צוזאַמען מיט איגאָרן. און ביכלאַל — א פראָנטאָוויטשקע, און דער, וואָס איז געקומען מיט איר (צו איין שפּאַלע אין די גרינע פּעטליצעס, א גרין שטערנדל אפן ארבל — א פּאָליט־טוער), איז מי־סטאַמע אויך פון פראָנט — אױף פראָנטאָוויקעס האָט ער ליב צו קוקן. און דאָ איז אים גאָר אומאָנגענעם געוואָרן, וואָס ער איז אזא, א צעכראַסטעטער, מיט אן ארויסגעסמיקעטן העמדל, וואָס די הייזלעך האַלטן זיך קוים אױף דעם, און ער שטייט באָרוועס — די סאַנדאַלן וואַלגערן זיך לעבן שטאָם, נאָר ווי האָט ער זיי געקאָנט באַווײַזן אָנטאָן?..

באַשטימט פונדעסטוועגן פּאָטער ווערן פון די געסט, האָט וואָווע געזאָגט:

— די מאַמע איז ניטאָ אין דער היים, דער טאַטע — אויך ניט, אירישע איז באַם זיידן, אין זאַיאַר, פון יענער זײַט וואָלגע, — איך בין דאָ איינער אליין.

— וואַרט, וואָוקע, אײַל ניט, — האָט ליובע געבעטן, קוים איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם, — וווּ איז זי, די מאַמע? דאָ, אין שטאָט?

— ניט ווײַט, אפן טראַקטאָר־זאַוואָד...

— און זי וועט גיך זיך אומקערן, ווייסט ניט?

— ניין, ניט גיך. ווען עס וועט גוט פינצטער ווערן. און דער טאַטע קומט אינגאַנצן ניט, שוין אוואַדע א כוידעש. ער איז דאָך א מײַסטער, נעכטיקט ער דאָרט, אין צעך, ווו מע זאַמלט די טאַנקען. און די מאַמע פאַרבט זיי. שוין א וואָך, אז זי אַרבעט דאָרט. איך גיי אויך מיט איר אַלע טאָג, נאָר הײַנט בין איך געבליבן דאָ... א ראָב איז ארײַנגעפאַלן אין קוימען, איך האָב צוגעבונדן א קוישעלע צו א דרענגל און אים געוואָלט ארויסשלעפּן, איז ער נאָך ווײַטער פאַר־קראָכן. נעמט מען הייצן די פּליטע — עפּעס מוז דאָך די מאַמע אָפּקאָכן, כאָטש באַנאַכט — זעצט א רויך, און ביכלאַל — טאַקע א ראָב, נאָר עפּשער לעבט ער נאָך... דער קוימענקערער פון רינאָק האָט צוגעזאָגט קומען, בין איך געבליבן אין דער היים.

ליובען האָבן זיך געמאָלט פאַרשיידענע בילדער, סײַ ערשט־אָ, ווען זי איז געגאַנגען אהער, סײַ פריִער, אין וואַלד, סײַ אפן פראָנט, נאָך איגאָרס אומקומען, ווי אַזוי זי וועט זיך באַגעגענען מיט די לוניאָווס — נאָר אלע זײַנען זיי אָנגעווייעט געווען פון אירע ביזמילכאָמעדיקע פּאָר־שטעלונגען וועגן דער דאָזיקער שטוב. דערווײַל איז דער אָנהייב אָט אזא, אין הויף באַ די לוניאָווס איז צו מערקן בלויז איין קליינע ענדערונג — דרײַ שפּאַן אין א זײַט פון די טרעפּ־לעך, אין די טשעראָמוכע־קוסטעס, הויכט זיך דאָס בערגל פון א בלינדאַזש, צו וועלכן עס פירט א שמאָלער, ווינקלדיקער גראָבן...

— וואָווע, — האָט ליובע געזאָגט, פילנדיק, אז עס ווערט איר טרוקן אין מויל און אז עס באַשלאָגט זי א שווייס, — וועסט אונדז קענען באַווײַזן, ווו די מאַמע איז, דער טאַטע, מיר זאָלן לאַנג ניט זוכן? דער עלטערער פּאָליטרוק דאַרף זיי זען, און ער האָט זייער ווייניק צײַט.

— און אויב דער קוימענקערער וועט קומען? — וואָווע האָט זיך אי געבעטן באַ די געסט, אי אָפן קעגנגעשטעלט זיך זיי. — גאַנץ פּאַשעט, ער וועט מיך ניט טרעפן און אוועקגיין. ס'איז אים איצט שווערער אײַנבעטן קומען, ווי איך ווייס אליין ניט ווען...

דער עלטערער פּאָליטרוק, וואָס האָט די גאַנצע צײַט געשוויגן, האָט אײַנגעשטימט מיט וואָוקען:

— אוועקגיין טאָרסטו ניט. זאָג נאָר — דער זאַוואָד איז א גרויסער, — ווו דאַרף מען זיי זוכן?

— יעדערער וועט דאָרט אָנווײַזן, ווו מע מאַכט און ווו מע פאַרבט די טאַנקען.

ליובע האָט נאָך פונדעסטוועגן געוואָלט א קוק טאָן אין שטוב, דערפאַר האָט זי געזאָגט:

— קום, מיר וועלן זיך אָנטרינקען באַ דיר, וואָווע.

ליובע האָט באַקוקט די שטוב פון אינווייניק, און אָנגעהויבן דאָס פון דער וועראַנדע: היני־טער דער שירמע, וואָס איז איצט, א צונויפגערוקטע, געשטאַנען באַ דער וואַנט, איז געווען טאָ׳סיע אפּאַנאַסיעוונעס וואַרשטאַט — דאָרט איז אפילע די סטעליע א גלעזערנע, נאָר, אגעוו, האָבן א סאַך שויבן געפעלט סײַ אױף דער סטעליע, סײַ אינעם ברייטן פענצטער. עפּעס איז אױף א הויכן ווערקשטעל ארומגעוויקלט געווען מיט פײַכטע רעדנעס, עפּעס האָט טאָ׳סיע אפּאַנאַ־סיעוונע געקלעפּט, נאָר ביכלאַל איז אינעם וואַרשטאַט, ווו מע האָט געוויינלעך זיך ניט געקאָנט קיין קער טאָן, גאַנץ פּוסט געוואָרן. עס זײַנען בלויז געבליבן שטיין אפן דיל, אין די ווינקלען, עטלעכע פאַרשטויבטע, אָפּגעקאַלופּעטע סקולפּטורן, פאַרגעלטע גיפּסענע פאָרמעס. פאַרשוווּנדן

זײַנען אויך די זאכן, וואָס האָבן דאָ געהאַט זייער באַשטענדיק אָרט: מאַיאַקאָווסקיס טויט־מאַסקע, און אויך אייניקע אנדערע — אף דער וואנט, אנטישע מוסטערן — אף דער לאנגער פענצטער־ברעט...

וואָווע האָט דערקלערט:

— נאָך דעם, ווי עס האָט דאָ נאָענט א באבאכקע געטאָן, האָבן מיר — די מאמע און איך, — אייניקע זאכן פארקלאפּט אין קאסטנס און פארגראָבן — מע קאָן דען אלץ מיטפירן?

וואָס מע קלײַבט זיך מיטפירן, האָט ליובע דערזען אין גרעאמען עס־צימער. אף די בענקלעך זײַנען צונויפגעבונדענע געלעגן עטלעכע ניט קיין גרויסע פעק. און נאָך האָט זי דערזען — אפן טיש, געמאכט צוויי טראָט צו דעם און שטיין געבליבן א בלאסע, א פארצאפּלטע: איגאָרס גיפסענער, שווארץ־געפארבטער קאָפּ, מיט די סטארטשענדיקע האָר, ווי בא וואָווען, און אין דעם עלטער אָן ערעך, ווי וואָווע איז איצט געווען...

„אָט דאָס וועט מען אויך מיטנעמען", — האָט ליובע פארשטאנען.

געוויינלעך, איז איגאָרס פּאָרטרעט געשטאנען אינעם קליינעם צימער, לינקס — זײַן צימערל, איז ליובע אוועק אהין, וואָווע און סאַידאָוו זײַנען איר שווײַגנדיקע נאָכגעגאנגען, וואָווע — וויסנדיק פארוואָס, און סאַידאָוו — אָנשטויסנדיק זיך.

דאָס צימערל איז שוין געווען וואָועס. אפן דראָטענעם הענגער, צופוסנס פון דער שמאָלער קאנאפּקע, איז געהאנגען וואָועס מאטראָסיש קורטקעלע און זײַן היטל מיט לענטעס. אפן טישל, בא א זײַט, זײַנען צונויפגעלייגט געווען אין אן אקוראטן סטאָסעלע זײַנע לערנביכער און העפטן. נאָך ניט קיין פארזשאווערטע שפּליטערס פון באָמבעס, פון זעניט־סנאריאדן האָט וואָווע אויך צונויפגעזאמלט, אויסגעלייגט לויט א סיידער לעבן טינטער; בלויז איגאָרס עטלעכע וואָלגע־אקווארעלן זײַנען געבליבן אף די ווענט, און דאָס פּאָליטשקעלע פון ניט קיין געפאַרבטע ברעטער, אויבן — פאר ביכער, אונטן — פאר פארשיידענע קלייניקײַטן, האָט ער צוגעקלאפּט. מער גאָרנישט. יאָ, און די באמבוק־ווענטקע אין ווינקל איז, דאכט זיך, געווען איגאָרס...

ווען ליובע, און נאָך איר סאַידאָוו האָבן גענומען אוועקגיין פון שטוב, האָט דאָס ייִנגל פארהאלטן זיך א ביסעלע אף דער ווערענדע, שנעל אויסגעלאָדן די פּאזוכע און באוויזן זיך אף די טרעפּלעך מיט צוויי גרויסע צײַטיקע בערעס אין די הענט.

— נעמט, — האָט ער געזאָגט, — נעמט מיט אפן וועג.

שוין בא דער פירטקע, ווען סאַידאָוו האָט, א שאָקל טוענדיק, צום געזעגענען זיך, מיטן קאָפּ, געפרעגט: „טאטע־מאמע וואָס איבערגעבן — אז דו באלעבאטעוועסט דאָ?" — האָט וואָווע אין פארלעגנהײַט, אָבער אזוי, ווי ער זאָל בלויז וועלן פעסטשטעלן, צי האָט ער קיין טאָעס ניט, באמערקט:

— עס אוכקעט פונווײַטנס, שוין אוואדע א האלבע שאָ. אפן בארנבוים הערט מען גאָר גוט... וויאזוי טאנקען שיסן, ווייס איך — בא־באך, בא־באך! און ווו די זעניטקעס שיסן דאָ ארום, ווייס איך אויך. נאָר איצט אוכקעט ווײַטער, ניט דאָרט, ווו שטענדיק, אפן זאוואָדישן טאנקאָדראָם, און אָן אן אופהער... איר הערט ניט?

סאַידאָוו און ליובע האָבן זיך אײַנגעהערט, נאָר אויב ס'האָט זיך אפילע דערטראָגן צו זיי דער ווײַטער, פארהוילענער הילך, האָבן זיי וואָווען וועגן דעם ניט געזאָגט — בלויז א קנייטש געטאָן מיט די אקסל.

בא דער בריק איבער דער מאָקראיא מעטשעטקא האָבן אלע, וואָס זײַנען אהער אונטערגעקומען, דערין ליובע און סאַידאָוו, געמוזט צוווארטן א פּאָר מינוט — בא א צענדליק טאנקען האָבן, אופהייבנדיק א שטויב, מיט א שווערן ליאזג, אף א גרויסער שנעלקײַט געטראָגן זיך אהער, איבערן קרומען בארג־אראָפּיקן וועג, וואָס האָט געפירט פון טראקטאָר־זאוואָד. עטלעכע טאנקען זײַנען דורכגעשפּרונגען די בריק און אוועק ווײַטער, פארבײַ ספּארטאנאָווקע, און איינער, דער פּאָרלעצטער, האָט סאמע אף דער בריק זיך פארהאקט איבער עפּעס. הילכיק קלאפּנדיק מיטן מאָטאָר, אופציטערנדיק אינגאנצן אף די שטאָלענע רויפּעס, וואָס האָבן זיך געדרייט אף איין אָרט, אזוי אז פונקען האָבן געשפּריצט פונעם צעמענט, האָט דער טאנק א שווערן קערעווע זיך געטאָן רעכטס, לינקס און שטיין געבליבן א פארשטילטער קווער דער בריק אזוי, אז ער האָט אינגאנצן פארצוימט דעם דורכגאנג. פונעם פּאָדערשטן נידעריקן ליוק, וואָס האָט זיך שווער אופגעעפנט, איז מיט אינסטרומענטן אין די הענט ארויס א טאנקיסט, א בלאָנדער, א פארשוויצטער, אָן א העלם. ער איז אוועק הינטערן טאנק, אופגעשרויפט דאָרט ניט קיין גרויס קײַלעכדיק דעקל און גענומען פּאָרען זיך אינעם מאָטאָר. פונעם לעצטן טאנק איז אויך ארויס א טאנקיסט. צוגעלאָפן צו דעם, וואָס האָט געייסעקט זיך צווישן די פארנאפטיקטע רעדלעך און פּאָרשענס, האָט ער א פארהאוועטער געפרעגט:

— נו, וואָס איז דאָרט בא דיר?

— אַז אַלץ ווערט געטאָן אין אײַלעניש, — האָט דער ערשטער געענטפערט, אויסווישנדיק מיט אַן אַרבל דעם שטערן, — אַ קלײניקייט, מיר פאָרן... נאָך גוט, וואָס דאָ — ניט עטוואָס ווײַטער!

אָט דעם „עטוואָס ווײַטער" האָבן אַלע, וואָס האָבן דאָ געוואַרט, מע זאָל קאָנען דורכגיין, געהערט און שטום איבערגעבליקט זיך.

ליובע און סאַידאָוו זײַנען שוין קימאַט צוגעקומען צום זאַוואָד, ס'איז זיי געבליבן מײַדן בא אַ זײַט דעם ראַכוועסדיקן דזערזשינסקי־פּלאַץ, אַ דורכגעשניטענעם מיט טראַנשייען, אַ פּאַרצוימטן מיט שטאָלענע „יאָזשן" — אַ באַריער קעגן טאַנקען, ווי ס'האָבן מיט אַן עגבערדיקן פֿײַף זיך דורכגעטראָגן איבער זייערע קעפּ עטלעכע שווערע סנאַריאַדן און צעריסן זיך אויף דער טעריטאָריע פונעם זאַוואָד. ניט אָנבייגנדיק זיך און קימאַט ניט פאַרשנעלערנדיק די טריט (די אַרבעטער, וואָס זײַנען געגאַנגען עטוואָס פאָרנט, האָבן זיך דאַפקע צוגעבויגן און גענומען לויפן, קעדיי גיכער אַוועק הינטער דער הויכער, געמויערטער זאַוואָדישער וואַנט), זײַנען ליובע און דער עלטערער פּאָליטרוק צוגעקומען צו דער קאָנטראָל־בודקע און דערלאַנגט דער וואַך, — אַ באַיאָרטער פרוי מיט אַן אָפּגעריבענער בערדאַנקע, מיסטאָמע נאָך פון די אַמאָליקע צײַטן, און אַ יונגן סאָלדאַט, — די דאָקומענטן, געזאָגט, אין וועלכן צעך און צו וועמען מע גייט. אַפן זאַוואָד האָבן זיך געריסן נאָך און נאָך סנאַריאַדן, אָבער די פרוי און דער סאָלדאַט האָבן אי אויסגעהערט אופמערקזאַם, וואָס מע רעדט צו זיי, אי גאַנץ גענוי דערקלערט, ווו קריגן אַ דורכלאָז־שײַן. מע האָט געמוזט ווידער אַרויס אַפן הוילן פּלאַץ, זיך לאָזן אַ הונדערט מעטער לינקס, לענגויס דער וואַנט, די באַיאָרטע פרוי, קוטענדיק זיך שטאַרקער אין איר גרינער אָפּגעריבענער פופײַקע, האָט באַגלייט ליובען און סאַידאָוון ביז דער טיר, געמאַכט אַ טראָט אויך אַף יענער זײַט שוועל, קעדיי אָנווײַזן זיי, וווהין צו גיין.

דער הויף פון זאַוואָד... סאַידאָוו, וואָס ליובע האָט שוין ניט איין מאָל אָפּגעמערקט מיט באַפרידיקונג און אפילע מיט דאַנקבאַרקייט, אַז ער איז ביז גאָר שפּאָרעוודיק אַף אַ וואָרט, האָט מיט אַ קורצער באַמערקונג אויסגעדריקט דאָס, וואָס אויך זי האָט פון די ערשטע טריט אַ טראַכט געטאָן:

— אַ לאַגע!..

געקאָנט האָט דאָס באַטײַטן, אַז ער מיינט זייער ביידנס לאַגע — מע גייט, ווער ווייסט וווּהין, און ווער ווייסט, צי ס'איז איצט אַזוי נייטיק, נאָר קלאָר איז געווען, אַז ער מיינט ניט אַזוי דאָס, ווי אַלץ, וואָס אַרום האָט זיך געטאָן: סנאַריאַדן זײַנען קנאַלנדיק געפאַלן אַלעמאָל ערגעץ אין אַן אַנדער אָרט אַפן זאַוואָד, באַצייכענענדיק עס בלויז מיט אַ פלאַטער פון פײַער אינעם העלן טאָג, מיט אַ רויך, און מענטשן זײַנען אומגעגאַנגען איבער די אַספאַלטירטע וועגן און שטעגעלעך צווישן די צעכן, האָבן עפּעס געטראָגן, געקויקלט, געשלעפּט. בלויז ווען ס'האָט זיך געהערט דער שטאָלענער, האַסטיק אָנוואַקסנדיקער און אַלץ פאַרהילכנדיקער פײַף, האָט מען זיך צוגעטוליעט יעדערער צו וואָס עס האָט זיך געמאַכט — אַ וואַגאָנעטקע, אַ סטאָס מעטאַלענע דעטאַלן, אַ קופּע ברוכוואַרג, און אייניקע האָבן אויך בייס ס'האָט געפּײַפט פאַרגעזעצט גיין, אַרײַנגעצויגן בלויז דעם קאָפּ אין די אַקסל, ווי עס זאָל זיי קאַלט ווערן. עטלעכע אַרבעטער אין ברעזענטענע ספּעצאָוקעס האָבן מיט אַ הייבקראַן אויסגעלאָדן ברייטע שטאָלענע פּליטעס פון אַן אָפענעם האַלב־וואַגאָן. עמעצער האָט דאָרט הויך געשריגן „ווירא", „מײַנא". אין די צעכן האָבן גערוישט מאַשינעס, עס האָבן געהודזשעט מאָטאָרן און טויב געקלאַפּט שווערע פּרעס־האַמערס. פון מאָל צו מאָל האָבן די פענצטער — צומייניסטנס פּוסטע ראַמען — אָנגעפּילט זיך מיט דער בלענדיקער שײַן פון עלעקטראָשווייסונג. אָבער דאָס איז נאָך ניט געווען דאָס פולע בילד. אונטער אַ לאַנגן אָפּדאַך פון עפּעס אַ סקלאַד האָט אַ גרויסע גרופּע מאַנצבלען באַקומען געווער: ביקסן, קוילנוואַרפער. סראָוו זײַנען געווען אין אַרבעטער־קליידער, נאָר עס האָבן זיך אויך דורכגעוואָרפן צוגעפּוצטע — אין ריינע העמדלעך, אויסגעפּרעסטע הויזן, — ס'איז זונטיק, מע איז געקומען אַזוי, ווי דער אַליאַרעם האָט יעדן געטראָפן. נאָך אין איין אָרט — לענגויס דער ציגלנער וואַנט פון אַ צעך, יענער, וואָס איז אויסגעקערעוועט געווען צו דער וואָלגע, האָבן אַ הונדערט מענטשן, שוין באַוואָפנטע, אין קאַסקעס, מיט קלומעקלעך אַף די פּלייצעס, אויסגעשטעלט זיך אין צוויי שערענגעס, גרייטע צום מאַרש.

אין זאַמל־צעך — אַ צעך, אַ ריז, אַז מע קומט אַרײַן אין אים פון איין עק, זעט מען ניט דעם צווייטן, און די גאַנצע פּערספּעקטיוו — אַ רויכיקע פון דער לײַכט איז פאַרפולט מיט טורעמס פון טאַנקען, רעדער, רערן פון האַרמאַטן, וואָס קראַנען טראָגן זיי אינדערלופטן, און אַף דער ערד, ווו עס שפּריצט פײַער, ווו עס פאַרגייען זיך פּנעוומאַטישע העמערלעך און סטאַם האַמערס, שטייען טאַנקען איינס בא איינס, מענטשן האָווען אַרום זיי אָדער אַף זיי, — אין

זאמל־צעך, אין דער קאָנטאָרקע, מיט ברעטלדיקע, פאַרייכערטע ווענט, באַלויכטענע פון קאָסע זון־שטראַלן, וואָס רײַסן זיך דורך דורכן בלישטשענדיקן, אוואַדע מעטאַלענעם שטויב, האָט אַן עלטערער מענטש, אַ לײַביקער, גאַנץ אַ קרעפּטיקער, נאָר שטאַרק אַ געבויגענער, מיט פאַרלייגטע הענט אַפן רוקן צוליב גלײַכגעוויכט, קעדיי ער זאָל, שטייענדיק, קאָנען מיט זײַנע גרויסע, ליידנדיק־פאַרביטערטע אויגן קוקן אַף די, וואָס רעדן צו אים (ליובע האָט גלײַך פאַרשטאַנען: „ספּאָנדיליאָז״), געזאָגט, אַז ער פאַרבײַט לוניאָוון, אַז וואָדים מיטראָפּאַנאָוויטש איז אוועק אַף אַן עקסטרע באַראַטונג, ער מוז זיך גיך אומקערן, אָבער ער וועט שוין מיסטאָמע מיט קיינע איניאַנים זיך דאָ ניט פאַרנעמען, אויב דער עלטערער פּאָליטרוק און זײַן באַגלייטערן דאַרפן עפּעס, איז זאָלן זיי אים זאָגן וואָס.

— אַ פּערזענלעכער איניען? — האָט שוין דער דאָזיקער, מיט דער געבראָכענער כוטהאָשעדרע, שווער צעפּירט מיט די הענט, — איז וואַרט דאָ צו... ווו לוניאָווס ווײַב אַרבעט? ווו מע פאַרבט די טאַנקען? פרי׳ער האָט מען דאָס געטאָן אין דרויסן, נאָר איצט גייען שוין די טאַנקען אוועק ניט קיין געפאַרבטע... וווּהין מע האָט די פאַרבער אַריבערגעפּירט, איז שווער צו זאָגן — דאַכט זיך, אין טשוהון־גוסצעך, צו די טריקן־קאַמערס.

באַשלאָסן געוואָרן איז אַזוי, — סאַי׳דאָוו האָט פאָרגעלייגט און ליובע האָט אײַנגעשטימט: זי, ליובע, בלײַבט וואַרטן דאָ, אין דער קאָנטאָרקע, און ער, סאַי׳דאָוו, גייט זוכן דעם גוס־צעך.

ס׳אוועק ניט ווייניקער פון אַ מינוט צוואַנציק, דער „כאָדיק״ אין קאָנטאָרל, וואָס האָט, ווען מע איז אַהער געקומען, נאָך געטיקעט, האָט ניט צו וויסן ווען זיך אָפּגעשטעלט — מיסטאָמע נאָך דעם, ווי אַ סנאַריאַד האָט זיך צעריסן גאָר נאָענט, אַזוי ווי אין צעך. דער, מיטן קראַנקן רוקן, איז אַרײַנגעקומען, האַלטנדיק אַלץ פאַרלייגט די הענט אַף הינטן, — איצט האָט עס געמאַכט דעם אײַנדרוק, אַז ער איז לאַכלוטן רוי׳ק, אַז דאָס קנאַלן גייט אים ניט אָן. אַ זוך געטאָן עפּעס אַ פּאַפּי׳רל אין אַן אָפּגעריבן פּאַפּקעלע אַפן שרײַבטיש, און ניט אופהייבנדיק די אויגן אַף ליובען, האָט ער געפרעגט:

— איר קומט פון פראָנט?

— ניין.

— און דאָס איז אײַער מאַן אוועקגעגאַנגען?

— ניין.

ער האָט אַ קערעווע געטאָן די אויגן צו ליובען, אויסדריקלעך און מיט זאָרג אַ קוק געטאָן אַף איר בויך, און מער גאָרנישט ניט געזאָגט.

ווען ער איז מיט שווערע שאַרפענדיקע טריט אַרויס פון קאָנטאָרל, האָט ליובע אויסגעטאָן דעם שינעל, וועלכן זי האָט געהאַט אָנגעטאָן, צוקומענדיק צום זאַמל־צעך — געמיינט, אַז אינעם פאַנאַנדערגעשפּיליעטן שינעל וועט איר שוואַנגערשאַפט זיך ניט אָנזען, — ניטאָ, וואָס צו פאַרען זיך מער...

עפּעס אַ יי׳נגל פון אַ יאָר זעכצן, מיט פלעקן פון סאַזשע און נאַפט אַפן בלאַסן, אויסגעצערטן פּאָנעם, האָט זיך באַוויזן אין קאָנטאָרל. ער האָט זיך צוגעזעצט לעבן דער טיר, ווי ער זאָל אויך וואַרטן אַף עמעצן, געדרייט און געבויגן אין די פאַרשמירטע הענט אַ שמאָל זעגעלע, וואָס שנײַדט אײַזן. אַף ליובען האָט ער אי יאָ, אי ניט געווענדט קיין אַכט, יעדנפאַלס, אויסגעמיטן אירע אויגן. בלויז ווען אַ סנאַריאַד האָט ווידער זיך צעריסן גאָר נאָענט, אַ רויטלעכע שײַן האָט אַף אַ ווײַלע באַלויכטן דאָס קאָנטאָרל, און דורך די אויסגעזעצטע שויבן אינעם ווענטל, וואָס האָט עס אָפּגעטיילט פונעם צעך, האָט באַלד צוזאַמען מיט אַן עסיקן רויך, זיך דערטראָגן דער רייעך פון טראָטיל, האָט דאָס יי׳נגל געזאָגט:

—ווידער אין אַקומוליאַטאָרנע! — און מיט אַ נערוועזן שמייכל אין קאָל — אַ שמייכל, וואָס האָט מיסטאָמע געדאַרפט אויסדריקן העפקערדיקע בראַווקײַט, צוגעגעבן, — צוויי מאָל אין איין אָרט — ניט פײַן!

יענער, מיט דער קראַנקער כוטהאַשעדרע, איז אַרײַנגעקומען. דערזען דאָס יי׳נגל, האָט ער זיך אַ בייזער געטאָן:

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט — קיין בעסער זעגעלע איז ניטאָ, און דו דאַרפסט ניט קיין בעסערס! גיי, ליאָשע, גיי, מיינסט, די קאָנטאָרקע איז פאַרקישעפט, אַהער וועט ניט טרעפן? שטיי שוין בעסער און אַרבעט. מע דאַרף.

ליובע האָט גענומען דעם רוקזאַק, דעם שינעל און איז אַרויס גלײַך נאָכן יי׳נגל. זי האָט באַשטימט וואַרטן אין צעך, ניט ווײַט פונעם קאָנטאָרל, און פּלוצעם האָט זי דערזען סאַי׳דאָוון: ער איז געשטאַנען לעבן אַ טאַנק, בײַ וועלכן עטלעכע אַרבעטער אין קאַסקעס, און טאַנקיסטן, מיסטאָמע די מאַנשאַפט, האָבן געביטן די רעדער פון האַרמאַט. ליובען האָט זיך אַפילו געדאַכט, אַז זי האָט דערקענט דעם טאַנק — דאָס האָט ער, מיט אַ צעבויגענעם האַרמאַט, אַ שטיק וועג

באַגלייט זי און סאַיִדאָוון, פאַרטויבט זייַ מאַמעש, ווען מע איז נאָר אַראָפּגעקראָכן אין ספּאַרטאַנאָוועקע פונעם נאַטשטשטאַדיוּוס מאַשין און געלאָזט זיך גיין צו די לוניאָווס. און דער פּלייציקער טאַנקיסט מיטן פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ, מיט וועמען סאַיִדאָוו האָט געשמועסט, איז אויך געווען אַזוי ווי יענער, וואָס האָט דעמלט אַרויסגעקוקט פונעם אָפענעם אייבערשטן טורעם.

אין צעך איז רוישיק געווען, דער טאַנקיסט און סאַיִדאָוו האָבן דעריבער גערעדט הויך און ניט געהערט, און ווײַל מע איז ביידע פאַרכאַפּט געווען — ניט באַמערקט אויך, ווי ליובע איז צוגעקומען האַרט צו זיי. איצט האָט, זשעסטיקולירנדיק מיט די הענט, גערעדט דער טאַנקיסט:

— אַ קלאָרע זאַך, פון סאַמע אינדערפרי זײַנען מיר דאָרט געווען, אָפן טאַנקאָדראָם, שוין אַפילע געקליבן זיך אָוועקפאָרן — עטלעכע שאָ געשאָסן, קאַראַטשקעט זיך אַרוף, אַראָפּ איבער די באַלקעס, ברענשטאָף איז געבליבן ווייניקלעך, סנאַריאַדן — ווייניקלעך, און מיטאַמאָל — טאַנקען, ניט אונדזערע! צוויי, דרײַ... זעקס שטיק! מיר וואָלטן נאָך עפּשער געטראַכט — וו:אַזוי, פונוואַנען? — זיצן אָבער אויף די פּאַנצערס סאָלדאַטן, נו, עמעסע פּריצן, צעכראַסטעטע, פאַטלאַטע, אָן פּילאָטקעס — פאַר אַ מײַל קאָן מען זיי אונטערשיידן פון אונדזערע, און מע עסט ווורשט, צי וואָס — עפּעס עסט מען... אייניקע כעוורע אונדזערע זײַנען אַפילע אין די טאַנקען ניט געזעסן, האָט דער קאַפּיטאַן באַפוילן: „יעדערער — אין זײַן מאַשין! צו דער שלאַכט!" און ס'איז אַוועק אַ קאַרוסעל... געדויערט האָט דאָס אַלץ מינוטן, נאָר כעוורע האָט באַוויזן קלאַס... און טאַקע דאָס אויך — מיר זײַנען נײַן, און זיי — זעקס, מיר ווייסן דאָ יעדער קער אָפן טאַנקאָדראָם, יעדער בערגל, יעדער טאָלעכל, און זיי... די פּריצן האָט עס פון די פּאַנצערס אַראָפּגעטראָגן, ווי אַ ווינט, מיר האָבן זיי דערנאָך אַלע אויסגעמישט מיט דער ערד, און פון די זעקס טאַנקען זײַנען אַוועק צוויי... מיר האָבן אויך געכאַפּט עטלעכע טשמעל — מײַן טאַנק, און נאָך — אָבער דאָס אַלץ וועט צוגעלאַטעט ווערן. איך מיין, מע וועט אַפילע די דײַטשישע טאַנקען קאָנען אויף אַ בוקסיר אָפּפירן אַהער.

סאַיִדאָוו האָט דערזען ליובען, אַ כמורע זיך געטאָן, נאָר געפרעגט פונדעסטוועגן באַם טאַנקיסט דאָס, וואָס ער האָט זיך געקליבן פרעגן:

— און יענע צוויי?

— דער סטעפּ איז גרויס. מיסטאַמע אָפּגעטראָגן זיך צוריק. זיי זײַנען דען ווײַט, די דײַטשן — דער זאַוואָד איז דאָך באַ זיי אויף דער מושקע... אָן אויסשפּירונג, מיסטאַמע, געמיינט, אַ טאַפּ טאָן דעם וועג אין שטאָט אַרײַן און געכאַפּט אין די ציין.

סאַיִדאָוו האָט געדרייט מיטן קאָפּ — ער איז ניט אינגאַנצן צופרידן געווען פון דעם, וואָס ס'איז דערציילט געוואָרן. קורץ אָפּגעזעגנט זיך מיטן טאַנקיסט, האָט ער אַ רוף געטאָן ליובען:

— קומט, מיר אײַלן!

ווען מע איז אַרויס אין הויף, האָט ער דערקלערט:

— איך ווייס, וווּ ראַזטשעפּקינס שוועסטער איז דאָ ניט ווײַט. זי איז פאַרוווּנדעט אין ביידע פיס.

3

די יעדי:ע, אַז טאַ:סיע אַפּאַנאַסיעוונע איז פאַרוווּנדעט, האָט ליובען געפּלעפט. ביז דעם מאָמענט האָט זי אַלץ, וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט איר און אַרום איר, פון זינט זי האָט זיך דערוווּסט, אַז מע שיקט זי אָפּ אַהיים, אויפגענומען כאָטש מיט אַ פאַרציטערט האַרץ, אָבער דאָך ווי עפּעס לאָגישעס, אָבער דאָס, וואָס זי האָט זיך אָקאָרשט דערוווּסט, און וואָס איז אויך געווען אַבסאָליוט מעגלעך, האָט דערשיטערט זי. אַלע זײַנען דורך פאַר אירע אויגן אין מעשעך פון איין מינוט: טאַ:סיע אַפּאַנאַסיעוונע, וואָווע, אירישע, וואַדים מיטראָפאַנאָוויטש, — ליובע האָט געגנוי באַנומען די גרייס פונעם אומגליק, וואָס האָט יעדן פון זיי געטראָפן. נאָר דאָס איז געווען אויך איר אומגליק. מיט דער גאַנצער שאַרפקייַט האָט זי מיטאַמאָל פאַרשטאַנען: זי האָט דאָך טאַקע אויסגערעכנט אויף טאַ:סיע אַפּאַנאַסיעוונעס, אויף די לוניאָווס הילף, אויסגערעכנט נעפּלהאַפּט און ציטעריק, ווי נעפּלהאַפּט און ציטעריק און אומפאַרמײַדלעך־האַרב ס'איז דאָס, צו וואָס זי גרייט זיך. אָבער איצט, וואָס וועט זײַן איצט?..

דער זאַוואָד איז באַשאָסן געוואָרן שוין ניט נאָר פון האַרמאַטן, — דאָס האָט ליובע אָפּגעמערקט גלײַך, ווי מע איז אַרויס פון צעך, און נאָך ביז דעם, ווי סאַיִדאָוו האָט געזאָגט, וווּהין מע אײַלט, — אינדערלופטן איז צוגעקומען דער נודנער גרילץ פון מינעס, וואָס רײַסן זיך מיט אַ קוואַק. די דײַטשן האָבן, הייסט עס, אַ שפּאַן געטאָן נאָך נעענטער.

זי האָט זיך געהאַלטן הינטער סאַיִדאָוון (ער איז געגאַנגען מיט שנעלע טריט, נאָר אין איין טעמפּ — אין זינען געהאַט, אַז זי קאָן ניט נאָכלויפן), זי האָט געזען די שטיוול זײַנע, יוכטענע, פאַרשטויבטע, מיט קאָס־אָפּגעטראָטענע אָפּצאַסן, זײַן ברוינע האַנט, וואָס האָט צוגע־

האלטן דעם פלאַנשעט בא דער זײַט, געזען אַף זײַן לינקן אַקסל דעם רוקזאַק, וואָס ער האָט בא איר צוגענומען, און אין קאָפּ האָט געפּיקט: „איןביידע פּיס — ס'האָט געטראָפן אין ביין, צי ניט, די אַדערן זײַנען גאַנץ, צי ניט?". זי האָט באַמערקט א געהאַרגעטן — אַן עלטערן מענטשן, א צונויפגעקאָרטשעטן לעבן א סטאָס אַפּאַקעס, און פאַרשטאַנען: „דער גוס־צעך". און באַלד איז געקומען נאָך א געדאַנק: „ס'האָט זי דען איינע פאַרווונדעט? אוואַדע ניט איינע..."

סאַידאָוו האָט פאַרקערעוועט אין א שמאָלן, טונקעלן אַרײַנגאַנג — א הינטערטיר, וואָס האָט געפירט אין א קעלער. באַם אַרײַנגאַנג זײַנען געלעגן עטלעכע הארוגים, צוגעדעקטע, דערי־קערשט די פּענעמער, מיט זעק. „די דאָזיקע האָט מען אַרויסגעטראָגן, צי אַפילו ניט אַרײַנ־געטראָגן, — האָט ליובע באַנומען, — די פאַרווונדעטע זײַנען אונטן — דאָרט בלײַב איך". דאָס איז געווען א באַשלוס, און כאָטש געקומען איז ער פונעם אומיטלבאַרן און הייסן געפיל, צו וועלכן זי האָט זיך צוגעווינט אַפן פראָנט — אומעטום, ווו עס זײַנען דאָ פאַרווונדעטע, דאַרף מען זי, — האָט זי זיך אויך אָפּגעגעבן א כעזשבן, אַז ס'איז דאָס איינציקע שטיקל ברעג, צו וועלכן זי האָט איצט געקענט צושווימען... ערגעץ טיף האָט, עמעס, באַוועגט זיך נאָך א גע־דאַנק: אומקערן זיך מיט סאַידאָוון אין דער דיוויזיע, נאָר עפּעס האָט זי שוין ווייניק געגלייבט, אַז ער אַליין וועט דאָס נאָך קאָנען טאָן.

אין קעלער, ווו די פענצטער זײַנען פאַרוואַלגערט געווען מיט זעקלעך זאַמד, האָבן געברענט עטלעכע ליכט, א „פלעדערמויז"־לאַמטערן, נאָר גוט באַשײַנט — פון הענגענדיקע קאַרביד־לעמפּ — איז געווען בלויז א ווײַט ווינקל, אַן אָפּגעצוימטס מיט א ברעזענט, און ליובע האָט פאַרשטאַנען: „דאָרט אָפּערירט מען". פאַרווונדעטע איז געווען א סאַך, זיי זײַנען געלעגן אַף טראָגבעטלעך און פּראָסט אַף ברעטער, אויסגעשפּרייטע אַפן צעמענטענעם דיל, געקרעכצט, אייניקע האָבן געשריגן פון היץ. ליובע — גלײַך באַם שוועל האָט סאַידאָוו זי דורכגעלאָזט פאָרויס — האָט ניט געוואָלט פאַרלירן קיין צײַט אַף זוכן, דערפאַר האָט זי, אײַנקוקנדיק זיך בלויז אײַליק אין די, וואָס זײַנען דאָ געלעגן און געזעסן אין דער האַלבער טונקלקייט, געלאָזט זיך גיין צום אָפּגעצוימטן ווינקל, מיינענדיק פרעגן דאָרט בא עמעצן פון פערסאָנאַל, ווו לוניאָווע איז. און פּלוצעם האָט זי עמעצער ניט הויך, פאַרכידעשט און ניט זיכער א רוף געטאָן:

— ליובע?

אין א קאַסקע, מיט אַן אויטאָמאַט אַף דער ברוסט, אין א מיליטערישער גימנאַסטיאָרקע, נאָר מיט א טונקעלן מאַנטל, אַן איבערגעוואָרפענעם איבער דער האַנט, און אין די שטענדיקע באַגילדעטע ברילן זײַנע, איז צוויי טראָט אין א זײַט געשטאַנען וואַדים מיטראָפאַנאָוויטש. דאָס פּאָנעם — דאַר, פאַרשפּיצט, שוואַרצע רייפן אונטער די אויגן, און די אויגן — זיי האָבן געברענט אומרויִק, פּיבערדיק, ווי בא איינעם, וואָס מע האָט אים פאַריאָגט אין א ווינקל, דאַן וועט ער דאַרף, ער מוז ווײַטער לויפן... טאַיִסיע אַפאַנאַסיעוונען, וואָס איז געלעגן אַפן דיל, דעם באַלאָנדן קאָפּ מיט די פאַנאַנדערגעוואָרפענע, צעטריפּעטע צעפּ אָנגעשפּאַרט אַף עפּעס א צונויפגעדרייטן מאַלבעש, און די פּיס צוגעדעקט מיט א טונקל־געקווייטלט שאַלעכל, האָט ליובע דערזען, — דערזען און דערקענט — אין א ווײַלע אַרום. טאַיִסיע אַפאַנאַסיעוונע האָט געקוקט אַף איר שווײַגנדיק, אָן כידעש, ווי עס קוקט א מענטש, וואָס דאָס שרעקלעכסטע איז מיט אים שוין געשען, און מער קיין אומדערוואַרטס, גוטס אָדער שלעכטס, איז ער ניט אימ־שטאַנד אופצונעמען.

— איבערגעבונדן שוין? — האָט ליובע געפרעגט בא וואַדים מיטראָפאַנאָוויטשן.

— איבערגעבונדן, — האָט ער געענטפערט, — נאָר דער כירורג האָט זי נאָך ניט באַטראַכט...

וואָס זשע איז שוין געווען צו פרעגן ווײַטער, און וואָס האָט מען געדאַרפט פרעגן, און וואָס — זאָגן? נאָך עפּשער א מינוט שווײַגן — א פּאַוזע, בייס וועלכער ליובע האָט מאַמאָשעסדיק געפילט, אַז עפּעס האָבן דאָ מאַן און ווײַב געהאַט צו דערלייזן, נאָר מע שווײַגט, סײַ ווײַל זי האָט זיך אַרײַנגעמישט, סײַ ווײַל אַליין די לייזונג איז ניטאָ, האָט זי געזאָגט, אָנווײַזנדיק אַף סאַידאָוון, וואָס איז געשטאַנען הינטער איר, און אָפּגעטראָטן א ביסעלע, קעדיי טאַיִסיע אַפאַנאַסיעוונע זאָל אים קאָנען זען:

— דאָס איז פון אונדזער פּאָליט־אָפּטייל — דער קאָמדיוו האָט אים געשיקט צו אײַך...

— אהאַ, — האָט בלויז אַרויסגעבראַכט מיט א שווערן קרעכץ די פאַרווונדעטע און מיד איבערגעפירט די אויגן אַפן מאַן.

ווידער האָבן ביידע געשוויגן, נאָר די דאָזיקע פּאַוזע איז געווען א קירצערע. וואַדים מיטראָפאַנאָוויטש האָט ניט הויך געפרעגט, ווענדנדיק זיך צו סאַידאָוון:

— איר האָט עפּעס א טראַנספּאָרט?

— דאָ — ניט. א מאַשין דאַרף וואַרטן אין ספּאַרטאַנאָווקע, באַם קאָנטראָל־פּונקט.

— וואָווע!..— האָט אַ קרעכץ געטאָן טאַ־סיע אַפּאַנאַסיעווע.

אויף אַ ווײַלע האָט דער קעלער, מיט די קײַלעכדיק־צעשוווּמענע פּײַערן, מיטן טונקעלן געקנויל פֿון פֿאַרוווּנדעטע אויפֿן דיל, זיך אַ וויג געטאָן בײַ ליובען פֿאַר די אויגן. נאָר זי איז אײַנגעשטאַנען אויף די פֿיס, בלויז צוגעביסן די ליפּן ביז ווייטיק. ס'איז איר קלאָר געווען: זי דאַרף גיין נאָך וואָווען, אַהין, קיין ספּאַרטאַנאָווקע...

ווען ליובע, וואַדים מיטראָפאַנאָוויטש און סאַ־דאָוו האָבן זיך אויפֿגעהויבן אויף די טרעפּ פֿון קעלער, האָט יעדער אַרויסגיין פֿון אים, האָט דאָרט געהערשט אַ שטופּעניש, אַ געדראַנג: פֿרויען, קינדער, עטלעכע אַלטע לײַט. מיסטאָמע איז מען געקומען צו לויפֿן צו די אייגענע, וואָס אַרבעטן אויפֿן זאַוואָד, און מע זוכט אַ באַהעלטעניש, נאָר אַהין, ווו די פֿאַרוווּנדעטע ליגן, וואַגט מען ניט אַראָפּלאָזן זיך.

די טרעפּ, די ציגלנע ווענט האָבן געוויגט זיך, און דער הילך איז געווען אַ מוירעדיקער. ניט צו פֿאַרשטיין בלויז — אַ ווײַטער, צי אַ נאָענטער, אַ דורכוויסיקער, צי באַשטאַנען איז ער דאָך פֿון אַפּטע, נאָר באַזונדערע אופֿרײַסן. און איבער אַלץ איז געהאַנגען אַ זשום, אַ נודנער, אָן אומופֿהערלעכער, אַזאַ, וואָס דרינגט דורך אינעם גוף און דריקט אויף אים פֿון אויסן, ווי אַ קלעפּיקע מאַסע.

— דער גאַנצער צענטער איז אין רויך! אַ כמאַרע!..

— דער צענטער? — וואַדים מיטראָפאַנאָוויטש האָט זיך פֿאַרהאַלטן לעבן דעם, וואָס האָט דאָס געזאָגט — אַן עלטערן מאַנצבל מיט אַ גוליע אויפֿן שטערן. נאָר אַ קוק געטאָן האָט ער ניט אויפֿן גוליעוואַטן, נאָר אויף ליובען, אַראָפּגענומען די ברילן און געקוקט אויף איר דורך די צוגעזשמורעטע, קימאַט שוואַרצע אויגן־לעפּלעך — פֿאַרשעריש און מיט זאָרג. ליובע האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט ערשט איצט באַמערקט דאָס, וואָס ער האָט ניט געזען אין האַלב־טונקעלן קעלער, און אַז עס האָט אים צעמישט, נאָר זײַן פֿאַרלעגנהייט — דאָס האָט זי אויך פֿאַרשטאַנען — איז אַרויסגערופֿן בלויז דערמיט, וואָס ער סאַפּעקט, צי וועט זי זײַן אימשטאַנד דערקלײַבן זיך צו וואָוועון און אָפּפֿירן אים קיין זאַיאַר, ווי זי האָט זיך אונטערגענומען. אין דעם מאָמענט איז עס פֿאַר אים דער איקער — עפּעס אַנדערש קומט אים אַפֿילו אויפֿן זינען ניט.

— פֿון די זאַכן שלעפּ גאָרנישט, ליובאַשע, — האָט ער אײַליק געגומען אַנזאָגן, אַפּשטויסנ־דיק לײַכט עמעצנס אַן עלנבויגן, וואָס האָט זיך אַנגעשפּאַרט אין דיסק פֿון זײַן אווטאָמאַט, — סײַדן אַ קלייניקײַט פֿאַרכאַפּ, דאָס סאַמע נייטיקע, נאָר אויב ניט — איז אויך נישקאָשע. איך וועל עפּשער ווי־עס־איז אַליין, שפּעטער. דאָס יאַטל. דעריקער — דאָס — אַריבער די וואָלגע.

— איך ווייס, איך ווייס, — האָט זי געענטפֿערט — קיין קויעך און קיין ווילן ניט געהאַט צוטראַכטן אַנדערע ווערטער, וואָס וואָלטן געפּאַסט בײַ דער צעשיידונג, — איך ווייס...

ווען ליובע און סאַ־דאָוו האָבן אין עטלעכע ווײַלעס אַרום פֿאַרלאָזט די באַהעלטעניש און זײַנען אַרויס אין הויף, האָבן זיי דערזען, אַז אַ יאַם פֿײַער און רויך האָט זיך אויסגעשפּרייט פֿון האָריזאָנט צו האָריזאָנט, און אַז דער זאַוואָד איז ווי אַן אינדזל אינעם דאָזיקן יאַם. ס'הייסט, סנאַריאַדן און מינעס האָבן מיט אַ פֿײַף, אַ פֿישטש, אַ שעפּטשערײַ זיך דורכגעטראָגן איבערן קאָפּ, ווי פֿריִער, און געריסן זיך מיט אַ קראַך, אַראָפּלאַנען האָבן זיך געדרייט איבער די קאָרפּוסן, געפֿלויגן אַרויף, אַראָפּ, געשאָסן פֿון קוילנוואַרפֿער, אָבער קיין באָמבעס זײַנען איצט ניט געפֿאַלן. די רויכן, וואָס האָבן זיך ווו־ניט־ווו געהויבן דאָ, זײַנען געווען גאָר קליינע אין פֿאַרגלײַך מיט יענע, וואָס האָבן אַרום־און־אַרום ווײַט וועקגעשפּאַרט אין הימל. ס'איז ניט שווער געווען זיך אָנצושטויסן, וואָס דאָס באַטײַט, נאָר סאַ־דאָוו האָט פֿונדעסטוועגן געזאָגט (און דאָס ערשטע מאָל האָט ליובען פֿאַרדראָסן, וואָס ער האַלט זיך ניט בײַ זײַן קלאַל — רעדן ווייניק):

— זיי מיינען נעמען דעם זאַוואָד אַ גאַנצינקן.

באַלד האָט ער געזאָגט נאָך אַ פֿראַזע — שוין טאַקע די לענגסטע, פֿון זינט ער באַגלייט ליובען:

— לאָמיר ניט בראַווירן איינס פֿאַרן אַנדערן און צובייגן זיך, אויב מע דאַרף...

געזאָגט האָט ער דאָס נאָך דעם, ווי אַ סנאַריאַד האָט עטלעכע שפּאַן פֿון דאָרט, ווו ער און ליובע זײַנען געשטאַנען, מיט אַ טרישטש צעריסן זיך אין אַ וואַגאָנעטקע, אין וועלכער מע פֿירט געווײנלעך צעשמאָלצענעם מעטאַל, און דאָס האָט זיי געראַטעוועט — די שפּליטערס זײַנען אַוועקגעפֿלויגן אַרויף. און ליובע האָט פּאַשעט פֿון אָרט זיך ניט געקענט רירן נאָך דעם, ווי מע איז דערלאָפֿן אַהער — עטלעכע צענדליק שפּאַן פֿונעם קעלער — און שטיין געבליבן קעדיי אַרומקוקן זיך. ס'איז געווען טאָג, נאָר עפּעס איז ווי צוגעפֿאַלן נאַכט — ווי בייס זון־פֿאַרטונקלונג. הימל און ערד האָט זיך געשפּאָלטן, און די רויכן — שוואַרצע, רויטע, בלויע,

פּיִאַלעטע, עסיק־גרלע און אפילו גרינע — די רויכן האָבן געזעצט אָן אופהער פון הימל צי פון דער ערד, און אין די רויכן האָבן זיך אומגעטראָגן אעראָפּלאַנען, גאַנצענע טשאַטעס, אין פּיל יאָרוסן, צונויפגעקומען זיך, צעשאָטן זיך, דורכגעטראָגן זיך אָט ווי שוואַרצע, אָט ווי זילבערדיקע פֿייגלען, דורכגעשווומען ווי פיש אין צעבויטעטן וואַסער, וואָס מע זעט עס דורך א גלאָז... ניין, ניט דאָס, — פאר דעם איז נאָך קיין פאַרגלײַך ניט געווען. אויב אלע לופט־אַנפאַלן, וואָס ליובע האָט געזען און איבערגעלעבט, צונויפגענומען צוזאַמען, וואָלטן זיי געשאַפן בלויז איין ווינקעלע פון אָט דעם גרויזאַמען און שוידערלעכן רונד־ארום. און אָן אײַנדרוק איז דערבײַ געווען, אַז דאָס קנאַלט גאַר ניט, עס דונערט ניט, עס הודזשעט ניט, עס פֿײַפט ניט — דאָס הערן זיך אָן א שיר מענטשלעכע געשרייען, ווײַטע, פאַרהוילענע, און נאָענטע — די לופט איז פול מיט זיי.

סאַידאָוו האָט א שלעפּ געטאָן ליובען פאר א האַנט, און מע איז אוועק, אוועק אהין, ווו ס'איז דער ארויסגאַנג פון זאוואָד. „לייגט זיך, גלעאָפּן, פאלט, אנו — ווײַטער!״ — אָן אופהער האָט זי דאָס געהערט, ליובע, א פאַרהלושעטע, און געפאָלגט — געפאלן, געפויזעט, געלעגן צוגעדריקט צו דער רויכיקער, צאַפּלדיקער ערד, גלעאָפּן אָן אײַנגעבויגענע... בא דעם וואַך־שטיבל פון זאוואָד איז דער טויער, א באַשלאָגענער מיט בלעך, געווען צעעפנט. ס'האָבן דורך אים ארויסגעצויגן זיך אפן פּלאַץ א קאָלאָנע טאַנקען מיט באוואָפנטע ציווילע און האלב־מיליטעריש געקליידטע מאַנצבלען אף די פּאַנצערס. אינדערלופטן האָבן גאַנץ נידעריק געדרייט זיך עטלעכע אונדזערע פאַרניכטלער, טעמפּ אָפּגעהאַקטע פון פאָרנט — „יאַקן״: זיי האָבן גע־שיצט די טאַנקען.

ליובע האָט זיך אײַנגעקוקט אין יענע, וואָס זײַנען געזעסן אף די פּאַנצערס, צוגעניוירעט מיט די אַקסל צו די שווערע טורעמס, אָנגעשפּאַרט מיט די פיס אין די באַקעס מיט ברענשטאָף, אין קריוקעס, צונויפגעדרייטע טראָסן, און געזוכט האָט זי וואַדים מיטראָפּאַנאָוויטשן. נאָר עפּשער איז ער גאָר געווען אף איינעם פון די טאַנקען, וואָס זײַנען שוין ארויסגעפאָרן פון טויער? ער האָט געזאָגט דאָרט, אין קעלער, ווען מע איז אוועקגעגאַנגען פון טאָיסיע אפּאַנאַ־סיעוונען, געזאָגט אי ווי פאַרענטפערנדיק זיך, אי אויסדריקנדיק דערמיט זײַן דאַנקבאַרקײַט, וואָס מע האָט פון זײַן קאַרק אראָפּגענומען אָט דעם באַרג — וואָוען: „מע פאַרפראַוועט די טאַנקען, און זעכציק מענטשן מײַנע וואַרטן, קעדיי זעצן זיך אף די פּאַנצערס...״

עמעצער — א מיליטערישער, אָן אָפּיצער — איז אָנגעפאָרן פון זאוואָד אף א מאָטאָציקל און האָט, ניט אויסשליסנדיק דעם מאָטאָר, געגומען וואַרטן באַם טויער, דער וועג זאָל זיך באַפרײַען. מיטאַמאָל איז ער צוגעפאָרן צו סאַידאָוון, וואָס האָט זיך פאַרקוקט אף די טאַנקען, און הויך, מיט א צוגעלייגטער דלאָניע צום מויל, אים א רוף געטאָן:

— כּאַסאַן!

— גאַסטיעוו... כאַוועד מאיאָר! — האָט זיך דערפרייט סאַידאָוו.

ביז די טאַנקען זײַנען ניט דורכגעפאָרן, האָט מען גאָרנישט ניט געקענט רעדן מער, געפרוווט זיך בלויז פאַרשטענדיקן מיט זשעסטן. דער מאַיאָר איז געווען אין א קאַסקע, פון אונטער וועלכער ס'האָבן זיך ארויסגעזען העלע, אויסגעברענטע ברעמען — קימאַט ווײַסע אפן פּאַרווינטיקטן פּאַנעם. ענדלעך האָבן ליובע און סאַידאָוו דערהערט, וואָס ער זאָגט:

— איך בין דאָ א פאַרבינדונגס־דעלעגאַט, דעם פּאָדפּאָלקאָווניק קרעמעזעס!

— קרעמעזעס? פונעם נײַעם קאָמאַנדע־פּונקט? ווו איז ער, קרעמעז? — האָט סאַידאָוו זיך געכאַפּט.

— ניט דאָרט, ווו מע האָט געזאָלט זײַן, — נעענטער, א סאַך נעענטער אהער, נאָר דאָס איז עס דאָך — איך דארף אים נאָך אויך א זוך טאָן... — דער מאַיאָר האָט אײַנגעשלאָסן דעם מאָטאָר, אָבער בלויז א פּרווו געטאָן, צי ער שליסט זיך גוט אײַן; ער האָט, עמעס, מיטביידע הענט געהאַלטן זיך פאַרן ברייטן רודער, באַוויַיזנדיק דערמיט, אַז ער אײַלט, ער מוז אײַלן.

— און וואָס איז דאָ? — האָט סאַידאָוו פאַרדײַגעט געפרעגט, באַווײַזנדיק מיט א קער פונעם קאָפּ אפן זאוואָד.

— פאַראַן דאָ א העכערע קאָמאַנדשאַפט, — גאַסטיעוו האָט צי בעקיוון אָפּגעגייגט זיך פון א פּינקטלעכן ענטפער, צי פּאַשעט ניט געוואָלט פאַרהאַלטן זיך אף דעם, — און קרעמעז — דו געדענקסט אים, כּאַסאַן, פון דאַרעם־פראָנט? ניין? דאָס איז א באַהאַוונטער קאָמאַנדיר... ער האָט א קערעווע געטאָן קונגוראָווס פּאָלק אהין, ווו... דער גענעראַל — דאָ איז א גענעראַל געשטעלט געוואָרן, א טאַנקיסט — רעכנט שטאַרק אויס אף דעם, נאָר די ראַציע, וואָס איז דאָ בא קרעמעזן, שווײַגט עפּעס, האקלאַל... און דו, וואָס קלײַבסטו זיך טאָן? — גאַסטיעוו האָט בעסער אָנגערוקט די קאַסקע אפן שטערן און אומגעדולדיק, פון אונטער איר ראַנד, א בליק געטאָן אף סאַידאָוון. — וועסט זיך עפּשער זעצן, צי דו דאַרפסט דאָ זײַן?

— מיר זײַנען אינצווייען, — האָט סאַידאָוו קאַלטלעך געזאָגט.

— יאָ, נאָר דער סערזשאַנט איז דאָך... איך האָב געזען — מע האָט זי ערגעץ פאַרנומען...

— זי גייט קיין ספּאַרטאַנאָווקע, — האָט סאַידאָוו שוין אויך א ביסל אומגעדולדיק, און א ביסל צעערגערט, דערקלערט, — און איך דאַרף דאָרט, באַם קאָנטראָל־פּונקט, וואַרטן אַפן נאַטששטאַדיווס מאַשין.

דער מאַיאָר האָט ווידער אָנגעדריקט אַפן פּעדאַל, דער מאָטאָר האָט א קלאַפּ געטאָן אימ־פּעטדיק, הויך, און באַלד — שטילער, רעגלמעסיק.

— פאַרשטייסט, וואָס דו רעדסט, כאַסאַן? — האָט גאָסטיעוו העכער געזאָגט, אויסדריקנדיק דעם צווייפל אויך מיט א שאָקל פון קאָפּ, — אין ספּאַרטאַנאָווקע — וואַרטן... און וווּהין וועט איר פאָרן? הינטער אַרלאָווקע, זוכן קרעמעזן... מיילע, איז ארופנעמען דעם סערזשאַנט? הײַדא!

ליובע האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. מיטאַמאָל האָט זיך איר זייער פאַרוואָלט, סאַידאָוו זאָל אוועקפאָרן — אי ווײַל די געלעגנהײַט איז א גוטע, ער וועט באַלד זײַן דאָרט, ווו ער איז מעכוייעוו צו זײַן, אי ווײַל ער האָט זי שוין א ביסל געענגט מיט זײַן אָנוועזנהײַט, מיט זײַן זאָרג. עס האָט זיך איר געוואָלט, מע זאָל זי אַפן דאַכטן, אז ווען זי זאָל איצט זײַן אליין און קאָנען טאָן אַלץ אַזוי, ווי עס באַקומט זיך, ווי דער סייכל איז מיסכײַעוו, וואָלט איר בעסער געווען.

— עלטערער פּאָליטרוק — פאָרט! — האָט זי אײַליק געזאָגט. — איך בין דאָך אין דער היים! איך וועל זיך א שלײַך טאָן איבער דער באַלקע, דורך די גערטענער, ווי א סוסליק... — זי האָט מיט אַן ענערגישער באַוועגונג אַראָפּגענומען דעם רוקזאַק פון זײַן אַקסל, און מיטאַ־מאָל, בעקיוון הארב, קעדיי דערשטיקן די טרערן, וואָס האָבן זיך איר געשטעלט אין האַלדז, קימאַט אויסגעשריגן, — מע האָט אײַך דען געשיקט אַהער, איר זאָלט זיך מיט מיר ארומפירן? פאָרט!

סאַידאָוו האָט נאָך געקוקט אַף איר א ווײַלע מיט זײַנע טונקעלע, שמאָל־פאַרשניטענע אויגן — דאַנקבאַר, אָבער אויך מיט פאַרדראָס, א קורצן מאַך געטאָן מיט דער דלאָניע און פלינק אריבערגעוואָרפן א פוס איבער דעם הינטערשטן זאָטל פונעם מאָטאָציקל.

(פאָרזעצונג קומט)

מאַטל גרוביאַן

אונטערן רעגנבויגן

דאָס פידעלע

ס'רעגנט. זומערדיקע ביימער
טראָגן מיך איבער דער שטאָט
אַף די הענט,
כ'וואָלט אַף די צווײַגן
אַזוי געקענט
א ביסעלע פאַרשטילן ס'געשריי
פון מײַן שיינעם כאַלעם,

פיל איך, ערגעץ נאָענט ברענט
אַף טרוקן האָלץ
אונדזער פידעלע פון שאָלעם,
יעדער סטרונע — צער און ווײ!
לויף איך דורך רעגן,
צו דעם פײַער, וואָס גליט,
א פאַרעטער איך באַגעגן —
ער אין קייטן מיך שמידט.

• •

אין די געטאָס מיך געשאָסן,
אין די וועלדער מיך געהאנגען,
מיך געטרונקען אין די ברונעמס
און געקאָסעט מיך ווי זאנגען,
אין די גאַז-אויוונס געשטיקט,
גאַנצע שטעטלעך אויסגעראָטן, —
און צוריק בין אופגעגאנגען,
אלע טויטן כ'האָב באַזיגט.
זאָג איך צו מײַן שיינער פעדער:
קום אַרײַן אין מײַנע סעדער,
אײַנגעבויגן זאָלסט ניט זײַן!

ביסטו דאָרשטיק, טרינק צו זאַט
פון מײַן ברונעם, פון א בלאַט,
וואָס איז פול מיט טוי באַשאָטן.
איך וועל איצטער זײַן דײַן שאָטן,
בייג זיך מער אָבער ניט אײַן,
בעסער שטעך זיך מיר אין הארץ אַרײַן,
דאָרט דײַן דאָרשט וועסטו פאַרלעשן,
אין די שכיטע-טעג פאַרגעסן!

טרערט מיט טוי מײַן צאַרטע פעדער,
קוקט אין ברונעם טיף זיך אײַן,
ווען סע דרעמלען מײַנע גרינע סעדער.

מיט קאַפּוליער שליאַך

קיין נײַע אָרעמלײַט
קומען ניט צו, דאנקען גאָט,
און די אלטע
זײַנען אויסגעשטאָרבן;
און מענדעלעס טאָרבע
הענגט מער ניט
אַפן האלדז בא דער שטאָט,

און די געלע זלאַטע
טראָגט קיין האָרב ניט.
אירע אויגן —
טוי פון פרילינג-פעלד,
ווו די זון אויס-שטאָט
האָט א פּאַס העקדעש-טרערן
אַרויסגעקאַטשעט.

און קיינער, באַהיט גאָט,
שלעפט זיך דאָ ניט נאַווענאַד.
און אַף קאַפּוליער שליאַך
וויינט ניט ביז בלוט
די פאַרשמיסענע קליאַטשע.

אַמאָר מענדעלע,
פרישער רעגן
גאַטס וועלטל באָדט —
און ניט דאָס בין איך אויסן,
פון די האַלאַבליעס
די אַרעמקייט ז׳ארויס
אויס־שטאָט —
און ייִדן פון „קליינעם מענטשעלע״

טראָגן ווידער די קישנס
אין אויסגעשטערנטן אינדרויסן.

דאָס „ווינטשפינגערל״
קייַקלט זיך מיטן קאַפּוליער שליאַך,
ווער ווייסט, ווו ער ענדיקט זיך?..

זיידעניו, זיידע!
האָב א גוטע נאכט;
כ׳גיי לערנען א פּאָסעק — „מענדעלע״.

קיין נייַע אָרעמעלייַט
קומען ניט צו, דאנקען גאָט!
און די אלטע
זייַנען אויסגעשטאָרבן.

א וואָגן אין פעלד

צו פרי דער וועלט
א זיי־געזונט זאָגן,
ווי ניט קאַרקען
עס זאָל די סאָווע.

ס׳שטייט אינמיטן פעלד
מייַן וואָגן,
פול מיט קסאָווים.
און די פערדלעך,
אויסגעשפאנט,
דערווייַל זיך פּאַשען.

איידער פאָרקען
כ׳נעם זיך
אין די קסאָווים,
צו דעם טייַך
איך לויף די הענט
צעוואַשן —
לידער הייליקע
א גאנצער וואָגן,

פון פלאַם־פייַער
ארויסגעטראָגן,
דורכגעווייקטע
ניט פון רעגן,
פון מייַן בלוט
אַף אלע וועגן!

וואָס זשע קאַרקעט
נאָך די סאָווע,
אז ס׳וועט שוין מער
ניט טאָגן —
מיר דאָס לעבן
זיך פאַרלענגערט,
ווען איך שפּאַן די פערד
אין וואָגן
און זאָג זיי צו אַן אָס
פאַרטייַטשן
פון די גערעטעוועטע
קסאָווים.

א טרער

כ׳בין א גאַנץ לעבן
ארום א טרער
געלאָפן —
כ׳האָב געקענט זי
מיט א בערגל פאַרגלייַכן,
די זון
אין איר געזען,
ווי אין א שפּיגל.
כ׳האָב נאָך ניט געוווּסט
דעם אומגליק,
וואָס איז נאָענט
מיט מיר געשלאָפן,
פון דעם בערגל
א פלייץ געטאָן

האָבן צעבונטעוועטע טייַכן,
און איך קעגן שטראָם
בין ארויס אקעגן —
ניט קיין טייַך, נאָר א יאַם,
פאַרשווענקט
אלע ברעגן,
וויש אָפּ די טרער,
זאָלן ניט די אויגן!
מאָרגן גאַנצפרי
וועט די אלטע ערד
ארויס אָן טרויער
דורך דעם טויער
פון פרישן
און יונגן
רעגנבויגן.

באם יעניסיי

ווי איך מיט מײַן סייכל פארשטיי,
געווען איז פראָסט דער פארטראַכט
פון וועלט־באשאף, ווי צוויי מאָל צוויי:
גאָר די וועלט — איין בארג שניי,
אונטן א טײַך — די אנגארא,
צי דער „שייני לעמיילעך"
פון אלע טײַכן — דער יעניסיי —
און אָט האָסטו ס׳וועלטל,
צי איז, מענטש, דיר קארג?

זײַנען אלע מאלאָכים געווען קעגן:
ס׳טוט א בלאָז א שטארקער ווינט,
א וויכער, צי א רעגן,
די זון הייבט אוף זיך, און פײַער
אף אָפבראָטן א קארטאָפל צינדט,
איז אויס וועלט — אויס בארג שניי?!
ס׳האָט דעמלט קיין גראָשן די ווערט,
אזא בעעמעס זינלאָזע מעלאָכע,
דעם פראָעקט באגראָבן די מאלאָכים.

איז א געדאנק געווען: שאפן די וועלט
ניט פון פראָסט און ניט פון שניי,
ניט בא דער אנגארא, ניט באם יעניסיי.
דאפקע ערגעץ בא א יאם גראדע —
פון פעלדזן און שטיינער,
איז אָבער ניט געווען קיינער,

ווער ס׳זאָל טראָגן אף זיך שטיינער —
ליגן זיי איצט באם יעניסיי.

דער דריטער פארטראַכט מער געפעלט מיר:
גאָר די וועלט באשטייט פון איינע וועלדער,
ווו מענטש און כײַע לעבט,
מיט ליבע־פלאם רימט גאָטס ווערק —
מיט הערצער העלישע, טרײַע.

דאָך, ס׳טויג ניט. דער מענטש,
ער וועט אומברענגען אפילע די שטילסטע כײַע.
און דאן איז דער שעפער
געוואָרן ׳זוי טרויעריק:
אף כויזעק באשאפן די וועלט,
צי אינגאנצן ניט דערבויען זי?..
א האלבע נאכט אָפגעזעסן, מיסטאמע,
ניט ווייניקער, ווי ביז אזייגער צוויי.
דערנאָך פון דעם הימל
אראָפגעלאָזט צו דער ערד א קאָנטיינער
מיט בערג און מיט וואלד, מיט יאם
און מיט שטיינער.
און די מענטשן? דאָס הארץ
זאָל אים אזוי ניט ווי טאָן פאר זיי —
א גאניידן פאר זיי
ער שאפט באם יעניסיי.

באם פענצטער

הער זיך אײַן, בערל!
קריך ניט
צום רעגנבויגן
מיט דײַן שערל,
מאך ניט מעשוגע די וועלט.
מע דארף איידל זײַן
כאָטש א ביסל:
דו האָסט זיך צום רעגנבויגן
אפן פענצטער געשטעלט
און ס׳הארץ מיר צעריסן,
מיט דער פלייצע
דעם הויכן הימל פארשטעלט;
פײַכט,
ווי דער רעגנבויגן,

זײַנען מײַנע אויגן,
איך פארשטיי ניט די וועלט?

קוקט אף מיר בערל,
טרעפט אין מײַן נעשאָמע
מיט זײַן נאָדל־פאָדעם
און פארצויגן
א זעמערל זינגט,
דאָס פרעסל צעוויגט.
— צי, ווייסטו, בען־אָדעם,
אז דו ביסט אין הימל
קעסיידער געפלויגן —
און בא מיר
אונטערן שערל
דער רעגנבויגן ליגט?

ריווקע רובין

ווען די ייִנגלעך זײַנען אויסגעוואַקסן

באַרעך האָט זיך ארויסגעגאַנוועט פון דער פּאַלאַטע און פאַרשלאָגן זיך אין דער סאַמע טיף פונעם שפּיטאָל־גאָרטן. ער האָט זיך צוגעזעצט אַף דער ערד, דעם פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן דעם הילצערנעם פּאַרקן. אהער וועט זיך איצט קיינער ניט באַווײַזן. דאָרט, אין דער פּאַלאַטע, אין די שמאָלע דורכגענג צווישן די שפּיטאָל־בעטן, טאַנצן מיט דריבנע טריטעלעך שילערנס, אַלע טונקלהויטיקע און שמאָל־אויגיקע. טאַנצן און ציִען א ניגן, וואָס האָט ניט קיין אָנהייב, האָט ניט קיין סאָף. אַזוי האָבן געזונגען זייערע זיידעס, וויגנדיק זיך אַפן רוקן פון א מילדן אייזעלע מיט קורצע פיס און גרויסע אויערן. די מיידעלעך פאַרהייבן אין טיפן ערנסט די הענט און פּליעסקען צו צום טאַקט פונעם טאַנץ און דעם ניגן.

באַרעך האָט געוווּסט: די ליגנדיקע קראַנקע וועלן בלײַבן ליגן און די גייענדיקע וועלן נאָכגיין פון פּאַלאַטע אין פּאַלאַטע די פיר שילערנס, וועלכע זײַנען געקומען מיט זייער זינגען און טאַנצן פאַרווײַלן די פאַרוווּנדעטע. האָט באַרעך די ברייִרע — איצט, שוין אין פולער איינזאַמקײַט, צום ווײפלטן מאָל פאַרן הײַנטיקן טאָג איבערלייענען די צוויי בריוו, וועלכע ער קען שוין אַף אויסווייניק:

„לויט די ידיעות, וואָס מיר פֿאַרמאָגן, איז אײַער פֿרוי דינא יאַקאָוולעוונא הורוויטש און אײַער מוטער ראַכיל יאָסיפֿאָוונא הורוויטש פֿאַרהאַלטן געוואָרן פֿון דער געסטאַפּאָ דעם צווייטן יאַנוואַר 1943, אינעם דאָרף פּאָסטילניקי. זייער ווײַטערדיקער גורל איז אונדז אומבאַוווּסט. וועגן אײַער קינד האָט זיך אונדז גאָרנישט ניט אײַנגעגעבן פֿעסטצושטעלן".

דין פּאַפּיראָסן־פּאַפּיר, ווי א מאַצייווע־שטיין האַרט. אויסיִעס שוואַרצע און פֿעטע, ערשט פֿון אונטערן פֿרעס פֿון דער שרײַבמאַשינקע אַרויס. און א כסימע פֿון אונטן. א זיכערע, א געשלענגלטע, מיטן עקעלע אַרויף, אויך א שטעמפּל דערבײַ. ניטאָ קיין אָרט פֿאַר קיין ספֿייקעס. כאַטש... „זייער ווײַטערדיקער גורל איז אונדז אומבאַוווּסט"... וואָס איז שוין דאָ צו וויסן? גאַנץ גיך דערגאַנגען דער בריוו. דרײַ וואָכן סאַכאַקל אין וועג.

ווען ס'איז געשטאָרבן באָרעכס זיידע, אויף זײַן אייגענער בעט, געוויינלעך, און רעפֿועס אין פֿלעשעלעך און אין פּודעלעך זײַנען געווען אויסגעשטעלט אויפֿן טיש בא זײַן געלעגער, האָט א שכיינע געטרייסט זײַן באָבען: „ס'איז דאָך פֿאַר אײַך ניט אומדערוואַרט. צוויי יאָר, נעבעך, געמוטשעט זיך. און וואָס אויפֿצוּוואַרפֿן זיך האָט איר אויך ניט. איר האָט געטאָן אַלץ, וואָס איר האָט געקאָנט". אָבער שימעלע, דינע, די מאַמע... מיט דרײַ יאָר צוריק סאַכאַקל, אונטער דער שטאָט האָבן זיי זומער געלעבט, זײַנען צוויי פֿרויען געגאַנגען אין געוועט, וועמעס זון איז שימעלע — דינעס, אָדער דינע און שימעלע זײַנען ביידע דער מאַמעס קינדער, א זון מיט א טאָכטער. אַלע פֿרישע, געזונטע. צי האָט באָרעך געטאָן פֿאַר זיי אַלץ, וואָס ער האָט געקאָנט? ווער ווייסט? וועגן דעם איז גלײַכער ניט צו טראַכטן. ער איז אין סאָפּעק, צי האָט אַפֿילע די באָבע זײַנע, וואָס איז ניט אָפּגעטראָטן פֿון איר מאַן ביז זײַן לעצטן אָטעם, געגלייבט, אַז זי האָט געטאָן פֿאַר אים אַלץ, וואָס זי האָט געקענט. און דער צווייטער בריוו, פֿון יעלענא מאַקסימאָוונען... עס שטימט.

14 סענטיאַבער 1944.

טײַערער באָריס!

באַקומען דײַן קורץ בריוול. איך קלײַב זיך אויך ניט צו זײַן שטאַרק באַריידעוודיק. איך וואָלט געהאַט דיר גוטס אָנצוזאָגן, וואָלט איך געשריבן לענגער, ווײַל מיר האָבן זיך שטאַרק פֿאַרבענקט נאָך דיר, איך און לעאָניד. שוין א יאָר אַדורך, זינט מיר זײַנען פֿאָטער געוואָרן פֿון די דײַטשן, און דאָך אַזא פּוסטקע אַרום. מיטאַמאָל — א ידיעה פֿון דיר. קאָנסטו פֿאַרשטיין אונדזער פֿרייד. פֿאַרוווּנדעט, ווײַזט אויס, ביסטו געווען גאָר ערנסט. וועגן דעם אָבער ווילסטו ניט ריידן. וועל איך צו דיר איבעריקס ניט צושטיין. אבי מע שרײַבט דיך שוין אינגיכן אויס, איז גוט.

וועגן דײַניקע... אויסבאַהאַלטן פֿון דיר דעם עמעס איז נאַריש. איך פֿאַרשטיי, אַז צוגעגרייט ביסטו פֿון לאַנג. צו דעם ערגסטן. ביסט א מיליטערמאַן. ניט ווייניק געזען, ניט ווייניק געהערט. איז שטאַרק זיך, מײַן טײַערער. איך וועל דיר שרײַבן קלאָר און אָפֿן. געדאַרפֿט עפּשער צוּוואַרטן, ביז לעאָניד וועט קומען. ער איז יונג. וואָלט אים עס עפּשער אָנגעקומען גרינגער. נאָר גיי ווייס, ווען ער וועט קומען. ער איז שטאַרק פֿאַרטאָן אין אויפֿשטעלן דעם זאַוואָד. ווייסט ניט פֿון קיין טאָג און קיין נאַכט. און דו וואַרטסט דאָך. ביז עס דערגייט איצט א בריוו, קריכן די אויגן פֿון קאָפּ אַרויס. שרײַב איך דיר, ווי די זאַך איז.

דינא יאַקאָוולעוונא מיטן קינד האָבן א צײַט זיך אויפֿגעהאַלטן בא אונדז. דעם 30 דעקאַבער 1942 איז סימאָטשקע קראַנק געוואָרן (איך ווייס ביז איצט ניט, אויף א וואָסער קרענק). דעם 31־טן, פּונקט אויף נײַ־יאָר האָבן מיר אים שוין מעקאַבער געווען. דעם 2 יאַנוואַר, באַנאַכט, איז דינע אַוועק צו דײַן מאַמען, אינעם דאָרף פּאָסטילניקי, און מער האָבן מיר זיי ניט געזען.

אָנהייב מילכאָמע איז צו אונדז אין שטאָט אָנגעקומען דײַן שוועגערן זאָיע. פֿון אונדז האַלט זי זיך פֿונדערווײַטנס. איך ווייס ניט פֿאַרוואָס. אויף יעדן פֿאַל שיק איך דיר איר אַדרעס. עפּשער ווייסט זי עטוואָס מער פֿון מיר. דײַן בריוו צו אונדז האָט זי געלייענט. דעם אַדרעס אַראָפּגעשריבן. וועסטו אויך פֿון איר באַקומען א ידיעה.

באָריס טײַערער, וויאַזוי זאָל איך דיך טרייסטן? ניטאָ קיין ווערטער דערויף. איך נעם דיך אַרום און וואַרט אויף דײַן קומען אַהיים.

מיט ליבע און פֿרײַנטשאַפֿט
יעלענא טשיסטיאַקאָווא

וועגן וואָס טראַכט ער איצט, באָרעך הורוויטש, וועלכער זיצט אין אומנאַטירלעך אויסגעגלײַכטער, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָנעם הילצערנעם פּאַרקן? בייס אין אומגליק, וואָס איז ניט צו פֿאַריכטן, טראַכט דען א מענטש? עפּעס מעשונעדיקס, אומזיניקס דרייט זיך אין די געהירן,

רופט זיך אָפ מיט א ווייטעק אין האַרץ. א מענטש אין אומגליק איז קוידעמקאָל באַליידיקט, איבערהויפּט א שטאַרקער מענטש. ער איז דערנידעריקט פון דער אייגענער אומבאַהאָלפנקייט, פון דער אומפייִיקייט אומצוקערן דעם פאַרלוסט. פאַר־פאַלן... דאָס איז שוין א הויכע מאַדרייגע פון צאַר. דאָס הייסט שוין פאַרשטיין. צו דעם וועט באָרעך קומען שפּעטער. אָבער איצט, ווען ער זיצט איינער אַליין אויפן פּייַכטן גראָז... א טעמפּקייט, א פּוסטקייט.

Калинка, калинка моя,
В саду ягодка, малинка моя. . .

אין שפּיטאָל זינגט מען עס. גראָבע מענער־שטימען. א וויכערדיקער טעמפּ. א ווילינגער־רישער פּייַף. באָרעך האָט זיך געכאַפּט, צו זייַן גרויסער פאַרווּנדערונג, אַז ער זינגט מיט. ניט אָף א קאָל. ניין, אינווייניק אין אים האָט עס געזונגען. און מיטן זעלבן ניגון. פון דער „קאַלינ־קע"... „אין דאָרף מייַנע ליבע פאַרכאַפּט, מייַן פרוי און מייַן מאַמען פאַרכאַפּט". באָרעך האָט אופגעציטערט, פאַרשטעלט זיך מיט די הענט דאָס פּאָנעם: „דינעלע, דינע, מייַן דינינקע דינע..."

פון יעלענא טשיסטיאַקאָווא צו באָרעך הורוויטשן

30 אָקטיאַבער 1944.

טייַערער באָריס!

וועגן דאַווידן קאָן איך דיר גאָרנישט ניט שרייַבן. קיין בייז, גאָט באַהיט, האָט מען זאָיען ניט מיטגעטיילט, נאָר קיין בריוו, זאָגט זי, באַקומט זי אויך ניט. קיין ווּנדער איז עס ניט. זאָיע זוכט אים, און ער זוכט זי. און דיך אויך. אַזוי גרינג קומט עס איצט אָן אופצוזוכן א מענטשן? ער איז אויפן פראָנט. זאָיען האָט ער איבערגעלאָזן בא דער סאַמע גרענעץ. דו ביסט אויך געווען אויפן פראָנט, דערנאָך א היפּשע צייַט אין שפּיטאָל. הייַנט ווי האָט ער געקאָנט מיט עמעצן פון אייַך זיך פאַרבינדן? עמעס, דאָס ערשטע, וואָס האָט אים, פּונקט ווי דיר, געדאַרפט קומען אויפן זינען, איז אָנפרעגן זיך בא אונדז, ווי נאָר די שטאָט איז באַפרייַט געוואָרן. נו, איז אים דאָס דאַפקע ניט אייַנגעפאַלן. טאָ לאָמיר האָפן.

ווידער פרעגסטו מיך, פאַרוואָס שרייַב איך דיר גאָר וועגן לעאָנידן און וועגן וואָראָטשקען גאָרנישט. ווען איך ווייס, ווּ זי איז, מייַן וואָראָטשקע... דאָס לעצטע מאָל האָב איך זי געזען אין דער אָפענער טיר פון א לאַסט־וואַגאָן. א פאַרוויינטע, מיט א קליין קלומעקל אין די הענט. דערנאָך האָט זיך די טיר פאַרמאַכט. מיט א פאַרוקער פאַרוקט. איך וואַרט. איך האָף. די מיל־כאָמע איז דאָך נאָך ניט פאַרענדיקט.

איך זאָל פון דיר גאָרנישט ניט אויסבאַהאַלטן, שרייַבסטו. דערציילן גענוי, מיט אַלע איינצל־הייַטן. וואָס האָב איך שוין פון דיר אויסצובאַהאַלטן, טייַערער, אַז דאָס ערגסטע איז געזאָגט געוואָרן. און ביכלאַל... פאַרצייַטנס, אַזוי האָבן מיר געלייענט אין די ביכער, האָט א מענטש געקאָנט אַראָפּגיין פון זינען אָדער שטאַרבן אַפילע פון ניט געטיילטער ליבע, לעמאָשל. אַזעלכע שוואַכלינגען... מיר זייַנען, ווייַזט אויס, גאָר פון אַן אַנדער טייג געקנאָטן. אָט איז מייַן וואָראָ־טשקע ווי אין וואַסער אַרייַן. פון סאַמע יענעם טאָג, ווי כ'האָב זי געזען שטיין בא דער אָפענער טיר פונעם לאַסט־וואַגאָן און אַן אייַזערנער ריגל האָט זי אָפּגעטיילט פון מיר. א שטאַרקע מענערשע האַנט האָט פאַריגלט דעם דאָזיקן ריגל. די האַנט איז געווען א יונגע. איר אייגנטימער איז געווען אַוודע אין איין עלטער מיט פיל פון די, וועלכע ער האָט אָפּגעטיילט פון אונדז, די פאַרבליבענע. און ס'האָט אים גאָר ניט געאַרט, וואָס הינטער דער פאַרשפּאַרטער טיר צאַפּלען אַזויפיל יונגע לעבנס. און איך האָב עס צוגעקוקט. איך, אַן אַלטע פרוי. ניט אַראָפּ פון זינען. ניט געשטאָרבן. איך לעב. א מענטש פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט בין איך. איז מייַן האַרץ פון שטיין.

איך וועל דיר צוליב טאָן. כ'וועל דיר אַלץ באַשרייַבן, אַלץ. איז דאָס מעגלעך? און אַז איך וועל דיר אָנשרייַבן הונדערט בריוו, וועט דאָס זייַן אַלץ?

באַשרייַבן דיר טאָג נאָך טאָג דינעס און סימאָטשקעס לעבן אין דער באַהעלטעניש, אַזוי בעטסטו. און ווי זייַנען זיי צו דעם געקומען, ווילסטו וויסן. שפּעטער א ביסעלע, שפּעטער. ניט אַלץ מיטאַמאָל. הייַנט נעם איך זיך פאַרן שווערסטן. איך מוז זיך עס אַראָפּריידן פון האַרצן. און פאַר דיר איז אויך אַזוי בעסער. לאָמיר צוזאַמען אַריבערטרעטן די שוועל פונעם 1942 יאָר. זאָל זייַן, ס'איז א שפּרונג אין אַן אָפּגרונט. עס איז דאָך אָבער געווען...

צום גליק... ווי אַטאַוויסטיש עס קלינגט אונדזער לאָשן. יאָ, איך האָב דאָך שוין אַרויסגע־כאַפּט זיך מיטן וואָרט „גליק", טאָ זאָל זייַן אַזוי. יענע נאַכט, דעם 31 דעקאַבער, האָט לעאָניד

גענעכטיקט אין דער היים. זײַנען מיר זאלבעדריט געזעסן בא סימאָטשקעס געלעגער (ווערעס פרײַ געוואָרענע בעט). געזעסן אינדערפינצטער און געשוויגן. דינע אויך אזוי. ניט קיין זיפץ. ניט קיין טרער. וויפל זײַנען מיר אזוי געזעסן, ווייס איך ניט. ענדלעך, בין איך ארויס אין קיך, ארײַנגעטראָגן פון דאָרט דעם קעראָגאז. אוועקגעשטעלט וואָרעמען א טאָפּ וואסער. בעמיילע איז שוין אויך דאָס צימער עטוואָס באלויכטן געוואָרן. ווען איך בין שפעטער צוגעקומען צום קעראָגאז, קעדיי אראָפּצונעמען דעם הייסן טאָפּ, האָט זיך דינע האסטיק אופגעהויבן, ארויס־געכאפּט די טוך פון מײַנע הענט:

— לאָזט מיך... איך וועל אלץ אליין...

זי האָט ארומגעוואשן דאָס קינד. אָנגעטאָן אים אינעם בלויען וואָלענעם גארניטערל, אינעם ווינטערדיקן מענטעלע, אפּן קאָפּ דאָס פּייִנע היטעלע, הענטשקעס אף די הענט, מיט זאָרג ארומגעבונדן דעם האלדז מיט א שאלעכל. א ווײַלע פארטראכט זיך און דערנאָך ארופגעצויגן דעם קינד אף די פיס זײַנע וואָליקלעך. געגומען עס אף די הענט.

מיר זײַנען זאלבעדריט ארויס פון שטוב. די נאכט איז געווען א פינצטערע. פינצטער דער הימל. פינצטער די ערד. אָן אומעט. א נעץ. עס כליופּעט אונטער די פיס. עס גיסט פון אויבן. ניט קיין רעגן, ניט קיין שניי. א מאָדנער דעקאבער איז יענעם יאָר געשטאנען בא אונדז. טרעשטשענדיקע פּרעסט אָנהייב כּודעש און דערנאָך אָן אָדליגע ביז נאָכן נײַ־יאָר.

מיר האָבן זיך דורכגעשלײַכט אינדערשטיל פארבײַ עטלעכע הויפן. דינע פּאָרויס מיטן קינד אף די הענט, נאָך איר לעאָניד מיט א רידל, און איך די לעצטע. ניט צונויפגערעדטער־הייט האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט בא איוואן זובאָווס גאָרטן. ער האָט געדינט אין דער פּאָליציי. איז פאר אים קיין געפאר ניט געווען אין דעם, וואָס בא זײַן נאכלע וועט געפינען די אייביקע רו א ידיש קינד. צוריקוועגס האָבן מיר זיך פלוצלינג אָנגעשטויסן אף א פּרויען־פיגור, וועלכע איז אין איימע אָפּגעשפּרונגען אין א זײַט. בלויז לויטן סילועט האָב איך דערקענט זאָיען. איך האָב זי אָנגענומען פאר א האנט, דערנעענטערט מײַן פּאָנעם צו אירן, זי זאָל מיך אויך דער־קענען. ערשט ווען מיר זײַנען ארײַן אין שטוב, האָב איך אינדערשטיל דערקלערט זאָיען, וואָס דאָ איז געשען. ביז יענער נאכט האָט אפילע זאָיע ניט געוווסט, אז דינע מיטן קינד געפינען זיך בא אונדז. איך האָב געטראכט, טאָמער וואָס, זאָל דער דונער אופּפלאצן נאָר איבער מײַן קאָפּ, ניט איבער קיינעמס. ווען ס'וואָלט געווען מעגלעך, וואָלטן אפילע מײַנע אייגענע קינדער פונעם סאָד ניט געוווסט. איך האָב גאנץ גוט פארשטאנען, אז ס'איז נאריש. גיי דערוויסט, צי האָבן זיי יאָ געוווסט, צי ניט געוווסט, אויב ס'וועט קומען דערצו. דערפאר טראכט זיך מיר טיילמאָל, אז מיט מײַן וועלן אָפּהיטן זאָיען בין איך עפּשער גאָר באגאנגען אָן אוולע אנטקעגן דײַן דינען. אף אזא וויסטער איינזאמקײַט האָב איך זי פארורטיילט, איבערהויפּט נאָך דעם, ווי מע האָט צוגענומען וועראָטשקען. אין אזעלכע צײַטן, ווי מיר האָבן איבערגעלעבט, איז שווער זיך אליין אפילע אָפּגעבן א כעזשבן, פארוואָס האָסטו געהאנדלט אזוי און ניט אנדערש. ווען דינע האָט א כאווערטע אין איר עלטער, וואָלט עס עפּשער דערוואָרעמט איר עלנט הארץ און ס'וואָלט ניט געקומען דערצו, צו וואָס עס איז געקומען.

אין יענער נאכט אָבער, אין דער פֿײַערלעכער נײַ־יאָר־נאכט, איז שוין ניט שײַעך געווען וועגן דעם צו טראכטן. איך בין אפילע ניט געווען זיכער, צי האָט דינע באמערקט, אז פון שטוב זײַנען מיר ארויס זאלבעדריט און אומגעקערט זיך זאלבעפערט. אלנפאלס, האָט זי אף זאָיעס בײַזײַן קיין שום אכט ניט געלייגט, ווי מיסטאמע אויך ניט אף אונדזערס, אף מײַנעם און לעאָ־נידס. צי האָט זי געהערט, וואָס זאָיע האָט דערציילט וועגן דײַן מאמען? ניט אף מאָרגן, ניט אף איבערמאָרגן האָט זי מיר וועגן דעם קיין וואָרט ניט געזאָגט. און דערציילט האָט זאָיע, אז דײַן מאמע באהאלט זיך אויס אין א נאָענטן דאָרף בא איינער א לוקעריא פּוזיריאָווא. אין יענעם טאָג, דעם 31, האָט זאָיע אָפּגעטראָגן דײַן מאמען א ביסל שפּײַז און געקליבן זיך באלד צוריק־גיין אין שטאָט ארײַן. האָט זיך אָבער אין דאָרף פארשפּרייט א קלאנג, אז אינדערנאָענט אָרו־דעוועט א שטראָף־עקספּעדיציע. לוקעריע האָט געבעטן זאָיען ביז פינצטער איבערזיצן מיט דײַן מאמען אין וואלד. ערשט האלבע נאכט האָט זיך זאָיע ארויסגעריסן פון דאָרף. געגאַנוועט זיך דורך די הינטערגעסלעך, דורך די גערטענער אהיים און דאָ צופעליק אף אונדז זיך אָנגע־שטויסן.

הײַנט האָב איך מער קיין קויעך ניט צו שרײַבן. מאָרגן וועל איך זיך ווידער נעמען פאר דער פען. דרײַ מאָל כאזערסטו איבער אין דײַן בריוו, איך זאָל דיך ניט שאנעווען. אלע פּראָ־טים דערציילן. ווײַל וויסן, זאָגסטו, איז ווייניקער פּײַנלעך, ווי אויסמאָלן זיך אין געדאנק, וו'אזוי דאָס איז אלץ געשען. איך גלייב דיר, איך גלייב. איך וועל זיך מיִען צו דערפילן דײַן פארלאנג.

יע. טש.

פון יעלענא טשיסטיאַקאָווא צו באַרעך הורוויטשן.
15 נאָיאַבער 1944.

טײַערער באַריס!

ווי האָבן זיך אופגעהאַלטן בא אונדז דינע מיטן קינד, ווילסטו וויסן. אונדזער דירע איז דיר באַקאַנט ניט ווייניקער, ווי דײַן אייגענע. צוויי צימערן, פון וועלכע איינער איז א דורכגאַנג־צימער. און א קליין קעמערל, ווו כ׳פלעג אמאָל האַלטן א פעסעלע געזײַערט קרויט אָדער אוגערקעס אָף ווינטער. האָבן זיי א פּאָר וואָכן אָפּגעלעבט אינעם דאָזיקן קעמערל. איך האָב אָבער געזען, אז ס׳איז נאָר אָף אומצוקומען. אפילע א פײַערטאָפּ צום אָנוואַרעמען זיך האָט מען אַהין ניט געטאָרט אַרײַנטראָגן. די מינדסטע שײַן האָט זיך אַרויסגעשלאָגן דורך די שפּאַלטן אין די ווענט. האָב איך זיך אין איינעם א טאָג באַטראַכט: דינע מיטן קינד זײַנען צו אונדז געקומען א וואָך נאָך דעם, ווי די שטאָט איז שוין געווען „יודנריין". אויב נאָר קיינער האָט זיי אין יענער נאַכט ניט געזען, איז אין שטוב די געפאַר ניט גרעסער, ווי אינעם קאַלטן קעמערל. האָבן מיר אַלע געלעבט אינעם פאָדערשטן צימער, און דינע מיט סימאָטשקען אינעם צימער אין דער טיף. די טיר איז געווען שטענדיק פאַרמאַכט. איין שליסל בא דינען, איינער בא מיר. וועסט גלייבן צי ניט, נאָר אָט אזוי פּאַשעט איז עס בא אונדז צוגעגאַנגען. קיין האַלץ צום הייצן איז ניט געווען. דעריבער האָט א פאַרמאַכטע טיר קיין באַזונדערן כשאַד ניט אַרויסגערופן. פיל מישפּאָכעס, אפילע אַזעלכע, וואָס האָבן פאַרמאָגט גאָר גרויסע דירעס, האָבן באַוווינט בלויז איין קליין צימערל, קעדיי אָפּצושפּאָרן וואַרעמקײַט. צוגאַסט זײַנען מענטשן יענע יאָרן זעלטן געגאַנגען. מאָלצײַטן האָבן געפּראַוועט נאָר אַזעלכע, ווי איוואַן זובאָוו. און צוריקגערעדט, וואָס פאַר אַן אַנדער ברירע האָבן מיר געהאַט? עמעס, אונטער דינעס בעט איז געווען איינע א ברעט אַזאַ, וואָס אויב גאָר שלעכט, האָט מען זי געקאָנט לײַכט אונטערהייבן און אַראָפּגליטשן זיך אונטערן דיל. דאָס האָט לעאָניד צוגעטראַכט. צו דעם איז אָבער קיין איין מאָל ניט געקומען. ס׳איז גאַנץ מעגלעך, אז אונדזער פּרימיטיווע באַהעלטעניש איז געווען די סאַמע זיכערע אָט טאַקע דערפאַר, וואָס זי איז ניט געווען קיין באַהעלטעניש. ניט קיין בונקער, ניט קיין בוידעם. ווען ניט דער אומגליק מיטן קינד, פון וועלכן ס׳האָט זיך אָוועקגעצויגן א גאַנצע קייט מיט אומגליקן, וואָלט די באַהעלטעניש עפּשער טרײַ געדינט אונדז ביז דער סאַמע באַפרײַונג.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו יענע וויסטע טעג פון אָנהייב יאָר 1943. ווען איך בין דעם ערשטן יאַנוואַר נאָך דער אַרבעט אַרײַן צו דינען, האָב איך דערזען, אז דאָס עסן, וואָס איך האָב איר איבערגעלאָזט, שטייט ניט גערירט. זי האָט זיך אופגעהויבן מיר אַנטקעגן מיט א פאַרנייגטן קאָפּ.

— א דאַנק, יעלענא מאַקסימאָווונא, א דאַנק פאַר אַלץ, וואָס איר האָט פאַר מיר געטאָן, נאָר פאַרבלײַבן בא אײַך קאָן איך ניט מער. איך גיי אוועק. הײַנט באַנאַכט.

— וואָס הייסט, ווּהין וועט איר גיין?

— פריִער אָדער שפּעטער, מע וועט מיך אַלציינס פאַקן. איז צוליב וואָס, צוליב וועמען זאָל איך אויך אײַער לעבן שטעלן אין געפאַר?

אזוי ענטפערט זי, און אין מיר ווערן פאַרקילט די בלוטן. איך האָב גוט געוווּסט, אז אויב דינע האָט עפּעס פאַרטראַכט, וועט מיט איר ניט אזוי לײַכט זײַן אויסצוקומען. מיינסט, דאָס איז געווען אונדזער ערשטע מאַכלויקעס מיט איר? דיך וווּנדערן אוודע מײַנע ווערטער. ווי־אַזוי האָט געקאָנט קומען צו א מאַכלויקעס צווישן מיר מיט דינען, בייס אונדזער ביידנס לעבן האָט זיך געוויגט אָף א דין שטריקעלע, וואָס אָט־אָט רײַסט עס זיך איבער. מאַכלויקעסן זײַנען אָבער געווען.

— ווײַזט מיר אײַער שפּײַז־קאַרטל, — טוט איינמאָל א זאָג דינע. — איך האָב נאָך ניט געזען קיין דײַטשיש קאַרטל.

טראַכט איך מיר: וואָס עפּעס אינמיטנדערינען? נאָר פאַרוואָס ניט? איך ווײַז איר מײַן קאַרטל. זי באַטראַכט עס. לייענט וואָרט בא וואָרט. קערט אום. שווײַגט.

דאָס איז געווען פאַרטאָג. ווען נאָך האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקײַט דורכצוּוואַרפן זיך מיט עטלעכע ווערטער, אויב ניט פאַרטאָג, ווען די שטאָט שלאָפט נאָך, אָדער שפּעט אין אָוונט, ווען די שטאָט שלאָפט שוין. מיר זײַנען אין שטוב זאַלבעדריט: דינע מיטן קינד און איך. דאָס ריידן אונדזערס, מישטיינסגעזאָגט... ווי טויבשטומע. מער מיט די הענט, ווי מיטן מויל. דינע גייט אַדורך מיט איר לײַכטן טראָט דעם צימער און גלײַך צום קאָמאָד. עפנט דעם אייבערשטן שופלאָד און פאַרמאַכט אים גלײַך פונקט אזוי שטיל, ווי געעפנט. א צי צו זיך דעם צווייטן

שופלאַד, נעמט דאָרט עפּעס איבערקלײַבן, צײלן. פון קאָמאָד גייט זי אַריבער צו דער שאפּע. אַן עפּן. אַ קוק.

— הײַנט נאָך גיי איך אין דאַרף אויסבײַטן עטלעכע לײַלעכער, — אַזוי זאָגט צו מיר דינע, און איך בלײַב שטיין אַ פאַרציטערטע.

— דינאַ יאַקאָווליעוונאַ, הערט אויף. איר פאַרשטייט דאָך...

— וואָס איז דאָ צו פאַרשטיין? כ'וועל זיך אונטערשערן די האָר, אונטערפאַרבן זיי מיט מאַרגאַנצאַווקע. איך האָב אַ ביסל... וועט מיך קיינער ניט דערקענען.

— איך וועל ניט דערלאָזן, — זאָג איך פעסט.

איך שטיי אַנטקעגן דינען, וואַרט, ביז עס וועט אויסברעכן דער שטורעם. דאַן, ווייס איך, וועל איך ערשט קענען זי באַרויִקן.

— איר וועט ניט לאָזן. און איך ווו בין? איך בין שוין גאָר קיין מענטש ניט? — אַזאַ טרויער, אַזאַ געפּאַלנקייט אין דינעם קאָל, אַז בעסער וואָלט שוין געווען אַ שטורעם. דעריבער דערפריי איך זיך מאַמעש, ווען זי פאַרענדיקט אופגערייצט: — אין אַזאַ צײַט ליגט אײַך אין קאָפּ אָפּצוהיטן מײַן גוטס. ווי שעמט איר זיך ניט אַזוי צו באַגיין מיט מיר, יעלענאַ מאַקסי־מאָוונאַ!

איך האָב געגעבן דינען מײַן ערנוואָרט, אַז ווײַטער וועל איך טאָן אַזוי, ווי זי פאַרלאַנגט. אויב בײַטן זאַכן אָף עסן, איז איין לײַלעך מײַנער, איין לײַלעך אירער, איין ציכל מײַנס, איין ציכל אירס. אויך האָבן מיר צווישן זיך אָפּגערעדט, אַז ניט צו דײַנע בגאָדים, ניט צו וואַראַטש־קעס רירן מיר זיך ניט צו, ווי שלעכט עס זאָל ניט זײַן. זאָלן זיי אײַך אָפּוואַרטן, ביז איר וועט קומען. אָט אַזוי איז געשלאָסן געוואָרן אונדזער גלײַכהײט־אָפּמאַך, כאָטש איך האָב באַ זיך געוווּסט, אַז אונדזער ביידנס פאַרמעגן האָט שוין גאָר אַ קנאַפּן ווערט. די דײַטשישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן צו יענער צײַט שטרענג פאַרבאָטן יעדן פאַרקער צווישן די אײַנוווינער פון שטאָט און דאָרף. ניט געוווּסט האָב איך דאַן נאָר איינס, אַז אײנגיכן וועט שוין דינע גאָרנישט ניט דאַרפן האָבן. פיל פון אײַערע זאַכן געפינען זיך נאָך ביז איצט באַ מיר. און דאָס ביסעלע מאַר־גאַנצאַווקע, וואָס איך האָב אַרויסגענאַרט באַ דינען מיטן אויסרייד, אַז דער האַלדז טוט מיר ווײ... מיט איין וואָך שפּעטער האָט זי מיט אַן איבערגעקערטן פּאָנעם אַ וואָרף געטאָן זיך צו מיר:

— פון דער מאַרגאַנצאַווקע איז נאָך עפּעס פאַרבליבן? מע דאַרף סימאַטשקען דורכשווענ־קען דעם מאָגן. גיכער!

הײַנט שטעלסטו זיך שוין פאָר, וואָס וואָלט געווען מיט דינען, ווען זי ברענגט אויס די רעפּוע אָף אירע האָר. געהאָלפן האָט עס ניט. ס'האָט זיך דאָך אָבער געדוכט...

בעקיצער, מיר האָבן זיך ניט זעלטן געקריגט. און שטענדיק בין איך אַרויס אַ זיגערן פון דער קריג. אין דינעס לאַגע האָט עס אַנדערש ניט געקאָנט זײַן. און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אַלציינס קומט מיר ניט גרינג אָן דער זיג, אַז איך שעם זיך מיט מײַן זיג. זי — אַ יונגע, איך — אַן אַלטע, אָבער דער וואָפן איז אין מײַנע הענט. ווי עס זאָל ניט זײַן, קומט דאָך ניט מיר אויס צו באַהאַלטן זיך. זי האָט עס פאַרשטאַנען, דינע. פלעגט זי זיך אָנצינדן און גאָר גיך באַדאַכטן זיך און מיר נאָכגעבן.

נאָר ווי קומט עס אַלץ צו יענעם פאַרנאַכט, דעם 1 יאַנוואַר? שוין ניט די דינע. אַ ווײַסע מאַסקע האָב איך פאַר זיך געזען, ניט דינעס פּאָנעם. און אַזוי אַנטשיידן... שוואַך און מאַכטלאָז האָב איך זיך דערפילט אין אָנבליק פון דער דאָזיקער אַנטשיידנקײַט. קיין שום ווערטער, האָב איך געפילט, וועלן דאָס מאָל ניט אָפּשטעלן דינען. איינס איז מיר געבליבן — ווי ווײַט מעגלעך אָפּציִען די צײַט.

— גוט, — האָב איך געזאָגט, — איר זײַט גערעכט. ס'איז טאַקע קעדײַ צו בײַטן דאָס אָרט. אָט וועט קומען לעאָניד, וועלן מיר זיך האַלטן אָן אייצע.

די ווײַסע מאַסקע האָט פּלוצלינג אופגעלעבט. נאָר ניט פון מײַנע ווערטער. איך בין אין סאָפּעק, צי האָט זי זיי געהערט אפילע. ניין, אין דער רעגע האָט זי מיך דערזען, דינע. דערזען און פאַרבראָכן די הענט:

— אוי, ווי איר זײַט עט אראָפּ פון פּאָנעם! איך האָב אַ גאַנצן טאָג אָפּגעוואַלגערט זיך אין בעט, ווי אַ פּריצטע, און איר האָט געאַרבעט. עסט אָפּ און אין בעט אַרײַן. גיכער. קוקט ניט אָף מיר אַזוי, איך קלײַב זיך ניט אײַך אָפּצונאַרן. איר קאָנט רויק שלאָפן. הײַנט וועל איך אין ערגעץ ניט גיין. איך זאָג אײַך צו.

אין דעם איז אָנגעקומען לעאָניד. דאָס ערשטע מאָל, זינט דינע מיטן קינד האָט זיך באַזעצט באַ אונדז, האָבן מיר צוזאַמען אָפּגעגעסן. געווײנלעך פלעגט דינע פון איר באַהעלטעניש ניט אַרויסגיין. באַטאָג, ווען מיר זײַנען געווען אָף דער אַרבעט און אָף דער דרויסנטיר איז געהאַנ־

גען א שלאָס, — אוואַדע און אוואַדע ניט. דער מינדסטער שאָרך האָט געקענט ארויסגעבן זי און דאָס קינד. אויך מיך מיט מײַן מישפּאָכע, האַלעמײַ זאָל איך לייקענען.

נאָך דער ארבעט און ביזן שלאָפן גיין פלעגן מיר — איך, לעאָניד און וועראָטשקע, ביז זי איז פארטריבן געוואָרן פון דער היים, זיצן אין דעם פאָדערשטן צימער. די פענצטער פארהאַנגען מיט א קאָלדרע (דאָס האָט מען פון אונדז געפאָדערט) און די דרויסנטיר דאפקע ניט פארקייטלט (דאָס האָבן מיר אליין צוגעטראכט). גערעדט האָבן מיר צווישן זיך הויך אף א קאָל. טאָמער עמעצער גייט דורך פארבײַ, איז אדעראבע, זאָל ער אונדז הערן. און ווער עס וויל, זאָל ארײַנקומען. מיר האָבן ניט וואָס אויסצובאהאלטן פון מענטשן. דער ערשטער יאַנוואר פון יאָר 1943. יעדע רעגע האָט איבערגעלאָזן א ראָץ אינעם זיקאָרן. איך האָב א בלאָז געטאָן אפן לעמפל. ספּעציִעל אויסגעלאָשן די ליכט, קעדיי דינע, וואָס איז שוין געוועזן דאָרט, בא זיך, זאָל מיינען, אז מיר האָבן זיך אויך געלייגט שלאָפן. בא איר איז דאָך בעמיילע געווען פינצטער. שטענדיק פינצטער. איך האָב געוואָלט אינדערשטיל האלטן זיך אן אייצע מיט לעאָנידן. נאָר דינע האָט אונדזביידן גאָר ארײַנגערופן צו זיך.

— מאָרגן גיי איך אוועק, — האָט זי געזאָגט אנטשיידן, — באַנאַכט, צו לוקעריען. זי וועט מיך עפשער נאָך מיט עמעצן פארבינדן. עס קאָן זיך מאכן, איך זאָל נאָך אפילע נוצלעך זײַן. אויב איך פאַל דורך, וועט עס קיינעם ניט שאטן. גלייבט מיר, עס וועט מיר סטײַען קויעך דערויף. טאָמער וואָס, גיט איבער זאָיען אין מײַן נאָמען, זי זאָל אויך ווײַטער זיך זאָרגן פאר דער מאמען.

ס'וואָלט געווען גלײַכער, ווען איך מאך א שווײַג אף דער הייסער מינוט. „האָט זי נעכטן באמערקט זאָיען, — האָב איך א טראכט געטאָן, — וועגן דער מאמען געהערט". האָט עס מיך דערפרייט, און איך האָב זיך ארויסגעכאַפּט:

— גוט, כ'וועל זיך זען מיט זאָיען. האלטן זיך מיט איר אן אייצע. און עפשער וועט זי אײַך באגלייטן.

— טשעפּעט ניט זאָיען, — האָט זי געענטפערט, —- איך דאַרף ניט קיין באגלייטערס. דעם וועג קיין פוסטילניקי ווייס איך. כ'וועל זיך אהין מיט די גערטענער דערקלײַבן. און לוקעריעס שטוב איז די דריטע פון עק. אזוי האָט דאָך זאָיע געזאָגט. וועל איך זיך שוין אן אייצע געבן.

וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? הײַנט בלײַבט דינע בא אונדז. איז שוין גוט. באלד זי האָט צוגעזאָגט, וועט זי בלײַבן. מעג איך רוִיק שלאָפן. איך מוז זיך אָנעמען מיט קויכעס אײַנצוהאלטן זי בא זיך כאָטש אף וויפל־ניט־איז. איך בין אײַנגעשלאָפן קימאַט, ווי א גליקלעכע. און אופגעכאַפּט זיך פארטאָג מיט א צעבראָכן הארץ. איך האָב שוין געוווסט, אז כ'וועל בא דינען גאָרנישט ניט פויעלן.

לעאָניד האָט מיט עטלעכע טעג פאר דעם אין ערגעץ געקראָגן א סלאָיִקל מארגארין. א ביסל הירזש האָב איך געהאט אין שטוב. האָב איך אָפּגעקאָכט א קאשע. לעאָניד האָט אפדערגיך אָפּגעגעסן, געזאָגט, אז ער ווייסט ניט, צי וועט ער נעכטיקן אין דער היים. א שטארק צערודערטער, האָט ער מיר פארזאָגט, איך זאָל זען אָפּהיטן דינען.

לעאָניד איז אוועק, און איך בין ארײַן צו דינען. זי איז געזעסן אף איר געלעגער פון קאָפּ ביז די פיס אײַנגעקוטעט אין דער קאָלדרע. נאָר דאָס פּאָנעם האָט זיך ארויסגעזען, געווענדט דאפקע צו מיר, נאָר אָן שום אויסדרוק.

איך האָב זיך געמאכט הארץ און אוועקגעשטעלט לעבן איר אפן בענקל א טעלערל קאשע.

— נאָך איין וואָך, דינע...

איך האָב זיך אָפּגעהאקט, ווײַל, גאָט מײַנער, איך קען פארן מויל ניט ברענגען, וואָס איך האָב דערזען אין דינעס אויגן. סינע האָב איך דערזען. סינע צו מיר, וועלכע וויל ברעכן איר ווילן. איך בין געבליבן שטיין אָן לאָשן אין אָנבליק פון דער דאָזיקער אומבאגרײַפלעכער סינע, פון דעם גיפטיקן שמייכל, וואָס האָט געמאכט ניט צו דערקענען דינעס שיינע ליפּן. אין א טפיסע האלט איך זי, אזוי האָט זי מיר אופגעוואָרפן, און מיר געפעלט עס. מיר געפעלט די ראָל פון א בארעמהארציקער שוועסטער אין א טפיסע. איר, דינען, איז דערווידער מײַן בארעמהארציקײַט.

וואָס האָב איך אין די רעגעס געפילט — פארדראָס, פארצווייפלונג? איך ווייס ניט. איך געדענק נאָר די שרעק, וואָס איז מיך באפאלן, א ווילדע שרעק. איך האָב אָן ווערטער, מיט אויסגעשטרעקטע הענט א לאָז געטאָן זיך צו דינען. די קאָלדרע אין דער ווײַסער דעקע האָט זיך פלוצלינג פאנאנדערגענומען און ווידער צונויפגעגאנגען זיך שוין הינטער מײַן פּלייצע. דינע האָט מיך צוגעדריקט צו איר לײַב, צוגעטוליעט דעם קאָפּ צו מײַן רעכטן אקסל.

— מאמע מײַנע, — האָט זי געשעפּטשעט, — קיין טרײַערע מאמע פון אײַך האָב איך דאָך קיינמאָל ניט געהאט. מײַן אייגענע מאמע געדענק איך קוים. איר ווייסט דאָך, די פּעטליוראָוור־

צעס האָבן זי געשאָכטן. דעם טאַטן אופגעהאַנגען. האָט ראַכמאָנעס, לאָזט מיך אָפּ. איך בין ניט קיין מענטשנפרעסערן. איך וויל ניט, אַז איבער מיר זאָל מען אויך אײַך שעכטן אָדער הענגען. מאַמע מײַנע טײַערע, ליכטיקע פרוי וואָס איר זײַט...

ווי געוויינלעך, האָב איך אויך יענעם אָוונט, קומענדיק פון דער אַרבעט, דערלאַנגט דינען עסן, אַליין אויך איבערגעביסן. מיר האָבן צווישן זיך מער קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. די לעצטע טעג האָבן מיר גערעדט מער, ווי מע דאַרף אין אונדזערע אומשטענדן. מיר זײַנען ווי־דער אַריבער אַף שטומלאָשן. אויסגעלאָשן די ליכט, האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אַפן ראַנד פון מײַן בעט וואַכן. אומבאַדינגט וואַכן. די נערוון זײַנען אָבער בא מיר געווען אויסגעשעפּט ביז לעצט. יעדער אייווער מײַנער האָט געמאָנט רו. בין איך געזעסן, געזעסן, און, איך ווייס ניט, ווען דאָס איז געשען, צי שפּעט, צי פרי, מײַן קאָפּ איז אַ פאַל געטאָן אַפן קישן.

איך פיל, אַ פּאָר וואַרעמע ליפּן באַרירן מײַן באַק. וואַראָטשקע... מײַן וואַראָטשקעס ליפּן. איך וויל זי אַרומנעמען, נאָר זי גייט גאָר פון מיר אַוועק. זי דערווײַטערט זיך אַלץ מער און מער. אָט ווערן שוין אויסגעלאָשן אירע טריט הינטער דער טיר. עס האָט מיך אופגעטראָגן פון מײַן געלעגער. פינצטער. שטיל. און עס שמעקט מיט אומגליק.

איך האָב אַפּדערגיך אַרײַנגערוקט די פיס אין די וואָליקעס, אַרופגעכאַפּט אַף זיך דעם מאַנטל און אַוועקגעשאַרט זיך לענגויס די פּאַרקאַנעס צו איוואַן זובאָווס גאָרטן. דאָ ערגעץ האָבן מיר דאָך דעם 31־טן געטראָפן זאָיען, ווען זי איז געגאַנגען פון פּוסטילניקי. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט בא דעם שטיין, מיט וועלכן מיר האָבן פאַרמאַסקירט סימאָטשקעס קייווער. מיר האָבן אים אַוועקגעלייגט אַף דעם זעלבן אָרט, ווו ער איז פריִער געלעגן. ווען דו ווּעסט זיך אומקערן בעשאָלעם אהיים, ווּעסטו אים דאָרטן טרעפן. איצט איז שוין פאַר קיינעם ניט קיין סאָד, אַז דער דאָזיקער פלאַטשיקער שטיין מיט די שאַרפע אויסגעשטשערבעטע קאַנטן איז אַ מאַצייווע איבער אַן אומגעקומען קינד.

ווו האָט מען פאַרהאַלטן דינען, צי אין וועג, צי שוין אין דאָרף? ווער ווייסט?

די בעסטע גרוסן פון מיר און פון לעאָנידן,

דײַן יעלענאַ טשיסטיאַקאָווא

יענץ יאָר איז ער, א סטודענט פון פערטן קורס, צום ערשטן מאָל געווען באַם יאַם. א פּרעמיע באַקומען פאַר גוט לערנען זיך — א פּוטיאָווקע אין אַן אָפּרו־הויז אַף דאָרעם. די ערשטע עטלעכע טעג האָט ער אויסגעפּילט אַלע קלאָלים, וואָס זײַנען געווען אויפגעשריבן אַף א ברעטל באַם אַרײַנגאַנג אין הויז: „8 אינדערפרי — פיזישע איבונגען באַם ברעג. 9 אזייגער — פרישטיק. זון־וואַנעס ניט שפּעטער, ווי ביז צוועלף באַטאָג"... באַלד נאָך פרישטיק פלעגט ער זיך צעיאָגן איבערן פּליאַזש, אָפּטוקן זיך אַריבערן קאָפּ אין די כוואַליעס און לאָזן זיך שווימען. דערנאָך אַרויסשפּרינגען פון יאַם און אויסציִען זיך מיטן נאָסן לײַב אַפן זאַמד, די הענט אויסגעשפּרייט אין דער ברייט, דעם קאָפּ עטוואָס פאַרהויבן. ער האָט האַנאָע געהאַט פון די געקרײַציקטע אַפן זאַמד אַרום אים, פון די שאַך־ און דאָמינאָ־שפּילער, וועלכע זײַנען מיט אַרונטערגענומענע פּיס געזעסן אַף דער ערד, אין א קרײַז, ווי אַף א טעפּיך, אונטערשטעלנדיק די פאַרברוינטע רוקנס דער זון. און די לוסטיקע קוויטשערײַ פונעם קליינוואַרג, וואָס האָט זיך געפּליעסקעט באַם סאַמע ברעג, און די געשרייען און רופן פון די מאַמעס און באָבעס, וועלכע באַרעך האָט געטיילט אַף צוויי פּאַליוסן: דער צאָפן־פּאָליוס: „סיאָמע, שוין זאָלסטו אַרויסקריכן. ביסט דאָך בלוי פון קעלט. וואַרט, וואַרט, וועסט זיך באַ מיר הײַנט דערדינען. וועגן אײַזקרעם מעגסטו שוין פאַרגעסן". דער דאָרעם־פּאָליוס: „ניורקע, וואָס שטייסטו אַפן ברעג, ניורקע? נו, גיכער שוין! אין יאַם איז הײַנט, ווי אין א באָד".

אין איינעם א טאָג איז עס אים מיטאַמאָל אַלץ דערעסן. באַגעגענען דעם זון־אויפגאַנג האָט זיך אים פאַרוואָלט. איינער אַליין. אָן נאַקעטע לײַבער אינעם זאַמד, אָן פּאַניק־געשרייען פון די מאַמעס און די באָבעס. ראַכוועס זאָל זײַן. ער, דער יאַם און די זון.

שטיינערנע טרעפּ, ביז גלאַנץ אָפּגעשליפענע פון די פיל פּיס, וועלכע זײַנען איבער זיי געלאָפן, געגאַנגען, געשאַרט זיך. אַרויף און אַראָפּ. באַרעך האָט אונטערטאַנצנדיק געטראָגן זיך אַף אַראָפּ. געהאַלטן זיך באַ דער מיט. ווי איבעריקע זײַנען אים געלאָפן אַנטקעגן די הילצערנע פּאַרענטשעס באַ ביידע זײַטן פון די טרעפּ. עטלעכע טריט אַף דער פּלאַך, א טאַנץ אַראָפּ פונעם שטיינערנעם בריקל — און אָט איז זי, די ראַכוועס. צופוסנס שפּרייט זיך דער יאַם, איבערן קאָפּ דער הימל. צוויי פּלאַכן. און דאָס איז די וועלט. און ער, באַרעך, אינדערמיט. מיטאַמאָל האָט ער דערזען, אַז ער איז דאָ אַפן ברעג ניט אַליין.

א דינינקער מיידלשער סילועט. דאָס גאָמבעלע פאַריסן צו דער זון, די אונטערגעשאָרענע שוואַרצע האָר צעוואָרפן איבערן נאַקן. דאָס מיידל איז געגאַנגען מיט א זײַט צו אים פּאַזע דעם ברעג. א בייג געטאָן זיך אין איין זײַט, א בייג אין דער צווייטער, אַראָפּגענומען די שטעקשיך און ווײַטער אַוועק, שוין א באָרוועסע, איבערן שטעכיקן זשוויר, ווי איבער א געוועקסלטן דיל. באַרעך איז געשטאַנען, געקוקט, ביז די וווּקסיקע לײַכטע פיגור פונעם מיידל איז פאַרשוווּנדן פון אויג. ער האָט א שמייכל געטאָן צו זיך אַליין: „ווי א שפּראָצלינג פון א קנאָספּ אַרויס. א שפּרונג, און אָט בין איך. אויסגעוואָקסן".

ער איז ווײַט פאַרשוווּמען. פיל ווײַטער, ווי געוויינלעך. ניט באַמערקט דאָס שיפל, וואָס האָט זיך שטיל צו אים דערנענטערט. א ברוינער באָכער מיט ווײַסע ווײַסלען האָט געמאָנט באַ אים שטראָף פאַר אויוער זײַן דעם געזעץ.

באַרעך האָט געפּרוווּט אַרויסדרייען זיך מיט א שפּאַס:

— מאָרגן, מאָרגן וועל איך מיטברענגען געלט אין די טרוסיקעס.

דער ברוינער באָכער האָט אים געענטפערט אינעם זעלבן טאָן:

— לעמײַ זאָלט איר זיך מאַטרעיען זײַן. איך וועל אײַך צופירן אין מײַן שיפל דאַפקע הײַנט. צו אײַער הויזן־קעשענע אָדער אין מיליציע. ווי אײַער האַרץ גלוסט.

א ברייערע האָט ער געהאַט, באַרעך. אַרײַנגעקראָכן אין שיפל, מיט א פּאַראַד צוגעפאָרן צום ברעג, וואָס איז שוין פיל און פול געווען מיט מענטשן. אַלע האָבן געקוקט אַף באַרעכן, אַזוי האָט זיך אים אַלנפאַלס געדוכט, ווי ער באַברעט זיך א נאַסער אין דער הינטערשטער קעשענע פון זײַנע לײַוונטענע הויזן, זוכט קליינגעלט אַף אויסצוקויפן זיך פונעם ברוינעם באָכער. און יענער לעצוועט נאָך פון אים: „אַדיע, צום ווידערזען אַפן זעלבן פּלאַץ!", צוגעלייגט צוויי פינגער צו די ליפּן, געשענקט באַרעכן א לופט־קוש.

— איר האָט הײַנט כיישעק צו באָדן זיך?

באַרעך האָט זיך ראַש אויסגעדרייט. לעבן אים איז געשטאַנען דאָס מיידל, וואָס האָט זיך גאַנצפרי דורכגעשפּאַצירט באַם ברעג פון יאַם. ער האָט זי באַלד דערקענט, כאָטש איר פּאָנעם האָט ער פריִער ניט געזען און אויך די האָר זײַנען איצט געווען ניט אַהינטערגעוואָרפן אַפן באַקן, נאָר פאַרוקט הינטער א ראָזן גומענעם היטעלע, וואָס האָט שטײַף אַרומגעכאַפּט דעם

קאָפּ. איר פיגור האָט ער דערקענט. איר בייגעוודיקע דינקייַט. ער האָט פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט דאָס מיידל — צו אים רעדט זי? און באַלד באַמערקט זײַן טאָעס.

— פאַרשטייט זיך, מײַן טײַערינקע, — האָט מיט גרייטקייַט אָפּגערופן זיך א שטים פון אן עלטערער פרוי. — ווי זשע דען? אָן אײַך בין איך א פאַרפאַלענע.

הורוויטש האָט א כאַפּ געטאָן דעם האַנטעך און דאָס אָנטאָן און הענדעם־פּענדעם א לאָז געטאָן זיך צום גרינעם בײַדל באַם פּאַראַפּעט. דערזען שטיין דערבײַ עטלעכע פרויען, וועלכע האָבן אים מעשונע אָנגעקוקט, האָט ער זיך געכאַפּט און געלאָזט זיך לויפן אין דער פאַרקערטער ריכטונג.

פון יענעם טאָג אָן האָט ער גערײַלט אַפּן פּליאַזש פריי־פּרי, נאָך פריִער, קעדיי אָנצוקוקן דאָס מיידל (ער האָט שוין געוווּסט, אַז זי הייסט דינע), וואָס שפּאַצירט זיך דורך יעדן פריי־מאָרגן א באָרוועסע באַם ברעג פון יאַם, דאָס גאָמבעלע פאַריסן צו דער זון און די האָר פאַרוואָרפן אַף אַהינטער. אים איז קיין איין מאָל אַפן געדאַנק ניט געקומען, אַז עפּשער אײַלט זי זיך אויך צו קומען צום יאַם פריי־פּרי, אַלץ פריִער, קעדיי אייינצײַטיק מיט אים צו באַגעגענען דעם זון־אויפגאַנג. פּונקט אַזוי איז אים קיין איין מאָל ניט אײַנגעפאַלן צו באַמערקן, אַז זי איז גאָר ניט אַזאַ הויכע, כאָטש ער האָט שוין געהאַט די געלעגנהײַט צו זען, אַז זי גרייכט אים קוים ביזן אַקסל. א מיטלוווּקסיקע איז זי געווען, דינעלע. באָרעך האָט אָבער אַלץ געזען אין איר דעם שפּראַצלינג, וואָס איז פּלוצלינג, פאַר אים אין די אויגן, אַרויסגעשפּרונגען פון קנאָספּ אַרויס און אויסגעוואַקסן אַזוי איידל און דין.

יעדן טאָג האָט דינע זיך געבאָדן מיט דער עלטערער פרוי, וואָס האָט עטוואָס געהונקען. האַלטנדיק זי בא ביידע הענט, געדרייט זיך אינעם וואַסער אַף איין אָרט, און געלאַכט, און גע־פרייט זיך. דערנאָך ערשט, ווען די פרוי איז שוין געווען אַפן ברעג, א שפּרונג געטאָן אין די כוואַליעס, מיט האַנאָע אויסגעצויגן די דינע הענט, און אָט וויגט זיך שוין איר קאָפּ אין דער ווײַט. ווי לײַכט זי איז עס צונויפגעקומען זיך מיט מענטשן, דינע. מיט יעדערן געווען אויסגע־בונדן. מיט דעם גערעדט, צו יענעם געשמייכלט. מיט יעדערן, נאָר ניט מיט אים, מיט באָרעכן.

ביסלעכווײַז איז ער געוואָרן א שוטעף צו איר אַפּעטראָפּעס איבער דער הינקעדיקער פרוי. גאַנצפרי צוגעגרייט פאַר איר א טאָפּטשאַן בישכיינעס מיט זײַנעם, פאַרפּירט מיט איר לאַנגע שמועסן. צו דינען איז עס אָבער אַלץ געווען ניט שײַעך. זי האָט אים ניט געוואָלט באַמערקן און גאָר. קוים א נייג געטאָן דעם קאָפּ אַף זײַן באַגריסונג.

איינמאָל האָט ער זיך אָנגענומען מיט האָזע, אָפּגעהיט זי און אוועקגעשווומען באַנאַנד מיט איר, זײַט בא זײַט. ער האָט איר אפילע עפּעס געזאָגט... וואָס האָט ער איר דאַמאָלסט געזאָגט, דינעלען? ער קאָן זיך ניט דערמאָנען. עפּעס א נאַרישקײַט אוודע. ער געדענקט נאָר, אַז אים אַליין זײַנען געווען פריקרע זײַנע רייד. און צו וואָס איז ביכלאַל דאָס שווימען באַנאַנד מיט א מיידל, וועלכער ער איז פון דער סאַמע ערשטער באַגעגעניש ניט צום האַרצן. אין דעם האָט ער דאַפּקע ניט געצווייפלט. און דאָך האָט ער ווײַטער געשאָטן מיט רייד. ס'איז אים געווען א ביזאָיען פאַר זיך אַליין, נאָר אָפּשטיין האָט אים ניט געסטײַעט קיין מוט. דינע האָט אים קורץ און העפלעך געענטפערט. דאָך קיין איין מאָל ניט אויסגעדרייט צו אים דעם קאָפּ.

דינעלע, דינע, מײַן דינינקע דינע...

פון יעלענא טשיסטיאַקאָווא צו באָרעך הורוויטשן

12 דעקאַבער 1944

טײַערער באָריס!

האָסטו שוין, הייסט עס, אָן אָפּיציִעלע ידיִע, אַז אין דאַרף האָט מען פאַרהאַלטן דײַן מאַמען און דינען. און שוין דעם 2 יאַנוואַר, ווי נאָר דינע איז אַהין געקומען. איז ניט אַנדערש, אַז עמעצער האָט זיי אויסגעגעבן. אַזוי טראַכסטו. איך טראַכט אויך אַזוי. רעכנסט אויס אונדזערע נאָענטסטע שכיינים און יעדערן פון זיי שטעלסטו אויסער כשאַד. נאָר אַף איוואַן זובאָוון גלייבסטו, נאָר ער איז פּײַזיק אַף אַזאַ נעוואָלע. דו ווילסט זיך אומבאַדינגט דערגרונטעווען, צי האָט א בייזער צופאַל אומגעבראַכט דינען, אָדער מע האָט זי פאַרקויפט.

באָריס טײַערער, דו ביסט געווען מײַנער א שילער. געדענקסט געוויס: פאַר מיר איז גענוג געווען, א שילער זאָל מיר קוקן גלײַך אין די אויגן אַרײַן, אַז איך זאָל אים גלייבן אַפן וואָרט. איצט דערקען איך זיך אַליין ניט, ווי מע וואָלט מיך פאַרביטן. איצט בין איך גאָר אַן אַנדערע. די דײַטשן האָבן פאַרסאַמט מײַן נעשאָמע. ניט יעדערן גלייב איך אַפן וואָרט. דער כשאַד לאָזט מיך ניט שלאָפן קיין נעכט. וועמען בין איך כוישעד? קיינעם ניט. עס מאַכט זיך אָבער, אַז יעדן איינעם. איז ווי לעבט מען מיט דעם?

ווען איך בין זיכער, אז איוואַן זובאָוו האָט עס אָפּגעטאָן... דאַן וואָלט מיר נאָר פאַרבליבן צוזאַמען מיט דיר צו באַדויערן און באַווייגען דינעס יונג לעבן. און עס לייגט זיך דאָפּקע אַפּן סייכל. ערשטנס, ווייסן מיר, ווער ער איז. צווייטנס, די אומפאַרזיכטיקייט, וואָס מיר האָבן דערלאָזן... איוואַן זובאָוו אָבער וואָלט גלײַך אַפּן פרישן שפּור געבראַכט די פּאָליציי אויך צו אונדז. אַנדערש קאָן ניט זײַן. ווער־ווער, נאָר ער האָט דאָך געוווּסט, ווי געקניפּט און געבונדן עס זײַנען אונדזערע מישפּאָכעס. נו, און די מײַסע מיט דוסיען... דו האָסט, פאַרשטייט זיך, ניט געוווּסט, פאַרוואָס לעבט בא אונדז זובאָווס שטיפטאָכטער. ער אָבער, זובאָוו, האָט געוווּסט און גוט געדענקט, בא וועמען דוסיע האָט געזוכט שוץ פון זײַנע ווײַט ניט פאָטערשע באַגערן. אַגעווו, איז דוסיע אין 1943 יאָר אַנטלאָפן פון דער היים. וווּהין ווייס איך ניט. נאָר דאָס איז צום איניען ניט שײַעך. איך וויל דאָ נאָר זאָגן, אַז ווען דינע פאַלט אַרײַן צו זובאָוון אין די הענט, וואָלט ער אויך מיך צעריבן אַף אַש.

עמעס, אַרויסגערופן האָט מען מיך. נאָכגעפרעגט זיך (כ׳וואָלט געזאָגט, אפילע העפלעך), צי האָב איך די לעצטע צײַט ניט געזען וועמען־ניט־איז פון די ייִדישע שכיינים פונעם הויז נומער 4. איך האָב, נאַטירלעך, געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז די פראַגע וווּנדערט מיך. די שכיינים פונעם הויז נומער 4 זײַנען דאָך ייִדן. איז ווי האָב איך זיי געקאָנט זען, באַלד מע האָט זיי שוין לאַנג אין ערגעץ פאַרנומען. האָט מען פאַר מיר געעפנט די קאָרטן: דינע הורוויטש איז בא זיי אין די הענט. וועלן זיי סײַווי דערוויסן זיך, ווער האָט זי ביז איצט אויסבאַהאַלטן בא זיך. פאַר מיר איז גלײַכער, איך זאָל זיי העלפן געפינען דעם שולדיקן. צוויי מאָל האָט מען מיך אַרויסגערופן. לעאָניד האָט פון דעם געוווּסט. איך האָב דאָך אים געמוזט וואָרענען, ער זאָל ריידן דאָס זעלבע, וואָס איך, אויב מע וועט זיך נעמען אויך צו אים. און אַזוי איז עס טאַקע געווען. מער ניט, וואָס מיט אים איז מען זיך באַגאַנגען האַרבער, ווי מיט מיר. אַף א גאַנצן מעסלעס פאַרהאַלטן. אָבער נאָך דעם האָט מען אונדז ביידן געלאָזט צורו. ניין, דאָס איז ניט זובאָוו. ווען ער לייגט דאָ צו א האַנט, וואָלט איך שוין פאַרשפּאָרט צו שרײַבן דיר בריוו. נאָר אויב אפילע ער, וועלן מיר עס שוין אויך קיינמאָל ניט וויסן. אין עטלעכע טעג נאָך דעם, ווי די רויטע אַרמיי האָט פאַרנומען די שטאָט, האָט מען אים געפונען א טויטן. מע זאָגט, אַז אים האָט דערשאָסן א דײַטשישער אָפיצער, אָן וועלכן ער האָט זיך אָנגעהאַנגען, יענער זאָל אים מיטנעמען מיט זיך קיין דײַטשלאַנד.

איך קוק אַף מײַנע שכיינים, איך רעד מיט זיי, איך קען זיי צענדליקער יאָרן. זידל איך זיך אַליין. איך פיל זיך שולדיק פאַר מײַנע שכיינים, האַלעמײַ זוך איך אין זייערע פּנעמער אַזוינס, וואָס אין זיי איז ניטאָ, וואָס דאַרף אַרויסגעבן עפּעס באַהאַלטנס, געהיימס. איך קען דאָך זיי צענדליקער יאָרן. גלײַך מיט מיר האָבן זיי געבידעוועט בא די דײַטשן, איז ווי קאָן איך טראַכטן שלעכטס וועגן עמעצן פון זיי? און דער עמעצער איז דאָך ניט מער, ווי אָן עמעצער. אָן א פּאָנעם. זײַן אָנפּנעמדיקײַט מאַכט מיך מעשוגע.

אַנטשולדיק, מײַן טײַערער, וואָס איך האָב זיך גאָר פאַרעדט וועגן זיך. וואָס פאַר א רעכט האָב איך צו פאַרומערן דײַן לעבן מיט אומזיניקע כשאָדים? האָסט אַזוי אויך גענוג. מאַלע וואָס פאַר א ווייטעק עס זויגט אויס דאָס כײַעס בא אָן אַלטער פרוי אין אונדזער ניט גרינגער צײַט.

אָבער זיי דאָרט, אין דער געהיים־פּאָליציי, וואָס פאַרא טעמפּאַקעס דאָס זײַנען. פון דינען האָבן זיי געהאַפּט אַרויסצײַען א וואָרט, וואָס זאָל שאַטן אירע פרײַנט... ס׳וועט דיר אויסקומען מאָדנע, אויב איך וועל זאָגן, אַז דינעס נאַטור האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט דעריקער אין אירע פלוצלינגדיקע מערידעס קעגן מיר. ניט געווען אַזא פאַל, איך זאָל אַף איר פאַריבל האָבן, כאָטש ניט איין מאָל, דאָס וועל איך פון דיר ניט באַהאַלטן, האָט זי מיר פאַרשאַפט ווייטעק. איך האָב געוווּסט, אַז זי מאַכט זיך בייז, אויס מוירע מיט מיר זאָל קיין בייז ניט געשען. לויט די יאָרן האָט זי געקאָנט זײַן מײַנע א טאָכטער, נאָר מײַן אָפּשײַ פאַר איר איז געווען ווי פאַר אָן עלטערער. ווײַל קיין געבראָכנקײַט האָב איך אין איר ניט געזען. אין אַזעלכע טעג האָט זי פאַרהיט איר מענטשלעכן שטאָלץ. איבער דעם עפּשער האָט געטראָפן דער אומגליק, וואָס זי האָט ניט געדולדעט קיין ראַכמאָנעס צו זיך. נאָר איין גאָט ווייסט, ווי איך האָב געשוינט איר מענטשלעכע ווירדע.

ס׳איז נאַריש, איך דערצייל דיר, אוועלכע ס׳איז דײַן דינע. נאָר מיר דוכט, איך האָב רעכט אַף דעם, דײַנע איז זי דאָך געווען אין גוטע צײַטן. דער שווערסטער ניסאָיען, וואָס איר איז אויסגעקומען אויסצושטיין אינעם לעבן מיט דיר, איז מיסטאָמע דאָס גיין צו קינד. דאָס איז דאָך אָבער א ניסאָיען פון גליק. און איך האָב זי געזען...

זײַ געזונט.
מיט די בעסטע גרוסן
יע. טש.

...זי האָט געגלעט מיט די פֿינגער זײַנע באַקן און שטיל געלאַכט:

— מײַנסט, איך האָב דיך פֿריִער ניט געקענט? יעדן טאָג געזען דיך פֿאַרבײַגיין. און דו... „טו א קוק אַף מיר, נו, איין קוקעלע״. איך בעט דיך, און דו הערסט ניט. עס גייט דיר ניט אָן דער הילצערנער גאַנעק, אַף וועלכן איך שטיי, עס גייט דיר ניט אָן, וואָס עס טראַכט וועגן דיר א קליין מיידל מיט לאַנגע פּיס, ווי בא א בושל.

...קוים צוויי וואָכן אַדורך, זינט ער האָט זיך אומגעקערט פֿון דאָרעם. אַראָפּגעשטיגן פֿון דעם טראַמוויי און פּאָנעם־על־פּאָנעם געטראָפֿן זיך מיט דינען. איר ערשטע באַוועגונג איז געווען ווי צום אַנטלויפֿן. נאָר שטיין געבליבן. קוים א נייג געטאָן מיטן קאָפּ אַף זײַן באַגריסונג, פּונקט אַזוי, ווי דאָ ניט לאַנג אין אַפּרו־הויז. אפילע קיין האַנט ניט דערלאַנגט. זיי זײַנען א ווײַלע געשטאַנען שווײַגנדיק. צעמישט אָנגעקוקט איינס דאָס אַנדערע און אומדערוואַרט צעקושט זיך. א האַלבע שטאָט דורכגעשפּאַנט צופֿוס. צוגעזעצט זיך אַף א צופֿעליק בענקל און ווײַטער געגאַנגען.

— קום, איך וועל דיך באַגלייטן אין צוזאַמענווינונג, — האָט געזאָגט דינע.

— דו מיך? — האָט ער זיך פֿאַרוווּנדערט.

— אוהו, איך דיך.

— גוט, מיר וועלן באַגלייטן איינס דאָס אַנדערע ביז פֿאַרטאָג.

זי האָט א ווײַטל געטאָן אַף אים מיט אַן אויג. אָפּגעשוויגן.

צוגעקומען צו דער צוזאַמענווינונג.

— און וווּ ווינסטו? — האָט ער געפֿרעגט. — איצט וועל איך דיך באַגלייטן.

— דו מיך, און איך דיך. איך דיך, און דו מיך, — האָט זי שטיפֿעריש אויסגעזונגען און מיט א פֿינגער אָנגעוויזן אַף אַן איינשטאָקיק הילצערן הויז מיט א גאַנעקל פֿון פֿאַרנט, צוויי טריט פֿון זיי. ער האָט זי צוגעפֿירט צום גאַנעק, שטײַף אַרומגענומען. זי האָט זיך לײַכט באַפֿרײַט פֿון זײַנע אָרעמס. שטיל אַרום. נאָר ער און זי. און אַנטקעגן, ווי א גרויסער קײַלעכדיקער שפּיגל, א ווײַסע לעוואָנע. דינעס פּאָנעם איז בלאַס און ערנסט.

— דינעלע, איך וועל אַרײַנגיין מיט דיר.

— קום, קום, — האָט זי זיך פּלוצלינג געכאַפּט אײַלן, — אַזוי שפּעט, און זיי זיצן נאָך. — זי האָט אָנגעוויזן אַף די באַליכטענע פֿענצטער. — זיי זײַנען אומרויִק. איך ווין בא א פֿעטער און א מומע.

זיי זײַנען אַרײַן, האַלטנדיק זיך בא די הענט.

— דאָס איז באָרעך. באָרעך הורוויטש, — האָט אויסגערופֿן דינע. קיין מינדסט ציטער אין איר קאָל. — פֿעטער, מומע, זײַט באַקאַנט. מיר האָבן זיך ליב שוין טויזנט יאָר.

און זיי, די, וואָס האָבן זי אופֿגעהאָדעוועט און דערצויגן, אַזעלכע טײַערע מענטשן, זיי האָבן אים אופֿגענומען ווי אַן אייגענעם, ניט געפֿרעגט קיין קאַשעס. און שפּעטער, ווען דינע האָט געזאָגט „א גוטע נאַכט״ און דרייסט אוועקגעפֿירט אים מיט זיך אין איר צימערל אין עק פֿון א לענגלעכן קאָרידאָר, האָבן זיי אויך ניט אַרויסגעוויזן קיין שום צערודערונג. זייערע הערצער האָבן מיסטאָמע אין דער רעגע געבלוטיקט, ווײַל זיי האָבן דאָך לאַכלוטן ניט געוווּסט, אין וואָס פֿאַרא הענט עס איז אַרײַנגעפֿאַלן זייער קינד.

דינע זיצט בא אים אַף די קני. זי רײַסט אָפּ אירע ליפּן פֿון זײַנע, שפּאַרט זיך אײַן מיטביידע הענט אין זײַן ברוסט. שעפּטשעט מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם:

— לאָז אָפּ. אַף א ווײַלע. איך וויל דיך אָנקוקן, — בעט זי.

א שיקערלעכער גלאַנץ אין אירע אויגן. און כידעש. און דערוואַרטונג. באָרעך האָט זי גענומען אַף די הענט, איר וואַרעם לײַב האָט נאָכגיביק זיך צוגעטוליעט צו אים. אין זײַנע אָרעמס האָט געצאַפּלט און גערײַפּט א פּרוי.

...דער וועק־זייגער האָט געקלונגען, ביז עס זײַנען אים אויסגעגאַנגען די קויכעס. זיי האָבן זיך אופֿגעכאַפּט ביידע פֿאַראַמאָל. דינע האָט אים אָנגענומען אונטער דער דעקע פֿאַר א האַנט. איז ער געבליבן ליגן בא איר זײַט. געהערט דעם קלאַפּ פֿון דער דרויסן־טיר. דינעס פֿעטער און די מומע זײַנען אוועק צו דער אַרבעט.

דינע:

— הײַנט וועלן מיר אין ערגעץ ניט גיין, גוט?

באָרעך:

— אין ערגעץ ניט.

— א גאַנצן טאָג.

— א גאַנצן טאָג.

זי האָט זיך באַקוועם אײַנגעמאָסטעט אַף אַ זײַט, אונטערגעלייגט אַ האַנט אונטער דער רעכטער באַק:

— אַט אַזוי־אָ וועל איך ליגן און קוקן אַף דיר.

— און איך אַף דיר.

— מיר וועלן וועגן גאָרנישט ניט ריידן.

— ניט ריידן.

אַ היפּשע ווײַלע געלעגן און געשוויגן.

— ניין, איך קען ניט אַזוי, — האָט ניט אויסגעהאַלטן דינע. — לאָמיר בעסער ריידן. זאָג מיר, באַרעך, ווי האָסטו מיך ליב. איך וויל וויסן...

באַרעך:

— און דו ווי? איך וויל אויך וויסן.

— איך? — זי האָט זיך פאַרטראַכט. — טו מיך אַ גלעט באַ דער נאָז, — האָט זי געזאָגט. — זעסט, אַ נאַרישע נאָז, און האָט דיך ליב. איצט צייל אויס מײַנע פינגער. פילסט, ווי זיי האָבן דיך ליב? אַ שאָד. זיי זײַנען באַ מיר נאָר צען.

— דינעלע...

דער וואָנזייגער אינעם שכיינעסדיקן צימער האָט, ווי אַ געדונגענער, אָפּגעקלאַפּט צוועלף קלעפּ. באַרעך האָט זיך אופגעכאַפּט צום צווייטן מאָל. דינע איז געלעגן אַ וואַכע, באַקוועם אײַנגעמאָסטעט אַף אַ זײַט, ווי מיט עטלעכע שאָ צוריק. די רעכטע באַק אונטערגעבעט מיט דער האַנט. איר גאָמבעלע איז געווען פאַריסן צו דער אָפּגעקילטער און דאָך לויכטנדיקער אָנהייב־האַרבסטיקער זון, וואָס האָט מיט גוואַלד געריסן זיך אין די שויבן פונעם פאַרמאַכטן פענצטער.

— דינעלע, פאַרוואָס האָסטו דאָרטן ניט געוואָלט מיך ניט הערן, ניט זען? — איז אײַנגעפאַלן באַרעכן.

אַ פּאָר גרויסע לאַכנדיקע אויגן:

— דאָרטן? אַ קוראָרט־ראָמאַן... פּע...

פאַרבליבן מיט דינען אין יענעם קעמערל, ביז ער האָט פאַרענדיקט דעם אינסטיטוט. דערנאָך אַריבערגענומען צו זיך, אין זײַן געבורט־שטאָט. די מומע דינעס האָט געוויינט באַ דער געזעגענונג מיט ביטערע טרערן. קיין אייגענע קינדער ניט געהאַט. דינע האָט פאַרגעזעצט לערנען זיך. איין יאָר בלויז דורכגעלאָזן אין אינסטיטוט. ס'איז איר געווען ניט גרינג מיט אַ פּיצל קינד אַף די הענט. זײַן מאַמע האָט געהאָלפן. און איצט... ניטאָ קיין קינד. ניטאָ דינע. און איר פעטער מיט דער מומען. און באַרעכס מאַמע. אַ באָכער איז ער, באַרעך. אַ פרײַער פויגל. אָן זאָרג פאַר ווײַב און קינד.

זײַן קינד איז באַוואָרנט. עס רוט אונטערן שטיין באַ דער זײַט פון איוואַן זובאָווס גאָרטן. און דינע, די מאַמע, וווּ איז אַהינגעקומען זייער געביין? און עפשער... עפשער... אַ נעס ווערט געשען... „זייער ווײַטערדיקער גוירל איז אונדז אומבאַוווּסט".

וואָס ווייסט זאַיע? פאַרוואָס ענטפערט זי ניט אַף זײַנע בריוו און האַלט זיך אַזוי פונדער־ווײַטן אויך פון די טשיסטיאַקאָווס? צי איז דאָ ניט פאַרמישט קיין ליבע, קיין אייפערזוכט? פאַר לעאָנידן זײַנען פרויען שטענדיק געווען די קאַפּאָרע. נאָך אין די ייִנגלשע יאָרן האָט אים קעסיידער באַגלייט אַ פלאַטער פון סטענגעס אין שוואַרצע און בלאָנדע צעפּ. זאַיע, אָן אײַנזאַמע יונגע פרוי...

אַוועלכע איז זי, זאַיע? באַרעך האָט ניט באַוויזן צו באַקענען זיך מיט איר. דאָוויד, זײַן עלטערער ברודער, איז געפאַלן אין אַ קאָמאַנדירונג און דאָרט כאַסענע געהאַט. לעאָניד האָט געלאַכט:

— ווער ווערט זיך עס לאָזן פאָרן אין קאָמאַנדירונגען נאָך אַזאַ מין געשיכטע?

און:

— אָן עקזאָטישע מישפּאָכע זײַט איר, די הורוויטשעס. נאָר איר ברענגט אַראָפּ קאַלעס פון דער פרעמד. צי איר גאַנוועט זיי אַרויס, צי איר צאָלט אויס אַ רײַכן קאַלים? מיילע, דײַנע איז ווערט, באַריס. דינע איז אַ גאָלד.

אַלטבאָכערישע כאָכמעס. ער אַליין, לעאָניד, האָט זיך ניט געײַלט צו פאַרבינדן זײַן גוירל מיט איינער.

דאָוויד האָט ניט באַוויזן אַראָפּצובריינגען זײַן יונג ווײַב צו זיך. זי האָט ניט געקאָנט פאַר־לאָזן דעם פאָטער, וואָס איז צו יענער צײַט געלעגן אין שפּיטאָל שטערבלעך קראַנק. האָט דאָוויד געזאָלט אַריבערפאָרן צו איר. און דאָ האָט אופגעפלאַקערט די מילכאָמע.

באַרעכן און דאָווידן האָט מען מאָביליזירט אין איין טאָג. א צײַט זײַנען זיי אפילע געווען צוזאַמען. אין איין טייל געדינט. דערנאָך צעשיידט געוואָרן. לעאָנידן האָט מען געגעבן בראָן, ער איז נייטיק געווען דעם זאַוואָד. אַזאַ ספּעציאַליסט איז ניט צו געפינען. לעאָניד איז עלטער אַף א יאָר, נאָר געלערנט האָט ער זיך מיט באַרעכן אין איין קלאַס. איבער דער שווערער קינדער־קראַנקײַט, וואָס ער האָט איבערגעטראָגן, איז ער געזעסן אין 3־טן קלאַס צוויי יאָר. נאָר פון אַכטן איז ער אַריבערגעשפּרונגען גלײַך אין צענטן. פאַרענדיקט די שול מיט א יאָר פריִער פון באַרעכן, ווי עס האָט אים געפּאַסט לויטן עלטער. און מיט א גאָלדענער מעדאַל. אַן אָפענער קאָפּ בא אים, בא לעאָנידן.

יעלענאַ מאַקסימאָוונאַ איז געגרעכט. ווען דאָוויד וואָלט געווען צווישן די לעבעדיקע, וואָלט ער, פאַרשטייט זיך, באַלד אָנגעשריבן די טשיסטיאַקאָווס, ווי ער האָט עס געטאָן, באַרעך. נאָר זאָיאַ... ווי אַזוי האָט זיך עס איר אײַנגעגעבן דורכצוריסן זיך פון איר בײַגרענעץ־שטאָט אַזש קיין טיף רוסלאַנד?

פון זאָיאַ איוואַנאָוונאַ צו באַרעך הורוויטשן

פילגעשעצטער באַריס לוואָוויטש!

איך באַגריס אײַך מיטן אָנקומענדיקן נײַעם יאָר! איך האָף, נײַן, איך ווייס אַף זיכער, און אַנדערש קאָן עס ניט זײַן, אַז דאָס נײַע יאָר וועט זײַן דאָס יאָר פון זיג. איז קערט זיך אום א געזונטער אַהיים. מיר זאָלן זיך מיט אײַך באַקענען. און דאָוויד זאָל זײַן דערבײַ. דאָס איז מײַן הייסטער באַגער. אײַער דירע וועט איר געפינען אין דער בעסטער אָרדענונג. וואָס עמעס איז עמעס, פאַר דעם האָבן זיך די טשיסטיאַקאָווס געזאָרגט. דערווײַל וווינט דאָרט אַן עוואַקויִרטע מישפּאָכע, וואָס קלײַבט זיך אײַנגיכן אַהיים. פאַרוואָס שרײַב איך ניט? איך וועל נאָך שרײַבן.

איך ווינטש געזונט און גליק
ז אָ י אַ

ערעוו נײַ־יאָר 1945.

אוי, ווי איך האָף אַף אים, אַפן נײַעם יאָר.

פון לעאָניד טשיסטיאַקאָוו צו באַרעך הורוויטשן
10 דעקאַבער 1944

באַריס, טײַערער פרײַנט!

איך בין נעכטן אומיסטן פאַרבײַגעגאַנגען אונדזער (דײַן) ברויט־זאַוואָד. ער איז שוין קימאַט אײַנגאַנצן אופגעשטעלט. א סאַך בעסער, ווי פריִער. איין כיסאָרן, ער בענקט נאָך זײַן הויפּט־אינזשעניער. א ראַכמאָנעס צו קוקן.

ווידער א נײַ יאָר. און דו ביסט אין דער פרעמד. פון דאָווידן און פון קאַליען וויסן מיר ביכלאַל גאָרנישט. אַט האָסטו דיר אונדזער ייִנגלשן פּאַרטלינג. אַן אומעט אַזאַ צו באַגעגענען דאָס נײַ־יאָר אָן אײַך.

מיר וועלן דאָ נעמען צו די ליפּן א קאַפּעלע פאַר דײַן געזונט. וואָס איז שײַעך מאַשקע, ביסטו מיסטאָמע רײַכער פון אונדז. טאָ פאַרגעס ניט אויסצוטרינקען מיט דײַנע כאַווײרים פאַר אונדזער באַגעגעניש. צו וואַרטן איז געבליבן ניט לאַנג. מיר דוכט, היטלער אַליין פאַרשטייט עס שוין.

איך דריק דײַן לאַפּע, שעד איינער... מיר ליגן נאָך ביז איצט אין טאָם דײַנע שפּאַרגאַלקעס. געדענקסט דאָך, מיט געשיכטע בין איך געווען צעקריגט. דאַטעס, נעמען — א קאַשע אין קאָפּ. ווען די מאַמע וואָלט מיט מיר ניט אײַנגעכאַזערט אַף אויסווייניק князь Курбский от царского гнева бежал, **זי איז דאָך פון שטענדיק אָן געווען פאַרליבט אין דיכטונג, וואָלט איך אפילע וועגן איוואַן דעם גרויזאַמען ניט געדענקט. און דאָ זיץ איך אַף איין באַנק מיט דיר, אויפּעלע דו מײַנס, און שעם זיך א ביסעלע דערמיט. אַף א גאַנץ יאָר עלטער און זיץ מיט דיר, אַזאַ פּיצל. אַף איין באַנק, סאַכאַקל האָסטו געגרייכט די הייך בא א מעטער זיבעציק, און שיכעלעך האָסטו שוין דאַן געטראָגן נעבעך נומער 43, אויב איך האָב קיין טאָעס ניט. נאָר וואָס־וואָס, אַף שפּאַרגאַלקעס ביסטו געווען א מײַדים, און אַף אויסלייזן א כאַווער פון א צאָרע אויך. מײַן צאָרע איז געווען געשיכטע. קייסאָרים, מילכאָמעס, כאַפּט זיי דער רועך... ווער קען דאָס אַלץ פאַרגעדענקען? נאָר דו האָסט געדענקט, איז דאָס זיצן מיט דיר**

אף איין באנק מיר ווויל באקומען. אניט וואָלט איך דען אריבערגעשפּרונגען פונעם 8־טן קלאַס גלײַך אינעם 10־טן. די קייסאַרים וואָלטן מיך פאַר די פּיס צוריקגעשלעפּט.

איז מיטן יאָר פון זיג, מײַן טײַערער פרײַנט! באָריס, באָרקע־סילאַטש, געדענק זשע, א קאָס פאַר אונדזער באַגעגעניש...

דײַנער, ווי טאָמיד,

ל ע אָ נ י ד.

פּ. ס. מײַן מאַמע וועט אַדאַנק דיר ווערן א שרײַבערן, ערנוואָרט. ווען איך זאָל ניט קומען אהיים, טרעף איך זי באַם שרײַבן צו דיר א בריוו. ביכלאַל האַלט עס מיט מײַן מאַמען ניט גוט. נאָר אַלצייַנס איז זי בא מיר א כוואַט, אַהאַ! וועסט קומען, וועסטו זען.

ד ע ר ז ע ל ב ע ר

פון יעלענא טשיסטיאַקאָווא צו באָרעך הורוויטש

10 דעקאַבער 1944

טײַערער באָריס!

א ליכטיק יאָר דיר. ביסט יונג, וועט נאָך זײַן פרייד. עס וועט זײַן גליק. האַלעווײַ זאָלן מיר דאָס קומענדיקע יאָר באַגעגענען צוזאַמען, בא איין טיש. און מיט פרישער יאָדלע זאָל שמעקן אין צימער, און אויסגעלײַטערט זאָל ווערן אונדזער געמיט.

איך דריק דיך צום האַרצן

ד ײַ ן י ע ל ע נ א ט ש י ס ט י אַ ק אָ װ אַ

פון יעלענא טשיסטיאַקאָווא צו באָרעך הורוויטש

15 יאַנוואַר 1945

אזוי? האָט דאָס איִז, הייסט עס, געפּלאַצט. זאָיע האָט דיך באַגריסט מיטן נײַ־יאָר. ווי איך פאַרשטיי פון דײַן בריוו, האָט זי אַפילע וועגן אונדז געזאָגט א גוט וואָרט. נו, דאָס איז שוין גאָר ניט צו גלייבן. און עפּשער ווילסטו זיך פּאַשעט אַרײַנלייגן אין שאָלעם צווישן אונדז (דו שרײַבסט דאָך ניט, אייגנטלעך, וואָס זאָיע האָט געזאָגט). נו, מיילע, אויב דו האָסט עס אַפילע אויסגעטראַכט, דאַנק איך דיר אַלצייַנס פאַר דײַן גוט האַרץ.

דו קאָנסט זיך ניט פאָרשטעלן, ווי עס מאַטערט מיך זאָיעס צוריקגעהאַלטנקײַט. ניט נאָר זי קומט צו אונדז ניט אַרײַן (און וועמען האָט זי דאָ נאָך אויסער אונדז?). ניין, בא יעדער צופעליקער באַגעגעניש אַפילע שטרײַכט זי אונטער איר פרעמדקײַט צו אונדז. און איך האָב זאָיען ליב. ווען איך זאָל אַפילע דאָס וועלן, וואָלט איך ניט געקאָנט זיך צווינגען זי ניט ליב צו האָבן. איך בין ניט פון הײַנט געבאָרן. מײַן לעבנס־דערפאַרונג, איבערהויפּט אין די לעצטע שווערע יאָרן, האָט מיר געגעבן גענוג שטאָף אָף צו פאַנאַנדערקלײַבן זיך אין מענטשן. און זאָיע, פיל איך, איז אַן עכטער מענטש, אַן עכטער און אַן אַנטשיידענער. נאָר מאָדנע אײַנגע־שלאָסן אין זיך. שטעל זיך פאָר, אז ביז דאָ ניט לאַנג האָב איך אַפילע איר פּראָפעסיע ניט געוווּסט. ווײַזט זיך אַרויס, אַז זי איז אויך א לערערקע, פּונקט ווי איך.

און דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן אײנינעם איבערגעלעבט, ווי קאָן מען עס פאַרגעסן? נאָר וואָס זאָל מען טאָן? עס מאַכט זיך ערגערס. מאַן און ווײַב גייען זיך דאָך אויך אַמאָל פאַנאַנ־דער. אָט ערשט, דאַכט זיך, זײַנען זיי געוועזן מעשוגענערווײַז פאַרליבט. און קינדער האָבן זיי, און געקניפּט און געבונדן זײַנען זיי מיט איין און דער זעלבער סוויווע. און די גײַסטיקע און די מאַטעריעלע אינטערעסן זייערע פאַלן צונויף. נעמען אַזעלכע צוויי און צעברעכן אָן ראַכ־מאָנעס יענעמס לעבן און גאַנץ אָפּט אויך דאָס אייגענע. איך פאַרזיכער דיך, אז זעלטענער פון אַלץ קומט עס פאָר איבער א נײַער ליבע, אַן עמעסער אָדער אַן אויסגעדאַכטער. ניין, איבער א שוואַרצער קאַץ קומט עס פאָר, וועלכע לויפט ניט צו דער צײַט דורך דעם וועג. די שוואַר־צע קאַץ נעמט אָן דעם אָנבליק פון דעם געליבטן מאַנס קאָפּ, א פאַרטיפטן אין א צײַטונג, בייס זי, דאָס ווײַב, שטייט אײַנגעבויגן, א פאַרמאַטערטע פון א טאָג אַרבעט, איבער א מולטער ווינ־דעלעך פון זייער ביידנס געליבט קינד. אויב די דאָזיקע סצענע כאַזערט זיך איבער פון טאָג צו טאָג, ווערט פון דער קאַץ א טיגער. אַמאָל, פאַרקערט, נעמט די שוואַרצע קאַץ אָן דעם אָנבליק פון א שמייכל, וואָס דאָס ווײַב שענקט דעם מאַנס א פרײַנט, זייער אַלגעמיינעם גאַסט. ווערט שוין דער מילדער פרויען־שמייכל א טיגער. וואָס זשע איז דאָ צו ריידן וועגן פרעמדע מענטשן? מיסטאָמע איז צווישן אונדז און זאָיען דורכגעלאָפן א שוואַרצע קאַץ, און אַזוי פלינק, אז ניט איך, ניט לעאָניד האָבן זי ניט באַוויזן צו באַמערקן. איך האָף, אז נאָך ביז דײַן אומקערן זיך בעשאָלעם אַהיים וועלן מיר די קאַץ כאַפּן פאַרן עק און אָפּשמײַסן מיט קראַפּעווע.

און מיך געדענקט זיך דאפקע, וויאזוי זאָיע האָט זיך באוויזן בא אונדז, פונקט ווי נעכטן וואָלט עס געווען, ווײַל מיט איר איז אין שטוב אַרײַן די מילכאָמע. געווען איז עס אזוי:

מיר האָבן זיך געקליבן צו פּאַרלאָזן די שטאָט אַלע איינינעם. דײַן מאַמע מיט דינען האָבן אָרײַנגעטראָגן צו אונדז צוויי טשעמאָדאַנעס מיטן סאַמע נייטיקסטן. מיר האָבן געוואַרט אַף לעאָנידן, וועלכער האָט געזאָלט אונדז אָרופנעמען אַף איינער פון די מאַשינעס מיט דער זאַ־וואָד־אויסשטאַטונג. אַפן וועג צום וואָקזאַל האָבן די מאַשינעס אזוי אָדער אַנדערש אונדזער שטוב ניט געקאָנט אויסמײַדן.

מיר זײַנען געווען גרייט. געוואַרט א שאָ, צוויי, דרײַ...

— איך וועל צוגיין צום זאַוואָד, — האָט געזאָגט דינע.

דער שטאָט־טראַנספּאָרט האָט ניט געאַרבעט. פוסגייער, וועגענער, אייניקע געציילטע מאַ־שינעס — אַלץ האָט זיך געטראָגן צום וואָקזאַל. פון אונדז ביז צום מאַשינבוי־זאַוואָד איז, ווי דו ווייסט, ניט ווייניקער, ווי פינף־זעקס קילאָמעטער. אַפּילע בא דינעס לופטיקײַט האָט איר „צו־גיין" אַהין געזאָלט אָפּנעמען ווייניקסטנס א שאָ. צוריק האָט זי געהאָפט אומצוקערן זיך צו־זאַמען מיט לעאָנידן אַף א מאַשין. אַנדערש האָט זיך גאָר אַפן סייכל ניט געלייגט. אינמיטן וועג האָט דינען אָפּגעשטעלט א מוירעדיקער קנאַל, וועלכער איז געגאַנגען פון דער ריכטונג פון זאַוואָד. מיר, פאַרשטייט זיך, האָבן אויך געהערט דעם קנאַל. דינע האָט א רעגע אָפּגעוואַרט און דערנאָך מיט אַלע קויכעס געלאָזט זיך לויפן אַהין, צו דער סריפע, וואָס אירע פלאַמען האָבן זיך שוין געלאָזט בוילעט זען.

נאָר דאָ האָבן מיט א געוואַי און א בראַזגערײַ געטומען טראַגן זיך פאַרבײַ איר אָפענע פּלאַטפאָרמעס, געלאָדענע מיט מעטאַל. מענגעס מענטשן זײַנען נאָכגעלאָפן נאָך די מאַשינעס אין א קנויל פון שטויב, ביז יענע זײַנען ניט פאַרשוווּנדן אין דער ווײַט. דינע האָט געטראַכט ניט אַנדערש, אַז מיט לעאָנידן האָט זי זיך שוין אויסגעמיטן. דאַן איז פאַרשוווּנדן די לעצטע האָפענונג צו ראַטעווען זיך. דינע איז געלאָפן אַהיים. ניט געוווּסט, צי וועט זי שוין דאָרט עמעצן טרעפן.

דאָס אַלץ האָט אונדז דינע דערציילט שפּעטער. אין יענער רעגע, ווען זי איז אָן אָטעם אַרײַן אין שטוב, האָט זי נאָר געפרעגט:

— ניט געווען דאָ לעאָנידי? מע טאָר זיך מער אַף קיין איין מינוט ניט פאַרהאַלטן.

— די מאַשינעס, דינע, האָט איר געזען? וואָס טוט זיך אַפן זאַוואָד?

— מע זאָגט, א באָמבע. נאָר קיינעם ניט געשאַט.

מער האָב איך גאָרנישט געפרעגט. ווי א צוגעשמידטע, בין איך געשטאַנען באַם פענצטער, אַרויסגעקוקט אין דרויסן. די גאַס איז שוין געווען פוסט. און דאָ האָב איך מיטאַמאָל דערזען א פרוי. און ווײַל אויסער איר איז אַף דער גאַס קיין איין לעבעדיקער נעפעש ניט געווען און די האַלבטאָגיקע זון איז געשטאַנען אינמיטן הימל, ווי בעקיוון אַף צו באַלײַכטן זי, איז די פרוי מיט א מאָדנער בוילעטקייט אַרײַן אין מײַן אויג, ווי אין א פאָטאָ־אָביעקטיוו. איך האָב זי דער־זען מיטאַמאָל, אינגאַנצן, פון קאָפּ ביז די פיס. אין איר בלימלדיק ציצן קלייד האָט געפעלט דער לינקער אַרבל. פון אונטערן טיכל אַפן קאָפּ פונעם זעלבן בלימלדיקן ציץ האָט זיך אַרויסגע־שלאָגן א פּאַסמע צונויפגעקלעפּטע האָר, וואָס האָט אויסגעזען האַרט ווי א ברעט און פון אַן אומבאַשטימטן קאָליר, צי בלאָנד, צי גראָוו. און די פיס... ווי אָן איבערגעזײַערט טייג זײַנען זיי אַרויס פון די ברעגן אַריבער די צעפאָרענע לײַוונטענע טופליעס. און צעבלוטיקט, און צעדראַ־פּעט... א יונגע און א קרעפטיקע אַפן אָנבליק, האָט די פרוי זיך געוואַקלט אין גאַנג. איך האָב זיך א לאָז געטאָן צו דער טיר, ברייט זי צעעפנט.

די פרוי איז אַרײַן אָן א „גוטמאָרגן", א ווײַלע געבליבן שטיין בא דער שוועל. דערנאָך, ווי צונויפגעזאַמלט די לעצטע קויכעס, שטיל געזאָגט:

— מײַן מאַן הייסט דאַוויד הורוויטש. עפּשער ווייסט איר...

עס מאַכן זיך אַזעלכע רעגעס אין לעבן, ווען גאַנץ פאַרשיידענע מענטשן האַנדלען פּלוצ־לינג אַף איין און דעם זעלבן אויפן. דער נײַער גליד פון דער מישפּאָכע הורוויטש, זאָיע, וועלכע קיינער פון אונדז האָט ניט געקענט, האָט, ווי א בלינדע, א זעץ אַראָפּ זיך געטאָן אַפן נאָענטסטן בענקל, און מיר אַלע זײַנען מיט אונטערגעהאַקטע קני א פאַל געטאָן גלײַך מיט איר, יעדערער אַף דעם אָרט, ווו ער איז בייסמײַסע געשטאַנען. פון אונדזערע אַלעמענס אויגן האָבן זיך א גאָס געטאָן טרערן. שטילע טרערן. די סאַמע ביטערע. די אַלע שפּעטערדיקע, פיל שרעקלעכערע אײַנ־דרוקן, וואָס זײַנען אָנגעוואַקסן מאַמעש אין די נאָענטסטע שאָען מיט א מוירעדיקער שנעל־קײַט, האָבן אַלנפאַלס אין מײַן זיקאָרן ניט פאַרטונקלט אָט דעם אופבליק, אין וועלכן ס'איז אופגעקומען פאַר אונדז דאָס געשטאַלט פון מילכאָמע.

זאָיע האָט ווי ניט באמערקט די צערודערונג, וואָס זי האָט אַרײַנגעבראַכט מיט איר קומען. אירע אויגן זײַנען געווען טרוקן. אָן קיין שום אויסדרוק אויף איר צונטער־רויטן פּאָנעם, פון וועלכן ס'האָט זיך געשיילט די הויט, האָט זי זיך מיט דער פּלייצע אָפּגעוואָרפן אָפן ווענטל פון שטול, די הענט אויסגעצויגן אויף די קני. זי האָט גערוט.

און דאַפקע זי, זאָיע, האָט די ערשטע געשטערט די שטילקייט:

— א שיסל קאַלט וואַסער, — זי האָט א ווײַז געטאָן אויף אירע געשוואָלענע פיס, פון וועל־כע זי האָט באַלד באַם אוועקזעצן זיך אַראָפּגעוואָרפן די צעפּאַרענע טופליעס. — און טרינקען. גיט מיר עמעצער א טרונק.

עטלעכע מינוט נאָכאַנאַנד האָבן מיר מיט פאַרווונדערונג און מיט פאַרבאָרגענער שרעק געקוקט, ווי, האַלטנדיק די פיס אין דער שיסל קאַלטער וואַסער, גיסט זי אין דער זאַלבער צײַט וואַסער זיך אין גאָרגל אַרײַן. א גלאָז נאָך א גלאָז. ס'האָט אויסגעזען, אַז זי וועט שוין קיינמאָל איר דאָרשט ניט שטילן.

זאָיע האָט א לעצטן זופּ געטאָן און מיט דער ליידיקער גלאָז אָנגעוויזן אויף אונדזערע טשע־מאָדאַנעס:

— אַט דאָס איז איבעריק. צו שפּעט. ניט גיין, נאָר לויפן דאַרף מען. טוט אָן אויף זיך, וואָס איר קענט.

זי האָט שנעל אַרומגעוואַשן די פיס, אַרײַנגערוקט זיי אין לעאָנידס א פּאָר שטעקשיך. פונעם גאַנצן שוכוואַרג אין שטוב האָבן נאָר זיי איר געטויגט. ווערעטשקע האָט אַרופגעוואָרפן אויף אירע אַקסלען א מאַנטל. זאָיע האָט אים א צי געטאָן באַ די לאַצן און קורץ געזאָגט:

— קומט.

איך האָב א קוק געטאָן אויף ווערען. שטומערהייט האָבן מיר זיך דערעדט וואַרטן אויף לעאָ־נידן. אַט אַזוי האָבן מיר יענעם טאָג זיך צעשיידט מיט דײַן מישפּאָכע. אַרומגענומען, צעקושט זיך, און זיי זײַנען אַרויס פון שטוב.

לעאָניד איז געקומען צופוס אין א מינוט פופצן נאָך זייער אוועקגיין. לויט דעם, ווי איינער א באַקאַנטער אַרבעטער האָט אים פאַרזיכטיק אונטערגעהאַלטן, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מיט אים איז עפּעס ניט גוטס געשען. און ווירקלעך, די גאַנצע רעכטע זײַט, פונעם אַקסל ביז די קני, איז געווען באַ אים אָפּגעבריט. לעאָניד און זײַן באַגלייטער זײַנען האַלב־דערשטיקטע אַרויס־געלאָפן פונעם ברענענדיקן צעך און באַלד געכאַפּט זיך, אַז דאָס זעכצניאָריקע יינגל, וואָס איז דאָרט געווען צוזאַמען מיט זיי, איז ניטאָ. געוואָרפן זיך ווידער אין פײַער אַרײַן און אַרויסגע־טראָגן פון דאָרט דעם פאַרקוילטן גוף פונעם יינגל. אַזויאַרום האָבן זיי פאַרזען די לעצטע מאַ־שין. שווער צו זאָגן, ווי איז דאָס געשען. צי מע האָט זיי ניט געקאָנט אופזוכן און געמיינט, אַז זיי האָבן זיך אופגעזעצט אויף אַן אַנדערער, א פריִער אָפּגעפאָרענער מאַשין, צי אין דער אַלגע־מיינער מעהומע האָט מען וועגן זיי קלאָל פאַרגעסן, אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר זיי האָבן זיך ניט אַרומגעזען, ווי ס'איז אוועק די לעצטע מיט שטאָל און אײַזן אָנגעלאָדענע פּלאַטפאָרמע, כאָטש איר ליאַזגערײַ איז נאָך א היפּשע ווײַלע געשטאַנען אין דער לופט.

געבראַכט לעאָנידן אַהיים, האָט דער אַרבעטער געלאָזט זיך גיין צו איינעם א באַקאַנטן, באַ וועלכן, ווי ער האָט אונדז פאַרזיכערט, ער וועט געוויס קריגן א פערד־און־וואָגן. איך האָב דערווײַל מיט א שער אופגעשניטן דעם רעכטן אַרבל פון לעאָנידס העמד, ווי אויך די הויזן אָפן רעכטן פוס, קעדיי ניט צו אָנטאָן אים קיין איבעריקע יעסורים, אַרומגעוואַשן דאָס אָפּגעברענטע לײַב מיט ספּירט און, ווי געקענט, אַרומגעבונדן. אָפן אַרבעטער האָבן מיר זיך ניט דערוואַרט. פאַרפאַלן געוואָרן, און גאָר... ביז איצט ווייס איך ניט, ווו ער איז הינגעקומען. מיר זײַנען אוועק זאַלבעדריט. נאָר פאַרלאָזן די שטאָט אַלציינס ניט באַוויזן. אײַנגיכן האָבן זיך אויך דײַנע אומ־געקערט. זיי זײַנען אוועק ווײַטער פון אונדז, נאָר אויך זיי האָט מען פאַרטריבן צוריק אין שטאָט אַרײַן.

אונדזער קליינע געזעלשאַפט איז זיך צעפאַלן. איך, ווערעטשקע און לעאָניד זײַנען פאַר־בליבן באַ זיך. לעאָניד האָט זיך אויף דער גאַס ניט באַוויזן. די ערשטע טעג זײַנען מיר אַלע געווען זיכער, אַז די גרעסטע געפאַר דראָעט אים. אַגעוו, די טעמפּעראַטור איז באַ אים געשטיגן ביז פערציק. ווען ניט ניקאָלײַ, וואָלט ער געבליבן אָן א האַנט. ניקאָלײַ פלעגט זיך אַרײַנכאַפּן אויף עטלעכע מינוט. ער האָט קעסיידער געצײַלט אין שפּיטאָל. א שווער פאַרגעפּיל האָט אים געפּײַניקט. ער האָט זיך אַליין ניט געקאָנט אָפּגעבן קיין כעזשבן, וואָס צווינגט אים טאָג און נאַכט ניט אָפּצוטרעטן פון זײַנע כאַלאָיִם, אַפילע דאַן, ווען זיי האָבן זיך קלאָל אין אים ניט גענייטיקט. מיר האָבן דאָס אָפּגעטראָגן אָפן כעזשבן פון זײַן אייגענער קראַנקייט. אָך, יאָ, וועגן דעם, דאַכט זיך, האָב איך דיר נאָך ניט געשריבן. ניקאָלײַען האָט מען מאָביליזירט פונקט אין דעם טאָג, ווען דו ביסט צוזאַמען מיט דאַווידן אוועק אין דער אַרמיי. נאָר אים האָט די

קאָמיסיע ניט דורכגעלאָזט. אַן אַקטיווער טובערקוליאָז־פּראָצעס, און ער, דער דאָקטער, האָט עס ניט באַמערקט, אין דער יוגנט זײַנען בײַ אים געווען עטוואָס אָנגעריירט די לונגען. נאָר וועגן דעם האָט ער שוין פאַרגעסן צו קלערן. ערשט גאָר אַזאַ געשיכטע: די קאָמיסיע האָט אים פאַרבראַקעוועט. וועגן אים האָבן מיר קיין שום ידיעות ניט. אָבער דאַן, אין דער ערשטער צײַט פון דער אָקופּאַציע, איז ער געווען אין שטאָט. אַליין אַ קראַנקער, איז ער אויף קיין איין טאָג ניט אָפּגעטראָטן פון זײַנע קראַנקע. ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז זײַן ציטערן איבער זיי געווען ניט אָן אַ גרונט.

נאָר ניט וועגן דעם קלײַב איך זיך דיר איצט דערציילן. מיר האָבן זיך באַזעצט אין אונדזער דירה, דײַנע — אין אײַערער. זאָיע האָט זיך באַלד פון זיי אָפּגעטיילט. קיין איין נאַכט אַפילו ניט איבערגענעכטיקט. דאָ, האָט זי געזאָגט, קען זי נאָך דערווײַל קיינער ניט. וועט פאַר אונדז אַלעמען זײַן גלײַכער, אויב מע וועט ניט וויסן, אַז זי געהערט צו דער מישפּאָכע הורוויטש און אַז איר מאַן איז אַ סאָוועטישער אָפיצער. און פאַרשוווּנדן. אַן אײַזערנער כאַראַקטער. נאָר גערעכט איז זי דאַפקע געווען. געאַרבעט האָט זי ערגעץ אַלס אַן אופראַמערן אָדער אַ וועשערן. געלעבט אין אַ צוזאַמענוווינונג. זי וווינט נאָך איצט דאָרט.

זאָיע, דאַרפסטו ניט פאַרגעסן, איז געקומען פון מײַרעוו. איז וויפל מיר האָבן געוווּסט, האָט זי געוווּסט אין צען מאָל מער. האָט זי זיך צום צווייטן מאָל באַוויזן בײַ אונדז פּונקט אין דער רעכטער צײַט. דאַן, ווען ס׳איז אויסגעהאַנגען געוואָרן דער באַפעל וועגן די מערק־צייכנס אויף די בגאָדים פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. איז זי געקומען, זאָיע, און אָן איין איבעריק וואָרט אוועקגעפירט מיט זיך די מאַמע. וויאַזוי האָט זיך איר, אַ פרעמדער בײַ אונדז, אײַנגעגעבן צו פאַרבינדן זיך מיט לוקעריאַ פּוזיריאָווא, ווייסט איין גאָט. ביז דער נײַיאָר־נאַכט אויף דער שוועל פונעם 43־טן יאָר האָבן מיר זאָיען מער ניט געזען.

בײַ דינען איז עס צוגעגאַנגען אַנדערש, ווי בײַ דײַן מאַמען. זי האָט יאָ אָנגעטאָן דעם ייִדישן מערק־צייכן. אויך צו סימאָטשקעס מאַלבושים אים צוגענייט. קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט. איך האָב געצייצעט דינען, זי זאָל אײַערע זאַכן אַרײַנטראָגן צו אונדז. נאָר דאָס מעבל לאָזן שטיין און די גאַרדינען פון די פענצטער ניט אַראָפּנעמען. מע זאָל מיך דאַן פרעגן, פאַרוואָס האָב איך זיך אַזוי געזאָרגט פאַר דער געמיטלעכקײַט פון אײַער שטוב, וואָלט איך געוויס ניט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. ווײַל דאָס, וואָס איך האָב געטראָגן אין האַרצן, האָט זיך ניט געלייגט אויפן צונג. וויפל כ׳האָב ניט געטריבן פון זיך דעם געדאַנק, האָב איך דאָך געוווּסט, אַז בײַ זיך אין שטוב וועט דינע מיטן קינד פאַרבלײַבן ניט קאָנען. און כאָטש איך האָב זיך נאָך ניט פאָרגעשטעלט גענוי די גרויזאַמקײַט פון די פאַשיסטישע פּלענער לעגאַבע דער ייִדישער באַפעלקערונג, און וויאַזוי האָט אַ נאָרמאַלער מענטש געקאָנט זיך עס פאָרשטעלן, בין איך דאָך אינערלעך געווען גרייט צו דעם, אַז עפּשער וועט זיי נאָך אויסקומען בײַ אונדז אויסבאַהאַלטן זיך. אָט דאַפקע דערפאַר האָב איך געוואָלט, אײַער שטוב זאָל אויסזען געמיטלעך. די שכײנעשאַפט מיט אַ דײַטשישן אָפיצער האָט געקאָנט דינען נאָר צום גונסטן. מיר וועלן אים ניט אינטערעסירן, ווײַל אין זײַנע אויגן זײַנען מיר קיין מענטשן ניט. דערפאַר אָבער וועלן אונדזערע היימישע כאַמולעס אַהער ווייניקער קריכן. איך האָב אָבער גוט געוווּסט, אַז דערווײַל איז אונדזער שטוב ניט דאָס אָרט, וואָס איז נייטיק דינען מיט סימאָטשקען. אויף צו געפינען אַן אַנדער אָרט האָט זיך געפאָדערט צײַט. און קיין צײַט איז ניט געווען.

ייִדן, ווי דו ווייסט, זײַנען בײַ אונדז אין שטאָט געווען ניט קיין סאַך. דעם גרעסטן טייל האָט זיך אײַנגעגעבן צו עוואַקויִרן. דאָ האָבן קיין געטאָ די דײַטשן ניט געשאַפן. זייער זאַך האָבן זיי אָפּגעטאָן בליץ־שנעל. פּונקט ווי פיל אַנדערע, איז דינע אוועק מיטן קינד צום זאַמלפּונקט. און... אין אונטערשייד צו די פיל אַנדערע, פּונקט אַזעלכע אומבאַוואָפנטע און שוצלאָזע, ווי זיי, האָבן זיי זיך דאָך אומגעקערט. אין פינף טעג נאָך דעם, ווי די שטאָט איז געוואָרן „יודנריין”. וויאַזוי זיי האָבן זיך אומגעקערט און אין וואָס פאַר אַן אויסזען, בין איך ניט בעקויעך צו באַשרײַבן. עפּשער אַן אַנדערשמאָל, אויב דו וועסט עס פון מיר פאַרלאַנגען. סימאָטשקעס קאָל אַלנפאַלס קען איך זיך ניט דערמאָנען נאָך זייער אומקערן זיך. ווי אַ מײַזל פלעגט ער זיך פאַרשלאָגן אין אַ ווינקל און שווײַגן. נאָר אופּציטערן בײַ יעדן טראָט הינטערן פענצטער.

י. ע. ט ש.

■

פון יעלענא טשיסטיאַקאָווא צו באָרעך הורוויטשן
20 פעוורואַל 1945.

טײַערער באָריס!

דאַנק מיר ניט! לויב מיך ניט! בעט ניט בײַ מיר קיין מעכילע פאַר דעם, וואָס מיט דײַן צי׳ען פון מיר נאָך און נאָך, דרייסטו בײַ מיר איבער, ווי דו דריקסט זיך אויס, אַלע מײַנע אינגעווײדן. און דאָ דערבײַ שרײַבסטו, אַז מײַנע בריוו זײַנען פאַר דיר אַ טרייסט. מײַנע בריוו, שרײַבסטו, פאַרשאַפן דיר אַ פײַנלעכן טײַנעג. אַ טײַנעג... דעם עמעס געזאָגט, האָט מיך די ערשטע רעגע דאָס דאָזיקע וואָרט געפּלעפּט. נאָר באַלד, הער נאָר אַ נאַרישקײַט, האָב איך זיך דערמאָנט:

...איך זיץ איינע אַליין אין שטוב און ניי אויס אַ סערוועטל. אַזאַ מין פּראָווינציעלע געמיטלעכקײַט... צי איז עס ניט קיין כאָלעם? צי איז עס געווען? עס גלייבט זיך ניט. איך הער, אין פּירהויז גייט זיך אָן עפן די טיר און פאַרמאַכט זיך מיט אַ טראַסק. איך הער זיך צו, שטיל. גיי איך אַרויס אין פּירהויז. דו שטייסט אַ צונויפגעדרייטער אײַנדרײַען, און די רעכטע דלאָניע דײַנע, ווי זי וואָלט זיך געמיט עפּעס פון זיך אַראָפּצוטרייסלען. גרינגער איז דיר פון דעם טרייסלען ניט געוואָרן. דער פינגער, וועלכן דו האָסט צוגעשטשעמעט מיט דער טיר, איז אַלציינס אויפגעלאָפן געוואָרן מיט בלויקײַט. און פון קיין קאַלטן קאָמפּרעס האָסטו זיך בײַ מיר אויך ניט אַרויסגעדרייט, אָבער אַ שטיקל פײַנלעכן טײַנעג האָסטו דאָך פאַרזוכט, בייס דו האָסט זיך געמיט אַראָפּטרייסלען פון דער האַנט דעם ווייטעק. טאָ דערלויב אויך מיר פון דעם גענישן. הײַנט פאַרשטייסטו שוין, אַז דאָס אַלץ, וואָס איך שרײַב דיר, טו איך ניט נאָר פאַר דיר. פאַר זיך אויך. דאָס האַרץ איז צונויפגעשטשעמעט, מיט בלויע צייכנס אויפגעלאָפן. מידט זיך עס אַראָפּטרייסלען די יעסורים, זאָל זײַן אַף פּאַפּיר. לאָמיר זיך פאַרגינען דעם פײַנלעכן טײַנעג פון אויסגיסן דאָס האַרץ.

דאָס לעבן גייט ווײַטער. עס האָבן בײַ אונדז זיך שוין אַפילע געעפנט די שולן. נאָר איך... ניין, איך וועל שוין אין שול מער ניט אַרבעטן. און פאַר די דײַטשן האָב איך יאָ געאַרבעט. קיינער האָט מיך ניט געצוווּנגען. איך בין שוין דאַן געווען נאָענט צו זעכציק. דאָס פאַרדינסט? אין קינדערהיים האָב איך געאַרבעט. מײַן כוידעשלעכער געהאַלט האָט קוים געסטײַעט אַף איין לאַבן ברויט אַפן שוואַרצן מאַרק. וואָס זשע האָט מיך געצוווּנגען צו אַרבעטן?

וואָס מע זאָל ניט דערציילן און ניט באַשרײַבן פון דער אָקופּאַציע, איז עס אַלץ אַזוי און ניט אַזוי. ווײַל צו דעם, וועלכער האָט עס ניט געזען. לעמאָשל, אַן אָבלאַווע אַף קינדער פון פּערצניאָריקן עלטער, דורכגעפירט לויט אַלע קלאָלים פון יאַגד, ווי אַף אַ בער. איז ווײַל הונגער, ווײַל פאַרוואָרלאָזטקײַט, ווײַל סײַ די קינדהײַט, סײַ די יוגנט האָט, טראָץ יעדן נאַטורגעזעץ, ניט געטאָרט דויערן מער, ווי ביז פּערצן יאָר, האָט מען געמוזט בלײַבן מיט די יעסורים ביז לעצט, קוים האָסטו אַריבערגעטראָטן די שוועל פונעם קינדערהיים. דאָס פאַרשטייט יעדערער. בײַ מיר איז געווען נאָך אַ סיבע, איבער וועלכער איך האָב געמוזט גיין אַרבעטן. איבער דינען מיטן קינד האָב איך נייטיק געהאַט אַ שלאָס אַף דער דרויסנטיר. אין שטוב, הייסט עס, איז קיינער ניטאָ. נו, כ׳וועל ניט לייקענען, אַז דאָס שטיקל שפּײַז־קאַרטע, וואָס איך האָב, אַלס אַרבעטנדיקע, באַקומען, איז אויך געווען ניט איבעריק.

דאַכט זיך, גענוג, יאָ? ווי אָבער, אַז איך וועל דיר זאָגן, אַז דאָס אַלץ זײַנען געווען בײַסיבעס? ווען איך האָב זיך הענדעם־פענדעם אַ לאָז געטאָן נאָך אַן אָרט אין קינדערהיים, האָב איך נאָר איינס געהאַט אין זינען — ניט קיין לערערקע זײַן, נאָר אַ דערצי׳ערן. בײַ דעם איינעם געדאַנק, אַז ס׳וועט מיר אויסקומען צו לערנען מיט רוסישע קינדער דײַטש, האָט מיך געוואָרפן אין היץ און אין קעלט. נאַריש, וועסטו זאָגן? ס׳איז עפּשער אַפילע געמיין, האָב איך זיך אַליין געזאָגט. קינדער דאַרפן זיך לערנען. קינדער דאַרפן קענען און וויסן וואָס מער. נאָר הערסטו, מיט דיר רעד איך, ווי מיט זיך אַליין, אויך איצט וואָלט מיר שווער געווען צו פּויעלן בײַ זיך לערנען מיט רוסישע קינדער דײַטש. נאָר וועגן איצט איז שוין אָפּגערעדט. מײַן רי׳ע...

אַגעוו דוכט מיר טיילמאָל, אַז לעבנדיק בײַ די דײַטשן, האָב איך גאָר די דײַטשישע שפּראַך פאַרגעסן. די אַלע, וואָס האָבן קעסיידער געהאָלדערט אַף די גאַסן און דורך די ראַדי׳אָ־רופּאָרס, האָב איך קוים פאַרשטאַנען, אַ שפּראַך, וואָס ווייסט נאָר צו באַפעלן. אין אײַער דירע, ווי איך האָב פאַרויסגעזען, זײַנען אײַנגעשטאַנען אָפיצערן. עפּשער מענטשן מיט העכערער בילדונג. געטען און שילערן געלייענט. נאָר...

צו מיר איז צופעליק אַרײַנגעפאַלן אַ בוך וועגן דער דײַטשישער קלאַסיק, אין 1940 אַרויסגעגעבן. מיסטאַמע האָט עס עמעצער פון אײַערע קוואַרטיראַנטן פאַרלאָרן. איך האָב מיט דאָרשט אַף דעם זיך אַרופגעוואָרפן. אַ מעכײַע, הערסטו... קיין איין דרוקפעלער. די דאַטעס

פינקטלעכע. אפילו די ציטאַטעס ניט קיין געפּעלשטע. און די קלאַרקייט, די לײַכטקייט פון אויסלייג... דער מעכאַבער איז ווערט געווען יעדע לויב. זײַן מויעך איז געווען אויסגעצײַבט ניט ווייניקער, ווי דער גוף בײַ אַ צירק־פּאַיאַץ. און ס'איז קיין ווונדער ניט. אי דער, אי יענער האָבן באַלאַנסירט איבער אַן אָפּגרונט. איין אומפּאַרזיכטיקער קער און... ניטאָ דער פּאַיאַץ. איין אומ־פּאַרזיכטיקער דריק אויף אַ קלאַוויש פון דער שרײַבמאַשינקע, שפּרינגט פון אונטער איר אַרויס ניט דער געטע, וואָס מע באַדאַרף, און ניט דער שילער, וואָס מע באַדאַרף. איז אויס מיטן מעכאַבער.

דער צירקאַטש אָבער איז פלינק, דער מעכאַבער איז קלוג. אַן ערודיט און אַ פּאַיאַץ אין איין פּערזאָן. רויִק און באַדאַכט קנײַפּט ער אָפּ אַ פּענעץ נאָך אַ פּענעץ פון אַ גאָלדענעם מאַ־ראַנץ. דעם זאַפט זויגט ער אויס, שלינגט אַראָפּ (פאַרוואָס דען ניט?), דאָס הײַטל שפּײַט ער אויס אין אַ פרעמדן מויל אַרײַן.

מיט די בעסטע גרוסן
יע. טשיסטיאַקאָוואַ

פון יעלענאַ טשיסטיאַקאָוואַ צו באַרעך הורוויטשן
10 מאַרט 1945.

געדענקסטו נאָך יענע אָוונטן, באַריס? אַ דאַנק, אַ דאַנק, האָסט דערוואַרעמט מײַן אַלט האַרץ. דו, לעאָניד, דאַוויד, קאָליע דאַבריני, ווי איר פלעגט זיך עס אויסזעצן אויף מײַן גרויער קאַנאַפּע און הערן, און הערן. טײַערע מײַנע יינגלעך, מיר האָט זיך אַזוי געוואָלט אויסאַרבעטן בײַ אײַך אַ גוטע אויסשפּראַך. און די שיינקײַט פון דער דײַטשישער דיכטונג האָב איך גע־וואָלט, איר זאָלט פילן. איז מיר געווען גוט פון דעם, וואָס איר זיצט, ווי די סטאַטיקעס ניט אויף די שול־בענק, נאָר בײַ מיר אין צימער אויף דער אַלטער גרויער יערושע־קאַנאַפּע, און איך לייען אײַך אויף אַ קאָל הייגען. איר זײַט שוין דאַן געווען גרויסע יינגלעך, 14—15־יאָריקע. נאָר ווע־ראַטשקע, וויפל איז זי סאַכאַקל אַלט געווען — אַכט־נײַן יאָר, נאָך גאָר אַ קינד, איז זי אויך געזעסן דערבײַ. און, האָב איך מיר קיין פאַריבל ניט, מײַן טײַערער, זי איז געווען די סאַמע פּייִקע, די סאַמע עמפּפינדלעכע צווישן אײַך. נאָר פון וועראַטשקען לאָמיר הײַנט ניט רעדן. אָט, ווען מיר וועלן זיך זען...

איך וועל דיר הײַנט בעסער דערציילן אַ ביסל וועגן מײַן לעבן. ווײַל ניט איך — זי האָט עס צוגעטראַכט אַזעלכע אָוונטן. זיי זײַנען איבערגעגאַנגען צו מיר בעירושע. אַ מיש־פּאָכע־טראַדיציע. מײַן באָבע האָט ניט געוווסט פון קיין גרעסערן פאַרגעניגן, ווי פאָרצולייענען אין די אָוונטן פאַר מיר און פאַר מײַנע צוויי שוועסטערלעך דײַטשישע פּאָעזיע. אַגעווו, איז אפילו די קאַנאַפּע, אויף וועלכער איר זײַט געזעסן, אויך דער באָבעס. אַן אַלטע אויסגעריבענע קאַנאַפּע, מיט סטאַרטשענדיקע פּרוזשינעס, נאָר איך האָב ניט געהאַט קיין האַרץ זי אַרויסצו־וואַרפן. אפילו אויף איבערציִען זי מיט אַן אַנדער שטאָף האָט זיך בײַ מיר די האַנט ניט אויפגע־הויבן.

איך ווייס גאַנץ גוט, פּונקט ווי דאָס ווייסן אויך אַנדערע לערער, אַז קימאַט יעדערער פון אונדז האָט געהאַט בײַ די שילער אַ צונעמעניש. אין בעסטן פאַל פלעגט איר אויף אונדז אָנהענ־געגען דאָס שילדל פון אונדזער ספּעציאַליטעט: „דער פיזיקער", „דער כימיקער" און דאָס גלײַכן. וועגן זיך האָב איך איינמאָל געהערט, ווי אַ מיידעלע האָט אויסגעשריִען איבערן גאַנצן שול־קאָרידאָר: „קינדער, אין קלאַס אַרײַן, די דײַטשקע גייט". נו, מיילע, „דער כימיקער גייט", „דער מאַטעמאַטיקער גייט", איז פאַרוואָס ניט „די דײַטשקע גייט"? אַ פּראָפּעסיע אַזאַ... אַזוי האָט עס פאַר מיר געקלונגען. איך בין דאָך אָבער ניט נאָר אַ לערערין פון דײַטש, נאָר, דאָס וועט זײַן פאַר דיר אַ נײַס, עטוואָס אַ דײַטשקע אויך אינדערעמעסן. איין באָבע מײַנע, דעם טאַטנס מאַמע, איז געווען אַ דײַטשקע. זייער אַ געבילדעטע פרוי. אַכט שפּראַכן געקענט. אויך אַ פּיאַניסטן געווען, און אַ מאָלערן.

איין־איינציק קינד האָט זי געהאַט — מײַן טאַטן. פונעם קימפּעט אַרויס מיט אַ שווערן האַרצפעלער. האַרבסט־צײַט, בייסן אומקערן זיך אין שטאָט פון דער זומער־וווינונג, פלעגט דער זיידע, אַזוי האָט זיך מיר פאַרגעדענקט, אויף די הענט אַרופטראָגן די באָבע אויפן צווייטן שטאָק. בלויז אין די זומערדיקע כאַדאָשים האָט די באָבע זיך דערלויבט צומאָל אַרויסגיין אין דרויסן. זיצן אַ שאָ אָדער צוויי אויפן הויף אויף אַ שטרויענעם פאָטעל, פאַרוקט אין סאַמע שאָטן. קימאַט דרײַ פערטל פונעם יאָר האָט זי פאַרבראַכט אין די פיר ווענט פון איר געמיטלעכן צי־מער אויפן צווייטן שטאָק. פונעם צווייטן שטאָק האָט מען אין יענע יאָרן געקאָנט קוקן ווײַט. איבערהויפּט אין פאַרשטאָט, ווו מיר האָבן געוווינט.

קינדער האָבן ניט ליב דעם רייעך פון קרענק. בא אונדזער קראַנקער באָבען האָבן מיר דעם דאָזיקן רייעך ניט געפילט. עפשער טיליוויזן דערפאַר, וואָס ווען איר געזונט פלעגט זיך פאַרערגערן, האָט מען אונדז צו איר פּאַשעט ניט צוגעלאָזט. נאָר קוים האָבן מיר דערהערט: „קינדער, די באָבע רופט!", האָבן מיר, אַלע דרײַ שוועסטער, מיט סימכע אַ לאָז געטאָן זיך אַף די אינווייניקסטע טרעפּ, וואָס האָבן געפירט פונעם ערשטן שטאָק אַפן צווייטן. און קיינמאָל האָט קיינער אַף אונדז ניט אָנגעשריִען: „שטילער, קינדער, וואָס טראַגט איר זיך, ווי די רוּ־כעס!" מײַן באָבע וואָלט אזא אויסרייד ניט דערלאָזט. דאָסראָוו פלעגן מיר זי טרעפן זיצנדיק אין בעט, די פּלייצע אונטערגעשפּאַרט מיט אַ קישן. אַף אירע קני איז געלעגן אַ שטיק זײַד־שטאָף, און זי האָט געפירט איבער דעם מיט אַ נאָדל און פאָדעם. מיר האָבן מיט נײַגער פאַר־גלײַכט דעם שיינעם געמעל אַף פּאַפּיר, וואָס איז געלעגן אויסגעשפּרייט אַף אַ שאַפּקעלע לעבן דער באָבעס בעט, מיט דעם געמעל, וועלכן אירע דינע פינגער האָבן מיט פאַרביקע פעדעם אויס־געפילט אַפן שטאָף.

מײַן זיידע איז געווען אַ גוואַר. און דאָך איז געקומען אַ צײַט, ווען מיר, קינדער, האָבן אָנגעהויבן צו באַמערקן, אַז דער זיידע עלטערט זיך. און די קראַנקע באָבע ניט. זי איז פאַר אונדז געווען אַ יוגנט, מיט וועלכער ס'האָט עפּעס ניט גוטס געטראָפן. אירע שטעקעלעך־הענט, איר בלאָס אויסגעצויגן פּאָנעם? נו, אזא איז זי, אונדזער באָבע, פון אייביק אָן און אַף שטענ־דיק. אירע פולע לעבעדיקע ליפּן האָבן ווי אַראָפּגעווישט די קרענקלעכקייט פון איר געשטאַלט.

איין מאָל אין יאָר, אין דער באָבעס געבורטסטאָג, פלעגט דער זיידע אײַנאָרדענען אַ מין אויסשטעלונג פון אירע אַקוואַרעל־בילדער, וועלכע זי האָט באַוויזן אָנצומאָלן ביז דעם, ווי זי האָט געבראַכט אַף דער וועלט מײַן טאַטן און אזוי טײַער פאַר דעם באַצאָלט. די אַקוואַרעלן זײַנען מיט יאָרן צוריק אָנגעקלעפּט געוואָרן אַף ווײַסן פּאַפּיר מיט ברייטע ראַנדן, באַרעמלט מיט שמאָלינקע הילצערנע רעמלעך און באַגלאָזט. אונדז איז נאָר פאַרבליבן דערלאַנגען זיי דעם זיידן צו דער האַנט. און ער האָט זיי פּאַנאַנדערגעהאַנגען אַף די פון פריִער, אויך מיט יאָרן צוריק צוגעשלאָגענע טשוועקלעך. די טאַפּעטן אַף די ווענט זײַנען דאָ שטענדיק געווען געלבלעכע אָדער גרינלעכע. אגעוו, איז דער באָבעס און דעם זיידנס וווינונג געווען עפּשער די איינציקע אין שטאָט מיט טאַפּעטן אָן קווייטן. אויסגעהאַנגען די בילדער, פלעגן מיר שטיל, מיט ייִראַס־האַקאָוועד, פּונקט ווי אין אַ מוזיי (אין קיין מוזיי איז צו יענער צײַט נאָך קיין איינער פון אונדז ניט געווען) נעמען באַטראַכטן זיי, גייענדיק פון איינעם צו דעם צווייטן. מיר האָבן געקוקט אַף די בילדער, און די באָבע אַף איר בעט האָט אונדז נאָכגעפּאָלגט מיט אַן אומרויִקן בליק. די בילדער פלעגן מיר אויסהענגען אינדערפריִ, און אין אָוונט פון דעם זעלבן טאָג, אויסער עטלעכע, וועלכע די באָבע האָט געבעטן איבערלאָזן, יעדער יאָר אַנדערע, אַראָפּ־גענומען פון די ווענט. אַף מאָרגן פלעגט מען ניט נאָר אונדז, נאָר אפילו דעם טאַטן מיט דער מאַמען צו דער באָבען ניט צולאָזן. „דאָס נעכטיקע, — האָט שטיל דערקלערט דער זיידע, — האָט זי שטאַרק אופגערודערט".

עס האָט זיך אַמאָל אויך געמאַכט, וואָס ווײַטער, אַלץ זעלטענער, אַז די באָבע פלעגט אפילו צוזעצן זיך צום ראָיאַל, וועלכער האָט פאַרנומען בא אַ דריטל פון איר צימער. דעם קאָפּ עט־וואָס אָנגעבויגן אָן אַ זײַט, פלעגט זי אַ ווײַלע ווי צו עפּעס זיך צוהערן. די העלע האָר, גלאַט פאַרקאַמטע אַף אַ גלײַכן שרונט און שטײַף פאַרקרעמפּעוועטע אַף דער פּאָטיליצע מיט אַ ברייטן ביינערנעם קאַם, האָבן אונטערגעשטראָכן די מאָגערקײַט פון איר פּאָנעם. מיטאַמאָל, ווי פון זיך אַליין, פלעגן אירע אויסגעדאַרטע פינגער אַ יאָג טאָן זיך איבער די ווײַסע און שוואַרצע ביינדלעך, און אָט האָט שוין אַ האַלבע גאַס געהערט דער באָבעס שפּילן. פרילינג־צײַט, אין אַ לויטערן טאָג, פלעג איך זען, ווי איינס נאָך איינס עפענען זיך פענצטער אַנטקעגן אונדז. און קעפּ קוקן פון זיי אַרויס, מערסטנטייל פרויען־קעפּ. ס'פלעגט זיך מאַכן, אַ יונגער פרויען־קאָפּ קערט זיך אויס אַף אַהינטער, טראָגט צו אַ פינגער צו די ליפּן, — ווייס איך, וואָס דאָס באַדײַט: „שטילער, קינדער, די דײַטשקע שפּילט". אין די אויגן האָבן מענטשן גערופן מײַן באָבע ווערא אַליעגאָוונאַ, אַפן רוסישן שטייגער. אגעוו, האָט זי עס אַליין אײַנגעפירט, עס זאָל זײַן פּאַשעטער אויסצורײדן איר נאָמען. הינטער די אויגן האָט מען זי אָבער אַלצײַנס גערופן „די דײַטשקע". אין דער באָבעס געבורטסטאָג פלעגט צו אונדז געווײנלעך אַרײַנקומען אַ שטאַלטנער עלטערער מענטש מיט גראָוע וואָנצעס. ער פלעגט מיט די ליפּן באַרירן דער באָ־בעס האַנט און צוטראָגן איר בלומען. איך ווייס ניט פונוואַנען, נאָר מיר, קינדער, האָבן גע־ווּסט, אַז דער דאָזיקער עלטערער מענטש, גוסטאַוו אַדאָלפאָוויטש האָט ער געהייסן, איז אין דער יוגנט פאַרליבט געווען אין אונדזער באָבען. ער האָט דער איינציקער אין שטאָט גערופן זי באַם עמעסן נאָמען „ווירגיניאַ אַלפרעדאָוונאַ".

אָט די־אָ קראַנקע באָבע מײַנע האָט עס אײַנגעשטעלט בא אונדז אין שטוב די טראַדיציע

פון לייענען אַף אַ קאָל דיכטונג. ניט נאָר דײַטשישע. אויך פּושקינען, אויך טיוטשעוון האָט די באָבע פאַר אונדז פאָרגעלייענט. איר שטים איז געווען דאַפּקע אַ קלינגעוודיקע, אַ פולע, פונקט ווי אירע ליפּן. ס'האָט זיך ניט געגלייבט, אַז די קלאַנגען ברענגט אַרויס אַזאַ שמאָלע, אײַנגעפאַלענע ברוסט. מאָדנע, דאָס פאָרלייענען האָט די באָבע קיינמאָל ניט מיד געמאַכט. קימאַט שטענדיק האָט זיך געמוזט אַרײַנמישן דער זיידע, ווען ער איז געווען אין דער היים: „נו, ווערוניאַ, אַף הײַנט וועט זײַן גענוג. זאָלן די קינדער אָפּרוען״. דאַן ערשט פלעגט די באָבע אָנקוקן דעם זיידן מיט אַ טרויעריקן בליק און באַלד אָפּלייגן אָן אַ זײַט דאָס בוך.

פאַרוואָס האָב איך זיך עס הײַנט אַזוי צערעדט וועגן מײַן באָבען גאָר? צו דעם איז גוירעם געווען דײַן לעצטער בריוו. דו האָסט מיר דערמאָנט וועגן יענע אָוונטן. כ'וועל דיר זאָגן דעם עמעס, אַ גרויסמוטיקײַט האָב איך אין דעם אײַנגעזען. אַ געטלעכן פונק האָב איך אין דײַן האַרץ דערזען. און ס'האָט זיך מיר פאַרוואָלט דערציילן דיר פון מײַן באָבע — די דײַטשקע. איצט, ווען דו געפינסט זיך שוין באַם שוועל פון דײַטשלאַנד...

מיט ליבשאַפט
יעלענאַ טשיסטיאַקאָוואַ

פּ. ס. ווײסט פון מיר לאַכן, מײַן פרײַנט, איז מיילע, לאַך. מעגסט זיך טראַכטן, אַז יעלענאַ מאַקסימאָוונאַ איז צו דער עלטער... אָבערגלויבן? זאָל זײַן אָבערגלויבן. נאָר אונדזערע ביידנס לעצטע בריוו נעם איך אָן, ווי אַ גוטן סימען. הײַנט איז דער צענטער מאַרט. עפּשער וועט דער ערשטער מײַ זײַן אַ צווייענדיקער יאָמטעוו? ס'איז פונקט די רעכטע צײַט, דער דופט פון בליִענדיקן בעז זאָל צעווייען דעם רייעך פון פּולווער. לאָמיר עס נאָר דערלעבן.

י. ע. ט ש.

■

שפּיצן פון געבעט־הײַזער, רויטע דעכער, הויכע רויטע קוימענס. מענטשן זאָגן, דאָס איז שיין. מיסטאָמע זײַנען זיי גערעכט. נאָר אים, באַרעכן, איז שוין אַזוי נימעס געוואָרן דאָס לעבן אין דער פרעמד. ווען עס נעמט טונקלען אין דרויסן, דוכט זיך אים גאָר, אַז פון די מעשופּעדיקע דעכער קוקן צו אים אַראָפּ רויטע, מיט ביר אָנגעזויפּטע פּענעמער. זאַיע... אַ פײַנע יאָמטעווערבאַגריסונג האָט זי אים צוגעשיקט. „זאַיע, ווער ביסטו, זאַיע? פונוואַנען האָסטו זיך גענומען אַף מײַן קאָפּ?״

ווען די דעכער זײַנען נאָך געווען גאַנץ און די האַלבע קריגלעך אַף זיי האָבן זיך געהאַלטן, אַרײַנגעטאָנענע איינס אינעם אַנדערן, ווי פעסט צונויפגעפלאָכטענע פינגער, זײַנען זיי געווען באַרופן צו שיצן „די קינדער״ און „די קיכע״ אין די אײַנגעפונדעוועטע הײַזער. פאַר די נעשאָמעס פון זייערע אײַנוווינער האָט זיך געזאָלט זאָרגן „די קירכע״. די מוירעדיקע הויכע קוימענס און אוואַדע דאָך די שפּיצן פון די געבעט־הײַזער — אַלץ האָט זיך דאָ געצויגן צום הימל, צום אַלמעכטיקן גאָט מיט דער פולער זיכערקײַט אין זײַן טרײַשאַפט. ווײַל יעדערער איז מעכוּיעוו ערלעך אויסצופילן זײַן פליכט: ווי דער מענטש, אַזוי אויך גאָט.

„זאַיע, וואָס האָסטו צו מיר און צו זיך? וואָס פאַר אַ דיבעק איז אין דיר אַרײַן? אומרויִק ביסטו פאַר מיר, און אַליין פאַרווונדעסטו מיך. מיינסט, ס'איז מיר גרינג צוצוזען, ווי נעבעכדיק עס זעען אויס הויכע שטאָלצע קוימענס, בייס זיי וואַלגערן זיך אין דעם מיסט?״

ביין, שטיין־ברוך, צעקנאַקט גלאָז און ליימענע שערבלעך, זאָל זײַן פרעמדע, פאַרשאַפן ניט באַרעכן קיין שאָדנפרייד. נאָך דער לעצטער פאַרווונדונג, שוין בײַ דער פּוילישער גרענעץ, האָט עמעצנס אַ גוט אויג אויסגעלייענט אין זײַנע פּאַפּירן, אַז פאַר דער מילכאָמע האָט ער געאַרבעט אַלס אינזשעניער אַף אַ ברויט־זאַוואָד. האָט מען אים באַפוילן צו באַזאָרגן מיט ברויט אָט די־אָ גרויסע הונגעריקע דײַטשישע שטאָט. איז עס עפּשער ניט רעכט פון אים, נאָר די ביינערדיקע רוקנס אָן אַ סימען פון ווײַבערשער ווייכקײַט און קײַלעכדיקײַט, וואָס שטייען אַ גאַנצן טאָג איבערגעבויגן איבער די מולטערס און קנעטן, און קנעטן, רופן בײַ אים ניט אַרויס קיין מינדסט בייז געפיל. די מולטערס האָבן די פרויען צונויפגעשלעפּט פון די אייגענע שטיבער. די ערשטע ראָשטשינע האָט ער זיי אַליין געבראַכט פון אַ רוסישער פעלד־קיך. ער טוט פאַר זיי אַלץ, וואָס ער קען.

זיי אַרבעטן מיט פלײַס, די אויסגעדאַרטע פרויען. בײַ אים אין דער היים רופט מען אַזעלכע „סאָלדאַטקעס״. יענע, די סאָלדאַטקעס, אַרבעטן אויך מיט פלײַס, נאָר צאָרעס וואָלט ער פון זיי געהאַט מיסטאָמע מער, ווי פון די פרעמדע. די אייגענע וואָלטן אַמאָל זיך דערלויבט אַפילע צו פאַרשפּעטיקן. בײַ די דײַטשקעס איז עס אויסגעשלאָסן. די אייגענע, די סאָלדאַטקעס... זיי וואָלטן מיט אַ ווערטל זיך דורכגעוואָרפן, כאָטש הונגעריק, אַ לידל פאַרצויגן. און ער, באַרעך,

װאָלט מיסטאָמע מיט אַ צונעמעניש געקרױנט געװאָרן. עס װאָלט אים ניט געאַרט, ער זאָל זײַן הייסן „דער װײַבערשער קאָמאַנדיר“, אַ דײַגע ער האָט, און איינע, אַ יונגינקע און אַ שעמעװדיקע, זאָל דערבײַ שטיל אַ כיכיקע טאָן און פֿאַרשטעלן מיטן אַרבל דאָס מױל. און די... זײער שפּראַך קען ער דאָפּקע ניט שלעכט, װעגן דעם האָט זיך געזאָרגט יעלענאַ מאַקסימאָװנאַ, נאָר קיין װערטער פֿאַר זיי האָט ער ניט. װי פֿינצטערע געשפּענסטער װאָלטן געשטאַנען פֿאַר־טײַט הינטער זײערע אײַנגעבױגענע רוקנס.

יעלענאַ מאַקסימאָװנאַ... זאָיע... װאָס האָט צו אים זאָיע?

ער האָט זיך שטיל אַרײַנגעגאַנװעט אין שטוב, פֿאַרשלאָסן די טיר פֿון אינעװייניק. נאָר איינס באַדאַרף ער איצט: די באַלעבאָסטע זאָל ניט װיסן, אַז ער איז געקומען. זי האָט אָבער אַ גוטן געהער. קיין מינוט איז ניט אַדורך, און זי קלאַפּט שױן פֿאַרזיכטיק אין טיר. באַרעך האָט זיך ניט אָפּגערופֿן. די באַלעבאָסטע איז אַװעק. מיסטאָמע, אַ באַליידיקטע. צו אַלדי שװאַר־צע יאָר... מער האָט ער שױן ניט װעגן װאָס צו טראַכטן, װי נאָר װעגן דער באַלעבאָסטע, צי איז זי מיט אים, כאָלילע, ניט אומצופֿרידן... אינעם צימער, װאָס ער פֿאַרנעמט, איז אויף דער װאַנט בױלעט צו זען אַ סימען פֿון אַ לענגלעך פּירקאַנטיק בילד, װאָס איז, װײַזט אױס, ניט לאַנג צוריק פֿון איר אַראָפּגענומען געװאָרן. װעמענס בילד איז דאָ געהאַנגען? דעם מאַנס פֿון דער באַלעבאָסטע, צי דעם זונס? אַלציינס, ס'איז מיִעס אַראָפּצונעמען פֿון דער װאַנט דאָס בילד פֿון אַ מאַן צי פֿון אַ זון און יעדן טאָג אָנבאָטן אַ סאָװעטישן אָפֿיצער אַ טעפּעלע הייסע קאַװע. און װאָס מאָנט באַ אים איר צודרינגלעכער בליק? אַ פּושקעלע קאָנסערװן זאָל ער איר שענקען, אָדער עפּשער גאָר שטי־לן איר, דער פּופּציקיאָריקערס, װײַבערשן גלוסט? מעגלעך, אַז היטלער אַליין האָט מיט עטלעכע װאָכן צוריק באַצירט די װאַנט פֿון באַרעכס איצטיקער װױנונג. אױב אַזױ, װאָלט די באַלעבאָסטע אַװאַדע ניט באַדאַרפֿט מיט אַזעלכע בױמלדיקע אױגן קוקן אויף אים, דעם „פֿאַרפּלוכטן יודע“.

„זאָיע, װער ביסטו? פֿאַרװאָס פֿאַרסאַמסטו מײַן האַרץ?“ נאָר צו די יאָמטױװים שרײַבט זי אים. אָן אײַנפֿאַל...

פֿון זאָיאַ איװאַנאָװאַ צו באַרעך הורװיטשן
20 אַפּרעל 1945.

זייער געשעצטער באַריס לװאָװיטש!

איך בין אין סאָפּעק, צי װעט מײַן בריװ דערגיין צו אײַך ביזן ערשטן מײַ. אַ ביסל פֿאַר־שפּעטיקט. דעם עמעס געזאָגט, האָב איך זיך גאָר געגעבן דאָס װאָרט ניט אָנצוהאַלטן מיט אײַך קיין שום פֿאַרבינדונג ביזן אָנקומען פֿון שאָלעם, װײַל קיין נאַכעס װעלן מײַנע בריװ אײַך ניט פֿאַרשאַפֿן. נעכטן אָבער, נאָך דער אַרבעט, האָב איך צופֿעליק זיך באַגעגנט מיט אײַער געװע־זענער שכײנע יעלענאַ מאַקסימאָװנאַ. אַנדערש, װי צופֿעליק, טרעפֿן מיר זיך ניט. ס'איז פֿאַר מיר אַ קנאַפּער קאָװעד מיט איר זיך צו באַגעגענען. האָט זי מיר געזאָגט, אַז איר זײַט שױן אין דײַטשלאַנד. איז װי זאָל איך אײַך מיט דעם ניט באַגריסן? איך באַגריס אײַך און בעט אײַך: זײַט פֿאַרזיכטיק. היט זיך באַם פֿיניש. ס'איז ניט שװער פֿאַרצושטעלן זיך, אַז דאָ, װוּ איר געפֿינט זיך איצט, קאָן מען אָנשטאָט אַ דאַנקבאַרקײַט פֿאַרן ברױט, װאָס איר גיט, כאַפּן אַ קױל אין רוקן. טאָ היט זיך, װײַל גיכער פֿון אַלץ זײַט איר דער לעצטער פֿון דער מישפּאָכע הורװיטש. בעסער װאָלט איך שױן געהאַלטן װאָרט און ניט געשריבן. אַלציינס װעט איר מיר ניט גלייבן. נאָר די זיסע בריװלעך, װעלכע עס שרײַבן אײַך די טשיסטיאַקאָװס... איך װייס, איר קאָנט זאָגן, אַז זיי זײַנען צו אײַך פֿיל אויפֿמערקזאַמער, װי איך. זיי פֿאַרװאַרפֿן אײַך מיסטאָ־מע מיט בריװ, און איך, אײַער ברודערס װײַב, גיב זיך ניט קיין מי אָנצושרײַבן אַ פּאָר װער־טער. זאָל זײַן אַזױ. טראַכט אײַך, װאָס איר װילט, מיר זײַנען דאָך מיט אײַך ניט באַקאַנט. דאַװיד װאָלט זיך געפֿונען, װאָלט איך געשריבן אים. איך גלייב שױן אָבער גאַנץ װייניק אין דעם, אַז איך װעל אים װען־ניט־איז זען. שרײַב איך אײַך, זײַן ברודער. איר איז גרינג צו שרײַבן, יעלענאַ מאַקסימאָװנען. מיר איז שװער. די טשיסטיאַקאָװס קענט איר דאָס גאַנצע לעבן. איך בין פֿאַר אײַך עפּעס אַ מיידל פֿון דער פֿרעמד, מיט װעמען אײַער ברודער האָט כאַסענע געהאַט אין אַ קאָמאַנדירונג. איך װייס, איר װעט שפּײַען קלעק פֿון מײַן בריװ. פֿאַר אַ מיִעסער רעכילעסניצע װעט איר מיך האַלטן. נאָר קוים האָב איך אָנגעהױבן, װעט מיך שױן קיין זאַך ניט אָפּשטעלן. איך מוז אײַך זאָגן דעם עמעס, װאָס איך טראַכט. און דאָס, װאָס איך טראַכט, אין דעם בין איך זיכער. איך װייס ניט, צי האָבן אײַך די טשיסטיאַקאָװס געשריבן, אַז אין איינער אַ נאַכט, יאָ, אין דער נײַיאָר־נאַכט פֿונעם 43־טן יאָר, האָב איך באַ זיי געטראָפֿן דינאַ יאַקאָװלעװנען. איצט זאָגן זיי, אַז זי האָט זיך מיטן קינד די גאַנצע צײַט באַ זיי אױס־באַהאַלטן. נו, דאָס װייס איך ניט, פֿונװאַנען האָט זי זיך גענומען צו זיי אין יענער נאַכט. ריידן

מיט איר איז געווען ניט שײַעך. מיר דוכט, זי האָט מיך אפילע ניט געזען. ווענן אײַער מאמען ניט נאָכגעפרעגט זיך. איך טראכט גאָרנישט ניט אויס. איך שרײַב אלץ, ווי ס'איז געווען. דינע האָט זיך ניט נאָכגעפרעגט, נאָר איך האָב איר דאָך געזאָגט, אז אײַער מאמע באהאלט זיך אויס אין א נאָענטן דאָרף (דאָס דאָרף האָב איך דאפקע אָנגערופן), בא איינער א לוקעריא פוזיריאָווא. איך קאָן זיך עס ניט מויכל זײַן. ווער האָט מיך געשלעפּט בא דער צונג? אזא ווילדע נארישקײַט האָב איך אָפּגעטאָן. עפּשער א פארברעכן האָב איך אָפּגעטאָן. עפּעס אף א רעגע האָט זיך אופגעוועקט אן אינטערעס אין דינעס פּאָנעם און באלד אויסגעלאָשן געוואָרן. צי האָט זי געקענט דאן עפּעס פארגעדענקען? אנדערע האָבן פארגעדענקט, ניט זי. זיי האָבן מיך גוט געהערט, אָט די טשיסטיאקאָווא, די גײַוועדיקע פריצע, און איר זונדל, אײַער שול־כאווער, דאכט זיך, האלעווײַ וואָלטן זיי ניט געהערט. אגעוו, וואָלט איך א באלן געווען וויסן, מיט וואָס האָט זיך אָט דער פארשוין, אָט דער קראסאוועשיק פון א פאריקמאכער־שילדל אראָפּ, וואָס איז געווען זײַן טועכץ בייס דער אָקופּאציע. די ערשטע כאדאָשים? דאָ קאָן איך קיין שלעכטס ניט זאָגן. אָבער דערנאָך? וווהין פלעגט ער עס פארפאלן ווערן אף גאנצע וואָכן? און מיטאמאָל באווײַזן זיך אזא אויסגעפּאשעטער, אז ס'איז א ביזאָיען געווען אים אָנצוקוקן. און שטעלט אײַך פאָר, וואָנצעלעך האָט ער זיך גאָר פארלאָזט, געפונען א צײַט אף אויסצו־פײַנען זיך מיט א בערשטל איבער דער אייבערשטער ליפּ. עפּעס, זאָג איך אײַך, איז ער געווען צו האָפערדיק בא זיך. איך ווייס ניט, וואָס האָט אין יענער טראגישער נאכט געבראכט דינא יאקאָוולעוונען צו אײַערע געוועזענע שכיינים. מאלאָכים זײַנען זיי, אויסגעבאהאלטן בא זיך א יידישע פרוי מיט א קינד. ס'איז פּאָשעט צום לאכן. לעאָניד פּעטראָוויטש מיט די בלאָנדע וואָנצעלעך האָט פון עמעצנס וועגן זײַן לעבן געשטעלט אין קאָן. אז בעסאכאקל איז ער גאָר שולדיק אין דעם, וואָס זיי האָבן באצײַטנס ניט פארלאָזט די שטאָט. אלץ צוגעזאָגט זיי ארויסצופירן אף א מאשין. איך פרעג אײַך אָבער, פארוואָס האָט מען צוזאמען מיט אײַער מאמען צוגענומען אויך לוקעריא פוזיריאָווא? אפילע צוויי פון אירע קינדער, מינדעריעריקע, ניט געשוינט. און זיי, די גוטהארציקע טשיסטיאקאָווס, די ווײַסע טײַבעלעך... נו, יאָ, גאָט האָט זיי דאָך באשאָנקען מיט אזא פײַנער פאמיליע „טשיסטיאקאָוו". ריין, ווי גאָלד. אגעוו, איז איין קינד לוקעריעס, דאָס סאמע יינגסטע, געבליבן לעבן. צום גליק, האָט זיך עס געפונען ניט אין דער היים, נאָר אין א צווייט דאָרף, בא לוקעריעס א שוועסטער. איך האָף, אז איר וועט זיך ניט אָפּזאָגן באהילפיק צו זײַן דעם דאָזיקן יאָסעמל, ווען איר וועט קומען אהיים. דאָס, וואָס די טשיסטיאקאָווס זײַנען געבליבן גאנץ, וועט איר זאָגן, איז נאָך ניט קיין סימען. ניט פון שטוב האָט מען זי דאָך צוגענומען, דינען. א סימען, א באווײַז? איך האָב גענוג. און כ'קלײַב זיך אויך ווײַטער ניט צו זיצן מיט פארלייגטע הענט. און זאָלן מענטשן אָנקוקן די פײַנע רעטערס. שפּײַט מיר אָן א פול פּאָנעם. טראכט וועגן מיר ווי וועגן דעם סאמע געמיינעם מענטש, וואָס איר האָט ווען־ניט־איז באגעגנט. איך ווייס: די טשיסטיאקאָווס זײַנען שלענג אין ווײַסע הענטשקעס. נעמט ניט פאר אומגוט מײַנע רייד. דער עמעס וועט ארויס, ווי בוימל אפן וואסער.

מיט אכטונג

זאָיא איוואנאָווא.

ניין, אף דעם קאָן איך זיך ניט אָפּשטעלן. ווײַל איך האָב געזען, מיט די אייגענע אויגן געזען, וו'אזוי מע האָט פארנומען דינען. דעם 2 יאנוואר איז דאָס געווען. דעם 2 יאנוואר פונעם 1943 יאָר. איך האָב זיך ארויסגעגאנוועט פון לוקעריעס שטוב. ניט מער ווי פינף מינוט דאָרט פארבראכט. אז בעסאכאקל האָב איך גאָר די נאכט ניט געזאָלט בא איר זײַן. אָן אומקלאָרער אומרו האָט מיך אהין געטריבן. איך האָב געזוכט, צי קאָן מען ניט דאָ, אין דאָרף, באשטאטן אויך דינען. קום איך ארויס. די נאכט איז א פינצטערע. נאָר פאר די עטלעכע מינוט, וואָס איך בין געווען אין שטוב, האָט אפן הימל באוויזן ארויסצופויזען א פיצל פון אָנגע־ביסענער לעוואָנע. און א שיטערער שניי האָט זיך געלויכטן אף דער ערד. איך פארקערעווע הינטער א שײַער אף צו גיין אהיים און פלוצלינג דערזע איך: דינע. און צוויי לאנגע שאָטנס אפן שניי הינטער איר. דינע טוט זיך א בייג צום פענצטער, און פון ביידע זײַטן גייען צו איר צו צווייען און נעמען זי אָן פאר די אקסלען. אף גרייטן זײַנען זיי געקומען, נאָר אף גרייטן. אזוי האָב איך דאן געטראכט. אזוי טראכט איך איצט. איך בין זיכער, אז פון דער סאמע שטאָט זײַנען זיי איר נאָכגעגאנגען.

*

צוויי כאמולעס פירן דינען. אין דער נאכט. אין דער פינצטערניש. דינעלען. דינען. זײַן דינינקע דינע...

פון יעלענא טשיסטיאקאָווא צו באָרעך הורוויטשן

25 אפרעל 1945.

טײַערער באָריס!

מיר האָבן דיר אוועקגעשיקט א באגריסונגס־בריוו קיין פוילן, אין שפיטאָל, באקומען מיר פון דיר א קארטל פון דײַטשלאנד. אז מע וויל זאָגן, איז איינס פונעם אנדערן מיט דער האנט צו דערלאנגען. אָבער בא איצטיקע אומשטענדן איז עס נישקאָשע פון א שפרײַז. האלעווײַ ווײַטער ניט ערגער. מיסטאמע האָט מען שוין אונדזער בריוו אריבערגעשיקט דיר אפן נײַעם אָרט. נאָר איך קלער זיך: זאָל מײַנס איבערגיין. אזעלכע פריידיקע טעג זײַנען אָנגעקומען, וועל איך דיך נאָכאמאָל באגריסן. איבערהויפּט, אז איך האָב א גוטע נײַס דיר אָנצוזאָגן: ניקאָלײַ דאָברינין האָט זיך אָפּגעזוכט. נעכטן באקומען פון אים א בריוו.

איך האָב דיר שוין געשריבן, אז ניקאָלײַען האָט מען אין ארמיי ניט גענומען, ווײַל די קאָמיסיע האָט אײַנגעפונען, אז ער איז קראנק אף טובערקוליאָז. באלד אזוי, וואָלט, דאכט זיך, געווען א סייכל, ער זאָל פאָרן צו מאַשען. זי איז דאָך נאָך אָנהייב יון אוועקגעפאָרן מיט פאשוטקען און מיט דער ערשט געבאָרענער נאטקע צו אירע עלטערן אין דאָרף. דאָרטן, אף דער פרישער לופט, און זאטער וואָלט ער אויך געווען, ווי אין שטאָט, וואָלט ער עפשער פארבעסערט זײַן געזונט. איך האָב דאָס אים ניט איין מאָל געזאָגט, נאָך דאן, ווען דער פראָנט איז געווען ווײַט פון אונדז. פארקערט, א היפּש פּעקל עוואקויִרטע האָט זיך באזעצט בא אונדז אין שטאָט. אף א כוידעש אָדער צוויי. דערנאָך געלאָפן ווײַטער. ניקאָלײַ איז, דאכט זיך, געווען מיט מיר מאסקים. שווײַגעוודיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. און אליין לויפט ער אלץ פון שפיטאָל אין וואָיענקאָמאט, פון וואָיענקאָמאט אין שפיטאָל. איך דארף דיר ניט דערציילן, ווי גיך דער פראָנט האָט זיך צוגעקײַקלט צו אונדז. לויפט שוין ניקאָלײַ ווידער ארום, זוכט מיטלען, וויאזוי צו עוואקויִרן זײַן שפיטאָל. אזוי, ביז די נײַע גרענעץ האָט אים צעשיידט מיטן ווײַב און מיט די קינדער. די קינדער געפינען זיך נאָך ביז איצט בא מאשעס עלטערן. און מאשע אליין... ערשט שפּעטער איז עס צו אים דערגאנגען. דערוווּסט זיך, אז ניקאָלײַ איז קראנק און די שטאָט, אָט־אָט פארנעמען זי די דײַטשן, האָט מאשע, אליין נאָך אן אָפּגעשוואכטע פונעם קימפּעט, געכאפּט א פור און אוועקגעלאָזט זיך אהיים נאָכן מאן. און אומגעקומען פון א באָמבע אין וועג.

ס'איז שוין געווען טיפער הארבסט. די שטאָט איז פארנומען פון די דײַטשן. און ניקאָלײַ, זע איך, צאנקט פון טאָג צו טאָג. נאָר דעם ברייטן קלוגן שטערן איז צו דערקענען. און ווײַטער איז דאָס פּאָנעם ווי אויסגעהובלט. גייט אף אראָפּ, אלץ שמעלער און שארפער. אן איבערגע־קערטער דרײַעק. פּלוצלינג איז ניקאָלײַ נעלעם געוואָרן, און ביז מיט עטלעכע טעג צוריק האָבן מיר וועגן אים גאָרנישט געוווּסט. ווײַזט זיך ארויס, ער איז געזונט און שטארק. פון דעם טובערקוליאָז פארגעסן. דורך פײַער און דורך וואסער דורכגעגאנגען פאר די יאָרן פון מילכאָמע. איך שיק דיר זײַן אדרעס. ער פרעגט זיך שטארק נאָך אף דיר. און נאָך מער אף דינען, ווײַל ער האָט זי אויך געזען איין מאָל בײַס איר אויסבאהאלטן זיך בא אונדז. וויאזוי האָב איך דאָס געקאָנט ביז הײַנט דיר וועגן דעם ניט אָנשרײַבן? גאָר פון זינען ארויס.

דאָס איז געווען אין דעם טאָג, ווען מיר האָבן באגלייט וועראָטשקען. צווישן די באגליי־טער, דאָסראָוו ווײַבער, האָב איך פּלוצלינג דערזען קאָליעס אויסגעכוישעכט פּאָנעם. ווי דו פארשטייסט, האָב איך אין דער מינוט אויסער ווי וועגן וועראָטשקען טראכטן ניט געקאָנט, נאָר דאָך האָט מיך אויך אף קאָליען א צופּ געטאָן באם הארצן. זײַן פּאָנעם האָט פאר מיר דורכגעשוועבט און באלד פארגעסן געוואָרן. ערשט ווען מיר האָבן זיך געלאָזט גיין אהיים, זע איך, ווי פון איין זײַט האלט מיך אונטער לעאָניד, פון דער צווייטער — קאָליע. לעאָניד האָט, ווי מיר האָט געדוכט, געגנייטיקט זיך אין טרייסט עפּשער מער, ווי איך. דו געדענקסט דאָך, ווי ער האָט ליב געהאט זײַן קליין שוועסטערל. שטעלט ער זיך אָפּ אינמיטן גאס, כאפּט זיך אָן מיטביידע הענט פארן קאָפּ: „באלד קום איך, מאמע, קאָליע וועט דיך באגלייטן". און איידער איך באווײַז זיך ארומצוקוקן, שפּאנט ער אין ערגעץ אוועק מיט גיכע טריט. אומגעקערט האָט ער זיך אהיים דאפקע ניט באלד. אומגעקערט זיך פינצטער ווי די נאכט, א צעשרויפטער, א צערודערטער.

קאָליע גייט באנאנד מיט מיר, האלט מיך פעסט אונטערן אָרעם און שווײַגט. ער טרייסט מיך ניט, ער טראכט ניט אויס קיין באַבעמײַסעס פונמײַנעטוועגן, בין איך אים דאנקבאר דערפאר. צוגעקומען צו מײַן שטוב, בין איך געבליבן שטיין. דאָ, האָב איך געהאָפט, וועט קאָליע מיט מיר זיך געזעגענען און אוועקגיין. ער איז דאָך א מענטש מיט אן אײַנגעבאָרענעם

טאַקט. דאָס מאָל אָבער האָט אים זײַן טאַקט פאַראַטן. ער לאָזט מיך ניט אָפּ. ער קלײַבט זיך ניט אוועקצוגיין. נו, מע קאָן אים פאַרשטיין. לעאָניד איז דאָך מיט מיר ניט געווען, האָט ער באַ זיך ניט געקאָנט פּויעלן איבערלאָזן מיך אין אַזאַ מינוט איינע אַליין. בלײַבט ער שטיין. אַ שאַרפער גלאַנץ אין זײַנע מאָדנע גרויס געוואָרענע בלויע אויגן, רויטע פלעקן אויף די אויסגעהובלטע באַקן. ער שטייט און וואַרט, איך זאָל אופשליסן די טיר.

זאָלסט מיך פרעגן, וואָס האָט דאָ מיך, אייגנטלעך, באַאומרויִקט, וואָלט איך ניט געפונען וואָס צו ענטפערן. ניקאָלײַ איז עפּשער געווען דער איינציקער מענטש, וועמען איך וואָלט אַליין פאַרטרויט דעם סאָד. דערצו איז דאָך באַ אונדז מיט דינען געווען אָפּגעמאַכט איינמאָל פאַר אַלעמאָל — זי און סימאָטשקע גייען פון צימער קיינמאָל ניט אַרויס. ערשט שפּעט אין אָוונט פלעג איך זיך אַרײַנכאַפּן צו זיי און מערסטנטייל אינדערפינצטער אָפּטאָן אַלץ, וואָס נייטיק איז. אַז רויבער האָבן ליב די נאַכט־פינצטערניש, איז אַ פאַרעלטערטע זאַבאַבאָנע. די דײַטשן האָבן גערויבט און געקוילעט באַ דער העלער שײַן. איז פאַר אונדז געווען דער איקער איבערצוקומען דעם טאָג. ניט קיין געבעטענע געסט האָבן מיר געקאָנט דערוואַרטן בלויז אין דעם פאַל, ווען עמעצער וואָלט אונדז פאַרמאָסערט. איז וואָס זשע בין איך אַזאַ פאַרלאָרענע געבליבן שטיין הינטער דער אייגענער טיר? שרעק, שרעק האָט אונדז פאַרפאָלגט אויף יעדן טראָט. איך בין שוין געוווינט געווען זײַן זייער אָפּגעהיט באַם אַרײַנגיין אין מײַן אייגענער שטוב.

איך האָב אַ דריי געטאָן דעם שליסל אינעם ענגשלאָס אויף דער דרויסנטיר, און אינווייניק אין מיר האָט זיך אַ שטויס געטאָן דאָס האַרץ, ווי ס'וואָלט געביטן דאָס אָרט. אַ צווייטן דריי. אַרײַן אין שטוב. אַראָפּגעלאָזט זיך מיד אויף דער קאַנאַפּע און אַ ווײַז געטאָן מיט דער האַנט קאָליען, ער זאָל זיך אויך צוזעצן. נאָר ער, ווי אַ לונאַטיקער מאַמעש, גיט אַ שפּרײַז איבערן צימער און שפּאַרט זיך אָן מיט דער פּלייצע אין דינעס טיר. די טיר האָט באַלד נאָכגעגעבן, און קאָליע איז אומגערן אַרײַנגעפלויגן צו דינען אין צימער. אַ מעוווּלוועלער איז ער גלײַך צוריק אַרויסגעשפּרונגען, און נאָך אים דינע. מיט טויטע פּנעמער זײַנען זיי געבליבן שטיין איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן. דינעס ליפּן האָט אַ ריר געטאָן אַ שמייכל. זי האָט געמאַכט אַ טראָט פאָרויס, געוואָלט באַגריסן זיך, נאָר קאָליע האָט זי אָנגעקוקט מיט ווילד צעבערענטע אויגן און דאָ באַלד פאַרשטעלט מיט ביידע הענט דאָס פּנים.

— דינע, — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט, — אום גאָטעס ווילן, נאָר שרעק זיך פאַר מיר ניט! האָב ניט קיין מוירע, דינאָטשקע!

און שטיל אַרויס פון שטוב, אַן אײַנגעהויקערטער, ווי אַן אַלטער מאַן.

ניקאָלײַ איז ניט דער מענטש, פאַר וועלכן איך האָב געזאָלט מוירע האָבן, און דאָך האָב איך זיך אויסגעגעסן דאָס האַרץ פאַר מײַן אומפאַרזיכטיקייט. דער אומגליק מיט וואָראָטשקען האָט מיר יענעם טאָג פאַרשלאָגן דעם קאָפּ. דינע ווידער איז געווען אַזוי אומרויִק פאַר וואָ־ראָטשקען, מיט אַזאַ אומגעדולד האָט זי געוואַרט אויף מײַן קומען, אַז זי האָט אויך פאַרגעסן צו פאַרשליסן די טיר פון אינווייניק. איך האָב זיך געקליבן אויסצורייִדן איר פאַר דעם, אָבער זי, האָב איך דערזען, איז אין דער רעגע גאָר ערגעץ אַנדערש.

— דערשראָקן זיך פאַר מיר, קאָליע, — האָט זי געזאָגט, — אַן אײַנפאַל, איך זאָל פאַר אים ניט מוירע האָבן... וואָס פון אונדז אַלעמען איז געוואָרן... איך וויל זיך מיט אים דורכריידן, כאָטש איין מאָל. זאָגט אים, קאָליען, זאָל ער צו מיר קומען. ווי קאָן איך מוירע האָבן פאַר קאָליען? דאָס האָט ער זיך גאָר פאַר מיר דערשראָקן.

פון יענעם טאָג אָן האָב איך קאָליען מער ניט געזען. ווײַזט אויס, ער האָט אונדז אומיסטן אויסגעמיטן. ערשט ווען סימאָטשקע איז קראַנק געוואָרן, בין איך אַליין אוועק צו קאָליען.

— איר זוכט דעם דאָקטער? — האָט מיך געפרעגט אַ שכיינע פון אַ דערבײַיקער שטוב. — ער איז ניטאָ. שוין אַ וואָכן צוויי אַוואָדע.

וואָס האָב איך געזאָלט קלערן? ניט אַנדערש, מיט אים איז אַן אומגליק געשען. דעם עמעס געזאָגט, איז לעאָניד געווען זייער צעטראָגן פון זײַן נעלעם ווערן. איך בין אָרעוו, אַז ער האָט זײַן כאַווער אין גאָרנישט ניט כוישעד געווען, נאָר דאָך האָט ער מיסטאָמע געטראַכט, אַז ס'וואָלט געווען גלײַכער, קאָליע זאָל ניט געהאַט זען באַ אונדז דינען. ווײַל טאָמער איז ער אַרײַנגעפאַלן אין געסטאַפּאָ... אַז מע וועט אים פאַרהאַלטן, האָט מען זיך געקאָנט ריכטן יעדן טאָג. איבער זײַן שטענדיקער אופגעשרויפטקייט (די גאַנצע צײַט אַרומגעגאַנגען מיט אַ הויכער טעמפּעראַטור), האָט ער ניט געוווּסט פון קיין מאָס און קיין כעזשבן. אין שטאָט האָט געבור־שעוועט דיזענטעריע, האָט ער זיך געטראָגן פון שטוב צו שטוב און געהאַלטן אין איין שיטן פּעך און שוועבל אויף די אָקופּאַנטן. גיי טרעף, אַז ער, מיט זײַן טובערקולאָז, וועט זיך דורכשלאָגן דורך דער פראָנט־ליניע און זײַן אַלע יאָרן פון דער מילכאָמע טעטיק אַלס מילי־

טערישער דאָקטער. ער שרײַבט, אַז די פרישע לופט האָט אים אויסגעהיילט פון זײַן קראַנקײַט. ביז ער האָט זיך דערקליבן צו די רעגולערע טיילן, איז ער אַ צײַט טעטיק געווען אין וואַלד. נאָר ער וועט דיר שוין אַליין וועגן אַלץ גענוי אָנשרײַבן. איצט אַרבעט ער אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל אין הינטערלאַנד, ווי דו זעסט עס אַליין אַרויס פון זײַן אַדרעס.

דײַן י ע. ט ש.

■

אָנגעקומען אין זײַן היימשטאָט פיר באַטאָג, איז הורוויטש פאַרגאַנגען גלײַך צו די טשיסטיאַקאָווס. יעלענאַ מאַקסימאָוונאַ האָט אים באַגעגנט אַ רויִקע און אַ באַהערשטע. איר שטאַלטנע פיגור איז געווען אויסגעגלײַכט, ווי פריִער, ווי שטענדיק. אַ פיגור פון אַ שטאָלצער און אומאָפּהענגיקער פרוי. און כאָטש פון אירע בריוו האָט באָרעך דערקענט איר גאָר ניט רויִקע, אויפגערודערטע נאַטור, האָט אים איר באַהערשטקײַט געפרייט. ער האָט אין איר דערקענט זײַן געליבטע לערערקע, דער מאַמעס כאַווערטע. און דאָך... אַלט געוואָרן יעלענאַ מאַקסימאָוונאַ, דאָס האָט זיך באַלד געוואָרפן אין די אויגן. ניין, איר פּאָנעם איז ניט געווען אויסגעבלייכט, ווי ער האָט זיך עס פאָרגעשטעלט פונדערווײַטן. פאַרקערט, אַן אומנאַטירלעכע רויטקײַט האָט זיך באַוויזן אין אירע באַקן, אַ רויטקײַט מיט אַ צומיש פון בלוי. אַפילע אין דעם, וויאַזוי זי האָט עפּשער צום צענטן מאָל אָנגעכאַפּט זיך מיט אירע ביידע הענט אין זײַנע, האָט זיך געפילט די אומבאַהאָלפנקײַט פון עלטער. ווי זי וואָלט אין זײַנע נאָך יונגע מאַנצבלשע הענט געזוכט אַ שוץ פאַר זיך. און די באַוועגונגען אירע, אַזעלכע זיכערע און פּינקטלעכע אין זײַנע דערמאָנונגען און פאָרשטעלונגען... יעלענאַ מאַקסימאָוונאַ האָט אָנגעבויגן דעם טשײַניק, קעדיי אָנצוגיסן באָרעכן אַ גלאָז טיי, האָט איר האַנט מיטאַמאָל אָנגעהויבן ציטערן מיט אַ דריבנעם ציטער און אויפן ווײַסן טישטעך האָט זיך פאַרשפּרייט אַ ברוינער פלעק. זי האָט דעם פלעק ניט באַמערקט און פאָרגעזעצט גיסן פאַרבײַ דער גלאָז. נו יאָ, זי האָט זיך דאָך פאַר אים געקלאָגט אויף דער ריִע. נאָר בריוו... יעדערער לייענט פון זיי אַרויס דאָס, וואָס איז אים נעענטער צום לײַב. פונדערווײַטן זעט יענעמס אומגליק אויס, ווי אַ קליין ריטשקעלע, איבערהויפּט, ווען דײַן אייגענער איז טיף, ווי דער יאַם. אַ ווײַב, אַ קינד, אַ מאַמע, אַ ברודער... מיסטאַמע איז עס מער, ווי איין טאָכטער. נאָר צי גילט אַריפמעטיק פאַר אַ מאָס פון מענטשלעכער פּײַן?

באָרעך האָט ניט באַוויזן צוטראָגן צום מויל די הייסע גלאָז טיי, ווי ס'האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין דער דרויסנטיר.

— לעאָניד! — האָט זיך דערפרייט יעלענאַ מאַקסימאָוונאַ און איז אַוועק עפענען.

אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיי זיך שוין ביידע געהאַלטן בײַ די אַקסלען, עטוואָס פונדערווײַטן, קעדיי בעסער אָנצוקוקן איינער דעם אַנדערן, ביידע וווּקסיקע און ברייטפּלייציקע — לעאָניד און באָרעך. אַ מענטש, וואָס האָט זיי געקענט פון דער יוגנט, וואָלט עפּשער אין זייער אײַזערנעם אָנכאַפּן זיך פאַר די אַקסלען דערזען אויך אַ מין פאַרמעסטונג. ניט אומזיסט האָבן זיי ביידע אין די סטודענטישע יאָרן פאָרגעשטעלט די ספּאָרט־קאָמאַנדעס פון צוויי אינסטיטוטן. אָבער פריִער, ווי עמעצן וואָלט עס געקומען אויפן זינען, זײַנען שוין די צוויי געוועזענע שולכאַווײרים אַריבערגעגאַנגען אין אַ נײַער פּאָזיציע. זיי האָבן זיך שטאַרק אַרומגענומען, ווי אויף אומצוּוואַרפן איינער דעם אַנדערן, און דערנאָך צעקושט זיך דרײַ מאָל, אין איין באַק, אין דער צווייטער און ווידעראַמאָל אין דער ערשטער.

— מאָלאָדיעץ, באָרקע, — האָט זיך געפרייט לעאָניד, אַלץ ניט אַרויסלאָזנדיק באָרעכן פון זײַנע אָרעמס. — פונקט דער זעלבער, ווי געווען. קיין האָר ניט געביטן זיך.

— און דו, ליאָנקע... — באָרעך האָט זיך מיטאַמאָל פאַרהאַקט, נאָר דאָ באַלד אין זיך אַ שמייכל געטאָן: „אַ, די וואָנצעס...‟ דו, ליאָניע, ביסט אויך פונקט דער זעלבער.

אַזוי האָט פון טיפן האַרצן אַרויסגעזאָגט באָרעך. אין דער זעלבער צײַט האָט אים אַ מין קליין שעדל אַ שעפּטשע געטאָן אויפן אויער: „אַ צו שיינער מאַנצבל לעאָניד‟. און אַ צווייט שעדל: „אַ שיינער? עפּעס איז זײַן פּאָנעם געוואָרן ווי ברייטער און פלאַכער‟. צוויי שיידימלעך מיט איין מאָל. וויאַזוי האָבן זיי געקאָנט ניט איבערלאָזן קיין שאָטן אויף באָרעכס פּאָנעם? האָט ער טאַקע מיטאַמאָל דערפילט אויף זיך זײַן כאַווערס אומרויִקן, פאָרשנדיקן בליק.

ווידער אַ קלאַפּ אין טיר. איצט האָט זיך שוין לעאָניד אַוועקגעלאָזט עפענען. אין צימער איז אַרײַן אַ יונג מיידל. אַן אײַנגעהאַלטענער, אַ קאָרעקטער, איז לעאָניד געבליבן שטיין הינטער איר.

— דאָס איז באָריס הורוויטש און... — ווי ניט געפינענדיק קיין ווערטער, וויאַזוי פאַר־צושטעלן דאָס מיידל באָרעכן, האָט ער צעמישט א זאָג געטאָן: — זײַט באַקאַנט.

„אַהאַ, פאַרליבט לעאָניד", — האָט א טראַכט געטאָן באָרעך און פרײַנטלעך א דריק געטאָן די אויסגעשטרעקטע צו אים שמאָלינקע דלאָניע.

— זיצט, — האָט לעאָניד אָנגעוויזן דעם מיידל אַף א בענקל באַם טיש.

זי האָט זיך צוגעזעצט, דאַן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף זײַן אָרט אויך לעאָניד, און נאָך אים באָרעך, וועלכער איז אופגעשטאַנען אַנטקעגן דעם מיידל. מיט איר אַרײַנקומען האָט זיך איבערן צימער פאַרשפרייט א שטילער אומעט. דאָס פּאָנעם אירס האָט געשײַנט, ווײַל זי איז געווען ווונדערלעך שיין. אַזאַ שיינקײַט מאַכט ווייך די געמיטער. אין אָנבליק פון אַזאַ שיינהײַט קלינגט א צו הויכע שטים, ווי א באַליידיקונג, א צעפּלאָכטענער זשעסט, ווי א פרעכהײַט. באַזונדערס אָבער האָבן איבעראַשט באָרעכן דעם מיידלס אויגן, יונגע אויגן, מיט פולע ברוינע שוואַרצאַפּלען און דאָך ווי פון א וואָלקן האָבן זיי אַרויסגעקוקט. זיי האָבן זיך געאַמפּערט מיט דער אייגענער שײַן, בישטיקע געלאָשן זיך. „אָט האָסטו דיר א באַגעגעניש אין א שטאָט, וואָס איז „יודנריין" — האָט א טראַכט געטאָן באָרעך און אין דער הייך געזאָגט:

— נאָך אַזאַ לאַנגער צעשיידונג וואָלט קיין כעט ניט געווען א קאַפּעלע אויסצוטרינקען. אָט דאָ, בא מיר אין רענצל איז דאָ א פלאַש. און צום פאַרבײַסן וועט זיך אויך געפינען. איר האָט שוין מיסטאָמע אַזוינס לאַנג אַפן גומען ניט געהאַט. — ער האָט געעפנט דאָס רענצל, אַרויסבאַקומען פון דעם א פלעשל בראַנפן, עטלעכע שאַכטלעך קאָנסערוון. יעלענא מאַקסי־מאָוונא האָט דאָ באַלד צעשטעלט גלעזלעך אַפן טיש, גענומען אָנשנײַדן ברויט. באָרעך האָט אָנגענומען דאָס פלעשל, קעדיי צו פאַנאַנדערגיסן דעם בראַנפן אין די גלעזלעך, נאָר זײַן האַנט איז געבליבן אינמיטן וועג, א שטעל געטאָן דאָס פלעשל אַפן ווײַסן טישטעך. — דאָס דערנאָך. איצט מוזן מיר ריידן, קודעמקאָל ריידן. דאָס לעצטע יאָר האָב איך גאָר קנאַפּ גערעדט. צווישן דײַטשן געלעבט. ציווילע און ניט קיין ציווילע. און אָט אַ־דאָ שטיקט. — זײַן היפּשע דלאָניע האָט אַזוי ראַש א כאַפּ געטאָן אים אַליין באַם גאָרגל, ווי ניט דאָרט, פון אינ־וויינִיק, וואָלט אים געשטיקט, נאָר זײַן שטאַרקע דלאָניע קלײַבט זיך גאָר צונויפדריקן אין א רייף. און א קער צו לעאָנידן: — מיט דײַן מאַמען האָבן מיר זיך שוין גענוג אָנגערעדט. בריוו געשריבן. איז הײַנט רעד דו, לעאָניד. איך בעט דיך, שווײַג ניט, רעד. און פאַרוואָס האָט איר מיר ניט געשריבן? — האָט ער אומגעריכט זיך געווענדט צו דעם אומבאַקאַנטן מיידל. — אָט האָט איינע, אויך אַן אומבאַקאַנטע, עמעס, א קרויווע איז זי מײַנע, א שוועגערן, האָט זי מיר יאָ געשריבן. און איר? — האָט ער האַלב באַשטעטיקט, האַלב געפרעגט. — איר ניט. ווען איך האָב אײַך פאַר א קרויווע... אײַך וואָלט איך געגלייבט מער, ווי יענער. ווען מיר באַגעגענען זיך פאַר דער מילכאָמע, וואָלטן מיר אָן אײַך קיין איין סימכע ניט געפּראַוועט. מײַן דינע איז א פריילעכע געווען. געסט — דאָס איז איר כּיעס געווען. איר שווײַגט. נו, יאָ, נאַרישקײַטן רעד איך. פאַר דער מילכאָמע האָט איר דאָך נאָך א שילער־פאַרטעכל געטראָגן. אַנטשולדיקט, איך פאַרשטיי אַליין ניט, וואָס האָב איך זיך אַף אײַך אָנגעזעצט. איר זײַט דערבײַ ניט געווען. איר ווייסט פון גאָרנישט ניט. אַליין מיסטאָמע...

באָרעכן האָט אָפּגעשטעלט דעם מיידלס בליק. אירע ברייט צעעפנטע שײַנענדיקע אויגן האָבן אים געקוקט גלײַך אין דער נעשאָמע אַרײַן. און ווידער האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז זי וויל ניט, אירע אויגן זאָלן שײַנען. הינטער א וואָלקן פאַרהילט זי זיי. נאָר אָפּגעשטעלט זיך האָט באָרעך בלויז אַף א ווײַלע. די געפילן האָבן זיך שוין ניט אונטערגעוואָרפן זײַן ווילן. דאָס איבערגעלעבטע, דאָס איבערגעטראַכטע פאַר דער לעצטער צײַט האָט זיך געריסן פון די ברעגן. האָט ער איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, און ס'האָט אים אַוועקגעטראָגן ווײַטער:

— נו, וואָס שווײַגט איר אַלע? דערציייל, לעאָניד, איך וועל דיר אונטערזאָגן. דערציייל, וואָס איז געווען דער סאָף פון דעם היגן מעשוגאָים־הויז, ווו ניקאָלײַ דאָברינין האָט געאַרבעט.

אין צימער איז געווען שטיל. אַלע האָבן געקוקט אַף באָרעכן. געוואַרט, צי וועט ער ניט נאָך עפּעס זאָגן. באָרעך האָט געשוויגן. און דער אויסזען איז בא אים געווען אַזאַ, ווי ער וואָלט גאָר פאַרגעסן, וואָס ער האָט אָט ערשט אַזוינס געזאָגט, און ניט באַמערקט די צעמי־שונג, וואָס זײַן אומגעריכטע פראַגע האָט דאָ בא אַלעמען אַרויסגערופן.

— פאַרוואָס עפּעס מיטן מעשוגאָים־הויז? — האָט ענדלעך אַרויסגעשטאַמלט לעאָניד. — די מאַמע האָט דיר דען געשריבן...

— פאַרוואָס מיטן מעשוגאָים־הויז? גאַנץ פּאָשעט. דאָרט האָבן דאָך אויך געלעבט מינדער־ווערטיקע. פּונקט ווי דינע, ווי מײַן מאַמע, ווי מײַן זון.

— ווי איך, — האָט זיך דערהערט א שטילע שטים.

— איר? — באָרעך האָט מיטן גאַנצן קערפּער אויסגעדרייט זיך צו דעם אומבאַקאַנטן מיידל. עס האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ טיפֿע כאַראָטע איבער דעם, וואָס, ווי עס ווײַזט אויס, פֿאַרבײַטערט ער נאָך מער דעם אַזוי אויך ניט איבעריקס לײַכטן געמיט פֿון אָט די אַלע גוטע מענטשן, וועלכע זײַנען אומקערן זיך אַהיים האָט אַזוי געפֿרייט. — איר? — האָט ער איבערגעכאַזערט. — איר זײַט אָן עוונטאָוו. זעט איר דאָך, אײַך האָט מען אויסגעהיט.

— אויסגעהיט... — האָט זיך אין צימער פֿאַרשפּרייט ווי אַ שטילער ווידערקאָל.

— דיטאָטשקאָ! — האָט צערטלעך אויסגערופֿן לעאָניד. באָרעך האָט ניט קלאָר דערהערט, וויאַזוי לעאָניד האָט זי אָנגערופֿן, צי „דיעטאָטשקאַ” (קינד מײַנס), אָדער אַזאַ אויסטערלישן נאָמען טראָגט זי — דיטאַ.

מיט איבערגעטריבענער אופֿגעלעבטקייט האָט לעאָניד אַ כאַפּ געטאָן די פֿלאַש באַם העלדזל און געגומען פֿאַנאַנדערגיסן בראַנפֿן. באָרעך האָט דער ערשטער אופֿגעהויבן זײַן גלעזל.

— לעכאַיִם! — האָט ער אויסגערופֿן אויף ייִדיש. דאָס דאָזיקע וואָרט, האָט ער געוווּסט, איז באַקאַנט יעדערן. — פֿאַר די לעבעדיקע! — האָט ער צוגעגעבן אויף רוסיש. פֿאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ און אויסגעטרונקען דאָס גלעזל אין איין אָטעם.

יעלענאַ מאַקסימאָוונאַ האָט בלויז אָפּגענעצט די ליפּן. דאָס מיידל האָט זיך צום בראַנפֿן ניט צוגערירט.

באָרעך האָט ווידער אָנגעפֿילט די גלעזלעך, לעאָנידן און זיך. נאָר געקוקט האָט ער בײַסמײַסע נאָר אויף איר, אויף דער יונגער שיינהײַט, ווי אויסער זיי ביידן וואָלט דאָ אין צימער קיינער ניט געווען.

— טרינקט! — האָט ער צו איר געזאָגט. — פֿאַר אײַער גליק!

זי האָט מיט דאַנקבאַרקײַט אַ נייג געטאָן דעם קאָפּ. נאָר צום בראַנפֿן אַלציינס ניט צוגערירט זיך.

יעלענאַ מאַקסימאָוונאַ האָט אונטערגעטראָגן באָרעכן דעם טעלער מיט די דין אָנגעשניטענע ריפּטלעך ברויט, צוגערוקט דעם פּאָלומעסעק מיט זויערע אוגערקעס, די קאָנסערוון, וואָס ער אַליין האָט אַרויסבאַקומען פֿון זײַן רענצל און אוועקגעשטעלט אויפֿן טיש.

— פֿאַרבײַס! — האָט זי געזאָגט קורץ.

באָרעך האָט דאָס פֿאַרבײַסן ווי ניט באַמערקט. אין זיקאָרן איז פּלוצלינג אופֿגעשווומען: אַ באַקאַנטן האָט ער אַנומלטן געטראָפֿן, אַ בען־איר. יענער איז געשטאַנען אַ פֿאַרטראַכטער און געקוקט אויף אַ טשאַטע ייִנגלעך, וואָס האָבן זיך געשפּילט צווישן די רויִנען אין באַהעלטעניש. אָנשטאָט צו באַגריסן זיך, האָט באָרעך געזאָגט צו זײַן בען־איר, דעם באַגעגנטן אין דער פֿרעמד:

— און מײַן זון איז ניטאָ. ניט אויסגעהאַלטן אין דער באַהעלטעניש. נײַן יאָר וואָלט ער איצט אַלט געווען.

דער בען־איר האָט מיט פֿאַרשטענדעניש צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. און מער האָט אים באָרעך גאָרנישט געזאָגט.

הײַנט אָבער, באַ אָט דעם אָרעם געגרייטן טיש, האָט ער שווײַגן ניט געקאָנט. ער האָט געפֿילט מיט אַלע איבורים, אַז עפּעס ניט רעכטס טוט ער דאָ, נאָר ווי אונטערגעכאַפּט פֿון אַ וויכער, איז ער פּלוצלינג אופֿגעשפּרונגען און מיט ברייטע טריט אוועקגעשפּאַנט איבערן צימער. מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט זיך אַנטקעגן לעאָנידן.

— ביסט גערעכט, — האָט ער געזאָגט, פּונקט ווי יענער האָט אים געהאַט אין עפּעס דערווידערט. — די מעשוגאָיִם זײַנען דאָ ניט שײַעך. ווי קומט צו זיי דינע? ווי קומט צו זיי מײַן מאַמע? ווי קומט צו זיי מײַן קינד? מעשוגאָיִם זײַנען טאַקע אויך מינדערווערטיקע, אָבער דאָך אויסנעמלעכע מינדערווערטיקע. קיינער האָט זיי ניט געצוווּנגען אַליין גיין אין ערגעץ מעלדן זיך: „אָט זײַנען מיר. קוילעט אונדז!” קיינעם איז אויך ניט אײַנגעפֿאַלן אײַנצושטעלן דאָס אייגענע לעבן און אויסצובאַהאַלטן אַזאַ איינעם באַ זיך און מיט דעם נאָך פֿאַרלענגערן זײַן פּײַן, ווײַל אַלציינס וואָלט מען אים דאָך פֿריִער אָדער שפּעטער דערהאַרגעט.

— ניקאָלײַען האָט געמאַטערט אַ שווער פּאָרגעפֿיל, — האָט געזאָגט יעלענאַ מאַקסימאָוונאַ מיט איר גוט באַהערשטער שטים, — און דאָך האָט ער זיך ניט פֿאָרגעשטעלט, אַז די דײַטשן וועלן אומברענגען די פּסיכיש־קראַנקע.

— ניקאָלײַ איז אַ דאָקטער, — האָט אונטערגעכאַפּט באָרעך, — איז ווי האָט ער געקאָנט אַזוינס זיך פֿאָרשטעלן? אָט, אַ מענטש, אַז ער ווערט געבאָרן אַ ייִד, איז עס אומויסהיילבאַר, דאָס פֿאַרשטייט יעדערער. אָבער אַ מעשוגענער? עס מאַכט זיך אַמאָל, אַז מע היילט אים אויס. אויב אַזוי, האָט דאָך דער מעשוגענער אַ שאַנס אַריבערצוגיין אין דער קאַטעגאָריע פֿון פֿולווערטיקע. טאָ פֿאַרוואָס זאָל מען אים הארגענען? מער ניט, וואָס קיין געדולד האָט די דײַטשן

ניט געסטיַעט צו וואַרטן, ביז פֿון א מעשוגענעם וועט ווערן א קלאָרער. אַזעלכע מעטאָדישע פֿאַרשווינען, דאַכט זיך, און קעסיידער סטיַעט זיי ניט קיין געדולד: „שנעלו! שנעלו!״

— איבער דעם פֿאַרשפּילן זיי אַלע מילכאָמעס! — האָט געזאָגט לעאָניד. — מיַיסטערס אַף אַריבערשפּרינגען די ערשטע באַריערן, און צום פֿיניש קומען זיי מיט אַרויסגעשטעקטע צינגער.

— דו געדענקסט איגנאַטן? — האָט יעלענא מאַקסימאָוונא געווענדט זיך צו באָרעכן און מיט דעם געצווונגען אים אָפּצושטעלן זיַין געלאָף איבערן צימער. געפֿרעגט האָט זי דאָס אַזוי, ווי קיינער וואָלט דאָ ניט געהאַט איבערגעריסן אירע רייד. — נו, דעם וויַיסן ציגיַינער איגנאַט. האָט אים ניקאָליַי גראַטעוועט טאַקע בא זיך אין שפּיטאָל. אָנגעטאָן אים אין די קליידער פֿון א פֿאַרשטאָרבענעם שיזאָפֿרעניקער. יענעמס קראַנקן־ליסטע פֿאַרהיט. אויך צוויי סאָוועטישע אָפֿיצערן אַף אַזא אויפֿן באַשטאַט בא זיך אין שפּיטאָל. אויסגעבאַהאַלטן ביז דאַן, ווי די קראַנקן־ליסטעס זיַינען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין טויט־אורטיילן. עמעס, איגנאַטן און איין אָפֿיצער האָט זיך איַינגעגעבן צו אַנטלויפֿן.

— נו, און דער פּערסאָנאַל פֿונעם שפּיטאָל, אַלע זיַינען דערוף איַינגעגאַנגען? אויסצובאַהאַלטן אָפֿיצערן, א ציגיַינער?

— דער פּערסאָנאַל? ווער איז שוין דאָרט געווען דער פּערסאָנאַל? דער דאָקטער ניקאָליַי דאָברינין, דער סאַניטאַר לעאָניד טשיסטיאַקאָוו און די קראַנקן־שוועסטער נינא זיאַבליקאָווא, וועלכע האָט נאָך אין די ערשטע וואָכן פֿון מילכאָמע דערהאַלטן די יעדיִע, אַז איר פֿאָטער איז אומגעקומען.

— לעאָניד? — האָט א פֿאַרוווּנדערטער איבערגעפֿרעגט באָרעך. — א סאַניטאַר אין מעשוגאָים־הויז?

— דער זאַוואָד איז געשטאַנען א האַלב־פֿאַרברענטער... און ווען ניט, וואָלט דען לעאָניד געגאַנגען צו די אָקופּאַנטן אַרבעטן אַלס אינזשעניער? און וויפֿל האָט עס בעסאַכאַקל איַינגעגאַנגען געדויערט? לעאָניד האָט פֿון מיר אויסבאַהאַלטן א געוויסע ציַיט, אַז ס׳איז שוין נאָך אַלעמען. ערשט דאַן, ווען איך בין געקומען רופֿן ניקאָליַיען צו סימאָטשקען און זיַינע א שכיינע האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז שוין זינט עטלעכע וואָכן אין שטאָט ניטאָ, איז לעאָניד געצווונגען געווען צו זאָגן מיר דעם עמעס. דעם שפּיטאָל האָט מען ליקווידירט פּונקט אין דעם טאָג, ווען מיר האָבן באַגלייט וועראָטשקען. אַזוי אַז פֿונעם „פּערסאָנאַל״ איז דערביַי געווען נאָר נינע. און זי, די אַכצניאָריקע, איז עס איינע אַליין אויסגעשטאַנען און נאָך געפֿונען אַן אייצע, וויִאַזוי אַרויסצוראַטעווען איגנאַטן און יענעם סאָוועטישן אָפֿיצער. דער צווייטער איז קראַנק געווען אַף א שווערער לונגען־אָנצינדונג. — יעלענא מאַקסימאָוונא האָט א וויַילע אָפּגעשוויגן און פֿאַרענדיקט שוין מיט אַן אַנדער טאָן: — אָט האָסטו דיר א מילכאָמע־ראָמאַן. איגנאַט און נינע זיַינען איצט מאַן און וויַיב.

לעאָניד א סאַניטאַר אין מעשוגאָים־הויז... אַף באָרעכס דיקע ליפּן האָט זיך צעגאָסן זיַין געוויינלעכע גוטמוטיקיַיט. דאָס אומבאַקאַנטע מיידל האָט זיך צו אים א קער געטאָן און מיטן פֿולן ערנסט, אָן א סימען פֿון א שמייכל, געזאָגט:

— אָט אַזוי איז גוט! פֿאַר איַיער געזונט! — זי האָט צוגעטראָגן צו די ליפּן דאָס גלעזל, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען ניט געריִרט. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. „גאָט מיַינער, וויִאַזוי זי קוקט עס! — האָט מיט ראַכמאָנעס א טראַכט געטאָן באָרעך. — וואָס פֿאַרא זעונגען האָבן זיך אָפּגעזעצט אין אירע יונגע אויגן, וואָס פֿאַר אַן אומגליק צווינגט זיי קעסיידער צו בלאָזן אַף זייער אייגענער שיַין?״

ער האָט ווי פֿאַרשעמט א צי געטאָן צו זיך דאָס בענקל און ווידער צוגעזעצט זיך צום טיש. די ווענט פֿונעם צימער, אין וועלכן ער האָט פֿאַרבראַכט אַזויפֿיל גליקלעכע שאָען, האָבן זיך ווי צונויפֿגערוקט, קעדיי אים אַרומצונעמען. מיטן גאַנצן ליַיב האָט ער זיך דערפֿילט אין א וואַרעמער נעסט. עס האָט זיך אַוועקגעצויגן א היימלעכער שמועס. איינער פֿון די שמועסן, וועלכע האָבן ניט קיין אָנהייב און קיין סאָף, ווי געוויינלעך צווישן אייגענע מענטשן, וואָס האָבן זיך לאַנג ניט געזען. די הערצער זיַינען פֿול. און יעדערן ווילט זיך אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך א טייל פֿונעם אַל, וואָס אים דריקט, אָדער, פֿאַרקערט, אַריבערוואַרפֿן כאָטש א טייל פֿונעם כאַוועריס לאַסט אַף די אייגענע אַקסלען. דאָס לעצטע טרעפֿט זעלטענער. אַף דעם זיַינען פֿייִיק נאָר באַזונדערס טריַיע הערצער.

די פֿיר מענטשן וואָלטן מיסטאַמע זיך ניט אופֿגעהויבן פֿון טיש ביז שפּעט אין דער נאַכט, ווען עס וואָלט זיך פּלוצלינג ניט אויסגעלאָשן די ליכט. יעלענא מאַקסימאָוונא האָט אָנגעטאַפּט מיט די פֿינגער א קעסטעלע שוועבעלעך אַפֿן קאָמאָד און אָנגעצונדן א פּיצל נאַפֿט־לעמפּל.

— די עלעקטראָסטאַנציע... יעדן אָוונט אַזוי, — האָט לוסטיק אויסגערופֿן לעאָניד, פּונקט ווי די עלעקטראָסטאַנציע וואָלט דאָ באַוויזן אַזא מין קונץ, וואָס האָט געקאָנט פֿאַרשאַפֿן א

באזונדער פאַרגעניגן אים גופא, אָדער עמעצן אַנדערש פון די, וואָס זײַנען אינמיטנדערינען געבליבן זיצן אינדערפינצטער.

יעלענא מאַקסימאָוונא האָט גענומען אײַנריידן בערעכן איבערנעכטיקן די נאַכט בא זיי. ווי וועט ער זיך אײַנאָרדענען דאָרט, בא זיך, אין דער פינצטער און אין דער קעלט?

— גוט, — האָט אײַנגעשטימט בערעך, — איך וועל נאָר אַרײַן אָף א ווײַלע.

יעלענא מאַקסימאָוונא האָט דערלאַנגט בערעכן דעם שליסל פון זײַן שטוב, א ביז האַלב אויסגעברענטע ליכט און אומדרייסט א פרעג געטאָן:

— איך מעג מיט דיר?

— אַ, איר? געוויס.

— אַנטשולדיקט, באָריס לוואָוויטש, — האָט זיך צו אים געווענדט אויך זײַן נײַע באַקאַנטע, וועלכע האָט בעמעשעך פון דעם אַריבער אַנדערהאַלבנשאָ״קן שמועס באַם טיש אַרויסגעזאָגט נאָר עטלעכע געציילטע ווערטער. בלויז אַריבערגעפירט דעם בליק פון איינעם אָפן אַנדערן. און יעדעס מאָל האָט לעאָנידס בליק מיט ליבשאַפט נאָכגעפאָלגט אירן. — אַנטשולדיקט, עפשער וועט איר אויך מיר דערלויבן. איך... איך וויל גיין מיט אײַך.

— דיטאַ, מע דאַרף ניט! — האָט אומדרייסט א זאָג געטאָן לעאָניד. — זאָל נאָר די מאַמע... און איך וועל אײַך דערווײַל באַגלייטן אַהיים.

בערעך איז א פאַרקלערטער געבליבן שטיין אינמיטן צימער, ווי ער וואָלט עפּעס ניט געקאָנט באַשליסן. און אָפּגערופן האָט ער זיך גאָר ניט אָף דעם, אָף וואָס אַלע האָבן דאָ גערוואַרט.

— ווער זײַט איר, דיטאַ? — האָט ער געפרעגט. און א מעוווּלוועלער פון זײַן אייגענער אומגעשיקטקייט, צוגעגעבן: — איך מיין, ווי הייסט איר, דיטאַ? אײַער נאָמען מיין איך.

— מײַן נאָמען? יודיף. — און דײַטלעך אַרטיקולירט אָף יידיש: — יודעס. יעהודיס הייס איך.

— קומט, יעהודיס. קומט אַלע מיט מיר.

פאַר בערעכן איז קיין נײַס ניט געווען דער פריידיקער אימפּעט, מיט וועלכן לעאָניד האָט נאָך פון די ייִנגלשע יאָרן אָן זיך געטראָגן איבערן לעבן. בערעך איז אָפּט מעקאַנע געווען זײַן כאַוואַר, ווי פלינק און געראָטן עס באַקומט זיך בא אים אַלץ, צו וואָס ער נעמט זיך נאָר. די מאַזלבראָכע פליט אים אַנטקעגן. אים בלײַבט נאָר אונטערצושטעלן די הענט.

די רעגע, אין וועלכער בארעך האָט ארויסגעזאָגט זײַן גוטווילינן „קומט אלע", האָט ניט איבערגעלאָזן קיין אָרט פאַר פריידיקן אימפעט. דעריבער האָט אים אויסגעזען עטוואָס פריקרע די גרייטקייט, מיט וועלכער עס איז אופגעשפּרונגען לעאָניד, זײַן מונטערע אײַלעניש, ווי ער וואָלט אויך אין דעם פאַל, פונקט ווי שטענדיק, געוואָלט אומבאדינגט זײַן דער ערשטער. ווען ניט די פּילבארקייט פון אן אָפענער ווונד, וואָס האָט יענעם אוונט געפּײַניקט בארעכן אזוי, אז פון וואָס מע זאָל ניט ריידן, האָט ער זיך אלץ פון איר ניט געקאָנט באפרײַען, וואָלט לעאָנידס אײַלן זיך בא אים בלויז א שמייכל ארויסגערופן. אָט אזא איז ער, זײַן כאוועך. ס'איז פאַר אים אזוי נאַטירלעך: געטראַכט און געטאָן. ווען ניט די דאָזיקע עמפּינדלעכקייט, וואָלט זיך בארעכן געוויס ניט אויסגעדאַכט (און עפשער איז עס טאַקע אזוי געווען, קיין קלאָרן כעזשבן האָט ער זיך אין דעם ניט געקאָנט אָפּגעבן), אז עפּעס צו שטײַף האָט לעאָניד אָנגענומען יודעסן פאַר די אַקסלען. ס'האָט געהאַט דעם אויסזען, ווי ער וואָלט ניט ארויסבאַגלייט, נאָר ארויסגעשטויסן זי פון צימער. און נאָך האָט בארעך באמערקט, אז לעאָניד האָט ניט דורכגע־לאָזן פאַר זיך די מוטער. דאָס איז אָף אים געווען ניט צו גלייבן. ער האָט זיך שטענדיק אויסגעטיילט צווישן אלע כאַווײרים מיט זײַן ווױלדערצויגנקייט.

ארויס אין פּירהויז גלײַך נאָך יודעסן, האָט לעאָניד מיט זײַן ברייטער פּלייצע אינגאַנצן פאַרשטעלט זי פון בארעכן. קעדיי צו פאַרגלעטן דעם זונס אומטאַקטישקייט, צו וועלכער זי איז קלאַל ניט געוווינט געווען, האָט יעלענא מאַקסימאָוונא דורכגעלאָזט פאָרויס אויך בארעכן.

— גיי, גיי, — האָט זי געזאָגט. — איך וועל פון הינטן באלײַכטן אײַך דעם וועג.

לעאָניד האָט דערוויַל א כאַפּ אראָפּ געטאָן פונעם הענגער יודעסעס מאַנטל, ניט דער־לאַנגט, נאָר שנעל אײַנגעפּאַקוועט זי אין אים און ווידער אין אן אומפאַרשטענדלעכער פּי־בערהאַפטער אײַלעניש א שטויס געטאָן זי פאָרויס און געעפנט פאַר איר די דרויסנטיר. נאָר אָנשטאָט צו ארויסגיין, האָט יודעס ווי פון הינטער א שירמע ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון הינטער לעאָנידס ברייטער פּלייצע.

— עפשער איז ניט קעדײַ? — האָט זי אין פאַרלעגנהײַט געפרעגט בארעכן. — עפשער ווילט איר אליין...

— אוואדע ניט קעדײַ. ווי פאַרשטייט איר דאָס ניט, דיטאָטשקאַ? — האָט צופרידן אונטער־געכאַפּט לעאָניד.

אומגעריכט האָט יודעס, ווי א נאַראָוויסט לאָשעקל, פאַרהויבן דעם קאָפּ. מיט א צוק פון די אַקסלען האָט זי זיך באפרײַט פון די דלאָניעס, אין וועלכע זיי זײַנען נאָך אלץ געווען פאַרדריקט:

— איך וועל גיין מיט בארִיס לוואָוויטשן.

פון דער אָפענער טיר האָט א ווייע געטאָן מיט קעלט. דאָס ליכט אינעם נאַפּט־לעמפּל, וועלכן יעלענא מאַקסימאָוונא האָט געהאלטן אין דער הויך אויסגעצויגענער האַנט, קעדיי וואָס בעסער צו באלײַכטן דעם ארויסגאַנג, האָט א שפּרונג געטאָן אריבערן גלעזל. אין דער זעלבער צײַט האָט זיך אויך עטוואָס אונטערגעהויבן א פאָלע פון יודעסעס שווארצן פוטערל, און פאַר בארעכס אויגן האָט א שעמעריר געטאָן עפּעס רויטס. זײַנע גלידער זײַנען אָנגעשטאָלט גע־וואָרן, ווי פאַר א שפּרונג. ער האָט מיטן עלנבויגן באַזײַטיקט פון וועג לעאָנידן און מיט א טראַסק צוריק פאַרמאַכט פון אינווייניק די דרויסנטיר. ארויסגעריסן בא יעלענא מאַקסימאָוונען דאָס טשאַדענדיקע לעמפּל און פאַר א האַנט ארײַנגעשלעפּט יודעסן צוריק אין צימער ארײַן. ער האָט ניט געזען, מיט וואָס פאַר א שרעק עס קוקן אָף אים אירע גרויסע ברוינע אויגן, ער האָט ניט געזען, ווי הילפלאָז עס הענגען אראָפּ אירע הענט, פונקט ווי זי וואָלט געוואָרט אָף א קלאַפּ. גראָב, מיט א כײַשער אופגערייצטקײַט, וואָס ווען עמעצער פון דער זײַט דערציילט אים וועגן איר, וואָלט ער געמיינט, אז יענער טראַכט אָף אים אויס א בילבל, אָט מיט דער אופגערייצטקײַט האָט בארעך אָנגעכאַפּט זי, די יונגע, די איידעלע, פאַרן קאָלנער און אויס־געדרייט אים אָף דער לינקער זײַט. יאָ, ער האָט קיין טאָעס ניט געהאַט. „קראַוועץ האָפמאַן". מיט גאָלדפאַרביקע אויסיִעס אויסגעשטיקט. דינעס פּליושן פוטערל האָט זי געטראָגן, די פרעמדע פרוי. דאָווידס מאַטאָנע. פון מײַרעוו־ווײַסרוסלאַנד געבראַכט דינען. בלויז דער קאַפּיושאָן האָט געפעלט. אויך מיט רויטן געווען אונטערגעשלאָגן. אין ערגעץ, ווײַזט אויס, האָט מען אים פאַרשטעקט, קעדיי יעלענא מאַקסימאָוונא זאָל מיט אירע האַלב־בלינדע אויגן ניט דערקענען דינעס פוטערל.

בא לעאָנידן האָט ווי אָפּגענומען דאָס לאָשן. ער איז געשטאַנען מיט א ווײַס פּאָנעם און א טאַמעוואַטן שמייכל אָף די ליפּן.

יעלענא מאַקסימאָוונא האָט מיט שטילע טריט זיך דערנעענטערט צו יודעסן און אויך צוגעטראָגן א פאָלע פונעם פוטערל צו אירע שוין גאָר ווייניק וואָס זעענדיקע אויגן. אין

יודעסע אומבאַוועגלעכקייט, אין איר לאָזן טאָן מיט זיך וואָס נאָר וועמען ס'וועט אײַנפאַלן, איז געוואָרן צו מערקן די נאָכגיביקייט פון א מענטשן, וועלכער איז שוין ניט איין מאָל געשטאַנען באַם ראַנד פון אַן אָפגרונט און ווי ווײַט ער זאָל פון דעם אָפגרונט ניט אָפגיין, איז ער שוין קיינמאָל ניט זיכער, אַז ער וועט פריִער אָדער שפעטער פון דעם ניט אײַנגעשלונגען ווערן. און דאָך, נאָך דער ערשטער רגע פון פאַרלאָרנקייט, האָט זי באַהערשט געפרעגט:

— וואָס איז געשען?

קיינעם איז שוין דאָ אָבער ניט אָנגעגאַנגען, וואָס עס פילט און ווי עס האַלט זיך יודעס. פאַר די אַלע דרײַ מענטשן, וואָס זײַנען באַנאַנד מיט איר געשטאַנען אין צימער בא דער טונקעלער שײַן פונעם פיצל נאַפט־לעמפל, איז זי שוין, אַזוי, אַלנפאַלס האָט עס איר אויסגעוויזן זיך, אַף דער וועלט ניט געווען. ניטאָ יודעס. ניטאָ דיטאַ. א כייפעץ איז דאָ, וואָס נעמט אַלפי־טאָעס אַרום איר לײַב, א ווייך־סאַמעטענער כייפעץ, דאַכט זיך, נאָר עס איז גענוג אונטערצוהייבן איין ברעג זײַנעם, ער זאָל אַרויסשטעקן א רויט־רייצנדיקן צונג.

— און איך האָב זיך אַלץ געווונדערט, — האָט ווי אַליין פאַר זיך אָנגעהויבן רעדן יעלענאַ מאַקסימאָוונאַ. — די גאַנצע שטוב איבערגעקערט זוכנדיק. פון דער שאַפע פאַרפאַלן געוואָרן. — מיטאַמאָל אויסגעגלײַכט זיך און שטרענג, ווי פאַר איר וואָלט געשטאַנען א ייִנגל אין קורצע הייזלעך, באַפוילן: — לעאָניד, דעם עמעס, דאָס בעסטע איז דער עמעס. מיר זײַנען דאָ אַלע אייגענע מענטשן. צי ווייסטו, וועמענס עס איז דאָס פוטערל? ווי קומט עס צו דיר? — און מיט האָפענונג אין דער שטים: — עפשער האָט דיר עס עמעצער איבערפאַרקויפט, האַ, לעאָניד?

— מאָרגן, מאַמע, — האָט זיך דערפרייט לעאָניד, — מאָרגן וועל איך אופזוכן דעם מענטשן, וועלכער... איך וועל אים ברענגען אהער...

ער האָט ניט באַוויזן צו ענדיקן. יעלענאַ מאַקסימאָוונאַ האָט פלוצלינג אויסגעשפרייט די הענט, א כאַפ געטאָן מיט זיי די לופט און אין דער גאַנצער לענג אויסגעצויגן זיך אַפן דיל. אַלע האָבן זיך א לאָז געטאָן זי אופצוהייבן און, ווי זי איז געווען, אינעם אָנטאָן, אָפגעטראָגן אַף איר געלעגער. באַם אופהייבן זי האָבן די הענט פון די צוויי געוועזענע שול־כאַווייריִם באַגעגנט זיך. זאָל זײַן צום לעצטן מאָל? אַזוי אָדער אַנדערש, האָט זיי דאָס לעבן ווידער אַף א ווײַלע צונויפגעפירט אין איין געמיינזאַמער זאָרג.

באָרעך איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב. עס האָט אים געטראָגן איבער די ניט באַלויכטענע גאַסן אָן דעם, ער זאָל זיך פאַרטראַכטן וווהין. דורכגעשפאַנט א היפשע שטרעקע, איז ער געבליבן שטיין, אָן אופגעטרייסלטער פון א נײַעם געדאַנק: וואָס האָט ער עס אָפגעטאָן דאָרטן, אין יענער שטוב, ווו פון די ייִנגסטע יאָרן אָן איז ער געווען א געווונטשענער גאַסט? צי איז ער דאָרט ניט באַגאַנגען קיין מאָרד? „די דײַטשן האָבן פאַרסאַמט מײַן נעשאָמע”, — אַזוי האָט אין איינעם א בריוו געשריבן אים יעלענאַ מאַקסימאָוונאַ. אַוואַדע אַזוי. ער, באָרעך, איז אויך פאַרסאַמט. א פוטערל, א שוואַרץ פוטערל האָט אים געמאַכט פאַרגעסן אין אַלץ, וואָס עס פאַרבינדט אים מיט דער מישפּאָכע טשיסטיאַקאָוו. וווהין טראָגט עס אים? א דאָקטער... נאָך א דאָקטער דאַרף מען גאָר לויפן... א דאָקטער? מיסטאָמע איז ער שוין דאָרט. אַף צווייען האָט ער דאָך איבערגעלאָזט די קראַנקע. אַף צווייען. מיטלײַד און האַס, צווייפל און פאַרצווייפלונג — ווי ענג עס איז פון דעם אַלעמען אין דער ברוסט. ניין, צוריק, צוריק אהין, צו די טשיסטיאַקאָווס. ער וועט אַרויסרופן לעאָנידן אין דרויסן. ער מוז אים אויסהערן, ווײַל אויב עס זאָל בלײַבן אַזוי ווי עס איז, ווייסט ער שוין ניט, באָרעך, ווער פון זיי ביידן איז קאַיִן און ווער איז העוועל.

„באַראַטשנע, 13” — האָט אופגעבליצט אין באָרעכס צעהיצטן מויעך. ווי האָט ער זיך עס פריִער ניט דערמאָנט? ער האָט נאָך וועמען אויסצוהערן. די שטאָט האָט ער גוט געקענט. דאָ איז ער געבאָרן געוואָרן, דאָ איז ער אויסגעוואַקסן. ער האָט זיך שאַרף אויסגעדרייט און אַוועקגעשפאַנט אין א פאַרקערטער ריכטונג, אַלץ ווײַטער פון זײַן היים.

אויסמײַדנדיק בא א דרײַ קילאָמעטער רויִנען, איז ער שטיין געבליבן בא איינעם א טויער. האַגאַם אין דעם טייל שטאָט איז ער געווען עפשער נאָר ייִנגלוויז, וואָלט ער געמעגט שווערן, אַז דער טויער איז אים באַקאַנט. ער האָט אָנגעצונדן א שוועבעלע — „13”. אַריבערגעשפרײַזט דאָס הויף־טירל, וואָס איז געהאַנגען אין דער קרים: מיט איין עק געהאַלטן זיך אַף א טשוואָק אין דער הייך, מיטן צווייטן — אָנגעשפאַרט זיך אין דער ערד. פון רעכטס האָבן מיט א טונקעלער שײַן געלויכטן עטלעכע פענצטער אין א צווייסטאָקיק מויערל. באָרעך איז אַוועק אין דער טיף פון הויף, ווו עס האָט זיך געשוואַרצט א לאַנגער הילצערנער באַראַק, ווי אונטער א שווערער לאַסט א צוגעפלעטשטער צו דער ערד.

געעפנט די דרויסנטיר, איז באָרעך ווי אין א ברונעם אַרײַנגעפאַלן. ווען די אויגן האָבן זיך עטוואָס צוגעפאַסט צו דער פינצטערניש, האָט באָרעך פאַרשטאַנען, אַז פון איין זײַט ציט

זיך א טויבע וואַנט, וואָס איין גאָט ווייסט, צוליב וואָס איז זי דאָ אוועקגעשטעלט געוואָרן. אנטקעגן האָבן געוווינט מענטשן. וועגן דעם האָבן אײדעס געזאָגט די פּאסיקלעך שײַן, וואָס האָבן זיך דורכגעשלאָגן דורך די שפּאַלטן פון די אראָפּגעזעצטע טירן, און דער מעכטיקער רויש פון א גוטן צענדליק פּרימוסן, וועלכן ס'האָט זיך געמיט איבערשרײַען א הייזעריק־צעריסן קאָל פון אן אויפּעלע. מיט זיכערע טריט האָט באַרעך אוועקגעלאָזט זיך איבערן לאנגן קאָרידאָר, ווי ער וואָלט פון פריִער געוווּסט, הינטער וועלכער שוועל מע וואַרט אף זײַן קומען. ער האָט געטאַפּט אין דער פינצטער די טירן, מאָדנע שטיל, ווי ער וואָלט זיך דאָ געקליבן צו באַגיין א גנייווע. איינס, צוויי, דרײַ, פיר... ענדלעך, די לעצטע. ווײַטער איז ניטאָ וווּהין צו גיין.

באַרעך האָט זיך צוגעהערט. ניט קיין פּרימוס. ניט קיין מענטשלעך קאָל. נאָר אפן דיל אין קאָרידאָר האָט זיך אויסגעשפּרייט א קרומער ליכטיקער פּירעק. באַרעך האָט ניט אָנגעקלאַפּט. א שטויס געטאָן די טיר, ארײַן אין צימער. ניט אומקוקנדיק זיך אף אהינטער, פאַרמאכט זי.

דאָס ערשטע, וואָס ער האָט דערזען באַם ארײַנקומען, איז געווען אן אײַזערן אייוועלע, אין וועלכן עס האָבן האַפּערדיק געטרעשטשעט גוט אויסגעטריקנטע העלצלעך. ערשט דערנאָך האָט זיך פון דער פינצטערניש אויסגעטיילט א פרויען־פיגור. די פרוי איז געזעסן באַם סאַמע ארײַנגאַנג אין צימער. אף אירע קני, וועלכע זײַנען געווען ארומגעצויגן מיט עפּעס טונקלס און פאַרמלאָזס, ווי ס'האָט זיך אויסגעוויזן באַרעכן, האָבן גערוט א פּאָר שטאַרקע הענט, געווינטע צו שווערער מי. קיין פּאָנעם האָט זיך ניט געזען. אָן א וואָרט צו זאָגן, האָט די פרוי זיך אײַנגעבויגן צום ברענענדיקן אייוועלע. איר בייג איז געווען א יונגער און א פלינקער. זי האָט אָנגעצונדן א קינעלע, באַלויכטן באַרעכס פּאָנעם.

— איך האָב אײַך געזען באַטאָג גיין פון וואָקזאַל. גלײַך דערקענט, אז דאָס זײַט איר. זיצט, באַריס לוואָוויטש! — זי האָט אים צוגערוקט א בענקל און אליין אראָפּגעלאָזט זיך אפן הילצערנעם טאָפּטשאַן, אף וועלכן זי איז געזעסן באַ זײַן ארײַנקומען אין צימער.

באַרעכס אופגערודערטקײַט, וועלכע האָט אים אזוי זיכער דערפירט ביז צו זאַיעס קיינמאָל ניט געזעענער טיר, איז פּלוצלינג אויסגעלאָשן געוואָרן. אים איז באַפאַלן א מידקײַט. ווי גערן ער וואָלט איצט פאַרזונקען ווערן אין שלאָף. וועגן גאָרנישט ניט טראַכטן, גאָרנישט ניט געדענקען. אנטקעגן אים איז אָבער געזעסן כאָטש אן אויסגעצערטע, אָבער ווי ס'איז צו זען געווען, א שטאַרקע מיטלוווּקסיקע פרוי, א יונגע און אן אנטשיידענע, וועלכע האָט זיך אוואדע קוים דערוואַרט אף דער מינוט, ווען ער וועט זי אויסהערן.

זאַיע האָט באַפעסטיקט דאָס קינעלע אין א וואַנט־קעשענע. אף איר ברייטלעכן פּאָנעם האָבן זיך געמינעט שאָטנס.

— באַ די טשיסטיאַקאָווס געווען? געזען זיך? — זאַיעס ליפּן האָבן זיך בייז א קרים געטאָן.

דער כויזעק אין איר שטים האָט באַרעכן געמאַכט אופציטערן. ער האָט בוילעט דערזען פאַר זיך יעלענא מאַקסימאָוונען, אָן אויסגעצויגענע אפן דיל, מיטן ווײַסן גלאַקטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן א פּיסל פון טיש.

— שווײַגט, — האָט ער אין זײַן גרויסער צערודערטקײַט אויסגערופן. — קיין איין וואָרט וועגן יעלענא מאַקסימאָוונאַ! — און שוין אײַנגעהאַלטענער צוגעגעבן: — איך האָב זי איבערגעלאָזט אָן באַוווּסטזײַן. איך בין ניט זיכער, צי לעבט זי נאָך.

ווי דערשראָקן פון די אייגענע ווערטער, וועלכע האָבן, אומבאַמערקט פאַר אים אליין, אופגעזאָדן אין זײַן הארצן נאָך פריִער, ווען ער האָט, ווי א באַנומענער, געטראָגן זיך איבער די פּוסטע פינצטערע גאַסן, איז ער אופגעשפּרונגען, גרייט צו לויפן צוריק. לויפן צו דער, וועמען זײַן דינע האָט די לעצטע טעג פון איר לעבן מיט ליבע געדריקט צו איר לײַב, וועמען זי האָט אין איר עלנט אָנגערופן: „מאמע”. און ער, באַרעך, האָט אומגערן זי, מעגלעך, דערהארגעט. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט דאָס סאמע ערגסטע.

— זעצט זיך! — זאַיעס שטים האָט אָפּגעקלונגען, ווי א קנאַק פון א פּאַסטעך־בײַטש. — דערציילט, וואָס איז דאָרט פאַרלאָפן.

וואָס דערציילן? ווי־אזוי דערציילט מען עס? צופיל האָט פאַר דעם איינעם הײַנטיקן טאָג אין אים איבערגעברענט, ער זאָל קאָנען טיילן מיט וועמען עס זאָל ניט זײַן דאָס איבערגעלעבטע. אנטקעגן אים איז אָבער געזעסן אן ענערגישע פרוי, וועלכער עס זײַנען, ווײַזט אויס, קנאַפּ אָנגעגאַנגען זײַנע איבערלעבונגען. וואָס איז דאָרט פאַרלאָפן, האָט זי געוואָלט וויסן. פאַקטן האָבן זי אינטערעסירט. מער גאָרנישט. און ער האָט מיט א בלאַסער שטים, וועלכע ער האָט אליין ניט דערקענט, אָן קיין שום אויסדרוק, ווי דאָס דערציילטע וואָלט צו אים גאָר א קנאַפּע שײַכעס געהאַט, דערציילט, וואָס עס איז דאָרטן פאַרלאָפן.

— האָט ער זיך נאָך אַף אַ פרעמד פוטערל געקוואָפּעט? — האָט זיך צעקאָכט זאַיע. דאָס, וואָס באַרעך האָט דערציילט וועגן יעלענאַ מאַקסימאָוונען, איז פאַרבײַ אירע אויערן דורכגע־פלויגן. — פאַרן מיידל געוואָלט זיך אויספּײַנען... שוין אוואָדע אַ יאָר צײַט, ווי ער שאַדכנט זיך צו איר. ניט געוווינט, מע זאָל אים אָפּזאָגן. נו, איז דאָס פוטערל...

— און טאָמער ס'איז ניט מער, ווי דאָס פוטערל? — באַרעך האָט שוין אַף איר קימאַט ווי געשריִען. — דאָס פוטערל אַליין איז אײַך קנאַפּ? איר פאַרשטייט ניט, ווי שרעקלעך דאָס איז?

— צי איך פאַרשטיי? ווען נאָר דאָס פוטערל, וואָלט ער אויך וווּרט געוווען די טליִע, דער מענוווּל.

— איז וואָס פאַר אַ „נאָך" דאַרפט איר? אַף וואָס דײַט איר אָן?

— וואָס פאַר אַ „נאָך"? נאָך גייט עס אין מענטשלעכע לעבנס. אויך מיר אַ זאַך. אַ פוטערל...

— אָבער פונוואַנען ווייסט איר? צי קומט אײַך ניט אָפּן זינען, אַז איר שפּילט זיך אויך מיט אַ מענטשלעך לעבן? — שוין פילנדיק זיך געפאַנגען פון איר זיכערקײַט, האָט באַרעך געקוקט זאַיען גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן.

— אַזוי? איך שפּיל זיך... נאָר שפּילן זיך גייט מיר אָפּ. און טאָמער האָב איך אים געזען אין אַ פּרעכטיקן אויטאָמאָביל זײַט באַ זײַט מיטן קאָמענדאַנט פון שטאָט, איז עס פאַר אײַך גאָרנישט? — האָט זי זיך אָנגעצונדן. — הינטערן שטאָט איז עס געוווען. אין שטאָט פלעגט ער זיך אין אַזאַ שכיינעשאַפט ניט באַווײַזן. ווי ס'ווײַזט אויס, אַן אָפּגערעדטע זאַך געוווען. אין די ווייכע וואָנצעלעך געלאַכט, מיט די ווײַסע ציין פון אַ פּרויען־פרעסער געבלישטשעט. ער האָט זיך ווילגעטאָן אָפּן לעדערנעם געזעס, און איך בין בײַסמײַסע געלעגן פאַרטײַעט הינטער אַ קוסט מיט שטעכיקער קראַפּעווע. פאַר ווּעמען האָב איך זיך געשראָקן? פון ווּעמען האָב איך עס אויסבאַהאַלטן די עטלעכע גרײַפּעלעך סאַכאַרין, דאָס קעסטעלע שוועבעלעך, דאָס זעקעלע זאַלץ? אין דאָרף האָב איך געטראָגן מײַן אָרעמע גאָב, אײַער מאַמען. און געמוזט אויסבאַהאַלטן זיך הינטער אַ קוסט, קעדיי ער, דער שעף פון אײַער פרײַנט, זאָל עס באַ מיר ניט אָפּנעמען. סטאַם אַזוי. פון פאַרגעניגן וועגן. און טאָמער וואָלט דעם שעף אײַנגעפאַלן זיך ווילטאָן און דערשיסן מיך אַף אָן אָרט, וואָלט דען אײַער ליבער כאַווער אַ פּיפּס געטאָן? און ווען אים אַליין וואָלט דער שעף פאַראָרדנט עס צו טאָן, וואָלט אים כאָטש אַף איין רעגע אײַנגעפאַלן ניט צו פאָלגן דעם באַלעבאָס? ער איז דאָך אַ געבאָרענער לאַקיי, אָט דער לעאָניד פּעטראָוויטש, וויאַזוי האָט איר עס קיינער ניט באַמערקט? — זאַיע האָט זיך פלוצלינג אָפּגע־האַקט: — איר האָט ווו צו נעכטיקן? איר דאַרפט זיך הײַנט גוט אויסרוען.

באַרעך האָט אַ טאַפּ געטאָן די קעשענע, שווײַגנדיק באַוויזן זײַן שווערגערן דעם שליסל פון זײַן שטוב. אָפּדערגיך און צעשטרייט געזעגנט זיך. זי האָט אים באַגלייט ביזן אַרויסגאַנג פונעם לאַנגן פינצטערן קאָרידאָר.

■

גערטענער ציִען זיך, גרינע גערטענער. די מאַמע און דינע פירן שימעלען פאַר די הענט. ער, באַרעך, גייט באַ דער זײַט, אַן אָנגעלאָדענער מיט פּעקלעך. שימעלע האַלט זיך אין איין אויסדרייען אַף אַהינטער: „מאַמע, ווער איז דאָס?", „באָבע, פאַרוואָס זײַנען באַ אים אַזעלכע לאַנגע אַרבל, און ווו זײַנען די הענט?", „מאַמע, זע, אַ קאַפּעליוש, און ווו איז ער אַליין?". די מאַמע און די באָבע זײַנען שטאַרק פאַרטאָן אין אַ שמועס. הערן זיי זיך ווייניק וואָס צו צו שימעלען. ענטפערן אַף אַלע קאַשעס, מיט וועלכע ער באַשיט זיי קעסיידער, וואָלט דער טאָג ניט געסטײַעט. „טאַטע, וואָס שטייט ער דאָ? — פרעגט שוין שימעלע באַרעכן. — ווער איז ער, טאַטע?"

— דאָס איז אַ סטראַשידלע, מײַן קינד, ער איז ניט קיין עמעסער. ער שטייט, קעדיי צו שרעקן די פויגלען. זיי זאָלן ניט אויספּיקן די קערנדלעך פון דער ערד.

שימעלע פאַרטראַכט זיך.

— טאַטע, און אַז די פויגלען ווילן עסן? — פרעגט ער ווידער. — זיי זײַנען שלעכטע, די סטראַשידלעס, עמעס, טאַטע?

שימעלע רײַסט זיך אַרויס פון דער מאַמעס און דער באָבעס הענט, שפּרינגט אַרויף אַף אַ פּניאַק און רופט הילכיק אויס:

— סטראַשידלע־בידלע, איך האָב פאַר דיר קיין מוירע ניט! — שטעקט אַרויס דער סטראַ־שידלע אַ צונג און שפּרינגט אַראָפּ פון פּניאַק, צופרידן פון דער אייגענער דרייסטקײַט.

וועגן וואָס האָט געפרעגט שימעלע זײַן מאמען, ווען זי האָט אים פארזאָגט, אז ער זאָל זײַן נאָמען פארגעסן? ווײַל „מאלע וואָס סע מאכט זיך”. און די טיאָטיע לענע, וואָס האָט אויסגעבאהאלטן אים און זײַן מאמען בא זיך אין קעמערל, האָט אים אויך דאָס זעלבע פארזאָגט. וויאזוי האָט ער, דער פינפיאָריקער, פארשטאנען דעם „מאלע וואָס סע מאכט זיך”? וואָס פארא קאשעס האָט ער געפרעגט בא זײַן מאמען און בא דער טיאָטיע לענע? נאָר וואָס טוט זיך עס מיט אים, מיט באָרעכן? צי איז ער אליין ניט אין דעם עלטער פון א „ווער־פארוואָס”? נאָר ניין, ער ווייסט דאָך, יעלענא מאקסימאָוונא האָט געשריבן, ווי א מײַזל איז ער געזעסן, שימעלע, שטיל, פארשטעקט אין א ווינקעלע. יעלענא מאקסימאָוונא האָט דאָך נאָך דאן פארגעסן, ווי עס קלינגט זײַן קאָל. הייסט עס, ער האָט גוט פארשטאנען, שימעלע, וואָס סע קאָן זיך מאכן. האָט ער שוין פארשפּאָרט צו פרעגן קאשעס. גיך אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן „ווער־פארוואָס”. א דערוואָקסענער איז ער געווען, זײַן שימעלע, א מעיושעוודיקער מענטש, וועלכער גיט זיך אָפּ א קלאָרן כעזשבן, ווו ער האלט אין דער וועלט.

באָרעך האָט אלץ פארלאנגזאמט און פארלאנגזאמט זײַן טראָט. געגאנגען אלץ פּאמעלעכער און פּאמעלעכער, פלוצלינג שטיין געבליבן אין דער מיט פון דער באנאכטיקער גאס, אָן איבעראַשטער פון א נײַעם געדאנק. ער קען ניט זײַן אייגן קינד. ער ווייסט ניט, וויאזוי וועגן אים זיך צו דערמאָנען. וויפל מאָל האָט ער זיך געבייזערט אָף שימעלען פארן גערודער, וואָס ער הייבט אוף אין צימער באם שפּילן זיך. און יענער פינפיאָריקער מענטש, וועלכער האָט אפילע קראנקערהייט מוירע געהאַט ארויסצולאָזן א קרעכץ, דעם קען ער ניט, באָרעך. ווי זיי האָבן זיך עס אלע געגרויסט מיט שימעלעס פרי אָנהייבן ריידן. צו אָנדערהאלבן יאָר האָט ער שוין גערעדט קלאָר און דײַטלעך. בלויז דעם „רייש” עטוואָס קאָמיש ארטיקולירט. און דאָס אנטווינען זיך פון ריידן, איז עס אים אויך אזוי גרינג אָנגעקומען?

א קליין ווינטל האָט זיך אופגעהויבן. א ריר געטאָן באָרעכס האָר. „טאטע”, — האָט אים ארײַנגעשעפּטשעט אין אויער א קינדערש קאָל, און א פּאָר ווארעמע הענטלעך האָבן זיך ארומגעוויקלט ארום זײַן האלדז. ער האָט דערפילט דעם רייעך פון שימעלעס האָר. קינדערשע קעפּעלעך פארמאָגן א ספּעציפישן רייעך. פון מילך און בלומען.

באָרעך האָט אופגעציטערט און ארומגעקוקט זיך. לויט זײַן כעזשבן האָט געדארפט זײַן ערשט אזייגער צען אין אָוונט. די גאס איז געווען אָבער טויט. וווהין האָט עס אים פארטראָגן? ער האָט אפילע ניט געוווּסט, אין וועלכן טייל פון שטאָט ער געפינט זיך. א פײַנע מײַסע, אין זײַן היימשטאָט דארף ער זיך נאָכפרעגן אפן וועג. בא וועמען פרעגן? מע דארף זיך קוידעמקאָל דערקלײַבן צו אוועלכער־ניט־איז ווױנונג. סאכאקל בא א צענדליק מעטער איינגאַנצן האָט אים אָפּגעטיילט פון א קליין באלויכטן שײַבל הארט בא דער ערד. א גאנץ געבליבענער קעלער, ווײַזט אויס, אָדער אן אפדערגיך צונויפגעקלעפּט ערדשטיבל.

ווען באָרעך איז באטאָג געגאנגען פון וואָקזאל, האָט ער עטלעכע מאָל באמערקט א פּלאקאט מיט א וואָרענונג: „היט זיך פאר מינעס!”. איצט, אין דער פינצטערניש, האָט ער זיך וועגן דעם דערמאָנט. דערמאָנט, אָבער ניט ווי וועגן א זאך, וואָס האָט א דירעקטע שײַכעס צו אים. מיטן פאטאליזם פון א מיליטערמאן, וואָס ארײַנפאלנדיק אין א ציווילער אומגעבונג, איז ער שוין זיכער, אז מיט אים קאָן קיין שלעכטס ניט געשען, האָט באָרעך מיט ברייטע טריט איבערגעשניטן אין דער קווער א גאס ניט קיין גאס, א פעלד ניט קיין פעלד.... אלנפאלס איז דאָ קיין איין געבײַדע ניט געשטאנען, און אונטער די שטיוול בא אים, האָט ער געפילט, לייגן זיך הארבסטיקע גראָזן און שטעכלקעס. א סימען, אז דאָס אָרט איז פארוויסט. צוגעקומען צום באלויכטענעם שײַבעלע, אײַנגעבויגן זיך, אָנגעקלאָפּט. פונעם ערדשטיבל איז ארויס א מענטש, באוויזן אים, וווהין צו גיין. פון זײַן היים האָבן באָרעכן אָפּגעטיילט ניט מער ווי צוויי געוועזענע קווארטאלן.

דאָס פארבלאָנדזשען זיך האָט געדינט באָרעכן צום גונסטן. עס האָט אים אָף א ווײַלע אויסגעניכטערט פונעם טשאד, אין וועלכן ער האָט אָפּגעלעבט דעם דאָזיקן ערשטן טאָג פון זײַן קומען אהיים. די געדאנקען האָבן זיך אומגעקערט צו דער שטוב פון זײַנע שכיינים. וואָס טוט זיך דאָרט איצט? וויאזוי דערוויסט מען זיך וועגן דעם? „מיר, מענטשן פונעם צוואנציקסטן יאָרהונדערט, זײַנען שטארקער פון אײַזן. מיר קענען אלץ איבערטראָגן”. ווײַזט זיך ארויס, אז ניט אלץ. אײַנגעבראָכן געוואָרן יעלענא מאקסימאָוונא.

די ניכטערקײַט האָט ניט לאנג אָנגעהאלטן. וואָס נעענטער צו דער היים, אלץ א טיפערע בענקשאפט האָט ארומגעכאפּט באָרעכן. „דינעלע, דינע, מײַן דינינקע דינע”, — האָט ער געמורמלט שטיל, ווי א טפילע, גערופן צו זיך דינען פון איר ניט־זײַן.

א טראַט, נאָך א טראַט, און... ער האָט דערזען דינען. אַן איידעלע, א שלאַנקע, איז זי געשטאַנען אַפן אייבערשטן טרעפּל פונעם גאַנעק מיט דער פּלייצע צוגעטוליעט צו דער וואַנט. נאָך א ווײַלע, און באַרעך וואָלט מיט צעשפּרייטע הענט און עפּשער מיט א ווילדן פרייד־געשריי א לאָז געטאָן זיך צו איר און אײַנגעשלאָסן אין די אָרעמס. נאָר דאָ האָט דער פרויען־סילועט אָפּגעטיילט זיך פון דער וואַנט, און א קנאַפּ באַקאַנטע שטים האָט אַרויסגעזאָגט אַף יידיש מיט אַן אויסגעשפּראָכן־פּויליש דיאַלעקט:

— פירט מיך צו זיך. צי איר ווילט, צי איר ווילט ניט. איר קאָנט מיר ניט אָפּזאָגן דורכצורייידן זיך.

באַרעך האָט גאָרנישט געענטפערט. אָנגעטאַפּט אינדערפינצטער דעם שלאָס אַף דער טיר, געעפנט און אַרײַן מיט יודעסן אין שטוב.

— א שוועבעלע האָט איר? — האָט זי געפרעגט. — איך האָב געבראַכט א ליכט.

באַרעך האָט אַרויסבאַקומען פון דער שינעל־קעשענע א קעסטעלע שוועבעלעך, אָנגעצונדן די ליכט בײַ יודעסן אין דער האַנט.

יודעס האָט אומגעבעטן אַראָפּגעלאָזט זיך אַף א בענקל.

— איר מיינט אַוודע, אַז איך בין געקומען אײַך עפּעס צו זוויסן געבן, — האָט זי געזאָגט. — ניין, איך בין געקומען הערן. וועגן לעאָנידן. ער איז מײַן רעטער, לעאָניד, איר פאַרשטייט? טאָ דערציילט מיר וועגן אים. אַלץ, וואָס עס וועט אײַך קומען אַפן זיקאָרן. פון די פריסטע קינדער־יאָרן אָן. אַלץ. דאָס גוטע און דאָס שלעכטע. איך בעט אײַך.

— יעלענא מאַקסימ...

— ניט גוט. געווען א דאָקטער. נו, דערציילט זשע. עס גייט מיר אין לעבן.

כאָטש אין צימער איז געווען מוירעדיק קאַלט, האָט יודעס פאַנאַנדערגעשפּיליעט דאָס וואַטאָווע געשטעפּטע לײַבל, אין וועלכן זי איז איצט געווען אָנגעטאָן און איז געבליבן זיצן אָן אָנגעשטרענגט אויסגעגלײַכטע, מיט פיבערהאַפט צונויפגעפּלאָכטענע פינגער. זי האָט געוואַרט.

באַרעכן האָט אַרומגעכאַפּט דאָס באַקאַנטע געפיל פון ראַכמאָנעס צו א שוואַכערן, צו א יינגערן פון זיך, וואָס ער האָט ניט איין מאָל איבערגעלעבט פאַר די יאָרן פון מילכאָמע, און פון זײַנע ליפּן האָבן א פליס געטאָן רייד. ניט נאָר וועגן לעאָנידן האָט ער דערציילט, נאָר אויך וועגן זיך, וועגן דינען, וועגן שימעלען, וועגן דער מאַמען און וועגן דעם פרי פאַרשטאָרבענעם טאַטן. אַפילע וועגן קאַליע דאָברינינען האָט ער איר דערציילט. ער האָט דערציילט דער שווײַגנדיקער יודעס דאָס אַלץ, וואָס האָט אין אים גופע געזוכט א וועג אַף אויסגעגאָסן ווערן אין ווערטער. אַלץ האָט ער דערציילט, אויסער... אויסער דעם איקער, וואָס האָט ווייטעקלעך גענאָגט, געטאָטשעט זײַנע געהירן, זײַן לײַב און לעבן. איין אָנטיילנעמער פון דער דראַמע, וועלכע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין צוויי שכיינעסדיקע הײַזער, האָט ער אויסגעבאַהאַלטן פון יודעסן: זײַן שוועגערן זאַיע. ניט וועגן אירע בריוו האָט ער דערציילט, ניט וועגן זײַן הײַנטיקן באַזוך בײַ איר. ווען ער האָט שפּעטער בײַ זיך אַליין געפרעגט, פאַרוואָס האָט ער אַזוי געטאָן, אויס ראַכמאָנעס צו יודעסן, צי צו זיך אַליין, אָדער עפּשער האָט נאָך אין אים געטליעט א האָפענונג, אַז זאַיע איז ניט גערעכט, האָט ער קיין ענטפער דערויף ניט געפונען. און דאָך איז ער געווען צופרידן, וואָס אַזוי האָט זיך געמאַכט.

יודעס איז פּאַמעלעך אופגעשטאַנען פון איר בענקל. באַרעך האָט זיך אויך אופגעהויבן, געבליבן שטיין אַנטקעגן איר.

— א גוטע נאַכט! — האָט זי געזאָגט און פאַרטראַכט זיך. — אַלנפאַלס, — האָט זי צוגעגעבן, — בין איך איצט גרייט צו דעם שמועס וועגן פּוטערל.

באַרעך האָט גוט פאַרשטאַנען דאָס דאָזיקע „אַלנפאַלס”. ס'האָט געהייסן, אַז אים האָט זיך ניט אײַנגעגעבן זי אָפּצונאַרן. זי האָט דערפילט, אַז אין זײַן דערציילן איז פאַרבליבן א באַריער, וועלכן ער האָט זיך ניט געקאָנט באַשליסן אַריבערצוטרעטן. אָ, אַזעלכע שווײַגערקעס קענען הערן. נאָך אָנהייב אָוונט האָט ער באַמערקט, ווי אַזוי אַן אָפּגעפרעמדטע, דאַכט זיך פון אַלעמען, א פאַרטיפטע אין זיך, זאַפּט זי דאָך אײַן יעדעס וואָרט, וואָס עס ווערט אַרויסגעזאָגט בײַם טיש.

באַרעך האָט געעפנט פאַר יודעסן די טיר. אין פאַרלעגנהײַט אַריבערגעטראָטן די שוועל. צי דאַרף ער זי באַגלייטן און... וווהין? יודעס האָט שטרענג א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַף „ניין” און איז נעלעם געוואָרן אין דער פינצטערניש.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט באַרעך דערהערט א לײַכטן קלאַפּ אין טיר. ניט ווי א האַנט וואָלט אין איר אָנגעקלאַפּט, נאָר א פוס וואָלט זי אָנגערירט אין דער נידער. באַרעך האָט געעפנט און פון האַנט צו האַנט אַריבערגענומען בײַ יודעסן א בינטל האָלץ. א פאַרלאָרענער האָט ער ניט באַוויזן צו באַדאַנקען, און זי איז ווידער פאַרשוווּנדן.

א לאַנגע צײַט איז באָרעך אָפּגעזעסן באַ דעם געמיטלעכן פלאַם פונעם האָלענדישן אייוועלע. פון אָנהייב האָט ער געכאַפּט א ציטער, נאָר ביסלעכווײַז האָט א ליבע וואַרעמקײַט צעגאָסן זיך איבער זײַנע גלידער. א שלעפעריקײַט איז אים באַפאַלן, נאָר דער מידער מויעך האָט ניט געקאָנט געפינען קיין רו: „לעאָניד... זי זאָגט, ער איז איר רעטער, פון וועמען האָט ער זי געראַטעוועט? פון וואָס? א מין שווײַגערקע... נאָר זי הערט. און אליין וועגן זיך קיין וואָרט ניט. פון פוילן איז זי. דאָס איז צו זען פון איר אויסשפּראַך. מאָדנע אויגן באַ איר. עפּעס האָבן זיי געזען אַזוינס, וואָס זי וויל אין זיי אויסלעשן. די מילכאָמע האָט זיך פאַר איר אָנגעהויבן אין 39־טן... לעאָניד... ווי זאָל איך עס גלייבן אַף לעאָנידן? וואָס האָט ער עס אָפּגעטאָן? וועלכער טײַוול האָט אים אין יענע בלוטיקע טעג געפירט באַ דער האַנט?" און נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל: „לעאָניד?.."

דאָס האָלץ אין אויוון האָט אויסגעברענט. באָרעך האָט מיט דער קאָטשערע צונויפגעשאַרט די הייסע קוילן אין א קופּקעלע, פאַרמאַכט דעם קוימען, ווי ער האָט עס צענדליקער מאָל געטאָן פריִער. אויפגעהויבן זיך, געמאַכט א טראָט צו דעם בעט, שטיין געבליבן. אַראָפּגעלאָזט זיך אַף א בענקל. און אָט אַזוי־אָ, זיצנדיק אַף א בענקל האַרט באַם טיש, דעם קאָפּ אונטערגעבעט מיט דער רעכטער האַנט, אײַנגעשלאָפן. פון צײַט צו צײַט אויפגעציטערט, ווילד אַרומגעקוקט זיך אין דער פינצטערניש. און זײַן מידער קאָפּ איז איבעראַנײַס צוגעפאַלן צום טיש.

■

פון באָרעך הורוויטשן צו ניקאָלײַ דאָברינינען
20 נאָיאַבער 1945

טײַערער פרײַנט מײַנער ניקאָלײַ!

עפּעס איז מיר דאָס האַרץ ניט געלעגן אָנצושרײַבן דיר פון דער פרעמד. דײַן בריוו האָב איך דערהאַלטן שוין גאַנץ לאַנג און דעם ענטפער אַלץ אָפּגעלייגט. דאָס וויכטיקסטע האָב דאָך שוין וועגן דיר געוווּסט. דו וועגן מיר אויך. האָב איך מיר געקלערט: אָט, איך וועל קומען אַהיים, וועל איך זיך מיט א קלאָרן קאָפּ נעמען פאַר דער פען. איך האָב זיך ניט אָפּגענאַרט. דאָ, פון דער היים, איז דאָ וואָס צו שרײַבן. ס'איז אַזוינס און אַזעלכס. גאָר אומגעריכטס. אָפּגענאַרט האָב איך זיך נאָר אין מײַן קאָפּ. ניט קיין קלאָרער איז ער, נאָר א דולער. אין דער היים... פּוסט און וויסט איז מײַן היים. בעסער וואָלטן מײַנע אויגן ניט געזען, מײַנע אויערן ניט געהערט.

דער גרויסער אומגליק, וואָס עס האָט מיך געטראָפן, איז פאַר מיר פון לאַנג קיין נײַס ניט געווען. מע קאָן זאָגן, אַז איך האָב זיך שוין צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז פון מײַניקע וועל איך דאָ קיינעם ניט טרעפן. צו וואָס נאָר א מענטש קאָן זיך צוגעוווינען. ווען מײַנע וואָלטן באַוויזן צו עוואַקויִרן זיך, וואָלטן זיי דאָך מיך געוויס אויפגעזוכט. אָדער איך זיי. נאָר קוים זײַנען זיי אַרײַנגעפאַלן צו די דײַטשן, איז אַף וואָס איז שוין דאָ געבליבן צו האָפן? זינט אָבער איך האָב באַקומען דאָס ערשטע בריוול פון יעלענאַ מאַקסימאָוונען, איז מיר מײַן אומגליק פאַרדאָפּלט געוואָרן. אַן אומגליק אין שפּאַן מיט א רעטעניש, מיט א וויסטער געהיימניס. א מענטש גיט זיך א זאָג, אַזוי מאַנצבליש־באַהערשט: „די דײַטשן האָבן אויסגעקוילעט מײַן גאַנצע מישפּאָכע". איך האָב באַגעגנט אַזעלכע מענטשן. און איך בין זיי מעקאַנע. די דײַטשן... אָבער ווען א פּיקהאָלץ מיט אַן אײַזערנעם שנאָבל האַלט אין איין פּיקן דײַן מויעך: „דערגיי, דערגיי, ווער עס האָט דיך פאַרקויפט!"

נו, גוט, אין דער היים בין איך. און שרײַבן מוז איך דיר כאָטשבי דערפאַר אליין, וואָס יעלענאַ מאַקסימאָוונאַ וועט עס שוין פאַר מיר ניט טאָן. איך האָב זי געטראָפן א האַלב־בלינדע, א פיזיש אויסגעשעפּטע. און איצט איז נאָך ערגער. זי ליגט א געליימטע, אָן לאָשן, עמעס, באַם פולן באַוווּסטזײַן. צי איז עס בעסער, צי ערגער? פאַר איר, דוכט מיר, וואָלט איצט געווען גלײַכער דאָס באַוווּסטזײַן ניט צו פאַרהיטן. באַלד קיינער וועט דיר ניט שרײַבן, וועסטו דאָך סטאַם ניט וויסן וואָס איבערצוקלערן. מיר וועלן אלע פאַר דיר ווי אין וואַסער אַרײַן. ניט אלע, מײַן פרײַנט, ניט אלע. ווער עס איז אַרונטער און ווער עס לעבט. עס מאַכט זיך, עמעס, אַז דעם, וואָס איז לעבן געבליבן, קומט אָן שווער אפילע אַזאַ קלייניקײַט, ווי נעמען א פען אין דער האַנט און אָנשרײַבן א פּאָר ווערטער א נאָענטן פרײַנט. נאָר אַז מע לעבט, לעבט מען. מע נעמט אָן א פולע ברוסט מיט לופט און מע שווימט אַרויס אַף דער ליכטיקער שײַן. א שאָד נאָר, וואָס גרינגער פון אלעמען הייבט זיך אויף אַף דער זויבערער וואַסער־פלאַך אומרייניקײַט.

מײַן שטוב, שטעל זיך פאָר, האָב איך געפונען אין דער בעסטער אָרדענונג. אין דעם ערשטן אויגנבליק האָב איך עס אפילע ניט באַמערקט. צי דערפאַר, וואָס באַלויכטן איז געווען

נאַר די קיך מיט אַ פּיצל דין ליכטל, צי דערפאַר, וואָס צום ערשטן מאָל בין איך אַרײַן אין שטוב ניט אַליין, נאָר אין דער באַגלייטונג פון אַ באַטריבטער יוגנט. זי האָט אַף מיר געקוקט מיט אויגן פון אַ פאַרוווּנדעטער אינדז, און געפּאָדערט האָט זי פון מיר, איך זאָל איר דערציילן וועגן לעאָנידן. לעאָניד אין דער קינדהייט, לעאָניד אין דער יוגנט, לעאָניד אין רײַפן עלטער. זי האָט זיך מיטאַמאָל אַרומגעזען, אַז זי קען ניט דעם מענטשן, וואָס האָט זי גערעטעוועט, מעגלעך, פון טויט. וואָס האָט אַ היפּשע צײַט זי געפּלעגט, ווען זי איז קראַנק געווען, באַשוצט און באַקליידט זי, די אָרעמע און פאַרוואָרלאָזטע.

וואָס קאָן זײַן בעסער, ווי צו קומען אַהיים נאָך פיר יאָר מילכאָמע? איך גיי מיר אַרום איבער מײַן שטוב, צווישן מײַן מעבל. אַפילע באַקאַנט געפעס געפין איך. אָט האָב איך נעכטן אין דער קיך־שאַפע דערזען אַ קריגעלע. אַרום און אַרום מיט הינדעלעך באַמאָלט. אַ רויט הינ־דעלע, אַ שוואַרץ הינדעלע. און לעבן יעדערער אַ גאָלדן קערנדל, ווי אַ שײַנענדיקע זון. דאָס קריגעלע האָב איך ניט געריררט פון אָרט. עס שטייט ביז איצט אַזוי סטאַטעטשנע אַף דער פּאָ־ליצע און וואַרט... ס'איז מיר גוט בא מיר אין שטוב. וויל איך, זעץ איך זיך צו צום טיש, וויל איך, לייג איך זיך צו אַף מײַן פאָרפאָלק־בעט, ברייט, ווי אַ פעלד. וויל איך אָבער ניט, ניט דאָס און ניט יענץ. איך פאַרשפּרייט אַ צײַטונג אַף דער קיך־פּליטע, און דאָ עס איך. איך האָב געפונען פאַרשטעקט אין אַ ווינקל עפּעס אַ פרעמדע ראַסקלאַדושקע. האָב איך זי פאַנאַנדער־גענומען און שלאָף אַף איר. די ערשטע נעכט בין איך געשלאָפן אַפילע אינעם אָנטאָן, איבער־געדעקט מיט מײַן שינעל. איצט טו איך זיך שוין אויס. טאָמער עס שלאָפט זיך ניט, איז מיר אויך וווּיל. איך שפּאַן מיר אַרום איבער מײַן גראַמער דירע. פון קיך אינעם ערשטן צימער, פונעם ערשטן אינעם צווייטן. און דערנאָך פאַרקערט. פונעם צווייטן אינעם ערשטן, פונעם ערשטן אין קיך אַרײַן. און דינע האָט געטײַנעט, אַז ס'איז בא אונדז ענגלעך אין שטוב. כאָטש נאָך איין קליין צימערל האָט זי פאַרלאַנגט. פאַר מײַן מאַמען. שימעלע וואַרפט זיך אין שלאָף, וועקט ער זי, די מאַמע. ווען דינע קוקט עס איצט אָן אונדזער שטוב. אַ שטוב מיט ווענט. מיט אַ דאַך. און אַ מאָזלדיקע איז זי, אונדזער שטוב. די באָמבעס האָבן זי געשאָנעוועט. עפּשער וואָלט אויך מיט די מענטשן געשען דאָ אַ נעס, ווען ניט... עד, ברודער ניקאָלײַ, דיר איז ווען ניט־איז אויסגעקומען טרעפן זיך אויג־אַף־אויג מיט אַ פאַרעטער?

לעאָניד, אָט ווער עס האָט מיך געקוילעט. ער האָט אויסגעלאָשן די שײַן אין מײַן שטוב. איך ווייס, די נײַס וועט דיך טרעפן, ווי אַ דונער. נו, איז וואָס זאָל מען טאָן? ווייניק דונערס האָבן אָפּגעהילכט איבער אונדזערע קעפּ? אויב איך האָב עס איבערגעטראַגן, וועסטו אַוודע. ווייכער מאַכן דעם קלאַפּ קאָן איך ניט, ווײַל אַזוי איז עס. לעאָניד, איינער פון אונדזער ייִנגלשן פערטלינג...

דײַן באָריס הורוויטש

א בריוו פון ניקאָלײַ דאָברינינען צו באָרעך הורוויטשן
30 נאָיאַבער 1945.

אומעגלעך! אַן אומזין! לעאָניד טשיסטיאַקאָוו אַ פאַרעטער? נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל: אויסגעשלאָסן! ווי האָסטו עס גאָר פאַרן מויל געקאָנט ברענגען? טײַערער באָריס, אין נאָמען פון אונדזערע ליבע, וועלכע מיר האָבן פאַרלאָרן, פאַרשפּרעך איך דיך, זײַ געהיט! לאָז זיך ניט פירן אַף אַ פאַלשן שפּור. זע, צי איז עס ניט קיין שפּיצל פונעם עמעסן מערדער, וועלכער מיט זיך אַריבערפּעקלען זײַן אייגענעם פאַרברעכן צו לעאָנידן. באַטראַכט ניט דײַן כאַווער אַלס אַ שולדיקן, איידער די שולד איז דערוויזן געוואָרן. „אים איז גוט צו געבן אייצעס" — אַזוי וועסטו מיסטאָמע מיט פאַרביטערונג אַ טראַכט טאָן וועגן מיר נאָכן איבערלייענען מײַן בריוו. און דײַן פאַרביטערונג, פון וועלכער איך ווייס ניט און זי שטעלט זיך מיר ערשט פאָר אין געדאַנק, לייגט זיך מיר שוין, ווי סאַם אַפן גומען. ווײַל מאַשען האָב איך פאַרלאָרן. און אויסער מײַנע קינדער זײַט איר מיר איצט נעענטער פון אַלעמען — דו, יעלענאַ מאַקסימאָוונאַ, לעאָ־ניד, יאַ, יאַ, לעאָניד. ניט געקוקט אַף דײַן כשאַד, רוף איך אָן זײַן נאָמען צווישן מײַנע נאָענט־סטע. אין יעדער שורע פון דײַן בריוו זע איך, ווי עס בלוטיקט דײַן האַרץ. און דאָך נעם איך אַף זיך די האָזע צו זאָגן: אין אַזעלכע פאַלן מוז מען די פערזענלעכע עמאָציעס צוימען.

איך בין אַ פּסיכיאַטער. און אַ פּסיכיאַטער האָט עפּעס געמיינזאַמס מיט אַ ריכטער. וואָס איז שײַעך צו מיר, אײַל איך זיך קיינמאָל ניט אַרויסצוטראָגן דעם אורטייל (אין מײַן פאַך איז דער דיאַגנאָז אָפט גרויזאַמער פון דער שווערסטער שטראָף), אַפילע דאַן, ווען מע ברענגט צו מיר דעם קראַנקן אַ געבונדענעם מיט האַנטעכער. יעלענאַ מאַקסימאָוונאַ, שרײַבסטו, ליגט אַ געליימטע. איז זי אַ נײַער קאָרבן, ווײַל, ווי איך פאַרשטיי, איז עס מיט איר געשען איבערן

כשאד אף לעאַנידן. מײַן ניט, אז פון מיר רעדט ארויס דער סאַנטימענט פאר אונדזערע ווײַטע קינדער־יאָרן. ווען איך ווייס, אז לעאַניד איז דאָס, וואָס דו שרײַבסט וועגן אים, וואָלט נאָר א בלײַענע קויל באשיידט מײַן באציִונג צו אים. זאָג מיר גלײַך אָן: אויב דער איניען געפינט זיך שוין אין דער פראַקוראַטור, וועל איך זיך אָנגעבן פאר אן איידעס. אזוי הייסט מיר מײַן געוויסן.

קיין פּראַטים שרײַבסטו מיר ניט. איך פארשטיי, דיר איז שווער. מיטן גאַנצן האַרצן בין איך מיט דיר. איצט אָבער מוזטו שוין אויסשרײַבן מיר אלץ, וואָס דו ווייסט, ווײַל עפּעס ווייס איך אויך. פארגעדענק זשע, איך בין אן איידעס. און נאָר פארן עמעס וועל איך זיך שלאָגן. פארן עמעס, א וועלכער ער זאָל ניט זײַן. לאָמיר עס טאָן האַנט־בא־האַנט. איך גלייב, אז מײַן פארלאַנג איז אויך דײַן פארלאַנג. ווײַסט ניט אָפּטאָן אזוינס, וואָס דו וועסט זיך קיינמאָל ניט קאָנען מויכל זײַן. זײַ געטרייסט, מײַן פרײַנט. ווײַל דער סוינע האָט בא אונדז אזויפיל אָפּגע־נומען, טאָ לאָמיר אליין, מיט די אייגענע הענט, ניט פארמערן די קאָרבאָנעס.

מיט די בעסטע גרוסן
דײַן פרײַנט ניקאַליי.

פּ. ס. לעאַנידן איז גרינג כוישעד צו זײַן. ער איז בעטעווע א לײַכטזיניקער מענטש. ער האָט זיך טאָמיד ווי געדרייט אין א לײַכטן וואָלס. ווען דאָס לעבן אָבער האָט אזוי אומגעריכט א נעם געטאָן אונדז אלעמען באם גאָרגל, איז אויך בא לעאַנידן באלד געוואָרן אויס וואָלס. איך האָב געזען לעאַנידס אָפּגעבריט לײַב. ווי אן אָרנטלעכער קאַפּיטאַן פון א זיך טרינקענדי־קער שיף, האָט ער דער לעצטער פארלאָזן דעם ברענענדיקן זאַוואָד, אין וועלכן ס'האָט געטראָפן א באָמבע, מיט הוילע הענט געוואָרפן זיך אין פײַער ארײַן. איך האָב געהיילט זײַנע וווּנדן, דעריבער ווייס איך. כ'וועל קיינמאָל ניט פארגעסן דעם טאָג, ווען לעאַניד, נאָך אלץ א קראַנ־קער, איז געקומען צו מיר אין שפּיטאָל אָנבאָטן זיך פאר א סאַניטאַר. אין שפּיטאָל האָט ער גע־טאָגט און גענעכטיקט, די מוטער און די שוועסטער קימאַט ווי ניט געזען. ער האָט געוואָלט, די שטאָט זאָל וועגן אים פארגעסן, פארגעסן, אז ס'איז געווען אן אינזשעניער טשיסטיאַקאָוו אף דער וועלט. קיין בעסערן סאַניטאַר וואָלט איך זיך ניט געקאָנט ווינטשן. נאָר אדאַנק אים האָט זיך מיר אײַנגעגעבן אויסצובאַהאַלטן אין מעשוגאָים־הויז צוויי סאָוועטישע אָפיצערן.

און נאָך איינס מוז איך דיר זאָגן. אז געראָדעט, איז געראָדעט. איך האָב געזען דינען. בא די טשיסטיאַקאָווס אין שטוב. איך קאָן דיר ניט זאָגן, צי האָט זי די גאַנצע צײַט בא זיי זיך אויס־באַהאַלטן, אָדער זי איז ערשט אין יענעם טאָג, ווען איך האָב זי געזען, צו זיי ארײַנגעפאַלן. אלציינס איז קלאָר, אז א פארבינדונג האָבן די טשיסטיאַקאָווס מיט דינען געהאַט. און ער, דער „לײַכטזיניקער" לעאַניד, האָט, ארבעטנדיק מיט מיר צוזאַמען, קיין איין מאָל פאר מיר, זײַן איינציקן כאַווער אין יענע גרויזאַמע טעג, ניט ארויסגעכאַפּט זיך מיט א וואָרט. הייליק געהיט דעם סאָד.

דער זעלבער

פּ. פּ.ס. צי האָסטו זיך שוין אײַנגעאָרדנט אף ארבעט? דער ברויט־זאַוואָד איז גאַנץ גע־בליבן?

פון באָרעך הורוויטשן צו ניקאָליי דאָברינינען
13 דעקאַבער 1945.

טײַערער ניקאָלײַ!

געקומען פון דער ארבעט, געטראָפן פארשטעקט אין טיר דײַן בריוו. יאָ, איך ארבעט שוין. פונקט ווי ס'וואָלט גאָר קיין מילכאָמע ניט געווען. די זעלבע שטעלע, נאָר ניט די זעלבע מענטשן. באַקאַנטע אף די פינגער צו ציילן.

מײַן ארבעט, ווי דו ווייסט, האָב איך ליב. און נייטיק איז זי איצט, ווי קיינמאָל ניט. האָב איך פארטראַטן מײַן אָרט אפן דריטן טאָג פון מײַן אומקערן זיך אהיים. אייגנטלעך, האָב איך נאָך געקאָנט א ביסל צוּוואַרטן. דער דירעקטאָר אליין האָט מיר געייצעט נאָך א ביסל זיך אויס־רוען, אײַנאָרדענען זיך ווי עס דאַרף צו זײַן. „איך בין ניט פארמאַטערט, — האָב איך געענט־פערט, — און אײַנגעאָרדנט בין איך אויך אפן בעסטן אויפן". פארוואָס האָב איך זיך אזוי צוּ־געײַלט מיט דער ארבעט? צי טאַקע אינדערעמעסן איבער דעם, וואָס איך האָב זי ליב און נייטיק איז זי מער ווי ווען־ניט־איז? אָט אזוי מיסטאָמע טראַכט וועגן מיר דער דירעקטאָר: „מיט א מיליטערמאַן איז גאָר אנדערע רייד. שטענדיק גרייט צו שטעלן זיך אף דעם אָרט, ווו מע

דארף". ער וועט נאָך עמעצן הייסן אין דער וואנט־ציַיטונג וועגן מיר אָנשריַיבן. נאָר איך אליין, הערסטו, איך זאָל זיך אוועקלייגן די האנט אפן הארצן, ווייס איך: ס'איז גאָר ניט אזוי די מיַיסע. גאנץ מעגלעך, אז ניט די מענטשנליבע, נאָר דאפקע דער עגאָיִסט אין מיר האָט מיך געצווונגען באלד נעמען זיך צו דער ארבעט. זעלבשוץ איז עס, פארשטייסט? און וואָס נייטיק איך זיך איצט מער, ווי אין אלץ? דער קאָפּ זאָל זיַין פארטויקעט. איז ער.

און איצט לאָמיר ריידן טאָך־זאכן. דו שריַיבסט: „לעאָניד? עס קאָן ניט זיַין". און מיר, קלערסטו, קומט עס אָן אזוי גרינג צו זאָגן: „לעאָניד? עס קאָן זיַין". דו מידסט זיך מיך איבערציַיגן, אז לעאָניד איז שוין וויַיט ניט דער ליַיכטזיניקער פארשוין פון פאר דער מילכאָמע. און איך, זעסטו, האָב דאפקע מיט אָט דעם כיסאָרן זיַינעם, מיט דער ליַיכטזיניקײַט, געפּרוווט פאר זיך אליין אים צו פארענטפערן. ער האָט געוואָלט אָנטאָן א פארגעניגן דעם מיידל, אין וועלכן ער איז פארליבט, האָט ער זי אויסגעפּוצט אין א פוטערל, וועלכן קיינער דארף שוין ניט מער, אויסער דער, וואָס ער האָט ליב. און אזויווי ער איז איר רעטער, א יִידיש מיידל איז עס, און א יאָר ציַיט קעסיידער האָט לעאָניד צוזאמען מיט יעלענא מאקסימאָוונען באזאָרגט זי מיט אלעם נייטיקן, האָט זי די מאטאָנע בא אים גענומען. ווען זי ווייסט, וועמענס פוטערל דאָס איז... דיינעס, מיַין פריַינט, דינעס פוטערל האָט ער איר געשענקט. כ'וועל דיר זאָגן נאָך מער: ווען אַף מאָרגן נאָך דעם, ווי כ'האָב דערקענט אַף א פרעמדער דינעס אָנטאָן, קומט צו מיר אריַין לעאָניד און פארענטפערט זיך אַף אזא אופן, ווי איך שריַיב דיר דאָ, וואָלט איך, מעגלעך, אים אפילע געגלייבט. געגלייבט, אז א בייזער מיין איז אים פרעמד. איך האָב דען געקענט דערלאָזן אין געדאנק, אז מיַין כאווערס הענט זיַינען אין בלוט, און נאָך אין וועמענס?

מיַין שוועגערן זאָיע זאָגט, איך ווייס ניט, צי דו ביסט מיט איר באקאנט, אז זי האָט געזען לעאָנידן אין א פּרעכטיקן אווטאָמאָביל באנאנד מיטן שטאָט־קאָמענדאנט. האָט אפילע דאָס מיך ניט איבערציַיגט אין לעאָנידס שולד. וויַיניק רעטענישן האָט אונדז פארגעבן די מילכאָמע? זאָל זיַין, לעאָנידס רעטעניש איז פארגראָבן אין די געסטאפּאָ־ארכיוון? אזא כשאד... און וויינען וויינען מיר מיט לעאָנידן, ווי פריִער, ווי אמאָל, א שטוב לעבן א שטוב.

דו וואָרנסט מיך קעגן איבעריקע קאָרבאָנעס. ביסט גערעכט. האָסט געטראָפן. דער אומגליק מיט יעלענא מאקסימאָוונען איז געשען איבערן פארשאָלטענעם פוטערל, וועלכן זי, א האלב־בלינדע, האָט דערקענט, פונקט ווי איך, א זעעוודיקער. נאָר איבער דעם איין פוטערל איז זי געליימט געוואָרן. פאר איר איז עס געוועזן איבערגענוג. ווען אָבער איר געדאנק גייט וויַיטער... ווי בא זאָיען, בא מיַין שוועגערן. אגעוו, האָט זי שוין באוויזן מיך אויך פיַינט צו קריגן, זאָיע. א גאָרנישט בין איך אין אירע אויגן, א שמאטע. „א בעקער קען אויך שיסן? — האָט זי מיך די טעג געפרעגט מיט גיפט. — סיַידן מיט א פאָמעלע. איר שעמט זיך דאָך מיט איַיערע פארוווּנדונגען, זאָגט זי מיר. יעדערער טראָגט די סימאָנים אפן אָנטאָן. יעדערער גרויסט זיך מיט די ווונדן, באקומענע אין געשלעג מיט די דיַיטשן. און איר... ווי א קאץ וואָלט איַיך צעדראפּעט". נאָר וואָס עס זאָל ניט ריידן און ניט טראכטן וועגן מיר זאָיע, האָב איך בא זיך פעסט אָפּגעמאכט, אז קאָלזמאן איך וועל זיך ניט טרעפן אויג־אַף־אויג מיט לעאָנידן און אויסהערן, וואָס וועט ער מיר זאָגן, וועל איך אין דער פּראָקוראטור ניט גיין. אויב ניט מיט לעאָנידן, איז כאָטש מיט דיטען נאָכאמאָל דורכריידן זיך, מיטן מיידל, וועגן וועלכן איך האָב דיר געשריבן. דאָס מאָל וואָלט איך בא איר שוין עפּעס דערגאנגען. נאָך יעלענא מאקסימאָוונען איז זי דאָך מיַין צווייטער קאָרבן. צי האָט זי ליב לעאָנידן? דאָס ווייס איך ניט. דעם ערשטן אָוונט נאָך האָב איך דערפילט, אז עפּעס א מעכיצע שטייט צווישן זיי, און ניט אזוי גרינג וואָלט לעאָנידן אָנגעקומען אריבערצושפּאנען די מעכיצע, ווען אפילע ער זאָל זיך מיט גאָרנישט ניט פארשולדיקן. אז דערוויַיל זיַינען זיי נאָך צו גאָרנישט ניט געקומען, בין איך זיכער. אויב איך האָב א טאָעס, מעגסטו מיך ניט האלטן פאר קיין מאנצבל. און לעאָניד... ווען דו וואָלסט מיר ניט געשריבן וועגן דעם, וויִאזוי די מילכאָמע האָט אים געענדערט צום גוטן, ווען זאָיע וואָלט מיט מיר ניט איַינגעטיַינעט, אז די מילכאָמע האָט אים געמאכט פאר א מענוול, לויט איר קומט אויס, אז ער איז געבאָרן געוואָרן א מענוול, וואָלט איך אלציינס פארשטאנען, אז לעאָניד איז געוואָרן אָן אנדערער. אויסערלעך דער זעלבער לעביונג, וויִאזוי אָבער ער האָט ליב דיטען... ער איז גרייט פאר איר אין פיַיער אריַין, ער איז גרייט פאר איר דעם קאָפּ צו לייגן, אויב זי וועט אפילע ניט איַינגיין צו ווערן זיַין וויַיב. אזא ערנסטקיַיט, אזא טיפער געפיל, האָט דען דער פריִערדיקער לעאָניד פארמאָגט אזוינס בא דער נעשאָמע? פאר אים איז דאָך א פרוי פון די יוגנטלעכע יאָרן אָן געוועזן ניט מער ווי א צאצקע. און טאָמער די צאצקע צעברעכט זיך, איז אויך ניט קיין אומגליק. עס וועט זיך א שענערע געפינען. איז אָט די גרויסע ליבע לעאָנידס צו דעם פארוואָרלאָזטן יִידישן מיידל פון פוילן האָט פון מיר אויך געמאָנט, איך זאָל זיַין געהיט, איך זאָל אָפּוואַרטן, ביז איך וועל זיך אליין אין אלץ דערקונדיקן. אפילע זאָיע גלייבט אין לעאָ־

נידס ליבע, כאָטש אויך דאָ האָט זי איר פשאַט. זײַן שמוציקן געוויסן, זאָגט זי, וויל ער ריינ־
וואַשן מיט דער דאָזיקער ליבע.

די שטוב פון די טשיסטיאַקאָווס איז ווי אויסגעשטאָרבן. יעדן פרימאָרגן, גייענדיק אָף דער
אַרבעט, האָב איך אַריבערגעקוקט אַריבערן פאַרקן, און... גאָרנישט. אין די אָוונטן, אומקערנדיק
זיך פון דער אַרבעט, פלעג איך זען אַ בלאַסע שײַן אין די פענצטער. איך פלעג אַ היפשע ווײַלע
אָפּשטיין אָף דער גאַס, עפשער וועט זיך ווײַזן לעאָניד. איך בין געווען זיכער, אַז אויך דיטע
איז דאָרט. זי וועט ניט פאַרלאָזן די קראַנקע. קיינער האָט זיך אָבער פאַר מיר אין די אויגן
ניט געוויזן. ניט איין מאָל איז מיר אײַנגעפאַלן, אַז עפשער טשאַטעוועט מען מיר נאָך פון יענער
זײַט, ווי איך פון דער זײַט. איז פאַרוואָס מײַדט מען מיך אויס, אָט וואָס עס האָט מיך געמאַ־
טערט. צי האָט מען פאַר מיר מוירע, אָדער מע פאַראַכטעט מיך פאַרן צווייפלען אין מײַן כאַ־
ווערס אָרנטלעכקײַט?

■

„פאַר דער ליבסטער פרוי בא אונדז אין שטאָט!” לעאָנידס בעכערל באַגעגנט זיך מיט די־
נעס. דינע טרינקט אויס דעם ווײַן און צעלאַכט זיך. איר איז גענוג געווען נאָר אַ לעק צו טאָן,
און זי פלעגט נעמען לאַכן. אַ פריילעכע איז זי געווען, דינע. און ווען נאָך אַ ביסעלע ווײַן...
זי לאַכט, פאַרשעמט זיך, קערט אָפּ דעם קאָפּ און לאַכט ווידער. „לאָך, דינאָטשקע, — זאָגט צו
איר לעאָניד. — שעם זיך ניט. דאָס לאַכט דאָך פון דיר די גוטסקײַט אַרויס”. אַ מייוון געווען
אָף גוטסקײַט לעאָניד. ער טרעט ניט אָפּ פון דינען. אַ סאַמעטענער וואָלקן אין זײַנע לאַש־
טשענדיקע אויגן, ווײַסע בליצן אינעם שמייכלענדיקן מויל: „אַך, דינאָטשקאַ, ווען באָריס זאָל ניט
זײַן אַזאַ אָטעלאָ”... דינע לאַכט שוין ניט. זי שמייכלט אין פאַרלעגנהײַט. און באָרעכן ווערן
מיטאַמאָל נימעס אַלע געסט. וואָס זיצן זיי אַזוי שפּעט? וואָס פאַר אַ ליאַרעם האָבן זיי דאָ אופ־
געהויבן? לאָזן ניט שימעלען אײַנשלאָפן.

דינעס געבורטסטאָג... צום לעצטן מאָל געפּראַוועט...

■

אָפן טיש פאַר באָרעכן איז געלעגן דער ניט־פאַרענדיקטער בריוו. האָט ער אָפּגעזיפצט און
צוגעשריבן: „לעאָניד? קיינמאָל אין לעבן ניט!” דײַנע ווערטער זײַנען עס, ניקאָלײַ, צי עפשער
גאָר מײַנע? לײַט זאָגן, אַז קינדער פילן, אַוועלכער ס׳איז דער מענטש. זיי פאַרמאָגן אַ באַזונ־
דער כוש פאַר גוטע מענטשן. איז פאַרוואָס, ניקאָלײַ, האָבן זיך אַזוי געגאַרט אונדזערע קינ־
דער? מײַן סימאָטשקע, דײַן פאַשוטקע... געדענקסט, ווי זיי פלעגן זיך עס אָן אים אָנהענגען, ווי
נאָר ער האָט זיך באַוויזן, לעאָניד. פאַרשטייען, הייסט עס, קינדער אויך אַזוי ווייניק, ווי מיר?
אָף הײַנט וועט זײַן גענוג.

דײַן כאַווער און פרײַנט באָריס.

פון באָרעך הורוויטשן צו ניקאָלײַ דאָברינינען
15 דעקאַבער 1945.

פרײַנט ניקאָלײַ!

ערשט אייערנעכטן אָפּגעשיקט דיר אַ בריוו, און אָט שרײַב איך שוין ווידער. ווײַל ס׳איז
דאָ נײַס. נעכטן אין אָוונט איז עס געווען. קומענדיק פון דער אַרבעט, בין איך אַ מינוט צען
אָפּגעשטאַנען הינטער דעם טויער פון די טשיסטיאַקאָווס. ניט אויסגעהאַלטן, שטיל אָן עפן גע־
טאָן דאָס הויף־טירל, אָף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנוועט זיך צו דעם איינציקן באַלויכטענעם
פענצטער און אַרײַנגעקוקט אינווייניק. דיטע איז געשטאַנען איבערגעבויגן איבער יעלענאַ
מאַקסימאָוונעס בעט, עפּעס דאָרט צורעכט געמאַכט. לעאָניד איז אין צימער ניט געווען. איך
האָב שטיל אָנגעקלאַפּט אין פענצטער. דיטע האָט אַ ציטער געטאָן. געהערט, נאָר מיטן פּאָנעם
צו דער שויב ניט צוגעפאַלן און אויך אָפן גאַנעק ניט אַרויס, ווי איך האָב געהאָפט. זי האָט
זיך אַפילע ניט אויסגעגלײַכט. געבליבן שטיין אײַנגעבויגן איבער דער קראַנקער. איך האָב נאָך
אַ ווײַלע אָפּגעוואַרט און אַוועק צו זיך.

זי איז אַרײַנגעקומען צו מיר אָן ערעך אין אַ שאָ נאָך דעם, ווי איך האָב אָנגעקלאַפּט צו
איר אין פענצטער. אַרײַן אין איר געשטעפּטן לײַבל און דײַטלעך אַרויסגעזאָגט:

— מאָרגן גייט ער אַליין אין דער פּראָקוראַטור.

אָפּגעזאָגט און ראַש אויסגעדרייט זיך צום אַוועקגיין. איך האָב איר פאַרשטעלט דעם וועג:

— ניין, איר טאָרט מיט מיר אַזוי זיך ניט באַגיין. איר זײַט מעכויעוו צו דערציילן מיר,
וואָס איר ווייסט. איך האָב רעכט אָף דעם.

— עמעס, איר האָט רעכט. איך וועל אָבער אײַך זאָגן גלײַך. ניט ער האָט אַרויסגעגעבן אײַער פרוי און אײַער מוטער. ער ווייסט ניט, ווער האָט דאָס געטאָן. אַזוי זאָגט ער. נאָר אַלציינס איז גרויס די שולד זײַנע אַנטקעגן אײַך. ער איז שולדיק. אַנטקעגן אונדז אַלעמען שולדיק.

אַ מידע, אַ טרויעריקע, האָט זי זיך צוגעזעצט אַף אַ בענקל און אײַנקורצן איבערדערציילט דאָס, וואָס עס האָט איר דערציילט לעאָניד.

איך וועל אָבער עטוואָס פאַרלויפן דעם וועג. ניט פון דײַן בריוו, ניקאָלײַ, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דו האָסט צופעליק געטראָפן בײַ די טשיסטיאַקאָווס דינען. מיר האָט אַ סאַך פריִער געשריבן וועגן דעם יעלענאַ מאַקסימאָוונאַ. „האָב פאַר מיר קיין מוירע ניט, דינע!” ביסט אַוועק אַ באַטריבטער פון דעם איין געדאַנק, אַז אַפילע דו קאָנסט אַניאָגן אַ פאַכעד אַף דינען. ניין. דינע האָט זיך פאַר דיר ניט דערשראָקן. פאַרקערט, ווען אין אַ כוידעש אַרום איז קראַנק געוואָרן סימאָטשקע, האָט זי אַליין געשיקט נאָך דיר יעלענאַ מאַקסימאָוונען, נאָר דו ביסט שוין אין שטאָט ניט געווען. דײַן באַגעגעניש מיט דינען בײַ די טשיסטיאַקאָווס האָט געהאַט גאָר אַנדערע פאָלגן. דו, ניקאָלאַשאַ, האָסט אומגערן, ניט ווויסנדיק פון קיין פויסער און קיין כאָלעם, צוגעלייגט אַ האַנט צו לעאָנידס יערידע.

הער זשע, וואָס ער האָט דערציילט יודיפן. ווען ער האָט דיך געבעטן אַפן וועג פון וואָקזאַל אין יענעם טאָג, ווען מע האָט פאַרטריבן קיין דײַטשלאַנד וואָראָטשקען, צו באַגלייטן זײַן מוטער אַהיים, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אַף אַן אויפנאַם צום שטאָט־קאָמענדאַנט. אַ ווילדער געדאַנק איז אים אײַנגעפאַלן: אַזויווי זײַן מוטערס באָבע איז געווען אַ דײַטשקע (דאָס איז עמעס. איך ווייס עס פון יעלענאַ מאַקסימאָוונען אַליין), פליסט אין זײַן שוועסטערס אָדערן דײַטשיש בלוט. וועט דער קאָמענדאַנט עפשער אַף דעם סמאַך אומקערן זי צוריק אַהיים. צו אונדזער אַלעמענס אומגליק האָט דער קאָמענדאַנט אים גלײַך אויפגענומען, און אַפן בעסטן אויפן. צוגעזאָגט וואָס אַמשנעלסטן אויפצוזוכן זײַן שוועסטער און אומקערן זי אַהיים. דאָס לייגט זיך דאַפקע אַפן סייכל. לעאָנידס אויסערלעכקײַט, זײַנע פײַנע מאַנירן, די ריינע בערלינער אויסשפּראַך — דאָס אַלץ האָט געקאָנט מאַכן אַ גוטן אײַנדרוק אַפן קאָמענדאַנט. פון זײַנע קאָלעגן האָט ער מיסטאָמע אַזאַ דײַטש ניט געהערט. ווען די אומגליקלעכע יעלענאַ מאַקסימאָוונאַ ווייסט, צו וואָס עס וועט איר זון דינען איר לערע... באַם ערשטן באַזוך האָט דער קאָמענדאַנט קיין שום שענדלעכע פאָרשלאָגן לעאָנידן ניט געמאַכט. נאָר מיט איין פוס איז ער שוין סײַ ווי געווען אײַנגעזונקען אין בלאָטע. די דײַטשן האָבן, פאַרשטייט זיך, אים שוין פון אויג ניט אַרויסגעלאָזט. נאָר דאַך וואָלט ער עפשער זיך נאָך באַטראַכט און אַרויסגעדרייט, זיך אויסגעבאַהאַלטן, אין ערגעץ אַנטלאָפן. קומט ער אַהיים, און יעלענאַ מאַקסימאָוונאַ דערציילט אים, אַז דו, ניקאָלײַ, האָסט געזען בײַ זיי אין שטוב דינען.

נו, ווײַטער גייט שוין אַ געוויינלעכע געשיכטע, אַ ווידע פון אַ פּראָוואָקאַטאָר, וואָס בלויז אין פּראָטים שיידט זי זיך אונטער בײַ פאַרשיידענע פעלקער אין פאַרשיידענע צײַטן... די שוועסטער האָט מען לעאָנידן, פאַרשטייט זיך, ניט אומגעקערט און אים אַליין האָט מען געפאַנגען אין אַ נעץ, פון וועלכער ער האָט זיך שוין ניט געקענט אַרויספּלאָנטערן. זײַן אָפּט ניט נעכטיקן אין דער היים, זײַן פאַרפאַלן ווערן פון שטאָט האָט יעלענאַ מאַקסימאָוונאַ אויסגעטײַטשט אַף איר אויפן. דערויף איז זי דאָך אַ מאַמע. אָבער ער... דינענדיק בײַ די דײַטשן, איז אים עפשער גרינגער געווען, ווי פריִער, אויסצוהיטן בײַ זיך דינען מיטן קינד. פריִער האָט ער זי דאָך אויסגעהיט. גרויסע טרײַשאַפט אַרויסגעוויזן. אין מעשעך פון גאָר אַ היפשער צײַט. און דיר, זאָגסטו, האָט ער געהאָלפן אויסבאַהאַלטן אין מעשוגאָיִם־הויז צוויי סאָוועטישע אָפיצערן. און דאָ אַפן אָרט דערוויס איך זיך נאָך וועגן דעם געראַטעוועטן ציגײַנער איגנאַט...

איז הער נאָר, הער, וויאַזוי לעאָניד האָט זיך מיסוואַדע געווען פאַר אַ פרוי, וועלכע ער האָט ליב, ווי דאָס לעבן. איין טאָג, זאָגט ער, האָט פאַרגיפטעט זײַן גאַנץ וועזן, דער טאָג, ווען ער האָט פאַרלאָרן זײַן יונג שוועסטערל. איצט פאַרשטייט ער שוין, אַזוי אַלנפאַלס האָט לעאָניד דערקלערט יודיפן, אַז דער אײַנפאַל אַליין צו ראַטעווען די שוועסטער אַפן כעזשבן פון די עטלעכע פּראָצענט דײַטשיש בלוט, וואָס אין איר, איז שוין געווען אַ יערידע. אַ נישטיקער פּראָצענט זאָל איבערוועגן טײַכן בלוט פון די, וועלכע האָבן ניט די זכיִע צו שטאַמען פון דײַטשן... ניין, זײַן מוטער, אַזוי האָט לעאָניד אַליין געזאָגט, וואָלט אַף דעם קיינמאָל ניט אײַנגעגאַנגען. איז ער געווען, הייסט עס, אַפן וואָקזאַל, דערנאָך באַם „העפלעכן” קאָמענדאַנט. פון דער קאָמענדאַטור, שוין פול מיט אומקלאָרער כאַראָטע פון דעם, וואָס ער איז אַהין געגאַנגען, כאַפּט ער זיך אַרײַן אין שפּיטאָל און טרעפט דאָרט קיינעם ניט. אויס מיט די קראַנקע. זיי באַלעסטיקן מער ניט די ערד. לויפט ער אַ צעררודערטער אַהיים, דערציילט אים יעלענאַ מאַקסימאָוונאַ, אַז דו האָסט געזען דינען. און אַף מאָרגן...

אַף מאָרגן איז ער שוין אין דער קאָמענדאַטור ניט געגאַנגען. מע האָט אים אהין געדופן. איידל פאַרוועבט מיט שפּינוועבס. און אַזוי עטלעכע טעג קעסיידער. וואָס ווײַטער, איז די איידלקייט אַלץ מער אויסגערונען. ניט קיין שפּינוועבס, נאָר אַן אײַזערנע אָפּצווענגע אַרום האַלדז. אַזוי האָט ער עס אויסגעמאָלט פאַר יודיפֿן. און ווען ער האָט זיך שוין געפילט פאַרקויפט, האָט אים ערשט אַרומגעכאַפּט אַ ווילדע שרעק. אויב בײַ אים, באַם פאַרקויפטן, וועט מען געפינען אַ ייִדישע פרוי מיט אַ קינד, וועט די שטראָף זײַן נאָך האַרבער, ווי פאַר יעדן אַנדערן. און דו, ניקאָלײַ, דער, וואָס האָט מיט די אייגענע אויגן געזען דינען בײַ אים אין שטוב, ביסט ווי אין וואַסער אַרײַן. ביסטו געוואָרן זײַן אומגליק, זײַן מעשוגאַס. טאָג און נאַכט האָט ער געדענקט, אַז דו האָסט געזען, דו ווייסט... עס איז דאָ אַן איידעס. און ווען אין אַ כוידעש אַרום האָט יעלענאַ מאַקסימאָווּנאַ אים געזאָגט, אַז דו ביסט ניטאָ אין שטאָט, האָט ער אינגאַנצן פאַרלאָרן דעם קאָפּ. פונדערווײַטן האָסטו אים אויסגעזען נאָך מער געפערלעך, ווי פון דער נאָענט. נאָך דער מעטאַרמאָרפאָזע, וואָס ער אַליין האָט דורכגעמאַכט, האָט ער שוין קיינעם ניט געטרויט. אויב ער איז אַזאַ, איז מיט וואָס איז בעסער אַן אַנדערער? דאָס איז געווען דער פּאַנצער, מיט וועלכן ער האָט געזיכערט זיך קעגן די פײַלן פון געוויסן. אַזוי פאַרשטיי איך עס. און דו? עפּשער אַנדערש?

סימאָטשקע איז געשטאָרבן, איז אים געבליבן פאָטער צו ווערן פון איין דינען. נאָר ניט זײַנע הענט זאָלן פאַרגיסן איר בלוט. ווײַל ביכלאַל, זאָגט ער, שולדיק איז ער, נאָר קיין מענטשלעך בלוט האָט ער ניט פאַרגאָסן. אַלס איבערזעצער געאַרבעט און פּראָפּאַגאַנדיסט. אַף דער דײַטשישער ראַדיאָ אַרויסגעטראָטן. אַלס סאָוועטישער אינזשעניער די היטלעריסטישע סאָלדאַטן אויפגעקלערט, ווי הויך זייער „מיסיע" איז. און דאָס הייסט בײַ אים ניט פאַרגיסן קיין בלוט. ער האָט, נעבעך, ניט געוווּסט, וויפל לעבנס עס האָט געקאָסט דער מענטשהײַט די פּאַשיסטישע פּראָפּאַגאַנדע. נאָר דאָס זאָג איך דיר שוין. איך ווייס ניט, צי אַפילע איצט פאַרשטייט עס לעאָניד.

אָ, ווען איך בין פּייִק איבערגעבן דיר זײַן ווידע מיט די זעלבע ווערטער, מיט וועלכע עס האָט זי אויסגעלייגט פאַר מיר נעכטן יודיף. וואָס פאַר אַ לעבן האָט זי שוין באַוויזן דורכצומאַכן אַף אַזוי צו דערציילן? עס זאָל ניט אַ ציטער טאָן די שטים, אַ ווי׳ע זאָל ניט פאַרשטעלן דאָס אויג. קורץ, טרוקן. פאַקטן, נאָר פאַקטן. ערשט צום סאָף איז זי אַף אַ ווײַלע אַנשוויגן געוואָרן, ווי זי וואָלט זיך געיִישעוועט מיט זיך אַליין, און דערנאָך, פּונקט אַזוי, ווי פריִער, טרוקן:

— שיר ניט פאַרגעסן. וועגן פאָטערל... דאָ, זאָגט ער, האָט איר אַ טאָעס געהאַט. מיט אַ יאָר צוריק נאָך, זאָגט ער, האָט ער עס געפונען זיך וואַלגערן אַף דער ערד לעבן זאַוואָד. אַ דײַטש האָט עס מיסטאָמע בײַסן אַנטלויפן פאַרלאָרן.

יודיף האָט ערלעך אָפּגעטאָן איר זאַך און איז אַוועק.

צי האָט זי געגלייבט אין דער ווערסיע וועגן פאָטערל? דאָס ווייס איך ניט. איך ווייס נאָר, אַז מיט אירע לעצטע ווערטער, ניט אירע ווערטער, לעאָנידס, זײַנען ווי אָפּגעווישט געוואָרן די קאַנטן צווישן פאַרברעכן און געמיינהײַט. לעאָנידן איז גרינגער אָנגעקומען צו מודע זײַן זיך אין פאַראַט, איידער אין דער דאָזיקער גניווע. אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן, האָט ער געטאָן, נאָר קיין קליין גאַנעוול, הייסט עס, איז ער ניט.

הײַנט אינדערפרי האָב איך געזען, ווי לעאָניד איז אַרויס פון שטוב. אַ געטאָקטער מענערפּראָפיל. און דערנאָך אַ פּלייצע, וואָס ציט זיך אַף צוריק. די פיס גייען פאָרויס, ווי געוויינלעך, מיט זייער ברייטן ענערגישן שפּאַן, נאָר די פּלייצע וויל זיי ניט נאָכפאָלגן.

איך בין מעקאַנע זאָיען. זי ווייסט פון קיין קונצן ניט. זי לעכצט נאָך לעאָנידס בלוט. און קיין איין וואָרט זײַנעם גלייבט זי ניט. ער, זאָגט זי, האָט אַרויסגעגעבן מײַן מאַמען און דינען. איבער אים האָט מען אומגעבראַכט לוקעריען מיט אירע קינדער. פּונקט ווי די באַרימטע שטריקערנס בײַס דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָליוציע, איז זי גרייט, זאָיע, צו זיצן בײַ דער גיליאָטינע און קוקן, ווי עס פליִען קעפּ פון אונטערן מעסער. איך? בײַ מיר איז גאָר עפּעס אַנדערש. ווי זאָל איך עס דיר דערקלערן? פּונקט ווי מיר, איז אויך דיר גוט באַקאַנט דאָס געפיל פון פאַרלוסט בײַס אַ שלאַכט. אַ שטיק פון זיך פאַרלירסטו, ווי מע וואָלט פון דיר גופע אָפּגעריסן אַ לעבעדיקן אייווער. און גאָרנישט. ס'טרעפט, אַז דו קוקסט זיך אַפילע ניט אום, דו באַווײַזט ניט צו דערזען דעם טויט־ציטער פון דײַן כאַווער. און אויב ער לעבט נאָך, דערגייט צו דיר ניט אינעם אַרומיקן ליאַרעם זײַן רוף צו הילף. דערפילסט נאָר, אַז עמעצער פעלט דיר בײַ דער זײַט, און לויפסט ווײַטער אין פײַער, וואָס קאָן אויך דיך יעדע רעגע אַרויסרײַסן פון צווישן די לעבעדיקע. און אויך אַף דיר וועט בײַסמײַסע זיך קיינער ניט אומקוקן, בלויז דערפילן אַ פּוסט אָרט לעבן זיך. אַמאָל אויך דאָס ניט דערפילן. ווײַל שטאַרק פאַרנומען איז

דײַן כאוּוער, אָט דער, וואָס לעבט נאָך דערווײַל, ער איז ארײַנגעטאָן אין דער שווערער און גרויזאמער אווידע, וואָס איז אויסגעפאלן אַף זײַן גוירל, — הארגענען מענטשן. ווײַל אויב ער וועט זיי ניט הארגענען, וועלן זיי הארגענען אים, און זײַן ווײַב, און זײַן קינד... איין מײַלע האָבן די הײַנטיקע מילכאָמעס. דאָסראָוו זעסטו ניט, וועמען דו הארגעסט. דו זעסט ניט קיין בלאָנדן קאָפּ, קיין נאַיִווע בלויע אויגן, וועלכע דו מוזט, דו ביסט בארופן צו פארניכטן. מאשינעס טוען עס פאר דיר, קלוגע מאשינעס, וואָס קלוגע מענטשן האָבן אויסגעטראכט. דו ווייסט איינס, דו שלאָגסט דעם סוינע. דערנאָך ערשט זעסטו זיך ארום, ווער עס פעלט דיר פון די אייגענע. דער ווייטעק פון פארלוסט קומט ערשט שפּעטער. נאָר וואָס זאָל איך טראכטן וועגן לעאָנידן? ער איז אויך א פארלוסט? יאָ, א מילכאָמע־פארלוסט, וואָס איז ניט צו באדויערן און ניט צו באגרײַפן. זײַן אייגענע מאמע, ווען זי ווייסט דעם גאנצן עמעס, וואָלט אים ניט באוויינט. און מיר? א ברודער האָט אונדז פארקויפט, אונדזער קינדהײַט, אונדזער יוגנט, אונדזער לײַב־און־לעבן פארקויפט. דינעס פוטערל איז יויסעפס פארבלוטיקט העמד. אָבער דינען האָבן דאָך אַף אן עמעס כײַעס פארצוקט. זאָל זײַן, ס'איז אן עמעס, אז ניט ער, לעאָניד, האָט זי ארויסגע־געבן. ער האָט דאָך אָבער געטרוימט, אז זי זאָל ניט זײַן. פאר מיר איז דאָס גענוג, איך זאָל ניט קאָנען לעבן אַף איין ערד מיט לעאָנידן. ס'איז מיר ענג די וועלט, ווו ס'איז דאָ לעאָניד. איך בין אָבער ווײַט פון שאָדנפרייד. און אויך ניט אין נעקאָמע גייט עס מיר. לעאָנידן וועט מען מישפּעטן. צי איז אָבער דאָ אזא שטראָף, וואָס זאָל שטילן מײַן ווייטעק? ווער קאָן אײַנשטעלן די פּרײַז פון דינעס ליכטיק לעבן? אַף איין זײַט פון דער וואָגשאָל דינע, מײַן מאמע און, מעגלעך, נאָך פיל אנדערע, און אַף דער צווייטער לעאָניד? און ווען ער האָט זיך בלויז מיט פּראָפּאגאנדע פארנומען, ווי ער וויל זיך פארענטפערן?.. קאָן דען די הארבסטע שטראָף דעקן דעם העזעק?

ווען איך האָב מיט די אייגענע הענט געשלאָגן דעם סוינע, איז מיר אויך ווייניקער פון אלץ געגאנגען אין נעקאָמע. מע האָט געדארפט, מע האָט געמוזט, האָב איך געשלאָגן. איך וואָלט גערן אָפּגעלעבט מײַן לעבן אזוי, אז קיינער זאָל אין מיר ניט שיסן און איך זאָל אין קיינעם ניט שיסן. איך האָב אלץ געטראכט, ס'איז די לעצטע מילכאָמע. און געשלאָגן זיך פאר דעם, זי זאָל זײַן די לעצטע.

די מילכאָמע איז פארענדיקט. נאָר וואָס פארא שפּורן זי האָט איבערגעלאָזט... איך פּרוּוו זיך אויסמאָלן, וואָס האָט זיך נעכטן געטאָן בא מײַנע שכיינים. ווו איז געווען לעאָניד, בייס איך האָב אָנגעקלאַפּט אין דער שויב פון דעם קוים באלויכטענעם צימער? צי האָט ער אין דער רעגע ערגעץ אין דער פינצטערער קיך אין פולער אײַנזאמקײַט געגרייט זיך צו זײַן ווידע, אָדער ער האָט שוין זײַן ווידע אָפּגעזאָגט? און יודיף האָט זיך געמאכט הארץ, געשטאר־נען אײַנגעבויגן איבער דער אלטער קראנקער פרוי און אײַנגערעדט זי, זי זאָל וועגן דעם זון ניט טראכטן קיין שלעכטס. דאָס פוטערל האָט ער פּאָשעט געפונען.

איצט איז האלבע נאכט. בא די שכיינים איז טונקל און שטיל. ווען איך בין הײַנט גע־קומען פון דער ארבעט, האָט מיך באם טויער אָפּגעוואַרט יודיף:

— קומט ארײַן אַף א ווײַלע. זאָגט איר עפּעס. ליגט אַף דער פּלייצע, רירט ניט מיט קיין אייווער, און די רײַע איז דאָך בא איר שוין פון לאנג געשלאָגן, נאָר וואָס פאר א לעבעדיקער ס'איז בא איר דער בליק. ווו איך זאָל זיך ניט קערן און ווענדן, פארפאָלגט מיך איר בליק.

איך בין ארײַן. אריבערגעבויגן זיך איבער מײַן אלטער לערערקעס בעט און גענומען מיט איר אײַנטײַנען, אז אייגנטלעך בין איך אין אלץ שולדיק. אופגעהויבן א ליארעם איבער א שטיקל אָפּגעטראָגענעם פוטערל. ס'איז דאָ וועגן וואָס צו ריידן... לעאָניד האָט עס געפונען, איז וואָס האָט ער געזאָלט מיט דעם טאָן? איך וואָלט אליין גערן שענקען דאָס פוטערל יודיפן. מער ניט, וואָס די ערשטע רעגע האָט עס מיך אופגעטראָגן. עס האָט זיך אַף מײַן נארישן סייכל ניט געלייגט. און זי, יעלענא מאקסימאָוונא, האָט זיך עס אזוי גענומען צום הארצן. ווען איך ווייס...

כ'וואָלט נאָך מיסטאמע לאנג געבעבעט, נאָר דאָ, ס'איז עפּשער דאָפקע א גוטער סימען, דו ביסט א דאָקטער, פארשטייסטו זיך אַף דעם בעסער פון מיר, דאָ האָט דאָס פאר־שטארטע פּאָנעם זיך פּלוצלינג א קרים געטאָן און דער גראָוער קאָפּ האָט זיך פון מיר אָפּגע־קערט. עפּשער איז זי פּאָשעט מיד געוואָרן, מיך הערנדיק. אָבער דער קרים פון פּאָנעם, די גרימאסע פון פאראכטונג, דאָס האָט זיך מיר ניט געקאָנט אויסדוכטן. איך האָב מיט מײַן הויט דערפילט, אז מע וויל מיך דאָ מער ניט זען. און איך האָב עס קאָשער פארדינט. פאר דעם, וואָס איך האָב גענארט א קליגערן פון זיך. פאר דעם, וואָס איך בין געקומען צו איר, ווי א שטארקער צו א שוואכערן, בייס אינדערעמעסן איז זי, די געליימטע, שטארקער פון מיר. שווער צו פארשטיין א מענטשן אָן ווערטער. עס קאָן זייער געמאָלט זײַן, אז גאָר ניט אַף

מיר איז אויסגעגאָסן געוואָרן איר פאראכטונג. ווער קאָן וויסן, וואָס די אומגליקלעכע פרוי האָט שוין באוויזן איבערצוטראכטן אין איר שווײַגעוודיקער אָפּגעפרעמדטקײַט פון אלץ און פון אלעמען. אויב זי האָט דערזען איר זון אזא, א וועלכער ער איז אינדערעמעסן, האָט זי עפשער אויך זיך אליין געשטעמפּלט מיט שאנד.

ווי מיר דוכט, איז איר שוין אלץ קלאָר. יודיפן אויך. און דיר? נאָר אלציינס. לאָמיר זײַן אָרנטלעך פאר זיך אליין. אלץ, וואָס דו האָסט צו דערציילן וועגן לעאָנידס אופירונג מילכאָמע־צײַט, ווי איך פארשטיי, האָסטו וועגן אים נאָר גוטס צו זאָגן, ביסטו מעכוייעוו צו דערציילן.

מיט די בעסטע גרוסן ב אָ ר י ס

פון דוסיע פּאָלוכינא צו יעלענא טשיסטיאקאָווא.

טײַערע און הויכגעשעצטע יעלענא מאקסימאָוונא!

דאָס שרײַבט אײַך דוסיע פּאָלוכינא. איך לעב גוט. ווען מײַן טײַערע מאמאשע איז געשטאָרבן, אלץ איבער אָט אָ־דעם גאזלען איוואן זובאָוון, — ער האָט זי אין דער ערד ארײַנגעטריבן, ווײַל זײַן מערדערײַ האָט זי ניט געקענט צוקוקן און קעסיידער האָט זי געוויינט מיט ביטערע טרערן, ביז זי האָט די נעשאָמע אויסגעוויינט און איז ווי א ליכט פארלאָשן געוואָרן, — איז ווען זי איז געשטאָרבן, בין איך אנטלאָפן פון דער היים. איך האָב געהאט א כאָסן, וואָס ווען זובאָוו ווייסט פון אים, וואָלט ער אים דעם קאָפּ אראָפּגענומען. דער כאָסן מײַנער, וואָסיע איז זײַן נאָמען, האָט מיך אין וואלד ארויסגעפירט, און דאָרט האָבן מיר א פּארטיזאנישע קאסענע געפראוועט. וואָסיע האָט א גוטן פאך — א מעטאליסט איז ער. און איך ארבעט אלס א ניאניעטשקע אין א קינדערגאָרטן, קיין שול האָט דאָך מיך אָט דער האד זובאָוו ניט געלאָזט ענדיקן. קוים ביזן פערטן קלאס מיט דער מאמעס טרערן דערצויגן. נאָר די ארבעט געפעלט מיר. איך האָב ליב קינדער. און איך האָב א טאָכטער טאמארע און א זונעלע סעניע. איך וויל וויסן, וואָס מאכט איר אין געזונט. צי האָט זיך אומגעקערט וועריע? און ווו איז לעאָניד פּעטראָוויטש? און נאָך וויל איך אײַך פרעגן וועגן אײַערע שכיינים. דאווידקע און באָרקע זײַנען דאָך געווען אין דער ארמיי. צי האָבן זיי זיך אומגעקערט און צי די הענט און די פיס זײַנען בא זיי גאנץ. און נאָך וויל איך וויסן וועגן דינען מיט איר קינד און וועגן באָרעס מאמע. מיסטאמע ליגן זיי אין גרוב מיט אלע זייעריקע. ס'איז גאָר ניטאָ וואָס צו פרעגן. איך האָב זיך אָבער דערמאָנט איינע א זאך. דעריבער פרעג איך אײַך, און איך וועל אײַך די זאך באשרײַבן. דאָס איז געווען אין 1943 יאָר דעם 2 יאנואר. א יאָדלע איז נאָך געשטאנען בא זובאָוון אין שטוב. און ליכטלעך האָט ער אָף איר אָנגעהאנגען, ווי א סוואסטיקע זאָל דאָס אויסזען. ער האָט זיך נאָך ניט אויסגעטשוכעט פון דער נײַיאָר־באגעגעניש און האָט שוין ווידער געזויפט און געשיקערט מיט זײַנעם א פרײַנטל אויך פון דער פּאָליציע, געוויינלעך. געזויפט און אין קאָרטן געשפּילט. איך זיץ אָפן אויוון און הער, זובאָוו קלײַבט זיך שוין גאָר מיך אין קאָרטן פארשפּילן. זײַן פרײַנטל פּאָדערט עס פון אים: איין מאָל דוסיע, און גאָר. נאָר דאָ איז אָט דעם שיינעם מענטשן געקומען די נויט אין דרויסן ארויס. אין א ווײַלע ארום קומט ער ארײַן און זאָגט צו זובאָוון: „עפּעס א שעד אין שווארצן, ווײַזט אויס, א נעקייווע, שטייט אָף יענער זײַט פון דײַן גאָרטן”. — „צוגעטשעפּעט זיך צו מײַן גאָרטן, — זובאָוו האָט זיך מיִעס אויסגעזידלט. — אָף נײַ־יאָר איז דאָרט אויך עמעצער געווען, נאָר איך האָב זיך אָף די פיס ניט געהאלטן. צי איז דאָס ניט עמעצער פון די זשידעס, פון די הורוויטשעס?”. — „פון יענער־וועלט דיך געקומען געוואָר ווערן”, — לאכט דאָס פרײַנטל. נאָר זיי שטייען שוין ביידע אין די פּעלצן און די וואָליקעס און ניטאָ. און מער ווייס איך גאָרנישט. ווײַל יענע נאכט האָט מיך מײַן טײַערער וואָסיע אוועקגעפירט צו די פּארטיזאנער. און מיר האָבן אָפּגעפּארטיזאנעוועט ביזן סאָף פונעם 44־טן יאָר, ביז בא מײַן טײַערן וואָסיע האָט די לינקע פוס אָפּגעריסן. אהיים, דאָ, ווו מע האָט מיך שיר אין קאָרטן ניט פארשפּילט, האָב איך זיך ניט געוואָלט אומקערן. זײַנען מיר אוועקגעפאָרן מיט וואָסיען, ווען ער איז ארויס פון שפּיטאָל, צו זײַן טאטן און זײַן מאמען. און מיר זײַנען אלע געזונט און לעבן זייער גוט. מער ניט, וואָס בא וואָסיעס מאמע איז א זון געפאלן אָף דער מילכאָמע און אן איידעם האָט זיך ניט אומגעקערט. איז די טאָכטער געבליבן אן אלמאָנע מיט דרײַ קינדערלעך. זיי לעבן מיט אונדז. און פון הונגער שטארבט בא אונדז קיינער ניט. נישקאָשע, מע קאָן אויסקומען. און די שנור דער מאמעס פירט זיך א ביסל ניט ווי עס דארף צו זײַן, אויסגעלאסן געוואָרן. נאָר מיט איר קומען מיר אויך אויס. מער ניט, וואָס די מאמע וויינט קעסיידער. שרײַבט מיר אָן א בריוו און גריסט אלע באקאנטע, ווער עס איז געבליבן לעבן. און מײַן וואָסיע נייגט זיך פאר אײַך פון טיפן הארצן, ווײַל איך האָב אים דערציילט, וויאזוי איר האָט מיך אמאָל געראטעוועט פון דעם גאזלען זובאָוון.

פון מיר דוסיע פּאָלוכינא. איצט איז שוין מײַן פאמיליע־נאָמען פאראסטאיעווא.

פון באָרעך הורוויטשן צו ניקאָלײַ דאָברינינען

22 נאָיאַבער 1946

פרײַנט ניקאָלײַ!

ענדלעך האָט זאָיע באַקומען אַ יעדיע וועגן דאָווידן. ער איז אומגעקומען דעם 2 מאַרט 1945. די יעדיע וועגן דאָווידן האָט אונטערגעפירט דעם סאַכאַקל פון דער מישפּאָכע הורוויטש. אונטערן שטריך איז געבליבן אַ „1", איך, באָריס הורוויטש, מיט די גראָבע ליפּן און מיט די היפּשע ציין. „פערדישע ציין" — אַזוי האָבן זיך מיט מיר מיידעלעך געררייצט אין דער קינדהײַט. און איך בין טאַקע געזונט אויך, ווי אַ פערד. איך פאַרמאָג מײַן אייגנס אַ היפּשן וווּקס און ברייטע אַקסלען. איך בין דורכגעגאַנגען דורך אַלע יאָרן פון מילכאָמע און געבליבן אַפילע מיט גאַנצע הענט און פיס. די קעל איז אויך ניט צו פאַרזינדיקן. עס מאַכט זיך אַף דער אַרבעט נעם איך רײַסן דעם גאָרגל, ווי כ'וואָלט געפירט נאָך זיך אַ גאַנצן פּאָלק אין אַטאַקע. געזונט אַף אַלע אייוורים, נאָר גאַנץ אָפט שלאָפט זיך ניט אין די נעכט. און ווען איך שלאָף ניט, זע איך פאַר זיך גאָר אַן אַנדער כעזשבן. דער „1" אונטערן סאַכאַקל־שטריך דרייט זיך צונויף אין אַ קנויל, ווערט פון אים אַ נול. אַ בוים אין וווּקס, פאַרשטייסטו מיך, לאָזט וואָרצלען אין דער ערד. דיקע און דינע, לאַנגע און קורצע, שפּרייטן זיי זיך בײַ אים צופוסנס, ציִען זאַפטן פון דער טיף. און דאָס לײַב זײַנס איז האַרט און שאָרסטקע. דאָ אַ צווײַג, דאָרט אַ סוק. ווען אַ בוים ווערט גלאַט און קײַלעכיק, איז עס שוין ניט קיין בוים, נאָר אַ סטויפּ...

וואָס הערט זיך דאָ בײַ אונדז? צוזאַמען מיט דיר זײַנען מיר איבערגעקומען נאָך אַ שטורעם, אַן אָפּהילך פון דער פאַרגאַנגענער מילכאָמע. דו ביסט אַוועקגעפאָרן. אַף מאָרגן איז אויך יודיף פאַרשוווּנדן. וווּהין ווייס איך ניט. זי האָט זיך מיט קיינעם ניט געזעגנט. בלויז אַ צעטעלע האָב איך געטראָפן פאַרשטעקט אין מײַן טיר: „איך פאָר אַוועק. פאַרלאָזט ניט מיט אײַער זאָרג יעלענאַ מאַקסימאָוונען". דאָס איז גאָר. איך בין אַוועק צו זאָיען, און די זעלבע נאַכט האָט זי שוין געגעכטיקט בײַ דער קראַנקער.

ס'איז פּאַשעט צו באַוווּנדערן, ווי באַווײַזט זי דאָס אַלץ. אַרבעט אין שול, קומט אַהיים מיט אַ באַרג העפטן. קנאַפּ, וואָס זי דאַרף באַדינען יעלענאַ מאַקסימאָוונען, האָט זי נאָך לוקעריעס ייִנגעלע אופגעזוכט און אײַנגעאָרדנט אין קינדערהיים. בײַ די קרויווים האָט דאָס קינד געהונגערט. אין די רו־טעג גיי איך מיט זאָיען צו דעם צוגאַסט. זאָיע וויל נעמען דאָס קינד צו זיך, ווי נאָר יעלענאַ מאַקסימאָוונאַ וועט פאָדערן ווייניקער זאָרג. פון יעלענאַ מאַקסימאָוונען וואָלסטו איצט געווען צופרידן. די רעפּועס, וואָס דו האָסט געבראַכט, און אויך דײַנע אָנווײַזונגען, וועלכע מיר פּילן אויס אַלע ווי איינע, האָבן איר שטאַרק געהאָלפן. זי רעדט שוין צוביסלעך, ניט אַזוי דײַטלעך, אָבער זי רעדט. גייט אַרום איבערן צימער. דער דאָקטער הייסט וואָס מער איבן די לינקע האַנט. איז עפּשער וואָלסטו געקענט צושיקן אַ פּילקע? ס'איז מאָדנע צוצוזען, וויִאַזוי זאָיע וואַרפט איר אין דער האַנט אַרײַן אַ גרויסע רויטע ציבעלע, פון דעם מין זיסע ציבעלעס, וואָס עס ווילט זיך נעמען אַף די ציין. כאָטש קיין הערינג איז צו דער ציבעלע ניטאָ, און קיין עסיק אויך, און קיין בוימל אַוואַדע ניט. ווי טרויעריק עס זעט אויס די שפּיל מיט דער ציבעלע, איבערהויפּט, ווען איך פאַרנעם זיך דערמיט. איך בין אַ בער. פליט די ציבעלע קעסיידער פאַרבײַ, און יעלענאַ מאַקסימאָוונאַ בלײַבט שטיין אַ פאַרשעמטע, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער טויטער האַנט. קאָן דאָס זאָיע ניט צוקוקן און באַזײַטיקט מיך פון דער שפּיל. בײַ איר טרעפט די ציבעלע פּונקט אַהין, ווו מע דאַרף. קיין איין לילע הײַטעלע פאַלט ניט צו דער ערד.

יעלענאַ מאַקסימאָוונאַ ווייסט שוין אַלץ. זאָיען האָט געסטײַעט מוט און פאַרשטאַנד צו זאָגן איר אויב ניט דעם גאַנצן, איז דאָך דעם עמעס.

זײַ געזונט, מײַן פרײַנט! וואַרף אַמאָל אַרײַן אַ בריוול. איך וואָלט זייער געוואָלט זען דײַנע קינדער. די קליינע, זאָגסטו, איז פּונקט מאַשע? יעלענאַ מאַקסימאָוונאַ האָט געבעטן דיר גריסן און איבערגעבן אַ דאַנק.

דײַן פרײַנט ב אָ ר י ס.

■

דעם זעלבן אָוונט פונעם 22 נאָיאַבער איז באָרעך, אומקערנדיק זיך פון דער פּאָסט, אַרײַן געוויר ווערן יעלענאַ מאַקסימאָוונען. זאָיע, האָט ער געוווּסט, איז ניטאָ אין דער היים. דעם אָוונט האָט זי געזאָלט דורכפירן אין שול אַן עלטערן־פאַרזאַמלונג. און אָפּגעמאַכט איז געווען בײַ זיי, אַז בייס יעלענאַ מאַקסימאָוונאַ איז אין שטוב אַליין, גייט ער אַרײַן אָן אַ קלאַפּ אין דער טיר, ווײַל טאָמער דרעמלט זי, טאָמער איז איר סטאַם שווער צו ענטפערן... שליסט

באָרעך שטיל אָפּ מיט זײַן אייגענעם שליסל די טיר, גייט ארײַן אַף די שפּיץ פינגער אין שטוב און דערזעט: זאָיע זיצט מיטן רוקן צו אים אײַנגעבויגן איבער איר הילצערנעם קופערטל, וועלכער שטייט אָפן טיש מיט אַן אונטערגעהויבענעם דעקל. קיין שום אויסערגעוויינלעכס איז מאשמאָעס ניט געווען אין דעם, וואָס א פרוי, וועלכע די מילכאָמע האָט געמאכט פאר אַן אלמאָנע, אייסעקט זיך א ווײַלע מיט איר אָרעם פארמעגן. און דאָך איז באָרעך געבליבן שטיין אין פארלעגנהײַט: צי זאָל ער לאָזן פון זיך צו וויסן, אָדער שטיל, ווי ער איז ארײַן, צוריקציִען זיך פון צימער. ווײַל מאָדנע אומבאקאנט האָט אויסגעזען זאָיעס פלייצע — אַן עלטערלעך פארקײַלעכיקטע, מיט מאכטלאָז אראָפּהענגענדיקע הענט בא די זײַטן, פּונקט ווי א קאָראָ־מיסלע מיט צוויי עמערס זאמד וואָלט געדריקט אַף אירע אקסלען. ווען דאָס הויז ציַנדט זיך אָן, אזוי האָט אין דער רעגע זיך אויסגעדוכט באָרעכן, וואָלט זאָיע ניט אָפּגעריסן די אויגן פון דעם, אַף וואָס זי האָט געקוקט. נאָר דאָ איז זאָיע ארויס פון איר פארגליווערטקײַט און איז צוגעפאלן מיטן פּאָנעם צום אָפענעם קופערטל.

— זאָיע! — האָט שטיל אויסגערופן באָרעך.

— ניטע! — זי איז האסטיק אופגעשפּרונגען, פארשטעלנדיק מיטן רוקן דאָס קופערטל. איר פּאָנעם איז געווען צעווייקט און צעקנייטשט פון טרערן. — איר זאָלט ניט וואגן... וואָס קוקט איר מיר נאָך? ס׳איז ניט אײַער זאך...

— אנטשולדיקט! איך האָב ניט געוואָלט... א גוטע נאכט!

— ניין, ווארט צו. ס׳איז מיר אלציינס... נאט, זעט...

זי איז אָפּגעטראָטן אָן א זײַט, און באָרעך האָט דערזען: אינעם קופערטל, וואָס איז קוים ביז העלפט געווען פארנומען מיט זאָיעס ציצענעם פארמעגן, איז פון אויבנוף געלעגן א פאָטאָגראפיע, וואָס איז געווען באָרעכן גוט באקאנט. לעאָניד בא זײַן שרײַבטיש. זאָיע האָט א כאפּ געטאָן דאָס בילד, צעריסן אַף דער העלפט, און נאָך אַף א העלפט, און נאָך... פאר־קוועטשט די פארבליבענע פּיצלעך אין דער פויסט און איז ארויסגעלאָפן פון שטוב.

— ווער איז דאָרט? — האָט פון שכיינעסדיקן צימער געפרעגט יעלענא מאקסימאָוונא.

פון יודעס ראָזנבליט צו באָרעך הורוויטשן

1 דעקאבער 1946

זייער געשעצטער פרײַנט באָרעך!

באקומען אײַער פינפטן בריוו און, כ׳וועל דאָס פון אײַך ניט באהאלטן, ערשט הײַנט איבערגעלייענט די פריִערדיקע פיר. ביז הײַנט האָב איך אפילע די קאָנווערטן ניט געעפנט. ענטפער איך אײַך אַף אלע פינף בריוו מיטאמאָל, ווײַל וויפל איז דער שיר צו שפּילן אין באהעלטעניש? ווען איך בין געווען נאָך גאָר א פּיצל, פלעגן די עלטערע מיידעלעך פון די שכיינעסדיקע שטיבער ארײַנעמען מיך פון יויצע־וועגן אין זייער שפּיל. און איך פלעג זיך וווּנדערן, פארוואָס געפינען זיי מיך די ערשטע, בייס איך פארשטעל אזוי גוט מיט די הענט דאָס פּאָנעם, זיי זאָלן מיך ניט זען. איז אויס באהעלטעניש. איך עפן פאר אײַך דאָס פּאָנעם. און וואָרן אײַך: קיין פארגעניגן וועט עס אײַך ניט פארשאפן. קיין אנדער מיטל, וואָס זאָל אײַך צווינגען אופהערן צו שרײַבן מיר, זע איך ניט. און וואָס האָב איך שוין מישטיינסגעזאָגט צו פארלירן... ווי זאָגט מען בא אײַך אין רוסלאנד: „אָפּגעהאקט דעם קאָפּ, באוויינט מען ניט די האָר”.

פארוואָס וויל איך ניט, איר זאָלט מיר שרײַבן? פארוואָס וויל איך ניט אײַך ענטפערן? האָט איר דען איבערגעלאָזט בא מיר א ווידערגעפיל צו זיך? כאָלילע! אויב ס׳איז נאָך דאָ א מענטש אַף דער וועלט, וועלכן מיר ווילט זיך אין מײַן אײנזאמקײַט דערמאָנען, זײַט איר דער דאָזיקער מענטש. יאָ, איר זײַט עס. און גאָרנישט שטערט מיר ניט ארויסצוזאָגן עס אײַך אָפן און קלאָר, ווײַל איך ווייס, אז קיינמאָל וועלן מיר זיך שוין ניט זען און אז אַף אלע אײַערע בריוו, ווען און וויפל איר זאָלט ניט שרײַבן, וועל איך ענטפערן בלויז איין מאָל — הײַנט. און מער קיינמאָל אין לעבן ניט.

מײַן טאטע און מײַן מאמע האָבן געגלייבט אין גאָט. ווען איך זאָל גלייבן, אז ער איז דאָ, איז אוועלכן וואָלט איך אים געזען אין מײַן דימיען, סײַדן אין דעם געשטאלט פון אַן עסעס־אָפיצער. ווײַל ווי וואָלט א גײַסטלעך וועזן, און אַן אלמעכטיק וועזן, ווי מע האָט אונדז געלערנט, דערלאָזט צו דעם אלעמען, וואָס מע האָט מיט אונדז אָפּגעטאָן? און דאָך בין איך הײַנט אין זיך מיספּאלעל: זאָל גאָט פירן מיט מײַן האנט. זאָל ער מיר געבן קויכעס כאָטש איין מאָל אין לעבן, וואָס איז אזוי קורץ, און בלויז פאר איין מענטשן אַף דעם גאנצן ערד־

קײַלעך, וואָס איז אזוי גרויס... וואָס? אויסגיסן דאָס הארץ? ניין, אויסשווענקען די נעשאָמע. עפשער וועט בלײַבן מיט א ביסל ברוד ווייניקער. איך בין טיף גערירט פון דעם, וואָס איר האָט מיך אופגעזוכט. ס'האָט אײַך געוויס פיל מי געקאָסט. א שאָד. אומזיסט די טירכע. פארגעדענקט: מײַן הײַנטיקער בריוו צו אײַך איז דער ערשטער און דער לעצטער. אויב איר האָט גאָט אין הארצן, וועט איר אויך צו מיר מער ניט שרײַבן. און אזוי זאָל עס בלײַבן. אָמיין.

איך וויל פארגעסן, איך מוז פארגעסן... און איר, דער גוטער מענטש וואָס איר זײַט, לאָזט ניט. איר דערמאָנט מיר דאָס, וואָס איך וויל ניט געדענקען. וויפל מאָל, זינט די טשיסטיאקאָווס, די מוטער און דער זון, יאָ, און דער זון, איך האָב „מאזל” צו אזעלכע, ווי ער, זינט זיי האָבן מיך ארונטערגענומען אונטער זייער פליגל, וויפל מאָל איז מיר געקומען אפן געדאנק צו נעמען זיך דאָס לעבן. פריִער נאָך מער. נאָר פריִער האָב איך ניט געהאט מיט וואָס. און בא די טשיסטיאקאָווס, אין א נאָרמאלער שטוב, וואָלט איך שוין געפונען א מיטל. בין איך אָבער, צו מײַן גליק, אָדער אומגליק, דערצויגן געוואָרן אין ליבע צו אלץ, וואָס איז שיין. און דער טויט איז דאָך העסלעך. און דער טויט דורך זעלבסטמאָרד איז נאָך העסלעכער. ס'איז א גוואלדטאט. קומט מיר טיילמאָל אפן זינען, אז א זעלבסטמערדער איז א פאָטענציִעלער מערדער. שוין אין דער קינדהײַט איז מיר אויסגעקומען וועגן דעם צו פארטראכטן זיך.

אין דער דריטער שטוב פון אונדז האָט געוווינט אן איינזאמע פרוי. איך האָב געוווסט, אז זי האָט, דאכט זיך, א מאן, נאָר איך האָב אים קיינמאָל ניט געזען. א קלוגע און אן איידעלע פרוי, נאָר אן אומגליק האָט מיט איר געטראָפן: אף פאליקע איז זי קראנק געוואָרן. איך האָב פון דעם ניט געוווסט. מײַנע טאטע־מאמע האָבן זיך געמיט אויסצובאהאלטן פון מיר אלע שאָטנדיקע זײַטן פון לעבן. ווען איך פלעג ברענגען א ביכל צום לייענען, זאָל זײַן אף יִדיש, זאָל זײַן אף פויליש, פלעגט דער טאטע א בלעטער טאָן די לעצטע זײַטלעך, צי איז דער סאָף, כאס־וועכאָלילע, ניט קיין שלעכטער. נו, ביכער מיט ניט קיין גוטן סאָף האָב איך צו יענער צײַט, וואָס איך דערצייל אײַך דאָ, שוין איבערגעלייענט גאנץ היפש. און דאָס האָט מיר קלאל ניט געשטערט צו בלײַבן א זאָרגלאָז קינד. אז בעסאכאקל האָב איך צו פערצן יאָר קעסיידער געדרייט זיך אין הויף מיט א פילקע אזוי די גרייס, אז איך האָב זי קוים ארומגענומען. איך האָב זי געשיקט צו דער וואנט, און זי איז אָפגעשפרונגען צוריק גלײַך מיר אין די הענט ארײַן. איך האָב זי אלץ געכאפּט און מיט א זינגענדיקן ניגן געציילט: „צען, צוואנציק... אכציק, נײַנציק... הונדערט... איינס”. און די פילקע דרייט זיך, פליט: רויט — בלוי, רויט — בלוי... א טאנצנדיקער רעגנבויגן פאר מײַנע אויגן.

איז אָט, זומער איז דאָס געווען, קום איך ארײַן אין שטוב א פארפלאמטע פונעם שפילן זיך. די פילקע האלט איך מיט ביידע הענט צוגעדריקט צום הארצן. באם טיש איז געזעסן די מאמע מיט אונדזער שכיינע, וואָס האָט געליטן אף פאליקע. זיי האָבן געטרונקען טיי און געמיטלעך פארבראכט צווישן זיך. מיטאמאָל — א צעצויגענער ווײ־געשריי, ווי ניט פון קיין מענטשלעכן קאָל ארויסגעבראכט, און אן אומנאטירלעך אויסגעגלײַכטע האנט איז לאנגזאם אוועק אף ארוף, אריבער מײַן קאָפ, ציִענדיק נאָך זיך דעם אָנוואקסנדיקן ווייטעקלעכן „א־א־א־א”... און דאָ באלד האָבן מײַן מאמעס הענט אונטערגעכאפּט פון הינטן דער שכיינעס קאָפ, ווי אין א קויש ארײַן. מיך האָט די מאמע פון צימער ארויסגעטריבן.

אין פיר טעג ארום איז אונדזער שכיינע געשטאָרבן. לויט דעם, ווי מײַן פארוויינטע מאמע האָט געהאלטן אין איין שושקען זיך מיטן טאטן, האָב איך פארשטאנען, אז עפעס באהאלט מען דאָ פון מיר. ווי קאָן מען אָבער פארבאָרגן א זאך, וועגן וועלכער עס רעדט א האלבע שטאָט? זי האָט זיך גענומען דאָס לעבן, אונדזער שכיינע, אופגעהאנגען זיך. איך האָב זיך ארײַנגעגאנוועט צו איר אין שטוב, דורכגעגליטשט זיך צווישן צוויי פלייצעס, וואָס האָבן זי פון מיר פארשטעלט. און אף אן אָרט ניט אײַנגעשטאנען. ווי עמעצער וואָלט זיך נאָך מיר געיאָגט, אנטלאָפן אהיים. דער טאטע און די מאמע זײַנען געבליבן דאָרט, בא דער זעלבסטמערדערן. ס'איז געווען א הייסער טאָג, נאָר אין שטוב בא אונדז איז געווען קיל און טונקל. מאָדנע אומעטיק האָט זיך מיר אויסגעוויזן אונדזער שטוב, מיט איר שטילקײַט, מיט איר קילקײַט, מיטן בלאסן גאָלד־פלאטער אף די שווערע גרינע פאָרהאנגען. און איך אליין האָב זיך דערפילט מאָדנע עלנט און ווי פון אלעמען פארלאָזט אין דער פוסטער שטוב. איך האָב זיך ביטער צעוויינט. אָבער ניט אויס ראכמאָנעס צו דער געשטאָרבענער. דאָס געדענק איך זיכער. א פאכעד האָט מיך ארומגעכאפּט, הענט און פיס האָבן בא מיר געציטערט. אָט אזוי, הייסט עס, שטארבט א מענטש. נעכטן האָסטו אים געזען, נעכטן האָסטו מיט אים גערעדט, און הײַנט ליגט ער אָט אזוי־אָ, א גלײַכגילטיקער צו אלץ און צו אלעמען, און גאָרנישט וויל ער ניט, און גאָרנישט דארף ער ניט. זי איז דאָך געווען א קלוגע, אונדזער שכיינע, איז ווי האָט זי דאָס אָפגעטאָן מיט זיך אזוינס, אז זי זאָל שוין גאָרנישט ניט וועלן און גאָרנישט באדארפן.

איך האָב זיך גוט אויסגעוויינט, און עס האָט מיך ווידער א צי געטאָן אהין, אין דער דריטער שטוב פון אונדז.

איך בין ארויס און געטראָפן א פולן הויף מיט מענטשן. עפּעס האָט זיך דאָ געביטן. אלע זײַנען איצט געווען אין הויף. געזאמלט זיך אין באזונדערע קופּקעלעך. אין דער סאמע מיט פון הויף האָב איך דערזען א געזעמל פון מאנצבלעך. כאָטש זיי זײַנען געווען אָנגעטאָן אין פּײַנע קאַפּאָטעס, און ברייטע צעקעמטע בערד האָבן זיך בא זיי געשפּרייט איבער דער ברוסט, און לאנגע פּייעס האָבן זיך געקרײַזלט איבער די באקן, און אייניקע פון זיי האָב איך אפילע געקענט אין פּאָנעם, האָבן זיי מיר איצט אויסגעזען, ווי א באנדע שלעגער, וואָס אָט באלד וועלן זיי זיך אוועקקײַקלען איבער דער ערד אין א צעיושעטן געראנגל. איך האָב איינמאָל אזוינס געזען, פארבײַגייענדיק דעם שענק פון כײַע דער וואָכערניצע. זייער גוואַל־דעווען, זייער פאָכען מיט די הענט... „הינטערן פּלויט, נאָר הינטערן פּלויט, אזא אפּיקוי־רעסטעס!" צו מיר איז ניט גלײַך דערגאנגען, אז דאָ זוכט מען, וויאזוי נויקעם צו זײַן זיך אין דער, וואָס האָט אליין בא זיך אָפּגענומען דאָס לעבן. און ווען איך האָב דאָס פארשטאנען, האָט א צאָרן מיך ארומגעכאַפּט קעגן די מענטשן, וועלכע נעמען אָף זיך צו מישפּטן די פארשטאָרבענע. איך בין אין שרעק פון זיי אָפּגעטראָטן, צוגעגאנגען צו א קופּקעלע פאר־טרויערטע ווײַבער.

— אז וואָס פאר א לעבן איז דאָס שוין געווען? — האָט פארטראכט ארויסגעזאָגט איינע. — פון שטוב ניט געקאָנט ארויסגיין. פרעמדע מענטשן האָבן זי קעסיידער אופגעהויבן אָף דער גאס פון דער בלאָטע מיט א צעשלאָגענעם קאָפּ. די הענט און די פיס צעבײַלט.

— און ער, דער פּײַנער מענטש, איז נעלעם געוואָרן. ניט זײַן אייסעק. א געזונט ווײַב דארף ער, ניט קיין קראנקע, — האָט צוגעגעבן א צווייטע.

א דריטע:

— פונקט נעכטן, זאָגט מען, א געט צוגעשיקט. איז איר פארבליבן די שטריק.

די דרײַ ווײַבער האָבן דערשראָקן אָנגעקוקט איינע די אנדערע און אלע מיטאמאָל אויס־געשפּיגן.

אָט דאן ערשט בין איך אופגעטרייסלט געוואָרן פון ראכמאָנעס צו דער, וועלכע ליגט דאָרט איינע אליין אין שטוב פון אלעמען א פארלאָזטע. און דאָס הארץ האָט מיר געברענט סײַ אָף די, וואָס זוכן פאר איר א שטראָף, סײַ אָף די, וואָס זוכן אָף איר א זכוס, פונקט ווי זי איז אין עפּעס שולדיק. ווער קאָן וויסן, וויאזוי זי איז געקומען צום שלייף אפן האלדז? און ווידער האָב איך געטראכט, אז עפּשער הערט זי גאָר אלץ, וואָס מע רעדט דאָ וועגן איר, וועגן דער, וואָס מענטשן מיינען, אז זי איז שוין ניטאָ, און איר נעשאָמע צאַפּלט בייסמײַסע פון עלנט און ראכ־מאָנעס צו זיך אליין. איז אין וואָס גייט עס זיי, די מענטשן, וועלכע טײַנען, אז דער גוף איז ניט מער, ווי אָפּאָר ווייפער, אָ, איך האָב עס גוט געוווּסט, כומעש און טאנאך האָב איך אין דער קינדהײַט געלערנט, יעדן פרימאָרגן „מוידע אני" געזאָגט, איז פארוואָס ווילן זיי מעווײַעש זײַן א פארביטערטע נעשאָמע?

בין איך, די פערצניאָריקע, שוין איינע אליין ארײַן אין שטוב צו דער פארשטאָרבענער. מיט ציטערנדיקע הענט האָב איך אונטערגעהויבן די שווארצע דעקע און דאָ ערשט דערזען דעם טיפן שניט פון דעם שטריק אָף איר האלדז.

דער עק פון דער דעקע איז ארויסגעפאלן פון מײַנע הענט. מיט א שטריק אָף צו הענגען גרעט זיך אליין איבערשנײַדן דעם האלדז... ווי שרעקלעך דאָס איז, ווי מיִעס דאָס איז. איר דארפט מיך פארשטיין — ביז דאן האָב איך דאָך נאָר שיינס געזען. פאר דעם האָבן זיך מײַנע טאטע־מאמע געמיט. און נאָך איינס: מיט א גוואלדטאט האָב איך צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן צוזאמענגעשטויסן זיך. בין איך שוין קימאַט מאסקים געווען מיט יענע שלעגער מיט די לאנגע פּייעס דאָרט אפן הויף. שולדיק האָט זי אויסגעזען אין מײַנע אויגן, שולדיק אין א מיִעסן גוואלדטאט.

איצט, ווען איך האָב שוין דורכגעמאכט מײַן רײַכע לעבנס־שול, — איך בין דאָך אלט, איר קאָנט זיך גאָר ניט פארשטעלן, ווי אלט איך בין, געוויס עלטער פון מײַן באָבען, וואָס האָט אָפּגעלעבט העכער נײַנציק יאָר, זי האָט ניט געזען דאָס, וואָס איך, — איצט שטעלט זיך מיר אלץ אנדערש פאָר. אָבער דאן... פונוואנען האָב איך געקאָנט וויסן, אז בלויז איין כוידעש וועט אדורך און מיר וועט באשערט זײַן צו ווערן אן איידעס פון אָן א שיר גוואלדטאטן פון מענטש איבער מענטש. און אז עס וועט קומען א טאָג, ווען איך אליין וועל גרייט זײַן צו באגיין א גוואלדטאט איבער איינעם אזא, וואָס טראָגט אויך דעם נאָמען „מענטש". און אויב ס'וועט מיר ניט געראָטן, מאכן א סאָף צו מײַן אייגן לעבן.

כ'וועל אײַך ניט נעמען דערציילן אַלץ, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט זינט דעם 39־טן יאָר. איר האָט זיך געשלאָגן אַף דעם ווײַסרוסישן פראָנט, איר זײַט אין פּוילן געווען, ווייסט איר געוויס. עס גייט בלויז אין פּראַטים. וועל איך אָנהייבן פון דעם, ווי־אַזוי ס'האָט זיך געטראָפן אַף מײַן וועג לעאָניד. ווי אַן איידעלער ריטער האָט ער זיך מיר געטראָפן, און, ווי איר ווייסט, האָט ער אויך, ווי אַן איידעלער ריטער מיט מיר זיך געשיידט.

איר שרײַבט, איך בין אַ שיינע, איר שרײַבט, איך בין אַ ציכטיקע. ווען איר ווייסט, וואָס פאַר אַ פּנים איר, דער גוטער מענטש, האָט מיר פאַרשאַפט מיט אײַערע שוואַכים. אַ שיינע? פון דער סאַמע פריִער קינדהייט האָב איך נאָר געהערט, ווי שיין איך בין. כ'וועל ניט לייקענען, ביז מײַנע פערצן יאָר האָט מיך געפרייט, ווען איך האָב געהערט ווענן זיך: „וואָס פאַרא שיין קינד דאָס איז!" אָבער נאָר ביז פערצן. ביזן פאַרשאָלטענעם ניין־און־דרײַסיקסטן יאָר, ווען ס'איז פון מיר אָפּגעטאָן געוואָרן יעדע פרייד. אויסער אומגליק האָט מיר מײַן שיינקייט גאָר־נישט ניט געגעבן. און ציכטיקייט? טאָמע בין איך. אַ טמייע פון קאָפּ ביז די פיס, ביז אַריבער די אויערן אײַנגעזונקען אין שמוץ. אזא שפּיצל האָט מיט מיר דער גורל אָפּגעטאָן. און ווען? אין דעם לעצטן יאָר פון דער מילכאָמע.

איר מיינט, איך רעד וועגן לעאָנידן? דאָ זײַט איר פאָרויס גרייט מיר מויכל צו זײַן, ווײַל איך האָב דאָך ניט געוווּסט... און איר זײַט דאָך אַ גוטער. דאָס זעט זיך אָן באַ דעם ערשטן קוק אַף אײַך. ניין, לעאָניד איז מיר געבליבן אַ פרעמדער. דאָ האָט מיר דאַפקע דאָס מאַזל צוגע־שפּילט. באַ אַנדערע אומשטענדן וואָלט ער מיר עפּשער געוואָרן אַן אייגענער. פון דאַנקבאַר־קײַט וועגן וואָלט איך עפּשער געצוווּנגען זיך אַפּילע אים ליב צו האָבן. עפּשער וואָלט איך זיך צו אים צוגעוווינט. עס טרעפט דאָך אַזוינס, כאָטש, דעם עמעס געזאָגט, וואָס מער ער האָט זיך געדרייט אַרום מיר, און אַנדערש, ווי דרייען זיך, האָט ער, ווײַזט אויס, ניט געקענט, איז ער מיר אַלץ ווײַטער געוואָרן. און דאָך, ווער ווייסט... דאַנקבאַרקײַט וואָלט עפּשער פאַרביטן ליבע. צווישן אונדז האָט אָבער גאָרנישט ניט געקאָנט זײַן, ווײַל, צום גליק, האָב איך געהאַלטן זיך פאַר נידעריקער פון אים.

דער איקער... איך שרײַב און שרײַב, און צום איקער איז נאָך ווײַט. נאָר ס'מאַכט ניט אויס. זאָל דער בריוו זײַן אַ לאַנגער. ער איז דאָך דער ערשטער און דער לעצטער. אָבער ניט אין דעם גייט עס. ניט דערפאַר איז ער אַזוי לאַנג. ווו נעמט מען מוט? איך צי און צי... נאָר שרעקט זיך ניט, מוט וועט סטײַען. לאָזט מיך נאָר זיך פאַנאַנדערלויפן. איך וועל באַשרײַבן אַלץ קעסיידער. און דאַן וועט באַ אײַך בעמיילע אָפּפאַלן יעדער כיישעק צו שרײַבן מיר בריוו.

יאָ, איז וואָס איז מיט מיר געשען ניין טעג פאַר דעם, ווי מיך האָט געפונען אַ וואַלגערנדיקע זיך אַף דער ערד און אַן אָפּגייענדיקע מיט בלוט לעאָניד טשיסטיאַקאָוו? אָט דאָ קום איך צו צום איקער.

פאַרנאַכט איז דאָס געווען. איך גיי צופוס פון אַ דאָרף, ווו דאַפקע די לעצטע צײַט, ווען אָט האָט געזאָלט קומען די גאולע, האָב איך מער פאַרבלײַבן ניט געקאָנט. גוטע מענטשן האָבן מיר געגעבן צום אָנטאָן אַ פּאָר פאַרשמאָלצוועטע ייִנגלשע הויזן, אַ ברייט העמדל, באַ־דעקט מיט פאַרב־פלעקן (דער באַלעבאָס פונעם העמדל האָט אין דעם ניט איין דאָך אָפּגע־פאַרבט), און אַ היטל מיט אַ צעשפּאָלטענעם דאַשעק. געדאַרפט עפּשער אונטערשערן די האָר, נאָר אַף דעם האָט שוין קיין צײַט ניט געקלעקט. האָב איך די האָר אין אײַלעניש פאַרשטעקט אונטערן היטל. אַלצייגס האָט העכער פון דער נאָז מײַן פּאָנעם אונטער דעם זיך ניט געזען, שוין אַפּילע מיט די האָר. אָט אַזוי האָב איך אויסבאַהאַלטן פון אַ בייז אויג סײַ מײַן ייִדישקײַט, סײַ מײַן אָנגעהעריקײַט צום ווײַבלעכן מין. איך האָב געשפּאַנט אָן אַ וועג, אָן אַ שטעג, וווּהין עס האָבן מיך געפירט מײַנע באָרוועסע פיס. ווען זיי וואָלטן געווען בעעמעס ייִנגלשע, ניט אַזעלכע קליינע, ווי באַ מיר, וואָלטן זיי מיך עפּשער אין ערגעץ דערפירט...

וואָס נידעריקער עס האָט זיך געזעצט די זון, בין איך אַלץ אומרויִקער געוואָרן. איך גיי און גיי און קום אין ערגעץ ניט אָן. איך קוק זיך אַרום. אַ פּוסט פעלד. אָן אַ סקירדע. אָן אַ סטויג. ניט געאַקערט, ניט געזייט. זאָל איך זיך מאַכן מײַן נאַכטלעגער אין דער דאָזיקער פּוסט־קײַט? איך ווייס, אַז עס טויג ניט אַזוי. די פיס אָבער פאָלגן מיך שוין ניט מער, אַ היפּשן מע־האַלעך דורכגעמאַכט. און הונגעריק בין איך געווען. בין איך צוגעפאַלן מיטן פּאָנעם צו דער ערד און געוואָלט זיך פאַרגעסן און שלאָפן. און טראַכטן טראַכט איך בייסמײַסע אַזוי: „גאָט אין הימל, לאָז ניט דערקענען אין מיר קיין פרוי. כאָטש פון דעם היט מיך אויס. אויב ס'איז מיר באַשערט צו שיידן זיך מיט מײַן יונג לעבן, זאָל מען שוין בעסער דערקענען מײַן שטאַם, איידער דעם מין".
דערנאָך האָט זיך אין קאָפּ אַלץ אויסגעמישט און איך בין אַנשלאָפן געוואָרן. ווײַזט אויס, ניט אַף לאַנג. ווען איך האָב זיך אופגעכאַפּט, איז די זון נאָך אַלץ ניט פאַרגאַנגען. האָב איך זיך געלאָזט ווײַטער אין וועג, גלײַך צו מײַן אומגליק.

עס האָבן זיך שוין באוויזן די ערשטע בײַשטאָטישע שטיבער פון אײַער שטאָט, עס האָט מיך שוין גענומען ווארעמען א האָפענונג, אז דאָ וועל איך געפינען שפּײַז און א נאכטלעגער, ווי כ׳האָב דערהערט דעם רויש פון אן אווטאָ. ווען איך דערשרעק זיך ניט און גיי מיר ווײַטער מײַן וועג, וואָלט עפשער גאָרנישט געשען. גיב איך זיך אָבער א וואָרף אין א זײַט און פארטײַע זיך הינטער א טעלעגראף־סטויפּ. אָט דער בעהאָלעדיקער ריס צו דעם סטויפּ האָט מיך אוועקגעפּאטערט. די מאשין האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— דומער קנאבע, קאָם היר!

איך האָב א פיר געטאָן מיטן ארבל אונטער דער נאָז („דום״ איז „דום״), פארלייגט די הענט אין די קעשענעס און געבליבן שטיין, ווי ניט מיך מיינט מען. אויב מע וועט בא מיר נעמען פרעגן קאשעס, וועל איך ניט ענטפערן. מײַן קאָל קאָן מיך ארויסגעבן. און מײַן ניט רוסישע אויסשפּראך, איבער וועלכער מיר איז שוין ניט איין מאָל אויסגעקומען צו פארשטעלן זיך פאר א טויבשטומער.

דער אָפיצער, וועלכער איז געזעסן אין דער מאשין, האָט אן עפן געטאָן דאָס טירל און, שוין אויך, ווי א טויבשטומער, א רוף געטאָן מיך מיט א פינגער. איך בין צוגעגאנגען און געבליבן שטיין א האלב־טויטע. און נאָך טויטער בין איך געוואָרן, ווען כ׳האָב דערזען: דער אָפיצער קוקט אף מײַנע פיס. פון די פיס האָט זײַן בליק, מעסטנדיק מיך פון אונטן אף ארוף, אָפּגעשטעלט זיך אף מײַן פּאָנעם, און... א ריס דאָס היטל פון קאָפּ. די האָר האָבן זיך מיר צעשאָטן איבער די אקסלען. א פּאָר אײַזערנע הענט האָבן מיך אונטערגעכאפּט, ארײַנגעשלײַדערט אין דער מאשין.

— נא, באהאלט די פאטלעס דײַנע. צוזאמען מיט די לײַז.

דער אָפיצער האָט א זעץ ארוף געטאָן מיר אפן קאָפּ דאָס היטל און מיט כויזעק א צי געטאָן עס פארן צעשפּאָלטענעם דאשעק אף אראָפּ.

פאָר איך. א שטײַפער געגאָלטער נאקן פאר מיר, ווי א גוט אָפּגעוועקסלטער שטיוול גלאנצט ער, דער נאקן, — און איך קאָן פון אים די אויגן ניט אָפּרײַסן.

ווען די מאשין האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז שוין געווען שטאָקפינצטער. דער שאָפער איז ארויסגעשפּרונגען גלײַך נאָך זײַן הער און געעפנט א טיר, אין וועלכער יענער איז באלד פארשווונדן. און מיך האָט דער שאָפער אָנגענומען פאר א האנט און אין שטילשווײַגן און ניט אָנצינדנדיק קיין ליכט, אוועקגעפירט איבער א ווייכן טעפּיך ערגעץ ארוף. אלץ נאָך אינדערפינצטער האָט ער זיכער, ווי בא דער העלער זונען־שײַן, געעפנט א טיר, אָנגענומען מיך פאר די אקסלען און אוועקגעזעצט אף עפּעס הארטס. ער איז ארויס און פארשלאָסן די טיר פון יענער זײַט. און דאן ערשט האָט זיך אויבן, בא דער סאמע סטעליע, אָנגעצונדן א פיצל עלעקטריש לעמפּל.

א געאָמעטריש פּינקטלעכער קוב. פיר ווענט, א סטעליע און א דיל. און איך אין דער מיט אף א פירקאנטיקן הילצערנעם בענקל. אויסער דעם בענקל — גאָרנישט. מײַן בליק בלאָנדזשעט איבער די ווענט. עפשער וועל איך ערגעץ דערזען זאָל זײַן א פארגראטעוועט פענצטערל. ניטאָ. פּוסט, טויב און בלינד איז מײַן קעמערל. אומזיסט ברעך איך מיר דעם קאָפּ, ווו פאָרט געפינען איך זיך. לויט דעם, וואָס איך האָב געלייענט אין די ביכלעך, איז מײַן געפענקעניש דאָך אף א טפיסע ניט ענלעך. די צעשעדיקטע פיס מײַנע פילן נאָך דעם טאם פונעם ווייכן טעפּיך. אין א טפיסע פירט מען ניט איבער קיין ווייכן טעפּיך.

לאנג טראכטן האָט מען מיך ניט געלאָזט. עס האָט זיך געעפנט די טיר, און דער שאָפער האָט אָן א מינדסטן שאָרך איינער אליין ארײַנגעטראָגן א מיט פּליוש באשלאָגענע אָטאָמאנקע, וועלכע ער האָט פלינק, ווי א קונצנמאכער, פארבעט מיט זויבער בעטגעוואנט. אויך וועש אוועקגעלייגט אף דער אָטאָמאנקע, און א ברוין כאלאטל און שטעקשיך. נאָך דעם, ווי ער האָט ארײַנגעבראכט א שיסל וואסער, א שטיק שמעקנדיקע זייף און א ווייכן באָד־האנטעך, האָט ער מיטאמאָל באקומען לאָשן:

— שפּרעכען זי דויטש?

אף יעדן פאל האָב איך זיך געמאכט טאמעוואטע, ווי כ׳וואָלט ניט פארשטאנען זײַן פראגע.

— גוט, — האָט ער געזאָגט ווייך, — לאָמיר ריידן רוסיש. אזוי איז נאָך בעסער. שרעקט זיך פאר גאָרנישט. דאָ וועט מיט אײַך קיין שלעכטס ניט געשען. איר געפינט זיך אין זיכערע הענט.

אף מיר האָבן געקוקט א פּאָר מידע אויגן פון א מיטליאָריקן מענטש, וואָס ווער ער זאָל ניט זײַן, האָט שוין פאר מיר קיין שום זין ניט געהאט ווײַטער שפּילן אין שטומקײַט. אז איך בין ניט קיין ייִנגל, איז שוין פאר ביידן קיין סאָד ניט געווען, סײַ פאר אים, סײַ פאר זײַן בא־

לעבאָס. איז ווי באַהאַלט מען כאַטש אויס מײַן שטאַם? אַן ארמענערן, פאַר אַן ארמענערן וועל איך זיך ארויסגעבן.

— איך וויל אָבער וויסן, וואָס איז עס פאַר אַ הויז, — האָב איך אָנגעהויבן, פאַרקריפּלענ־דיק נאָך מער מײַן אַזוי אויך שלעכטע רוסישע אויסשפּראַך.

דער שאָפער האָט צוגעלייגט אַ פינגער צו די ליפּן, און די טיר פון מײַן קעמערל איז ווידער פאַרשלאָסן געוואָרן פון אויסן.

ציטערנדיק מיט אַלע אייוורים, אומקוקנדיק זיך יעדע רגע אויף דער טיר, האָב איך דאָך ארומגעוואַשן זיך, אָנגעטאָן אַלץ, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט אויף מײַן געלעגער, און...

אַ בוידעם האָב איך דערזען. אַ בוידעם מיט פאַרצוויגענע שטריק. דיקע געפלאָכטענע שטריק. איך רײַס פון זיי דאָס גרעט, וואַרף צו דער ערד, זוך, ווו אָנצוכאַפּן זיך אײנעם עק פון אַ שטריק. נאָר ניטאָ קיין עק. בלויז האַרטע קנופּן. שטריק פון אײנע קנופּן. מײַנע פינגער בלוטיקן שוין, און קיין איין קנופּ גיט זיך ניט אונטער.

— מיט די ציין, מײַן קינד, מיט די ציין בײַס זיי איבער. און דערנאָך ארום האַלדז. אַזוי, מײַן קינד, איבערבײַסן, איבערבײַסן...

מײַן מאַמע איז דאָס. „מאַמינקע, פאַרוואָס רעדסטו מיר אײַן ארומוויקלען די שטריק ארום האַלדז. איך וויל ניט, מאַמע... איבערבײַסן... האַלעמײַ זאָל איך איבערבײַסן דעם שטריק?"

איך עפן די אויגן, און מײַן גאַנץ פּאָנעם און די קישן, אויף וועלכן איך ליג, זײַנען נאַס פון טרערן.

— איבערבײַסן האָב איך אײַך געבראַכט, — איבער מיר שטייט דער שאָפער און טרייסלט מיך פאַר אַן אַקסל. — עסט אָפּ, און דאַן קאָנט איר שלאָפן, וויפל דאָס האַרץ גלוסט. הײַנט וועל איך מער צו אײַך ניט ארײַנקומען.

אָפּגעזאָגט און פאַרשוווּנדן.

אַ מעוווּלוועלע, נאָך ניט קיין אויסגעניכטערטע פון מײַן קורצן שלאָף, האָב איך זיך דאָך באַלד ארופגעוואָרפן אויפן עסן. אַ קליין טישל האַרט בײַ מײַן געלעגער. אויף איין טעלער צוויי פּענעצלעך שוואַרץ ברויט, און בײַ דער זײַט עטלעכע שטיקלעך הערינג. אויף דער צווייטער — צעפּיצלטע שטיקלעך פלייש, אַ טעפּעלע קאַווע.

איך האָב דאָס אַלץ אײַנגעשלונגען אין איין רגע און ווייניק אַכט געלייגט אויף דעם, וואָס איך שלינג. אַ קוק געטאָן אויפן טישל, צי איז ניטאָ נאָך עפּעס וואָס צו עסן, ווײַל הונגעריק בין איך אַלציינס געווען, אַ וואַרף געטאָן זיך ווידער אינעם אָנטאָן אויפן געלעגער און פאַרזונקען אין שלאָף.

וויפל בין איך אָפּגעשלאָפן, ווען האָב איך זיך אופגעכאַפּט, צי באַטאָג, צי באַנאַכט, דאָס האָב איך ניט געוווּסט. אַלץ דער זעלבער קוב. און דאָס פּיצל עלעקטרישע לעמפּל אונטער דער סטעליע האָט פּונקט אַזוי טונקל געלויכטן, ווי בייס איך בין אײַנגעשלאָפן.

אויפן טישל לעבן מײַן געלעגער — צוויי טעלערלעך ביז ריין אויסגעלעקט, ניט קיין ברעקל צו פאַרלירן. קיין הונגער האָב איך אָבער אין דער רגע ניט געפילט. נאָר דאָרשט. טרינקען, טרינקען, אַ לעק וואַסער. אָט דאָ ערשט האָב איך זיך דערמאָנט אין מײַן ערשטן מאָלצײַט אין מײַן קעמערל, וואָס האָט מיך אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט. הערינג... פאַרוואָס האָבן זיי מיר געגעבן הערינג? דאָס טוען זיי אומיסטן. מיט דאָרשט האָבן זיי פאַרטראַכט מיך אומברענגען. איך גיב נאָכאַמאָל אַ קוק אויף די טעלער און כאַפּ זיך: ניט קיין גאָפּל, ניט קיין מעסער. אַפילו ניט קיין טיי־לעפעלע. און געבראָטנס האָב איך געגעסן. פון פריש פלייש. נאָר אויף קליינע שטיקעלעך אָנגעשניטן. נאָר צום אַראָפּשלינגען. פאַרוואָס עפּעס אַזוי?

ווידער שטיל, אַן אַ שאָרך, עפנט זיך די טיר. ווידער אַ שיסל וואַסער און אַ צוגאָב — אַ ציין־בערשטל מיט אַ טיוביקל פּאַסטע. דער שאָפער נעמט צו די טעלער פון טיש און דאָס עמאַלירטע נאַכט־טעפּל פון אונטערן טיש. אויך מיט דעם האָט ער מיך באַזאָרגט. אין אַ מינוט ארום ברענגט ער מיר צום עסן און צום טרינקען, פּולקאָם גענוג פאַר אַ ניט קיין שטאַרק אויס־געהונגערטן מענטשן. און ווידער אַ שטיקעלע הערינג אויפן טעלער. איך קוק אויף דעם מיט דער־שראָקענע אויגן. איך ריר זיך צו דעם ניט צו. וואָס פאַר אַ נאַר איך בין געווען. אינעם פּיצל הערינג האָב איך מײַן געפערלעכסטן סוינע געזען. איך האָב נאָך דאַן ניט געוווּסט, אַז שטאַרק אויסגעצערטע מענטשן פלעגט מען די ערשטע צײַט מיט הערינג. קיין לעניגראַדער פּלייטים האָבן זיך מיר דאַן נאָך ניט געטראָפן. האָב איך אינעם שטיקל הערינג געזען די גרעסטע גע־פאַר פאַר זיך. עס האָט זיך מיר פאַרדרייט דער קאָפּ. דאָס טישל מיטן ווײַסן טעלערל דערויף האָט זיך אַ הייב געטאָן אינדערלופטן. עס שווימט פון מיר אַוועק. און מיט דעם — דאָס טע־לערל מיטן שטיקל הערינג, מיטן לעצטן ביסן, וואָס האָט געקאָנט מיך זאַטער מאַכן. מײַן האַנט

האָט אַליין פֿון זיך אַ כאַפּ געטאָן דאָס שטיקל הערינג, און איך האָב, ניט צעקײַענדיק, עס אַראָפּגעשלונגען שוין אָן ברויט.

וואָס ווײַטער, האָט מען מיך אַלץ בעסער גענערט. פֿונעם שענסטן און דעם בעסטן דערלאַנגט. דאָס עסן האָט מיר שוין פֿאַר אַ כּעזשבן פֿון די טעג געדינט. פֿרישטיק, מיטיק, נאַכטמאָל — אַ טאָג. פֿרישטיק, מיטיק, נאַכטמאָל — נאָך אַ טאָג. אַזוי האָב איך אָנגעציילט זעקס טעג. יעדעס מאָל געפּרוווט אַרויסציִען אַ וואָרט בײַ מײַן באַדינער, און... גאָרנישט. אַ פֿינגער צו די ליפּן. שאַ־שטיל.

וואָס האָב איך פֿאַר די זעקס טעג איבערגעלעבט, וואָס האָב איך איבערגעטראַכט, פֿון דעם וועלן מיר ניט ריידן. ווײַל איך קלײַב זיך ניט פֿאַר אײַך צו פֿאַרענטפֿערן. פֿאַרקערט, פֿאַרמיִעסן וויל איך זיך, ווי איך בין עס ווערט. איך ווייס, אַז דאָס דאַפֿקע וועט מיר ניט גרינג אָנקומען, ווײַל אַ קלאָג צו מיר, איך בין דאָך אַ שיינע. און שיינקײַט איז שווער צו פֿאַרמיִעסן. שרעקלעך איז מיר געווען, אוי, ווי שרעקלעך! פֿון דער שטילקײַט, פֿון דער זויבערקײַט, פֿון דעם זאַטן עסן אָן אַ גאָפּל, אָן אַ מעסער. איז פֿאַרוואָס האָב איך דאָס עסן גענומען בײַ אַזאַ איינעם, וואָס האָט מיט מיר ניט גערעדט, וואָס האָט געהאַלטן מיך אין אַ שטײַג? און אַלץ אײַנגעשלונגען, קיין לעק ניט איבערגעלאָזט. און געוואַלגערט זיך גאַנצע טעג אויפֿן ציכטיקן געלעגער. געשלאָפֿן. קעסיידער געשלאָפֿן. אויפֿגעשווידערט און ווידער געשלאָפֿן. און ווידער געגעסן און טיילמאָל מיט כאַרפּע געכאַפּט זיך אַליין בײַ דער האַנט, אַז איך האָב האַנאָע פֿון דעם, וואָס איך נעם אָן אויף זיך לײַב.

און דאָך האָב איך שטענדיק געדענקט וועגן יענעם, וואָס געוויס איז ער שולדיק אינעם וויסטן שווײַגן פֿון מײַן באַדינער און וואַכמאַן. טאָג און נאַכט, דאָס הייסט די צײַט צווישן איין עסן און דעם צווייטן, אַפֿילו אין שלאָף, האָט מיך פֿאַרפֿאָלגט זײַן קוק אויף מײַנע פֿיס, דער שפּאָטנדיקער און אָפּשאַצנדיקער קוק. נאָר צו קנאַפּע צוואַנציק יאָר האָט אין מיר, נאָך דעם אַלעמען, וואָס איך האָב געזען און אויסגעשטאַנען, נאָך אַלץ געצאַפּלט די גימנאַזיסטקע, די ציטעריקע באַסיעכידע, דאָס איידעלע קינד, וואָס איך בין געווען פֿון דער היים. אָט די־אָ גימנאַזיסטקע, וואָס אין מיר, די פֿאַרטרוימטע באַסיעכידע האָט אין די מינוטן פֿון דער גרעסטער פֿאַרצווייפֿלונג מיר אײַנגערוימט אַ סאָד, אַז אַ נעס פֿון אַ מײַסעלע איז מיט מיר געשען, אין אַ פֿאַרקישעפֿטן שלאָס בין איך אַרײַנגעפֿאַלן. ראַטעווען וויל מען מיך דאָ. עס זײַנען דען ניטאָ קיין מענטשן צווישן די דײַטשן? און פֿונוואַנען ווייס איך, אַז ער איז אַ דײַטש? עפּשער איז נאָר די אוניפֿאָרם אַזאַ? דער קוק אויף מײַנע פֿיס? עפּשער איז גאָר ראַכמאָנעס געווען אין דעם קוק? ווי פֿײַן ס׳איז פֿון זײַן זײַט, וואָס ער ווײַזט זיך מיר ניט פֿאַר די אויגן. ער וויל מיך ניט שרעקן און וויל פֿון מיר קיין דאַנק ניט הערן.

נאָר וואָס ראַכמאָנעס, ווען ראַכמאָנעס? איך האָב דען ניט געזען, אַז איך זיץ אין אַ שטײַג, אין אַ שטײַג אויף צו האָדעווען אויפֿעס צו דער שכיטע? איז צו אַלדי שוואַרצע יאָר די גימנאַזיסטקע, די באַסיעכידע! ניטאָ פֿאַר מיר קיין פֿאַרענטפֿערונג. טאָמע בין איך. פֿון דער סאַמע רעגע, ווען כ׳האָב גענומען דעם ערשטן ביסן ברויט פֿון זייערע הענט, ווען כ׳האָב אַרומגערעגע וואַשן מײַן לײַב מיט זייער שמעקנדיקן זייף, ווען איך בין צום ערשטן מאָל אײַנגעשלאָפֿן אויף דעם ווײַסן אָנגעקראָכמאַלעטן לײַלעך, וואָס זיי האָבן מיר געגעבן, בין איך טאָמע. אָט פֿון דער דאָזיקער נאַכט אָן בין איך באַשמוצט און פֿאַרשאָלטן אויף אייביק, לעדויר דוירעס...

און איצט וועט איר ערשט זען, ווי פֿאַרדאָרבן איך בין. איך וועל אײַך מיט אַלע פּראָטים דערציילן דאָס, וואָס ווען איך פֿאַרהיט אין זיך די מינדסטע בושע, וואָלט איך ניט פֿייִק געווען צו דערציילן. אַ פֿרוי, וועלכע ברענגט אַרויס אַזוינס אויף די ליפּן, זאָל זײַן ניט אויף די ליפּן, נאָר אַפֿילו אויפֿן פּאַפּיר, און דערצו נאָך פֿאַר אַ מאַנצבל, פֿאַר אַ פֿרעמדן מאַנצבל, איז פֿאַרפֿאַלן. ניט נאָר דעם דאָזיקן מאַנצבל, נאָר קיין איין בען־אָדאָם וועט זי שוין אין די אויגן ניט קאָנען קוקן. בעסער וואָלט זי שוין ביכלאַל די ליכטיקע שײַן ניט געזען.

פֿון אײַך וועל איך גאָרנישט ניט פֿאַרבאָרגן. איר זײַט אַ ריינער, איר זײַט אַ גוטער. איר האָט ליב געהאַט, ווי עס קאָן נאָר ליב האָבן אַ ריינער און אַ גוטער מענטש. און אײַער ליבע איז אויף אַזאַ גרויזאַמען אופֿן פֿאַרטיליקט געוואָרן. איצט זוכט איר אַ טרייסט אין מיר. ס׳איז אַ טאָעס, מײַן פֿרײַנט, אַן אויסדוכטעניש. ווען איך גיב אײַך מײַן האַסקאָמע, וואָלטן מיר ביידע נאָך אומגליקלעכער געוואָרן. ניט אַזאַ, ווי איך, דאַרף אַרײַן אין אײַער שטוב, פֿאַרנעמען אָן אָרט לעבן אײַך, וועלכער וועט קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן יענע, די אומגעבראַכטע. אַזעלכע, ווי איר, פֿאַרגעסן ניט. גיי איך ווײַטער. איך וועל פֿון אײַך גאָרנישט ניט לייקענען. איך וועל מיך ווײַזן פֿאַר אײַך אין דער ריכטיקער שײַן, קיין ברעקל אילויזיע זאָל בײַ אײַך ניט פֿאַרבלײַבן. איך וועל פֿאַרגעסן, אַז איך בין אַ פֿרוי. איך וועל ריידן אָפֿן, גראָב. איר זאָלט פֿאַרשטיין, וואָס און ווער איך בין איצט. אויסהיילן וויל איך אײַך, מײַן פֿאַרלאָרענער פֿרײַנט, מיט מײַן הײַנטיקן

בריוו פאַרליר איך דאָך אײַך אַף שטענדיק, אויסהיילן פון אײַער אײַנגעשמועסטער ליבע. איר טאָרט ניט נעמען אזא איינע, ווי איך. טראַכט ניט וועגן מיר ווי וועגן א שיינער. מ׳עס בין איך, צעטראָטן.

דער שיינער מין... דער שוואַכער מין... א פאַרשאָלטענער מין זײַנען מיר. פרויען, ווײַבער... אין צײַטן פון קאַטאַסטראָפעס פאַרפאַלגט אונדז, ווי א קלאַלע, אונדזער ווײַבלעכקײַט. אין א מיסט־גרוב פאַרוואַנדלט זי אונדז, אין אַן אַפּטריט פאַר כײַעס־ראָעס.

ווידער דריי איך זיך אַרום־און־אַרום, און איר קאָנט עס פאַרשטיין אזוי, אז איך פאַרענטפער זיך. ניין, ניין, איך רעד זיך פּאַשעט אַראָפּ פון האַרצן פאַר אײַך, דעם ערשטן און דעם לעצטן, ווײַל ווי כאַזערט מען עס אַלץ איבער א צווייט מאָל? און שרײַבן שרײַב איך דאָך סטאַם אזוי, אין דער וועלט אַרײַן, איך וועל דאָך אײַך קיינמאָל ניט זען. איך מעג אַפילע טראַכטן, אז איך שרײַב עס גאָר פאַר זיך אַליין. דאַרף דאָך זײַן אַלצייגס, וואָס צו שרײַבן. איז מיר טאַקע אַלצייגס. פאַר זיך אַליין זאָל איך זיך שעמען? פאַר זיך האָב איך זיך שוין אָפּגעשעמט. בעקיצער, איצט אַף אַן עמעס בעקיצער...

אין אַוונט פונעם זיבעטן טאָג קומט אַרײַן מײַן וואַכמאַן, און איידער איך באַווײַז עפּעס צו באַנעמען, שערט ער מיר אָפּ די נעגל פון די הענט, טיף, קימאַט ביז אין פלייש אַרײַן. דערנאָך נעמט ער מיך אַן פאַר א האַנט און פירט אַוועק נאָך זיך. איין צימער גייען מיר דורך אײַנדערפינצטער, דערנאָך, ווײַזט אויס, א קיך, מיט געקעכטס האָט דאָרט געשמעקט. נאָך א צימער, אויך ניט קיין באַלויכטענער... א לײַכטער שטויס, עס עפנט זיך פאַר מיר א טיר. א שאַרפע שײַן וואַרפט מיך שיר ניט אום פון די פיס. איך פאַרזשמורע די אויגן. און ווען איך האָב זיי געעפנט, האָב איך דערזען פאַר זיך דעם, פאַר וועמען מע האָט מיך געפּאַשעט. ער איז געשטאַנען אַנטקעגן מיר, אַן אויסגעגלײַכטער, אַן אויסגעצירטער אין אַלע זײַנע קרייצן און בליאַכעס, ווי אַף א מיליטערישן פּאַראַד, און קאַלטבלוטיק מיך באַטראַכט. פּלוצלינג, אָן א וואָרט צו זאָגן, אַלץ מיטן זעלבן שטיינערנעם פּאָנעם, האָט ער מיך אַרײַנגעכאַפּט אין זײַנע אָרעמס און א שלײַדער געטאָן אַפן געלעגער. ווי פון דער זײַט האָב איך דערהערט מײַן פאַרצווייפלטן גוואַלד־געשריי: „ראַטעוועט!״ און מײַנע נעגל האָבן זיך א גליטש געטאָן איבער זײַנע באַקן. טאַקע נאָר א גליטש. איך האָב דאָך קיין נעגל שוין אַפילע ניט געהאַט. עפּשער האָב איך דאָך דעם שטיינערנעם פּאַרצעף עטוואָס קאַליע געמאַכט, א שטיקל דראַפּ איבערגעלאָזט, דאָס ווייס איך ניט, ווײַל פון דער רעגע אָן האָב איך אים שוין מער ניט געזען, כאַטש... וועגן דעם וועל איך נאָך דערציילן. מוט, מוט... צו וועמען איז געווען מײַן רוף? אויסער דעם אַפּיצער און זײַן שאַפער האָט פון מיר מיסטאַמע קיינער ניט געוווּסט. און דאָך האָט מען מײַן געשריי ניט געוואָלט דולדן. דאָס זעלבע מײַנע נעגל, די אָפּגעשאָרענע ביז אין פלייש אַרײַן. א שמאַטע האָט מײַן געשריי פאַרטויבט, א שטריק האָט מײַנע הענט געליימט. א געבונדענע בין איך געלעגן אַף דער ווייכער זויבערער בעט. און ליכטיק איז אין צימער געווען. א געגנעמדיקע ליכט האָט מיר געשלאָגן גלײַך אין די פאַרמאַכטע אויגן אַרײַן. פאַרמאַכטע, ביזן סאָף פאַרמאַכטע...

אָט דאָ, ווען איך בין נאָך ביז איצט אַן איידל קינד, וואָלט איך געמעגט זיך אָפּשטעלן. ווערטער, אָן א שיר ווערטער האָבן מענטשן אויסגעטראַכט. אַלץ האָט א נאָמען. וואָלט איך דאָ געקאָנט אָפּצייכענען גאַנץ איינפאַך, ווי אין א פּראָטאָקאָל: „א ייִדיש מיידל, קיין צוואַנציק יאָר ניט אַלט, איז פאַרגוואַלדיקט געוואָרן פון א דײַטשישן אַפּיצער״. אָט אזוי רופט זיך דאָס אָן. קיין איבעריקן רוישעם וואָלט אזא אָפּצייכענונג ניט געמאַכט. מיט קיין צוועלפיאָריקע איז עס דען ניט געשען? פיל ערגערס איז געשען. איך לעב דאָך, ווי איר זעט.

ווען מע פאַרגוואַלדיקט, מע שיסט, מע פאַרסאַמט, מע הענגט מיליאָנען, האָט עס א נאָמען פאַר די זײַטיקע, זאָל זײַן פאַר די שויפטים, פאַר די אַלע, וועמען מע האָט ניט פאַרגוואַלדיקט, ניט דערשטיקט, ניט געהאַנגען... יעדערן באַזונדער אָבער, איבער וועמען דער גוואַלדטאַט ווערט אָפּגעטאָן, איז ווייניק אים אָנצורופן באַם נאָמען. ער, ער דער איינציקער, האָט עס איבערגעלעבט, אַף זײַן אויפן. אַנדערש ווי ווער־ניט־איז. סײַ גליק, סײַ אומגליק האָט באַ יעדן איינעם זײַן אייגן פּאָנעם. דעריבער איז נאַריש א געליטענעם צו טרייסטן מיט ווערטער, אז ער איז ניט דער ערשטער, ער איז ניט דער לעצטער... ס׳איז שוין עפּשער גרויסמוטיקער זיצן א ביסל באַנאַנד מיטן געליטענעם און מיט פאַרשטענדעניש שווײַגן. נאָר פאַר מיר טויג אויך דאָס ניט.

האָלעמײַ האָב איך אײַך צוגעזאָגט צו מאַכן עס בעקיצער? זעט איר דאָך, מיר איז ווייניק אָנצורופן באַם נאָמען דאָס, וואָס עס האָט מיט מיר געטראָפן. איינצלהײַטן, איינצלהײַטן. אַף צולאָכעס זיך אַליין און אַף צולאָכעס אײַך. אײַך? איר זײַט דאָך גאָט די נעשאָמע שולדיק. טו איך עס מער צוליב זיך. איך וויל, איר זאָלט מיך לאָזן צורו. נאָר אינדערעמעסן שרײַב איך דאָס פאַר זיך. איך האָב דאָך אײַך געזאָגט... ס׳איז דען א בריוו? א טאָגבוך איז עס. מער ניט, וואָס

אפֿן קאָנווערט וועל איך אופֿשרײַבן אײַער אדרעס. נאָר גלייבט מיר, איצט, ווען איך קום שוין צו צום איקער, גייט איר מיר שוין אינגאַנצן ניט אָן.

איך האָב געהערט, ווי ס'האָט א סקריפּע געטאָן דער רימען פֿון זײַן מיליטערישן פּאַס, און די ספּראָנזשקע האָט מיט א שטילן קלונג אָנגערירט דאָס ווענטל פֿון א שטול. איך האָב געהערט, ווי ער טוט זיך אויס ביז נאַקעט, מײַן פּײַניקער. ניט געײַלט, געלאַסן. א שווערער גוף איבער מיר... און צונויפֿגעגאָסן בין איך געוואָרן מיטן דאָזיקן גוף... איינס זײַנען מיר געוואָרן, איך און מײַן פּײַניקער... איין גוף, וועט איר זאָגן, איז נאָך ניט איין נעשאָמע. דער גוף, וועל איך אײַך ענטפֿערן, איז א מאַמאָשעס, און די נעשאָמע... ווו איז אין די מינוטן געווען מײַן נעשאָמע? א נעשאָמע לאָזט זיך ניט אָנקוקן... א ווייטעק אין מײַנע אינגעווײדן איז געווען, און א פֿרייד־אויסגעשריי האָט ווי מיט אָקרעפּ מיך אָפּגעבריט: „זע, ביסט דאָך טאַקע א מוידז!". און טייקעף א ריטשע: „די אויגן עפֿן! שוין! באַלד!" ער טוקט זיך אין מײַן לײַב, אין מײַן בלוט, און די גראָבע פֿינגער זײַנע דריקן אַף מײַנע אויגן־לעפֿלעך. עס ברעכט מיר דער קאָפּ. עס רוישט אין די אויערן. נאָר די אויגן מײַנע בלײַבן געשלאָסן.

— וועסט עפֿענען די אויגן, צי ניין? איך וועל זיי דיר אויסשטעכן.

דערנאָך האָט ער מיך פֿאַנאַנדערגעבונדן, און א נאַקעטע, מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, בין איך ארויסגעשטויסן געוואָרן פֿון צימער. הינטער דער טיר האָט אַף מיר שוין געוואַרט דער שאָפֿער. שווײַגנדיק אָנגענומען פֿאַר א האַנט, אוועקגעשלעפּט צוריק אין מײַן קוב ארײַן און פֿאַרשוווּנדן. אין א ווײַלע ארום ווידער געעפֿנט די טיר און א שלײַדער געטאָן אפֿן געלעגער מײַן אָנטאָן. אַט אין יענער נאַכט האָב איך פֿאַרשטאַנען, אז ניט שטענדיק איז זעלבסטמאָרד א פֿאַרברעכן. קיין זעלבסטמאָרד האָט מען מיר דאָ אָבער ניט פֿאַרגונען. אַלץ איז געווען באַוואָרנט. גלאַטע, טויטע ווענט. ניט קיין טשוואָק, ניט קיין האָק. ניט קיין גאָפּל, ניט קיין מעסער. ווענט אָן א פֿענצטער אַף צו אראָפּוואַרפֿן זיך אין דער נידער. סײַדן מיט די הוילע הענט זיך דערשטיקן. ווענט, גלאַטע ווענט. צו וואָס האָט אזא קעמערל געקאָנט דינען די מענטשן, וועלכע האָבן פֿריִער באַוווינט דאָס הויז? מיסטאָמע האָבן דאָ נאָרמאַלע מענטשן געלעבט. עפּשער זײַנען דאָ שטרענגע ביכער־שאַפֿעס געווען אויסגעשטעלט באַ די ווענט, און עפּשער האָבן זיך דאָ ניט נייטיקע כפּייצים געוואַלגערט, אזעלכע, וואָס זאַמלען זיך אָן בעמעשעך פֿון יאָרצענדליקער קימאַט אין יעדן הויז. אזוי טראַכט איך מיר, איך ווייס אליין ניט צוליב וואָס, ווײַל וואָס האָט מיר שוין געקאָנט אָנגיין די נייטיקײַט אָדער ניט נייטיקײַט פֿון מײַן קוב פֿאַר די פֿריִערדיקע באַלעבאַטים. און אזוי טראַכטנדיק, גיב איך זיך אומגעריכט פֿאַר זיך אליין א צעיאָג און א טראַסק מיטן קאָפּ אָן דער וואַנט. א שטאַרקער שאַרבן באַ מיר. בלויז דאָס באַוווסטזײַן אַף א ווײַלע פֿאַרלאָרן. און עפּשער האָב איך אים גאָר אין דער ווײַלע געפֿונען. ווײַל צו מײַן געלעגער האָב איך זיך דערשלעפּט קימאַט א באַרויִקטע, מיט א זיכערקײַט, איך ווייס ניט פֿונוואַנען האָט זי זיך צו מיר גענומען, אז אויב מיר איז באַשערט אומצוקומען, וועל איך יענעם, מיטן שטיינערנעם פּאָנעם, מיט זיך מיטשלעפּן.

די ערשטע נאַכט איז אדורך. א סימען, מײַן וואַכמאַן האָט מיר געבראַכט פֿרישטיק, דאָס מאָל בלויז א מאַנע־קאַשע און א טעפּעלע קאַווע. איך האָב זיך צום עסן ניט צוגערירט. האָט דער וואַכמאַן, אַט דער מיטליאָריקער מענטש מיט די מידע אויגן, אַף וועלכן עס האָט עפּשער אין דער היים געוואַרט א טאָכטער אין איין עלטער מיט מיר, גענומען מיך שפּײַזן מיט גוואַלד. איך האָב אים געשפּיגן אין פּאָנעם ארײַן מיט אין סלינע צעווייקטער קאַשע, און ער האָט געדולדיק געשטופּט זי מיר צוריק אין מויל ארײַן. און קאַווע געגאָסן אין גאָרגל, איך זאָל וואָס מער אײַנשלינגען. מיִעס, האַ? איך פֿיל, ווי מײַן אייגן פּאָנעם קרימט זיך פֿון עקל צו דעם, וואָס איך באַשרײַב דאָ. אָט דאָס וויל איך דאָך טאַקע. איך האָב דען אײַך צוגעזאָגט שיינס צו באַשרײַבן? מיִעס, אוודע מיִעס. אַלץ איז דאָ מיִעס. איך האָב אײַך געוואָרנט...

דרײַ טעג זײַנען פֿאַרגאַנגען, דרײַ נעכט. יעדע נאַכט — א שמאַטע אין מויל, יעדע נאַכט — מיט שטריק געבונדן. דער פּײַניקער לעסטערט מײַן לײַב, און ס'איז אים נאָך קנאַפּ. איך זאָל קוקן אַף אים, פֿאַרלאַנגט ער. ער דריקט אַף מײַנע אויגן־לעפֿלעך, ער צופּט מיר די וויִעס און ריטשעט: „די אויגן, זאָג איך דיר, עפֿן! עס שטייט דיר ניט אָן צו קוקן אַף א דײַטשישן אָפֿיצער? כאַ־כאָ, דו וועסט שוין קוקן. אַף א צענדליק סאָלדאַטן וועסטו קוקן. פֿון אונטן ארויף. איך וועל דיך שאַנעווען, מיינסטו?" ווען ער ווייסט, ווי עס פֿרייען מיך זײַנע רייד. מײַן געוועזער פֿאַרוווּנדעט אים, איז דאָך גוט. מײַן איינציק געווער, די געשלאָסענע אויגן.

די פֿערטע נאַכט האָט ער שוין ניט געריטשעט, נאָר געבעטן זיך. געבעטן זיך פֿאָרויס, באַך איידער וואָס ווען:

— איך וועל דיך אָפּגילטן פֿון קאָפּ ביז די פּיס. וואָס מאַכסטו זיך נאַריש? ס'איז שוין נישט

צום מאכן. זײַ מײַן געליבטע. איך וועל דיך ארויספירן קיין דײַטשלאנד. כ׳וועל זאָגן, אַז איטאליענערן ביסטו. נאָר ווײַז מיר די שיינע אויגן דײַנע, ווען איך געניס פון דיר.

מײַנע אויגן זאָלן אַף אים קוקן, האָט ער נייטיק געהאט. איך פאַרשטיי ביז איצט ניט, וואָס פאַר א כילעק איז אים געווען, צי שיינע זײַנען זיי, צי מיִעסע. ער האָט געהאט די ברייירע צו פאַרלעשן די ליכט, וואָלטן מיר זיך אויסגעגלײַכט. ער וואָלט ניט געזען, פון וועמען ער „גערביסט". וואָס איז די נאַפּקעמינע? נאָר זעט איר דאָך... יענע נאַכט איז ער ארויס פון די קיילים און צעפּאַסעוועט מיך מיט זײַן רימען.

אַף מאָרגן אינדערפרי האָט זיך בא זיי אָנגעהויבן די מעהומע. איך האָב, פאַרשטייט זיך, קיין אנונג דערפון ניט געהאט. ערשט שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז צום סאָף פון יענעם טאָג איז די שטאָט שוין געווען אינגאנצן אָפּגערייניקט פונעם דײַטשישן מיליטער. צום ערשטן מאָל איז מײַן פּײַניקער אליין ארײַן צו מיר אין קעמערל. איך האָב פאַרמאַכט די אויגן.

— אידיִאָטקאָ! — האָט ער בייז א שיפּע געטאָן אַף רוסיש.

ער האָט מיך ארויסגעשלעפּט אין דרויסן, ארײַנגעשלײַדערט אין זײַן מאַשין און אוועקגעיאָגט מיט א מוירעדיקער שנעלקײַט. ווו איז אהינגעקומען זײַן שאָפער, מײַן טרײַער שוימער, ווייס איך ניט. דער אָפיצער האָט אליין געפירט די מאַשין. שוין לאָזנדיק זי אין פולן גאנג און אַף דער העכסטער שנעלקײַט, האָט ער זיך געכאַפּט, א דריק געטאָן אפן טאָרמאָז און פאַרבונדן מיר די הענט אַף אהינטער. און מיר איז מאָדנע פריילעך. איך האלט זיך קוים אײַן אַף ניט אויסצושרײַען: „אליין אַן אידיִאָט! וועגן מײַן מויל האָסטו פאַרגעסן..."

פאָרן מיר. ער באַם רול, און איך הינטער זײַנע פּלייצעס מיט געבונדענע הענט. די אויגן זײַנען שוין בא מיר אָפן. נאָך א מין אָפן. אלע כושים זײַנען בא מיר געווען אָפן. מיר טראָגן זיך פאָרויס, און בײַשטאָטישע הילצערנע שטיבער טראָגן זיך אונדז אנטקעגן. איך דערקען זיי. איך פאַרשטיי: מיר פאָרן אויסער דער שטאָט. איך ווייס נאָך ניט צוליב וואָס. עפּשער קלײַבט ער זיך גאָר מיך צו דערשיסן הינטער דער שטאָט? און דאָך איז מיר גוט אפן הארצן. איך ווייס, אַז ווי עס זאָל זיך ניט מאכן, נאָר אין יענעם קעמערל וועל איך זיך שוין מער ניט אומקערן. און ער אויך. ער וועט זיך שוין מער ניט אומקערן אינעם געראַמען צימער מיטן גענעמדיקן ליכט און וועט מער שוין פון קיינעם גאָרנישט „געניסן". א געלער פאַרוואָקסענער נאַקן פאַר מיר. ניט קיין זייף, ניט קיין גאָלמעסער האָט אים הײַנט ניט באַרירט. אַזא נאַקן, אַן א סימען פון גלאַנץ, איז א קאַטאַסטראָפע פאַר א דײַטשישן אָפיצער. דער טויט האָט זיך פאַרטײַעט אין דער געלער געדיכטעניש. און ווי עמעצער וואָלט מיר אין אויער אײַנגערוימט: „די שאָ האָט געשלאָגן", האָב איך מיטן גאַנצן גוף א וואָרף געטאָן זיך פאָרויס און אײַנגעביסן זיך מיט די ציין אינעם האָריקן נאַקן, וואָס פאַר מיר. און מער געדענק איך גאָרנישט.

אין עטלעכע שאָ ארום האָט לעאָניד טשיסטיאַקאָוו צופעליק אָנגעשטויסן זיך אַף מיר. איך בין געלעגן אין א קאַליוזשע בלוט בא דער זײַט פון אַן איבערגעקערטער מאַשין. אינווייניק איז מיטן קאָפּ אַף דעם רול געלעגן א טויטער דײַטשישער אָפיצער. דאָס האָט מיר דערנאָך דערציילט לעאָניד. ער האָט מיך אַף די הענט אוועקגעטראָגן אין שפּיטאָל. און ווען איך בין צו די קויכעס געקומען, מיט ארבעט און מיט אַן אָרט אין צוזאַמענוווינונג באַזאָרגט.

איך פאַרענדיק מײַן בריוו און איך טראַכט בייסמײַסע: ווי גרויזאַם עס זײַנען טיילמאָל גוטע מענטשן. יאָ, גוטע. צי ווייסט איר, וואָס פאַר אַן אומרעכט איר זײַט קעגן מיר באַגאַנגען? איר האָט מיך געצווּונגען קעגן מײַן ווילן אומקערן זיך אין געדאַנק צו דעם, וואָס איך גאָר צו פאַרגעסן און אלציינס טאַטשעט עס מיך טאָג און נאַכט, נאָגט אויס דעם מאַרך פון די ביינער. בעט איך אײַך: „לאָזט מיך צורו". איך האָב דאָ מײַן ווינקל. איך ארבעט. איך טראַכט אפילע וועגן לערנען זיך. נאָר קוים וועט איר מיך אויך ווײַטער פאַרפאָלגן מיט אײַערע בריוו, וועל איך מוזן פונדאַנען אנטלויפן. ווידער לאָזן זיך אין ערגעץ, ווו קיינער קען מיך ניט, קיינער ווייסט מיך ניט. פאַרגעדענקט, אומגליקלעך בין איך טאַקע, נאָר אין קיין ראַכמאָנעס נייטיק איך זיך ניט. איך האָב שוין פון לאַנג בא זיך געפּויעלט אויסצולעבן מײַנע יאָרן אין איינזאַמקײַט. דאָס, וואָס מענטשן רופן אָן מיטן נאָמען „פּערזענלעך גליק", איז פאַר מיר אויסגעשלאָסן. איך גלייב, אַז עס זײַנען נאָך דאָ אנדערע גליקן אַף דער וועלט. איינס איז מיר קלאָר: ניט קיין ווײַב, ניט קיין מוטער וועל איך קיינמאָל ניט זײַן. כ׳וועל אײַך זאָגן נאָך מער. מענער זײַנען מיר דערווידער. אלע. אָן אויסנאַם. מיר דוכט, זיי קוקן אלע אַף מײַנע נאַקעטע פּיס, ווי יענער מענוּוול, ווי מיסטאַמע לעאָניד. און, איך בעט טויזנט מאָל מעכילע, איר געהערט דאָך אויך צום מענלעכן מין, איז אין אײַער בליק אויך דאָ עפּעס אַזוינס. איך וויל ניט, איר הערט, איך וויל ניט, עמעצער נאָך זאָל אַף מיר אַזוי קוקן.

און דאָך... מיט פרײַנטשאַפט

י ו ד ע ס.

פּ. ס. מיר קומט אָפּט אויפֿן זינען, אַז יענער, וועמען אײַער שוועגערן זאָיע האָט געזען באַנאַנד מיט לעאָנידן אין אַ מאַשין, איז דער זעלבער, וואָס איז מיר אַזוי ביטער באַקאַנט. די סימאָנים פֿאַלן צונויף. יאָ, וועגן זאָיען... איך האָף, אַז איר וועט אויף מיר ניט פֿאַריבל האָבן, אויב איך וועל אײַך דערמאָנען וועגן אַן אַלטן ייִדישן מינהג: אויב עס שטאַרבט אַן עלטערער ברודער, דאַרף דער ייִנגערער נעמען זײַן אַלמאָנע פֿאַר אַ ווײַב.

ד י ז ע ל ב ע.

■

צײַט יודעס האָט פֿאַרלאָרן איר היים, האָט זי פֿון קיינעם קיין בריוו ניט באַקומען און קיינעם קיין בריוו ניט געשריבן. אוועקגעשטעלט די לעצטע צוויי ווערטער „די זעלבע", האָט זי פֿאַרוווּנדערט אָנגעקוקט די צוואָרפֿענע איבערן טיש פֿאַרשריבענע צעטלעך. צוויי שילער־העפֿטן אויסגעשריבן. אַריפֿמעטיק־העפֿטן מיט קעסטעלעך־קוואַדראַטן. קיין אַנדער פּאַפּיר האָט זי ניט געהאַט. קינדער לערנען זיך כּעזשבענען אין אַזעלכע העפֿטן: צוויי מאָל צוויי איז פֿיר. אַזוי קומט עס אַרויס בײַ די קינדער. און בײַ איר, בײַ יודעסן, וויפֿל איז צוויי מאָל צוויי? עפּשער זיבן, עפּשער אַכט. בײַ איר איז אַלץ קאַפּויער. מע וואָלט געדאַרפֿט איבערלייענען פֿאַר זיך דעם בריוו פֿאַרן אוועקשיקן. אָבער אויב זי וועט אים איבערלייענען, וועט זי אים ניט אוועקשיקן. זי האָט שנעל צונויפֿגעזאַמלט די פֿאַרשריבענע צעטלעך, צוויי מאָל איבערגעבויגן, אַרײַנגערוקט אין אַ גרויסן קאָנווערט מיט אַן אָפּיציעלן שטאַמפּ פֿון אויבן, אויף דער אַרבעט האָט זי דעם קאָנווערט גענומען, אַ לעק געטאָן מיט דער צונג און פֿאַרקלעפּט. „ער זאָל נאָר ניט נערטראַכטן, אַז איך פֿאַרענטפֿער זיך". זי האָט דערשראָקן אַ קוק געטאָן אויפֿן קאָנווערט, אין וועזער אײַלעניש אויפֿגעשריבן באָרעכס אַדרעס און, ניט איבערלאָזנדיק זיך קיין צײַט אויף צו באַקלערן זיך, וואָס זי טוט, אוועק אויף דער פּאָסט.

■

פֿון באָרעך הורוויטשן צו יודעס ראָזנבליט
10 דעקאַבער 1946

טײַער קינד, באַאוולטע שוועסטער מײַנע!

איך וועל אײַך מער ניט פֿאַרפּאָלגן מיט קיין בריוו. איך וועל אײַך ניט אָנבינדן מײַן ליבע. איך שרײַב אײַך נאָר דערפֿאַר, ווײַל איך וויל, איך מוז אײַך זאָגן: ריין זײַט איר. ריין און צאַרט, ווי אַ טויב. פֿון יעדער שורע אין אײַער בריוו, מיט וועלכן איר האָט געמיינט זיך צו פֿאַרמיִעסן, קוקט אַרויס אײַער ריינקייט און צאַרטקייט. נאַריש, פֿאַרבלאָנדזשעט קינד וואָס איר זײַט, צי דען קאָן צו אַזאַ, ווי איר, צושטיין שמוץ? אַזעלכע, ווי איר, קומען אויף דער וועלט, קעדיי צו באַשײַנען זי. איר זײַט שלאַנק, ווי אַן אינד. און די אויגן אײַערע... זיי האָבן מיך איבעראַשט נאָך דאַן, ווען איך האָב אײַך דאָס ערשטע מאָל דערזען. נאָר ערשט איצט האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז אויך אויגן פֿאַרמאָגט איר פֿון אַן אינד, פֿון אַ פֿאַרוווּנדעטער אינד, וואָס די קויל האָט זי געטראָפֿן אינעם סאַמע פֿריידיקן לויף. טרויסט איך: זאָל די וווּנד פֿאַרהיילט ווערן. איר וועט נאָך געוויס עמעצן באַהעלן מיט דער שײַן פֿון אײַערע אויגן. טאָ לעשט זיי ניט. מיטן גנאָד פֿון דער נאַטור שײַנען זיי. ווי איך האָב פֿאַרשטאַנען פֿון אײַער בריוו, איז ניט מיר באַשערט די שײַן. טאָ זײַט גליקלעך מיט דעם, וואָס וועט זיך נאָך געוויס טרעפֿן אויף אײַער וועג, וואָס וועט ווערט זײַן דאָס גליק מער, ווי איך.

ווו נעמט מען אַזאַ שפּרונג, וואָס זאָל אײַך צווינגען איבערצולייענען מײַן בריוו? איך שרײַב אײַך קורץ. איך וויל אײַך ניט דאָקוטשען. איר וועט נעמען דעם קאָנווערט אין דער האַנט, וועט איר באַלד דערזען, אַז קאַרג איז ווערטער בין איך. צי דען וועט איר דעם קאָנווערט ניט עפֿענען, אַ קאָנווערט מיט אַזאַ דין בריוול?

שיינהײַט מײַנע, ריינהײַט מײַנע, פֿאַרגעדענקט, אַז ערגעץ, ניט ווײַט פֿון אײַך, לעבט אַ מענטש, וועלכער האָט אײַך ליב, וועלכער איז גרייט צו וואַשן אײַך די פֿיס און טרינקען דאָס וואַסער. איר שרײַבט, אַז איך בין דער איינציקער מענטש... נאָר איך וויל ניט מיסברויכן.

כ׳וועל אײַערע ווערטער ניט איבערכאַזערן. זיי זײַנען אײַך צו גאָרנישט ניט מיסכּײַעוו. לאָזט מיר נאָר איבער א פּיצעלע האָפענונג... מער וועלן מיר וועגן דעם ניט ריידן. ניט איך, ניט איר. איך וועל וואַרטן. און טאָמער וועט איר ליב קריגן אַן אַנדערן, ניט מיך, זאָל איך זײַן דער עד־שטער, ווען איר וועט וועגן דעם צו וויסן געבן. איך וועל אײַך בלײַבן א טרײַער ברודער און פרייען זיך מיט אײַער פרייד. נאָר שרײַבט מיר. שרײַבט אַזוי, פּונקט ווי קיין איין וואָרט פון ליבע איז צווישן אונדז ניט געזאָגט געוואָרן. הײַנט אָבער נעם איך זיך דאָס רעכט ניט איבערלאָזן ניט קיין דערזאָגטס, פון מײַן זײַט געוויינלעך. איך האָב דיך ליב, יודעס! ווי א ליכטיקער שטערן לײַכט מיר דײַן געשטאַלט פונדערווײַטנס. הייליק איז פאר מיר יעדעס קוטשערל אַף דײַן קאָפּ... און דײַן שווײַגן, דײַן איידעלע שטילקײַט... פאַרקישעפּט האָסטו מיך, יודעס. און איצט, ווען דו האָסט פאר מיר געעפנט דײַן פאַרביטערט האַרץ, ווייס איך שוין גאָרניט, וויאַזוי איך זאָל לעבן אָן דיר.

שרעקט זיך ניט, יודעס טײַערע, מער וועל איך אײַך אַזוי ניט שרײַבן, אויב... איר וועט עס ניט וועלן. ווי שווער עס זאָל מיר ניט אָנקומען, וועל איך האַלטן וואָרט. נאָר שרײַבן וועל איך אײַך אײַנגעהאַלטן, געוויגן און געמאָסטן, ווי אַן אַלטער בוכהאַלטער, אַן אויסגעטריקנטער איבער זײַנע גראָסביכער. נאָר גיט מיר פון זיך צו וויסן. דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס איך נעם אַף זיך די האָזע אײַך צו בעטן.

צי וועט איר עפענען, צי וועט איר לייענען מײַן בריוו...

אײַער פרײַנט, אײַער ברודער
באָרעך

מיט גיכע טריט איז באָרעך געגאַנגען אַהיים פון דער אַרבעט. יעדן אָוונט האָט ער זיך אַזוי געאײַלט פון דער אַרבעט. צום פּאָסט־קעסטל, צו דעם שפּאָגל־נײַ בלוי קעסטל אַף זײַן טיר מיט א שפּאַלט פון אויבן, מיט א קליין הענג־שלעסעלע פון אונטן. דאָס מאָל איז דאָס קעסטל ניט פּוסט געווען. א בריוו. און באַלד איז פון באָרעכן אָפּגעטאָן געוואָרן דער אימפּעט, וואָס האָט אים געטראָגן אַהיים. געלאַסן געעפנט די טיר, מיט א שווער געוואָרענעם טראָט אַרײַן אין שטוב, אײַנגעשלאָסן ליכט. איר האַנטשריפט. יודעסעס. ער האָט א ווײַלע געוויגן אַף זײַן היפּשער דלאָניע דאָס דינע בריוול. געכאַפּט זיך — ניטאָ קיין צוריק־אַדרעס. א ריס געטאָן פון אויבן דעם קאָנווערט. דאָרט איז געלעגן אַן אופגעעפנטער זײַן, באָרעכס, לעצטער בריוו און א קליין צעטעלע פון יודעסן: „אַזוי קאָן ניט זײַן! איך פאָר אַריבער אין אַן אַנדער שטאָט. איך בעט אײַך, זוכט מיך ניט.

אײַער דאַנקבאַרער פרײַנט
יודעס".

א מעוווּלוועלער האָט באָרעך, אַלץ שטייענדיק, אָנגעקוקט דאָס צעטעלע. און מיטאַמאָל, ניט גלייבנדיק זיך אַליין, אַרויסגערעדט אַף א קאָל: „זי האָט מיך ליב. וואָס האָט זי געהאַט צו אַנטלויפן, ווען זי וואָלט זיך ניט געשראָקן פאר איר אייגענער ליבע?". ער האָט זיך צוגע־זעצט צום טיש, ניט אַרויסלאָזנדיק דאָס צעטעלע פון דער האַנט: „אַזוי קאָן ניט זײַן". זײַנע דיקע ליפּן האָבן זיך צעשמייכלט: „גערעכט. אוודע קאָן אַזוי ניט זײַן. זי דאָרט, איך דאָ. צוזאַמען וועלן מיר זײַן, יודעס, צוזאַמען. אָט א נאַריש קינד. זי וויל מיר אײַנשמועסן, אַז אַזוי לײַכט פאָרט מען עס אַריבער אין אַן אַנדער שטאָט. דאָס ערשטע מאָל מיסטאַמע אויך ניט גרינג אָנגעקומען. א ווינקל אין א נײַעם באַראַק זיך אויסגעזוכט... אָט האָסטו דיר אַן אַנדער שטאָט... און טאָמער איז זי אַף אַן עמעס אוועקגעפאָרן? — איז ער אומרויִק געוואָרן און באַלד זאָרגלאָז א מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — אַלציינס וועל איך זי געפינען. וווּ זי זאָל זיך פון מיר ניט אויסבאַהאַלטן. זי וויל דאָך, זי וויל, איך זאָל זי געפינען".

ניט געווען, דאַכט זיך, אַזוינס אין דער וועלט, וואָס זאָל אין דער רעגע פאַרומערן באָרעכס געמיט. נאָר פּלוצלינג האָט אין אים זיך אָפּגערופן מיט א כליפּ: „דינעלע, דינע, מײַן דינינקע דינע". דאָס ערשט שמייכלענדיקע פּאָנעם איז פינצטער געוואָרן, און די געדאַנקען זײַנען אוועקגעשוווּמען אין א נײַער ריכטונג. מיט דינען האָט ער זיך איצט דורכגעשמועסט, באָרעך, ווי שטענדיק געהאַלטן זיך מיט איר אַן אייצע, ווי ס׳איז געווען בא זיי אײַנגעפירט די אַלע זעקס יאָר, וואָס זיי זײַנען געווען צוזאַמען. „דאָס, וואָס איך קלײַב זיך איצט צו טאָן, איז פאַראַט, הא, דינע? אויב דו זאָגסט „פאַראַט", איז פאַרפאַלן, וועל איך ניט ברעכן דײַן ווילן. ווײַל איך האָב דיך ליב. דו לעבסט, דינע. אין מיר לעבסטו. און איך בענק נאָך דיר. איך געפין זיך קיין אָרט ניט פאר בענקשאַפט. ווען מיר קענען זיך זען, דינע... דינעלע, דינע, מײַן דינינקע דינע...

און ווי וואָלט געווען, ווען עס מאכט זיך פאַרקערט? וואָלסטו אפֿן גאַנצן לעבן פֿאַרבליבן אַליין? עס קאָן זײַן. אַלנפֿאַלס, גיכער, ווי איך. זעסט דאָך, איך בין פֿאַרליבט. מאָדנע, אַז דיך האָב איך ליב, אַז יענע. בײַ דיר וואָלט אַזוי ניט געקאָנט זײַן. דו ביסט שטענדיק געשטאַנען העכער פֿון מיר, דינע. אָבער טאָמער פּאַרט וואָלסטו עמעצן ליב געקראָגן, אַן אַנדערן? וואָלט איך, דער שאָטן, ווען אַפֿילו אַ הייליקער שאָטן, דיר פֿאַרטונקלט דײַן ליבע?"

צו זײַן גרויסער פֿאַרווּנדערונג, איז באַרעך אויפֿגעטרייסלט געוואָרן פֿון אײַפֿערזוכט. ער האָט ביז ווייטעק געייפערט דינען צו דעם אַנדערן, וועלכן זי וואָלט ליב געקראָגן, ווען ער, באַרעך, וואָלט שוין ניט געווען צווישן די לעבעדיקע. זײַן מויעך האָט געפֿיבערט: איז פֿאַרוואָס קומט עס יענער, דער אומגליקלעכער, דער באַוואָלטער, איר ליבע זאָל באַשאַטנט ווערן? און דאָך האָט באַרעך געוווּסט, אַז ווערן זיך קעגן דער נײַער ליבע איז ער ניט בכּוח. ער וועט נאָכגיין יודעסן כאָטש אפֿן אַנדערן עק וועלט. ער וועט זי זוכן און געפֿינען.

באַרעך האָט געטראָפֿן. יודעס איז אין ערגעץ ניט אוועקגעפֿאָרן. ווי נאָר ער האָט זיך עס דערוווּסט, האָט ער זיך אויף עטלעכע טעג אָפּגעבעטן פֿון דער אַרבעט. מיט אַ פּאָר שאַ שפּעטער איז ער שוין געזעסן אין עם פֿול־געפּאַקטן צוג, וואָס האָט מיט אַ פֿאַרשײַטן פּײַף און אַ טראַסקערײַ לאַנגזאַם געפֿויזעט. אָפּגעשטעלט זיך אויף אַלע קלענערע און גרעסערע סטאַנציעס, קיין איינע ניט דורכגעלאָזט. און ווידער אַ פּײַף און אַ טראַסקערײַ, און אַ נײַע פּיצל סטאַנציע. צוגעפֿויזעט. באַרעך איז געזעסן אויף דעם זײַטיקן בענקעלע בײַם פֿענצטער, פֿאַרזונקען אין בענקשאַפֿט. נאָך וועמען?

געקומען פון די פראָנטן...

עס איז געוואָרן 80 יאָר, זינט ס'איז געבוירן געוואָרן דער סאָוועטישער ייִדישער דיכטער אווראָם שויכעט, איינער פון דער באַוווסטער קיִעווער יונגער פּלעיאַדע פּאָעטן, וועלכע האָבן געשאַפן די גרופּע „ווידערוווקס". מיט דרײַסיק יאָר צוריק, אין אָקטיאַבער 1941, איז דער דיכטער העלדיש אומגעקומען אפן שלאַכטפעלד אין די שווערע קאַמפן מיט די אָנגרײַפנדיקע פאַשיסטישע כאַיאָלעס.

אווראָם שויכעט איז געקומען אין דער ייִדישער ליטעראַטור, ווי א ריי אַנדערע מיטצײַטלער זײַנע (קושניראָוו, פעפער און אַנד.), פון די פראָנטן פונעם בירגערקריג. זײַן ערשטע און... לעצטע זאַמלונג לידער איז דערשינען אין דער פּאָפּולערער סעריע צוזאַגנדיקע ביכעלעך פונעם ליטעראַטן־פאַרלאַג „לירִיק" (נומ. 3, קיִעוו, 1922).

די דאָזיקע קליינע זאַמלונג טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פון יענער צײַט און פון דער אינדיווידועלער דערפאַרונג פונעם דיכטער־פראָנטאָוויק, וועלכער האָט זיך נאָרוואָס אומגעקערט פונעם אָנגריף קעגן ווראַנגעלן.

„אָנגריף" — אַזוי הייסט די זאַמלונג. שוין דער נאָמען אַליין גיט אונדז דײַטלעך אָנצוהערן, וועגן וואָס עס גייט א רייד:

עס שפּאַנען כאַיאָלעס...
און איינער, ווי אַלע,
און אַלע, ווי איינער, —
אַקסלען
מיט ביקסן
באַוואָקסן...

דאָס זײַנען לידער וועגן דעם אָנגריף אויף פּערעקאָפּ, וואָס איז געוואָרן א טעמע פון נאָך א ריי ייִדישע סאָוועטישע דיכטער. שויכעטס לידער זײַנען אייגנאַרטיקע. זיי טיילן זיך אויס מיט אן אײַנגעהאַלטענער, רויקער אינטאָנאַציע. דאָס זײַנען באַם דיכטער די ערשטע „לעבנס־שפּורן", וועלכע זײַנען אַרײַן „אין גרויסן פּלייץ פון רעגנדיקער צײַט":

פון וואָכן וואָגלעניש,
פון קעלט,
פון לעצטן זידל
זעצט זיך אָפּ
אויף הוילן דיל
מײַן גאָב —
א לידל...

דאָוויד האָפשטיין, אין זײַן פאָרוואָרט צום דאָזיקן ביכעלע, פרווט פעסטשטעלן די סיבע, פאַרוואָס דאָ איז פאַראַן „אַזויפיל ליריק", פאַרוואָס אַזוי ווייניק „די אַלעמען־באַוווסטע שלאַכט־מאָמענטן און דאָס העראָישע מעסירעסנעפעש פון מאַסן", פאַרוואָס עס טרעפט זיך דאָ אַפילע דער „פרעמדער שטייגער פון אָפּגעשטאַנענעם, אין פאַרגלײַך מיטן דאָרפישן לעבן".

אווראָם שויכעט

נ. אויסלענדער באַצייכנט שויכעטס „אָנגריף" ווי א „בוך־פּאָעמע" און פרווט אין איר געפינען אייגנאַרטיקע „טעכניק", וואָס רופט בא אים אַרויס אַסאָציאַציעס מיט דער מאָלערישער קונסט: „א. שויכעט שילדערט דעם אָנגריף מיט א מין פּואַנטיליסטישער טעכניק, וואָס דאַרף אין איינצלנע פּינטעלעך־דעטאַלן אויפשטעלן א גרויס בילד". ער פאַלט אָבער „אַלע ווײַלע אַרויס פונעם טאָן און הייבט אָן ווערן „דערציילעריש"" (זש. „שטראָם", נומ. 4, 1923, ז. 90).

פון ערשטן קוק זײַנען די אָפּשאַצונגען פון שויכעטס ערשטן ביכעלע גאַנץ פאַרשיידן, אַפילע ווידערשפּרעכלעך: ד. האָפשטיין געפינט אײַן אויז באַרעכטיקט אין שויכעטס „געקייטלטע שורעס" דעריקער דאָס אינטים־לירישע, און נ. אויסלענדער, וועלכער נעמט אויף דעם „אָנגריף", ווי א „בוך־פּאָעמע", איז ניט באַפרידיקט, וואָס די „שילדערונג ווערט אָן דעם כאַראַקטער פון איין גאַנצעס". דאָס זײַנען אָבער ניט קיין פאַרשיידענע אָפּשאַצונגען, נאָר בלויז באַזונדערע צוגאַנגען צו איין און דער זעלבער דערשײַנונג.

נ. אויסלענדערס צוגאַנג איז דאַן געווען א פּראָפעסיאָנעל־טעכנאָלאָגישער (דעטאַל, ריטם), אין דער צײַט, ווען האָפשטיין אינטערעסירט זיך דעריקער מיט דער „מענטשלעכער נעשאָמע": „און דער ליריזם פון דעם ביכעלע באַשטייט טאַקע אין אָט דער פאַרשטעער, ניט געטײַטשטער שילדערונג פון די „שפּורן", וואָס בלײַבן פון גרויסע מענטשלעכע אָנשטרענגונגען... דער קינסטלער אין דעם מענטשן איז שטענדיק אויפריכטיק און איז גערן זיך מוידע אין אַלע ניט „אויסגעהאַלטענע" שריט פון דער מענטשלעכער נעשאָמע".

אָט אַזוינע „שטרײַטן" זײַנען אָנגעגאַנגען אַרום דעם ערשטן אָנפאַנגערישן ביכעלע פונעם יונגן אווראָם שויכעט.

פאַר אונדזער ליטעראַטור־געשיכטע איז קעדײַ אָפּצומערקן, אַז אווראָם שויכעט איז געווען איינער פון די צוזאָגנדיקע דיכטער, וועלכער איז ווי א מעטעאָר אַדורכגעפלויגן אין אונדזער ליטעראַטור. מיט

דער צײַט הערט ער אוף צו זײַן שעפעריש, און שוין פונעם יאָר 1925 איז זײַן נאָמען קימאַט פאַרשוווּנדן פון דער ייִדישער דיכטונג. ער שליסט זיך איבער אַף אַנדערע געביטן פונעם געזעלשאַפטלעכן, פאַר־טייִשן און קולטורעלן לעבן.

ביזן דערמאָנטן יאָר איז שויכעט געווען גאַנץ אַק־טיוו אין ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. ער האָט אָפגעדרוקט אַ גרעסערע ליד אין אויבנדערמאָנטן נו־מער פונעם זשורנאַל „שטראָם" (זע אונדזער פובלי־קאַציע), וואָס געהערט אויך לויט דער טעמע צום זעלבן ציקל „אַנגריף", און האָט אָנטיילגענומען אין דער קאָלעקטיווער זאַמלונג „לענין", געווידמעט לע־נינס טויט. ער איז געווען איינער פון די אָרגאַניזאַ־טאָרן פון דער ייִדסעקציע „מאַפפ".

אווראָם שויכעט איז געבאָרן געוואָרן אין שטעטל טשודנאָוו, געוו. וואָלינער גובערניע, דעם 14 אַפרעל 1891 אין אַ מישפאָכע פון אַ קוסטאַר־האַניקקאָכער. ער האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעל־ייִדישע דערציִונג. שוין אין יאָר 1905 נעמט ער אָנטייל אין דער רעוואָ־ליוציאָנערער באַוועגונג פון זײַן שטעטל.

ערעוו דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט שויכעט געלעבט אין קיִעוו און דאָ זיך אײַנגעשלאָסן באַלד נאָך דער רעוואָליוציע אין דער סאָוועטישער אַרבעט. די ערשטע יאָרן געאַרבעט אין פאָלקאָמגעזונט. אין 1919 איז ער שוין אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, און אין 1920 — 1921 געפינט ער זיך אין דער רויטער אַרמיי ווי אַ פאָליט־טוער פון דער 9־טער שיסער־דיוויזיע אַפן וורענגעלישן פראָנט. צום סאָף 1921 האָט ער זיך דעמאָביליזירט און געקומען קיין קיִעוו, געאַרבעט אַלס אינסטרוקטאָר פון אַגיטפראָפ אין דער גובערניִאַלער פאַרטיי־שול. אין אָט דער צײַט טאַקע, גלײַכצײַטיק מיט זײַן פאַרטייִשער און סאָ־וועטישער אַרבעט, האָט ער זיך אינטערעסירט מיט דער קינסטלערישער ליטעראַטור. עטלעכע יאָר גע־שריבן לידער. צוגעשטאַנען צו דער גרופע „ווידער־ווּקס" און אָנטיילגענומען אין אירע אויסגאַבעס.

אין סאָף 1922 איז שויכעט אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע. דאָרט האָט ער פון צײַט צו צײַט געדרוקט לידער און אַרטיקלען אין די צײַטונגען און זשורנאַלן און גענומען אַן אָנטייל אין ליטעראַריש־געזעלשאַפט־לעכן לעבן. ער האָט זיך אויך געלערנט אַפן פילאָ־סאָפישן פאַקולטעט פונעם אינסטיטוט פון רויטער פראָפעסור, באַזוכט לעקציעס אין ליטאָפטייל פונעם מעלוכע־אוניווערסיטעט, זיך געלערנט אין דער אַס־פיראַנטור איבער עקאָנאָמיק, אָרגאַניזאַציע און פלאַנירונג אין דעם וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישן אינסטיטוט פון אינדוסטריִעל־עקאָנאָמישע פאָרשונגען פונעם פאָלקאָמאַט פון שווערער אינדוסטריע. דערנאָך געאַרבעט אַלס עלטערער וויסנשאַפטלעכער טוער אין צענטראַלן אַרבעט־אינסטיטוט („ציט").

ערעוו דער פאָטערלענדישער מילכאָמע האָט שוי־כעט געאַרבעט אין פאָלקאָמפין פון פססר, אין פאַר־לאַג „זעמליאַ אי פאַבריקאַ" (פאַרוואַלטער פונעם רעדאַקציִאָנעלן אָפטייל). באַם אויסברוך פון דער מילכאָמע איז ער אין יול 1941 אוועק אין אָפאָלטשע־ניע און איז העלדיש אומגעקומען באַם פאַרטיידיקן מאָסקווע.

י. סערעבריאַני

אווראָם שויכעט

פון געפאַנג

אין העלקײַט שפילן טעג
מיט דאָרעם־וועגן ברייטע.
פון געפאַנג זיך קערן אום
פאַרשמאַכטע רויטע פלייטים —
פון ווײַסן לאַגער.

ווי קומען זיי אהער
אין צײַט פון שניט, אין כוואַליענדיקן
פלאַקער,
אַף העלן וועג, צעאַקערטן פון העלדן?
וואָס קומען זיי אהער, ווי פויגל־שרעקער
אַף די פעלדער?

דאָ און דאָרט און אומעטום: פאַרבײַ,
אַקעגן —
מאַכנעס גרײַפנדיקע...
פאַרשײַטע יונגען, בראַווע און געזונטע,
מיט שטאַלץ און שטאַלט אין פלייצעס,
פון קאָפ ביז פיס באַוואָפנט.

מיט שפאַן מיט מוטיקן
די פלאַך פון שרעק פאַרפלייצן...
און סטעפעס

האַכנאָעדיק זיך לאָזן שטעפן
פון דרייסטע אָפגעהאַקטע טריט...
אין רויטע פלייטים,
מיט שפאַס באַגלייטע,
דער אומעט זיך צעבליט...
מײַלער מיט פאַרברענטע ליפן,
ווי קריגלעך סאַם
זיך טראָגן אין דער וועלט...

פון ווי:עס לויערט נאָך די שרעק פון נעכט,
וואָס האָבן זיך פאַרמויערט
אין פיבערדיקע טעג...
און אויגן, טליִענדיקע קוילן,
מיט בליקן הילצערנע דערציילן
פון ליגעניש אין לאַנגע נעכט

אַף בוידעמער,
אין קלעמערלעך פון שטאַלן,

פון שפירן ערגעץ־ווו אַ דרויסנדיקע וועלט
אונטער לאַנדטיכער פאַלאַווע,
פון גליווערן צווישן אָנגעוואַלגערט האָלץ
אַף צווינטערס צווישן צלאָמים,
אַף פוסטע הויפן...
און פלוצעם,

פון מידעניש, פון גיין
אין ברענענדיקן לייַב דערשפּירן
אַרויסגעשלעפּטע נאָדלען פון געפאַרן
און שטומע דאַנקען שיקן
דער ביינעריקער האַנט
פון אַן אַלטער פויערטע,
פון אַ דאַלפנדיקן פויער,
וואָס האָט פאַרשירעמט
און פאַרשטעלט פון שעכטער...

ווער ווייסט פון ליגן לאַנגע נעכט
און, ווי אַ מוילוואורף,
זיך איינגראָבן מיט אויער אין דער נאַכט,
און רעגענען מיט קאַלטן שווייס
בא ציטעריקן אופוואַך
פון דרויסנדיקער שטילקייַט?
זייַן טראָגנדיק מיט מוירע,
וואַרגן זיך מיט בענקשאַפט...
...אין מיט פון נאַכט,
אין שטייַג פון באַהאַלטעניש פאַרשפּאַרט,

כאַפּן דורך אַ שפּאַרע
פון האַרטער ברודער־האַנט
אַ טרוקן שטיקל ברויט

מיט מילדן צוגאָב פון אַ קווערטל וואַסער...

(זשורנאַל „שטראָם“, נומ. 4)

• • •

וואָס איז איצט מייַן באַדאַרף
אין וועלט מייַן אייגנס,
אויסער זיג און דראַנג
און פלאַם באַגייַסטערטן פון אויגן.
איך ווין שוין דאָ אַף אומרויִקער ערד
אַזויפיל יאָרן
צעווישן מענטשן־ברידער
און קיינמאָל האָט נאָך אַזוי שאַרף דער
גרויל פון צאַר און מוט
ניט דורכגענומען מייַנע גלידער.
איז וואָס מיר כוואַליעס אַף די וועגן
מיט אַש און גליווער־שטויב פון אָוואַר,
ווען ערשטער באַרג אַנטקעגן ווינקט צו
מיר מיט פרישן צייכן
פון מייַנע ברידער־קוואָרים.

אומעטום אַ קאַרוסעל פאַר מייַנע אויגן, —
אַ קאַרוסעל אַף העלע פלאַמען פון געשיכטע,
אַף רויטן פלאַץ איז אָנזאָג פון מייַן צייַט
צעוויקלט,
איך טו אים אָן אין מייַנע פליכטן.

(זאַמלונג „ל ע נ י ן“, זונטיק 27 יאַנוואַר 1924
מאָסקווע. טרויער־טאָג).

●

כראָניק

ניטאָ קיין אָרט פאַר ייִדישע ביכער

אין דער הויפּטשטאָט פון בראַזיליע איז באַוויזן געוואָרן אַ ביכער־אויסשטעלונג, אין וועלכער עס זייַנען פאָרגעשטעלט אויסגאַבעס פון 42 ייִסראָעל־פאַרלאַגן. אין אַ ספּעציִעלן קאַטאַלאָג ווערן מיטגעטיילט די נעמען פון די עקספּאָנירטע ביכער, זייערע מעכאַברים און אַרויסגעבער.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אויסשטעלונג איז אַ וועכנטלעכע ייִדישע צייַטונג, וואָס דערשייַנט אין ריאָ־דע־זשאַנייראָ, אַרויס מיט אַ גערעכטער טייַנע צו די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אויסשטעלונג, פאַרוואָס ס׳איז צווישן די אַלע ביכער ניטאָ קיין איין אויסגאַבע פון די ייִסראָעלדיקע פאַרלאַגן אין ייִדיש.

ערע זייער אָנדענק!

ו ע ל י ה אָ פּ ש ט י י ן

אין עלטער פון 80 יאָר איז אין מאָסקווע געשטאָרבן דער ייִדישער קולטור־טוער און ליטעראַטאָר וועלי האָפּשטיין — דער ברודער פונעם גרויסן ייִדישן דיכטער דאָוויד האָפּשטיין.

פיל יאָרן פון זייַן שעפעריש לעבן האָט וו. האָפּשטיין זיך פאַרנומען מיט ליטעראַרישע איבערזעצונגען פון רוסיש און אוקראַיִניש אַף ייִדיש און פון ייִדיש אַף רוסיש. צוזאַמען מיט דאָוויד האָפּשטיינען האָט ער געאַרבעט אַף דער ייִדישער איבערזעצונג פון שעווטשענקאָס „קאָבזאַר“. וו. האָפּשטיין האָט אויך איבערגעזעצט פיל לידער פון פּושקינען און לערמאָנטאָוון. ער איז איינער פון די איבערזעצער פון דער נייַער רוסישער אויסגאַבע פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק.

אָנהייבנדיק פון די פערציקער יאָרן איז וועלי האָפּשטיין אויך געווען באַקאַנט אַלס מיטאַרבעטער און ליטעראַרישער רעדאַקטאָר אין פאַרשיידענע פּעריִאָדישע אויסגאַבעס.

מ ו י ש ע ב ע נ ג ע ל ס ד אָ ר ף

ס׳איז געשטאָרבן מוישע בענגעלסדאָרף, דער רעזשיסער און קינסטלערישער אָנפירער פונעם בירָאָבידזשאַנער ייִדישן פאָלקס־טעאַטער. אונטער בענגעלסדאָרפס אָנפירונג האָט דער טעאַטער פאַרדינט דעם טיטל לאַורעאַט פונעם אַלרוסלענדישן דורכקוק פון פאָלקס־טעאַטערס. דער טיטל איז געווען צוגעייגנט אויך בענגעלסדאָרפן.

מוישע בענגעלסדאָרף איז געבוירן געוואָרן אין 1900 אין אַ קליין פּויליש שטעטל. נאָך גאָר אַ יונגער איז ער אַוועקגעפאָרן קיין אַרגענטינע, געליטן דאָרט נויט, אַרבעטסלאָזיקייַט. אין אָנהייב פון די דרייַסיקער יאָרן איז ער געקומען קיין ביראָבידזשאַן, ווו ער איז געווען איינער פון די פירנדיקע אַרטיסטן פונעם דאָרטיקן ייִדישן מעלוכע־טעאַטער.

■

מענדל ליפשיץ

מאכשאָוועס

* * *

געשיכטע־שרײַבער קומען שפּעטער,
ס'קומט די געשיכטע פּריִער פּאַר,
נאָר ס'קומט ניט פּריִער פון פּאָעטן
אַף אַט דער גאָרער וועלט קיין דאָר.

דערפאַר זיי זײַנען, די געשיכטע
און אירע שעפער, — ניט צעשיידט,
און ווי דאָס פאָלק, אזוי זײַן דיכטער
ניט לײַדן קאָן קיין פאַלשע רייד.

• • •

איך האָב געלעבט אין סאַלטיקאָווקע,
און בין דער ליד געבליבן טרײַ,
ווי א באַלוינטער, א באַשטראָפטער,
וואָס אָן דער שטראָף איז ניט קעדײַ

אים גאָר אַף אַט דער וועלט צו לעבן.
א צײַט געוועזן כ'בין אָן א היים,

• • •

און וואָס איז אַט די גאָרע ערד? —
ניט אויסצוהערן, אויסצוקוקן,
א זעמדל צווישן טאָל און בערג,
א טראָפּן צווישן טײַך און טרוקן.

עס וואַנדערן דאָ שוואָטים אום
און זוכן ערגעץ זיך א טקומע,
און פלוצלינג נעמט דאָס הארץ ארום
א פלאַם, א פרייד, א וויי, אָן אומעט.

צופרידן ביסט, וואָס בלאָנדזעסט ניט
אין וואַלד, אין סטעפּ מיט די טאַבונען.

אין אלע גרויסע שטורעם־דראַנגען
זיך טיילן אויס א מענטש צו צוויי,
וואָס דריקן אויס דעם פאָלקס פאַרלאַנגען,
זײַן גרויסן אומרו און זײַן וויי.

און איך וויל פרייד פאַר די, וואָס פירן,
און פרייד פאַר דעם, וואָס ווערט געפירט,
און איינס דעם צווייטן ניט פאַרלירן
זאָל, ווי דער דיכטער און זײַן ליד.

און ס'האָט די ליד מיר מוט געגעבן
צו טײַנען, אז די וועלט איז שיין.

און ס'טרעפט, אז נאָענטע און שכיינים
מיך מײַדן אויס, פאַרבײַ מע גייט,
און נאָר די ליד, זי בלײַבט מיר איינע
א פרײַנט אַף לעבן, ביזן טויט...

דאַרפסט, ווי א וואָלף, ניט זײַן געהיט
פון פאַסטעכער באַם טיפן ברונעם.

עס שרעקט דער טאָג ניט, וואָס אין וועג,
באַפאַלן פלוצלינג, ווי דער שניי־ווינט,
מיט פײַלן, מעסערס און מיט העק
דיך וועט א פײַנט, א צווייטער שיווּעט.

קיין שוואָטים שוין ניטאָ קימאַט,
די לעצטע וואַנדערער פאַרשווינדן,
פון „פײַער־ערד” ביז „אַראַראַט”
קלעקט פאַשע פאַר די שאָף און רינדער.

• • •

כ׳מוז אויסטראַכטן אַן אַנדער וועלט,
איך מוז אַן אַנדער וועלט דערפינדן.
פאַר מיר עס זאָלן, ווי פאַר וועלף,
ניט ציטערן קיין קליינע קינדער.

כ׳מוז אויסטראַכטן אַ וועלט אַזאַ,
אין איר עס זאָלן טרוימען קוועלן,
איר וואָרט זאָל זײַן ניט ווי קיין גזאַר,
נאָר ווי אַ רוף אין טאָג אין העלן.

עס ווילן קינדער שפּילן גיין,
און טאַקע יאָ — פאַרוואָס ניט שפּילן?
ס׳קאָן זײַן די וועלט דאָך וווּנדער־שיין,
נאָר קום צו איר מיט גוטן ווילן.

ווער האָט גאָר אויסגעטראַכט די שרעק:
אינמיטן טאָג, אין בלוי — אַ רויכל,
און אַלץ גייט פון דער וועלט אַוועק
מיט אַ פאַרעטערישן שמייכל.

אָף הימל־דעק ווערט וויסט און גאָר,
און ס׳בענקען אין דער נאַכט די שטערן,
און ס׳שטעלן זיך קאַפּויר די האָר,
וואָס פון דער וועלט עס קאָן נאָר ווערן!

עס בלאָנדזעט אום די זון אַליין
און קאָן קיין אָרט זיך ניט געפינען,
אַמאָל — פלעגט זי אָף נאַכט פאַרגיין,
האָט מען געוואַרט זי אין באַגינען.

איצט וואַרט ניט קיינער — אַלץ איז שטום,
אַלץ איז געוואָרן טויט און כאָרעוו,
און אין דעם כאַלאַל־בלענד אַרום
קיין פרײַנט, קיין אייגענער, קיין קאָרעוו.

איך גיי, איך טראָג דאָ שטאָלץ מײַן קאָפּ,
און ס׳טוט מיר ווי, ס׳איז ווייניק שײַן מיר,
פון זינען קאָן מען נאָר אַראָפּ,
אַז אָט די וועלט קאָן שוין ניט זײַן מער.

אויב כ׳וועל פאַרגיין, איז מיר אַ טרייסט:
עס בלײַבן מענטשן, קלאַנגען, פאַרבן,
נאָר אויב דאָס אַלץ עס לעבט זיך אויס,
כ׳קאָן רויִק ניט אַפילו שטאַרבן.

• • •

עס דאַרף דער מענטש דאָך אַזוי קנאַפּ:
איין זוים פון זאַנג, איין שפּריץ פון טראָפּן,
נאָר גאָר די וועלט וואָלט ער פאַרכאַפּט
און זי אַוועקגעלייגט צוקאָפּנס.

און איינער ווײַזט אָף דעם דאָס רעכט,
ווײַל ער איז שטאַרק און אָן ראַכמאָנעס.
דער צווייטער, ווײַל זײַן האַרץ איז שלעכט,
און צוימען בלויז מיט שלעכטס ער קאָן עס.

און יעדער איינער זײַן באַווײַז
און זײַן דערקלערונג אַנערקענט נאָר,
און ס׳גליט דאָס האַרץ ביז פײַער־ווײַס,
איין שטויס נאָר — און עס ברענען לענדער.

* מאַטל שטורמאַן

אין אומרו פון טאָג

דיר

מײַן ליד און מײַן ליבע —
צוויי אויצרעס כ'פאַרמאָג,
אין גורל ניט גרינגן,
אין אומרו פון טאָג.

מײַן ליד און מײַן ליבע,
די אויצרעס די צוויי:
געשענקט האָב איך דיר זיי —
מײַן פרייד
און מײַן וויי.

זשומענדיק, בלאַנקענדיק
פינקלדיק גרינג,
אַף מײַן ליד האָט געזעצט זיך
אַ גאָלדענע בין

און גליקלעך די פליגעלעך
שטילע פאַרהויבן,
באַשאָטן די סטראָפעס
מיט זוניקע שטויבן.

זיי

כ'האָב פײַנט זיי,
די מענטשעלעך קליינע,
געמיינע.

זיי זײַנען אַ באַלן
פאַר געלט אָפּצוגעבן
פון יונגקײַט די פרייד,
דעם יאָמטעוו פון לעבן.

פאַר געלט זיי קלאַפּירן,
פאַר געלט און פאַר צירונג.

זיי זײַנען אַ באַלן
פאַר געלט אָפּצוגעבן,
אָן שום אַגמעסנעפּעש,
אָן רעמעז פון שאַנד,
דעם קאָוועד פון פאָלק,
דעם רום פונעם לאַנד.

אַ קינדער־ליד

וואָס טוט מען מיטן מאַזיקל,
ווי נעמט מען אײַן דעם שנעק,
אַז וואָס מע שטעלט נאָר אַפּן טיש,
דאָס מוז ער טאָן אַ לעק.

טאָג און נאַכט,
טאָג און נאַכט
לעקט ער,
ניט פאַר אײַך געדאַכט —

פון די טעלער,
פון די שיסלען,
פון די פענדלעך
לעקט צוביסלעך...

וואָס און ווען
איז אים אַלציינס, —
פעפער, רעטעך,
האָניק, כריין.

זאָגט די גוטע באָבע
ביילע.
זאָגט די באָבע ביילע:
— מיילע.

ס'קומט שוין אויס —
עס פעלט אַ שטעקן
אַף אַ סאָף מאַכן
צום לעקן...

יאשע רוביאַן

מאָנאָלאָגן

אין אײַלעניש

דערט איר, מײַן פּרײַנט, פון אײַלעניש קומט קיין גוטס ניט ארויס! ווײַזט אויס, אז בא מיר איז דאָס א כאַלאָס — אלצדינג טו איך כאַפּנדיק: רעד איך מיט א מענטשן — מאָל איך ווי א מיל, שיט ווי פון א זאַק; נעם איך זיך עסן — שלינג איך, ניט צעקײַעטערהייט, ס׳פאַלט מיר פון די הענט, און אלץ ארום מיר איז אין ברעקלעך; גיי איך ערגעץ — קוק איך ניט אונ־טער די פיס, לויף אָן אָן אָטעם. איך האָב שוין איבער דעם אין מײַן לעבן ניט איין מאָל מ׳עס אָפּגעשניטן, ניט איין מאָל האָט מען מיך ארויס־געשלעפּט פון אונטער די רעדער. אפילו כאַ־סענע געהאַט האָב איך אויך אײַלנדיק. ליגט זי מיר טאַקע איצטער אין די ביינער, כאַנציע מײַ־נע, רײַסט פון מיר שטיקער לעבעדיקערהייט.

אנומלטן זײַנען מיר געוועזן מיט איר אף א סימכע בא א קרויווע. גאַנץ פײַן פאַרבראַכט. געזונגען און געטאַנצט און, פאַרשטייט זיך, אויסגעטרונקען אויך. און כאָטש כאַנציע האָט אף מיר געקוקט מיט צוויי גאַזלאָנישע אויגן, דאָך האָב איך איבערגעכאַפּט די מאָס. געקומען אהיים טויט־שיקער. כאַנציע האָט אראָפּגעצויגן פון מיר די מאַלבושים און מיך באַלייגט שלאָפן. אופגעכאַפּט האָב איך זיך, ווען ס׳איז שוין געווען גרויסער טאָג. און ארבעטן, דאַרפט איר וויסן, ארבעט איך הינטער דער שטאָט. מע דאַרף פאָרן מיט דער עלעקטריטשקע. אין אײַ־לעניש האָב איך ארופגעכאַפּט אף זיך די הויזן, ארופגעוואָרפן דאָס פּידזשאַקל, אף איין פוס אויסגעזופט א גלעזל וואַרעמס, א כאַפּ געטאָן פונעם טיש דאָס קליינגעלט, די סעזאָנקע און שוואַליאָם אוועק צו דער סטאַנציע. קוים באַ־וויזן ארײַנוואַרפן זיך אין וואַגאָן. נו, דאָ מעג איך שוין אזוי ניט אײַלן. כ׳האָב זיך צוגערוקט צום פענצטער, ארויסגעצויגן פונעם זשילעט די בריל און גענומען ארײַנקוקן אין א צײַטונג. אינדערינען ווערט אין וואַגאָן א בעהאָלע, א גערודער מיט א געלויף: ס׳גייט דער רעוויזאָר און נאָך אים עטלעכע דרוזשיניקעס מיט רויטע פּאַסן אף די עלנבויגנס. איינער פון די כעוורע־לײַט איז צוגעגאַנגען צו מיר און פרעגט מיך אף מײַן בילעט. איך מעסט אים אָפּ דורך דער בריל א מאָל דרײַ פון קאָפּ ביז די פיס, לאָז ארײַן די לינקע האַנט אין דער רעכטער בוזעם־קעשענע, נעם ארויס דעם גלאַנציקן טײַסטער און גיב אים איבער מיט גאַדלעס מײַן סעזאָנע בילעט, און זאָל ער ניט מיינען, אז איך בין אבי ווער.

ער האָט אונטערגעטראָגן מײַן סעזאָנקע צו דער נאָז און באַטראַכט די פּאָטאָ, וואָס איז דאָרט אָנגעקלעפּט, נאָכדעם א קוק געטאָן אף מיר, דערנאָך ווידער אף דער פּאָטאָ און ווײַטער אף מיר, און ערשט דערנאָך גענומען די סעזאָנקע און זי איבערגעגעבן א צווייטן באַכער. יענער האָט א שמוך געטאָן און זי איבערגעגעבן א דריטן. אין אייניקע מינוט ארום איז שוין מײַן סעזאָנקע געווען באַם רעוויזאָר, וואָס איז גע־שטאַנען בא דער טיר און ניט ארויסגעלאָזט די קאָמפּאַניע „האָזן", וואָס זײַנען געפּאָרן אָן בײַ־לעטן. דאָ האָט דער ערשטער באַכער זיך אומ־געקערט צו מיר און געמאָלדן: „מיר מוזן אײַך פאַרהאַלטן, ווײַל איר פאָרט אָן א בילעט, פּינקטלעכער, איר פאָרט אף א פרעמדן בילעט, די סעזאָנקע געהערט צו א פרוי". און ער טראָגט מיר אונטער די סעזאָנקע מיט מײַן כאַנציעס פּאָרטרעט. ס׳האָט היפּשלעך געדויערט, ביז דער קאָפּ האָט בא מיר גענומען ארבעטן און איך האָב זיך אָנגעשטויסן, אז גאַנצפרי האָב איך

צום 60־טן געבורטסטאָג פון יאשע רוביאַנען פאַרעפנטלעכן מיר זײַנעם א נײַעם ציקל מאָנאָלאָגן.

זײַנע ערשטע דערציילונגען האָט י. רוביאַן פאַרעפנטלעכט אין 1935. אף אברייטן אויפן האָט ער גענומען זיך דרוקן אין „סאָוועטיש היימלאנד”.

מיר באַגריסן דעם יובילאַר און ווינטשן אים געזונט און נײַע שעפערישע דערפאָלגן.

אין אײַלעניש אַרײַנגעשפּאַרט, ווײַזט אויס, אין טײַסטער כאַנציעס בילעט אָנשטאָט מײַנעם.

די צײַט שטייט ניט, דער צוג לויפט מיט רוכעס, און אָט איז א סטאַנציע. מ׳פירט מיך, ווי א גאַנעוו, איבער די וואַגאָנעס. ווען איך קאָן, וואָלט איך זיך א לעבעדיקער באַגראָבן פאַר ביזאָיען. אין דער אײַזנבאַן־מיליציע האָט מען איינס־צוויי צונויפגעשטעלט אף מיר א פּראָטאָקאָל מיט אַלע פּישטשעווקעס, פאַרשריבן אַלץ, ס׳זאָל פעלן א האָר: די פאַמיליע, ווי איך הייס, און וויאַזוי מע האָט דעם טאַטן גערופן, ווו איך אַרבעט און מײַן היימישן אַדרעס. מ׳הייסט מיר זיך אונטערשרײַבן און טאַקע גלײַך אַרײַנטראָגן דאָס גרייַנע דרײַערל שטראָף. פריִער איז מיר געווען א ווייטעק מיט א ביזאָיען, וואָס מע פירט מיך איבער די וואַגאָנעס, ווי אַן עמעסן שלעפּער, איצט איז מיר א פאַרדראָס, פאַרוואָס דאַרף איך צאָלן, אַז איך האָב דאָך יאָ א סעזאָנקע. נאָר גיי דערווײַז עס. דרײַ קאַרבן, ס׳איז דאָך א ריס פונעם האַרצן. ס׳איז אָנדערהאַלבן קילאָ גוט פלייש, דריטהאַלבן קילאָ מאַראַנצן. ווילט זיך טאַקע ניט באַצאָלן. איך קער איבער די קעשענעס און קלײַב צונויף דאָס ביסל מינץ. אינמיטנדערינען דערהערט זיך א געשריי: „האַלט זי! האַלט זי!”. עס צעפּראַלט זיך די טיר, און צוויי געזונטע באָכערים פירן אַרײַן מײַן כאַנציען, זי פאָרט אויך מיט א פרעמדן בילעט — מיט מײַן בילעט, פאַרשטייט זיך. ווען מ׳האָט זי פאַרהאַלטן, האָט זי געפּרוּווט אָפּציִען. מ׳האָט זי קוים געכאַפּט. איך כאַפּ א קוק אף איר מיט איין אויג — מײַן כאַנציע איז שוואַרץ ווי די ערד, א שענערע לייגט מען אין גרוב אַרײַן. נאָר אַז זי האָט מיך דערזען, האָט זי אויפגעהערט ברעכן פּיסקעס און א ווײַז געטאָן די באָכערים מיטן פינגער אף מיר, ווי איינער רעדט: אָט איז ער, דער קאָלבוּיניק, דאָס איז אַלץ איבער אים! פרעגט שוין ניט, וואָס פאַר א מײַנעלאָשן מײַן כאַנציע האָט אַרויסגעלייגט אין מיליציע. ס׳זאָל נאָר פאַלן אין יאַם אַרײַן! דער נאַטשאַלניק האָט עטלעכע מאָל געהייסן איר דערלאַנגען וואַסער. ער האָט גענומען אונדזערע סעזאָנקעס אין די הענט, געקוקט אף מיר און אף מײַן בילעט, באַטראַכט כאַנציען און איר בילעט. נאָכדעם זיך צעלאַכט, לאַנג געלאַכט, און אַז ער האָט געענדיקט לאַכן, האָט ער אונדז אומגעקערט די ביילעטן און צוגעווינטשעוועט, אַז מער זאָל אַזוינס מיט אונדז ניט טרעפן. איך האָב א ווונק געטאָן צו כאַנציען, זי זאָל טייקעף אויקער זײַן, שטעלן פּיס, ביזוואַנען דער נאַטשאַלניק האָט קיין כאַראָטע ניט געקראָגן. מיר זײַנען אַוועק אָן א זײַגעזונט. אָפּגעלאָפן א היפּשן מעהאַלעך, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט איבערכאַפּן דעם אָטעם.

א פאַרסאָפּעטער האָב איך געזאָגט צו כאַנציען:

— הערסט, ווײַב מײַנס, אַז מיר זײַנען שוין יאָ ניצל געוואָרן פון אַן אומגליק, פון שטראָף, מיין איך, קויף א שקאַליק און טאַקע עפּעס אף צובײַסן, ס׳ציט דאָס האַרץ.

כאַנציעס ענטפער קאָנט איר זיך אָנשטויסן.

— בלוטצאַפּער! געשמאַדטער האַלדז, זוילעלוועסויוועניק! פון דער נאָז אין מויל אַרײַן קען איך דיר געבן. וואַרט, איך וועל דיך אָנלערנען: וועסט בא מיר מער ניט כאַפּן! שטענדיק ברענט בא אים! שטענדיק אײַלט ער זיך!

יאָ, טראַכט איך מיר, זי איז אַוואַדע גערעכט. איך זאָל ניט געווען זיך אַזוי אײַלן, וואָלט איך עפּשער פאַר איר ניט געווען כאַסענע געהאַט, ניט געלעגן איצטער בא איר אונטערן פּאַנטאָפל.

אײַ, מײַן פרײַנט, פון אײַלעניש קומט קיין גוטס ניט אַרויס, נאָר ס׳איז שוין פאַרפאַלן, און כאַפּן כאַפּט מען ניט צוריק.

שמערל קאַטלעט

בעקיצער, איר פרעגט, פאַרוואָס מע רופט מיך שמערל קאַטלעט? וועל איך אײַך דערציילן, ווי די זאַך איז געווען. שענער פונעם עמעס איז ניטאָ.

דאָס בעסטע מײַכל איז בא מיר געווען קאָטלעטן. פרישע, פוכלינקע, פאַרברוינטע, געפעפערטע אָדער אַזוי פאַרפּראַוועט מיט א קנאָבל, געפּרעגלט אַף פּוטער, מיט א צולאָג פון יונגע קאַרטאָפליעלעך אָדער פּעטע לאָקשן. ס׳איז טאַקע טאַם־גאַניידן. דערצו נאָך, ווען פאַר די אויגן שטייט א גלעזל גוטער ווײַן אָדער בראַנפן, עקט זיך די וועלט. איר פילט אַלע זיבן טעמען. נאָר פון א צײַט, אַז איך האָב געוואָרפן א שטאַרקן אויכיין אַף די קאָטלעטן. זיי זײַנען מיר געוואָרן נימעס ווי דער טויט, איך קען אַף זיי ניט קוקן, און ניט אומזיסט.

בעקיצער, איבער אָט די קאָטלעטן האָב איך אָפּגעברענט, ניזעק וועגעריג געוואָרן, געהאַט אַף זיך יענץ פּעקל, קוים ארויס מיטן לעבן, און נאָר דערפאַר, וואָס שטענדיק און אַלעמען גלייב איך אַפן וואָרט. אַזאַ מענטש בין איך. מיינט ניט, כאָלילע, אַז די גאַנצע וועלט איז אויסגעלאַסן, אַז אַלע טאָג סאַמט מען און מע האַרגעט, אַזאַ געשיכטע קאָן זיך פאַרלויפן איין מאָל אין טויזנט יאָר. און מיט וועמען טרעפט עס, אַז ס׳טרעפט שוין? מיט מיר, מיט שמערל קאָטלעט, ווי ס׳האָבן מיך אָנגעהויבן רופן די יונגעלײַטלעך, וואָס האָבן ליב א שפּיל טאָן אַף די נערוון, ווען בא יענעם טרעפט אַן אומגליק. בעקיצער, נאָך הײַנט, אַז איך גיי ארויס אין גאַס, זשומעט מיר אין קאָפּ, קלינגט מיר אין לינקן אויער, און ס׳דוכט זיך מיר, אַז עמעצער ווינקט און רופט מיך: „אַנו, שמערל קאָטלעט, קום אין כיידער ארײַן, גענוג געטראַסקעט, געברענט א וועלט, רו זיך א קאַפּעלע אָפּ, גיי זעץ זיך צו אַף א דרײַ־פינף יאָר...‟ כאָטש איך ווייס מיר מײַנס: איך בין ריין ווי קרישטאָל. אויב שולדיק, בין איך נאָר שולדיק גאָט די נעשאָמע און דער ייִדענע פאַר מילך, ווי מע זאָגט.

בעקיצער, טייקעף נאָך דער מילכאָמע האָט עס מיך פאַרטראָגן קיין איוואַנאָוואָ. א גרויסע שטאָט, א שיינע. עמעס, פאַראַן א סאַך בלאָטיקע הינטערגעסלעך, אָבער פון דער אַמאָליקער פאַרשטאָט נאַכאַלעווקע איז שוין קיין סימען ניט געבליבן. איוואַנאָווער שטאָפן שעמען אַף דער גאַנצער וועלט. בעקיצער, אין איינעם א פריילעכן טאָג בין איך ארויס אַרבעטן פאַר א פאַרוואַלטער פון ראַיפּישטשעטאָרג[1] אין סאַמע צענטער שטאָט. מיט דער צײַט האָב איך זיך ארײַנגעצויגן אין דער אַרבעט, געוואָרן באָקי אין איניען, און ס׳איז אוועק א גאַנג. אונטער מײַן אויפזיכט געפינען זיך אַלע רעסטאָראַנען, גאַרקיכן, בופעטן, שאַשליטשנעס, ביר־ און טיי־הײַזער, בעקיצער, אַלע ערטער, וווּ מע קען זיך ארײַנכאַפּן און שטילן דעם הונגער, יעדערער לויט זײַן געשמאַק און לויט זײַן בײַטעלע: איינער עסט פרישע וואַרעניקעס, א צווייטער — טיי מיט ברויט. אַלע ביר־ און קוואַס־פּעסער געהערן מיר. אינדערפרי און פאַרנאַכט שטעל איך ארויס מיידלעך און ווײַבלעך מיט קוישן הייסע קנישעקלעך פאַר די, וואָס לויפן, אײַלן, האָבן קיין צײַט ניט זיך אָוועקזעצן און אָפּעסן ווי מענטשן. בעקיצער, דעם פּלאַן מאַך איך. קיין קאָוועד זוך איך ניט. נאָר ווי איך קום ניט ארײַן, טראָגט מען מיר אַנטקעגן דאָס טעלערל פון הימל. בא זיך אין ראַיאָן לאָז איך ניט דורך קיין איין סימכע. וווּ א כאַסענע אָדער א באַנקעט, בין איך א מעכוטן. נאָר מיינט ניט, אַז ס׳איז גרינג צו אַרבעטן, ס׳איז ניט קיין עפּעלע אָנבײַסן. א ווערטעלע צו זאָגן — באַזאָרגן מיט שפּײַז א ראַיאָן! דער בעט פיש, און יענער וויל ביר. דאָ פעלן פּאַפּיראָסן און דאָרט קאָנסערוון. און פּונקט דעמלט, ווען דו דאַרפסט, איז קיין מאַשין ניטאָ, כאָטש לייג זיך און שטאַרב.

דערצו האָבן, ווי א זאַקיציע, זיך אָנגעזעצט אַף מיר די מענטשן אין די ווײַסע כאַלאַטן און פאָדערן, אַז טאָג און נאַכט זאָל איך מילכאָמע האַלטן מיט די פליגן, ווי גלײַך אַליין פאַרשטיי איך ניט, אַז ס׳דאַרף זײַן ריין. פאַרשטייט זיך, אַז ווען א מענטש קומט ארײַן אין רעסטאָראַן און אַלץ ארום אים בלישטשעט, זינגט, די בלומען שמעקן, די מוזיק שפּילט און אַנטקעגן קומט ארויס א געדיכט מיידל מיט ראָזעווע באַקן און רויטע ליפּן, מיט א קלאָר־ווײַס פאַרטעכל און א שניי־ווײַס האַנטעכל און פרעגט בעניִמעס, מיט א ליבלעך שמייכעלע, וואָס ווילט איר באַשטעלן, — איז אַפילע, ווען זי דערלאַנגט אײַך קאַדאָכעס אַף א פּלאַטשיק טעלערל, וועט איר אויך זײַן לעצט צופרידן און וועט ניט נאָר אויסטרייסלען דאָס בײַטעלע, נאָר גרייט זײַן אָפּגעבן די נעשאָמע.

בעקיצער, איך וויל ניט טרײַבן קיין רעכילעס און זאָגן, אַז בא מיר אין ראַיאָן זײַנען פאַראַן א סאַך פרעסער, זוילעל־וועסויוועניקעס, נאָר קיינער וויל ניט לײַדן קיין הונגער, צו דער מינוט מוז זיך עפענען די שאַשליטשנע צי דער בופעט, אַניט קלאַפּט מען מיט די קולעקעס אין טיר, מע טופּעט, מע שרײַט. אונדזערע באַזאָרגבאַזעס אַרבעטן באַטאָג און באַנאַכט, און דאָך טרעפט, וואָס ס׳דאַרף ניט טרעפן: ס׳פאַרשפּעטיקן די פיש, ס׳פאַרהאַלט זיך דאָס פלייש, און

[1] ראַיאָנישער טרעסט פון האַנדל מיט דערנערונגס־פּראָדוקטן.

אפילע דער ביר אָדער דער בראנפן בלײַבט שטעקן אין וועג.

קעדיי ניט זײַן אינגאנצן אָפּהענגיק פון די באזעס, האָבן מיר אין עק שטאָט אונדזערע א ווירטשאפט. עמעס, ניט קיין גרויסע, נאָר דאָך פארמאָגן מיר א טוץ כאזיירים, פײַנע כאזיירים, א דרײַ צענדליק שאָף, דרײַצן בעהיימעס, קיימאט א מייע הינער, אינדיקעס, צעסארקעס און גלאט גענדז און קאטשקעס. מיר פארמאָגן פיר געגלעזטע פענצטער, טעפּליצעס, וואָס גיבן א קײַלעכדיק יאָר גרינווארג. אין די גרעסטע פרעסט דערלאנגט מען אײַך צום טיש יונגע ציבעלקעלעך מיט בוימל און עסיק, פרישע רעטעכלעך מיט סמעטענע, אָדער א שטיקעלע פעטן הערינג מיט דינע ריפּטעלעך גרינע אוגערקעס. נעמט עס טאקע אויס באם אוילעם. מע לעקט די פינגער, מע פּאָסמאקעוועט, מע בעט נאָך. און כוץ אלעמען, האָבן מיר נאָך א צעך פון געבעקס און א צעך פון געטראנקען — קוואס, לימאָנאד, סאָדע־וואסער. און אלץ איז אף מײַן קאָפּ, אף מײַנע פּלייצעס! בין איך טאקע קעסיידער פארהאוועט, מער אין וועג, ווי אין דער היים. מע דארף דעם אויסהערן, מיט יענעם זיך טרעפן, אהין א קלונג טאָן, אלעמאָל ערגעץ א גיי טאָן, א לויף טאָן, א פאָר טאָן. איך שלאָף עפּשער א שאָ אין מעסלעס.

בעקיצער, סאָף זומער, שפּעט באנאכט (פאראיאָרן איז דאָס געשען) קער איך זיך אום פון וועג אהיים. זיך נאָר אײַנגעוואשן און זיך געזעצט צום טיש עפּעס איבערכאפּן — מ׳קלינגט (ווען קלינגט מען ניט?). איך נעם דאָס טרײַבל, און אין קאָל דערקען איך שוין דעם דירעקטאָר פון דער ערשטער גאָרקיך, שקאליקן, — א געזונטער פארשוין, גראָב, ווי א פאס, האלט פונעם פלעשל, האָט ניט פײַנט קיין פרעמדע ווײַבער, עסט, ווי א פערד. ער קלינגט, אז בא אים איז קיין פלייש ניטאָ. זײַן גאָרקיך באדינט א גרויסן זאוואָד, מיט וואָס וועט ער מאָרגן האָדעווען די ארבעטער פונעם זאוואָד — די באזע שווײַגט. צוערשט האָב איך זיך פארלוירן. ווו קען איך באנאכט קריגן פלייש? נאָר כ׳בין גלײַך געפאלן אף א געדאנק. כ׳האָב באפוילן, ער זאָל טייקעף פאָרן אין אונדזער ווירטשאפט און נעמען די ערשטע בעהיימע, וואָס קוקט אף אים, זי שעכטן און באזאָרגן די גאָרקיך מיט פלייש, און מאָרגן וועלן מיר זיך אן אייצע געבן. נאָר ביז ער איז געגאנגען, און ביז ער האָט גענומען, און ביז ער האָט געקוילעט און באארבעט, האָט קיין צײַט ניט געקלעקט צו קאָכן.

אָבער שקאליק האָט אף זיך אן אײַזערנעם קאָפּ, אפילע ווען ער איז אונטערן גלעזל. ער האָט צוגעטראכט א מײַכל, וואָס מאכט זיך גיך און גוט. ער האָט זיך א וואָרף געטאָן צו זײַנע באקאנטע ווײַבער, זיי אופגעוועקט פון שלאָף, זיי געבראכט אין קיך און אוועקגעשטעלט מאכן קאָטלעטן. ס׳האָט היפּשלעך געדויערט, ביז די פארשלאָפענע ווײַבער האָבן זיך צעדרעכעט, מע האָט גענאָסן, געגענעצט, נאָר אז מע איז געקומען צו־זיך, האָבן אָנגעהויבן פליִען קאָטלעטן, ווי די האָלעשקעס. שקאליק אליין האָט געהאָלפן ווייקן ברויט, שיטן זאלץ, בראָקן ציבעלעס. אינגיכן איז ניט געווען ווו א קער צו טאָן זיך איבער די קאָטלעטן. מע האָט געמוזט עפענען די גאָרקיך פאר דער צײַט. קנאפּע צוויי הונדערט מאן האָבן זיך צוגעכאפּט צו די הייסע קאָטלעטן. שקאליקן טוט עס האנאָע. דער פּליך גלאנצט, די קליינע אייגעלעך לויפן אום. מיטן ווונק ווײַזט ער די מיידלעך, ווו צוקלײַבן, וועמען דערלאנגען גאָפּל־מעסער. בעקיצער, אויסגעמיטן א צאָרע.

ווי פרי איך זאָל ניט קומען צו דער ארבעט, ווארטן אף מיר מענטשן. מע דארף אונטערשרײַבן טשעקן, שיקן נאָך ברויט, נאָך פלייש, נאָך ביר, אייניקע קומען זיך אָנעמען אף ארבעט, אנדערע, פארקערט — בעטן, מע זאָל זיי באַפרײַען. אינמיטנדערינען באווײַזט זיך אף דער שוועל א מענטש און גיט איבער, איך זאָל זיך גלײַך יאווען אין ראיויספּירקאָם, מע ווארט אף מיר. אז מע רופט, גייט מען. איך קום ארײַן, גריס זיך, און אין די נעז דערקען איך שוין, אז עפּעס וואזשנע האָט געטראָפן. דער פּאָרזיצער און זײַנע פארטרעטער זײַנען אף די ערטער, ס׳זיצט דאָ דער דירעקטאָר פונעם זאוואָד, לעבן אים שטייט דער פּאָרזיצער פונעם זאווקאָם, דער דאָקטער פון דער עפּידעם־סטאנציע. דאָ איז אויך שקאליק און דער פארוואלטער פון אונדזער ווירטשאפט און נאָך עפּעס אומבאַקאנטע פארשוינען. ווײַזט זיך ארויס, אז ווי נאָר די ארבעטער האָבן אופגעגעסן די קאָטלעטן, האָבן זיי דערפילט א שרעקלעכן בויכווייטעק. צוויי צעכן האָבן זיך קימאט אינגאנצן אָפּגעשטעלט. בעקיצער, איך בין אוועק מיטן אלטן דאָקטער ליפשיצן פון דער עפּידעם־סטאנציע זיך דערוויסן, ווו מע האָט געקוילעט די בעהיימע און וווהין מע האָט פארטראָגן דאָס דרויב. מע האָט ארויסבאקומען פון עפּעס א קעלער די קישקעס, און דער אנאליז האָט גלײַך באוויזן, אז די בעהיימע איז געווען קראנק אף ברוצעליאָז, א שווערע קרענק פאר בעהיימעס. פאר מענטשן איז די קרענק ניט געפערלעך, נאָר קעדיי זיך באנוצן מיטן פלייש, מוז מען דאָס אויסקאָכן אין מעשעך פון עטלעכע שאָ. נאָר, ווײַזט אויס, אז שקאליקן האָט עס קיינער ניט געזאָגט, דערצו האָט אים קיין צײַט ניט געקלעקט אויסקאָכן דאָס פלייש, — האָבן מיר איצט יענץ לעמפּל.

בעקיצער, שקאליקן האָט מען אראָפּגענומען פון דער ארבעט, און פון מיר האָט מען געמאכט א לעמעשקע, מיך באשריבן אין דער ראיאָנער

צײַטונג, מיך אָנגעמאָלט מיט הערנער, באַשטעקט מיט פעדערן, פאַרשריבן א שטרענגן אויסרייד.

בעקיצער, ס׳איז נאָך אזוי אויך גוט, איך האָב געקענט אָפּשנײַדן ערגער. איך ווייס ניט, ווי איר, נאָר מיר שטעלט זיך נאָך הײַנט אין האלדז דער ביסן, אז איך דערהער דאָס וואָרט „קאָטלעטן”.

די קאַלע אין די הויזן

איר הערט, פערל! ווען איך וועל ליגן מיט די פיס צו דער טיר, וועל איך איר ניט מויכל זײַן דעם ביזאָיען, דער טאָכטער מײַנער. איך זאָל אזוי ניט וויסן פון קיין שלעכטס, ווי איך הייב ניט אָן צו וויסן, ווו האָבן זיך גענומען צו מיר אזעלכע קינדער — ראָצכים און מאזיקים! — אזוי האָט ארויסגעשאָסן מײַנע א ווײַטע קרויווע לייע, וואָס מע רופט זי „לייע אָן מאזל”, אראָפּלאָזנדיק זיך אָף אן איבערגעקערט קעסטל בא אונדז אין געגלאָזטן גאנעקל, ווו מײַנע איז געזעסן און געדרעלעוועט ווײַנשל. — און אָנגעהויבן האָט זיך עס, איר הערט, פערל, אלצדינג פון הויזן. א מײַסע מיט הויזן!

אנומלטן פארנאכט פליט זי ארײַן, מײַן טעכטערל פייגעלע, אין שטוב, ווי א וויכער: „מאמע, איך וויל עסן!” — „זאָלסט דערלעבן, זאָג איך, אָנזאָגן בעסערע בסורעס, ווען ווילסטו ניט קיין עסן?” אָפּגעגעסן, אויסגעלעקט דעם טעלער, האָט זי גענומען מיר מאכן כיינדלעך: „מאמע! א, מאמע, דו האָסט מיך ליב, צי ניט?” — ווי געפעלט אײַך די פראגע? איך פאַרשטיי שוין, אז זי לאַשטשעט זיך ניט אומזיסט. „נו, זאָג איך, לייג שוין ארויס, וואָס דו דאַרפסט”. — „הערסט, מאמע, אלע מיידלעך טראָגן הײַנט הויזן, וויל איך אויך זיך קויפן. בלויע, פון שעוויאָט, מיט א בליץ־שלאָס. ס׳איז שיין און באקוועם. מע קאָן אין זיי קריכן אפילע אָף די גלײַכע ווענט”.

אומזיסט האָב איך זיך אָפּגעגעסן דאָס הארץ, זי אָפּגערעדט. אויסגעפירט האָט זי. זי האָט קוים דערצויגן צום אוואנס און פון דער ארבעט גלײַך אוועק אין אוניווערמאג און געבראכט די מעציע, אראָפּגעוואָרפן דאָס קלײדל און ארײַן אין די הויזן. איך ווייס ניט, איך בין אויך אמאָל געווען א מיידל, און באָכערים פלעגן מיר אָפּשלאָגן די טירן, נאָר פאָלגן טאטע־מאמע — איז בא מיר געווען דער איקער. געהארגעט, געקאָטעוועט וואָלט מען מיך אפן אָרט, איך זאָל זיך געווען פארפוצן אין הויזן און גיין אזוי צווישן מענטשן. איצט ווער הערט מיך! אוועקגעשטעלט דעם שפּיגל אָף דער ערד, האָט זי ארופגעצויגן די הויזן, וואָס זײַנען אזוי שמאָל, קוים וואָס די פינגער קריכן דורך, און זיך אָנגעהויבן באקוקן פון אלע זײַטן. בא מיר, וואָס ס׳איז מײַן קינד, האָט זי געהאט א פּאָנעם פון כויזעק. אז זי איז געשטאנען מיטן פּאָנעם צו דער וואנט, איז נאָך געווען ווי־עס־איז צו דערלײַדן, נאָר אז זי האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם צו מיר, האָט מען קוקן ניט געקאָנט. אומעגלעך דערקענען, צי דאָס איז א יינגל צי א מיידל. א רויט קאָפּטל, בלויע הויזן, וואָס שטייען ווי צוויי איבערגעקערטע פלעשער, און אפן קאָפּ א רויט היטעלע, ווי א טעלער מיט ווײַנשל, א בערעטל הייסט עס בא איר, — א גארניטער, אז סע עקט זיך די וועלט. עס פלאמט מיר פּאַשעט דאָס פּאָנעם: א קאלע־מיידל אין הויזן.

אײַ, דאַרף מען האָבן מאזל צו קינדער! ניטאָ קיין מאזל, זײַנען איבעריק די יאָרן. די שטוב איז בא מיר שטענדיק פול מיט מענטשן, מיט אירע יינגלעך און מיט אירע כאווערטעס, און זאָל כאָטש זײַן א שטיקל פּולע דערפון, נאָר א ווינט אין קאָפּ, קיין איין רעכטן שידעך זע איך ניט, אבי מע גייט אלע אין הויזן. פלוצעם האָט אין שטוב זיך באוויזן א סטודענט פונעם פינפטן קורס אינסטיטוט. סאשקע, א שיין יינגל, ווי גאָלד, א באלעבאטיש קינד. הײַנטיקס יאָר ענדיקט ער. וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? האָב איך זיך טאקע דערפרייט, עפּשער פּאָרט א טאכלעס. און כ׳האָב אָנגעהויבן פייגעלען אײַנריידן: „קינד מײַנס, מאך עס בעקיצער און נעם דעם באָכער. קיין בעסערס וועסטו זיך אין דײַנע הויזן ניט דערווארטן”. צוערשט האָט זי זיך געווערט: ניין און ניין, ער געפעלט איר ניט. ער איז ניט פון אירע יינגלעך. נאָר איך האָב זיך אײַנגעשפּארט. זי האָט בא מיר אויסגעפירט מיט די הויזן, און איך האָב אויסגעפירט מיטן כאָסן. וויי צו מײַנע יאָר, בעסער וואָלט איך עס ניט געווען געטאָן. האקלאל, איך האָב זיך מײַנס דערשלאָגן. זיי זײַנען אוועק אין זאגס און אוועקגעטראָגן א מעלדונג אָף פארשרײַבן זיך. איר קאָנט זיך פאָרשטעלן דער מאמעס פריידן!

דעם נאָענטסטן שאבעס איז געקומען סאשקעס מוטער, און מיר האָבן זיך גענומען גרייטן צו דער כאסענע. סאשקעס מאמע האָט זיך ארויסגעוויזן פאר א גרויסער באלעבאָסטע. א בעריע. ס׳האָט מאמעש געברענט בא איר אונטער די הענט. איר זאָלט אָנקוקן, וואָס פארא אויפּעס זי האָט געמאכט, און אירע לעקעכס און שטרודלען און גלאט געבעקס, הײַנט די מאינעס אירע, וואָס צעגייען זיך אין יעדער אייווער! איך האָב גענומען א פּוד פיש (זאָל בלײַבן אן איבעריק שטיקל פיש) און פּונקט אזויפיל פליייש, כ׳האָב אָנגעקויפט ברויט און פרענדזעלעך, רײַז און פעפער, כריין און צימרינג, בוימל און

אייער, א קעסטל בראנפן, צוויי קעסטלעך ביר און לימאָנאַד. כוץ דעם, פאר די ווײַבער עפּעס זיס, זיך מעכײַע זײַן די נעשאָמע. מ'קאָן דען אַלץ אָפּגעבן נאָר די מאַנצבלען, אַרײַנשטעקן דעם גאַנצן קעז אין איין ווארעניק? דער קאַלע האָב איך געקויפט א זײַדענעם גאַרניטער, טופ־ליעס אַף שפּילקעס מיט לאַנגע נעז (האַרגעט מיך, איך זאָל אזעלכע אָנטאָן, ס'איז ערגער ווי גיין אַף קוליעס), האַנטעכלעך, טיכעלעך, זײַדע־נע זאָקן, א וואָלוועלן, נאָר א שיינעם סערוויז. מע דאַרף ניט פאַרגעסן, אז איך בין אַן אַלמאָנע און האָב זי אופגעצויגן אָן א טאַטן.

איך האָב אוועקגעקלאַפּט א דעפּעש צו מײַן ברודער קיין אַסטראַכאַן, ער זאָל קומען. די מע־כוטענעסטע האָט אַרויסגערופן אירע דרײַ שוועסטער פון טולע, קאַזאַן און אָרענבורג. די קינ־דער זוכן שיין מעבל, זיי ווילן אזוינס ווי אזעלכס, זיי ווילן דאָס, וואָס בא קיינעם איז ניטאָ. נאָר העלפן קען איך זיי ניט. איך האָב זיך אזוי אויך פאַרבאָרגט און פאַרליִען, אַז די האָר זײַנען ניט מײַנע. און וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? מײַן פייגעלע איז געוואָרן ניט צו דער־קענען: לויפט מיר אַנטקעגן, פאָלגט אַלץ. קוק איך אַף איר און לאָז א טרער. און אָט האָט זיך דערנענטערט דער גליקלעכער טאָג. גאַנצ־פרי וועלן זיי זיך פאַרשרײַבן, און אין אָוונט וועלן מיר פראַוון די כאַסענע. אײַ, ווען מײַן ניסל לעבט!

נאָר אַז ס'איז ניטאָ קיין גליק... איר מיינט, אַז אומזיסט רופט מען מיך לייע אָן מאַזל...

דעם טאָג האָט פייגעלע זיך אופגעכאַפּט גאַנצפרי, אַרופגעכאַפּט די הויזן, אַרופגעוואָרפן אַפן קאָפּ א סטאַלעטעווע שאַלעכל, גענומען א פּאָר גראָשן און אוועק אַף דער פּאָטשט קלינגען די כאַווערטעס, זיי זאָלן קומען העלפן גרייטן דעם טיש. אוועק, א דונער איז מיר, און זיך מער ניט אומגעקערט... ס'איז דורך א האַלבע שאָ, א שאָ, און אָנדערהאַלבן, און דרײַ, און זי איז ניטאָ! ס'האָט מיך געוואָרפן אין קעלט, ס'האָט מיך באַשלאָגן א שווייס. צען מאָל בין איך שוין געלאָפן אַף דער פּאָטשט פרעגן, צי האָט מען ניט געזען א מיידל אין הויזן און אין א סטאַלעטעווע שאַלעכל. ווער ס'זאָגט, אַז יאָ, און ווער ס'זאָגט, אַז ניין.

הערט א געשיכטע, וואָס ס'האָט זיך אויסגע־לאָזט. ווי נאָר זי איז אַרײַן אַף דער פּאָטשט קלינגען, האָט זי זיך דאָרטן געטראָפן מיט א באָכער א באָרט־מעכאַניק פון אַן אַעראָפּלאַן. זיי האָבן זיך אַמאָל געלערנט אינאיינעם. ער איז שטענדיק געווען פאַרליבט אין איר. איצט איז ער געקומען צו פליִען אזש פון באַקו, און אַף מײַן שלימאַזל האָבן זיי זיך געדאַרפט טרעפן. א וואָרט פאַר א וואָרט, און זי האָט אים פאַר־בעטן צו זיך אַף דער כאַסענע. שיסט ער אויס א געלעכטער און ענטפערט: „וואָס דאַרף איך זײַן אַף דײַן כאַסענע, אַז איך קען זײַן בא זיך אַף מײַן כאַסענע". ער האָט זי פאַרשלעפּט מיט זיך אַפן אַעראָדראָם, גענומען איר א בילעט און פאַרפירט קיין באַקו, הויל און בלויז, נאַקעט און באָרוועס, ווי די מאַמע האָט זי געהאַט. אַבי די הויזן זײַנען אַף איר.

אָבער איך האָב דאָך גאַרניט געוווּסט וועגן דעם, דערווײַל בין איך אין איינע צאָרעס אוועק ווײַטער גרייטן די כאַסענע. ערשט ס'קומט מיר אָן א בליץ־טעלעגראַמע. דאָס האָט זי די קאַלע אין די הויזן געשיקט: „מאַמעניו, איך האָב באַ־געגנט מײַן עמעסע ליבע. וואַרט אַף א בריוו".

ווי געפעלט אײַך אזא כאַסענע? שנײַץ די נאָז און שמיר דאָס פּאָנעם. איך וואָלט גיכער אַף א כאָליערע געגריכט זיך, איידער אַף אזא כאַסענע. איך האָב געהאַלטן פונקט אין אָפּזײַען די לאָקשן, ווען מע האָט מיר דערלאַנגט און איבערגעלייענט די שיינע טעלעגראַמע. ס'איז מיר גלײַך פינצטער געוואָרן אין די אויגן, און דאָס פענדל מיט די לאָקשן האָט געטאָן א זעץ אין דער ערד. די לאָקשן זײַנען זיך צעפלויגן אין אַלע ווינקעלעך. נאָך א גליק, וואָס איך האָב זיך די פיס ניט אָפּגעפּאַרעט. אוי, האָב איך גע־קלאָגט, מאַמעש געגרעוועט ווי א קליין קינד. ערשטנס, האָט זי מיך אויסגענאַרט, בעדיל־האַ־דאַל געשטעלט, איך האָב זיך אָנגעבאָרגט און אָנגעליִען פון דעם רועכס וועגן. נאָר איך רעד שוין ניט פון דער מי און פון דעם געלט. איך רעד איצט פונעם ביזאַיען. ברענט עס אַלץ אַפן פײַער, די געהאַקטע הערינג און געפילטע פיש, דער כאָלאָדיעץ, דאָס געבראָטנס, און געקאָכט פלייש, די צוויי קעסטלעך ביר און דאָס קעסטל בראַנפן!

הונדערט יאָר זאָל לעבן אײַער יוינע. דאָס האָט ער מיר אונטערגעזאָגט דעם געדאַנק אופ־הענגען אַף דער שטוב א שלאָס און אליין זיך באַצײַטנס אָפּטראָגן. אַז די געסט וועלן קומען און טרעפן א שלאָס, וועלן זיי א ביסל אַרומגיין, נאָכדעם וועלן זיי אויסקערעווען דעם דישעל און הײַדאַ צוריק מיטן כאָסן.

אוי, אוי, פּערל טײַערע, אַז איך דערמאָן זיך איצט אין דער מײַסע, ווערט מיר שלעכט! גיט, זײַט מויכל, א טאַבלעטקע פון קאָפּוויטעק און א קאָפּ געזאָטענע וואַסער.

— לייגט זיך צו, לייג־לעבן, אַף דער קאַנאַ־פּע, און איך וועל א שפּרונג טאָן רופן א דאָק־טער, — האָט מײַנע זיך אָנגערופן און אַף מיר אזא קוק געטאָן, ווי זי וואָלט מיך נאָר וועלן אײַנשלינגען מיט די אויגן.

וואָס האָט זי געמיינט, ווייסט איר ניט?

נעם דאָס פידל אין די הענט...

דער סאָלאָוויי

גיי איך נאָר ארויס אין הויף —
קלײַבן קינדער זיך צונויף,
ווײַל עס זינגט דער סאָלאָוויי,
כאָטש אין דרויסן פאַלט א שניי.

און דאָס פערד פאַרבײַסט דעם קאָפּ,
און עס לאָזט זיך אין גאַלאָפּ.
פונקען שפּריצן אונטער פיס,
און א ניגנדל זיך גיסט.

טאנצט א הינטל הין־צוריק,
ווי עס וואָלט פאַרשטיין מוזיק.
און עס האָט זיך מיר געדאכט,
אז דער טאָג האָט זיך צעלאכט

און דער סאָלאָוויי דערבײַ
איז געמאכט פון פּאָרצעלײַ.
טרולי, טרולי, טרולילײַ,
איז געמאכט פון פּאָרצעלײַ.

שפּיל מיר אפן פידל

שפּיל מיר, שפּיל מיר אפן פידל,
וועל איך זינגען דיר א לידל.
וועל איך זינגען דיר פון דאָס,
און איך ווייס אליין ניט וואָס...
כ׳וועל דיר זינגען, כ׳וועל דיר זינגען,

ס׳וועלן דיל און סטעליע קלינגען,
ס׳וועלן ציטערן די ווענט.
נעם דאָס פידל אין די הענט!

...דיר איז גוט, דו האָסט א פידל,
ווו זשע נעמען מיר א לידל?

• • •

א געפילדער אינעם גאָרטן
און א ווילדע קוויטשערײַ...
— וואָס האָט זיך געטראָפן דאָרטן? —
פרעגט די באָבע. — ווער דאָרט
שרײַט?

ענטפערט כאַסעלע די בלאָנדע:
— באָבע־באָבעניו, איך ווייס —

ס׳האָט א כאַזערל פאַרבלאָנדזעט,
ווי א בורעקל די גרייס.

— האָסט פאַרטריבן עס מיסטאמע,
און אויב ניט, טאָ טרײַב ארויס.
— כ׳האָב ארײַנגעלאָזט זײַן
מאמען —

עס איז הונגעריק אזוי...

קויף מיר א ראקעטע

איך האָב באַ דעם טאטן באַ מײַנעם געבעטן,
אז קויפן ער זאָל מיר אין קלייט א ראקעטע.
אז פליִען כ׳זאָל קענען צו שטערן צו הויכע
דורך שנייען און רעגנס, דורך נעפל און רויכן.

און נאָך א סקאַפאַנדער דער טאטע זאָל קויפן,
א העלם מיט די שפּיגלען, מיט גלאנציקע שרויפן.
איך דאַרף אַלע כפייצים פאַרגרייטן פאַרפריִער,
אז ענלעך כ׳זאָל זײַן אפן עמעסן פליִער.

און ס׳נעמט אף די ווארעמע הענט מיך דער טאטע
און שמייכלט און זאָגט מיר: „וועסט פליִען אוואדע,
נאָר איידער אין וועג אין דעם ווײַטן זיך לאָזן,
דו גיי דערווײַל שלאָפן, און קיינע „פאַרוואָסן"...

מײַן זיידע

איך זיץ אנטקעגן און קוק אף דער וואנט,
מײַן זיידע א האָז לאָזט ארויס פון דער האנט.
א פינגער אהין און א פינגער אהער,
פון שאָטן פון שווארצן לעבט אופעט א בער.
אָט טוט זיך א פינגער א צי נאָר פאָרויס,
הייבט אוף זיך די קאץ און זי לויפט נאָך א מויז,
די מויז און די קאץ, און דער בער און דער האָז
האָבן פלוצעם די וואנט פון מײַן צימער פארלאָזט.
ס׳וואקסט אויסעט א בוים, א בוים ווי א בוים,
א פויגל עס פליט ארום אים אינעם רוים...
„שטרעק אויס דײַנע הענט, — דער זיידע מיר זאָגט, —
באטראכט, ווי דײַן בוים אן אויצער פארמאָגט.
דו האָסט א מאראנץ, וואָס איז מאָלע־טאם זיס,
א ווײַניקן עפל, א זשמעניע מיט ניס"...

שלאָף שוין...

שלאָף שוין אײַן, — עס זאָגט די
באבע, —
ס׳שלאָפט שוין לאנג די הון די ראבע,
און די ציג די ווײַסע שלאָפט,
ס׳שלאָפן אינעם שטאל די שאָף.

וואָס איז הײַנט מיט דיר פארלאָפן,
האָסט קיין כיישעק ניט צו שלאָפן?

— עס איז הײַנט אוועקגעפלויגן
ווײַט דער שלאָף פון מײַנע אויגן...

מיט מײַן הונגעריקער קינדהײַט

מיט מײַן הונגעריקער קינדהײַט,
אין צעריסענע צוויי שיך,
כ׳קריך ארײַן אין קאלטן ווינטער
און פארבלאָנדזשע טיף אין זיך.

פון א ווײַטן וועג מײַן מאמע
האָט זיך אומגעקערט צו מיר.
און עס ווערט אזוי מיר ווארעם,
און איך פיל ניט, ווי איך פריר.

כ׳פיל אף זיך איר הייסן אָטעם
און די העלקײַט פון איר בליק.
טריפט די נאכט אין מײַן נעשאָמע
און מײַן ווייטעק טיף פארוויגט.

אין א וויג א קאלטער, שטרענגער
כ׳ווער אנשלאָפן, און איך פיל,
אָט וועט מיר מײַן מאמע שענקען
אין מײַן שלאָף א נײַע שפּיל.

ניט קיין שפּיל — א כאָלעם גוטן
און א ריפטל פרישן ברויט,
און איך גלייב: עס לעבט מײַן מוטער,
אינעם ריוו זי ליגט ניט טויט.

און אָט פליט זי, ווי א פויגל,
און אָט פאלט זי, ווי א שטיין,
מיט פארשלאָפענע צוויי אויגן
כ׳גיי צו איר און וויין און וויין...

קינסטלער איליא שענקער

(אָדעס)

די הײַנטיקע בײַלאגע ווידמענען מיר דער שאפונג פונעם באקאנטן אָדעסער קינסטלער איליא שענקער, וועמענס שעפערישע טעטיקײַט איז הויפּטזאכלעך פארבונדן מיט דער האפן־שטאָט, ווו אי. שענקער איז גע־וואקסן און דערצויגן געוואָרן.

דאָ אין אָדעס אנטוויקלט זיך דעם קינסטלערס טאלאנט. דאָ באווײַזן זיך אף די שטאָטישע אויסשטעלונגען זײַנע ערשטע אייל־בילדער און אקווארעלן, וועלכע שילדערן די אָדעסער גאסן און געסעלעך, דעם אָדעסער האפן.

מיט יאָרן שפּעטער שאפט אי. שענקער א גאלערייע פּאָרטרעטן פון ארבעטער און קולטור־טוער. צווישן זיי די אויסדריקלעכע און קאָלאָ־ריטפולע געשטאלטן פון דעם פּאָרט־ארבעטער בענציָען גאָכמאן, פון דעם ארכיטעקטאָר לאריסאַ שוואלבינא אא.

די לעצטע צײַט האָט אי. שענקער געשאפן א ריי גראפישע סעריעס: „סאמארקאנד און בוכארא״, „פּושקין אין אָדעס״, און אויך אן אלבאָם שטייגער־מאָטיוון.

באם יאם (פון דער סעריע „פּושקין אין אָדעס״)

א געסל אין אלט־אָדעס

אָדעסער האפן

אָנהייב ווינטער

1

3

4

שטייגער־מאָטיוון

1. דאָס אייניקל
2. זויער אײַנגעמאכטס
3. מע דארף קענען צעשנײַדן א קאווענע
4. עס גייט שוין ווידער ניט קיין וואסער

א פאלשע „טעאריע"

כאוויירים פון רעדאקציע „סאָוועטיש היימלאנד", איך בעט ענטפערן אף אזא פראגע: אין דער אויסלענדישער פראָפאגאנדע ווערט אָפּט איבערגעכאזערט דער טעזיס, אז „ציִעניזם און ייִסראָעל־פּאטריִאָטיזם זײַנען איינס און דאָס זעלבע". צי קאָן דאָס געמאָלט זײַן? צי איז א בירגער פון ייִסראָעל, אויב ער איז א קעגנער פון ציִעניזם, ניט קיין פאטריִאָט פון ייִסראָעל?

א. בלומקין, אָמסק

Aף דער מאָסקוער אינטערנאציִאָנאלער באראטונג פון די קאָמוניסטישע און ארבעטער־פּארטייען, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 5 — 17 יול 1969, איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן די נייטיקײַט צו פארייניקן אלע ערלעכע מענטשן פון דער וועלט אין קאמף קעגן דער מענטשנפײַנטלעכער טעאָריע און פראקטיק פון ראסיזם, קעגן ראסעוועער און נאציִאָנאלער דיסקרימינאציע, קעגן ציִעניזם און אנטיסעמיטיזם. אין די דאָקומענטן פון דער באראטונג ווערט, צווישן אנדערן, אלזײַטיק באוויזן די אגרעסיווקײַט פון די רעגירנדיקע ציִעניסטישע קרײַזן אין ייִסראָעל.

די דאָזיקע אָפּשאצונג, וואָס עס האָט געגעבן דער העכסטער פאָרום פון דער קאָמוניסטישער וועלט־באוועגונג, האָט געמאכט טיל־טעל פון דעם פאלשן טעזיס, וועלכן די ציִעניסטן האָבן צוגעטראכט, אז די מעלוכע ייִסראָעל און דער ציִעניזם זײַנען קלוימערשט איינס און דאָס זעלבע, אז דער ציִעניזם שטייט אויסער קלאסן און קלאסנקאמף.

דער גענעראל־סעקרעטאר פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פון ייִסראָעל מייער ווילנער האָט אין זײַן ארויסטרעטונג אף דער יובליי־פארזאמלונג, געווידמעט דעם 100־טן געבורטסטאָג פון וו. אי. לענין, געזאָגט:

„...מיר וואַרפן אָפּ די טעאָריע פון די ציִעניסטישע אָנפירער, אז ציִעניזם איז אן אויסדרוק פון ייִסראָעל־פאטריִאָטיזם, פון די נאציִאָנאלע אינטערעסן פון ייִסראָעל. דאָס איז שעקער וועקעזעוו. פארקערט, צווישן דעם ציִעניזם און די נאציִאָנאלע אינטערעסן פונעם פאָלק פון ייִסראָעל עקזיסטירט א טיפסטער ווידערשפרוך. דער ציִעניזם שטעלט אונטער א געפאר די צוקונפט פון ייִסראָעל".

דער XVI צוזאמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פון ייִסראָעל, וועלכער איז פאָרגעקומען אין 1969, האָט אָנגעוויזן אין זײַן רעזאָליוציע, אז דער ציִעניזם דינט דעריקער די אינטערעסן פונעם אמעריקאנער אימפּעריִאליזם, אז ער נעמט אן אקטיוון אָנטייל אין דער קאלטער מילכאָמע, וועלכע די אימפּעריִאליסטישע מעלוכעס פירן קעגן דעם סאָוועטנפארבאנד און די אנדערע סאָציִאליסטישע לענדער. דער קאמף קעגן דער ציִעניסטישער אידעאָלאָגיע און פּאָליטיק אנטשפּרעכט די קארדינאלע אינטערעסן פונעם פאָלק פון ייִסראָעל און פון די ייִדן אין גאָר דער וועלט.

די פּראָגרעסיווע פרעסע פון ייִסראָעל שענקט פיל אופמערקזאמקײַט דער קריטיק פונעם ציִעניזם, זי האלט אין איין וואָרענען, מע זאָל זיך ניט לאָזן פארפירן פונעם פארעטערישן לאָזונג פון די ציִעניסטן, אז „ציִעניזם איז ייִסראָעל, ייִסראָעל — איז ציִעניזם". די ציִעניסטן דערלויבן זיך אפילע צו זאָגן, אז דער עצעם אופקום פון דער מעלוכע ייִסראָעל, איר עקזיסטענץ איז א זיג פון דער טעאָריע און פראקטיק פונעם ציִעניזם.

אין דעם פראט איז באזונדערס אינטערעסאנט דאָס ארטיקל פונעם מיטגליד פון דער פּאָליטבּיוראָ פונעם צק פון דער קאָמפּארטיי פון ייִסראָעל ע. טומא אין דער צײַטונג „דער וועג". דער אוטאָר דערווײַזט איבערצײַגנדיק, אז דער איצטיקער קריזיס פונעם ציִעניזם, וואָס פירט אין דער פערספּעקטיוו צו זײַן אונטערגאנג, באטײַט בעשום־אויפן ניט, אז צוזאמען מיט דעם וועט אויך אונטערגיין די מעלוכע ייִסראָעל. שוין דערפון אליין איז צו זען, אז דער ציִעניזם איז ניט קיין שטענדיקע, נאָר א היסטאָריש פאָריבערגייענדיקע דערשײַנונג. דער אוטאָר באווײַזט, ווי פאלש און באָדנלאָז עס איז די באהויפּטונג, אז די אידעאָלאָגיע פונעם ציִעניזם איז די אידעאָלאָגיע פונעם פאָלק פון ייִסראָעל. „די געשיכטע, — שרײַבט ע. טומא, — איז פול מיט בײַשפּילן, ווען עס פלעגט זיך אײַנגעבן די מאכטהאָבער צו אָפּנארן די מאסן, אָבער אין דער זעלבער צײַט איז די געשיכטע רײַך מיט בײַשפּילן, ווען די מאסן דערוואכן און עס ווערט פאר זיי קלאָר, אז מע נארט זיי אָפּ, ווי דאָס איז געשען אין פראנקרײַך בײַס דער שמוציקער מילכאָמע אין אלזשיר, ווי דאָס קומט איצט פאָר אין פשא אין צוזאמענהאנג מיט דער שמוציקער מילכאָמע אין וויעטנאם".

די צײַטונג „זו האדערעך" פון 29 אפּרעל 1970

האָט געשריבן, אַז די ציוניסטישע רעגירונגס־קרײַזן אין ייִשׂראל זײַנען לאַכלוטן ניט פאַרינטערעסירט צו דערגרייכן אַ שאָלעם אַפן נאָענטן מיזרעך. פאַרקערט, זיי טוען אַלץ, קעדיי צו פאַרשאַרפן די באַציונגען צווישן ייִשׂראל און די אַראַבישע לענדער.

דער אַווטאָר פונעם אַרטיקל אַ. בורשטיין דערקלערט דאָס מיט דער רעאַקציאָנערער פּאָליטיק, וועלכע די ציוניסטישע קרײַזן פון פּאַלעסטינע האָבן געפירט נאָך לאַנג ביז דער אויסבילדונג פון דער מעלוכע ייִשׂראל. די זעלבע פּאָליטיק ווילן זיי פירן אויך איצט, ווען זיי שטייען באַם רודער פון דער מעלוכע. אַ. בורשטיין שטרײַכט אונטער דעם פאַקט, אַז אַלץ אַ גרעסערע צאָל יוגנטלעכע און טוער פון דער וויסנשאַפט, קולטור און ליטעראַטור, קלאָל ניט קיין מאַרקסיסטן, וואַרפן אָפּ די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע, טרעטן אַרויס קעגן דער פּאָליטיק פון טעריטאָריאַלע אַנעקסיעס, פאָדערן, אַז די רעגירונג פון ייִשׂראל זאָל גרינטלעך ענדערן איר פּאָליטיק, זי זאָל זיך באַציִען מיט אַכטונג צו די רעכט פון די שכײנישע פעלקער, קעדיי זיכערן די צוקונפט פון ייִשׂראל גופע.

די אָפּשאַצונג, וועלכע עס האָט געגעבן דעם ציוניזם די אינטערנאַציאָנאַלע באַראַטונג פון די קאָמוניסטישע און אַרבעטער־פּאַרטייען אין יאָר 1969, האָט אַן אַקטועלע באַדײַטונג אויך איצט.

דער הײַנטצײַטיקער ציוניזם טרעט אַרויס אונטערן פלאַג פון אַ „קלאַסן־שאָלעם”, פון גוטפרײַנטשאַפט צווישן די עקספּלואַטאָרן און די עקספּלואַטירטע, צווישן די גראָבע טײַסטערס און די אַרבעטסלאָזע און הונגעריקע. מיט דעם דאָזיקן פלאַג ווילן די ציוניסטן פאַרדעקן די ווילדע רעכילעס, די העצע און דיווערסיע־אַקטן קעגן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד און די אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער. אַנטיסאָוועטיזם איז געוואָרן די פּאָן פונעם ציוניזם. טשיקאַווע איז דאָס, וואָס די ציוניסטישע אידעאָלאָגן באַצייכענען יעטווידע קריטיק פונעם ציוניזם אַלס אויסדרוק פון... אַנטיסעמיטיזם.

אין דער רעזאָליוציע פונעם XVI צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ייִשׂראל „דער ציוניזם און די ייִדן־פראַגע אין אונדזער צײַט” ווערט געזאָגט: „די ציוניסטישע אידעאָלאָגן באַהויפּטן, אַז ייִשׂראל און ציוניזם זײַנען איינס און דאָס זעלבע, פּונקט ווי זיי באַהויפּטן, אַז ציוניזם און ייִדן זײַנען איינס און דאָס זעלבע. אין זייער ברייטער פּראָפּאַגאַנדיסטישער קאַמפּאַניע, אויף וועלכער עס ווערן אויסגעגעבן ריזיקע געלט־מיטלען, ווילן זיי איבערצײַגן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג, אַז יעדער, וואָס טרעט אַרויס קעגן דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע, קעגן דער ציוניסטישער פּאָליטיק, קעגן דער פּאָליטיק פון דער ייִשׂראל־רעגירונג, איז, קלוימערשט, אַ קעגנער פון ייִשׂראל, אַן אַנטיסעמיט. מיט אַזעלכע דעמאַגאָגישע פאַרקריפּלונגען ווילן די ציוניסטישע רעדלפירער דערשטיקן די קריטיק פון דער רעגירונגס־פּאָליטיק אינווייניק אין ייִשׂראל און יעטווידע קריטיק פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק אויף דער צווישנפעלקערלעכער אַרענע...”

ר. שפּילמאַן

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

ווען עס לויבט דיך דער סוינע, — טו אַ גוטן טראַכט...

דער קאָלומניסט יאַנקעוו גלאַטשטיין טיילט מיט אין ציוניסטישן „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל” פאַרן 30 יול ד. י., אַז ער „אַנערקענט די וואַרעמע ייִדישע שטעלונג, וואָס די ייִדישע קאָמוניסטן (אַזוי רופט ער אָן די רעדאַקציע פון דער צײַטונג „מאָרגן־פרײַהײַט”. — רעד. „סאָוועטיש היימלאַנד”) האָבן גענומען קעגן דער פּוילישער רעגירונג”. ער שאַצט אָפּ די שטעלונג פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט” ווי „אַ ריכטיקע”.

ניט באַנוגנדיק זיך מיט פּאָלקס־פּוילן, שאַצט גלאַטשטיין אָפּ ווי „אַ ריכטיקע” אויך די שטעלונג פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט” „בענעגייע דער סאָוועטישער אַכזאָריעס נאָך דער זעקסטאָגיקער מילכאָמע”. אַזוי בעפּויעל־מאַמעש דריקט זיך אויס דער קאָלומניסט פון דעם „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל” יאַנקעוו גלאַטשטיין! און ער ענדיקט זײַן לויבגעזאַנג דער צײַטונג פון מאָריס ווינטשעווסקי און מוישע אָלגין מיט אַזעלכע ווערטער:

„נו? איז טאַקע זייער שיין, וואָס ייִדישע קאָמוניסטן באַהאַנדלען די דאָזיקע אַלע מײַסים ווי עס באַדאַרף צו זײַן — מיט ייִדישע אויגן און מיט אַ ייִדיש האַרץ”... און ער נעמט שוין פאָדערן און אונטערטרײַבן: „פאָרט, נו? דאַרף מען... לערנען דעם ריכטיקן מוסערהאַסקל”. ער איז זיך מוידע, אַז עס עגבערט אים „אַ פראַגעלע”: „ווי לאַנג מעג מען זײַן אײַנגעגלייבט”... דאָס הייסט — ווי לאַנג מעג מען זײַן אײַנגעגלייבט אין די אידעאַלן פון דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג, וועלכע האָבן, ווי מיר ווייסן, געפּורעמט און געכאָוועט די „מאָרגן־פרײַהײַט”.

מיר וועלן זיך דאָ ניט פאַרשפּרייטן אַרום דער פראַגע, אַז אומזיסט האָט זיך עס אַזוי אַ לאָז געטאָן צו דער „מאָרגן־פרײַהײַט” די ציוניסטישע באָבע־יאַכנע.

אין דעם פּראַט קאָן מען זיך פאַרלאָזן אַף די פּראָגרעסיווע ייִדישע פאָלקסמאַסן פון אַמעריקע, וואָס וועלן ניט אָפּגעבן אין פרעמדע הענט זייער טריבונע, די אויסגעקעמפטע אין שווערע שלאַכטן.

מיר ווילן אָבער אויסשרייַען אונדזער אומרו צו די שעפער און רעדאַקטאָרן פון דער „מאָרגן־פרייַהייַט": ווען דער סוינע לויבט, איז דאָך א כילעלהאַשעם...

מיר וואָלטן עפּשער זיך צוריקגעהאַלטן פון זאָגן עס, נאָר דער אומרו ווערט באַזונדערס גרויס, ווען מיר זעען, אַז גלאַטשטיינס אַרויסטרעטונג האָט ניט אַרויסגערופן קיין שטאַרקן ווידערווילן באַ די רעדאַקטאָרן פון דער „מאָרגן־פרייַהייַט". פאַרקערט, אין וועכנטלעכן פּרעסע־איבערזיכט, וועלכן עס האָט אין דער „מאָרגן־פרייַהייַט" פאַרן 2 סענטיאַבער ד. י. פאַרעפנטלעכט אירער א מיטאַרבעטער, מיטן פּסעוודאָנים „א. באָאַבאַכטער", ווערט גלאַטשטיין אָפּגעדאַנקט און אונטערגעמונטערט אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס איינער א פּ. ל. גאָלדמאַן האָט אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" „געשטראָפט יאַנקעוו גלאַטשטיינען, האַלעמייַ ער האָט געמאַכט קאָמפּלימענטן דער „מאָרגן־פרייַהייַט". דער אווטאָר פונעם איבערזיכט דערגייט צו דעם, אַז ער נעמט זיך דינגען מיט גלאַטשטיינען: „די קאָמפּלימענטן דער „מאָרגן־פרייַהייַט" זייַנען ניט גענוג", — און ער פאָדערט פון דעם „גרויסן און אומאָפּהענגיקן (?! — רעדאַקציע „סאָוו. היימלאַנד") דיכטער" „מער געוואַגטקייַט".

אַן ענלעכע שטעלונג נעמט אָן כאַיִם סולער אין זייַן וועכנטלעכן פּרעסע־איבערזיכט („מאָרגן־פרייַהייַט", 5 סענטיאַבער ד. י.), אין וועלכן ער „פּאָלעמיזירט" אַף א גאַנץ אָריגינעלן אויפן מיטן בילדונגס־פאַרוואַלטער פונעם רעאַקציאָנערן, אַנטיסאָוועטישן „אַרבעטער־רינג" י. מלאָטעקן. מלאָטעק האָט זיך אויך אָנגעכאַפּט פאַר דער פּאָזיציע פון דער „מאָרגן־פרייַהייַט", און ער געפינט שוין פאַר מעגלעך צו ריידן מיט איר אָפן און גראָב: „יאָ, די „מאָרגן־פרייַהייַט" און די „ייִדישע קולטור" דערלויבן זיך לעצטנס א ביסל צו זייַן קריטיש בענעגייע רוסלאַנד און באַזונדערס קעגן פּוילן, ווייַל מע וויל אַזויאַרום צוהאַלטן אַרום זיך די לייענער. דערפאַר זוכן זיי אויך איצט זיך צו כאַווערן מיט די נעכטיקע „סאָציאַל־פאַשיסטן" און „פאַרקויפטע לאַקייען פון דער בורזשואַזיע", קעדיי צו ווייַזן, אַז מע נעמט זיי אוף אין אַן אָנשטענדיקער געזעלשאַפט. מיר וועלן אָבער קיין שוטפים אין זייערע מאַנעוורעס ניט זייַן... פאַרוואָס זשע קומען זיי ניט, ווי אַנדערע האָבן דאָס געטאָן פאַר זיי, און שליסן זיך ניט אָן אין אונדזערע רייען?.. אונדזערע טירן זייַנען אָפן"...

אַף דעם ענטפערט מיט א האַלב מויל כאַיִם סולער: „זייער פייַן פון י. מלאָטעקן, וואָס ער עפנט די טירן פונעם „אַרבעטער־רינג" פאַר פּראָגרעסיווע ייִדן. די טירן פון ייִדישע קולטור־קלובן פון „איקוף" און אַנדערע פּראָגרעסיווע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס זייַנען אויך ניט געשלאָסן פאַר מיטגלידער פונעם „אַרבעטער־רינג" און אַנדערע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס..."

מיט גרויס שטוינונג און מיט גרויסן אומרו זייַנען מיר בייַוועזנד באַ דעם דאָזיקן דיאַלאָג. עס קומט אוף א נאַטירלעכע פראַגע: ווּהין איז אַהינגעקומען דער קלאַסן־צוגאַנג און פונוואַנען נעמט זיך דער ציטער פאַר דער „אָנשטענדיקער געזעלשאַפט" באַ די רעדאַקטאָרן פון דער „מאָרגן־פרייַהייַט"?

איצט האַנדלען זיי שוין מיט ביינער פון באַבי־יאַר

אין דעם אווגוסט־נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָבן מיר געשריבן: „אין אַלע ייִדישע ייִשוווים מוז זיך לאָזן הערן אַן אַליאַרעם: די ציִעניסטן — די יאָרשים פון קאַסטנערן און פון די יודנראַטלער — זייַנען אַף אַזויפיל געוואָרן פרעך, אַז זיי האָבן שוין האַיאָר פאַרשפרייט די פּראָוואָקאַציעס זייערע אַף די אַזקאָרע־אַקטן נאָך די געטאָ־מאַרטירער".

איצט דערוויסן מיר זיך וועגן נייַע ווילדע געגנג פון די „נאַציאָנאַלע ייִדן". אומקערנדיק זיך פון א באַזוך אין סאָוועטנפאַרבאַנד און קומענדיק אַפּצוריקוועגס קיין ייִסראָעל, האָבן דרייַ אַמעריקאַנער „סטודענטן" אַרויסגעשלעפּט פון זייערע רענצלעך מענטשישע ביינער און געמאָלדן, אַז זיי האָבן „געהיימערהייט" אויסגעגראָבן די ביינער אין באַבי־יאַר. אַזא „אופטור" איז שטאַרק געפעלן געוואָרן די דיריזשאָרן פון די אַנטיסאָוועטישע פּראָוואָקאַציעס אין ייִסראָעל. די העפקער־יונגען זייַנען אופגענומען געוואָרן מיט גרויס טראַסק. ס'איז דורכגעפירט געוואָרן, מיטן אָנטייל פון מיניסטאָרן און ראַבאָנים, א ספּעקטאַקל פון באַערדיקן די „אַרויסגעראַטעוועטע ביינער", וואָס קיינער איז, אַגעוו, ניט זיכער, אַז דאָס זייַנען טאַקע ביינער פון קדושים־ייִדן, וועלכע די נאַציסטן האָבן דערשאָסן אין באַבי־יאַר.

מיר כאַזערן איבער דאָס, וואָס איז שוין ניט איין מאָל געזאָגט געוואָרן: אין אַלע ייִדישע ייִשוווים מוז זיך לאָזן הערן אַן אַליאַרעם וועגן די שענדלעכע מייַסים פון די אַנטיסאָוועטישע פּראָוואָקאַטאָרן.

• • •

די דעזערטירן פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור: הײַנט זאָגן זיי און שרײַבן א י י נ ס, נעכטן — פונקט ד אָ ס פ א ר ק ע ר ט ע

מיר זעצן פאָר צו פארעפנטלעכן מאַטעריאַלן, וועמענס ציל עס איז: העלפן דעם לייענער זיך פאַנאַנדערקלײַבן אין דער אומווירדיקער אופירונג פון די איבערלויפער אַף דער ציִעניסטישער זײַט.

אַף וויפל די דעזערטירן ז. טעלעסין און ר. בוימוואָל פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז אין סאָוועטישן שרײַבער־פארבאַנד האָט מען זיי איגנאָרירט און אין סאָוועטנפארבאַנד האָבן זיי ניט געהאַט קיין מעגלעכקײַט זיך דרוקן, — האָט די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ זיך געווענדט צום סעקרעטאַריאַט פון דער מאָסקווער אָפּטיילונג פונעם שרײַבער־פארבאַנד מיט א באַקאָשע, עס זאָל דערציילט ווערן דער עפנטלעכקײַט וועגן די שמועסן, וועלכע זײַנען געפירט געוואָרן מיט טעלעסינען און בוימוואָל ערעוו זייער אָפּפאָרן קיין ייִסראָעל.

מיר דרוקן דאָ די געקירצטע סטענאָגראַמעס פון צוויי אַזעלכע שמועסן.

סטענאָגראַמע פון א געשפּרעך מיט ז. טעלעסינען און ר. בוימוואָל דעם 3 דעקאַבער 1970

דעם געשפּרעך האָבן געפירט די סעקרעטאַרן פון דער פאַרוואַלטונג פון דער מאָסקווער אָפּטיילונג פונעם שרײַבער־פארבאַנד פון רספסר לאַזאַר קארעלין און וולאַדימיר אילין, דער ביוראָ־מיטגליד פון דער סעקציע פאַר קינדער־ליטעראַטור וולאַדימיר ראַזומנעוויטש.

פאָרגעקומען איז דער שמועס אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס ז. טעלעסין און ר. בוימוואָל האָבן זיך געקליבן אַרויספאָרן פונעם סאָוועטנפארבאַנד קיין ייִסראָעל, און עס שטייט פאָר, לויטן סטאַטוט פונעם שרײַבער־פארבאַנד פון פססר, צו לייזן די פראַגע וועגן זייער אָנגעהעריקײַט צו דעם דאָזיקן פארבאַנד, וועלכער איז א שעפערישע אָרגאַניזאַציע בלויז פון סאָוועטישע שריפטשטעלער.

ל. ק א ר ע ל י ן. איר זײַט געבוירן געוואָרן און אָפּגעלעבט דאָס גאַנצע לעבן אין ווײַסרוסלאַנד? הייסט עס, אַז אײַער היימלאַנד איז דער סאָוועטנפארבאַנד. זאָגט זשע, איך בעט אײַך: וועלכע זאַפטן וועלן נערן אײַער שאַפונג אין א פרעמד לאַנד? ווו וועט איר נעמען פאַר אײַערע ווערק קאָלאָריט, שטייגער? דאָס לאַנד, וווהין איר וועט קומען, איז אײַך ניט נאָר אומבאַקאַנט, ס׳איז א פרעמד קאַפּיטאַליסטיש לאַנד.

ז. ט ע ל ע ס י ן. איך וועל שרײַבן וועגן מײַן היימלאַנד, וועגן פססר, איך וועל דאָרט זײַן א לינקער שרײַבער.

ל. ק א ר ע ל י ן. וואָס פאַר א זין האָט אײַער קלוימערשטע לינקײַט, אויב איר פאַרלאָזט דעם סאָוועטנפארבאַנד?

ז. ט ע ל ע ס י ן. אויב איך וועל אַוועקפאָרן קיין ייִסראָעל, וועט זיך דער הימל ניט איבערקערן.

ו. ר א ז ו מ נ ע ו ו י ט ש. דער הימל וועט זיך אַוודאי ניט איבערקערן, אָבער אײַער שאַפונג קאָן זיך יאָ „איבערקערן״. בײַ אײַערע פּען־קאָלעגן רופט עס אַרויס אַן אומרו. איר האָט דאָך פריִער געשריבן לידער, וועלכע רימען דעם סאָוועטנפארבאַנד, אונדזער לעבנשטייגער. און עס איז א גרויסער ספק, צי אָט די ווערק אײַערע וועלן דאָרט, אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, איבערגעדרוקט ווערן. וווינענדיק אין ייִסראָעל, וועט איר מוזן אפשר אָנהייבן אײַער שאַפונגס־וועג, אָפּזאָגן זיך פון אײַערע פריִערדיקע ליטעראַרישע ווערק.

ז. ט ע ל ע ס י ן. אין ייִסראָעל זײַנען פאַראַן פאַרשיידענע פּאָליטישע ריכטונגען, דאָרט עקזיסטירט א קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט אין איר פּרעסע געדרוקט מײַנע לידער. אויך אַף ווײַטער האָב איך בעדייע צו מיטאַרבעטן אין דער דאָזיקער פּרעסע. איך בין איבערצײַגט, אַז אַלע ביכער, וועלכע איך האָב אָנגעשריבן אין סאָוועטנפארבאַנד, וועלן אפשר אַרויסגעגעבן ווערן אין ייִסראָעל.

ו. ר א ז ו מ נ ע ו ו י ט ש. זאָגט, זינאָווי לוואָוויטש, מיט וואָס פאַרנעמט זיך אײַער זון נאָך דעם, ווי ער איז געקומען קיין ייִסראָעל?

ר. ב ו י מ ו ו אָ ל. ער ענדיקט איצט אין דער מעדינע דאָס לערנען. דאָרט איז אײַנגעפירט, אַז יעדער איינער, וואָס קומט קיין ייִסראָעל, דאַרף זעקס כאָדאָשים שענקען אַף דערלערנען איווריט.

ו. ר א ז ו מ נ ע ו ו י ט ש. גוט, ער לערנט איוורית. און וואָס טוט ער נאָך?

(טעלעסין און בוימוואָל ענטפערן ניט.)

ו. ר א ז ו מ נ ע ו ו י ט ש. איר האָט געזאָגט, אַז די לעצטע יאָרן האָט איר ניט געקאָנט זיך צונויפלעבן מיטן זון, איר האָט אַלעמען אײַנגעשמועסט, אַז איר

האָט אים ניט ליב. פֿאַרוואָס זשע אײַלט איר זיך אַזוי צו אים קיין ייִסראָעל?

ר. בוימוואָל. און איר ווילט, אַז מיר זאָלן זיך צו אים ניט אײַלן?

וו. ראַזומנעוויטש. בײַס אונדזער לעצטער באַגעגעניש האָט זינאָווי לוואָוויטש געזאָגט, אַז דער זון האָט אים ניט ליב און ער דעם זון אויך ניט.

ז. טעלעסין. איך האָב געזאָגט, אַז שוין לאַנג, ווי מיר לעבן זיך ניט צונויף מיטן זון...

וו. אילין. זינאָווי לוואָוויטש, איר האָט, דוכט זיך, נאָך קרוֹיווים?

ז. טעלעסין. יאָ. איך האָב אין לענינגראַד אַ מאַמע, צוויי ברידער, פֿיר שוועסטער.

וו. אילין. איר שרײַבט זיך מיט זיי דורך?

(טעלעסין ענטפֿערט ניט.)

וו. ראַזומנעוויטש. ווי מיינט איר, ווו וועט איר אין ייִסראָעל נעמען מיטלען צום לעבן?

ז. טעלעסין. איך וועל שרײַבן לידער און זיי דרוקן.

וו. אילין. און איר זײַט זיכער, אַז אײַער ליטעראַרישע טעטיקייט וועט אײַך געבן אַ געזיכערט לעבן? איר זײַט דאָרט ברייט באַקאַנט אַלס שריפֿטשטעלער?

ז. טעלעסין. איך ווייס, אַז אַ געוויסע צײַט איז די רעאַקציאָנערע פּרעסע פֿון ייִסראָעל אָנגעפֿאַלן אויף מיר פֿאַר אייניקע מײַנע לידער.

סטענאָגראַמע פֿון אַ זיצונג פֿונעם סעקרעטאַריאַט פֿון דער מאָסקווער אָרגאַניזאַציע פֿונעם שרײַבער־פֿאַרבאַנד פֿון רספסר דעם 29 דעקאַבער 1970

מיטן אָנטייל פֿון סערגיי נאַראָווטשאַטאָוו, מיכאיל לוקאָנין, יורי זשוקאָוו, ניקאָלײַ גריבאַטשאָוו, אַרקאַדי וואַסיליעוו, לאַזאַר קאַרעלין, ניקאָלײַ טאָמאַן, אַנאַטאָלי ריבאַקאָוו.

אויף דער זיצונג האָבן די מיטגלידער פֿונעם שרײַבער־פֿאַרבאַנד ז. טעלעסין און ר. בוימוואָל מיטגעטיילט, אַז זיי קלײַבן זיך אַרויספֿאָרן אויף שטענדיק קיין ייִסראָעל.

ז. טעלעסין. אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד זײַנען שוין פּאַקטיש ניטאָ קיין ייִדישע לייענער. זייער אָפּגעשוואַכט איז דאָ אויך די ייִדישע פּאָליגראַפֿישע באַזע. איך און מײַן פֿרוי בוימוואָל האָבן באַשלאָסן אַרויספֿאָרן קיין ייִסראָעל.

מ. לוקאָנין. אויב איר ווילט פֿאָרן, וועט אײַך קיינער ניט פֿאַרהאַלטן. אַז איר וועט קומען קיין ייִסראָעל, וועט איר נעמען זיך קלאָגן, אַז ייִדישע דיכטער האָבן בײַ אונדז ניט ווו צו דרוקן זיך. דאָס איז דאָך אָבער פֿאַלש. מיר האָבן אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד אַ גרויסן ייִדישן זשורנאַל, מיר גיבן אַרויס ביכער אין ייִדיש און אין רוסישער, אוקראַאינישער, ווײַסרוסישער, ליטווישער, מאָלדאַווישער, אוזבעקישער איבערזעצונגען. איך ווייס ניט די עמעסע סיבע פֿון אײַער אָפּפֿאָר, און ס'איז ניט מײַן זאַך. נאָר דאָס, וואָס איר האָט דאָ געזאָגט, איז אַ באַליידיקונג פֿאַר אונדז, פֿאַרן שרײַבער־פֿאַרבאַנד און פֿאַר זײַנע דרוקאָרגאַנען. עפּשער האַלט איר, אַז אַ ייִדישער דיכטער קאָן זיך בײַ אונדז ניט דרוקן, אַז ער קאָן ניט האָבן קיין פֿאַרקער מיט די לייענער? איך בין אַ דיכטער. איז מיר אינטערעסאַנט צו הערן וועגן דעם פֿונעם מויל פֿון אַ דיכטער. מיך באַאומרויִקט פּאַשעט די פֿראַגע: וואָס וועט איר דאָרט, אין ייִסראָעל, ריידן און וויאַזוי וועט איר דערקלערן די סיבע, פֿאַרוואָס איר זײַט אַרויסגעפֿאָרן פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד.

ז. טעלעסין. פֿאַרוואָס דאַרפֿט איר מוירע האָבן פֿאַר דעם, וואָס איך וועל דאָרטן זאָגן? איך בין אַ ייִדישער דיכטער, און איר וועט דאָך קיין ייִדישע שול פֿאַר מיר דאָ ניט עפֿענען. און עס קאָן זייער זײַן, אַז דאָס איז אַפֿילע ניט נייטיק. פֿאַרוואָס האַלט איר, אַז איך וועל אין ייִסראָעל ריידן שלעכטס אויפֿן סאָוועטנפֿאַרבאַנד? פֿאַרקערט, איך וועל זאָגן, אַז דאָ זײַנען אַרויס עטלעכע ביכלעך מײַנע. נאָר מיך באַפֿרידיקט דאָס ניט.

יו. זשוקאָוו. צי ווייסט איר, וואָס עס קומט פֿאָר אין דעם לאַנד, וווהין איר פֿאָרט? איך האָב הײַנט אינדערפֿרי געלייענט דעם לעצטן נומער פֿון אַ פּאַריזשער צײַטונג, ווו עס ווערט געזאָגט, אַז אין ייִסראָעל האָט זיך איצט אָפּסנײַ פֿאַנאַנדערגעוויקלט אַ ווילדע אַנטיסאָוועטישע קאַמפּאַניע, די רעגירונג גופֿע האָט אָפֿיציעל פּראָקלאַמירט דעם נײַעם פּראָפּאַגאַנדיסטישן טור קעגן אונדזער לאַנד. דאָס הויפּט־אָרט אין אָט דער קאַמפּאַניע איז אויסגעטיילט פֿאַר די עמיגראַנטן פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד. זייערע אַנטיסאָוועטישע אַרויסטרעטונגען זײַנען, אַזוי צו זאָגן, די פּרײַז, וועלכע זיי צאָלן פֿאַר דעם, וואָס מע נעמט זיי אויף אין דער מעדינע און מע שאַפֿט פֿאַר זיי מינימאַלע באַדינגונגען.

וואָס פֿאַר אַ פּאָזיציע וועט איר פֿאַרנעמען אין אָט דער אומגעבונג?

אַוודע, פֿאָרן קיין ייִסראָעל אָדער ניט — דאָס איז אײַער זאַך, איך וויל אײַך נאָר זאָגן פֿרײַנטלעך, אַז איר נעמט אָן זייער אַן ערנסטן באַשלוס, אַ באַשלוס, אויף וועלכן מע אַנטשיידט זיך איין מאָל אין לעבן, — פֿרעג איך, צי ווייסט איר, אין וואָס פֿאַר אַ לאַנד איר פֿאָרט, אין וואָס פֿאַר אַ מאָמענט איר פֿאָרט אַהין? צי ווייסט איר, וואָס פֿאַר אַ פּאָזיציע איר וועט פֿאַרנעמען אין אַזעלכע ספּעציפֿישע באַדינגונגען?

ז. טעלעסין. איך פֿאַרבלײַב בײַ מײַנע קאָמוניסטישע איבערצײַגונגען, און קיינער וועט מיך פֿון אָט דעם וועג ניט אַראָפּשלאָגן. עס איז גאָר מאָדנע צו מיינען, אַז איך דאַרף עמעצן אונטערבאָמקען. איך וועל שטיין אויף לינקע פּאָזיציעס.

יו. זשוקאָוו. מיר וועלן פֿאַרגעדענקען די דאָזיקע מעלדונג אײַערע.

נ. גריבאַטשאָוו. איך ווייס ניט, צי לוינט גאָר באַהאַנדלען אָט די פֿראַגע, וויבאַלד אַ מענטש האָט

שוין אָנגענומען א באשלוס. וואָס וועט זײַן ווײַטער, וועלן מיר זען שפּעטער.

ס. נאַראָווטשאַטאָוו. דאָס איז א רעזולטאַט פון א דורכגעטראַכטן באשלוס. פאַרפירן א דיסקוסיע האָט איצט קיין זין ניט.

א. וואָסיליעוו. דער זון ווינט שוין דאָרט א האלב יאָר — דאָס הייסט, אז דער פּרווו איז שוין געמאכט געוואָרן.

ס. נאַראָווטשאַטאָוו. עס קאָן זײַן, אז דאָס איז איינער פון די לעצטע כאַווערישע שמועסן צווישן אונדז. אין א שטיקל צײַט ארום וועלן מיר שוין ניט קאָנען אָנרופן אײַך כאַוויירים.

ל. קאָרעלין. טעלעסין איז געוואָרן א ייִדישער דיכטער בא אונדז אין סאָוועטנפאַרבאַנד. בוימוואָל שרײַבט אויך אין רוסיש, איר לייענער געפינט זיך דאָ. ריידנדיק מיט טעלעסינען און בוימוואָלן ניט דאָס ערשטע מאָל, ווילט זיך מיר דאָך זיי איצט זאָגן אָט וואָס: קיינער וועט אײַך ניט אײַנשמועסן, איר זאָלט נעמען אָפּ צוריק אײַער באשלוס. אָבער י. זשוקאָוו איז גערעכט, ווען ער זאָגט, אז איר באַגייט איצט אזא אקט, וועלכן מע באַגייט איין מאָל אין לעבן, — איר פאָרט אוועק אין א פרעמד לאנד, ווו אָף אײַער שאַפונג וועלן גלײַך אָנהייבן ווירקן סײַ די פאַרביטענע וועלט־אָנשויונג, סײַ די פאַרלוירענע איבערצײַגונגען, סײַ דער פאַרלוירענער היימישער פּייזאַזש, וואָס האָט אײַך שטענדיק, פון די קינדעריאָרן אָן, באַגלייט. דאָס דאַרף מען פאַרשטיין. מיר, לעמאָשל, האלטן, אז איר מאכט א פאַטאַלן טראָט, וועלכן איר וועט ניט קאָנען פאַריכטן.

ר. בוימוואָל. איך שרײַב אָף צוויי שפּראַכן. אין ייִדיש זײַנען דערשינען מער ווי א צענדליק ביכלעך מײַנע. איך האָב איצט אָפּגעגעבן אין פאַרלאַג 5 1/2 בויגן, נאָר באַשטעטיקט האָט מען בלויז 3 בויגן.

בענקען וועל איך דאָרט זייער. טעלעסין וועט אויך בענקען. מיר וועלן פאַרבלײַבן די זעלבע, וועלכע מיר זײַנען געווען. א מענטש דאַרף זײַן א מענטש, דה. אן ערלעכער מענטש.

נ. טאָמאַן. דער פאַרלאַג קאָן ניט דרוקן אלץ, וואָס בוימוואָל ברענגט. זי מאכט אָבער סקאַנדאַלן. פּיל הילף אינעם דרוקן זיך האָט איר ארויסגעוויזן לעוו אבראַמאָוויטש קאַסיל. אים קאָן מען שוין בעשום־אויפן ניט באַשולדיקן אין אַנטיסעמיטיזם. נאָר אַנומלטן האָט ער, זײַענדיק טאַקע מיט איר אין פאַרלאַג, אויסגעשריִען: מע קאָן איבער אײַך ווערן אַן אַנטיסעמיט! ווײַל אין דער צײַט, ווען ער האָט אלץ געטאָן, קעדיי דורכשטופּן אירע א ניט געלונגענע פּאָעמע, האָט זי ניט אופגעהערט צו שאַנטאַזשירן אים... דער ליטפאָנד האָט טעלעסינען און בוימוואָל קעסיידער געהאָלפן, געגעבן זיי געלט־סומעס. זיי האָבן אויך באַקומען אן אומזיסטע דירע. די רייד, אז זיי האָבן זיך געפונען אין שווערע באַדינגונגען, זײַנען אָפּנע רעכילעס. מיט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק איז ארויס פון דרוק טעלעסינס א בוך געזאמלטע ווערק.

א. ריבאַקאָוו. אָט די צוויי פאַרשוינען זײַנען, פאַרשטייט זיך, קנאַפּ וואָס סימפּאַטיש. איך קען בוימוואָלן — זי רופט ארויס בא מענטשן א ווידערגעפיל. איך מיין, אז דערפון, וואָס בוימוואָל און טעלעסין פאָרן קיין ייִסראָעל, וועט לײַדן קוידעם־קאָל ייִסראָעל.

ס. נאַראָווטשאַטאָוו. אלס פאָרזיצער, קום איך צום אויספיר, אז מע דאַרף מער ניט פאַרציִען דעם שמועס. דער איניען איז קלאָר: לויט זייער אייגענעם ווילן האָבן טעלעסין און בוימוואָל זיך אוועקגעשטעלט אויסער די גרענעצן פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור.

זכרונות

מ. שאַץ־אַנין

אַף מײַן לעבנס־וועג

ווידער בײַ דער טאָגטעגלעכער אַרבעט

פרײַנט און כאַווײרים האָבן געהאָפט, אַז איך וועל זיך אומקערן פון ווין מיט דער צוריק גע־פונענער אויגן־שײַן. צום גרויס באַדויערן, איז דאָס ניט געשען. די וועלט איז געלעגן פאַר מיר אײַנגעהילט אין פינצטערניש, און דאָך, בײַ דעם מאַצעוו מײַנעם, בין איך ווידער צוגעטראָטן צו דער איבערגעריסענער קולטור־געזעלשאַפט־לעכער אַרבעט: איך האָב אָנגעפירט מיט דעם נײַ־געגרינדעטן „ווינטשעווסקי־קלוב", רעדאַ־גירט דעם זשורנאַל „נײַ־ערד", געלייענט לעק־ציעס וועגן ליטעראַטור, קונסט, פילאָסאָפיע און עסטעטיק. אין יענער צײַט איז דערשינען מײַן בראָשור „קריטיק פון בונד", און צום 50־טן יאָרטאָג נאָך קאַרל מאַרקס' טויט האָב איך פאַרעפנטלעכט אַ בראָשור „מאַרקס לעבט", אין וועלכער איך האָב געפרווּווט געבן אַן אויסגע־ברייטערט בילד פון מאַרקס' טעטיקײַט און פון דער האַשפּאָע, וואָס עס האָט די מאַרקסיסטישע אידעאָלאָגיע אַף דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

„קריזיס פון דער בורזשואַזער קולטור"

אין דער דאָזיקער בײַנהאַשמאָשעסדיקער צײַט פאַר אײראָפּע און ניט נאָר פאַר אײראָפּע, ווען דער היטלעריזם, וועלכער האָט שוין זינט אַ יאָרצענדליק זיך געגרייט צו זײַן כײַזשן שפּרונג, האָט שוין געהאַלטן אין דײַטשלאַנד בײַ זײַן פינצטערן ניצאָכן, האָב איך אָנגעשריבן אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דער יערידע פון דער בורזשואַזער קולטור. אין אָט דער אָפּהאַנדלונג, וועלכע איז דערשינען אין 1932 אין ריגע, האָב איך געמאַכט אַ פּרווו פּסיכאָלאָגיש פאַנאַנדער־צוגלידערן דעם קריזיס פון דער בורזשואַזער וועלט און אַף צאָלרײַכע בײַשפּילן פון פאַרשיי־דענע קולטור־געביטן — מאָלערײַ, מוזיק, ליטע־ראַטור, טעאַטער און וויסנשאַפט באַווײַזן, ווי יעדע קולטור טיילט דעם גורל פון דעם קלאַס, וואָס האָט זי באַשאַפן, ווי צוזאַמען מיט דעם דאָזיקן קלאַס שטײַגט זי און פאַלט, און ווען עס קומט דער היסטאָרישער אומבײַט אין דער גע־זעלשאַפט, ווערט אומפאַרמײַדלעך אויך דער קריזיס אין דער קולטור.

באַזונדערס בולעט האָט דער קריזיס פון דער בירגערלעכער קולטור זיך אָנגעהויבן אַרויס־ווײַזן דעמלט, ווען דער אַנטאַגאָניסט און קאַב־רען פון דער בורזשואַזיע — דער פּראָלעטאַ־ריאַט — איז אַרויסגעטראָטן אַף דער היסטאָרי־שער אַרענע ווי אַ זעלבשטענדיקער סאָציאַל־פּראָגרעסיווער קויעך, און דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" האָט אָפּגעקלונגען פאַר דער בור־זשואַזיע ווי אַן אָנזאָג פון איר סאָף. אָט דעמלט האָט אין איר זעלבסטצופרידנקײַט זיך אַרײַנגע־ריסן אַ נאָגנדיקער אומרו, זי פאַרלירט די זי־כערקײַט אין זיך, אין אירע קויכעס, זי פּרווּוט מיט די מיטלען פון קונסט מאַכן פאַרן „האַמויך" דעם אָנשטעל, אַז זי גלייבט אין דעם מיטאָלאָ־גישן געטלעכן קויעך, וואָס איז באַרופן אָפּצו־היטן אירע קלאַסן־הייליקײַטן. זי טוט דאָס מיט דער הילף פון רעליגיע, פון מעטאַפיזיק, פון מיסטיציזם. אין דער מאָלערײַ און מוזיק קומען דעמלט אויף קאָלערלײַ נעגאַטיווע ריכטונגען, ווי עקספּרעסיאָניזם, קוביזם, אין דער ליטעראַ־טור — דעקאַדאַנס, סימבאָליזם, פוטוריזם. אויך דער טעאַטער ווערט פאַרוויקלט אין קאָלערלײַ

פאַרנעפּלטע שטרעמונגען. און אַזויווי די אָביעקטיווע לאָגיק פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג האָט וואָס ווײַטער אַלץ מער געפונען איר בוילעטע פאַרקערפּערונג אין די קלאַסן־אינטערעסן און קלאַסן־אידעאָלאָגיע פונעם פּראָלעטאַריאַט, אין דער אידעאָלאָגיע, וועלכע איז אַלץ אָרגאַנישער דורכגעפלאָכטן און דורכגענומען געוואָרן מיט די פּרינציפּן פונעם דיִאַלעקטישן מאַטעריִאַליזם, האָט די צעשראָקענע און צעטומלטע בורזשואזע וויסנשאַפט אָנגעהויבן צוטראַכטן קאָלערליי טעאָריעס און טעאָריעלעך אַף צו לעשן דאָס פײַער, וואָס ווערט טראָץ איר ווילן אונטערגעהאַלטן דורך די דערגרייכונגען פון די נאַטורוויסנשאַפטן. די הויפּט־אופגאַבע פון אַט די טעאָריעס איז געווען דורכצופירן דעם געדאַנק, אַז דער מענטש איז אַן איינזאַם באַשעפעניש, אַרומגערינגלט דורך פרעמדע און פײַנטלעכע קויכעס סײַ אין דער נאַטור, סײַ אין דער געזעלשאַפט, אַז ער אַליין איז אָפּהענטיק און אָפּהענגיק איז ער נאָר פון דעם „אַלמעכטיקן גוירל".

נאָכן געניועם אַנאַליז פון דער יערידע פון דער בורזשואזער קולטור קומט אין דער אָפּהאַנדלונג די שילדערונג פון דער סאָציִאַליסטישער קולטור, בייס וועלכער דער מענטש הערט אוף זיך פילן ווי אַן איינזאַם באַשעפעניש, ווען דער אומבאַהאָלפענער איינזאַמער „איך" פלעכט זיך אָרגאַניש אַרײַן אין דעם קאָלעקטיוון „מיר", און אָנשטאָט די פּאַרסאַמענדיקע סטימולן פון קאָנקורענץ, קינע, סינע ווערן די טרײַבנדיקע קויכעס פונעם מענטשלעכן שאַפן — צוזאַמענאַרבעט, מיטגעפיל, סאָלידאַריטעט. פון דער מענטשלעכער פּסיכאָלאָגיע פאַרשווינדט דער אָפּטייטנדיקער פאַטאַליזם, די פּעסימיסטישע גריבלערײַ און בענקעניש, און אַף זייער אָרט קומט לעבנספרײדיקער, שעפערישער אַקטיוויזם און גלויבן אין די אייגענע קויכעס. און צוזאַמען מיט דעם אופשטײַג פון דער סאָציִאַליסטישער קולטור ווערט אויך די קונסט אויסגעהיילט פון איר בלוטלאָזן, פאַרנעפּלטן אינהאַלט און פאַרוואַנדלט זיך אין איינעם פון די פאַקטאָרן פון דעם שעפערישן קאָנסטרוקטיוויזם — אַזוי אין דער מאָלערײַ, ווי אין דער מוזיק, אין דער ליטעראַטור, ווי אין דער אַרכיטעקטור, אין טעאַטער, ווי אין קינאָ.

דער וויסנשאַפטלעכער געדאַנק אין דער אופשווונג־עפּאָכע פון דער סאָציִאַליסטישער קולטור ווערט באַפרײַט פון אַלע פּענטעס, אין וועלכע די הערשאַפט פון דער בורזשואזיע האָט אים מעשעך פון יאָרהונדערטער אים פאַרפּלאָנטערט, און די נײַע וויסנשאַפט דערקלערט אָפן און מוטיק, אַז איר ציל איז ניט דאָס פאָרשן צוליבן פאָרשן (דאָס איז פאַקטיש דאָך קיינמאָל ניט געווען די אופגאַבע פון דער וויסנשאַפט), נאָר דאָס וויסן צוליב שאַפן, דאָס וויסן אַלס סטימול פון פּראָגרעסיוון אופשטײַג. דער גרונטפּרינציפּ פון דער מאַרקסיסטישער וויסנשאַפט איז — אויספאָרשן די ווירקלעכקײַט, קעדיי צו באַנעמען אירע אָביעקטיווע געזעצמעסיקײַטן און אָרגאַניזירן אַלע עלעמענטן פון דער מענטשלעכער דערפאַרונג, קעדיי זיי אַקטיוו צו באַהערשן און אויסנוצן פאַרן פּלאַנמעסיק־קאָלעקטיוון איבערבוי און אופבוי פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן.

דאָס זײַנען אין קורצע שטריכן די געדאַנקען, וועלכע איך האָב געפּרוּווט אַנטוויקלען אין יענער אָפּהאַנדלונג.

נאָך דער איבערקערעניש אין לעטלאַנד אין 1934 האָט דער פאַשיסטישער דיקטאַטאָר אולמאַניס מיר פאַרבאָטן אופצוטרעטן עפנטלעך אין געריכט. אין שײַכעס דערמיט בין איך אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער אַדוואָקאַטור, און איך האָב מער ניט געהאַט די מעגלעכקײַט צו פאַרטיידיקן אין געריכט די אינטערעסן פון די סאָוועטישע אינסטיטוציעס אין לעטלאַנד, וואָס איך בין שוין זינט מערערע יאָרן געווען זייער יוריסקאָנסולט. דעמלט האָט דער סאָוועטישער געזאַנדטער אין לעטלאַנד זיך געווענדט אינעם קאָמיסאַריאַט פאַר אויסערן־איניאָנים פון סאָוועטנפאַרבאַנד מיט אַן אַנטשפּרעכיקער אָנפראַגע, און דער פאָלקסקאָמיסאַר ליטווינאָוו האָט געענטפערט, אַז אַלץ בלײַבט ווי געווען, איך זאָל ווײַטער אויספילן די פונקציעס פון אַ יוריסקאָנסולט. איך האָב ווײַטער געאַרבעט. אָבער מיט דעם אונטערשייד, וואָס אין געריכט בין איך ניט אופגעטראָטן, און די עפנטלעכע זײַט פון די פּראָצעסן האָט געפירט מײַן געהילף.

דער אַנטיפאַשיסטישער קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריזש

עס האָט זיך שוין געגרייט דער אַלוועלטלעכער ייִדישער קולטור־קאָנגרעס. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם האָב איך זומער 1937 אַרויסגעגעבן אין טאַלין (אין ריגע איז דאָס דעמלט אומעגלעך געווען מאַכמעס צענזור־טײַמים) אַ בראָשור „צו דער פאָרגעשיכטע פון דעם אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס", אין וועלכער איך האָב דערציילט וועגן דער איניציִאַטיוו פון ריגער „אַרבעטער־היים" שוין אין 1921 צונויפצורופן אַזאַ קאָנגרעס און געבראַכט די מיינונג פון דאָוויד בערגעלסאָן, דעם ניסטער און קוויטקאָ וועגן דער נויטווענדיקײַט פון אַזאַ קאָנגרעס.

איך האָב באַקומען אַן אײַנלאַדונג אָנטיילצונעמען אין דער אַרבעט פונעם קאָנגרעס, און

אין הארבסט 1937 בין איך אין דער באַגלייטונג פון מײַן פרוי ארויסגעפאָרן קיין פּאַריז.

עס רעדט זיך אזוי לײַכט „ארויסגעפאָרן”. עס איז שוין גאָר ניט אזוי איינפאַך געווען פאַר מיר אונטערצונעמען די דאָזיקע נסיעה. ערשטנס, צוליב מײַן געזונט־צושטאַנד, צווייטנס, איז צוגעקומען אַזאַ שוועריקייט: מ׳האָט געמוזט דורכפאָרן דורך היטלער־דײַטשלאַנד, און איך בין דאָך בעלי־סאָפעק געווען אין דער דאָזיקער מעדינע ארופגעטראָגן אפן שווארצן צעטל פאַר מײַנע אנטיפאַשיסטישע ארויסטרעטונגען. און ווײַטער איז ביכלאַל געווען שווער צו באַקומען אין דעם פאַשיסטישן לעטלאַנד א דערלויבעניש ארויסצופאָרן אף אַן אנטיפאַשיסטישן קאָנגרעס!

ענדלעך אָבער זײַנען מיר בײַגעקומען די אַלע שוועריקײַטן און זיך אוועקגעלאָזט אין וועג.

אײַנדרוקן זײַנען געווען אפן וועג פאַרשיידענע, נאָר וועגן איין עפּיזאָד, וואָס וואָלט געקאָנט פאַרענדיקן זיך זייער טרויעריק, איז קעדײַ דאָ צו דערציילן:

ווען מיר זײַנען אָנגעקומען אף דער טעריטאָריע פון דײַטשלאַנד, זײַנען אין וואַגאָן ארײַנגעקומען פאַשיסטישע בײַגרענעץ־באַאַמטע און געהייסן אַלעמען ארויסגיין אף א טאַמאָזשנע־קאָנטראָל. מײַן פרוי איז געווען זייער אומרויִק, וואָס זי דאַרף מיך איבערלאָזן אַליין אין קופּע, אָבער די פאַשיסטן זײַנען באַשטאַנען אף זייער באַפעל, און זי האָט געמוזט צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע פּאַסאַזשירן פאַרלאָזן דעם וואַגאָן. איר האָט זיך דאָך אײַנגעגעבן איבערצורײדן דעם באַאַמטן, מ׳זאָל זי אָפּלאָזן גיכער, און נאָכדעם, ווי ער האָט דורכגענישטערט אפגיך איר טשעמאָדאַן און בעכיפאָזנדיק א שאַר געטאָן אין איר האַנט־טעשל, האָט ער איר דערלויבט זיך צוריקצוקערן אין וואַגאָן.

ווען פאַניע סאַמוילאָוונע איז ארײַן צוריק אין קופּע און מיר דערציילט, אַז די אונטערזוכונג איז דורך בעשאָלעם, האָב איך לײַכטער אָפּגעאָטעמט.

— ווייסטו כאָטש, וואָס ס׳איז געווען אין טעשל? — האָב איך געפרעגט.

— אוודאי ווייס איך, — האָט מײַן פרוי געענטפערט, — אַלץ אומשולדיקע זאַכן, און פאַר דער אונטערזוכונג אין טעשל האָב איך זיך אַבסאָליוט ניט געשראָקן...

— יאָ, טאַקע זייער „אומשולדיקע”! — האָב איך זיך אָנגערופן. — צוליב אָט דער אומשולדיקײַט פון א דאַמען־טעשל האָב איך, אָן דײַן וויסן, ארײַנגעלייגט אהין דעם קאָנספּעקט פונעם פאָרטראָג, וואָס כ׳האָב צוגעגרייט פאַר פּאַריז, מיט אַלע אנטיפאַשיסטישע טעזיסן. מ׳קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס מיט אונדז וואָלט געשען, ווען דאָס פאַלט ארײַן אין די הענט פון די היטלעריסטן!

אַזוי אַז דאָ האָט אונדז פּאַשעט אָפּגעגליקט, און מיר זײַנען שוין דערפאָרן ביז פּאַריז אָן באַזונדערע וועג־פּאַסירונגען.

אפן פּאַריזשער וואָקזאַל האָבן אונדז אָפּגעוואַרט א סאַך פרײַנט און כאַווײרים — דעלעגאַטן פונעם קאָנגרעס, בעראָש מיטן פאָרזיצער פון דעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט — דעם סקולפּטאָר נאָכעם אראָנסאָן, און דעם גענעראַל־סעקרעטאַר — דעם דראַמאַטורג כאַיִם סלאָוועס.

דעם זעלביקן אָוונט איז אין זאַל „וואַגראַם” בײַ דער אָנוועזנהײַט פון בערעך 5000 מענטשן פאָרגעקומען די פײַערלעכע דערעפענונג פונעם קאָנגרעס. אין פּרעזידיום זײַנען געזעסן אַרום 200 ייִדישע קולטור־טוער פון עטלעכע צענדליק לענדער. פאָרזיצער איז געווען נאָכעם אראָנסאָן, סעקרעטאַר — כאַיִם סלאָוועס.

דעם קאָנגרעס האָט באַגריסט א פאָרשטייער פון דער דעמאָלטיקער פראַנצויזישער רעגירונג פון פאָלקס־פראָנט. א באַזונדערס שטאַרקן אײַנדרוק האָט געמאַכט די באַגריסונג פון די פראַנצויזישע קינדער. נאָכדעם זײַנען ארויסגעטראָטן מיט רעדעס אָפּאַטאָשו, לייוויק, אָלגין.

אין מײַן ארויסטרעטונג האָב איך אָנגעוויזן אף דער דרינגענדיקער נויטווענדיקײַט צו אָרגאַניזירן אַלע פּראָגרעסיווע ייִדישע קויכעס פון דער גאַנצער וועלט צום קאַמף קעגן דעם נאַציזם — דעם פײַנט פון אַלע פעלקער.

נאָך מײַן פאָרטראָג איז די זיצונג געשלאָסן געוואָרן, און די קאָמיסיעס זײַנען צוגעטראָטן צו דער ארבעט. איך בין דעמאָלט אויסגעקליבן געוואָרן אין דער קאָמיסיע פאַר קונסט, מוזיק און פאָלקלאָר.

אַזוי זײַנען מײַנע פּאַריזשער טעג פאַרבײַגעגאַנגען אין ארבעט און אין באַגעגענישן מיט אַלטע און מיט נײַ־צוגעקומענע פרײַנט. אין דער צײַט איז אויך פאָרגעקומען די פּאַריזשער וועלט־אויסשטעלונג. אף דער גראַנדיִעזער סאָוועטישער עקספּאָזיציע בין איך אופגענומען געוואָרן דורך די אײַנאָרדענער, וועלכע האָבן מיר אויסדערציילט אַלע פּראָטים, אַזוי אַז כ׳האָב געהאַט דעם אײַנדרוק, ווי כ׳וואָלט אַלץ אַליין געזען. איך האָב אויך באַקומען אַן אײַנלאַדונג צו פאָרן קיין אַמעריקע און קיין לאָנדאָן צו לייענען א ציקל לעקציעס, אָבער פון דעם האָב איך זיך אָפּגעזאָגט. אַן אײַנלאַדונג קיין בעלגיע האָב איך אָבער יאָ אָנגענומען — מיר האָט זיך זייער געוואָלט באַגעגענען מיט די דאָרטיקע ענטוזיִאַסטישע יוגנטלעכע, וועלכע זײַנען אין א גרויסער צאָל דעמאָלט געפאָרן קיין שפּאַניע קעמפן פאַר דער רעפּובליק.

פון בריסעל האָב איך זיך צוריקגעקערט קיין פּאַריז, ווו איך האָב ווידער געהאַט עטלעכע עפנטלעכע ארויסטרעטונגען.

אין דער פּאַריזשער און בריסעלער פּרעסע

האָבן זיך באַוויזן באַריכטן פון מײַנע אַרויסטרעטונגען און ס'איז באַלויכטן געוואָרן זייער אַנטיפאַשיסטישער כאַראַקטער. מאַכמעס דעם האָב איך שוין ניט געקאָנט ריזיקירן צו פאָרן דורך דײַטשלאַנד, און דער צוריקוועג קיין לעטלאַנד האָט אונדז שוין געפירט איבער שווייץ, עסטרײַך און פוילן.

דאָ דערמאָן איך זיך, ווי בײַס אונדזער מעסלעסיקן אופהאַלט אין ווין צווישן איין צוג און דעם אַנדערן, זײַנען מיר אַוועק אין קאַפע „צענטראַל״ — איך האָב געוואָלט באַווײַזן מײַן פרוי די קאַפע, ווו איך האָב פיל פאַרבראַכט בײַס מײַן אַמאָליקן ווײַלן אין ווין. מיר האָבן פאַרנומען אַ טישל, און מײַן פרוי איז אַרויסגעגאַנגען קויפן בלומען. אָבער ווען פאַניע סאַמוילאָוונע איז אין אַ ווײַלע אַרום געקומען צוריק, איז זי געוואָרן דערשטוינט: איבערגעלאָזן מיך אַליין, האָט זי איצט געטראָפן אַרום מײַן טישל זיצן און שטיין אַ מאַן דרײַסיק און פירן אַ לעבהאַפטן שמועס. ווײַזט זיך אַרויס, אַז גראָד דעמלט זײַנען אין „צענטראַל״ געווען מערערע אָנטיילנעמער פון דעם פאַריזשער קאָנגרעס, און ווען עמעץ פון זיי האָט צופעליק מיך דערזען, האָבן אַלע זיך צוזאַמענגעקליבן אַרום מײַן טישל, און ס'איז דאָ אַנטשטאַנען אַ מין אימפּראָוויזירטער באַנקעט. נאָך דער דאָזיקער אומדערוואַרטער באַגעגעניש האָבן די אַלע „קרויווים״ (דאָס האָבן מיר דעם פאַרכידעשטן קעלנער געזאָגט, אַז דאָ איז אַ צוזאַמענטרעף פון קרויווים, און קיין ליגן איז דאָס ניט געווען, ווײַל דאָס זײַנען געווען מענטשן פון איין וועלטבאַנעם — אַלץ פּראָסאָוועטישע כאַוויירים) אונדז אַרויסבאַגלייט צו דער באַן און צוגעוווּנטשן, מיר זאָלן אומעטום טרעפן אַזעלכע „קרויווים״.

אין וואַרשע איז אונדז אויך אויסגעקומען זיך אופצוהאַלטן, ווײַל די דאָרטיקע צאָלרײַכע „קרויווים״ (די ווינער צווינטשונג איז טאַקע פאַרווירקלעכט געוואָרן...) האָבן געוואָלט, איך זאָל זיי אָפּגעבן אַן אויספירלעכן באַריכט וועגן פאַריזשער קאָנגרעס.

און אַזוי זײַנען מיר נאָך אָט דער אײַנדרוקספולער נעסיִע צוריקגעקומען קיין ריגע, ווו איך האָב זיך ווײַטער אײַנגעשלאָסן אין דער יוריסטישער, ווי אויך אין דער זשורנאַליסטישער אַרבעט.

מײַן גאַסט נאָכעם אַראָנסאָן

מיטן סקולפּטאָר אַראָנסאָנען, וועלכער האָט פון אָנהייב יאָרהונדערט געלעבט און געאַרבעט אין פאַריזש, בין איך שוין געווען באַקאַנט נאָך פון מײַנע סטודענטן־יאָרן, ווען איך פלעג פון דער שווייץ זיך אַראָפּכאַפּן אין דער וועלטשטאָט. בײַס איינעם אַזאַ באַזוך בין איך אַוועק צו דעם סקולפּטאָר (אַגעוו, מײַנער אַ לאַנדסמאַן, אויך אַ געבוירענער אין לעטלאַנד, אין שטעטל קרעסלאַווקע). ער האָט מיך זייער פרײַנטלעך אופגענומען און באַוויזן זײַנע אַרבעטן, וואָס האָבן מיך באַגײַסטערט.

איצט, בײַס מײַן קומען קיין פאַריזש אפן קולטור־קאָנגרעס, האָבן מיר זיך שוין באַגעגנט ווי אַלטע באַקאַנטע, און מיר האָבן געהאַט געמיינזאַמע זיכרוינעס פון די יונגע יאָרן. דער סקולפּטאָר האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט בעדייע אײַנגיכן קומען קיין לעטלאַנד באַזוכן זײַן געבורטס־שטעטל. אין 1938 איז ער טאַקע געקומען, און אָף זײַן צוריקוועג פון קרעסלאַווקע איז ער אַ געוויסע צײַט געווען מײַן גאַסט.

מיר האָבן פאַרבראַכט אומפאַרגעסלעכע טעג צוזאַמען, און בײַס אונדזערע לאַנגע שפּאַצירן האָט ער מיר אויסדערציילט זײַן גאַנצע לעבנסגעשיכטע, ווי אים איז אויסגעקומען דורכצומאַכן אַ האַרבן וועג פון דעם פאַרוואָרפענעם אָרעמען שטעטעלע אין צאַרישן רוסלאַנד ביז דעם גרויסן קינסטלערישן צענטער פאַריזש, ווו ער איז געוואָרן אַ וועלט־באַרימטער קינסטלער.

צווישן די פילצאָליקע עפּיזאָדן פון זײַן רײַכער ביאָגראַפיע האָט מיר אַראָנסאָן אויך דערציילט די געשיכטע וועגן דעם, ווי ס'איז אַנטשטאַנען זײַן באַרימטער לענין־ביוסט.

— אין איינעם אַ פרימאָרגן, — האָט אַראָנסאָן דערציילט, — איז לונאַטשאַרסקי, מיט וועמען איך בין געווען באַפרײַנדעט, געקומען צו מיר אין אַטעליע מיט איינעם אַן אומבאַקאַנטן מענטשן און געזאָגט, אַז דאָס איז אַ כאַווער, וואָס איז אָקאָרשט געקומען קיין פאַריזש. שוין פון ערשטן קוק האָט דער דאָזיקער אומבאַקאַנטער געמאַכט אָף מיר אַ שטאַרקן אײַנדרוק מיט זײַן אויסערגעוויינלעך־אינטערעסאַנטן שטערן, וואָס מיר, קינסטלער, רופן „סאָקראַטשטערן״, און בײַסן קאַפּע־טרינקען האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און אים געבעטן מיר פאָזירן פאַר אַ סקולפּטור. דער דאָזיקער מענטש, וועלכער איז געווען וולאַדימיר איליטש לענין, איז מאַסקים געווען, און איך האָב זיך באַלד גענומען צו דער אַרבעט.

— איך דערמאָן זיך, אַז ווען דער פאַרטיקער ביוסט איז אויסגעשטעלט געוואָרן אין פאַריזש, זײַנען אַ סאַך מענטשן געקומען אים אָנקוקן, און די אָפּרופן זײַנען געווען גוטע. אָבער באַזונדערס האָבן מיר זיך פאַרקריצט אין זיכּאָרן די ווערטער פון איינעם אַ ייִנגל, וואָס איז מיט אַ גרופּע שילער אין דער באַגלייטונג פון זייער לערער געקומען באַטראַכטן די סקולפּטור.

— אָט דער פעטער, — האָט דאָס ייִנגל געזאָגט, — זעט זייער ווײַט!

— הערנדיק דאָס, האָב איך מיט באַפרידיקונג אַ טראַכט געטאָן, — האָט אַראָנסאָן געזאָגט, —

אז מיר האָט זיך אין א געוויסער מאָס איינגעגעבן איבערצוגעבן די גרויסקייט פון דעם לענין־געשטאַלט, וויבאַלד אפילו א קינד זעט דאָס!

דער דאָזיקער ביוסט, וועלכער איז שטאַרק געפעלן געוואָרן קרופּסקען, ליטווינאָוון, לונאַטשאַרסקין און אַלעמען, ווער ס׳האָט נאָר נעענטער געקענט לענינען, איז שפּעטער איבערגעשיקט געוואָרן קיין מאָסקווע, און איבערגעגעבן דעם לענין־מוזיי, ווו ער געפינט זיך ביזן היינטיקן טאָג.

ווען אַראָנסאָן איז אַפּגעפאָרן פון ריגע, האָב איך אָנגעשריבן א גרויס אַרטיקל וועגן דעם קינסטלער און זיין לעבנס־וועג און עס אַפּגעשיקט אין ניו־יאָרקער זשורנאַל „יידישע קולטור". וועגן דעם ווייטערדיקן גורל פון דעם אַרטיקל האָב איך שוין ניט געהערט, ווייל אינגיכן איז אויסגעבראָכן דער קריג. נאָר ווען מיכאָעלס און פעפער זיינען אין 1943 צוריקגעקומען פון זייער אַמעריקאַנער נעסיע, האָבן זיי מיר דערציילט, אַז אַראָנסאָן, וועלכער האָט שוין דעמאָלט געלעבט אין אַמעריקע, האָט זיי באַוויזן מיין מאָנאָגראַפיע וועגן אים אין דעם זשורנאַל.

בייס זיין באַזוך בא אונדז אין ריגע האָט אַראָנסאָן זיך פאַראינטערעסירט מיט מיין טאָכטער יודיט, וועלכע האָט אַרויסגעוויזן א גרויסע נייגונג צו קונסט־וויסנשאַפט, און ער האָט מיט אונדז גערעדט וועגן דעם, אַז אין דעם קליינעם לעטלאַנד האָט זי ניט קיין מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען אירע פייִקייטן און אַז זי וואָלט געדאַרפט שטודירן אין פּאַריזש. מיר האָבן דאָס אויך איינגעזען און זיינען מאַסקים געווען מיט אים. אומקערנדיק זיך קיין פּאַריזש, האָט ער יודיט אַרויסגערופן אַהין, און זי איז מיט זיין רעקאָמענדאַציע אופגענומען געוואָרן אין דער קונסט־שול פון קאָלען, ווו זי האָט קורץ פאַרן קריג פאַרענדיקט דעם שטודיום אַלס קונסטקענער.

כראָניק

קאָנצערטן פון עטל קאָוועַנסקאַיאַ אין די קוראָרט־שטעט פון קאַווקאַז

סאָטשי און קיסלאָוואָדסק, פּיאַטיגאָרסק און זשעלעזנאָוואָדסק — אין אָט די שענסטע קוראָרט־שטעט פונעם לאַנד האָט לעצטנס דורכגעפירט איר גאַסטראָל־רייזע די באַוווסטע שוישפּילערן עטל קאָוועַנסקאַיאַ. זי איז אויפגעטראָטן אַף די אָרטיקע בינעס מיט איר מוזיקאַלישער קאָמפּאָזיציע פון אַלטע און נייע לידער און מעלאָדיעס, פאַראייניקטע אונטערן נאָמען „לידער וועגן לידער".

בין אַהער איז די קאָנצערט־פּראָגראַם מיט באַגייסטערונג אויפגענומען געוואָרן דורך די צושויער פון מאָסקווע און א ריי שטעט פון ווייסרוסלאַנד.

צוזאַמען מיט עטל קאָוועַנסקאַיאַ אין אין די קאָנצערטן אַרויסגעטראָטן דער אויטאָר פון דער מוזיק צו דער קאָנצערט־פּראָגראַם דער באַקאַנטער קאָמפּאָזיטאָר לייב קאָגאַן, וועלכער האָט אויסגעפילט יידישע פאָלקס־מוזיק אין זיין באַאַרבעטונג.

אַלע קאָנצערטן זיינען דורכגעגאַן בא פולע אַנשלאָגן און האָבן אַרויסגערופן באַגייסטערונג באַם עולם.

בּיראָבידזשאַנער נייס

עקספּאָנאַטן אין געגנטלעכן מוזיי

דער געגנטלעכער קאַנטקענטעניש־מוזיי ווערט סיסטעמאַטיש באַרייכערט מיט נייע דאָקומענטן און עקספּאָנאַטן.

אַף די סטענדן, געווידמעט דעם פעריאָד פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע, האָט זיך באַוויזן א פּאָרטרעט פון פּ. וו. יעגאָראָוו, דעם געוועזענעם אינסטרוקטאָר פונעם בּיראָבידזשאַנער אַעראָקלוב. מילכאָמע־צייט האָט ער אָנגעפירט מיט אַן עסקאַדריליע שטורמאָוויקעס „איל־2", וועלכע די פאַשיסטן האָבן גערופן „דער שוואַרצער טויט".

דעם 26 אָקטיאַבער 1944 איז פּ. וו. יעגאָראָוון צוגעייגנט געוואָרן דער טיטל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד.

אפן סטענד, געווידמעט דער טאָגטעגלעכער מי פון די אַרבעטנדיקע פון דער געגנט, איז עקספּאָנירט די זילבערנע מעדאַל, מיט וועלכער עס איז באַלוינט געוואָרן אַף דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסשטעלונג אין בודאַפּעשט דער קאָמבײַן „סקג־5־ר", וואָס עס פּראָדוצירט דער בּיראָבידזשאַנער זאַוואָד „דאַלסעלמאַש".

פּראָפעסאָר פּ. א. בעזסאָנאָוו — מענדעלעס קאָרעספּאָנדענט

אין דער פּובליקירטער עפּיסטאָליאַרער יערושע פון מענדעלע מויכער־ספאָרים זײַנען פאַראַן זײַנע צוויי בריוו צום פּראָפעסאָר פּיאָטער אַלעקסייעוויטש בעזסאָנאָוו, וועלכע באַציִען זיך צום יאָר 1885. די דאָזיקע בריוו האָבן מיר באַרירט אין אַרטיקל „יאָרן פון שווײַגן — יאָרן פון זעלבסטבאַשטימונג" („סאָוועטיש היימלאַנד", 1968, נומ. 11, זז. 144—145). ביידע בריוו זײַנען אין זייער צײַט פּובליקירט געוואָרן: 1) דורך מענדעלעס טעכטער נאַדיעזשדאַ אַבראַמאָוויטש און אַלעקסאַנדראַ דאָברין־אַבראַמאָוויטש אין זייער בוך „דער זיידע צווישן אייגענע און פרעמדע" (וואַרשע, פאַרלאַג „קולטור־ליגע", 1928, זז. 18—21, 22—31), 2) דורך נאַכמען מײַזילן אין „דאָס מענדעלע־בוך" (פאַרלאַג „איקוף", ניו־יאָרק, 1959, זז. 130—134). די בריוו פון פּ. א. בעזסאָנאָוו צו מענדעלען זײַנען ניט פאַרהיט געוואָרן.

ווער איז געווען פּראָפעסאָר פּ. א. בעזסאָנאָוו? וועלכע איז געווען זײַן וויסנשאַפטלעכע ספּעציאַליטעט, זײַן געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע פיזיאָנאָמיע? — וועגן דעם איז פון מענדעלעס בריוו צו אים קימאַט ווי גאָרנישט ניט קענטיק. אין ערשטן בריוו רעדט מענדעלע אַגעוו־אורכע: „איר זײַט, פּראָפעסאָר, מיטגליד פון אַ מעלוכע־קאָמיסיע איבער דער ייִדן־פּראַגע". די דאָזיקע אָנווײַזונג פון מענדעלען האָט געגעבן נאַכמען מײַזילן אַ שטויס צו פאַרפינקטלעכן די ידיעס וועגן פּ. א. בעזסאָנאָוון. אין זײַנע אָנמערקונגען צו די פּובליקירטע בריוו שרײַבט ער: „פּ. א. בעזסאָנאָוו איז געווען אַן אָנגעזעענער פּראָפעסאָר פונעם פּעטערבורגער מעלוכע־אוניווערסיטעט און אַ מיטגליד פון דער צאַרישער רעגירונגס־קאָמיסיע איבער דער ייִדן־פראַגע. ער איז, ווײַזט אויס, געווען אַ ראַדיקאַלער מענטש לויט יענער צײַט און לויט די אַמאָליקע פאַרהעלטענישן, וויבאַלד ער איז געקומען אין פאַרבינדונג און זיך איבערגעשריבן מיט אַ ייִדישן (זשאַרגאָנישן) שרײַבער" („מענדעלע־בוך", ז. 134).

פאַרלאָזנדיק זיך אָף מענדעלעס און נאַכמען מײַזילס אָנווײַזונגען, האָבן מיר אויך אָנגעגעבן אין אויבנדערמאָנטן אַרטיקל, אַז פּ. א. בעזסאָנאָוו איז געווען פּראָפעסאָר פון פּעטערבורגער אוניווערסיטעט (נומ. 11, 1968, ז. 144).

בײַס דער אַרבעט איבער מאַטעריאַלן פון דער געשיכטע פון ייִדן אין רוסלאַנד און פון פּילצאָליקע צאַרישע רעגירונגס־קאָמיסיעס איבער דער ייִדן־פּראַגע, האָב איך זיך פאַרינטערעסירט מיט פּ. א. בעזסאָנאָוון. אין דער צײַט, צו וועלכער עס באַציִען זיך מענדעלעס צוויי בריוו, האָט פונקציאָנירט די אַזויגערופענע „העכסטע קאָמיסיע אָף איבערקוקן די ווירקנדיקע געזעצן אָף ייִדן אין דער אימפּעריע"[1], אָף וועלכער מע האָט אין דער דעמלטיקער ייִדישער בורזשואַזער פּרעסע געלייגט גרויסע האָפענונגען. אין אַרטיקל וועגן דער דאָזיקער קאָמיסיע אין „יעווריייסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ" (ב. 5, ז. 862), ווו עס איז אָנגעגעבן איר פולער באַשטאַנד, איז פּ. א. בעזסאָנאָוו ניט אָנגעוויזן. אויב אַזוי, דאַרף מען שוין זוכן ווײַטער — אין די „ספּראַוואָטשניקעס" וועגן פּראָפעסאָרן פונעם פּעטערבורגער אוניווערסיטעט. עס ווײַזט זיך אָבער אַרויס, אַז דאָרטן איז פּ. א. בעזסאָנאָוו אויך ניט אָנגעוויזן.

ווער זשע איז פּ. א. בעזסאָנאָוו?

אין באַוווּסטן „קריטיש־ביאָגראַפישן ווערטערבוך פון רוסישע שרײַבער און וויסנשאַפטלער" אונטער דער רעדאַקציע פון ס. א. ווענגעראָוו געפינען מיר וועגן פּ. א. בעזסאָנאָוון פאָלגנדיקע ידיעס: „בעזסאָנאָוו פּיאָטער אַלעקסייעוויטש — סלאַוויסט און פאָרשער פון פאָלקס־שאַפונג". ווײַטער ווערן אָנגעגעבן פאַרשיידענע ביאָגראַפישע ידיעס (געבוירן אין יאָר 1828 אין אַ גאַלאַכישער פאַמיליע, געענדיקט דעם פילאָלאָגישן פאַקולטעט פונעם מאָסקווער אוניווערסיטעט אין יאָר 1851 אאַ.), עס ווערן אויסגערעכנט די שטעלעס, וועלכע ער האָט פאַרנומען נאָכן ענדיקן דעם אוניווערסיטעט. פון 1864 ביז 1867 האָט ער געלעבט אין ווילנע, ווו ער איז געווען הויפּט־פאַרוואַלטער פונעם ווילנער מוזיי און פון דער מעלוכע־ביבליאָטעק, דירעקטאָר פון דער ראַבינער־שול און פון די איבעריקע ייִדישע שולן אין ווילנע, דירעקטאָר פון דער ווילנער קלאַסישער גימנאַזיע, פאָרזיצער פון דער אַרכעאָגראַפישער קאָמיסיע אאַוו. אין די יאָרן 1867—1879 איז ער געווען ביבליאָטעקער פונעם מאָסקווער אוניווערסיטעט. אין 1879 (לויט דער רעקאָמענדאַציע פון די אָנגעזעענע אַקאַדעמיקער־שפּראַכפאָרשער פּאָטעבניאַ, סרעזניעווסקי, מילער) איז פּ. א. בעזסאָנאָוו באַשטימט געוואָרן אַלס פּראָפעסאָר פון סלאַווישער פאָרשונג (סלאַוויאַנאָוועדעניע) אין כאַרקאָווער אוניווערסיטעט. געשטאָרבן אין כאַרקאָוו אין יאָר 1899.

פון אַנדערע מעקוירים דערוויסן מיר זיך אָט וואָס.

אין מאָסקווער אוניווערסיטעט האָט זיך געלערנט צוזאמען מיט בעזסאָנאָוון א גרופּע בולגארישע יוגנט, וועלכע האָט זיך געגרייט נאָכן ענדיקן דעם אוניווערסיטעט אומקערן זיך צוריק אהיים און אקטיוו זיך באטייליקן אין קאמף פאר באפרײַען בולגאריע פונעם טערקישן יאָך. די באפרײַונגס־אידייען, מיט וועלכע עס איז געווען דורכגעדרונגען די דאָזיקע יוגנט, האָבן געהאט א געוויסע סלאַוויאַנאָפילישע באפארבונג, וועלכע איז אָבער געווען ווײַט פון דער אָפיציִעלער סלאַוויאַנאָפילסטווע, וואָס האָט ארויסגערוקט דעם לאָזונג „פּראוואָסלאַוויע — סאמאָדערזשאוויִע — נאַראָדנאָסט" און געשטרעבט צו דעם, אז דאָס זעלבסטהערשערישע רוסלאנד זאָל ווערן די „מוטער" פון אלע סלאַווישע פעלקער. מיט דער דאָזיקער גרופּע איז געווען פארבונדן פּ. א. בעזסאָנאָוו, וועלכער איז געוואָרן א נאָענטער פרײַנט פון איר וויכטיקן מיטגליד — ניקאָלײַ קאטראנאָוו[2]. אין טורגעניעווס באוווסטן ראָמאן „ערעוו" („נאַקאַנוניע") איז דער לעצטער אויסגעפירט אין געשטאלט פונעם צענטראַלן העלד — אינסאראָוו.

קאטראנאָוו האָט איבערגעגעבן פּ. א. בעזסאָנאָוון א זאמלונג בולגארישע פאָלקסלידער, וועלכע ער האָט צונויפגעקליבן. אין יאָר 1855 האָט פּ.א. בעזסאָנאָוו פּובליקירט קאטראנאָווס זאמלונג צוזאמען מיט אנדערע זאמלונגען, געגעבן א גרויסן ארײַנפיר און פילצאָליקע באמערקונגען. די דאָזיקע זאמלונג און דער גרויסער וויסנשאפטלעכער אפּאראט, וועלכער איז געווען צו איר בײַגעלייגט, האָט געשאפן פּ. א. בעזסאָנאָוון א גרויסן נאָמען צווישן די פאָלקלאָריסטן און האָט אף ווײַטער באשטימט זײַן ספּעציאַליטעט.

בעזסאָנאָוו האָט איבערגעלאָזט אין זײַן געביט א באדײַטנדיקן שפּור. ער האָט געהערט צום טיפּ אינטעליגענטן, וועגן וועלכע מע זאָגט, אז „זיי גייען ניט אין שפּאַן" — ער האָט זיך ניט געפילט היימיש אין דער סוויווע פון רעאקציאָנערע סלאַוויאַנאָפילן, וואָס האָבן אין יענער צײַט פארנומען דאָס הויפּטאָרט צווישן די רוסישע פאָלקלאָריסטן.

פּ. א. בעזסאָנאָוו איז אריבערגעפאָרן קיין ווילנע אין יאָר 1864, גלײַך נאָכן דערשטיקן דעם פּוילישן אופשטאנד פון יאָר 1863. אין מעשעך פון זיבן כאַדאָשים האָט ער פארנומען די שטעלע פון „דירעקטאָר פון דער ראבינער־שול און פון די איבעריקע יידישע שולן אין ווילנע". וועגן דעם דאָזיקן קורצן פעריאָד פון זײַן ארבעט זײַנען פאראן צוויי ארטיקלען אין דער צײַטונג „ווילענסקי וועסטניק" און צוויי ארטיקלען אינעם העברעיִשן זשורנאל „האקארמעל" און אין זײַן רוסישער בײַלאגע.

פון דעם ארטיקל, וועלכער איז געכאסמעט מיטן פּסעוודאָנים „יעווריי", דערוויסן מיר זיך, אז פּ. א. בעזסאָנאָוו האָט געהאט א נאָענטע פארבינדונג מיט דער יידישער אינטעליגענץ אין ווילנע, מיט דער גרופּע „מאסקילים" פון די זעכציקער יאָרן. מיר ווייסן, אז אין יענער צײַט האָבן די פאָרשטייער פון דער מאסקילישער אינטעליגענץ „געקוקט אף דער שפּראך פון דער יידישער פאָלקסמאסע ווי אף א שעדלעכן איבערבלײַב פונעם פינצטערן אָוואר און געזען אין דער שטרעבונג צו פארבײַטן דעם „זשאַרגאָן" דורך דער רוסישער שפּראך א געווונטשענע און פּראָגרעסיווע דערשײַנונג"[3]. ס׳איז דעריבער קיין וווּנדער ניט, וואָס פּ. א. בעזסאָנאָוו האָט געפונען מיט זיי א געמיינזאמע שפּראך. ס׳דארף גענומען ווערן אין אכט, אז די וויכטיקסטע פאָרשטייער פון דער ווילנער גרופּע „מאסקילים" זײַנען געווען פארבונדן מיט דער ראבינער־שול און שול־ארבעט ביכלאל (פין, קאצנעלנבויגן אא.). פּ .א. בעזסאָנאָווס פארבינדונג מיט זיי איז געווען ברייטער ווי רײן־געשעפטלעך, ער האָט זיך אינטערעסירט און דורך זיי באקומען ידיִעס וועגן יידישער קולטור ביכלאל. בא אים איז געווען א געדאנק וועגן שאפן א פעריאָדישע אויסגאבע, וועלכע זאָל מיטהעלפן פארבינדן די יידישע קולטור מיט דער רוסישער. ווי עס שרײַבט דער לערער פון ווילנער ראבינער־שול א. וואָל („האקארמעל", 1865, נומ. 40), האָט פּ. א. בעזסאָנאָוו געלייגט א יעסאָד אף איבערזעצן דעם טאנאך און די העברעיִשע גראמאטיק אין רוסיש[4].

צום 25־יאָריקן יובילײ פון מענדעלעס ליטערארישער טעטיקײַט האָט פּ. א. בעזסאָנאָוו אים ווארעם באגריסט, און מענדעלע דאנקט אים אָפּ אין דעם ערשטן בריוו. דער דאָזיקער פאקט באווײַזט, אז ניט געקוקט אף דעם, וואָס נאָכן פארלאָזן ווילנע האָט פּ. א. בעזסאָנאָוו געארבעט אין אזוינע אנשטאלטן, ווו אים איז ניט אויסגעקומען צו טרעפן זיך מיט פאָרשטייער פון דער יידישער קולטור (ביבליאָטעק פונעם מאָסקווער אוניווערסיטעט, כארקאָווער אוניווערסיטעט), דאָך האָט ער נאָכגעפאָלגט די רוסישיידישע פּרעסע, וועלכע האָט ברייט באלויכטן מענדעלעס יובילײ. מיט מענדעלעס ווערק האָט ער זיך געקאָנט באקאנען אין זייער רוסישער איבערזעצונג. צו יענער צײַט זײַנען שוין געווען איבערגעזעצט אין רוסיש מענדעלעס צוויי ווערק: „האבות והבנים" (האָאווויס וועהאבאָנים — פאָטערס און זין — איבערזעצער ל. בינשטאָק, 1868) און „די טאקסע" (איבערזעצער י. מ. פעטריקאָווסקי, 1884).

זייער רײַך לויטן אינהאלט איז מענדעלעס צווייטער בריוו, וועלכן זײַנע טעכטער, די ארויסגעבער, האָבן ריכטיק כאראקטעריזירט אלס „א בלעטל יידישע געשיכטע". ער איז געשריבן אין דער צײַט פונעם אָנהייב פון דער פּאלעסטינאָפילישער באוועגונג („כיבאס־ציִען"), פון וועלכער מענדעלע איז געווען א קעגנער. וועגן דעם האָבן מיר גענוי געשריבן אין דעם אויבנדערמאָנטן ארטיקל אין „סאָוועטיש היימלאנד", און מיר ווען זיך דאָ ניט איבערכאזערן.

אין דעם זעלבן בריוו באַרירט מענדעלע פּ. א. בעזסאָנאָווס פּאָזיציע בנוגע ליטעראטור אף יידיש. דער בריוו־אויסטויש איז פאָרגעקומען אין פעריאָד, ווען מענדעלע האָט זיך שטארק אינטערעסירט מיט ארויסלאָזן א פעריאָדישע אויסגאבע אין יידיש („דאָס איז מײַן אייביקער טרוים"). וועגן דעם האָט געוווּסט פּ. א. בעזסאָנאָוו, און ער האָט זיך ארויסגעזאָגט קעגן דעם, האלטנדיק, „אז דער זשארגאָן קאָן נאָך געדיכטער מאכן דעם כוישעך, וואָס נעמט ארום אייביקע מאָמענטן פונעם יידישן לעבן". מענדעלע איז מיט דעם ניט מאסקים און ענטפערט אים: „אָפּן גערעדט, מיט אלץ, וואָס איר האָט ארויסגעזאָגט, קאָן איך נישט מאסקים זײַן, דערלויבט זשע מיר אינקורצן ארויסזאָגן מײַן (מענדעלעס קורסיוו. — ה. א.) קוק אף דער ראָליע פון דער יידישער ליטעראטור. אוואַדע, קעדיי צו דערנעענטערן דאָס יידישע פאָלק מיטן

רוסישן, איז נייטיק א יידישע ליטעראַטור אין דער רוסישער שפּראַך". און ווײַטער: „איך בין זיכער, אַז וואָס מער עס וועט זיך רוקן פאָריס דאָס לייזן פון דער „פראַגע" (יידן־פראַגע. — ה. א.), אַלץ מער וועלן פאַלן די קינסטלעכע צוימען צווישן ייד און קריסט, און די רוסישע שפּראַך וועט אַרײַנדרינגען אין דער יידישער מאַסע, אָבער, כאָטש איך ווינטש עס פון גאַנצן האַרצן, באַהויפּט איך, — און דאָ איז ניטאָ קיין שום פּאַראַדאָקס, — אַז די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור קאָן נאָר העלפן צו פאַרגיכערן דעם דאָזיקן פּאַקט, צוגרייטנדיק א דאַנקבאַרן באָדן פאַר די זוימען פון רוסישער בירגערלעכקײַט". און נאָך ווײַטער: „מיר דוכט, אַז עס טאָר דערבײַ ניט זײַן קיין שום רייד ניט וועגן דער צוקונפט פון זשאַרגאָן, ניט וועגן זײַן ווערט לעבן דער רוסישער און דײַטשער שפּראַכן. די גאַנצע פראַגע באַשטייט נאָר אין דעם: ווען מיר אַנערקענען דעם אָנצווייפלדיקן פּאַקט, אַז א געוויסער דיִאַלעקט איז פאַרשפּרייט און הערשט, — צי דאַרפן מיר אים דאַן נוצן ווי א מעכטיק געווער צו פּאָפּוליאַריזירן געזונטע אידייען און באַײַנפלוסן אין א געהעריקער ריכטונג? איך האַלט, אַז דער פרייַדיקער און דער ליטעראַט מוזן איבערנעמען די שפּראַך פון דער מאַסע, וועלכע זיי האָבן זיך גענומען אויפקלערן; ווען דער עמעס איז אײַנגעהילט אין א וואָרט, וואָס איז פאַר אַלעמען צוגענגלעך, לאָזט ער זיך ניט באַקעמפן!".

ניט געקוקט אַף דעם, וואָס פּ. א. בעזסאָנאָוו איז ניט געווען אײַנשטימיק מיט מענדעלעס קוק אַף דער ראָליע פון דער יידישער ליטעראַטור, דאָך האָט מענדעלע געהאָפט, אַז פּ. א. בעזסאָנאָוו וועט אים מיטהעלפן אין דער פאַרווירקלעכונג פון זײַן „אייביקן טרוים". דאָס זעען מיר אַרויס פון מענדעלעס צוויי בריוו צו ל. בינשטאָקן. אין א בריוו פון 27 אָקטיאַבער 1885 שרײַבט מענדעלע: „פון בעזסאָנאָוון איז קיין ענטפער ניטאָ. דאָס וווּנדערט מיך, נאָר די האָפענונג האָב איך נישט פאַרלוירן, און איך האַלט אין איין וואַרטן". אין א שפּעטערדיקן בריוו שרײַבט ער (20 נאָיאַבער 1885): „פון בעזסאָנאָוון דערוואַרט איך א טשוווע אין דעצעמבער פון פּעטערבורג, וווּהין ער איז אַוועקגעפאָרן (פון כאַרקאָוו), און איך האָף, אַז דאָס מאָל וועט זײַן ענטפער שוין זײַן אַן ענדגילטיקער. אָך, ווי עס ווילט זיך שוין נעמען די פעדער אין האַנט און שרײַבן, שרײַבן..."

מער ווערט שוין פּ. א. בעזסאָנאָוו בא מענדעלען ניט דערמאָנט. מיר ווייסן, אַז מענדעלעס טרוים איז ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

אָנמערקונגען

[1] אָפיציעלער נאָמען פון דער קאָמיסיע Высшая комиссия для пересмотра действующих о евреях в Империи законов. עקזיסטירט אין די יאָרן 1883—1888. באַוווּסט אונטערן נאָמען „פאַלען־קאָמיסיע" אַפן נאָמען פון איר פאָרזיצער גראַף פאַלען.

[2] ניקאָלײַ קאַטראַנאָוו (1829—1853) — אָנגעזעענער בולגאַרישער פאָלקלאָריסט, איבערזעצער, געזעלשאַפטלעכער טוער. וועגן אים — אַקאַדעמישע אויסגאַבע פון טורגעניעווס ווערק, ב. VIII, זז. 512—513.

[3] זע י. צינבערג „די געשיכטע פון דער ליטעראַטור בא יידן", ב. IX, ניו־יאָרק, 1966, ז. 171 און ווײַטער.

[4] אַגעוור־אורכע: אין ציטירטן אַרטיקל פון „יעווריי" איז איבערגעגעבן אַן אינטערעסאַנטער פאָרשלאָג פּ. א. בעזסאָנאָווס צו דערלערנען אין ראַבינער־שול ניט נאָר די רוסישע, נאָר אויך די קירכלעך־סלאַווישע שפּראַך, ווײַל דער רעליגיִעזער סטיל פון דער דאָזיקער שפּראַך איז נעענטער צום העברעיִשן רעליגיִעזן סטיל פון טאַנאַך, איידער די רוסישע שפּראַך. דאָס באַווײַזט, אַז פּ. א. בעזסאָנאָווס צוגאַנג איז געווען ניט א ספּעציפיש־רוסיפיקאַטאָרישער, נאָר א וויסנשאַפטלעכער.

ה. אלעקסאַנדראָוו

פּושקין און די העבראַיִסטיק

אין דער פּושקין־עפּאָכע איז אַרויסגעוויזן געוואָרן א לעבהאַפטיקער אינטערעס צו דער ביבל־פּאָעזיע און צו דער העברעיִשער שפּראַך. א געוויסע צײַט (אין די יאָרן 1813 — 1826) איז געווען טעטיק די „רוסישע ביבל־געזעלשאַפט", וועלכע האָט אַרויסגעלאָזט א היפּשע צאָל אויסגאַבעס פון דער ביבל אַף דער קירכלעך־סלאַווישער שפּראַך און האָט זיך געקליבן אַרויסגעבן די ביבל אין רוסיש אין א דירעקטער איבערזעצונג פונעם העברעיִשן אָריגינאַל. זי האָט באַוויזן אָפּצודרוקן בלויז דעם טהילים און דעם כומעש.

די באַוווּסטע מאַסאָנישע לאָזשעס, וועלכע האָבן עקזיסטירט אומגעפער אין די דערמאָנטע יאָרן, האָבן אויסגענוצט פאַר זייערע ריטואַלן א ריי העברעיִשע ווערטער און סימבאָלישע צייכענונגען. ג. א. פּערעטץ, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט די דעקאַבריסטן, האָט זיי פאַרגעלייגט דאָס העברעיִשע וואָרט כיירוט (חרות) אַלס פּאַראָל.

אין די ווערק פון די דיכטער פון פּושקינס צײַט (גלינקאַ, גריבאָיעדאָוו, דערזשאַווין, קרילאָוו אאַ.) געפינען מיר לידער אַף ביבל־מאָטיוון. עס זײַנען אויך אַרויסגעלאָזט געוואָרן זאַמלונגען פון דער ביבל־פּאָעזיע: „טהילים", „נעוויִים", „איִעוו", „שיר־השירים".

פּושקין האָט זיך באַקאַנט מיט דער ביבל אין ליצײ. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט איר אין משך פון זײַן גאַנצן לעבן. ווען ער איז געקומען קיין מיכײַלאָווסקאָיע, האָט ער אין די בריוו צום ברודער דרײַ מאָל געבעטן, מע זאָל אים אַרויסשיקן די ביבל.

אין פּושקינס ביבליִאָטעק האָבן, לויט ניט פולע ידיעות, זיך געפונען פיר אויסגאַבעס פון דער ביבל, דערונטער צוויי אין פראַנצויזיש, איינע פון זיי איז

א פילבענדיקע מיט א פאראלעלן העברעיִשן טעקסט. אינעם פושקין־הויז פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פססר געפינען זיך פאָלגנדיקע ביכער פון פושקינס ביבליאָטעק: אַף פראנצויזיש — איִעוו, אפּאָקריטן צום אוראלטן טייל פון דער ביבל, א קורץ ווערטערבוך פון דער ביבל, דער באוווּסטער לאטייַנישער לעקסיקאָן פון העברעיִש און כאלדייִש, צונויפגעשטעלט פון יאָהאן בוקסטאָרף דעם עלטערן (אויסגאבע פון 1824), און היימאן גורוויצס ענגליש לערנבוך פון העברעיִש, דערשינען אין 1829.

ווען א. פושקין האָט באזוכט וואָלטערס ביבליאָטעק (אין ערמיטאזש), ווו עס היטן זיך אויך איבערזעצונגען פון העברעיִשע ביכער, האָט ער אין זייַן בלאָקנאָט אפן ערשטן אָרט פארצייכנט די פארצייַטיקע ביבל־אויסגאבע אין לאטייַניש.

אין פושקינס ווערק, אָנגעהויבן פון די סאמע פריִע, איז פאראן א היפּשע צאָל ציטאטעס פון ביבלישע בייכער. ער ברענגט זיי אָדער לויטן זיקאָרן, אָדער אין אן איבערגעארבעטער צי פאראָדירטער פאָרם. אָפט געפינט מען אין זייַנע שאפונגען דיכטערישע בילדער און אָנדייַטונגען, וועלכע שטאמען פון דער ביבל.

אין די נאָטיצן פון פושקינס א פרייַנט א. אָ. סמירנאָווא זייַנען געבראכט אזעלכע ארויסזאָגונגען פושקינס וועגן דער ביבל און וועגן איר רוסישער איבערזעצונג: „די ביבל־פּאָעזיע איז באזונדערס צוטריטלעך פאר דעם ציכטיקן קינדערשן געדאנקענגאנג... איבערגעבן אָט דעם ווונדערלעכן טעקסט אין א באנאלער הייַנטיקער שפראך — דאָס איז לעסטערייַ אפילע בענעגייע עסטעטיק, גוסט און געזונטן פארשטאנד... די ביבל איז א העברעיִש בוך, זי איז אָבער אלוועלטלעך; אין איִעוו איז איבערגעגעבן דאָס גאנצע מענטשלעכע לעבן; אָט דאָס בוך פון אן אומבאוווּסטן אווטאָר, וועלכן עס האָט מיט אזא פלייַס געלייענט בייַראָן, לעבט איבער לאנגע דורות".

די געבראכטע פושקינס ארויסזאָגונגען ווערן באשטעטיקט אויך דורך אנדערע מעקוירים. אין די דערינערונגען פון פּ. פּ. וויאזעמסקי (1820—1888) זייַנען פאראן אזעלכע ווערטער, וועלכע באלאנגען צום יאָר 1836: „פושקין האָט שטענדיק און מיט אקשאָנעס מיך געמוסערט, לעמיי איך בין ווייניק באקאנט מיט דער ביבל. ער איז פעסט באשטאנען דערוף, אז איך זאָל לייענען דעם אלטן און דעם נייַעם טעסטאמענט פון דער ביבל".

אין זייַנע לידער אַף די מאָטיוון פון „שיר־השירים" און פון די נעוויִים האָט פושקין ארייַנגעפירט סלאוויזמען, וועלכע גיבן צו אן אייגנארטיקן קאָלאָריט. ער איז געווען באגייַסטערט פונעם טהילים. וועגן זייַן גרויסן אינטערעס צום בוך „איִעוו" איז צו זען פון פּ .ו. קירעיעווסקיס בריוו צו נ. מ. יאזיקאָוון (12 אָקטיאבער 1832): „פושקין איז צוויי וואָכן געווען אין מאָסקווע און מיט דרייַ טעג צוריק אָוועקגעפאָרן. ער האָט שטודירט העברעיִש, קעדיי איבערזעצן איִעוו". אנאליזירנדיק פושקינס ליד „דער נאָווי", האָט דער פילאָסאָף וו. ס. סאָלאָוויאָוו, וועלכער האָט געקענט העברעיִש, געשריבן: „פון דער ביבל שטאמט אויך דער אלגעמיינער טאָן פון דער ליד, וואָס אָטעמט מיט א רויִקער מאיעסטעטישקייַט און איז מיט עפּעס אויסערגעוויינלעך דערהויבן... דער עצעם גראמאטישער געבוי פון העברעיִש, וואָס איז זאָרגפול אריבערגעטראָגן געוואָרן אין גריכיש און פון דאָרט אין דער קירכלעך־סלאווישער ביבל, איז אין אָט דער ליד ווונדערלעך אויסגעהאלטן. די אָפּוועזנהייַט פון נעבנזאצן, רעלאטיווע פראָנאָמען און לאָגישע בינדווערטער, דאָס געוועלטיקן פון דעם „און" (אין דרייַסיק פערזן כאזערט זיך צוואנציק מאָל איבער דער „און") ברענגט דערצו, אז פושקינס שפראך איז דאָ אזוי נאָענט צו דער ביבלישער, אז א טאלאנטפולן העברעיִסט וואָלט געווען זייער לייַכט צו געבן א פּינקטלעכע העברעיִשע איבערזעצונג פון דער ליד".

וועגן דעם, אז פושקין האָט געהאט בעדייע צו שטודירן העברעיִש, איז צו זען אויך פונעם אויבנדערמאָנטן בלאָקנאָט אין צוזאמענהאנג מיט זייַן באזוך אין דער וואָלטער־ביבליאָטעק. אַף איינעם פון די זייַטלעך פונעם בלאָקנאָט, וואָס איז באצייכנט מיט דער דאטע 16 מארט (בעערעך פון יאָר 1832), איז געבראכט א טעקסט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם ייִדישן אלעפבייס (פאָטאָ 1). די בוכשטאבן זייַנען צעשטעלט אין צוויי קאָלאָנקעס און לייענען זיך פון אויבן אראָפּ. בא יעדן בוכשטאב איז אין דער זעלבער שורע געגעבן זייַן נאָמען, געשריבן אין דער לאטייַנישער טראנסקריפּציע (אויסער דעם בוכשטאב „שין", בא וועלכן דער נאָמען איז אָנגעשריבן אין דער רוסישער טראנסקריפּציע). צו די בוכשטאבן „א" און „ד" איז געגעבן אויך דער גריכישער נאָמען — „אלפא", „דעלטא". די אויסיעס „ג", „ה" און „פ", וועלכע זייַנען געבראכט אין דעם אלעפבייס, אסאָציִירן זיך מיט די אנטשפּרעכיקע אראבישע אויסיעס, און דער „ת" מיטן אנטשפּרעכיקן סירישן אָס. לעבן יעדן ייִדישן אָס שטייט אן אנטשפּרעכיקער לאטייַנישער אָס, אין אייניקע ערטער — א גריכישער אָדער רוסישער.

אינטערעסאנט איז אַף דער פאָטאָ די שכיינעסדיקע זייַט פונעם בלעטל, אַף וועלכן עס זייַנען געצייכנט די אויסיעס פונעם ייִדישן אלעפבייס. מיר זעען דאָ אין צענטער פונעם זייַטל א געאָמעטרישע פיגור — א קרייַז, אין אים א קוואדראט, וואָס איז אייַנגעטיילט אין דיִאגאָנאלן. אין צענטער פון די דיִאגאָנאלן — א ווערטיקאלע ליניע. דאָס האָט געדינט פושקינען אלס א מין שאבלאָן אַף צו צייכענען אייניקע ייִדישע אויסיעס (ארום דער געאָמעטרישער פיגור זעען מיר פיל ייִדישע אויסיעס). אזא פּרווו האָט א. פושקין געמאכט אויך אין זייַן ארטיקל „אנעקדאָטן און באמערקונגען", קאפּיטל VII, געדרוקט אין „סאָווערעמעניק", ב. VIII, 1837. דאָרט האָט די פיגור געדינט אלס שאבלאָן אַף צייכענען אראבישע און רוימישע ציפער.

ס'איז אינטערעסאנט, אז אויך דער ייִדישער גראווירער אָשער בער האָט אַף אזא אויפן דערקלערט (אין „הכרמל", נומ. 35, 1860/61) די אָפּשטאמונג פון רוימישע אויסיִעס און ציפערן (פאָטאָ 2).

דער גענויער אנאליז פון די ייִדישע אויסיעס האָט באוויזן, אז זיי זייַנען ניט גענומען פון א לערנבוך, זייער טראנסקריפּציע און טראנסליטעראציע זייַנען ניט קיין איינארטיקע און אפילע ניט פרייַ פון גרייַזן. ווייַזט אויס, אז פושקין האָט געשריבן דעם ייִדישן אלעפבייס אונטער א דיקטאט אָדער לויט עמעצנס



פאָטאָ 1. דער ייִדישער אַלפֿבית, פֿאַרשריבן דורך א. ס. פּושקינען

אַנווײַזונג (ניט פֿאַרגלײַכנדיק מיט א לערנבוך). ווער האָט עס אים דיקטירט אָדער אָנגעוויזן?

באַטראַכטנדיק די רעשימע פֿון פּושקינס פֿרײַנט, וועלכע האָבן געקענט העברעיִש (געלערנטע, ליטע־ראַטן, הויכע גײַסטלעכע, אָנגעזעענע באַאַמטע און אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן געשטאַמט פֿון דער סוויווע פֿון געבילדעטע ייִדן), זײַנען מיר געקומען צום אויספֿיר, אַז דיקטירט דעם דיכטער דעם ייִדישן אַלפֿבית האָט א מענטש, וואָס האָט פֿאַרשטאַנען העברעיִש און אַראַביש, וואַרשײַנלעכער פֿון אַלץ — מיכאַיִל יוריעוויטש ווילִיעגאָרסקי (אויך וויעלגאָרסקי, וויִעלגורסקי, ווִעלורסקי). ער איז געווען א מענטש מיט אַלזײַטיקע פֿײַיקײַטן און ענציקלאָפּעדישע קענ־טענישן, א פֿילאָלאָג, א מאַטעמאַטיקער, א מאַסאָן. אין זײַן ביבליאָטעק איז געווען א לאַטײַניש לערנבוך פֿון העברעיִש, כאַלדייִש, סיריש און אַראַביש. אינעם לערנבוך זײַנען פֿאַראַן שפּורן פֿון זײַנע באַמערקונ־גען (פֿאָטאָ 3). ער איז געווען מיט פּושקינען זייער נאָענט, ער איז ניט אָפּגעטראָטן פֿון זײַן בעט, ווען יענער איז געלעגן טויט־קראַנק, געווען דער אַפּעקון פֿון זײַנע קינדער און פֿאַרמעגן.

פֿאָטאָ 2. אַן אויסצוג פֿון אָשער בערס אַרטיקל וועגן רוימישע אויסיעס און ציפֿערן


Ex libris Com: M. Wielhorsky

INNOCENTII FESSLER
SS. THEOL. DOCTORIS, LL. OO. ET HERMENEVTICAE VET. TEST.
IN REGIO-CAESAREA VNIVERSITATE LEOPOLITANA
PROF. PVBL. ORD.

INSTITVTIONES
LINGVARVM
ORIENTALIVM,
HEBRAEAE, CHALDAICAE, SYRIACAE
ET ARABICAE.

CHRESTOMATHIAM ARABICAM
ADDIDIT
IO. GODOFR. EICHHORN,
DVCIS WIMARIENSIS CONSILIARIVS AVLICVS
PROFESSOR IENENSIS.

PARS PRIOR
introductionem in studium LL.OO. et institutiones linguae hebraeae complectens.

WRATISLAVIAE,
SVMTIBVS GVILIELMI THEOPHILI KORN,
MDCCLXXXVII.

פֿאָטאָ 3. שאַרבלאַט פֿון א העברעיִשער גראַמאַטיק אין ווִיעלגאָרסקיס ביבליאָטעק

פּושקינס אינטערעס צו העבראַיִסטיק איז געווען אין איינקלאַנג מיט דער וויסנגיריקײַט פֿון די גע־בילדעטע מענטשן פֿון זײַן עפּאָכע.

מיר וועלן איצט ברענגען אייניקע ידיעס וועגן פּושקינס ווערק, וועלכע זײַנען איבערגעזעצט אין הע־ברעיִש.

ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע זײַנען אין רוס־לאַנד איבערגעזעצט און פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן א זאַמלונג פֿון פּושקינס לידער (איבערזעצער ד. פֿרישמאַן), מײַסעס (איבערזעצט און באַאַרבעט מ. זינגער), אייניקע לידער אין דער איבערזעצונג פֿון ע. גאָלדין, מ. גאָרדאָן, א. ליובאָשיצקי, ש. מאַנדעלקערן, מ. מאַנע, א. ראָזענפֿעלד און אַנד.

נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע זײַנען דערשינען אין אויסלאַנד פֿאָלגנדיקע פּושקינס ווערק: „דראַמאַטישע פּאָעמעס“ (איבערז. ד. שימאָנאָוויטש), „באָריס גאָדונאָוו“, „קליינינקע טראַגעדיעס“, „א מאָלצײַט אין דער צײַט פֿון א מאַגייפֿע“ (איבערז. א. שליאָנסקי), „יעווגעני אָנעגין“ (איבערז. א. שליאָנסקי און א. לעווינסאָן), „גראַף נולין“, „גאַווריליאַדא“ און „א היַיזקע אין קאָלאָמנע“ (איבערז. א. אַראַני), „פּאָלטאַווע“ (איבערז. מ. בערנשטיין־קאָגאַן), „מײַסעלעך“ (איבערז. א. ראָזען), „ראָמאַנען און דערציילונגען“ (איבערז. פּ. וואָלפֿאָווסקי) און אייניקע לידער אין דער איבערזעצונג פֿון ט. דאָלזשאַנסקי, י. ליכטענבוים, ע. מייטוס, ב. שויכעט און אַנד.

אין איווריט זײַנען אויך דערשינען אינהאַלטסרײַכע עסייען וועגן פּושקינען פֿון ל. גאָלדבערג, י. קאַצ־נעלסאָן און י. קלויזנער.

י. קאָוועלמאַן

■ ■ ■

כראָניק

„באַ אונדז צוגאַסט „סאָוועטיש היימלאַנד"

אַזוי ווערט אין דער וואָכנבלאַט „ליטעראַטורנאַיאַ ראָסיאַ" פאַרן 1 אָקטיאַבער ד. י. באַטיטלט אַ ציקל מאַטעריאַלן, געווידמעט דעם צעניאָריקן יובילײ פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

אינעם אַרײַנפיר פון דער רעדאַקציע „ליטעראַטורנאַיאַ ראָסיאַ" ווערט געבראַכט אַ קורצער איבערזיכט וועגן דער טעטיקייט פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

„דער זשורנאַל, — שרײַבט די וואָכנבלאַט, — איז געוואָרן אַ שעפערישע טריבונע פאַר פיל שרײַבער, וועלכע אַרבעטן אַקטיוו אין דער ליטעראַטור. צען יאָר „סאָוועטיש היימלאַנד" זײַנען אָנגעזעטיקט מיט שעפערישער מי. די יידישע סאָוועטישע ליטעראַטור טרעט אַרויס אויף די זײַטן פונעם זשורנאַל אין אַלע זשאַנרען און רעדט מיט אַ פולער שטים".

די „ליטעראַטורנאַיאַ ראָסיאַ" דרוקט ט. גענס דערציילונג „אַ באַגעגעניש", א. ווערגעליסעס ליד „מיט וואָס פאַרגלײַכן דעם בראָדוויי" און די רעפּראָדוקציע פון מ. קליאָנסקיס אַ בילד, וואָס איז בעשײַטע געווען פאַרעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאַנד".

נײַס פון אויסלאַנד

פעסטיוואַל פון דער ייסראַעלדיקער קאָמוניסטישער פּרעסע

אָנהייב אָקטיאַבער האָט די ייסראַעלדיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי דורכגעפירט אַ פעסטיוואַל פון דער קאָמוניסטישער פּרעסע אין לאַנד.

שאַבעס, דעם 10 אָקטיאַבער, איז אין וועלדל לעבן נאַכאַל־אַלעקסאַנדער פאָרגעקומען אַ ברייטער צוזאַמענטרעף פון לייענער מיט זשורנאַליסטן.

די פּראָגראַם פון דעם פעסטיוואַל האָט זיך געשלאָסן מיט אַ קינסטלערישער טייל און מיט פּאַרוויילונגען.

עס זײַנען פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען און טרעפונגען מיט די לייענער פון דער קאָמוניסטישער פּרעסע אין טעל־אָוויוו, ירושאַלאַיִם, פּעטאַך־טיקווע, ראַמאַט־גאַן, ראַמלע און אַנדערע שטעט.

אַ פאָטאָ־רעפּראָדוקציע פונעם עלטסטן מאַנוסקריפּט פון טאַנאַך

לעצטנס איז אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלער ביכער־אויסשטעלונג אין ירושאַלאַיִם באַוויזן געוואָרן אַ פאָטאָ־עקזעמפּליאַר פונעם עלטסטן קסאָוויאַד פון טאַנאַך.

דער מאַנוסקריפּט גופע, וואָס שטאַמט פון יאָר 1008, געפינט זיך אין דער שטשעדרין־ביבליאָטעק אין לענינגראַד און איז געשריבן געוואָרן אין עגיפּטן דורכן סויפער מוישע בען אַשער.

צוזאַמען מיט דעם דאָזיקן מאַנוסקריפּט זײַנען אויף דער אויסשטעלונג צום ערשטן מאָל עקספּאָנירט דער עלטסטער העברעיִשער קסאָוויאַד, וואָס שטאַמט פונעם יאָר 800, און דער איינציקער פולער קסאָוויאַד פונעם טאַלמוד, געשריבן אין 1343 אין פּאַריז.

עס איז אויך אַרויסגעשטעלט דאָס ערשטע אַראַבישע בוך, וואָס איז געדרוקט אין ירושאַלאַיִם אין 1847, — אַ לערנבוך פון געאָגראַפיע.

יידישע פּיעסע אין בעלגראַדער טעאַטער

דער נאַציאָנאַלער טעאַטער אין בעלגראַד האָט אויפגעפירט די פּיעסע פון איזאַק סאַמאָקאָוועל „שמועל טרעגער". די דאָזיקע פּיעסע וועט אויך באַוויזן ווערן אויף דער סצענע פונעם יוגאָסלאַווישן טעלעוויזיע־טעאַטער.

יידישע שרײַבער אין קאַנאַדע

דער בוך „מאָדערנע קאַנאַדער יידישע שרײַבער און די פראַנצויזישע שפּראַך" פון דייוויד ראָום איז אַ צוגאָב־באַנד צום אויטאָרס פריִערדיקן ווערק „יידן אין דער קאַנאַדער ליטעראַטור".

דער באַנד גיט אַ היפּשע ביאָ־ביבליאָגראַפישע אינפאָרמאַציע וועגן 42 קאַנאַדער שרײַבער — יידן, וואָס שאַפן אין ענגליש.

אַ טייל פון דעם באַנד איז געווידמעט דער יידישער טעמאַטיק אין דער קאַנאַדער ליטעראַטור.

קאָנפערענץ פון ספּאַרדישע יידן

אין אַמסטערדאַם איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון ספּאַרדישע יידן פון אייראָפּע. עס האָבן זיך אין איר באַטייליקט דעלעגאַטן פון פראַנקרײַך, בעלגיע, האָלאַנד, יוגאָסלאַוויע, גריכנלאַנד, פּאָרטוגאַל, שפּאַניע און ייסראַעל.

אויף דער טאָג־אָרדענונג זײַנען געשטאַנען צוויי גרונט־פראַגן: וועגן שאַפן אַן אינסטיטוט, געווידמעט דער אַנטוויקלונג פון דער ספּאַרדישער קולטור, און וועגן דער טעטיקייט פון דער פעדעראַציע פון די ספּאַרדישע יידן.

פאַרשיידנס

שעדעווּרען פון מיזרעך

אַנהייב הײַנטיקס יאָר איז אין טאַשקענט דערשינען אַן אַלבאָם מיט 96 אוניקאַלע מיזרעך־מיניאַטיורן. אין אים זײַנען אָפּגעדרוקט אָריגינעלע קאָלירטע אילוסטראַציעס צו „באַבור־נאַמע" — מעמואַרן פונעם באַוווּסטן פּאָעט און געלערנטן פונעם מיטלאַלטערלעכן מיזרעך זאַכירעדין מוכאַמעד באַבור (XVI יאָרהונדערט). אָט דער אַלבאָם איז באַלוינט געוואָרן מיט א זילבערנער מעדאַל אַף דער אויסשטעלונג פון ביכער־קונסט אין לײַפּציק.

צום ערשטן מאָל באַקומט די ביכער־פּראָדוקציע פון מיטלאַזיע אַזאַ הויכע אָפּשאַצונג אַף א צווישנפעלקערלעכער אויסשטעלונג.

ש. זײַנוטדינאָוו („איזוועסטיִא")

אַן אויטאָגראַף פון מאַטע זאַלקע

האַיאָר איז אָפּגעמערקט געוואָרן דער 75־טער געבורטסטאָג פונעם באַוווּסטן אונגאַרישן שרײַבער מאַטע זאַלקע.

אין מעלוכישן ליטעראַטור־מוזיי איז פאַראַן מאַטע זאַלקעס א בוך „דאָס בראַווע שנײַדערל". דאָס איז איינס פונעם שרײַבערס ערשטע ווערק. דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אינעם פאַרלאַג „מאָסקאָווסקי ראַבאָטשי" אין 1928 יאָר.

...אָפּשאַצנדיק זײַן ליטעראַרישן וועג, האָט מאַטע זאַלקע געשריבן אין 1932 יאָר אין דער אויטאָביִאָגראַפיע: „אַלס שרײַבער קאָן איך זיך ניט רעכענען פריִער פונעם 1923 יאָר, ווען ס'איז פאָרגעקומען מײַן באַגעגעניש מיט פורמאַנאָוון". א שטאַרקע פרײַנטשאַפט האָט פאַרייניקט אָט די צוויי מענטשן — דעם אויטאָר פונעם באַרימטן „טשאַפּײַעוו" און דעם דאַן נאָך יונגן אונגאַרישן ליטעראַטאָר.

אפן טיטל־בלאַט פונעם בוך, וואָס געפינט זיך אינעם מעלוכישן ליטעראַטור־מוזיי, איז פאַראַן אַן אופשריפט פון מ. זאַלקע: „דעם קעמפער, פרוי און קולטור־טוער אַנאַ ניקיטישנאַ פורמאַנאָווא". אַנאַ ניקיטישנאַ — דמיטרי פורמאַנאָווס נאָענטסטער פרײַנט, כאַווער און פרוי. פורמאַנאָוו, וועלכער איז פאַר מאַטע זאַלקען געווען א לערער און א כאַווער, איז אַף שטענדיק פאַרבליבן פאַר אים ווי א לעבעדיקער, קעמפערישער שרײַבער. „דו, מיטײַ, ביסט איינער פון די ערשטע אין אונדזערע רייען", — האָט געזאָגט מאַטע זאַלקע אינעם צענטן יאָרצײַט פון ד. פורמאַנאָוון.

י ו. א י וואַ נאָ וו („וועטשערניאַיאַ מאָסקוואַ")

די פּאָטאָטעקע און אילוסטרירטע אויסגאַבעס אין „מאָספילם"

וועגן דער אַרבעט פון די סצענאַריסטן, רעזשיסערן, אַקטיאָרן, אָפּעראַטאָרן איז באַוווּסט ניט ווייניק. אָבער וועגן דער קאָמפּליצירטער, מע קאָן זאָגן — אויספאָרשערישער אַרבעט, וואָס פאַלט אויס די קינסטלער פונעם פילם, נאָך איידער מע טרעט צו צום שאַפן אים, איז זייער ווייניק באַוווּסט. מע קאָן עס דערקלערן, מעגלעך, מיט דעם, וואָס די ערטער, וווּ ס'קומט פאָר די האַנדלונג אינעם פילם, באַזונדערס אין א הײַנטצײַטיקן, זײַנען, ווי ס'דוכט זיך, שטענדיק אונטער דער האַנט (זאַוואָד, מעטראָ־סטאַנציעס אאַז״וו.). אינדערעמעסן אָבער איז ניט שטענדיק באַוווּסט, ווי ווערט זיך דאָס אַלץ באַקומען אַף דער קינאָטאַשמע. די הײַזער און גאַסן פאַרמאָגן דאָך אויך זייערע „פּענעמער", וואָס זײַנען ניט אומבאַדינגט קינאָגעניש. און כוץ דעם, שטרעבן די רעזשיסערן געפינען באַזונדערס אויסדריקלעכע, טיפּישע פאַר זייער צײַט, גאַסן און אינטעריִערן. אָט פאַרוואָס צוהילף די רעזשיסערן און קינסטלער איז אַף דער סטודיע „מאָספילם" געשאַפן געוואָרן און ווערט די גאַנצע צײַט פאַרברייטערט א קאָלאָסאַלע און זייער אַן אייגנאַרטיקע פּראָדוצירביבליִאָטעק: אין איר איז פאַראַן העכער 400.000 פּאָטאָגראַפיעס, 109 טויזנט ביכער (די גרעסטע מערהײַט פון זיי — מיט א ברייטן פּאָטאָ־ און רעפּראָדוקציע־מאַטעריאַל), אָן א שיר אילוסטרירטע זשורנאַלן, אָנהייבנדיק פון דער אַלטערטימלעכער „ניוואַ" און ענדיקנדיק מיט די הײַנטצײַטיקע „אָגאָניאָק" און „טוריסט".

אין דער קאַרטאָטעקע פון אָט דער שאַצקאַמער איז אַלץ פאַרנאָטירט: ווו מע קאָן געפינען א בילד פון א הײַנטצײַטיקן סטאַדיִאָן, אָדער פון אַן אוראַלט רוסלענדיש שיס־געווער, ווי זעט אויס א גאָטישער שלאָס אָדער דער אײַז־גאַנג אפן מאָסקווע־טײַך. די קינאָ־קינסטלער דאַרפן פּינקטלעך וויסן, וואָס פאַראַ קליידער פלעגט מען טראָגן, ווי פלעגט מען זיך שערן און מיט וואָס פאַר א קאָסמעטיק האָט מען זיך באַנוצט אין אַזאַ און אַזאַ יאָר, אין אַזאַ און אַזאַ לאַנד...

אינעם לייענזאַל פון דער ביבליִאָטעק ווערט פאַרפּעסטיקט פאַר יעדער קינאָ־גרופּע א סטעלאַזש. אַף אים ווערט צונויפגעזאַמלט ליטעראַטור. וואָס איז דאָ נאָר ניט פאַראַן — פון סאָלידע ווערק איבער דער געשיכטע פון רוים ביז די נײַסטע עטנאָגראַפישע אויספאָרשונגען, רעקלאַם־אויסגאַבעס, אַלבאָמען פון רעפּראָדוקציעס.

די פּאָטאָטעקע און אילוסטרירטע אויסגאַבעס אין „מאָספילם" זײַנען אַף אַזויפיל ברייט באַקאַנט די ספּעציִאַליסטן, אַז אַהער קומען יערלעך אָן אויך פון אַנדערע סטודיעס, סאָוועטישע און אויסלענדישע, צענדליקער מעלדונגען אַף פּאָטאָ־קאָפּיעס פון די מאַטעריאַלן. מיט זיי באַנוצן זיך אויך טעאַטערן און מוזייען. ניט ווייניק מאַטעריאַלן קאָנען דאָ באַקומען אויך די קינסטלער אילוסטראַטאָרן.

י ו. יעפימאָווא („וועטשערניאַיאַ מאָסקוואַ").

די מומיע פון נעפערן

ניט ווײַט פון קאַיר, אין ראַיאָן פון סאקאר, האָבן די געאָלאָגן געמאכט אן אנטדעקונג, וואָס לויט איר וויסנשאפטלעכן ווערט שטײַגט זי, מעגלעך, איבער די באדײַטונג פון דעם אנטדעקטן אין 1922 יאָר קייווער־שטיבל פון טוטאנכאמאָנען, דעם פאראָאָן, וואָס האָט געקיניגט אין עגיפּטן אין דער ערשטער העלפט פון XIV יאָרהונדערט פאר אונדזער ערע.

ווי עס טיילט מיט די צײַטונג „אל־אכראם”, האָט מען געפונען די מומיע פונעם מוזיקאנט נעפער, וועלכער איז געשטאָרבן בא פיר מיט א האלבן טויזנט יאָר צוריק. הײַנט־צו־טאָג איז די מומיע פון נעפערן די סאמע אוראלטע פון די, וואָס די ארכעאָלאָגן האָבן אנטדעקט. די צײַטונג מערקט אָפּ, אז די מומיע און דער סארקאָפאג האָבן זיך זייער גוט אײַנגעהיט.

וו. פעדאָסייעוו („פראוודא”)

דער טאנאך אף ציגײַנעריש

מע רעכנט, אז אף דער וועלט זײַנען פאראן בא 12 מיליאָן ציגײַנער, וועלכע ריידן אף פארשיידענע דיאַלעקטן פון זייער שפּראך, אָבער אף קיין איינעם פון די דיאַלעקטן איז ביז איצט ניט געווען קיין איבערזעצונג פונעם טאנאך.

צו אזא איבערזעצונג האָט זיך גענומען דער מיטארבעטער פון דער ראַדיאָסטאנציע פונעם וואטיקאן דארק טיפלער, פון ציגײַנערשער אָפּשטאמונג. ער פלאנירט איבערזעצן דעם נײַעם טעסטאמענט אפן דיאַלעקט, וואָס ווערט אָנגערופן האנקער־קאלדרעש, אף וועלכן עס ריידן א סאך ציגײַנער, צווישן זיי 200 טויזנט, וואָס לעבן אין אמעריקע.

טיפלער באזיצט אלע נייטיקע קוואליפיקאציעס צו אזא כאָשעווער אופגאבע: ער איז א צוהערער פונעם ווײלס־אוניווערסיטעט און באהערשט דײַטש, פראנצויזיש, איטאליעניש, ווי אויך העברעיִש און גריכיש. דאָס גאנצע לעבן האָט ער צוזאמען מיט זײַן מישפּאָכע געלעבט צווישן ציגײַנער און ער קען קימאט אלע דיאַלעקטן פון זייער שפּראך.

דעם טאנאך האָט ער בעדייע איבערצוזעצן אף זעקס דיאַלעקטן און שאצט אָפּ, אז די ארבעט וועט דויערן פון 20 ביז 30 יאָר. אין דער צווישנצײַט וואנדערט ער ארום מיט זײַן פרוי און צוויי קינדער אף א פערד־און־וואָגן צווישן די ציגײַנער אין איטאליע, עסטרײַך, דײַטשלאנד און פראנקרײַך, קעדיי פולקום דערלערנען זייער שפּראך.

(„נײַע פרעסע”, פאריזש)

א מערדער, א שרײַבער, א פילם־אקטיאָר און אלץ וואָס אין דער קאָרט

הענרי שאריער, וועלכער איז באקאנט אונטערן נאָמען „דער שמעטערלינג”, איז געוואָרן דער „באַליבטסטער שרײַבער” און דער „באליבטסטער העלד” אף מײַרעוו. וועגן דעם זאָגן איידעס די מיליאָניקע טיראזשן און די בערג געלט, וואָס עס פאלן ארײַן אין די קעשענעס פונעם געוועזענעם קרימינאליסט.

שמעטערלינגען, ווי באוווּסט, לעבן איין טאָג. דער „שמעטערלינג” שאריער איז אלט 64 יאָר. ער איז באגאנגען א מאָרד אין פאריזש, געווען פארשיקט אין א פראנצויזישער שטראָף־קאָלאָניע, פון דאָרט אנטלאָפן קיין ווענעסועלע, ווו ער האָט זיך פארנומען מיט זוכן דימענטן. זײַן בוך „פאפּיאָן” (שמעטערלינג) — דאָס איז די געשיכטע פון זײַן לעבן, מײַסים און וואנדערונגען. עס איז געוואָרן א בעסטסעלער אין פראנקרײַך — א טיראזש פון העכער א מיליאָן עקזעמפּליארן, די „קעשענע־אויסגאבע” אין די פאַרייניקטע שטאטן האָט דערגרייכט צוויי מיליאָן מיט אכט הונדערט טויזנט עקזעמפּליארן. צו אזעלכע טיראזשן זײַנען ניט געווינט געווען די גרעסטע שרײַבער; קלאסיקער האָבן ניט דערלעבט צו אזעלכע טיראזשן און צו אזא פּאָפּולערקײַט. זײַן האָנאָראר האָט באטראָפן 550 טויזנט דאָלאר. און דאָס איז ערשט אן אָנהייב. דאָס בוך וועט פילמירט ווערן און ברענגען דעם אווטאָר בא א 400 טויזנט דאָלאר.

איצט שרײַבט דער „שמעטערלינג” א נײַעם סצענארי וועגן דימענטנזוכער, וואָס שטיצט זיך אויך אף זײַן פערזענלעכער דערפארונג. דער אינהאלט איז אזא: א שוין ניט יונגער גאנגסטער מאכט זײַן „לעצטן שפּרונג” און צוזאמען מיט א פרײַנדן גאנוועט ער ארויס בא א דימענטזוכער זײַן גאנצן צווייכאדאָשימדיקן „פאנג”. אף דער נאָוועלע, זאָגט דער געניטער קרימינעל־פארברעכער און איצט שוין דער געניטער „שרײַבער”, האָט ער געארבעט גאנצע צען טעג און זי פארקויפט פאר 900 טויזנט פראנק. די הויפּט־ראָל אינעם פילם לויט דער דאָזיקער נאָוועלע שפּילט דער „שמעטערלינג” אליין פאר 800 טויזנט פראנק. ער האלט זיך דערבײַ ניט שטרענג בא דעם טעקסט פונעם סצענארי, פארקערט, ער אימפּראָוויזירט קעסיידער, און דער רעזשיסער באוויליקט אלע זײַנע אימפּראָוויזאציעס.

באם דרייען דעם פילם, ווי נאָר דער „שמעטערלינג” געפינט א מינוט פרײַע צײַט, כאפּט ער ארויס א שילער־העפט און שרײַבט א נײַעם בעסטסעלער, וואָס דארף ארײַנברענגען נײַ געלט.

— געלט, — זאָגט שאריער, — אינטערעסירט מיך שוין ניט, — איך האָב עס איבערגענוג, כ'קאָן רויִק לעבן און מאכן רײַזעס. דאָס איז דאָך ניט מײַן שולד, אז צו וואָס איך ריר זיך נאָר צו, ווערט פארוואנדלט אין גאָלד...

אז עמעצן גייט גוט, זאָגט מען: א מאזל פון א גאנעוו. אין דעם פאל איז עס בעפויעל מאמעש. א באַרימטקײַט אף א טאָג, און מאזל אף א גאנץ לעבן. טאקע בענעמאָנעס, וואָס טויג די כאָכמע, אז די נאַרישקײַט גילט...

(„אונדזער פרײַנט”, אורוגווײַ)

ביבליאָגראַפיע

ווערק אין „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרן פּעריאָד יולי־אויגוסט 1961—יולי 1971

די אויטאָרן זײַנען געגעבן לויטן אלפבייס. פאַרשיידענע ווערק פון איין און דעם זעלבן אויטאָר — לויטן כראָנאָלאָגישן סיידער. צו יעדן ווערק איז אָנגעוויזן דאָס יאָר, נאָך א טירע — דער נומער, אין וועלכן עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

לידער־ציקלען, וועלכע האָבן אלגעמיינע קעפּלעך, ווערן געבראַכט בלויז לויט די נעמען פון די ציקלען.

ראָמאַנען, פראַגמענטן פון ראָמאַנען, גרעסערע דערציילונגען

אָליעווסקי ב. איך דערזע פּאָנען. — בורזשויען (פונעם בוך „אָשערל און זײַנע פּרינצן"). 1967 — 11.

אָרלאַנד ה. הערבליעס (א קאַפּיטל פונעם ראָמאַן). 1967 — 7.

בייגעלמאַן א. דער גאָלדענער לײַכטער. 1968 — 11 און 12.

גאָדינער ש. דער ערשטער שאָס (פונעם ראָמאַן „דער מענטש מיט דער ביקס"). 1967 — 2.

גאָרדאָן ש. פרילינג. 1965 — 4,5,6 און 7.

גובניצקי א. „די יִדישע שטוב". ט. 1 און 2. 1965 — 7; ט. 3. 1968 — 5.

— מײַן ייִכעס. 1962 — 4; 1964 — 3; 1969 — 7.

גען ט. אין דער היימשטאָט (טאָגבוך). ט. 1. 1961 — 1; ט. 2. 1963 — 6.

— אונדזערע צײַטן. ט. 1. 1967 — 11 און 12; ט. 2. 1970 — 3.

דאַניִעל מ. (ד. מייעראָוויטש). דער אָטריאַד (פונעם בוך „יוליס"). 1967 — 5.

דאָבין ה. דער קויעך פון לעבן. ט. 1. 1963 — 2 און 3; ט. 2. 1966 — 2 און 3.

דראַגונסקי ד. מענטשן אויף דער מילכאָמע (דאָקומענטאַלע דערציילונג). 1971 — 3, 4, 5 און 6.

דרוקער אי. קלעזמער. 1966 — 3, 4 און 5.

זאַבאַרע נ. הײַנט ווערט געבוירן א וועלט. 1965 — 3.

— א פּאָשעטע מאמע (ראָמאַן־כראָניק). ט. 1 און 2. 1967 — 9 און 10.

— דער ערשטער טאָג (א קאַפּיטל פונעם ט. 3 פון ראָמאַן „א פּאָשעטע מאמע"). 1967 — 11.

טאַלאַלאַיעווסקי מ. הייסע הערצער. 1970 — 11 און 12.

לוריע נאָטע. הימל און ערד. ט. 1. 1963 — 4 און 5; ט. 2. 1964 — 1 און 2.

לוריע נויעך. אין וואַלד. 1966 — 7, 8 און 9.

לעוו מ. ווען ניט די פּרינצן מײַנע... 1961 — 3; 1962 — 3; 1968 — 9 און 10.

מאַרקיש פ. טראָט פון דורות. פראַגמענטן פון א ראָמאַן. אילוסטרירט פון א. העפּטער. 1963 — 2.

מעלאַמוד כ. יונגע יאָרן. בוך 1. 1967 — 1, 2 און 3; בוך 2. 1969 — 1, 2 און 3.

דער ניסטער. פון פינפצן יאָר. ט. 1. לייבל, מיליע און אנדערע. 1964 — 1.

— מיילעך מאַגנוס (בלעטער ביאָגראַפיע). 1969 — 6.

סיטאָ פ. פייגעלע (פונעם ראָמאַן „די באָסלעווער"). 1970 — 1.

פאָליאַנקער ה. דער בעקער פון קאָלאָמייע. בוך 1. 1964 — 4 און 5; בוך 2. 1965 — 11; 1966 — 5 און 6.

— ייִצכאָק סאַנטאָס און זײַנע יאָרשים. 1971 — 2, 3, 4 און 5.

פאַליקמאַן י. דער שוואַרצער ווינט. ט. 1. 1966 — 10, 11 און 12; ט. 2. 1967 — 7, 8 און 9; ט. 3. 1968 — 7, 8, 9 און 10.

קאַהאַן א. פאַרברעכן און געוויסן. היסטאָרישער ראָמאַן. ט. 1 — 3. 1965 — 9, 10 און 11.

קיפּניס אי. אונטערוועגנס. 1968 — 4, 5 און 6.

ראַבין י. כאַוועלע געפּען. 1965 — 1.

— שעוועלע און טעווקע אין מאָסקווע (פונעם פערטן טייל פון ראָמאַן „באַם ניעמאַן"). 1967 — 5 און 6.

— איך זע דיך, ווילנע... 1968 — 1 און 2.

— מײַן טײַערער צעדרייטער. ט. 1 און 2. 1969 — 10.

ריוואָש ע. צווישן לעבן און טויט. ט. 1 — הינטער די דראָטן פון געטאָ. ט. 2 — אקציע... (צוגעגרייט צום דרוק א. גאָנטאַר און מ. שולמאַן). 1962 — 5 און 6.

ריוועס י. דער וועג צום זיג. 1965 — 2.

שאָלעם־אליי כעם. דער מיסטייק. א ראָמאַן מיט

א מוסער־האסקל, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין אמעריקע. 1961 — 2 און 3.

— בריוו־אויסטויש צווישן מענאכעם־מענדלען און שאָלעם־אַלייכעמען. 1969 — 2.

— מענאכעם־מענדל. פון דער לעצטער סעריע בריוו (געקירצט). 1969 — 3, 4 און 5.

שעכטמאַן ע. ערעוו. 1962: בוך 1. נום. 1 און 2; בוך 2. נום. 3, 4 און 5; בוך 3. 1967 — 4; בוך 4. 1971 — 7.

שקאַראָווסקי ש. אָדעס. בוך 3. 1966 — 1.

איבערזעצונגען

באַראַדין ס. אבאָכיי און איסמאָעל (פון א ראָמאן). יידיש — א. צירלין. 1970 — 7.

מעראַס י. אייביקער שאָך (פון ליטוויש — ב. האלפערן, א. זינגער). 1964 — 5.

פעדין ק. דער שײַטער (קאפּיטלען פונעם ראָמאן). יידיש — ש. גאָרדאָן. 1962 — 4.

קליאַנאָוו א. דער נײַנטער פּאַרט (ראָמאן). יידיש — א. זינגער. 1966 — 6 און 7.

דערציילונגען, נאָוועלן, פאַרצייכענונגען

אורבאַס י. דער לעצטער באַזוך. — דער מעשוגענער מאיאָר (נאָוועלן). 1963 — 3.

— דר. קאַרל אבראַמאָוו (דערציילונג). 1966 — 4.

איצקאָוויטש ש. דאָס פידל — זײַן געווער. 1968 — 6.

אײַזמאַן ב. פרײַנטשאַפט. 1966 — 2.

— בריוו, וואָס ווערן ניט אלט. 1970 — 11.

— דער פלאַקערנדיקער טאַנק. 1971 — 1.

אלבערטאָן מ. אין טײַגע א שטיבל. 1967 — 8.

אלטמאַן מ. א געשיכטע מיט ליבע. 1962 — 1.

— אָן אלטע באַלאַדע אָן גראַמען. — פון בלאָקבאָט. — העלענע. 1963 — 4.

— אין דער טיף פונעם שפּיגל. 1964 — 2.

— אין אַן אָפּרו־טאָג. — דאָס ערשטע לעמעלע. 1965—12.

— די שפּיל ארום א שטעקן (פון דער סעריע „געשיכטן מיט אַן אלטן ארטיסט"). 1966 — 7.

— א מײַסע מיט א נאָמען. 1968 — 2.

— ווּ פאַרקויפט מען קינדערשע סוויטערס? 1968 — 8.

— אינטימע נאָטיצן. 1970 — 4.

— צוויי נאָוועלן פונעם ציקל „אמאָל איז געווען..." 1970 — 5.

אַרלאַנד ה. לעבינס דענקמאָל. 1969 — 9.

באַליאַסנע ר. נאָך דער גאָלדענער פּאַווע. 1965 — 6.

באַראַז ה. דרײַ נאָוועלעטן. 1965 — 10.

— דער פּאָרטרעט אָפּן פעלדז. 1969 — 4.

באָרזשעס ס. רעכט אָף סימכעס. 1962 — 6.

— א נײַער אופגאַנג. 1965 — 12.

— קראָען. — דער צווייטער אָרדען. 1970 — 6.

בוכבינדער י. צווישן כוואַליעס. 1968 — 8.

בורג י. צוריק אהיים. 1967 — 1.

— צום ערשטן מאָל. 1970 — 4.

— אָלעקסע. — פּאַרטאָג. 1970 — 8.

ביליטש מ. קינדער מײַנע, אויב איר וועט בלײַבן לעבן... 1968 — 11.

בלאָשטיין ה. מיטן ברייטן שליאָך. 1961 — 2.

— דער שריפטשטעלער פון רוסלאַנד. 1966 — 8.

— לענין איז מיטגעגאַנגען אָף די פאַרהערן. 1969 — 5.

בען דוויוו. א סגולע צו צײַנווייטעק (מאָנאָלאָג פון א קאָוואַל). 1963 — 6.

בעקער י. עפּשער דאַרפט איר אַן אייצע? (הומאָרעסקע). 1965 — 12.

בערגעלסאָן ד. אײַנעמס א וועג. 1966 — 11.

בערמאַן י. אין איינער א נאַכט. 1971 — 2.

בראָודע א. נאָטיצן פון אַן אדוואָקאַט. 1970 — 8.

גאַרמיזע כ. העניע די סנײַפּערן שפּילט אָפּן וויאָלאָנטשעל. 1970 — 11.

גאָדינער ש. אין גאַנג. 1970 — 4.

גאָלדבערג מ. ראַמזײַ טרעפט זיך מיט עטיענען. 1971 — 2.

גאָלדענבערג ר. די באָבע מיט איר אייניקל. — באַם טעלעוויזאָר. 1965 — 2.

— אין זעקסטן „א". 1966 — 1.

גאָלדשטיין מ. אין אײנעם א פרילינג. — א פונק אונטער א בארג אש. 1965 — 12.

גאָנטאַר א. א געוויינלעכע מישפּאָכע. 1961 — 1.

— אָף דעם נײַנטן שטאָק. 1962 — 3.

— א רײַזע קיין לענינגראַד, וואָס פירט צום גנילאָפּיאַט. 1968 — 7.

— די בערדיטשעווער. 1968 — 11.

— רינג־אײַן, רינג־אויס. 1969 — 6.

גאָרדאָן ע. די באָבע פון די טראַקטאָריסטן. 1962 — 2.

— פון אָנהייב זײַנען זיי געווען אינצווייען. 1963 — 5.

גאָרדאָן ש. צעלינאַ. 1961 — 3.

— דער פעטשאָרער שערער. — אין א ווינטערדיקן פאַרנאַכט. — א צופאַל אין מעטראָ. — דער סאַניטאַר. 1966 — 11.

— באַם ווײַנגאָרטן. 1968 — 3.

— אָפּן גליטש. ט. 1. 1969 — 11.

— שטעט און שטעטלעך (רײַזע־בילדער). 1966 — 2 און 6; 1969 — 5 און 6; 1970 — 1 און 9.

— א טאָג אין געוועזענעם סימבירסק. 1970 — 4.

גאָרשמאַן ש. כאַנקע. — דער טאַטע מיט דער מאַמען. 1962 — 1.

— קומט, ווען די טולפּאַנען בליִען. 1962 — 5.

— וואָלידאָל. — דער פעטער מיכײַ. 1963 — 1.

— דעם קייסערס פעטער איז געווען א גוטער... — זיך ניט אויסגערעדט די הערצער. — א פאַרפאַלק אין דיוונאָגאָרסק. 1964 — 2.

— אין סיבירער קאַנט (רײַזע־נאָטיצן): ביז אבאַקאַן. — צוגאַסט באַ א שאַכטיאָרקע. — אָפּן יעניסיי. — א שאַכטיאָרישער פּאָעט. — שושענסקאָיע. 1965 — 5.

— ניט ווײַט פון דער בויונג. 1966 — 1.

— זאָל פעלן א האָר... — שטיינערנע הערצער. — פאַרב נעם באַ מיר. 1966 — 5.

— יעדעס מאָל — ווי צום ערשטן מאָל. — קרים. סאָף צוואַנציקער יאָרן. 1967 — 6.

— דאָס קופערטל. — דאָס ברויט איז איבערגעזעסן. 1967 — 11.
— וואָלעכישע בילדער. 1968 — 11.
— א טאָטערישע הארץ. — אין טיפן הינטער־לאַנד. — נײַע צײַטן — נײַע צאָרעס. — הײַנטי־קע קינדער. — דער טרעגער. — ביז הונדערט צוואַנ־ציק. — זי טאָר שוין ניט. — יאָריקע. — א פינצ־טערע דאָליע. — אומגערן אף צולאָכעס. — קנאַפער געשלאָפן — מער געזען. 1969 — 5.
— פון אמאָל און פון איצט. 1969 — 7.
— דערציילונגען. 1970 — 2 און 6.
— כאַנעס כאַלוימעס. 1971 — 1.
גובניצקי א. דער וועג אף סטאַלינגראַד. 1961 — 2.
— א טאָג אין בראַטסק. 1961 — 3.
— שאַכטיאָרן. 1963 — 1.
— דער באַלעבאָס פונעם יאַם. 1963 — 6.
— סטעפּעס בליִען. 1965 — 12.
— דער לעצטער קייסער. 1966 — 8.
— צו די קאַרפּאַטן. 1967 — 8.
— שאָפערן. ט. 1. 1970 — 2 און 3; ט. 2. 1970 — 10.
גילדין כ. א כאַסענע. 1967 — 11.
גלוכאָווסקי ס. כאַוער, גלייב! 1969 — 11.
געגערמאַן י. ניט קיין שלעכטע מענטשן. — ראָביק. 1969 — 11.
געלער מ. דער שווײַגער. 1968 — 12.
גען ט. דער אַלעפבייס. 1962 — 5.
— אין ביראָבידזשאַן (רײַזע־נאָטיצן). 1964 — 3 און 4.
— א פּאָשעטע געשיכטע. 1965 — 6.
— א דערציילונג פון דער קינדהײַט. 1966 — 2.
— סקולפּטורן אפן זאַמד. — אין האָטעל „אינטור־ריסט". — טעוויע און גאָלדע. 1966 — 7.
— צוגאַסט אין סיביר. 1969 — 4.
— א כוידעש אף קוראָרט. 1970 — 6.
— פון א נײַעם בלאָקנאָט. 1971 — 6.
גרוביאַן מ. אף דער סיבירער ערד. 1965 — 12.
— א שטאָט בא דער וואָלגע. 1967 — 1.
— א וואָך אין ביראָבידזשאַן. 1968 — 1.
— באַגעגענישן מיט מענטשן. 1969 — 2.
— דער קישעף פון איינעם א זומער. 1971 — 2.
דאַניִעל מ. צו לעבנען. 1970 — 4.
דאַשעווסקי מ. א מישפּאָכע פון העלדן. 1968 — 6.
דאָבין ה. דער פּאָדפּאָלקאָווניק. 1961 — 2.
— איר שוועסטער. 1964 — 3.
דאָברושין י. דער קינסטלער פון לעבן [לענין]. 1970 — 4.
דרוקער אי. דאָס ווילנער באַלעבעסל. 1963 — 6.
— שטייט אוף צו נעגינע. 1964 — 6.
— זינגען מוזן אַלע. 1965 — 12.
— שאָלעם־אַלייכעם אין אָדעס. — א פּרימאָרגן ניט ווי אַלע פּרימאָרגנס. 1966 — 10.
— אויס ניקאָלײַקע. 1967 — 12.
— דער שרײַבער און זײַן העלד (דער זיידע מענ־דעלע און מיכאָעל־יויסעף גוזיקאָוו). 1970 — 10.
האַלפּערן ב. מאָניע דער פּראָראַב. 1965 — 2.
— דער מאַן אין גרויען. — אַנקע און די באָבע. 1966 — 8.
— ווילנע, ווילנע... 1967 — 12.
— דער מאַטעמאַטיקער. 1968 — 8.
— א פּוסטער טאָג. — וואָס זאָגט קויהעלעס. 1969 — 7.
האָלדעס א. אַרבעט איז א טאַלאַנט. 1962 — 1.
האָפּשטיין ד. די מוטער רוטמאַן. 1966 — 6.
הובערמאַן א. בא אונדז אין פּעלשטין. 1966 — 4.
וואַסילעווצקי מ. בריוו פון פרײַנט. 1966 — 6.
וואַסערמאַן ל. אייגן בלוט. 1961 — 1.
— ערעוו פרילינג אין וואַלד. 1963 — 6.
— מײַנע פרײַנט, מײַנע שכיינים... (מענטשן פון דער יִדישער אויטאָנאָמער געגנט). 1967 — 1.
— אין צוג. — „געניילקעלעך". — אָפּגענאַרטער צו־טרוי. — כאַווערטעס. 1971 — 1.
וואַסערמאַן ש. צוליב א „שייפ"... 1968 — 10.
וואַרשאַווסקי א. דער טויט פון כאַנאַניע דעם טרעגער. — א קאָנטראַקט. 1965 — 8.
ווילענסקי וו. לאָמיר זיך דערמאָנען... 1965 — 5.
ווײַנרוב יעווסיי. שלאַכטן אין בערלין. 1970 — 5.
— א באַגעגעניש. 1971 — 1.
ווינער מ. — לאָס כודיִאָס. 1968 — 10.
— דער זיידע ביניאָמין. 1969 — 9.
— יוגנט־פרײַנט. 1969 — 10.
וועוויאָרקע א. דער רויטער שטערן מיט פינף שטראַלנדיקע שפּיצן. 1970 — 4.
ווענדראָף ז. הערי ווינסטאָנס קאַריערע. 1962 — 1.
— די פרײַז פון רום. 1962 — 4.
— מיסטער קעיפּוויצעס טרוימען. 1967 — 1.
— א מענטש און זײַן נאָמען (עפּיזאָדן פון א ביִאָ־גראַפיע). 1969 — 1.
— א שווייצאַרישער אונטערטאַנער (א בלעטל פון מײַן ביִאָגראַפיע). 1970 — 1.
ווערביצקי א. דרײַ דערציילונגען וועגן לענינען. 1965 — 4.
ווערגעליס א. צוואַנציק טעג אין אַמעריקע (רײַזע־פאַרצייכענונגען). 1964 — 2, 3, 4 און 5.
— רײַזעס (פאַריזש, פוילן). 1965 — 7, 8, 11 און 12.
— Como el Uruguay no hay. 1966 — 2, 3 און 4.
— אין נעפּל [לאָנדאָן]. רײַזע־נאָטיצן. 1967 — 6, 7 און 8.
— ווידער אין וועג [מאָנאַקאָ, פאַריזש]. 1969 — 2 און 3.
ווערייטע ש. ווער איז שולדיק? 1962 — 6.
— צי וועט ער קומען? 1965 — 6.
— קינדער, קינדער... 1966 — 7.
זאַבאַרע נ. זיך טויע געווען. — דאָרט, ווו עס בושעווען ווינטן. 1962 — 3.
— א סעזאָן אף דאַטשע. א קינעמאַטאָגראַפישע דערציילונג. 1965 — 9.
— אף געקרייצטע וועגן. היסטאָרישע דערציילונג. 1966 — 12.

זילבערמאַן כ. וויַט פון מאָסקווע. 1963 — 1.
— דער טײַטש פון זעלבסטווירדע. 1965 — 10.
— דער באַלעבאָס. 1966 — 12.
זעליאָני אי. איסאַק פרידמאַן — סטעפאַן יאראָש. 1968 — 12.
זשיטניצקי מ. דער רעיד אָף לאָיעוו. 1969 — 2.
טאַבאַטשניקאָוו כ. אַליין, זונעניו, אַליין... 1965 — 4.
— טאַכלעס. 1968 — 3.
— באַרשעווער מאָטיוון. 1970 — 8 און 9.
טאַל ש. יעפּעט קיידאַר. 1963 — 4.
טאַלאַלאַיעווסקי מ. א מאַטאַנע. 1970 — 4.
טימטשישין וו. א מאַטאַנע פון רוסלאַנד. 1969 — 4.
טרובניקאָווא א. איר זון. 1969 — 10.
טשיטשעלניצקי י. דער אינדערוואָכן פון א זאַוואָד. 1968 — 12.
יאַקיר י. אין א ווינטערדיקער נאַכט. 1964 — 3.
— אָן אַדערוף. 1966 — 3.
— מעכוטאָנים גייען... 1966 — 6.
— אָן עמעסע געשיכטע. 1967 — 8.
— מײַן מאַמעס רעוואָליוציע. 1968 — 7.
— די לעוואָנע קוקט דורך א בריל. 1971 — 2.
יעלין מ. די פרײַז פון יענעם ברויט. 1962 — 2.
— עס הייבט זיך ערשט אָן... 1964 — 1.
— שטאַבס־פעלדפעבעל האַנס פּפאַנקוך. 1965 — 2.
— פינף מינוט נאָך צוועלף. 1965 — 4.
— זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. — די הויז־אייגנטימערן. — קינדער, קינדערלעך... — דער לעצטער. 1966 — 4.
— פרידריך ניטשעס קאָרבן. — דער באַנדאַזש אונטער דער קני. 1967 — 1.
— דער געאָפּאָליטיקער, רעגינע און איר מוטער. 1968 — 4.
— דעם זיידנס שטעקן. 1968 — 5.
— פרעגט די וועלט... 1969 — 5.
— וואָס ווייַנט איר, דאָקטערן? — וואַכלײַט פאַרווײַלן זיך. — צוליב א לעבן. — א „מאַלעכל". — אין דערוואַרטונג. 1970 — 7.
— דורך פײַער און וואַסער. 1970 — 10.
— בלוט און וואָפן [א סעריע דאָקומענטאַלע נאָוועלן]. 1967 — 10; 1969 — 12; 1970 — 1; 1971 — 2.
כאַיעט מ. געראַטעוועט. 1965 — 10.
כירמאַן י. „מאַמעניו, ווו ביסטו?.." 1969 — 9.
לוריע נאָטע. דער לעצטער (א קאַפּיטל פון דריטן טייל „דער סטעפּ רופט"). 1961 — 2.
— לײַעס גוירל. 1967 — 8.
— פון מײַנע העפטן. 1970 — 3.
— א באַגעגעניש. 1971 — 3.
— איר זײַט דאָך שכיינים. 1971 — 6.
לוריע נויעך. אויס כאַוווער. 1962 — 1.
— די אונטערשטע שורע. 1965 — 5.
— עלטער מיט א נאַכט. 1967 — 10.
— אָן איינציקע טאָכטער. 1969 — 5.
— א גאַנץ געוויינלעכע, פּאָשעטע פרוי. 1971 — 1.
ליזען א. א סאָלדאַט אין פּאָמפּייע. 1970 — 5.
ליפּמאַן־לעווין. די קאָנסטיטוציע אויסווייניק. 1967 — 11.
ליפּצין ס. א מענטש א מענטשן איז א וואָלף (אַן אַמעריקאַנער דערציילונג). 1962 — 6.
לעוו מ. קימאַט א לעגענדע. 1964 — 2.
— די לעבנס־געשיכטע פון זשאַק אַלבראָ. 1965 — 7.
— פּעראָ רוס. 1967 — 6 און 7.
לעווין כ. צוויי באַגעגענישן. 1967 — 2.
— צוריק אַהיים. 1970 — 6.
מאַלטינסקי כ. ווידער אין נאַמאַנגאַן. 1968 — 9.
מילער ב. אין א האַרבסטיקן טאָג. 1961 — 2.
— א מוזיקאַלע נאָוועלע. 1962 — 6.
— צוויי דערציילונגען. 1966 — 11.
— דרײַ נאָוועלן. 1967 — 8.
— דרײַ דערציילונגען. 1968 — 9.
— מענטשן גייען אינדערפרי צו דער אַרבעט. 1970 — 2.
— ווען מענטשן זײַנען מענטשן. 1970 — 9.
מילער ע. צוויי כאַוויירים. 1968 — 12.
מעלאַמוד כ. צוגאַסט באַם בריגאַדיר. 1961 — 2.
— שוועסטער. 1963 — 5.
— פרײַנטשאַפט. 1965 — 8.
— אָף דער שפּראַך פון פרײַנטשאַפט. 1966 — 2.
— פון יענע לעגין־טעג. 1969 — 8.
— אָף דאָר־דווירעס. 1970 — 4.
— באַגעגענישן. 1970 — 6.
— א וועלט מיט וועלטעלעך. 1970 — 12.
— א קאַלע מיט נאַדן. 1971 — 1.
— דער ליכטיקער פאָדעם. 1971 — 7.
מעסטעטשקין א. מענטשן בלײַבן מענטשן (דאָקומענטאַלע דערציילונג). ליטעראַריש באַאַרבעט פון דאָרע כײַקינע. 1969 — 1.
ניורענבערג א. דער ערשטער פּאָרטרעט. 1970 — 11.
דער ניסטער. די מוטער פון דער רוסישער העלדן. 1966 — 12.
— נאָכוואָרט און פאָרוואָרט [צו „מישפּאָכע מאַשבער"]. 1967 — 2.
— צעדעקאַ. 1967 — 11.
— פרילינג (פראַגמענטן). 1969 — 11.
— אויך איך האָב געזען. 1970 — 4.
סײַעוויטש־גוליוק ג. וויאַזוי מײַן כאַווערטע האָט זיך געראַטעוועט. 1970 — 6.
סאַקציער מ. די באָנים פון יאַנקל דעם פישער־ייִד. 1966 — 9.
סטאַווסקאַיא אי. שטענדיק צוזאַמען. 1968 — 11.
סטעלמאַך א. א געמעל אָף א בעכער. 1967 — 11.
סטעלמאַך מ. ליכטיקע געשטאַלטן (וועגן טשאַפּײַעוון און טשאַפּײַעווצעס). 1967 — 5.
סטעפאַנענקאָ ז. דאָס אייביקע פײַער. 1970 — 6.
סיטאָ פ. די ערשטע ווײַנעכט. — איינער און אַלע. — דרײַ העלדן. 1967 — 9.
סינעלניקאָוו א. און טאָמין וו. אין אָנגריף. 1971 — 6.
סיראָטינא ב. ווען עס איז שרעקלעך... 1971 — 2.
סלוצקאַ־קעסטין כ. אין די כאַנעקע־טעג. 1963 — 4.

פ א ל י א נ ק ע ר ה. אין וועג. 1966 — 1.
— א מײַסע מיט א גיבער. — א מײַסע מיט א קליפּע. — א מײַסע מיט א וואָלף און מיט א יעגער. 1967 — 5.
— א מײַסע מיט אן אקשן. — א מײַסע מיט א כאַסענע. — א מײַסע מיט א קעמל. 1968 — 6.
— בא דער גרענעץ. 1970 — 4.
פ ו פ ס נ. ס'איז געווען סאָף מאַרט. אָנהייב אַפּרעל. 1969 — 8.
פ ל א ס ק א וו ה. פּראָנטאַוויקעס. 1966 — 5.
— דער זון פון פאָלק. 1968 — 6.
— אונטערן געהילך פון דער קאַנאָנאַדע (פראַגמענטן פון א בוך). 1969 — 9.
— איך האָב דיך ניט פארשעמט, מאַמע... 1970 — 1.
פ ע ט ש ע ר ס ק א י א ז. לאַריסעס מאַטאַנע. 1969 — 2.
פ ע נ ס מ. ער האָט זיך אף קיין ענטפער ניט דערוואַרט. 1963 — 3.
פ ע ר ס א וו ש. אין יענע שטורמישע טעג... לעבנס בריוו. — שירשאָוו און קוקלין (פראַגמענטן פון ניט פארעפנטלעכטן בוך וועגן דעם אוראַלער זאַוואָד). 1962 — 6.
— האַרמאָניקע. 1967 — 11.
— אויסגעגלײַכט זיך. 1969 — 4.
פ ע ר צ א וו ס ק י י. ער האָט פּאַרטיידיקט מאָסקווע. 1966 — 6.
פ א ל י ק מ א ן י. לייב כאַדאַש. 1961 — 3.
— דער ביטערער יאָדער. 1962 — 2.
— דער סוווועניר. 1962 — 6.
— געלע מילך. 1963 — 6.
— די מישפּאָכע גיטעליס. 1964 — 6.
— שנייגלעקלעך. 1966 — 2.
— שטילע וואַסער. דאָקומענטאַלע דערציילונג. 1969 — 11 און 12.
— ברויט. 1970 — 4.
— פּאַרטאַג. — אש. 1970 — 11.
— פ י נ י נ ב ע ר ג ע. ס'איז ניט געשען. 1966 — 12.
פ י נ ק ע ל ש ט י י ן א. שלוימעלע. 1971 — 1.
פ ײַ ג י ן י. פרײַנט באַגעגענען זיך ווידער. 1965 — 10.
פ ל א ק ס י. די וואָלקאָוויסקער דאָקטוירים. 1964 — 3.
פ ר ײַ ס. מיט פערציק יאָר צוריק. 1963 — 6.
ק א ה א ן א. דאָוויד פרישמאַן בא שאָלעם-אַלייכעמען אין קיִעוו (א ניט-פאַרעפנטלעכט קאַפּיטל פונעם ראָמאַן „שאָלעם-אַלייכעם"). — מיריאַם-עטל האָט פײַנט באַקס. 1966 — 12.
— מיט פעדאָצערס קאַפּעליע. — אין צירק. — די יערושע. — א ריכטיקער גאַנג. 1970 — 12.
ק א ה א ן ז. ווײַסע נעכט. 1967 — 1.
— אינעם געוועזענעם ווינטער-פּאַלאַץ. 1967 — 10.
— יויכענען דער פּוטילאָוועץ. 1971 — 3.
ק א ה א ן מ. מייער דער קלעזמער, זײַנע אייגענע און נאָענטע. 1968 — 10.
ק א ה א ן ע. אין גרינעם כוידעש מײַ. 1969 — 2.
ק א ז ש ב ע ר ה.-ל. גימנאַזיע (פראַגמענטן פונעם בוך). 1970 — 8.

ק א נ צ ע ד י ק א. שטאַרקער פונעם ווינט. — דער פאָלקס-קינסטלער. 1971 — 1.
ק א נ צ ע ד י ק ע. בלעטלעך פון אונדזער הײַנט. 1966 — 8.
— זאָג ניט קיינמאָל, אז דו גייסט דעם לעצטן וועג... 1968 — 8.
— לידער בלײַבן לעבן. 1969 — 3.
— דאָס מיידעלע מיט דער ליאַלקע. — מײַן באָבעס כאַווערטע. 1969 — 8.
— לייענענדיק סאָלדאַטישע בריוו. 1970 — 6.
ק א ב ר י א נ ס ק י מ. אינמיטן וועג. 1963 — 1.
— א פאָרדאַרבענער קערן. 1966 — 10.
— א גוטע נאַכט. גוטערברודער. 1967 — 2.
— א גוטער מענטש. 1968 — 1.
— אין שטעטעלע ליבאַווע. 1969 — 8 און 9.
— שוואַרצער שניי. 1970 — 4.
— די זאַוועריוכעס. 1970 — 10 און 11.
— דרײַ און דרײַסיק. — אבושל. 1971 — 2.
— א מאַמע בלײַבט שטענדיק באַם נאַר. — איך לויף צום רעגנבויגן. — יענטעס טפילע. — מע מוז מיר קאַשערן דאָס מויל. — אַניוטע לערנט באַלאָק מיט דער באָבען און מיטן זיידן. 1971 — 3.
ק א ן ג. צוויי עפּיזאָדן (ליטעראַריש באַאַרבעט — ייִצכאָק זאַפּראַן). 1968 — 6.
ק א ס א י ג. דער מאַנאָפּאָליסט. 1965 — 12.
— דעם זיידן מענדעלעס א „קאַרעוו". 1966 — 6.
ק ו פ ע ר מ א ן א., ב א ר ס ק י י. א באַגעגעניש. 1963 — 4.
ק ו ש נ י ר א וו א. דערציילונג וועגן צוויי. — היגע טישע סטעזשקע. 1967 — 6.
ק ו ש נ י ר א וו ל. דער וועג אהיים (דאָקומענטאַלע דערציילונג). 1964 — 6.
— וויאַזוי קומט מען צו ליטעראַטור (הומאָרעסקע). 1965 — 12.
ק י פ נ י ס א.. נײַ-יאָר. 1961 — 3.
— וואָס מע זאָגט „גאָט האָט צוגעשיקט", „גאָט האָט געפירט". 1963 — 6.
— פון מײַנע טאָגביכער. 1965 — 1.
— כאַיעלע און פּיניעלע. 1967 — 3.
— קראַסאָוושטשיק. — וואָס א כאַווער הייסט. 1969 — 1.
— קוויטן. — מאַטיק. 1970 — 4.
ק ר י וו א ש ע י ן ש. א דערמאָנונג. 1962 — 3.
— צוויי דועלן. 1968 — 5.
ר א ב י ן י. ראָכל מיט אירע קינדער. — ברוינע צעפּ. 1961 — 1.
— אין א שטאָט אף אוראַל. 1961 — 2.
— אין שכיינעס. 1963 — 3.
— ניט הײַנט-געדאַכט. 1963 — 6.
— סאָסנעס און יאָדלעס. 1966 — 4.
— זיבן אויטאָביאָגראַפישע נאָוועלן. 1968 — 12.
— דערציילונגען, וועלכע געפעלן מיר. 1970 — 5.
ר א ב י נ א וו י ט ש א. א מאַטאַנע לעניגען. 1968 — 11.
ר א ב י נ א וו י ט ש ש. מאָסקווע — טעל-אוויוו. 1966 — 6.
— זין פון דער רעוואָליוציע. 1967 — 11.
— א רײַזע מיט ייִדן פון איסלאַנד. 1968 — 11.
— צווישן גרוזינישע ייִדן. 1969 — 3.

— זאריאדיע. 1969 — 7.

— שטעט און מענטשן. 1969 — 8.

— ראָשאל. 1970 — 1.

— לענין אין אונדזער לעבן. 1970 — 4.

— א פילם וועגן אונדזער נעכטן און וועגן אונדזער הײַנט. 1970 — 6.

— צוויי עפּיזאָדן. 1971 — 7.

ראבינקאָוו ה. פון א נײַער הייך. 1962 — 1.

— א פלעדערמויז. 1964 — 2.

— אפן ווײַטן מיזרעך. דערציילונגען. 1970 — 1.

ראזומני מ. מיניִאטיורן. 1962 — 3.

— דער העלפאנד און די פרעמדע שמאָכטעס. — די אָפּטריניקע און אנד. נאָוועלעטן. 1963 — 1 און 6.

— נאָוועלעטן. 1965 — 12; 1970 — 3; 1971 — 1.

— צוויי מעשאָלים. 1968 — 6.

רוביאן י. שיכעלעך. — דער פּראָפעסאָר און זײַן מאמע. — דעם קארגנס צוואָע. 1965 — 10.

— מאָנאָלאָגן. 1968 — 2.

— פיר הומאָרעסקעס. 1970 — 2.

— שאלאפי. — א זון א דאָקטער. 1971 — 4.

רובין ר. דרײַ דערציילונגען. 1964 — 4.

— דער שלאָס פון דעם פירשט בערגער. — זון אף די דעכער. 1965 — 12.

— טיר־און־טויער זײַנען אָפן. 1966 — 11.

— עס שפּינט זיך א פאָדעם. 1969 — 4.

— שליסלען. 1969 — 10.

רוטמאן מ. צוויי שוועסטער. 1970 — 6.

רוכאדזע א. צוגאסט בא עליע יעהודין. 1971 — 6.

ריווקין ה. דער טאטע מיטן זון. 1968 — 5.

רײַזמאן ז. זיכרוינעס פון א סאָוועטישן פּארלאַמענטיאָר. 1969 — 9.

רעזניק י. א סאָלדאט פון דער רעוואָליוציע. 1970 — 4.

רעלעס ה. צוגאסט אין מײַן שטעטעלע (רײַזע־בילדער). 1970 — 2.

שאווער מ. פון טויט לעבעדיק. 1968 — 12.

שולמאן מ. אן אינטערוויו מיטן ריבוינעשעלוילעם. 1962 — 4.

— אונטערוועגנס. 1963 — 1.

שוסטער י. קיִעוו, הארבסט־69 (באגעגענישן, אײַנדרוקן). 1970 — 1.

שטערנבערג י. מײַן אלטע היים אין פּראָפיל (רײַזע־נאָטיצן). 1962 — 5.

שעוועל מ. די ערד רופט (וועגן וול. אי. פעלערן). 1966 — 6.

שרײַבמאן י. מיניִאטיורן. 1961 — 1.

— נאָוועלן. 1962 — 4; 1964 — 1.

— נאָוועלן און מיניִאטיורן. 1965 — 3.

— דערציילונגען. 1965 — 8; 1966 — 9; 1967 — 2 און 9; 1968 — 6; 1969 — 5.

— מײַנע קעשענעווער אפלאָדירן. 1966 — 3.

— ליבשאפט. 1968 — 11.

— דאָס קינד. 1970 — 4.

— דאָס מיידל פון שעפּעטאָווקע. — אָוונט־שאָען. — יונגקײַט און שפּילעוודיקײַט. — קרײַזן און קרײַזלעך. — א דערציילונג וועגן פאָרעץ אנדראָנאקע און לייב דעם זייגערמאכער. — א דירעקטאָר. 1970 — 7.

— פינף דערציילונגען. 1971 — 1.

איבערזעצונגען

אגנאָן ש.־י. דעם אָקס' טאטע. — די כאפערס. ייִדיש — י. דאָגים. דער וואָלף און יעשײַע־האנאָווי. ייִדיש — א. ביק. דרײַ שוועסטער. ייִדיש — ב. אונגער־ביק. 1967 — 4.

אדאמטשיק וו. ליפּע־צוויט. ייִדיש — כ. מאלטינסקי. 1967 — 5.

אואָטען דזש. דאָס מעסער. — די שוועסטער (דערציילונגען). ייִדיש — י. טשיטשעלניצקי. 1969 — 7.

אוויִשאָול מ. אפן בוידעם־שטיבל פון רעב אור־ראָם דעם כאָסיד. ייִדיש — פ. בינעצקי. 1963 — 4.

אטײַעוו סייִטניִאז. צוויי דערציילונגען. ייִדיש — כ. מאלטינסקי. 1969 — 1.

אײַטמאטאָוו טש. דזשאמיליא. ייִדיש — ש. גאָרשמאן. 1961 — 1.

אָרפּאז י. דאָס געיעג נאָך דער הירשן. ייִדיש — מ. סאקציִער. 1970 — 8.

באבאָשין נ. קארגע הונדערט. ייִדיש — ב. קאָטיק. 1965 — 12.

באבעל א. שאבעס־נאכמו (פונעם ציקל „הערשעלע"). ייִדיש — ב. קאָטיק. 1964 — 4.

בוקאָוו ע. מאכשאָוועס און דערמאָנונגען. ייִדיש — י. י. 1966 — 3.

ביאדוליא ז. אין געדיכטע וועלדער. ייִדיש — כ. מאלטינסקי. 1969 — 8.

בעני א. א הויף. ייִדיש — פ. בינעצקי. 1963 — 4.

בערי דזשאָן. דער צוהערער. ייִדיש — ב. קאָטיק. 1968 — 5.

ברילי א. אן אופשריפט אף א געבײַ. 1962 — 5.

— אין האלבער נאכט. ייִדיש — מ. טייף. 1967 — 5.

גאלײַ מ. נאָטיצן פון אן אויספּרווו־פליִער. ייִדיש — ב. קאָטיק. 1965 — 11.

גאָנטשאר אָ. אוסמאן און מארטע. א דערציילונג פון א באטארייעץ. פון אוקראַיִניש — ה. פּאָליאנקער. 1965 — 2.

גריב ק. גרינע טויערן. פון אוקראַיִניש — י. פאליקמאן. 1967 — 12.

גריוואזשאן. דער שווארצער דימענט (דערציילונג). פון לעטיש — י. מאלער, א. בארמאזל. 1971 — 4.

דייווידאָוו מ. ביראָבידזשאנער רעפּאָרטאזש. ייִדיש — א. פריבלודע. 1970 — 12.

דרוצע י. רובאנקע. ייִדיש — י. שרײַבמאן. 1963 — 6.

האריסאָן ה. א באגעגעניש. ייִדיש — א. זינגער. 1968 — 3.

האָפּמאן ה. דאָס איז געשען אין טאגאנראָג. ייִדיש — מ. איטקאָוויטש. 1966 — 2.

— א כאראקטער פון א פליִער. 1967 — 2.

וואסילע וו. ווײַס גראָז. ייִדיש — י. שרײַבמאן. 1966 — 3.

וואָסקרעסענסקאיא ז. דערציילונגען וועגן לענינען. ייִדיש — נאָטע לוריע. 1962 — 2.

זשיוולסקא ק. פוסטע וואסער (פראגמענט פון בוך וועגן דער ווארשעווער געטאָ). ייִדיש — ב. קאָטיק. 1968 — 4.

זשוראכאָוויטש ס. באם יאַר. ייִדיש — ה. פאַ־ליאַנקער. 1965 — 2.

טורגעניעוו אי. בירויק. ייִדיש — ב. סלוצקי. 1968 — 11.

טיכאָמיראָוו וו.ל. די פּראָבלעם פון מעהאַלעך. ייִדיש — מ. איטקאָוויטש. 1961 — 2.

טשאַבאַנויאַן ק. צוויי שוועסטערקינדער. 1963 — 6.

— א פאַרנאַכט אין די קאַדרעס. ייִדיש — י. שרײַבמאַן. 1966 — 3.

יאָסעליאַני אָ. פון צוג ביז צוג. ייִדיש — ב. קאָטיק. 1966 — 9.

כאַליד ר. טרערן. ייִדיש — מ. ראַקאָווסקי. 1971 — 5.

כאַנאַ אי. „שמוגלערס". פון אַראַביש — ש.ט. 1963 — 4.

לאָרדקיפּאַנידזע ק. צאַבוניע. ייִדיש — ב. קאָטיק. 1966 — 9.

לייקינא ר. מײַנע וואַגלענישן. דאָקומענטאַלע דערציילונג. פאַרשריבן פון מײער פּאָלאָנסקי. פון רו־סיש — ש. גאָרשמאַן. 1968 — 5.

לעווין אָ. וואָס עס טרעפט, אז מע פאַרגעסט... ייִדיש — ש. טאַל. 1964 — 2.

לעווין ר. באַ דעם טויער פון אײַזנברוך. 1970 — 6.

לעוויצקי וו. אַט דאָס טאַקע דאַרפן מיר. 1966 — 2.

לעס א. צוויי דאָקטוירים. — א וויכטיקע קאָרעק־טיווו. — פון טיפן הארצן. — א לויב דעם דיכטער. — וויאַזוי באַבעל האָט געאַרבעט. — באַם אַריבערקלײַבן זיך אין א נײַער דירע. — א מאַנטל. — דער „זאַוואָ־דישער פאָטאָגראַף". ייִדיש — י. שוסטער. 1970 — 11.

סאַראָיאַן וו. גאַסטאָן. ייִדיש — ש. גאָרשמאַן. 1968 — 3.

סולײַמאַנאָוו אי. א קינד. ייִדיש — י. פאַליק־מאַן. 1971 — 6.

סימאַנאָווק. דער יוביליי. ייִדיש — ש. גאָרש־מאַן. 1962 — 1.

— מינקין דערציילט... ייִדיש — מ. איטקאָוויטש. 1963 — 3.

סײַמאַק קליפאָרד ד. א ווירדיקער קעגנער. ייִדיש — ב. קאָטיק. 1968 — 5.

סמאָליטש יו. אונדזער פרײַנטשאַפט. 1965 — 2.

סעמיאַזשאַן י. מיט איין וועג גייען מיר, ברו־דער! ייִדיש — מ. טייף. 1967 — 5.

פאַלעוואַי ב. די דעפיציטע באַבע. — ליובע. ייִדיש — ש. גאָרדאָן. 1962 — 3.

— דאָקטער ווערא. אויסצוגן פון א דערציילונג. ייִדיש — ש. גאָרשמאַן. 1967 — 3.

— איר מישפּאָכע. ייִדיש — א. זינגער. 1968 — 2.

— נירנבערגער טאָגביכער (פראַגמענטן פונעם בוך „סאָפקאָלסאָף"). ייִדיש — י. טשיטשעלניצקי. 1970 — 5.

פּריטשאַרד ק. ס. נגולא. ייִדיש — ש. גאָרשמאַן. 1968 — 3.

פראַנק ע. מיניאַטורן. ייִדיש — ש. טאַל. 1963 — 4.

קאַמענקאָוויטש אי. די נאַכט פון ווײַנענדיקע קינדער. ייִדיש — מ. יעלין. 1971 — 5.

קאָנסטאַנטינאָווסקי א. אף איינער א בער־לינער גאַס. פון רוסיש — מ. שולמאַן. 1970 — 8.

— רעשימעס אף וועגט (אין פּראַגער מוזיי). ייִדיש — מ. איטקאָוויטש. 1971 — 6.

קאָראָבאָוו ל. א לײַכטטורעם. ייִדיש — מ. איט־קאָוויטש. 1962 — 4.

קולאָקאָווסקי א. אין צוועלפטן וואַגאָן. ייִדיש — מ. טייף. 1967 — 8.

קלדיאַשווילי ס. קונדייסים. ייִדיש — ב. קאָ־טיק. 1966 — 9.

קריוטשקין מ. אזא כאַראַקטער (צוויי דערציי־לונגען וועגן וויקטאָר גוטמאַן און זײַנע פרײַנט). 1967 — 10.

ריאַבאָוו פ. טעג, פולע מיט אײַנדרוקן. ייִדיש — ב. מילער. 1970 — 12.

ריטכעו יו. קאַקאַט און זײַנע ציפּערן. דערציי־לונג. ייִדיש — ש. גאָרשמאַן. 1971 — 2.

ריקלין ה. צוויי יאַקאָווס. ייִדיש — מ. איטקאָ־וויטש. 1962 — 2.

שליאַכו ס. א געשעעניש אפן פעלד. ייִדיש — י. שרײַבמאַן. 1966 — 3.

פיעסן

אויסלענדער נ. דער יונגער שאָלעם־אלייכעם (פיעסע אין דרײַ אַקטן, אַכט בילדער). 1966 — 5.

אַלטמאַן מ. מאַניש (לויט די מאָטיוון פון י.־ל. פּע־רעץ). א פאָלקס־שפּיל אין פיר אַקטן און זיבן ביל־דער. 1965 — 5.

בערגעלסאָן ד. כ'וועל לעבן!... (לא אמות כי אחיה). דראַמע אין 3 אַקטן, 10 בילדער. 1968 — 11.

גאָרדאָן ש. דעם באַלשעמס געסל (פיעסע אין זעקס בילדער). 1968 — 11.

גערשענזאָן מ. כעלמער כאַכאָמים (קאָמעדיע אין דרײַ אַקטן, זעקס בילדער). 1964 — 3.

הובערמאַן א. די ערד איז קײַלעכדיק (קאָמע־דיע). 1962 — 4.

וערגעליס א. צום ווידערזען אין פריידן (דראַ־מאַטישע נאָוועלע). 1970 — 2.

— א כאַלעם באַ די קוראַנטן (פיעסע). 1970 — 4.

זאַבאַרע נ. אין די לעצטע טעג (א בינע־שטיק אין 5 בילדער). 1970 — 10.

לוריע נויעך. ווידערשטאַנד (פיעסע). 1970 — 5.

מילער ב. פונעם הימל פאַלט גראַניט אראָפּ (קאָ־מעדיע אין דרײַ בילדער). 1969 — 9.

— דער אָטעם פון מײַן געליבטער (פיעסע אין דרײַ אַקטן, זיבן בילדער). 1970 — 7.

סלאָוועס כ. באַרוך פון אַמסטערדאַם (דראַמע אין 4 אַקטן, 12 בילדער). 1965 — 9.

פּינבערג ע. ניקאָלײַ פעטראָוויטש (סצענעס פון א פיעסע) (פון דער ליטעראַרישער ירושה). 1963 — 2.

פעפער אי. די זון פאַרגייט ניט (פיעסע אין דרײַ אַקטן, זעקס בילדער). פון דער ליטעראַרישער ירו־שע. 1969 — 7.

קולבאַק מ. בויטרע. דראַמאַטישע פּאָעמע אין זעקס בילדער. 1966 — 3.

א. פינקעלשטיין

(פאָרזעצונג קומט)

ז. ווענדראָף

ס'איז געשטאָרבן ז. ווענדראָף. אוועק אין דער אייביקייט דער עלטסטער ייִדישער שרײַבער, דער פּאַטריאַרך פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. אין מעשעך פון העכער זיבעציק יאָר, פון דער פריִער יוגנט און ביז דער טיפסטער עלטער, האָט לויטער און שטאַרק געקלונגען זײַן קלוג וואָרט, פול מיט האס און שפּאָט צו אונדזערע סאָנים, מיט מילדקײַט און ליבשאַפט צו די פרײַנט. פאַר זײַן רײַכן שאַפונגסוועג האָט ז. ווענדראָף אָנגעשריבן עטלעכע הונדערט דערציילונגען און טויזנטער, אָן א גוזמע, עסייען, פאַרצייכענונגען, אַרטיקלען, פעליעטאָנען, וואָס זײַנען ברייט באַוווּסט אומעטום אין דער וועלט, ווּ ייִדיש ווערט געלייענט.

א גרויס, א שווער און א שיין לעבן האָט דורכגעמאַכט דער דאָזיקער גײַסטרײַכער שרײַבער, וואָס זײַן צושטײַער און זײַן ווערט אין דער ליטעראַטור איז שווער איבערצושאַצן.

ז. ווענדראָף (דאָוויד ווענדראָווסקי) איז געבוירן געוואָרן דעם 17 יאַנוואַר 1877 אין סלוצק. דאָ, אין „טכום", צווישן דער ייִדישער אָרעמשאַפט איז אַדורך זײַן קינדהײַט, דאָ האָט ער זיך אָנגעזען די נויטן און ליידן, וואָס די פֿאָלקסמאַסן האָבן געהאַט אויסצושטיין בײַסן צאַריזם, — און דאָס איז געוואָרן איינע פון די הויפּט־טעמעס אין זײַן שאַפונג. אין עלטער פון אַכצן יאָר איז ווענדראָף אוועק קיין לאָדזש, ווּ ער שטעלט זיך אַרבעטן אַף א טוך־פאַבריק, און אינגיכן באַווײַזן זיך אין דער פּרעסע זײַנע קאָרעספּאָנדענצן וועגן שווערן לעבן פון די וועבער. טאַקע פאַר די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענצן זאָגט מען אים אָפּ פון דער אַרבעט, און עס הייבט זיך אָן זײַן גרויסער נאַווענאַד — יאָרן פון וואַנדער און וואָגלעניש. ער האָט אויסגעמאָסטן אין דער לענג און אין דער ברייט רוסלאַנד, ענגלאַנד, אַמעריקע, אויסגעפּרווּווט צענדליקער מעלאָכעס, געווען א פּעדלער און א לערער, א טוריסטן־גיד און א ביבליִאָטעקער, א שווייצאַר אַף אַן אויסשטעלונג און א זעצער אין א דרוקערײַ. דאָס אַלץ האָט געפונען זײַן טיקן, ווען ז. ווענדראָף איז געקומען צו זײַן עכטן באַרוף, ווען אין דער ייִדישער פּרעסע פון רוסלאַנד, ענגלאַנד, אַמעריקע, אַרגענטינע האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן די פּסעוודאָנימען — וו. ב. דראָף, וואַנדערהאָף, סאַמבאָדי, ד. מאָסקווין, פיל אַנדערע — און צולעצט ז. ווענדראָף, וואָס דאָס איז געוואָרן אויך דער לעבנס־נאָמען פונעם שרײַבער, דער נאָמען, וואָס שטייט איבער די ביכער „אָן א היים", „הומאָרעסקן און ערציילונגען", „פּראָוואָזשיטעלסטווע", „באַקאַנטע פּאַרשוינען", „זאָרעך און בולאַני", „אַרבעט און נויט", „אַפן שוועל פון לעבן", „אונדזער גאַס".

מיר גיבן זיך אָפּ א קלאָרן דין־וחשבון, אַז מיר באַגלייטן אין לעצטן וועג איינעם פון די גרעסטע ייִדישע דערציילער, א שרײַבער, וואָס האָט גופא מיט זײַן פּערזענלעכקײַט סימבאָליזירט די באַהעפטונג פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור מיט דער דעמאָקראַטישער טראַדיציע פון אונדזער קלאַסיק.

מיט צען יאָר צוריק, אין ערשטן נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד", האָט ז. ווענדראָף אָפּגעדרוקט זײַן גלענצנדיקן עסיי „יוגנט — אונדזער אויצער", מיט צוויי כאָדאָשים צוריק האָט ער אין הונדערטסטן נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" געזאָגט זײַן „וואָרט צום יובילייאַר". ער איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען האַנט־באַ־האַנט מיט אונדז — דער אומדערמידלעכער, שטענדיק יונגער זאָקן ז. ווענדראָף.

מיר פאַרנייגן אין טיפן צאַר אונדזערע קעפּ פאַר זײַן ליכטיקן אָנדענק.

רעדאַקציע און רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד"

שרײַבער און ווערק

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר

דעם 11 אָקטיאַבער 1876 איז אין שטעטל מיישעגאָלע, ווילנער גוב., געבוירן געוואָרן דער שרײַבער און געזעלשאַפטלעכער טוער, איינער פון די גרינדער פון דער ייִדישער קאָמוניסטישער פּרעסע אין אַמעריקע, קאַלמען מאַרמאָר (פּסעוודאָנימען: קאַמעץ, צווי, א טוישעוו און אנד.).

א גלענצנדיקער פּובליציסט, וויסנשאַפט-פאָרשער און ליטעראַטור-קענער, האָט ק. מאַרמאָר מיטגעאַרבעט אין פיל פּעריאָדישע אויסגאַבעס. איינציקע צײַטשריפטן האָט ער אליין ארויסגעגעבן אָדער רעדאַגירט.

ק. מאַרמאָר איז געווען דירעקטאָר פון דער ניו-יאָרקער קאָאָפּעראַטיווער ייִדישער אַרבעטער-געזעלשאַפט, וואָס האָט אָרגאַניזירט די פּאָפּולערע ייִדישע זומער-קאָלאָניע „ניט געדײַגעט", פּרעזידענט פון דער געזעלשאַפט פאַר שאַפן א פּראָלעטאַרישן קונסט-טעאַטער, מיטגליד פונעם צק פון „איקאָר" (געזעלשאַפט פאַר שטיצן די ייִדישע קאָלאָניזאַציע אין סאָוועטנפאַרבאַנד) אאַז.

נאָך דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט ק. מאַרמאָר זיך אָנגעשלאָסן אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג פון אַמעריקע. אין אַפּריל 1922 איז ער געוואָרן איינער פון די פירנדיקע מיטאַרבעטער פון דער ייִדישער קאָמוניסטישער צײַטונג „פרײַהייט", דערנאָך א רעדאַקטאָר פּרינעם קאָמוניסטישן כוידעש-זשורנאַל „דער האַמער".

ק. מאַרמאָרס וויכטיקסטע ווערק זײַנען: „דער אָנהייב פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע", „דאָוויד עדעלשטאַט", „יאַנקעוו גאָרדין", „מײַן לעבנס-געשיכטע", „געשיכטע פונעם קלאַסנקאַמף אין מיטלאַלטער", די אַנטאָלאָגיע „לידער פון אַרבעט און קאַמף" (פון ד. עדעלשטאַט ביז אי. פּעפערן) און פיל אנד.

קאַלמען מאַרמאָר איז געשטאָרבן דעם 2 יול 1956 אין לאָס-אַנדזשעלעס (פּשאַ, קאַליפאָרניע).

דעם 30 אָקטיאַבער ווערט 90 יאָר, זינט אין שטעטל גאָלדינגען (לעטלאַנד) איז געבוירן געוואָרן דער ייִדישער שרײַבער און פּילאָלאָג זעליק-הירש קאַלמאַנאָוויטש.

זײַן ליטעראַרישע טעטיקײַט האָט ז.-ה. קאַלמאַנאָוויטש אָנגעהויבן אין 1906. אין 1921 געאַרבעט אלס לעקטאָר פון ייִדישער שפּראַך אַף די מינסקער לערער-קורסן (א קאָנספּעקט פון זײַנע לעקציעס וועגן ייִדישער גראַמאַטיק איז אין 1922 דערשינען אין מינסק).

ז.-ה. קאַלמאַנאָוויטש איז געווען איינער פון די אָנפירנדיקע טוער פון ווילנער „ייִוואָ". ער האָט פאַרעפנטלעכט א גרויסע צאָל פילאָלאָגישע ווערק, צווישן זיי די אַרבעט „נײַ ייִדיש", וווּ ער באַהאַנדלט די באַרבאַריזמען און דײַטשמעריזמען אין דער ייִדישער ליטעראַרישער שפּראַך (געדרוקט אין די „ליטעראַרישע בלעטער"), „דער ייִדישער דיאַלעקט אין קורלאַנד" („לאַנדוי-בוך") און פיל אַנדערע. ער איז דער איבערזעצער פון ש. דובנאָווס „ייִדישע געשיכטע" אין פיר טיילן (ווילנע, פאַרלאַג

„ייִדישע צײַטונג", 1909—1910), יויסעף פלאַוויוסעס „די ייִדישע מילכאָמעס" (ווילנע, קלעצקין פאַרלאַג, 1914), פּראָפ. וויפערס „לערנבוך פון דער אַלטער געשיכטע" (בערלין, פאַרלאַג „וואָסטאָק", 1921), דזשעק לאָנדאָנס ראָמאַן „די ליבע פון דרײַ הערצער", ליאָן פויכטוואַנגערס „דער ייִד זיס" און פיל אַנדערע היסטאָרישע און קינסטלערישע ווערק.

בײַס דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע פון ליטע איז ז.-ה. קאַלמאַנאָוויטש געווען אן אַסיר פון ווילנער געטאָ, וווּ מע האָט נאָך דער מילכאָמע געפונען זײַנס א טאָגבוך, געשריבן אין געטאָ. אין סענטיאַבער 1943 האָבן די פאַשיסטן אים ארויסגעפירט קיין נאַרווע, אין איינעם פון די טויט-לאַגערן פון עסטלאַנד. דאָרט איז ער אומגעקומען (לויט די פּאַראַנענע ידיעס, אין 1944).

מיט 85 יאָר צוריק, דעם 22 אָקטיאַבער 1886, איז אין וואַרשע געבוירן געוואָרן דער באַוווּסטער פאָלקלאָריסט שמועל לעהמאַן.

פאַרנעמען זיך מיט פאָלקלאָר האָט ש. לעהמאַן אָנגעהויבן אין עלטער פון זעכצן יאָר. ער האָט פלײַסיק פאַרשריבן אלע פאָלקסווערטלעך, שפּריכווערטער, בעטלער-לידער אאַ., וועלכע ער האָט

געהערט אין שטוב, אין גאס, צווישן פרײַנט אאוו. בא דער דאָזיקער ארבעט איז ש. לעהמאן געקומען אין אן ענגן באריר מיט די ברייטסטע פאָלקסמאסן, צוליב דעם צוועק האָט ער באזוכט העכער 50 שטעט און שטעטלעך. אפן סמאך פון די אָנגעזאמלטע מאטעריאלן האָט ער אָנגעשריבן פיל ווערק. ניט ווייניק פון זיי זײַנען דערשינען אין א בוכפאָרם.

מיר ברענגען דאָ א טייל פון ש. לעהמאנס פאָלקלאָריסטישע ווערק: „ווערטער, שפּריכווערטער וועגן שטעט און שטעטלעך" (פארעפנטלעכט אין נויעך פרילוצקיס זאמלבוך פאר פאָלקלאָר און פילאָלאָגיע); „וואַריאַנטן פונעם פּורים־קידעש" (דאָרט); „ארבעט און פרײַהײַט" (פארלאג „פאָלקלאָר־ביבליאָטעק", ווארשע, 1921); „גאנאָווים און גנייווע" — ווערטער, שפּריכווערטער, לידער, אנעקדאָטן און מײַסעס; „ליבע־לידער פון גאנאָווים" (פארעפנטלעכט אין „לאנדוי־בוך"); „די קינדער־וועלט" — ציילענישן און שפּילן מיט נאָטן; „טרייפענע סכוירע" — וואריאנטן פון א פּורימשפּיל מיט נאָטן (זאמלבוך „בא אונדז יידן", ווארשע, 1923); „כאנע מיט פּינינען" — פאָלקסשפּיל (צײַטשריפט „יידישע פילאָלאָגיע") און אנד.

שמועל לעהמאן איז געשטאָרבן דעם 24 אָקטיאבער 1941 אין ווארשעווער געטאָ.

באַמיר זינגען נײַע לידער

א טפילע

ווערטער פון ארן ווערגעליס

מוזיק פון דינאָווי קאָמפּאנייעץ





וויסן זאָל יעדער:
כ׳פאָר שוין אוועק.
מײַנע — די רעדער,
דײַנער — דער וועג.

גיב מיר א ווילן,
הייב איך זיך אוף.
מײַנע — די טפילע,
דײַנער — דער רוף.

זאָג מיר: ס׳איז מעגלעך,
קום איך געשווינד.
מײַנע — די זעגלען,
דײַנער — דער ווינט.

גיב מיר איין פעדער,
פלי איך אָן שרעק.
וויסן וועט יעדער:
כ׳פלי שוין אוועק.

גיב מיר א ווילן,
הייב איך זיך אוף.
מײַנע — די טפילע,
דײַנער — דער רוף.

В русском языке	В еврейском языке
1. Ты *бы отдохнул* у нас несколько дней.	1. עפשער (בעסער) וואָלסטו זיך אָפּגערוט בא אונדז עטלעכע טעג.
2. Я уже *решил было остаться* в этом городе, но семейные обстоятельства заставили меня отказаться от такого решения.	2. איך האָב שוין געהאט באשלאָסן בלײַבן אין אָט דער שטאָט; די פאמיליען־אָנגעלעגנהײַטן האָבן מיך אָבער געצוווּנגען אָפּצוזאָגן זיך פון אזא באשלוס.
3. ...а дети — *ну прыгать и плясать.*	3. ...און די קינדער — אז זיי הייבן ניט אָן שפרינגען און טאנצן.
4. *Знай* я раньше о твоем приезде, я встречал бы тебя на вокзале.	4. ווען איך זאָל פריִער געוועזן וויסן, אז דו קומסט צו פאָרן, וואָלט איך דיך געווען באגעגנט אפן וואָקזאל.
5. Ты получаешь зарплату, а я за тебя *работай?*	5. דו באקומסט ארבעטלוין, און איך זאָל פאר דיר ארבעטן?
6. Хирург уже готов был приступить к оперированию больного, а тот *возьми и умри* на операционном столе.	6. דער כירורג איז שוין גרייט געווען צוטרעטן צום אָפּערירן דעם קוילע, און דער נעמט און מאכט א שטארב אפן אָפּעראציע־טיש.
7. Мы *ждем не дождемся* приезда сына.	7. מיר קענען זיך בעשום־אויפן ניט דערווארטן, ביז אונדזער זון וועט קומען צו פאָרן.
8. Он сильно устал, но *продолжал работать.*	8. ער איז שטארק מיד געוואָרן, אָבער ער האָט אלץ ווײַטער געארבעט.
9. *Брось капризничать.*	9. גענוג שוין (ס'וועט זײַן גענוג) צו קאפריזעווען! האָדי קאפריזעווען!
10. Он *не мастер петь.*	10. ער איז (גאָר) א שוואכער זינגער.
11. Он *любитель покушать.*	11. ער האָט ניט פײַנט די אכילע.
12. Он *оказался способным парнишкой.*	12. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ער איז א פייִק באָכערל.
13. Он *стал не тот.*	13. ער איז געוואָרן גאָר אן אנדער מענטש.
14. Мне *досадно.*	14. ס'איז מיר א פארדראָס.
15. Его *знобит.*	15. ער האָט (דעם) קאלטן פיבער.
16. Его *рвало.*	16. ער האָט געבראָכן.
17. Им *счету нет.*	17. ס'איז זיי ניט איבערצוציילן.
18. Тебе *бы* на свежем воздухе побольше *бывать.*	18. דו וואָלסט געדארפט זײַן וואָס מער אף דער פרישער לופט.

Примечание: Различия в способах выражения сказуемого часто связаны с особенностями перевода отдельных слов (примеры 10—13), отдельных глагольных форм (примеры 2, 4) или некоторых безличных предложений (примеры 14—17).

Б. КОСВЕННЫЕ ПАДЕЖИ БЕЗ ПРЕДЛОГОВ В РУССКОМ ЯЗЫКЕ И ИХ СООТВЕТСТВИЯ В ЕВРЕЙСКОМ.

Русским сочетаниям с косвенными падежами без предлогов (беспредложному управлению) часто соответствует в еврейском языке предложное управление, а иногда другие типы сочетаний. В особенности это относится к родительному и творительному падежам, т. е. к падежам, чуждым еврейскому языку.

Рассмотрим отдельные случаи.

а) С родительным падежом.

1) Со значением субъекта действия. В еврейском — обычно сочетание с предлогом **פון**. Примеры:

стук *колес* — **דאָס געקלאַפּ** (פון די רעדער); шорох *листьев* — **דאָס שאָרכען** פון די בלעטער; чтение *артиста* — **דאָס פאָרלייענען** פונעם ארטיסט; также: **דעם ארטיסטס פאָרלייענען**.

2) Со значением прямого объекта действия. В еврейском — винительный падеж без предлога, если само действие выражено субстантивированным инфинитивом. Примеры:

чтение *текста* — **דאָס לייענען** דעם טעקסט; подготовка *кадров* — **דאָס צוגרייטן** קאַדרען; составление *плана* — **דאָס צונויפשטעלן** דעם פּלאַן.

Если же действие не выражено инфинитивной формой, употребляется сочетание с предлогом **פון**. Примеры:

די צוגרייטונג פון קאַדרען. **די צונויפשטעלונג** פונעם פּלאַן.

3) Со значением целого, часть которого обозначена управляющим словом. В еврейском — сочетание с предлогом **פון**. Примеры:

фасад *здания* — **דער פאַסאַד** פונעם בנין; механический цех *завода* — **דער מעכאַנישער צעך** פונעם זאַוואָד; воротник *шубы* — **דער קאָלנער** פונעם פוטער.

4) Со значением обладателя или творца. В еврейском — форма посессива. Примеры:

библиотека *отца* — דעם טאַטנס **ביבליאָטעק**; глаза *дедушки* — דעם זיידנס **אויגן**; произведения *Переца* — פּערעצעס **ווערק**.

5) Со значением объекта, к которому имеет определенное отношение лицо, обозначенное управляющим словом. В еврейском — сочетание с предлогом **פון** . Примеры:

директор *завода* — **דער דירעקטאָר** פונעם זאַוואָד; представитель *министерства* — **א פאָרשטייער** פונעם מיניסטעריום; гражданин *Советского Союза* — **א בירגער** פונעם ראַטנפאַרבאַנד.

6) Со значением назначения предмета. В еврейском — первая составная часть сложного существительного. Примеры:

дом *офицеров* — **דאָס** אָפיצערן־**הויז**; клуб *металлистов* — **דער** מעטאַליסטן־**קלוב**; дом *отдыха* — **אָפּרו־הויז**.

Однако если форма родительного падежа сочетается с определяющими словами, употребляется сочетание с предлогом **פאַר**. Сравним:

дом *офицеров* — **דאָס** אָפיצערן־**הויז**; но: дом *офицеров генерального штаба* — **דאָס הויז** פאַר אָפיצערן פונעם גענעראַל־שטאַב; дом *отдыха* — **אָפּרו־הויז**; но: дом *однодневного отдыха* — **הויז** פאַר איינטאָגיקן אָפּרו.

7) Со значением косвенного объекта действия. В еврейском — винительный падеж без предлога, иногда с каким-либо предлогом (в зависимости от лексического значения управляющего слова). Примеры:

коснуться чьей-либо *руки* — **אָנרירן עמעצנס** האַנט; коснуться определенного *вопроса* — **באַרירן א געוויסע** פראַגע; избегать *ссор* — **אויסמײַדן** קריגערײַען; просить *разрешения* — **בעטן** א דערלויבעניש; бояться *грозы* — **מוירע האָבן** פאַר א געוויטער; достичь *берега* — **דערגרייכן** דעם ברעג (ביז צום ברעג);

8) Со значением характерного признака. В еврейском — имя прилагательное или предложное сочетание. Примеры:

мужчина *средних лет* — **א מאַנספּאַרשוין** אין די מיטעלע יאָרן, א מיטליאָריקער **מאַנספּאַרשוין**; женщина *среднего роста* — **א פרוי** פון מיטעלן וווּקס, א מיטלוווּקסיקע **פרוי**; костюм *цвета хаки* — **א קאָסטיום** [**אַן אָנצוג**] פון כאַקי־קאָליר.

Кандидат филологических наук

М. Шапиро

אכטונג!

אין 1972 וועט „סאָוועטיש היימלאַנד“ דרוקן פון נומער צו נומער אויסגעוויילטע ווערק פון אונדזער ליטעראַרישן אויצער.

עס וועלן נאָך מער באַרײַכערט ווערן אַזעלכע טראַדיציאָנעלע אָפּטיילן, ווי „אַף די שפּורן פון געשעענעס“, „קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע“, „ווערק פון אויסלענדישע ייִדישע שרײַבער“, „אונדזערע מיטיילונגען“, „בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען“, „מיר ענטפערן אַף פראַגעס פון אונדזערע לייענער“, „ליטעראַטור־כראָניק“ אאַ.

אַבאָנירן זיך אַף אונדזער זשורנאַל אַפן 1972 יאָר קאָן מען אין אַלע אָפּטיילונגען פון „סאָיוזפּעטשאַט“, אין די פּאָטשט־אָפּטיילונגען און בא די געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער אַף די אונטערנעמונגען און אין די אַנשטאַלטן.

„סאָוועטיש היימלאַנד“ דערשײַנט 12 נומערן אַ יאָר.
אַבאָנעמענט־פּרײַז: אַף אַ יאָר — 6 רובל. אַף 6 כאַדאָשים — 3 רובל.

לייענט און פאַרשפּרייט „סאָוועטיש היימלאַנד“!

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(На еврейском языке)

Год издания одиннадцатый

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **И. Борухович, А. Гонтарь, М. Лев** (ответственный секретарь), **Нотэ Лурье, Б. Миллер, И. Рабин, Р. Рубина, И. Фаликман, С. Фрай.**

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — 228-27-91; ответственный секретарь — 294-46-69; отделы прозы и поэзии — 228-49-42; отдел критики — 223-96-07.

Художеств. и техн. редакция: И. Шустер, С. Черняк

Корректор И. Гегерман

Подписано к печати 30/IX 1971 г. Формат $70\times108^{1}/_{16}$. Печ. л. 12+0,25 вкл. (17,15). Бум. л. 6+0,125. Цена 50 коп. Зак. 633.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
Главполиграфпрома Комитета по печати
при Совете Министров СССР
г. Москва, пер. Аксакова, 13

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 10

1 9 7 1

■

В НОМЕРЕ:

Рассказы Т. Гена, Р. Рубиной, Я. Рубиана.

Стихи Д. Бромберга, М. Грубиана, А. Шойхета, М. Лифшица, М. Штурмана, М. Могилевича.

Е. Фаликман. Приговор приведен в исполнение (роман. Часть первая).

Отвечаем на вопросы читателей. Р. Шпильман. Ложная теория.

Воспоминания. М. Шац-Анин. На моем жизненном пути.

Наши сообщения. Г. Александров. Переписка Менделе с профессором П. А. Бессоновым; И. Ковельман. Пушкин и гебраистика.

Библиография. Хроника. Разное. Заметки на календаре.

М. Шапиро. Беседы о еврейском языке.